STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12026

# VARSHEVER ALMANAKH.

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

*

ה״ת״ר״פ״ד

# װאַרשעװער אַלמאַנאַך

MCMXXIII

*

אַרױסגעגעבן דורך דער בעלעטריסטן־פאַרייניקונג

הויפּט=פאַרקויף : צענטראַלער ביכער-לאַגער קול-
טור=ליגע, וואַרשע, לעשנא 52 וו. 3, פאַרטרעטער
פאַר אַמעריקע : „י. ל. פּרץ=שרייבער=פאַריין״

***Almanach Warszawski / wydany przez Zjednoczenie Beletrystów przy Związku Literatów i Dzien=nikarzy Żydowskich / Warszawa, 1 9 2 3.***

געזעצט: 12 בויגן, זעצעריי פאַרביאַש און גרינבערג
22 בויגן, זעצעריי ברוק און ביר, קאַרמעליצקע 4
געדרוקט דרוקעריי „די וועלט״ נאָוואָליפּיע 7
איינבינדעריי ב. ראָזענבערג, מילע 7
*Druk. „Di Welt“ Nowolipie 7*

## די באַטייליקטע

ש. י. אימבער / ל. אָליצקי / ש. גיל=
בערט / בער האָראָוויץ / הערשעלע /
אברהם זאַק / ישראל זאַראָמב / י. י. זינ=
גער / ה. ל. זשיטניצקי / רויזע יאַקובאָ=
וויטש / קאדיע מאָלאדאָווסקי / יואל
מאַסטבוים / לייב ניידוס / ז. סעגאַלאָ=
וויטש / ב. עפּלבוים / א. מ. פוקס /
אייזיק פּלאַטנער / מנחם פלאַקסער /
יהושע פּערלע / אהרן צייטלין / רחל ה.
קאָרן / יוסף קירמאַן / דוד קעניגסבערג /
* ישראל שטערן / אלימלך שמולאוויטש *

## דער סדר, צוגלייך זוכצעטל פון „װאַרשעװער אַלמאַנאַך"


י. י. זינגער / שפּינוועבס — 1־טער בויגן — 60 זייטן
דוד קעניגסבערג / קינדס טויטן־לידער — 4־טער בויגן — 16 זייטן
יהושע פּערלע / ציפּערן — 5־טער בויגן — 52 זייטן
קאַדיע מאָלאָדאָווסקי / אָכוואָצק — 9־טער בויגן — 8 זייטן
א. מ. פוקס / ווינטער — 9־טער בויגן — 50 זייטן
יוסף קירמאַן / לידער — 12־טער בויגן — 8 זייטן
ב. עפּלבוים / שטויב — 13־טער בויגן — 46 זייטן
רויזע יאַקובאָוויטש / ביבלישע פרויען — 16־טער בויגן — 6 זייטן
יואל מאַסטבוים / פּאַניטשעק — 16־טער בויגן — 36 זייטן
לייב ניידוס / ראָקאָקאָ — 18־טער בויגן — 6 זייטן
ז. סעגאַלאָוויטש / דער לעצטער שלאָס — 19־טער בויגן — 28 זייטן
רחל. ה. קאָרן / דריי לידער — 20־טער בויגן — 6 זייטן
שלמה גילבערט / אין קעלער — 21־טער בויגן — 24 זייטן
ישראל שטערן / פרילינג אין שפּיטאָל — 22־טער בויגן — 8 זייטן
הערשעלע / אדם וחוה — 23־טער בויגן — 24 זייטן
שמואל זאַראָמב / נאַכט, ברודערל ווינט — 24־טער בויגן — 4 זייטן
אהרן צייטלין / כתר — 24־טער בויגן — 20 זייטן
אייזיק פּלאַטנער / „יצירה" — ליד י"ג — 26־טער בויגן — 4 זייטן
ל. אָליצקי / די עסטרייכישע תּליה — 26־טער בויגן — 20 זייטן
ש. י. אימבער / צוויי לידער — 27־טער בויגן — 2 זייטן
אלימלך שמולאָוויטש / עמיצער — 27־טער בויגן — 16 זייטן
בער האָראָוויץ / ליבע־ליד — 28־טער בויגן — 2 זייטן
מנחם פלאַקסער / טונקעלע לייוונטן — 28־טער בויגן — 6 זייטן
אברהם זאַק / אין בלעטער־פאַל — 29־טער בויגן — 2 זייטן
ה. ל. זשיטניצקי / אַ גורל פון אַ הויז — 29־טער בויגן — 82 זייטן


*

י. י. זינגער / שפּינוזע בּס

(1

# I

פאַביאַן רייצעס ציט אַראָפּ די געשטוקעוועטע פּילפּאַרביקע קאָלדרע פון איבערן קאָפּ, ער ציט אַרויף דעם ראָליעט פון פענצטער און לאָזט אַריין אַ שטיק גרינלעכן באַגינען גלייך צו זיך אויפן בעטגעוואַנד.

די קאַנאַריקעס אין שטוב הייבן אָן זינגען אַלע מיט אַמאָל. נאָך פריער, דערשפּירנדיק דעם אָנקומענדיקן טאָג, האָט איין קאַנאַריק נאָכן צווייטן געפּרואווט בעמען עטלעכע טרעלן, נאָר נישט זעענדיק קיין ליכט אַרום זיך, האָבן זיי זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין און איבערגעריסן הייזעריקלעך און אָפּגעהאַקט. איצט קוקט שוין דער טאָג אַריין דורכן פענצטער און ליגט אויסגעצויגן איבער דער שטוב פון דער אויבערשטער שויב ביז אַ האַלבער פּאָדלאָגע — און זיי זינגען, די קאַנאַריקעס, אַלע מיט אַמאָל, ווי זיי וואָלטן אָפּריכטן אַ תפילה צום מאָרגן און צו ליכט.

פאַביאַן טוט אָן דעם ברייטן מאָרגן־כאַלאַט אין קראַטן, ער שטעקט אָן אַ פּאָר קאַווקאַזער סאַמעטענע שטעק־שיך מיט זילבערנע בלעטער אויסגעהאָפטן, ער שטעקט אַרויס אַ צעשויבערטן קאָפּ דורכן געעפנטן פענצטער און צעגענעצט זיך הויך און עכאָדיק אין דער פרימאָרגנדיקער גרינלעכער גאַס.

אויפן קרומען צעהויקערטן מאַריענשטאַט איז שטיל.

פון דער צעלייגטער ווייסל, וואו די גאַס וואַשט אירע שטיינערנע טריט, ציען זיך פייכטע נעפּלען און לייגן זיך אויף לויטערע שויבן און געלאַטעטע ציגל־דעכער. פּישטשענדיקע פייגל שניידן זיך זיגזאַגיש אין דער לופט און זוכן קלויסטערישע צלמים און אָפּגעבראָכענע רינעס. בלויז פון ווייט טראָגן זיך פאַבריקישע פייפלעך און פון דער אייזערנער בריק קייקלען זיך שווערע טעמפּע הילכן, פאַרראָסטעטע קרעכצן פון אייזן און אַרבעט. פאַביאַן שעפּט אויס די קוויטשיקע פייפלעך ביז זיי

שריַיען זיך אויס, ער פּאַטשט עטלעכע מאָל הויך מיט איין האַנט אין דער אַנדערער און ער שריַיט אַראָפּ צום טראָטואַר אַקעגנאיבער זיין פענצטער:

— זיידעשי, שוין טאָג! דזשאַדזשו. . .

נעבן קרומלעכן גאַז-לאַמטערן, וואָס שטייט אַ בלייכער, אַ צופעליק ברענענדיקער אין גרינלעכן פרימאָרגן — הייבט זיך אָן באַוועגן עפּעס אַ קנויל און קנוילט זיך לאַנגזאַם אויס אין אַן איינגעבויגענער פיגור, אַ פאַרהילטער און צעהויקערטער. אַ ווײַלע שטייט די פיגור שטייף, פאַרחושט, ווי זי וואָלט נישט גלייבן דעם טאָג אַרום זיך. נאָר באַלד רייבט זי זיך איבער די אויגן עטלעכע מאָל, קלאַפּט אָן מיטן שטעקן אָן די שטיינער, אַ סימן אויף לעבן, און צעברומט זיך, גענעצנדיק:

— האַ, אַ אַ ?.. האַ האַ האַ ?. . .

פאַביאַן רייצעס לאָזט אַרויס אַ פול מויל געלעכטער:

— כע, כע, כאַ. . . אויפגעוועקט זיידעלע, הע ?. . .

די אויסגעהויקערטע פיגור דעקט אָפּ דעם קאָפּ, באַווייזט אַ ווייסן קאָפּ קודלעס און ברומט אָן ציין:

— ווידער אָנגעניוכעט, די הינטישע לעבערס, אַ גאַנצע נאַכט געדרייט זיך. . .

פאַביאַן לאַכט שטאַרקער.

יעדן פרימאָרגן ווי ער וועקט אים אויף, דעם אַלטן נאַכט-וועכטער, זאָגט ער שטענדיק דעם זעלבן פּזמון. ער וויל זיך בשום-אופן נישט צוגלייבן, אַז ער כאַפּט אַ דרימל. ער איז זיכער, אַז דאָס „טשאַטעוועט" ער דאָס אַזוי אויף די גנבים, די הינטישע לעבערס, דאָס לאָקערט ער אַזוי, ווי אַ וואָלף, וואָס ער מאַכט זיך געפּגרט, און ערשט דאַן, ווען זיי וועלן שוין זיין אין דער סאַמע מיט אַרבעט, ערשט דאַן וועט ער אויסוואַקסן, באַווייזן זיך.

פאַביאַן שאָקלט אויף אים מיטן קאָפּ:

— צייט הינטערן אויוון, ווידעלע. . לאַנג צייט. . .

נאָר דער אַלטער קלאַפּט מיטן שטעקן אָן ברוק, אַ סימן, אַז ער וואַכט, און ער זידלט אָן ציין:

— אַרומגעשמעקט, הינטישע לעבערס... אַנגעגניוכעט...

*

פאַביאַן רייצעס נעמט אַרויף זיין געקרייזלטן „פודעל" אויף די קניען, ער ווישט אים אויס די אויגן פון שלאָף און צוואָגט אים אויס די געקרייזלטע געדיכטע גריווע.

יעדן פרימאָרגן צוואָגט ער אים אויס, דעם הונט.

פודעל ברומט. ער האָט נישט גערן, אַז מ'זוכט באַ אים פליי אין דער גריווע. ער וואָלט זיך איצט בעסער איבערגעקוילערט אַביסל אויף דער טיגרישער פעל, וואָס ליגט צעצויגן איבער דער פאָדלאָגע, אָדער ער וואָלט זיך גאָר געפּרוּוואָוט די כּוחות מיט „באַלטאַזאַרן", דער סיבירער קאַץ... נאָר ער ווייסט, אַז דער באַלעבאָס זיינער גיט אים נישט פריער צו עסן, ביז ער רייניקט אים נישט אויס — זיצט ער געהאָרכזאַם אויף דעם באַלעבאָס קניען און פאַרמאַכט די אויגן פון לאַנגווייליקייט. ערשט, אַז מ'דרייט אים איבער די דינע אויערן אויף דער לינקער זייט, קאָן ער זיך מער נישט איינהאַלטן און צעוויינט זיך מיט אַ דין קינדעריש קולכל. נאָר פאַביאַן ציט אים אָן אַן אויער און סטראַשעט אים:

— ליגן, וואָרום כ'וועל נישט געבן קיין צוקער...

טוליעט זיך פודעל איין איינגאַנצן אין דרייען און ליגט אַזוי שטיל, אַזוי אונטערטעניק, אַז אַפילו אַ פליג שטעלט זיך אים אויף דער נאָז, פאַרגינט ער זיך נישט אַרויסשטעקן דעם לעקער און כאַפּן. בלויז דער

בויך זיינער ציטערס, דער רוקנביין באַוועגט זיך און אינעווייניק באַ
אים קאָכט כסדר:

— ברררר...

פאַביאַן קראַצט אים אויס די אויערן פון אינעווייניק, ער ווישט אים
אַרום דאָס פייכטע געפּרווירדענע נעזל און ער הערט זיך צו צו די הייז
זעריקע קולות, וואָס רופן אים פון אַ ווייטן צימער:

— פאַניע פאַביאַניע! פאַניע פאַביאַניע-ע-ע!

פאַביאַן ענטפערט נישט.

דאָס רופן אים די פּאַפּוגעס זיינע, וואָס זיצן אין שטייגן אין דער
לעצטער שטוב. יעדן פרימאָרגן וועקן זיי אים, כאָטש ער איז שוין
לאַנג אויף, זיי רייסן זיך די גערגעס אויס ביז טויב ווערן, נאָר פאַביאַן
ענטפערט זיי נישט.

ער איז בייז אויף זיי:

אַלע באַשעפענישן זיינע האָט ער אויסגעלערנט זיך האַלטן ריין. „פּודעל“
האַלט זיך גאָר ווי געהעריק. ער האָט זיך זיין קעסטעלע מיט זאַמד
און ער ווייסט, ווי אַ קינד, אויב די טיר צו זיין „ערטל“ איז פאַרמאַכט.
מיט „באַלטאַזאַרן“ איז אים אָנגעקומען שווער, ביז ער האָט אים אויס-
געלערנט געדענקען, וואו דאָס קעסטעלע שטייט. ער האָט אים געמוזט
אָנשנעלן אַ סך מאָל אין דער נאָז, אויסציען די וואָנסן, נאָר סוף כל
סוף האָט ער זיך אויסגעלערנט, „באַלטאַזאַר“. די פּאַפּוגעס ווילן זיך
באַ קיינעס פאַל נישט לערנען. זיי באַנוצן נישט קיין איין מאָל די
קעסטעלעך, וואָס פאַביאַן האָט זיי אָוועקגעשטעלט, נאָר זיי מאַכן שטענדיק
אונטער זיך, אָדער אים, פאַביאַנען, אויפן קאַפּעליוש, פונקט פאַרן אַרויס-
גיין אין גאַס. ער גייט דערפאַר אַריין צו זיי שפּעטער ווי צו אַלע
זיינע באַשעפענישן און ער זידלט זיי פונדערווייטנס:

— שטיל, מאַלפּעס פאַרשאָלטענע... ששאַ...

אַז ער ווערט פֿאַרטיק מיט „פּודעלן", נעמט ער זיך צו „באַלטאַזאַרן". „באַלטאַזאַר" שטעלט זיך אַקעגן. ער איז אַ גרויסער, האָט פֿעטע גלאַנציקע האָר, שטייפֿע וואָנסן און אַז ער ציט אויס די הינטערשטע פֿיס אין דער הייך, כאַפּט ער אַביסל ענלעכקייט צו אַ מאַלפּע. ער איז שוין באַ פּאַביאַנען אַ צייט, נאָר ער וויל זיך אַלץ נישט אונטערגעבן — אַם ערגסטן איז באַ אים זיך לאָזן צוואָגן — און ווי נאָר ער דערזעט פּאַביאַנען אין מאַרגנראָק און אין די שטעק-שיך — קורטשעט ער זיך איין אײַנגאַנצן אין אַ האַלבן בויגן, קוקט מיט גרינע אויגן דעם באַלעבאָס אין די אויגן אַריין און שטייפֿט די צעצויגענע וואָנסן.

פּאַביאַן שטעלט זיך אַוועק קעגנאיבער „באַלטאַזאַרן" און קוקט אים צוריק אין די גרינע אויגן אַריין. אַ ווײַלע שטייען זיי אַזוי ביידע אומבאַוועגלעך. ביידע שטייפֿן די פֿלינקע גלידער, ציטערן מיט די וואָנסן און קוקן זיך אין די אויגן, ווער ס'וועט פֿריער מיד ווערן. אַז ס'דויערט אָפּ אַ היפּשע ווײַלע און „באַלטאַזאַר" גיט זיך נישט אונטער, פּרוּווט פּאַביאַן מיט גוטן. ער שטעלט אים אונטער אַ פֿאַרהויבענע קני, ווי ער וואָלט אים בעטן זיצן און רופֿט אים מיט אַ פֿינגער:

— באַלטאַזאַר... באַלטאַזוּרקע...

ער ווייסט, אַז דאָס העלפֿט נישט, נאָר ער בעט אים פֿונדעסטוועגן, אפֿשר וועט ער פֿאָרט זיך אונטערגעבן. ערשט, אַז „באַלטאַזאַר" קורטשעט זיך נאָך שטײַפֿער איין, שטעקט אויס אַ פֿאָדערשטע לאַפּע — גיט זיך פּאַביאַן אַ רוק צוריק און גיט אַ באַפֿעל צום הונט:

— פּודעל, פּסס...

פּודעל לאָזט זיך פֿײַל אויס בויגן איבער דער שטוב און ברענגט צושלעפּן באַלטאַזאַרן באַם גרויסן עק.

איצט הייבט זיך ערשט אָן די „לערע".

קודם כל גייט פאַביאַן איבער „באַלטאַזאַרן" מיט די נעגל און די האָר טיף ביז דער סאַמע הויט. דערנאָך שנעלט ער אים אָן אַ צענדליק מאָל אין דער נאָז, ציט אים אויס די וואָנסן און פרעגט אים:

— גוט, באַלטאַזערקו?...

דערנאָך נעמט ער אַרויס דאָס קלעם-העלצל און טוט אים אָן אויפן ווידל. באַלטאַזאַר פאַרגייט זיך אין יסורים. דאָס קלעם-העלצל איז איינגעשפּאָלטן לענגאויס ביז דער העלפט און אַז מ'טוט עס אים אָן אויפן ווידל, נעמט אים אַזאַ ברענונג אַרום, ווי מ'וואָלט אים אַרויפגעזעצט אויף אַן אָנגעגליטער פּליטע. ער בייגט אויס דעם פּיסק צום העלצל, ווייל עס אָנכאַפּן, נאָר וואָס מער ער דרייט זיך, אַלץ מער דרייט זיך דאָס העלצל אַוועק און ער דרייט זיך אין קאָנוואולסיעס און יאָגט זיך אין אַ קיילעכיק געיעג נאָכן איינגענעם איינגעקלעמטן עק. פאַביאַן זיצט אויף דער שטול און קוקט אויפן זייגער, פינף מינוט צייט דאַרף זי אַזוי אַרומלויפן און ער קוקט גוט אויף די ווייזערס, די פינף מינוט זאָלן דורכגיין פּינקטלעך. דערווייל רייצט ער אַן פּודעלן אויף דער טאַנצנדיקער קאַץ, ער קוקט ווי די צווי חיות יאָגן זיך אין אַ משוגענעם קרייז און ער סמאַטשקעט צו מיט די ליפּן:

— פּסס... גיכער... לעבעדיקער...

ערשט, אַז „באַלטאַזאַר" איז שוין אויסדרעסירט און ליגט מיטן ווידל אין מויל אין אַ ווינקל שטוב — גייט פאַביאַן אַריין צו די קאַנאַריקעס.

ער נעמט אַפּער די וואַנעלעך ברודיק וואַסער, אין וועלכן די קאַנאַריקעס האָבן זיך אויסגעבאָדן און גיסט אָן פריש וואַסער. ער שיט אָן געלן פּראָשעק אויף אַ מעת-לעת צייט שפּייז, ער רייניקט אויס מיט אַ פּלעדערוויש די שטייגלעך פון אומריינקייט און ער שמועסט זיך איבער מיט אַ יונגן קאַנאַריק:

— קאַפּעלמײַסטער, טיו טיו. . . „פּיקער“, פּיו, פּיו. . .

פון אַלע קאַנאַריקעס איז „פּיקער“ באַ אים דער ליבסטער. ניטש לאַנג האָט זיך צווישן פאַביאַנס קאַנאַריקעס אַ „טשאַפּליאַק“ אַרײַנגעכאַפּט. אין מיטן בעסטן זינגען האָט אײנער זיך אָנגעהויבן קרעקן, ווי אַ הוסט וואָלט אים געשטיקט, און אַרײַנגעוואָרפן עטלעכע מאָל:

— טשאָפּ. . . טשאָפּ. . . טשיפּ. . .

פאַביאַן האָט געהאַט עגמת־נפש. ער ווײסט, אַז די קאַנאַריקעס זענען ווי די װײַבער. זינגט אײנער ריין, זינגען אַלע אים נאָך; הײבט אײנער אָן „טשאַפּליען“, זינגען באַלד אַלע פאַלש. האָט ער זיך איבער־געראַדט מיטן אַלטן נאַכט־וועכטער און יענער האָט אים געבראַנגט אַ קאַנאַריק אַ זינגער, אַז ער האָט דעם גאַנצן כאָר אים אַוועקגעשטעלט. פאַביאַן האָט אים ליב, ער שטעלט אים אונטער אַ פינגער צום שנאָבל, לאָזט זיך פּיקן אין נאָגל און רעדט מיט אים:

— קאַפּעלמײַסטער, טיו טיו. . . „פּיקער“, פּיו. . .

די שטוב, וואו די קאַנאַריקעס האַלטן זיך, איז אַ גרויסע. דורך די פיר פענצטער, וואָס פון אַלע זײַטן וועגט, רײַסן זיך עטלעכערליי באַלײַכ־טונגען אַרײַן און צעטײלן די שטוב אויף רויטלעכע, גרינלעכע און גילדענע טײלן. אויף דעם נידעריקן געוועלבטן סופיט הענגען אַ סך פלאַכע טעלערס, פאַרביקע און בראָנזענע, און שפּילן זיך אין זונען־אויפגאַנג. דאָס ווייכע נידעריקע מעבל, איבערגעצויגן מיט אויסגע־שטריקטע פאַרביקע טשאַכאָלן, האַלטן זיך אײַן אין בײַטן מיט די פאַרבן, ווי זיי וואָלטן זיך שפּילן אין יאַגעלעך, און די געדרייטע הירשעשע הערנער אויף די ווענט פלאָנטערן זיך אין זילבערנע פאַן שטויב. פאַביאַן זעצט זיך באַקוועם אַרײַן אין אַ שטול, ער גלעט איבער זײַנע געקרייזלטע שוואַרצע וואָנסן, וואָס קריכן אַפּער פון זייער באַ־העלטעניש — פון אונטער אַ שאַרף שנאָבלעשער אָדלער־נאָז, ער פאַר־

לייגט זיינע שלאַנקע טאַנצמייסטערישע פיס איינעם אויפן צווייטן און נעמט זיך איינשטודירן דעם כאָר מיט זיינע פייגל.

ער פייפט מיט די ליפן, הייבט אויף אַ פינגער אין דער הייך, קאָמאַנ־דעוועט מיט אים, ווי מיט אַ דיריזשאָרן־שטעקעלע און קלאַפּט צו מיט די פיס:

– טיו, טיו, טיו, ראַז... פיו, פיו, פיו... דוואַ...

די קאַנאַריקעס ווינקען צו אים טייל מיט די שנעבעלעך, טייל מיט די עקלעך, און צעזינגען זיך געדיכט און צוזאַמען. „פודעל" יאָגט זיך נאָך אַליך אַרום מיט דער קאַץ, דרייט זיך אין אַ רעדל גיך און גנשיקט, ציענדיק זיך מיט דער מאָרדע צום בכבודיקן קאַנישן עק, — און פון די חויטע צימערן רייסן זיך די פּאַפּוגעס אויס זייערע גערגעס און שרייען ביז טויב ווערן:

– פּאַניע פּאַביאַניע־ע־ע!... פּאַניע פּאַביאַניע־ע־ע־ע!...

# II

אין „סטאַניסלאַוואָווקע" נעבן קלויסטער פון הייליקן יאַן זענען די קרעם־געפּאַרבטע טירן האַלבלעך געעפנט.

די קעלנערין אין ווייסן טשיפּיקל נעמט אַראָפּ די שטולן פון די טישלעך. די באַלעבאָסטע, די פּאַנגא מאַלגאשא אַליין, שטייט נעבן רונדן שפּיגל, זי דרייט אַרום אירע בלאָנדע קאַרבירטע קרייזלעך אַרום אַ דיקן ווייסן פינגער; זי באַטראַכט איר פולע בלוזקע ברוסט, שיער צו פּלאַצן, און אַ שמייכל, פול מיט זיכערקייט און גליק, צעציט איר קעציש קיי־לעכיק פּנים פונם גוידערל ביז די הויכע „אויסגעבריליאַנטעוועטע" קעם אין איר שטייף פּאַרקעמטן „גרעק".

פאַביאַן רייצ'ס לאָזט אַריין צום ערשט זיין „פודעל“ אויפן קייטעלע, דערנאָך זיך אַליין, און דערזעענדיק די פאַננא מאַלגאַשא אויסגעדרייט צום שפיגל, שאַרט ער זיך שטיל צו אויף די שפיץ פינגער פון הינטערוויי־לעכטס, ער כאַפּט איר אַרום די דיקע איינגעפּרעסטע טאַליע און זאָגט צום גראַם:

— „געכאַפּט... געכאַפּט דאָס פייגעלע
„אין שטייגעלע...

די פאַננא מאַלגאַשא, וואָס האָט גאַנץ גוט געזען אין שפיגל פאַביאַנען מיט זיין הינטל, מאַכט זיך, ווי זי ווייסט פלומרשט נישט, ווער ס'איז און זי שרייט מיט אַ בעמאַכטער שרעק:

— ווער איז, מאַריע הייליקע, ווער?...

פאַביאַן לייגט צו אַ פּאָר דינע ליפּן צוזאַמען מיט אַ שפּיץ געבויגענער נאָז צו די פלאַקסענע קרייזעלעך אַרום ווייבערישן פולן קאַרק און אַנטלויפט הינטער זיך. ער גליטשט זיך פלינק מיט זיינע טאַנצמייסטע־רישע פיס איבערן קאָפּע, ער באַהאַלט זיך הינטער דער קעלנערינס פּלייצע און, ווייזנדיק מיט אַ פינגער פאַר דער נאָז, בעט ער מיט אַ רחמנות־שטימעלע:

— ראַטעווע, קעצעלע מיינס!... ראַטעווע־ע־ע!...

די פאַננא מאַלגאַשא לויפט אין דער ברייט, זי טרייסלט מיט די גאַנצע פינף פוד איינגעפּרעסט פלייש, סאַפּעט שווער און פאָכעט מיט אַ האַנטיכל אין דער לופט:

— פע, אַלטער ביין! טפו, ווייבערניק איינער!...

פאַביאַן קלאַמערט זיך פאַר מורא אין דער קעלנערין; ער האַלט זי פעסט אַרומגענומען, ווי אַ קינד אַ מאַמען, און צעגייט זיך פאַר געלעכ־טער:

— „אוי, צעפּלאַשעט דאָס פייגעלע
„פון שטייגעלע...
„הע, דערשראָקן דאָס פּיקסעלע
„מיטן ביקסעלע...

ערשט, אַז פאַננאַ מאַלגאַשאַ לייגט אַוועק דאָס האַנטיכל און פאַרריכט זיך אַ ראָזע זאָקן-בענדל, וואָס האָט זיך באַם לויפן אַראָפּגעגליטשט פון גראָבן פלייש, זעצט זיך פאַביאַן אַוועק באַ זיין טישל און ער קלאַפּט מיט דער ביינערנער גאַלקע פון שטעקן:

— אַ קאַווע! אַ קאַווע מיט שמאַנד!...

דערוויַיל, ביז מ'דערלאַנגט אים, נעמט ער אַרויס אַ מטבע פון טייסטער און וואַרפט אַריין אין גרינעם שפּיל-קאַסטן. דער שפּיל-קאַסטן קרעקט זיך איבער עטלעכע מאָל, ווי ער וואָלט אָפּהוסטן פאַרן זינגען, און צעגייט זיך אין אַ מאַזורקע. פון איוון אויפן געזימס, הייבט זיך אַ מעשן פאָרל אָן צו באַוועגן, אַ מעשענער באַרגמאַן וואַרפט מיטן קאַפּעלידש, קנאַקט מיט די אָפּצאַסן; זיין מעשענע געליבטע פאַרהייבט דעם גרויסן מעוברתדיקן בויך און שטשירעט מיט די ציין. — פאַביאַן קנאַקט מיט די פינגער, קלאַפּט צו מיט די שפּיץ שיך און, טאַנצנדיק זיצנדי-קערהייט, האַלט ער אונטער אויפן קול:

— איי, דאַנאַ, דאַנאַ, הוהאַ, הואַ האַ...

דערנעבן אויף אַ שטול זיצט פודעל און קוקט מיט געלע בליקן זיין באַלעבאָס אין די אויגן.

פאַביאַן זאָגט אים מוסר, דעם הונט זיינעם.

ווי אַלע טאָג, האָט ער אים אַוועקגעשטעלט אַ טעצעלע מיט צוקער. נאָר „פודעל" האָט נישט געוואַרט ביז ער, פאַביאַן, וועט אָנהייבן טרינקען און געכאַפּט פריער אויס. חוץ דעם האָט ער געקייט הויך, מיט אַ קרומען ציטערדיקן פיסק און מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן, ווי אַ הונגעריקער

באָסן־הונט קייט אַ ביין. פּאַביאַנען האָט עס אויפגערעגט, איז ער אים אַריינגעקראָכן מיט דער האַנט ביזן סאַמע שלונג, אַרויסגעשלעפּט אים דאָס צעקייטע זיסקייט און אָנגעשמיסן אים מיטן רימענדל:

— אויסשפּייען די מינוט, הינטישע נשמה אייגע!... אויסמייקען!...

„פּודעל" שאָקלט מיט אָן אויער, דאָס נעזל ציטערט בײַ אים. ער פאַרשטייט שוין אַליין, אַז ער האָט זיך שלעכט געפירט, אַז ער האָט נישט געדאַרפט אַזוי כאַפּן. ער פילט, אַז דער באַלעבאָס זייגער איז געגרעכט, פולקאָם גערעכט. נאָר ווי לאַנג ער דאַרף זיין אין כּעס, קאָן ער מיט זיין הינטישן מוח נישט אויסרעכענען. דערצו ליגט דער צוקער נעבן אים צעקייט, ווייך, פול מיט סליונע און רייצט די שפּיציקע ציין. און ער לאָזט אַלץ נידעריקער אַראָפּ די אויערן, אַ סימן, אַז ער האָט חרטה; ער קוקט אויף יעדער באַוועגונג פון זיין באַלעבאָס, כּדי צו וויסן וועלכעס אבער ער דאַרף אויסבאַהאַלטן פון אַ קלאַפּ, און ער הערט אונטערטעניק זיינע שטראָף־רייד:

— די הויט וועל איך שינדן פון דיר, טייוול קודלאַטער...

— צום היצעל וועל איך דיך פירן, מאַלפּע פאַרשאָלטענע...

„פּודעל" לאָזט אינגאַנצן אַראָפּ דעם קאָפּ און דער ווייכער רוקן זיינער הייבט אָן גיך ביי אים צוקן. נאָר פּאַביאַן מאַכט זיך נישט דערפון.

ער זעט גאַנץ גוט, אַז בײַ פאַננאַ מאַלגאַשאַ באַווייזט זיך עטלעכע רויטע פלעקן אונטער די אויגן און די ברעמען באַוועגן זיך בײַ איר, אַ סימן, אַז זי גרייט זיך וויינען. תּמיד טרעטן בײַ איר אַרויס אַזעלכע פלעקן, ווי נאָר ער רירט אָן „פּודעלן". און איר צו להכעיס שטעלט ער אָן דעם גראָבן פינגער, ער שנעלט דעם הונט אין ווייכן נעזל און שרייט:

— רויק!... קיין פּיפּטל מיט קיין שליפּיע...

פאַננאַ מאַלגאַשאַ קאָן שוין מער נישט אויסהאַלטן. זי לויפט צו צו

פאַביאַנס טישל, שטרעקט אויס אַ פּאָר פעטע ווייכע אָרעמעס צום גע־
שלאָגענעם הונט און שרייט מיט אַ פייכט פאַרטרערט קול:
— גייט, מערדער... כ'האָב אייך פיינט...
נאָר דאַ גיט פאַביאַן פלינק אַ ציִ אויס די דאָרע הענט און זעצט זי
אַוועק מיט דער גאַנצער שווערקייט אויף זיינע אויסגעפּרעסטע קניען —
און די פּאַננאַ מאַלגאַשאַ בלייבט זיצן אוממעכטיק מיט איר גאַנץ ביסל
פעטס, זי ווישט נאָר מיט אַ טיכעלע די אויגן און זי שמייכלט גליק־
לעך צו „פּודעלן":
— ליבלינג מיינער... מערטירער אומגליקלעכער...
פאַביאַן בלאָזשעט מיט די שוואַרצע וואָנסן אַרום ווייסן ווייבערישן
פּנים. ער גראָבט מיט די פינגער אין ווייכקייט און פּאַננאַ מאַלגאַשאַ
קוקט אים אויף די פינגער, זי לאָזט נישט אַראָפּ קיין אויג פון גרינעם
שטיין, וואָס ער טראָגט אויפן קליינעם פינגער, און זי נעמט אים אָן
בײַ ביידע שפּיץ וואָנסן:
— דאָס פינגערל וועסטו מיר שענקען, פאַביאַנקו?...
פאַביאַן שטייפט די וואָנסן, ווי אַ קאָטער, און ברומט, סאָפּענדיק:
— אַז וועסט אַרויפגיין צו מיר, מויד איינע... אַז וועסט אַרויפקומען...

*

אַז דער גרויסער שלאָס־זייגער צעטראָגט ניין קופּערנע קלאַנגען פון זיין
טורעמדיקער הייך, נעמט פאַביאַן „פּודעלן" אויפן קייטל און ער לאָזט
זיך צו זיין געשלאָסענעם אַנטיקוואַריום, וואָס איז אויפן „מקום" נעבן
דער אַפּטייק.
אויפן וועג באַגריסן אים די בעטלערס בײַ די קלויסטערס, שטעלט ער
זיך אָפּ נעבן זיי. ער גיט זיי אונטער חשק:
— דאַוונט, דאַוונט, שעפּס־לעך...

און ער וואַרפט זיי קליינע מטבעות אין די פאַרשוויצטע היטלען. ער שמייסט עטלעכע מאָל אַן „פודעלן", הלמאי ער לאָזט זיך אַרומשמעקן פון כל-ערליי גאַסן-הינט און דראַט אים מיט אַ פינגער:

— „פודעל", וועסט שוין שלאָפן מיט דער קאַץ, הערסט!

ער ציט דעם ברוינעם האַרטן קאַפעליוש פאַר יעדער גלייכער לויה, וואָס ציט זיך צו דער בריק אויפן אָרעמען צמענטער און ער ענטפערט גוט-מאָרגן אַלע, וואָס באַגריסן אים אויפן וועג. בײַם אַנטיקוואַריום וואַרט שוין אויף אים זיין מענטש, אַן עלטערער גוי אין אַ פעלערין און מיט אַ מאַלעריש קעסטל אונטערן אָרעם, און פירט אַ העפלעכן געשפּרעך מיט דער קאַסירערין פון דער אַפטייק, אַ גויע מיט אַ קאַלט לענגלעך פּנים. פּאַביאַן באַגריסט צום ערשט די קאַסירערין. ער קושט איר די קאַלטע האַנט, וואָס שמעקט מיט רפואות, און זאָגט צום גראַם:

— „שאַצונעטשעק,
„צאַלי וואַרעטשעק...

דערנאָך שטעקט ער אויס אַ האַנט צום מענטש זיינעם און באַגריסט אים מיט אַ וויץ:

— פּאַניע לעאָנאַרדאָ, —
מיענקאַ טשי טוואַרדאָ?...

דער גוי אין פעלערין ווערט רויט פון האַלדז ביז די אויערן. ער איז אַ מאָלער, האָט אַן אַלטן מעדאַל, און הייסן הייסט ער אַן אמתן פּריצישן נאָמען: סטאַניסלאַוו זאַרעמבאַ. פּאַביאַן רופט אים קיינמאָל נישט בײַם נאָמען. ער רופט אים מיט אויסגעטראַכטע נעמען און מיט מאָדנע גראַמען דערצו: אָדער ער רופט אים „לעאָנאַרדאָ" מיטן פאָר-נאָמען פון ד אַ ג י נ ט ש י, אָדער ער מאַכט חוזק פון זיין קונסט. ער רופט אים אָפּט:

פאניע סטאשו, —

מיסטרוש נא קשיווים פאדאשו!...

אמערגעסטן האט ער פיינט, ווען ער רופט אים מיט אזא נאמען אין געגנווארט פון דער קאסירערין אין אפטייק און ער לאזט העגגען פאביאנס האנט אין דער לופט און ער רעדט צו אים אפיציעל:

— פאניע שעף, דערפאר נעם איך נישט געצאלט...

פאביאן גיט אים איבער דאס הינטל אויפן קייטעלע, ער שליסט אויף דעם אנטיקוואריום און זיי גייען שווייגנדיק אריין.

זיי לעבן נישט גוט צווישן זיך, דער אנטיקוואר פאביאן רייצעס מיט זיין „מענטש“, דעם מאלער סטאניסלאוו זארעמבא. אמאל זענען זיי געווען חברים, גוטע הברים. נאר דאס איז שוין לאנג. דעמאלט זענען זיי ביידע געווען יונגע בחורימלעך, ביידע געוואוינט אין איין בוידעם־שטיבל אין קראקע, ביידע האבן זיי קאפירט גאנצע טעג קלאסישע בילדער און געמיינט, אז זיי וואקסן גרויסע, גאר גרויסע קינסטלער. סטאניסלאוו זארעמבא האלט זיך נאך איצט אויך פאר א גרויסן מאלער. נישט קוקנדיק דערויף, וואס ער איז שוין א מענטש פון העכער פופציק יאר און איז א רעסטאוראטאר פון בילדער בא פאביאן רייצעס אין אנטיקווריום, גלייבט ער נאך, אז ער וועט מאכן עפעס אזוינס, וואס וועט די גאנצע וועלט אויפרודערן. נאר פאביאן לאכט פון אים. ער גלייבט נישט, פאביאן, נישט אין זיך, נישט אין זארעמבאן און ער קיצלט אים אפט אין אנגעבלאזענעם בויך און ווינקט מיט איין אויג:

— סטאשו, הע, סטאשו!...

זארעמבא שווייגט אים נישט. ער רוקט זיך אפ פון אים, לאזט נישט זיין מיט זיך צופיל פאמיליאר. ער גלעט זיך אבער די גרויסע פריצישע וואנסן, אן אנצוהערעניש ווער ער איז. ער ווייסט אפילו בא זיך, אז ווען פאביאן וויל, מאלט ער נאך איצט אויך עפעס רעכטס, נאר פונ־

דעסטוועגן שטעלט ער זיך אוועק אין דער פויזע פון אַ קונסטמייסטער צו אַ קונסטהענדלער און זאָגט מיט געציילטע ווערטער:

— הער רייצעס, דערפאַר נעם איך נישט געצאָלט...

דעם נאָמען רייצעס זאָגט ער אַרויס מיט אַ ווייכער איבערגעטריבענער האַלדזי־ר יש און צעצויגן, שטאַרק צעצויגן...

*

פאַביאַן שטייט אויף דער גאַליערקע פון זיין מאַגאַזין און פאַרהענגט גוט מיט אַ טעפּיך אַ העלפט פון אַ ווענעציאַנישן פענצטער. ער ציט פעסט אַרום אַ העלפט שויבן, באַטראַכט גענוי, צי מ'קאָן גאָרנישט דערזעען פון די אַקעגנאיבערדיקע הויף־פענצטער און ער בעט העפלעך בא זאַרעמבאַן:

— סטאַשו, ווערסט פאַרשטופּן די שפּאַרעס פון טירל, אַז דאָ ליגט וואַטע...

זאַרעמבאַ רירט זיך נישט פון אָרט.

שטענדיק, ווייסט ער, ווען פאַביאַן פאַרהענגט אַזוי פעסט טיר און פענצטער אויף דער גאַליערקע, האָט ער שוין אַ שטיקל מיאוסע אַרבעט אָפּצוטאָן — עפּעס אַ טייער קונסט־בילד צו פעלשן — און ער רייניקט זיך געלאַסן זיינע פענזלען אין טערפּענטין און ענטפערט נישט אויף פאַביאַנס רייד. פאַביאַן קריכט אַראָפּ פון פענצטער און פאַרהענגט אַליין דאָס טירל. ער שפּרייט אויס איבער דער פּאָדלאָגע אַ צעקנייטשטן און האַרטן לייוונט, ער קוקט זיך גוט איין צו די פלעקן, צו די קנייטשן, וואָס 'ער האָט אַזוי געוויסנהאַפט אויסגעאַרבעט אין לייוונט און ער ווינקט צו זאַרעמבאַן מיט אַ שפּיץ געקרייזלטער וואָנסע:

— פיין אויסגעאַרבעט דעם זאַק, הא סטאַשו?... קלאַסיש, אמת, סטאַשו?...

ער איז צופֿרידן פֿון זיין אַרבעט, פּאַביאַן. ער האָט אַ סך געאַרבעט בײַ דער לייוונט, ביז ער האָט זי געמאַכט אַזוי קלאַסיש אַלט. ער האָט זי געוויקלט אין כל-ערליי זויערשטאָפֿן, געשמירט מיט וואַקס, געריבן מיט טערפּענטין, נאָר די אַרבעט איז אָנגעלייגט. דער טייוול אַליין וועט זיך נישט כאַפּן, אַז דאָס איז „געאַרבעט”, און ער צעציט זיינע וואָנסן פֿון אונטער דער שנאָבלישער נאָז. ער שטעלט אויס אַ גאַנצע רייע פֿלעשעלעך פֿון כל-ערליי פֿאַרב און גרייס, ער לייגט אויס פּענזלען, גרויסע, קליינע, דיקע און דינע, אַזעלכע דינע, ווי די פּענעס. ער עפֿנט אויף סלאָיעקלעך טערפּענטין און ליאַק, לייגט אָן שטיקלעך וואַקס, חלב און ווערניק און הערט נישט אויף שמייכלען צו זאַרעמבאַן:

— וואָס פֿאַר אַ ליכטיקער טאָג, סטאשו, גאָט אַליין הייסט היינט קאָפּירן...

זאַרעמבאַ גיט אַ בליק אויף פּאַביאַנען און וואַרפֿט אַ פּענזל אין דער ערד.

דעם ערשטן מאָל, אַז פּאַביאַן האָט אים פֿאָרגעלייגט, אַ חוץ רעסטאורירן בילדער, אויך קאָפּירן, האָט זאַרעמבאַ געכאַפּט דאָס קעסטעלע אונטערן אָרעם און געשוימט פֿאַר כּעס:

— פּאַביאַנקו, — האָט ער געשריגן — זאַרעמבאַ וועט עס דיר נישט מוחל זיין. פּאַביאַנקו, מיין האָנאָר וועט עס נישט שווייגן.

פּאַביאַן איז געוואָרן אַ ווײַלע אומרויִק. אים איז געקומען אויפֿן געדאַנק דאָס נאָנטע פּאָליציי-צירקל און ער האָט אַ קרומען שמייכל געטאָן, אַ סימן, אַז מ'דאַרף עפּעס צוטראַכטן. נאָר באַלד האָט ער זיך אָפּגעשטעלט קעגניבער זאַרעמבאַן און האָט אים אָנגעקוקט עטלעכע סעקונדן מיט זיין שאַרפֿן גלאַנציקן בליק, ווי ער איז עס געוואוינט צו טאָן מיט זיין קאַץ. זאַרעמבאַ האָט נישט אויסגעהאַלטן, באַלד נאָך עטלעכע רגעס נישט אויסגעהאַלטן און געבליבן שטיין מיט אַראָפּגע-

לאָזטע אויגן און מיט אַ פּאָר איבעריקע הענט. — האָט פאַביאַן צוריק באַקומען זיין רויקייט און געזאָגט מיט אַ שמייכעלע:

— סטאַשו, ווּעסט מאָרגן קומען פרי, נאָכמיטאָג וועט נישט זיין קיין זון...

צומאָרגנס איז ער צוריקגעקומען, זאַרעמבאַ, צוריקגעקומען פרי, ווי פאַביאַן האָט אים אָנגעזאָגט.

זאַרעמבאַ ווייסט, אַז אויך איצט וועט ער עס „טאָן". און ער קוקט מיט טריבע אויגן אויף פאַביאַנס יעדער באַוועגונג, ער באַטראַכט זיינע שוואַרצע שאַרפע אויגן, זיינע געקרייזלטע לאַכעדיקע וואָנסן און ער לאָזט אַראָפּ די אויגן צום אַראָפּגעוואָרפענעם פענזעל און מורמלט דורך פאַרהאַקטע ציין:

— יודאַ... יודאַ טייוולשער...

פאַביאַן קוקט אים גלייך אין פנים, שמייכלט מיט זיין שנאָבלעשער נאָז, וואָס אָט, אָט, דאַכט זיך, פאַרלויפט זי אים אין מויל אַריין, און רעדט געמיטלעך:

— רעג דיך נישט אויף, סטאַשו... מיר מאַכן היינט אַ „רובענס", אַן אָריגינעלן רובענס, — און רובענס איז געווען אַ מענטש מיט אַ גוטן הומאָר... מיט גאָר אַ גוטן הומאָר...

# III

פאַביאַן זיצט באַם פענצטער פון אַנטיקוואַריום, בלאָזט מיט אַ רערל אין פייער און קוקט אויפמערקזאַם סיי אויפן ביסל צעשמאָלצענעם גאָלד, וואָס שלענגלט זיך אין אַ שיסעלע, סיי אויפן בלוילעכן פלעמל, וואָס יאָגט אים פאַר די אויגן. נעבן אים אויף אַ פּאָטעל זיצט „פּודעל"

אויף די הינטערשטע פיס, קוקט זיך צו מיט מורא צום בלוילעכן פייערל און גיסט כסדר.

ער האט א טבע, פאביאן, אלץ אליין צו טאן, אליין צו פארריכטן, אליין מייסטרעווען. שמידן גאלד האט ער גאר ליב. ער האט הנאה זיך צוצוקוקן ווי דאס גאלד קאכט, זידט און שלענגלט זיך און מוז זיך דאך אויסגיסן אין דער פארם, ווי ער, פאביאן, וויל. דערצו מאכט ער קונצן מיטן רערל אין פייער, ווי א ייִנגל מיט א שטרוי אין זייפנ־בלאזן. דא גיט ער א בלאז, צים אויס דאס פלעמל אין א רונדיק רעגנבויגן, באלד בלאזט ער שטארקער און פון רעגנבויגן ווערט א פאקעל. אים קומט פאר, אז דאס פייערל ליגט בא אים טיף ערגעץ אין אינגעווייד, און ער בלאזט עס ארויס פון זיך ווי נאר ער וויל: וויל ער — לאזט ער עס ארויס; וויל ער — שלינגט ער עס אראפ. דערפאר טאקע, איז יעדער מאל, וואס עפעס אן אנטיקל ווערט קאליע, א קיי־טעלע רייסט זיך איבער, אן אייערל ברעכט זיך אפ, זאמלט פאביאן אן שטיקלעך צעבראכן גאלד, אלטן שמעלץ און שמידט. „פודעל” שאקלט מיט די אויגן אויס מורא פארן פייער און הערט נישט אויף גיסן. ער האט נישט גערן דעם ריח פון חלב און צעלאזטן גאלד. עפעס קיצלט אים אין דער נאז און דער מאגן קאכט בא אים כסדר.

— ברררר... בררררר...

פאביאן בארויקט אים:

— לייד, „פודעל”! פון גאלד מוז מען ליידן, ס׳איז אן איידעלע מא־טעריע...

„פודעל” פארהייבט דעם האריקן ווידל, ווי ער וואלט איבערטראכטן דעם באלעבאס רייד, נאר דערווייל עפנט זיך די טיר און דאס גלעקל הייבט אן ציטערן — שפרינגט ער אראפ פון זיין פאטערשטול און צעבילט זיך מיט שרעקלעכע קולות. דאס קומט דער גלח גענסטי, דער

רעקטאָר פון גלחישן סעמינאַריום, וואָס איז אין שכנות מיט פאַביאַנס אנטיקוואַריום. „פודעל“ קאָן אים אייגנטלעך גאַנץ גוט: ער קומט אָפט אַריין אַהער זוכן אַנטיקן, נאָר ער קאָן גישט פאַרטראָגן זיינע לאַנגע פּאָלעס און ער בילט אויף אים, פונקט ווי אויף די יידן די הענדלער, וואָס קומען צו אים אין הויף. פאַביאַן נעמט אָן „פודעלן“ בײַ אן אויער און בייזערט זיך אויף אים אין אַ זייער ערנסטן טאָן:

— שוויג, אַטעיסט איינער! דרך־ארץ פאַר אַ הייליקן מאַן...

דער גלח געגסטי פאַרהייבט די פּאָלעס, דער הונט זאָל אים נישט איינבייסן און זאָגט צו פאַביאַנען:

— אַזוי ווי דער באַלעבאָס, אַזוי דער הונט...

פאַביאַן לאַכט מיט אַ קרומען שמייכל, אַ סימן, אַז ער האָט עפּעס צוגעטראַכט, אַ פיין המצאהלע געפונען. ער בעט דעם גלח זיצן אויפן פאָטעל נעבן טישל — און ער אַליין זוכט אויס אַ בעזעמל פון איני־דיטשקע־פעדערן געמאַכט, ער טוט אָן עפּעס אַ האָלענדישע יאַרמלקע אויפן קאָפּ, ער זאָל זיך נישט אויסשטויבן די האָר און נעמט זיך רייניקן די אַנטיקן פון שטויב. אין מיטן וואַרפט ער צו עטלעכע ווערטער געגסטין:

— פּראָפעסאָר געגסטי, ווייסט כאָטש אויף וועמענס שטול דו זיצסט?...

דער גלח געגסטי גיט זיך אַ הייב פון אָרט און טוט אַ שווערן בליק אַרום זיך.

ער איז אַ יונגער באָך, נאָר די הויט איז בײַ אים אַ ביסעלע אונטער־געבלאָזן, ווי בײַ מערסטנס די, וואָס פאַרנעמען זיך מיט טעאָלאָגיע, און די אויגן זענען בײַ אים גרויס, לויטער און אַ ביסל נאַרישעוואַטע. דערצו האָט ער ליב אַלטערטימלעכקייטן. ער האָט גאַנצע קאָלעקציעס טאַבאַק־שקעטעלעך, בורשטינען און הייליקע רעליקוויעס. ער האָט באמת הנאה ווען אים קומט אויס צו דערציילן צווישן די יונגע סעמינאַריסטן

זיינע, אויף וואָס פאַר אַן אַלטע ערטער ער איז געזעסן, אויף וואָס פאַרע היסטאָרישע מקומות ער האָט געטרעטן. — און ער קוקט דערי־בער מיט זיינע לויטערע אויגן דאָ אויף דער שטול, וואָס איז פול מיט קריצערייען און שניצערייען; ער באַטראַכט דאָס צעריסענע געזעסל, פון וואַנען ס'קוקן אַרויס פערד־האָר און שטרוי; ער כאַפּט אַ בליק דא אויף דער שטול, באַלד אויף פאַביאַנען און ער פרעגט אומגעדולדיק:

— אַ נו, נו, נו?... ווער(מ)ענס שטול?... ווער(מ)ענס?...

פאַביאַן פוצט אויס מיטן בעזעמל דעם הייליקן מאַטעוש די באָרד און זאָגט געלאַסן:

— ווער(מ)ענס? — נו „פודעלס". ספּעציעל „פודעלס"!...

דער גלח געגסטי ווערט צעטומלט. אויף אַזאַ שטיקל האָט ער זיך גאָר־נישט גערעכט. אים פלאַמען די באַקן, די אויגן עפענען זיך אים נאָך ברייטער און אויפן פליך שלאָגט אים אַרויס אַ שוויס. ער וויל אַרויסברענגען עפּעס גאָר אַ שאַרף וואָרט און ער שטעלט זיך אויף אין דער גאַנצער הייך. נאָר פאַביאַן רייבט אויס מיטן בעזעמל אַ כינע־זישן גאָט די נאָז און זאָגט העפלעך:

— גיב, אגב, אַ קוק, פּראָפעסאָר, אויף דער קאַפּאָטע פון הינטן, קאָן זיין, אַז „פודעל" האָט אָנגעמאַכט אויפן געזעס...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָך אַ קורצן ברוגז, קריכט גלח געגסטי אַרום איבערן אַנטיקוואַריום, גראָבט זיך צווישן פאַרשטויבטע ביכער, צייכענונגען און נאָטן און שרייט אַריבער צו פאַביאַנען:

— פאַביאַניע, דער לאַטיינישער קאָדעקס איז פון אַן ערשטער אויס־לאַגע צי פון אַ צווייטער?...

פאַביאַן שטייט אויף אַ לייטערל מיטן בעזעמל אין האַנט און שריים צוריק:

— פֿון דער ערשטער, קאָכאַני, פֿון דער ערשטער...

גלח גענסטי איז גליקלעך.

אין אַנטיקוואַריום איז אַן ענגשאַפֿט. הינקעדיקע פֿאָטעלן פֿון כּל־ערליי סטיל און פֿאַרב וואַלגערן זיך צוזאַמען מיט אויסגעהאַקטענע טעפּיכער, פּערסישע, כינעזישע און יאַפּאַנישע. קאַנדעלאַבּרעס מיט אָראַפּגעבראָכענע גלעזלעך און צעקנייטשטע רערן ליגן אינאיינעם מיט צעבראָכענע סקעלעטן און אַרכיעאָלאָגישע ליים־כּלים. מאַיאָלענע קאַטערס און טיגריסן זענען מיט ברעסלער שפּיצן באַהאָנגען. מאַרמאָרנע ווענוסן ליגן צוזאַמען מיט בערדיקע אַפּאָסטאָלן און קאַפּוצינער. העלפֿאַנדביינערישע בודהאַס וואַלגערן זיך צווישן בראָנזענע מאַלפּעס און סאַטירן. הילצערנע קרוציפֿיקסן ליגן פֿאַרפּאַקט צוזאַמען מיט אַלטע פֿידלען און נישט צעגזווירטע באַקאַטשאַס...

ער זוכט, גענסטי, נישטערט. ער דרינגט אַריין מיט די גרויסע אויגן, וואו נאָר אַ ביסל שטויב, וואו נאָר אַ ביסל שפּינוועבס און לייענט, לייענט דאַטעס און אויפֿשריפֿטן, לאַטיינישע תּפֿילות און גריכישע טראַגעדיעס, העברעישע מגילות און אַראַמישע שריפֿטן. אַז ער קומט צו צו די קליינינקייטן, צו די פֿאַרשיידענע ים־שיסעלעך, בורשטינדלעך, קיזלשטיינדלעך און אָפּגעשרויפֿטע איברים פֿון כּל־ערליי היסטאָרישע פֿאַרשויגען, ציט גענסטי איין דעם אָטעם און ווערט נאָך אויסגעצויגענער און אָנגעשטרענגטער.

ער שטייט איצט פֿאַר אַ געשעעניש: ער דאַרף עפּעס אַראָפּלאָזן אין דער טיפֿער הינטערשטער קעשענע פֿון זיין גלחישער קאַפּאָטע; אַראָפּלאָזן אַ קליינינקייט, אַ טויזנטסטל חלק פֿון די אָנגעוואָרפֿענע אומגעציילטע קליינינקייטן, און ער פֿילט ווי אויפֿן פּליך טרעט אים ווידער אַרויס אַ שווייס.

דאָס ערשטע מאָל, אַז ער האָט עס „געמון“, איז ער געווען צערודערט עטלעכע טעג צייט. אים איז אויסגעקומען, אַז צו די פינגער זיינע האָט זיך צוגעקלעפּט עפּעס אַן אומזעבאַרע מיאוסע זאַך, אַ זאַך, וואָס ער וועט מיט קיין שום וואַסער מער נישט אָפּוואַשן. און ער פלעגט רייבן כּסדר די האַנט אין דער סוטאַנגע, ווי ער וואָלט וועלן אָפּרייבן, אָפּווישן עפּעס. חוץ דעם האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער, פּאַביאַן, קוקט אים צופיל אין די אויגן און שמייכלט אים אַזוי טיף אַריין אין לייב שיער ביז די נעגל פון די פיס. ער איז טאַקע אַ צייט נישט אַריינ־געקומען מער צו פּאַביאַנען. נאָר אַז פּאַביאַן האָט אים אָנגעכאַפּט אין גאַס באַם אַרבל און גערעדט אין אַ זייער סוחרישן טאָן:

— פּראָפעסאָר געגנסטי, ווילסט שוין גאָרנישט מער האַנדלען מיט מיר ?...
גאָרנישט בייטן ?...

איז ער מיטגעגאַנגען, ווייטער געלייענט אויפשריפטן און, צוקומענדיק צו די קליינקייטן, האָט ער ווידער עפּעס אַראָפּגעלאָזן אין דער הינטערשטער גלחישער קעשענע. פון דעמאָלט אָן „טוט“ ער עס יעדער מאָל. ער איז נאָר איין זאַך נישט אינגאַנצן זיכער:

— ווייסט ער, דער כיטרער רוח, צי נישט ?

און ער רייבט די פינגער אין דער סוטאַנגע און פּרואווט פאַררעדן פּאַביאַנען די ציין:

— פּאַביאַניע — שרייט ער — וועסט מיר געבן דאָס פאַרצעלייענע ליאַלקע־לע. איך וועל דיר געבן דערפאַר אַ האָרן־שקעטעלע, אַן אַרבעט פון אַ יעזויטישער האַנטווערקעריי פון ענדע זיבעצענטן יאָרהונדערט...

פּאַביאַן גיט אַ זייטיקן בליק, ער כאַפּט אויף לויטן קנייטש פון דער סוטאַנגע, וואָס צווינגט געגנסטי דאַרף דאָרט האָבן אַראָפּגעלאָזן און שמייכלט צופרידן:

— גוט, גוט, געגסטי לעבן, וועסט ברענגען, וועט מען זען...

ער רוקט אים אונטער יעדן טאָג כל־ערליי נאַרישקייטן, וואַרפט אים אַריין אין דער קופּע זאַכן, וואָס בעטן זיך מ׳זאָל זיי „אָראָפּלאָזן" און ער קוועלט דערנאָך פון תענוג, ווי אַזוי גלח געגסטי רויטלט זיך און האָט אַזעלכע בולטע געוויסנסביסן, אַז אפילו אַ בלינדער וואָלט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט אָפּגעטאָן אַ שטיקל זינד.

גלח געגסטי פּוצט די קאַפּאָטע, רייניקט זיך דאָס פּנים פון שטויב און לייגט צונויף אַ ביסל אַלטע שמות, וואָס ער האָט אויסגעקליבן פון גאַנצן אַנטיקוואַריום. פּאַביאַן קריכט אַרום איבער די פּאָליצעס, ער ווישט אַרום אַ געגילטע ראַם פון אַ טיציאַן, ער וואַשט אויס בײַ אַ קעניגלעכן פּאַיאַץ אַ שפּיץ נאָז פון פליגן־אומריינקייט, ער רייבט אויס בײַ אַנדזשעלאָס „משה" דעם שטויב פון דער צעקודלטער באָרד,

ער פּוצט אים אויס די דערנערלעך און טענהט צו אים:

— מאָשקע, צפּורקה האָט דיר אָנגעטאָן הערנער, מאָשקע?...

דער גלח געגסטי ווערט אויפגעקאָכט. ער ציט זיך ווידער אויס אין דער לענג, פאַרהייבט גלחיש אַ פינגער אין דער הייך און שטיקט זיך:

— פּאַביאַן, דאָס איז... דאָס...

נאָר גלייך דערמאָנט ער זיך, אַז בײַ אים אין קעשענע ליגט אַ מיאוסע זאַך, הוסט ער אָפּ און פאַררעדט זיך, ווי ער וואָלט כלומרשט נישט געהערט פּאַביאַנס רייד:

— פּאַבאַיאַנקאָ, — פרעגט ער — וועסט מיך שטאַרק באַרייסן פאַר די פּאָר בלעטלעך?...

פּאַביאַן פּוצט אַלץ „משהן" די הערנער און זאָגט:

— אַ פלעשל מעד, קאָכאַני... אַ פלעשל אמתן בענעדיקטינער מיט דיר צוזאַמען אויסטרינקען.

דער גלח געננסטי צעשמייכלט זיך פון די מציאות, וואָס ער האָט איינ־געהאַנדלט און דראָט מיט אַ פינגער פאַר דער אויסגעשטויבטער נאָז:

— פאַביאַניע, איי ביסטו אַ נאַשער... איי...

פאַביאַן נעמט „פודעלן” אויפן קייטל און גייט מיט געננסטין צום גלחישן קאָנסיסטאָריום.

*

דער „מקום” איז אין דער פולער פרימאָרגן־באַוועגונג.

די שמאָלע גאָטישע פענצטער פון די הויכע צוזאַמענגעקוועטשטע מויערן דרימלען נאָך אַפילו נאָך די רוישיקע זינדיקע „וואָך־נעכט” און קוקן אויף דער וועלט מיט ברודיק־פאַרהאָנגענע ליילעכער און מיט רויטע אונטערקליידלעך. אויף אַ קרומלעכן באַלקאָן, וואָס נאַקעטע צעברעקלטע פרויען האַלטן אים אונטער מיט די קעפ, לופטערט זיך עפעס אַ פאָר צעהאָנגענע מייטקעס, אָנגעפילט די פיס מיט ווינד. נאָר איבערן גאַנצן ברייטן פלאַץ מישט זיך אַלץ פאַר דער זון, טוקט זיך, ציטערט, באַוועגט זיך און טומלט. געקוילעטע חזרים שטעקן אַרויס פעטע געגאָלטע הינטערס צום בלויען הימל. פון קוישן ציבעלעס, בוראַקעס און מייערן שיילן זיך אויס רויטע ווייבער, געל־בערדיקע יידן, ענלעך צו זייערע סחורות. באַם פלומפ, וואו אַן אייזערנער לייב גיסט שטראָמען וואַסער פון זיין ברייט צעעפנטן פיסק, הירזשען דור־שטיקע פערד און בייסן זיך אין די גריוועס, כדי וואָס פריער אַריינ־צושטעקן אַ קאָפּ אין דער מאָכיקער קאָריטע וואַסער. יאַטקע־יונגען, פאַרשוינען מיט ברייטע פאַרבלוטיקטע וועסטל־פלייצעס און פיאָלעטע פנימער, קריגן זיך מיט צעוואַקסענע גוואַרדיסטן, שרייען מיט קולות, דורכגעפרעסענע פון בראָנפן, רויך און זנות, און בעטלערישע געזאַנגען,

קוויטשיקע, דורכדרינגלעכע, רייסן זיך פון געדיכטעניש ארויס און
שניידן זיך אין דער הייסער לופט:
— „מענטשן זאָגן, ס'איז פאַראַן אַ זון מיט אַ לבנה
„טאַר-אַרא-רא-ראַם!...
„פאַר מיר איז עס נישט קיין מתנה
„טאַר-אַרא-רא-ראַם!...
פאַביאַן גייט שווייגנדיק נעבן גלח גענסטי, ער הייבט דעם קאַפּעליוש
יעדער מאָל, וואָס פאַרבייגייענדיקע יונגע גלחימלעך באַגריסן זייער
אויסגעשטויבטן פּראָפעסאָר, און זיין גאַנץ פּנים לאַכט באַ אים.

ער האָט עפּעס דערזען אויף דער גאַס:
פון אַ ווינקל מאַרק, וואָס פאַרענדיקט זיך מיט אַ שמאָל געסל באַרג
אַראָפּ, האָט זיך עפּעס אַ בלאָנדע שטייף-פאַרקעמטע שיקסע באַוויזן און
פאַרהאַלט אין וועג צוויי יונגע פאַרפעדערטע שוחטימלעך, וואָס גייען צו-
ריק פון די „מקומער" יאַטקעס. זיי פּלאָנטערן זיך, די יונגעלייטלעך, ווילן
אַנטלויפן, נאָר פון אַ צווייטער זייט שטייט עפּעס אַ זאַמדיקער שייגעץ
און טרייבט זיי צוריק גלייך צו דער שיקסע אין די אָרעמעס אַריין.
פאַביאַן שלעפּט גענסטין באַם אַרבל, ווייזט אים אויפן בילדל און
ווינקט צו אים:
— פּראָפעסאָר גענסטי, הע?...
גלח גענסטי קוקט אַוועק אַן אַ זייט, מאַכט אַ גיכן טריט און קלינגט
אָן באַ אַ נאָכהענגענדיק דראָטענעם גלאָק, וואָס הענגט אַראָפּ איבער
אַן אַלטן שטיינערנעם פּאַרקאַן. פאַביאַן רייסט אָפּ „פּודעלן" פון די
נאָכלויפנדיקע הינט און גייט אַריין אין גרויסן און שטילן גלחישן הויף.

אין גלחס שטוב איז קיל און עטיל, אַזוי שטיל, גלייך די גאַנצע קאָ-
כעדיקע וועלט אַרום און אַרום וואָלט מיט אַמאָל איינגעזונקען געוואָרן.

די פאַרהענגלעך אויף די לויטערע שויבן ווייען מיט אַ מאָדנער קאַל־טער ווייסקייט, די טאַפּעטן אויף די ווענט זענען אין געגילטע בלעטער און דאָס געלע זאַמד מיט די וואַטענע מענטשעלעך, וואָס שטייען צווישן די טאָפּעלע פענצטער, זענען אַזוי פריש, ריין, ווי אין אָנהייב ווינטער בעת מ'האָט זיי אַריינגעלייגט.

פאַביאַן זיצט באַם געדעקטן טיש, ער שפּיגלט זיך אין די אָנגעגאָסענע גלעזער, וואָס ווייזן אים פאַרשיידן זיין פּנים, ער באַטראַכט די גאָל־דענע שטראַלן, וואָס שלאָגן זיך אָפּ פון ווײַן און מעד און שפּרייטן זיך איבערן זויבערן טישטוך, און ער הערט זיך איין צו גענסטיס רייד:

— פאַביאַנקו — מוסרט אים גענסטי — טרינקסט שלעכט... בענעדיק־טינער האָט ליב מ'זאָל אים רייבן מיט דער צונג אין גומען, אָט אַזוי... און דערצו דאַרף מען כּסדר צובייסן האָניגברייטלעך...

אַז די גאָספּאָדיני נעמט אַראָפּ איין פלאַש, קאָרקעוועט אויף די צווייטע און ווישט גוט אויס מיט אַ סערוועטל דאָס פּאַרבלאָטיקטע העלדזל, — צעפלאָנטערט זיך באַ גענסטין די צונג און ער הייבט אָן רעדן מיט אַ פּראָפעסאָרישן טאָן, פּונקט ווי ער רעדט צו זיינע סעמינאַריסטן:

— פאַביאַניע, — קרעכצט ער געמיטלעך — איך האָב מורא פאַר דיין גורל...

ער ווייסט נישט, גענסטי, צו וואָסער „וועלט" דער פאַביאַן געהער. שוין וויפל מאָל, ווי ער האָט געוואָלט דערגיין באַ אים, צו וואָסער געמיינדע ער איז צוגעשריבן. אַ מאָל דאַכט זיך אים, אַז ער דאַרף האָבן איבערגעגאַנגען צו זיי, צו די עוואַנגעלער. אַמאָל קומט אים אויס פּונקט פאַרקערט, אַז אויב ר'איז איבערגעגאַנגען, איז עס זיכער צו זיינע, צו די קאַטוילן. ער האַלט פאַביאַנען פאַר אַ מענטש מיט פאַנ־טאַזיע, און אויב אַ מענטש האָט פאַנטאַזיע, איז ער איבערצייגט, קאָן

ער נישט געהערן צו זיי, צו די „טרוקענע אייזלען”. נאָר אַמאָל קומט אים גאָר אויס, אַז ער האָט גאָרנישט געמוזט איבערגיין אויך, אַז ער איז נאָך פאַרבליבן באַ זיי — די לאַפּסטערדאַקעס. ער זעט, אַז פאַביאַן דרייט זיך אויס תמיד, ווען ער וויל אים אַריינפירן אין אַ שמועס און ער וויל אים פּאַקן:

— מיין זון, — זאָגט ער צו פאַביאַנען און הייבט אויף צוויי פינגער אין דער הייך — מיין זון, דער הונט האָט זיין בודע, דער פויגל זיין נעסט, און דער מענטש, דער קעניג פון די חיות, מוז האָבן זיין... — ווי שטייט עס געשריבן...

פאַביאַן נעמט אַרויס פון בוזעם-טאַש עטלעכע אילוסטרירטע פערוועדז-בילדער, עטלעכע נישט צענזורירטע צייכענונגען פון מאַנאַכן און נאַנעס און טראָגט עס אונטער גענסטין צו די אויגן:

— ווייסט, גענסטי, פון וועלכן יאָרהונדערט דאָס איז?...

גענסטי ווערט באַגאָסן מיט רויטקייט. די אויגן הייבן אָן באַ אים גלאַנצן און אַן אונטערשטע ליפּ ציטערט אים:

— פאַביאַניע... פאַב...

פאַביאַן מישט איבער עטלעכע בלעטלעך און באַווייזט אַ רעפּראָדוקציע פון אַן אייל-בילד:

— זע, זע, גענסטיניו, דאָס איז גאָר אַן אַנטיקל, איטאַליענישע אַרבעט...

## IV

זונטיק אינדערפרי קאַרבירט זיך פאַביאַן אויס די האָר און די וואָנסן און גייט אַרום ביז מיטאָג מיט שאַטקעס אויף דעם קאָפּ און אויף די וואָנסן.

זונטיק קומען געסט צו פאַביאַנען און ער גרייט צו אַלץ אין שטוב.

ער מאַכט אָרדענונג אין אקוואריום זיינעם. ער בעט אויס דעם גלעזער־נעם גרונט מיט פרישע וואָרצלען, לייגט אָן פריש זאַמד און ריזל און קוקט זיך דערנאָך צו צו די גאָלדענע פישעלעך, ווי זיי גליטשן זיך פלינק אין וואַסער. ער כאַפּט אַ בליק צום שלאַנג, וואָס וויקלט זיך אין רונדן גלעזערנעם סלאָי און ער יאָגט זיך אויך אַרום נאָך די קראַליקעס און ים־חזירימלעך, ביז ער כאַפּט זיי. ער דאַרף זיי באַ־טראַכטן, צי עמיצער פון זיי האָט נישט אַמאָל געכאַפּט דעם פאַרך אָדער אַן אויגן־קראַנקהייט, — און אויב יאָ, דאַרף ער גלייך אַרויסנע־מען דעם חולה פון די געזונטע און צומאַרגנס אינדערפרי אַראָפּשרייען צום אַלטן נאַכט־וועכטער:

— זיידעלע, פאַראַן אַ געבראָטנס היינט פאַר אייערט וועגן, דזשאַדזשו...

אַז ער ווערט פאַרטיק מיט אַלעמען, וואַשט ער זיך לאַנג אַרום, ער טוט אָן אַ געפּאַסטן פראַק, אַ ווייסן אַטלעסענעם שניפּס און זעצט זיך אַוועק שטודירן מיט קאַפּעלמייסטער „פּיקער" די נייסטע טרעלן.

„פּיקער" האַלט מיט, ער באַווייזט פאַרשיידענע קונצשטיקלעך און טרע־לעלעך און פּאַביאַן שטעלט אים אונטער דעם פינגער צו פּיקן און זאָגט אים קאָמפּלימענטן:

— פיין, קאַפּעלמייסטער, מיינער... גוט, גוט „פּיקער" געליבטער...

דער ערשטער קומט דער גלח געגנסטי צו גאַסט.

פּאַביאַן עפנט אים די טיר און לאַכט אים אַקעגן מיט די אַרומגעבאַנ־דאַזשירטע וואָנסן, דערשרעקט זיך געגנסטי עטוואָס, ווי ער וואָלט זיך טרעפן פּנים־אל־פּנים מיט עפּעס אַ קאָמעדיאַנט און ער כאַפּט אַ פינ־גער זיך צלמען:

— טפוי, פּאַביאַנקו, — האָסט דאָך אַ פּנים ווי אַ שד...

פּאַביאַן זעצט אים אַוועק באַם טיש, וואָס שפּיגלט זיך אין פאַרשיידענע

פאַרביקע פלעשלעך און גלעזלעך, ער רוקט אים אונטער אַ קוכן, צע־שניטן אויף אַכט טיילן און זאָגט אים:

— עס, גענסטי, עס. ס'איז פון פאננא מאלגאשאס צוקערניע און פונקט אַזוי פעט און זיס, ווי די פאננא מאלגאשא אַליין...

גענסטי רויטלט זיך.

ער דערמאָנט זיך, אַז ער כאַפּט טאַקע אַמאָל צופּעליק אַ בליק אויף דער דאָזיקער פאננא מאלגאשא תּמיד, ווען ער גייט פאַרביי איר קאַסע. אמת, אַז ער האָט עס נאָך קיינמאָל נישט געטאָן אין געגנוואַרט פון פּאַביאַנען, נאָר ער רעדט אַזוי, דער רוח, ווי ער וואָלט פון עפּעס וויסן און ער רויטלט זיך, גענסטי. ער איז יומטובדיק, א גלאַט־אויס־געגאָלטער, אַ פריש־אָנגעטועגער און אַ גליקלעכער פון דער אייגענער דרשה, פון די אייגענע קלוגע רייד, וואָס ער האָט נישט לאַנג געהאַלטן פאַרן עולם פון דער אמבאַנע אַראָפּ. אין דער נאָז שמעקט אים נאָך דער ריח פון חלב, ווייררויך און ווייבערישע קושן אין דער האַנט. ער פילט ערשט איצט וואָסער גוטן איינפאַל ער האָט געהאַט בײַ דער דרשה, חזרט ער פאַר פּאַביאַנען „די קלוגע רייד, וואָס ער האָט זיי אַריינגעזאָגט“:

— קינדער — האָב איך זיי געזאָגט — דער מענטש איז געגליכן צום באַרגמאַן, וואָס דראַפּעט זיך בײַם באַרג אַרויף. ער פאַלט אַ סך מאָל איבער דערנער און שטיינער, מאַכט זיגזאַגן, אָבער ער גייט אַלץ העכער און העכער. נאָר דער נאַר און בלינדער קאָן מיינען, אַז ווען מ'פאַלט איינמאָל, מוז מען שוין פאַלן אַלץ טיפער און טיפער ביזן אָפּגרונט...

פּאַביאַן שטייט בײַם טיש, שמייכלט מיט די פאַרבאַנדאַזשירטע וואַנגסן און קאָן זיך נישט קיין עצה געבן מיטן געבראָטענעם האָז, וואָס וויל נישט שטיין אויפן פּאָלימעסיק. אים גייט אין דעם, אַז דער האָז זאָל

שטיין אײַנגאַנען ווי אַ לעבעדיקער. דער האָז שטייט, אָבער אַ ביסל שלימזלדיק, אַ צובעברענטער, אַ פליישיקער, אָנגעפּילט אײַנגאַנצן מיט האַרטע אייער, שטייט ער שוואַך אויף זײַנע דינע געבראָטענע פיס, דאָס נפּעטרישקעלע אין מויל האַלט ער קרום, לעקישעוואַטע. דערצו איז אים צופוסנס אונטערגעגאָסן אַ ביסל סאָס, וואָס זעט אויס, ווי ער, דער האָז, וואָלט נאָר וואָס נישט קיין שיינע זאַך אָפּגעטאָן, — און ער שטייט אַ פולינקער, אַן אומגליקלעכער און קוקט מיט קרומע אויסגע־רונענע אויגן אויף דעם מיאוסן שטיקל אַרבעט זײַנעם... פּאַביאַן האַלט

אים אונטער. ער טרייסט אים מיט אַ גראַם:

— לאָז נישט אַראָפּ דאָס נעזל,

מיין העזל...

נאָר, אַז ער וויל זיך אַליין נישט האַלטן, רייסט ער איבער געגסטין די קלוגע רייד און בעט אים:

— פּראָפעסאָר לעבן, האַלט דו „אים“ אונטער בײַם הינטערל, וועל איך אים אָוועקשטעלן אויף די פיס...

געגסטי שטייט אַ שיינענדיקער, אַ פאַררויטלטער און האַלט ערנסט אונטער מיט אַ גאָפל דעם האָז בײַם עק. פּאַביאַן פאַרריכט אים מ׳טן סאַלאַט די פאָדערשטע פיס און בעט געגסטין דורך די פאַרבאַנדאַזשירטע וואָנסן:

— „זאָג“ אים אַריין אַ ביסל, דעם נאַרישן האָז... זאָג אים, אַז מ׳דאַרף נישט אַזוי „פאַלן“ בײַ זיך...

אַז מ׳קלאַפּט נאָך אַ מאָל אָן אין טיר, כאַפּט פּאַביאַן גיך אַראָפּ די שאַטקעס פון די וואָנסן און לויפט עפענען. איצט ווייסט ער, דאַרפן קומען פרויען און ער איז העפלעך, קאָרעקט. צום ערשט קומט זאַרעמבאַ מיט זײַן ווײַב, באַגריסט זיי פּאַביאַן גאַלאַנט און פירט זיי אונטער

דער האַנט צום געדעקטן טיש. באַלד נאָך זיי קומט פאַננאַ מאַלגאָשאַ און פּאַביאַן שיינט אײַנגאַנצן:

— אַ, ביטע, ביטע...

תּחלת זיצט דער עולם שטייפלעך, געסט־מעסיק.

סטאַניסלאַוו זאַרעמבאַ ציט כּסדר בײַ די קײַלעכיקע מאַנזשעטן פון זײַן העמד, וואָס זענען מיט ספּעציעלער גוישער שטײַפקייט אויסגעפּרעסט און זענען מיט רונדע און גרויסע ביינערנע ספּינקעס פאַרשפּיליעט. די וואָנסן זענען בײַ אים פּריציש פאַרדרייט און ער איז געוואַלטיק העפּ־לעך צו זײַן בלאַס אויסגעדאַרט ווייב, וואָס איז נישט מער ווי אַ געוויינלעכע העפּטערין און אירע ביינערדיקע הענט קוקן אויס נאָך עלנדער און קרענקלעכער דורך די שמאָלע אויסגעהאָפטענע אַרבל פון איר ענגער בלוזקע; זיי זעען אויס עפּעס גרינלעך. זי זיצט גלײַך, שטײַף פאַרקעמט דאָס קליינע בלאָנדע „גרעקל". זיצט מיט אַזאַ אָנגע־בלאָזענער פּריצישקייט און דאַרער אויסגעצויגנקייט, ווי אַ מאַנעקען; די הענט אירע באַוועגן זיך אַזוי שטײַף באַם פאַרזוכן עפּעס, אַז זיי וואַקסן זיך כּמעט צונויפן מיטן גאָפּל... זאַרעמבאַ רירט זיך צו מיט אַן אַריסטאָקראַטישער פאַרזיכטיקייט צו יעדער מאכל, ווי ער וואָלט עס נישט שטאַרק אָנטרויען. ער שלינגט אַראָפּ דאָס גאַווערל, וואָס אים שלאָגט צו די ליפּן, קוקנדיק אויפן געבראָטענעם האָז, און ער דער־לאַנגט זײַן פרוי אויפן טעלער מיט אַזאַ גראַציע, ווי אין דער אָפּערע בײַ קייזערלעכע מאָלצייטן. — ער רופט זי גאָר „מאַמע":

— מאַמע — זאָגט ער — וועסט עסן סאַלאַט צי אוגערקעס?...

זי גיט אַ הייב אַ האַנט, ווי זי וואָלט איר געוועזן צוגעשרויפט אויף שרײַפלעך, און רעדט עטוואָס אונטער דער נאָז, מיט אַ האַלב פראַנצויזישן טאָן:

— אַ דאַנק, סטאַשו... פאַטיגיר דיך נישט...

פאננא מאלגאשא שוויצט. די שטייפקייט פון די זארעמבאס ברענגט זי אריין אין א פארלעגנהייט. זי מיינט, אז די זארעמבאס דארפן שטאמען פון גאר די הויכע פענצטער. אפילו דאס, וואס באַ פרוי זארעמבא זענען אזעלכע דארע הענט און אן אלטמאדישע בלוזקע, געהער אויך צום בעסערן טאן. זי פילט זיך דערפאר זייער שלעכט סיי מיט איר פליישיקייט, סיי מיט אירע טוליענע מאדישע קליידער. דערצו טשעפעט זי פאביאן מיט די פיס אונטערן ט״ש און זי וויל גארנישט פארזוכן.

זי דאנקט בלויז, ווי פרוי זארעמבא...

— א דאנק... ביטע זיך נישט פאטיגירן...

דער גלח געפסטי איז אינגאנצן רויט. אזוי, אז עס דאכט זיך אפילו, אז אויפן קארק, אונטערן אויער, קאן פון צופיל אנגעשטרענגטקייט און בלוט אויפפלאצן די הויט. די פאננא מאלגאשא זיצט אים אקעגנאיבער מיטן גאנצן דעקאלטירטן פעטס. ער פילט ווי דער פליך שוויצט אים, די באקן פלאמען אים, און דערפאר אליין רויטלט ער זיך נאך מער דערצו לאזט פאביאן נישט אראפ פון אים קיין אויג, לאזט ער איני־גאנצן אראפ די אויגן צום טעלער און פארריכט זיך כסדר דאס סער־וועטל ארום האלדז. ער נעמט א שטיק האזענע פולקע אויפן גאפל, שניצט מיטן שארפן מעסער אין ווייכן פלייש און זאגט:

— א שלאכעטנע סטווארזשעניע, א האז... גאר א שלאכעטנע...

דאס גיט זארעמבאן די מעגלעכקייט צו דערציילן עפעס:

— מיינע הערשאפטן — זאגט ער — אין דער יוגנט בין איך געווען א געוואלטיקער גמאטאר אויף האזן... איך פלעג זיי שיסן מאסנווייז...

פאביאן פרעגט זיך איבער:

— מאסנווייז?...

זארעמבא פארשטייט, אז ער האט געזאגט א צו־שטארקן ליגן. ווער, ווער, נאר פאביאן קאן דאך אים פון דער יוגנט אן. — נאר ער קאן

דאָך נישט דערלאָזן, אַז עפּעס א רייצעס זאָל אים, זאַרעמבאַן, אויס־
לאַכן צווישן אַ געזעלשאַפט — ברענגט ער אָן עדות זיין ווייב:
— מאַמע — זאָגט ער אָפּ אַ ליגן אויפן אָרט און הוסט אונטער —
מאַמע, געדענקסט אין וואַלד...
די פּאננא מאלגאשא דערציילט אויך עפּעס:
— מיין פּאָטער — זאָגט זי — פּלעגט שיסן סאַרנעס אויך. איינמאָל האָט
ער געבראַכט איינע, האָט זי געהאַט סאַרנעלעך אויך...
דערויף האָט דער גלח געענסטי אויך עפּעס צו זאָגן:
— ס׳איז אַ זינד — זאָגט ער — צו שיסן טראָגנדיקע חיות... פאַראַן
מאָנאַטן, ווען מ׳טאָר נישט גיין אויף יאַגד. די חיות זענען דעמאָלט
„קאָטנע“...
נאָר אַז פּאַביאַן גיסט אָן די גלעזער מיט ווין און קלאַפּט אָן לחיים,
ווערט די שטימונג אַ מער געמיטלעכערע און די צונגען ווערן באַוועגלעכער.

זאַרעמבאַ ווערט דער ערשטער רעדעוודיק. ער קאָן נישט טרינקען,
אָנשטאָט אין מאָגן, קריכט אים דער ווין אין קאָפּ. ער הייבט דערבאַר
באַלד אָן רעדן, דערמאָנען זיך מעשיות פון דער יוגנט, פון קראָקעווער
אַקאַדעמיע און שרייט, זופנדיק אַ גלאָז נאָך אַ גלאָז:
— פּאַביאַנקו, געדענקסט אין קראָקע אויפן בוידעם־שטיבל?...—
מ׳האָט געהונגערט, נאָר גליקלעכע צייטן געווען... גליקלעכע...
פּאַביאַן זופּט אָפּ אַ העלפט פון אַ גלאָז ווין און לייקנט אָפּ:
— גליקלעכע? — ס׳הייבט זיך נישט אָן... איצט איז בעסער...
זאַרעמבאַ ווערט אויפגעקאָכט:
— פּאַביאַניע — שרייט ער און פאַרבייסט מיט אַ פעט שטיקל האָז, אַז
די וואָנסן גלאַנצן אים פון פאַרשטאַנענעם שמאַלץ — פּאַביאַניע, כ׳וועל
דיר אַלץ אָוועקגעבן פאַר איין מינוט אַ דעמאָלטיקע...

ער ווייזט מיט די הענט אויף אַלץ, וואָס געפינט זיך בײַ פּאַביאַנען אין וואוינונג.

פּאַביאַן רייסט אים איבער:

— ס'איז ליגן, מיינע פריינט... נישטאָ קיין מיאוסערע זאַך, ווי הונגערן. ס'איז אַ בזיון, אַן ערנידערונג פאַר אַ מענטש צו חלומען נאָך אַ שטיק פליישׁ, נאָך אַ לעבל ברויט...

די ווייבער שווייגן גאָר. אין אַזעלכע געשפּרעכן האָבן זיי שוין גאָר־נישט וואָס צו זאָגן. זיי באַטראַכטן זיך נאָר די קליידער און מאַכן זיך געגנזייטיק קאָמפּלימענטן. נאָר דער גלח געגנטטי שלינגט אַראָפּ דאָס לעצטע שטיקל פּולקע, ער וואַרפט גיך אַוועק דעם ביין און זאָגט, באַלעקנדיק זיך:

— פּאַביאַניע, האָסט נישט קיין פאַנטאַזיע... הונגערן איז אַ גרויסע זאַך. איך האָב עס היינט געזאָגט: און ס'איז געווען טרוקן בײַ די מענער אין גומען און די פּיס געשוואָלן פון...

פּאַביאַן לאָזט זיך נישט. ער וויל דווקא אויסווייזן זיינס, און ער באַנוצט אַ שאַרף וואָרט. ער ווייזט אָן אויף דעם איבערגעבליבענעם האָזישן הינטערל און זאָגט:

— זעט, ווען מיר וואָלטן זיין איצט הונגעריק, וואָלטן מיר ווען אים פאַנטאַזירט און ער וואָלט אונדז געהאַט דאָ... אַזוי האָבן מיר אים...

נאָר דאָ שפּרינגט זאַרעמבאַ אויף, ער קערט אַריין אַ פול גלאָז ווײַן, אַז ער פאַרכליגעט זיך אַזש, וואַרפט דאָס גלאָז אין דער ערד און שרייט:

— פּאַביאַניע, האָסט אונדז באַליידיקט... האָסט באַליידיקט מיין פרוי, מיין...

איצט גייט אַוועק דאָס געשפּרעך זייער היציק.

פּאַביאַן גיסט אַ גלאָז נאָך אַ גלאָז און קלאַפּט זיך מיט פּאַננאַ מאַלגאָשאַ אין די גלעזער. זאַרעמבאַ וויינט פּלוצלינג אַרויס:

— פּאַביאַניע — קלאָגט ער — האָסט געמאַכט פון מיר אַ קאָפּירער, אַ שווינדלער... גיב מיר צוריק מיין זאַרעמבאַ... דעם אַמאָליקן סטאַניסלאַוו זאַרעמבאַ...

פּאַביאַן לאַכט:

— זאַרעמבאַ, — זאָגט ער — ביסט אַלע מאָל געווען אַ קאָפּירער... דיינע אָריגינאַלן זענען אויך קאָפּיעס, נאָר שלעכטע...

גלח געגנסטי פּרואווט שלום מאַכן:

— פּאַביאַניע — זאָגט ער מיט אַ וויסנשאַפטלעכן טאָן — זאָגסט נישט ריכטיק. אָריגינאַל איז דער אויסדרוק...

נאָר פּאַביאַן לאָזט אים נישט קומען צום וואָרט:

— אַלע — זאָגט ער — זענען מיר קאָפּירער. זאַרעמבאַ מיט זיין מאָלן, דו מיט דיינע קלוגע רייד, איך מיט מיינע אַנטיקן, נישט אמת, מאַלגאָשאַ?...

פּאַננאַ מאַלגאָשאַ קילט זיך מיטן וואַכלער דאָס צעהיצטע פּנים און פאַרריכט באַ פּרוי זאַרעמבאַ אַ קנעפּל אין דער בלוזקע. זיי שטייען ביידע ווייבער; קוקן אויף די מאַנסביל מיט רחמנות און מורא גלייכצייטיק, ווי תמיד פּראָסטע ווייבער זענען געוואוינט צו קוקן אויף די מענער, פון וועלכע מ׳מוז אַלץ אויסשטייען — נאָר זאַרעמבאַ וואַרפט שוין פלעשער אין דער ערד און באַקומט היסטעריק.

— רייצעס — שרייט ער — כ׳וועל דיך שעכטן, יודאַ, כ׳וועל דיך איבערגעבן צו פּאָליציי...

פּאַביאַן שטעלט זיך אַוועק געגן זאַרעמבאַן, ער נעמט אים דורך מיט זיינע בלישטשנדע אויגן און קוקט אים אָן פונקט, ווי ער איז עס געוואוינט צו טון מיט דער קאַץ זיינער, לאָזט זאַרעמבאַ אַראָפּ צום ערשט די אויגן, דערנאָך די הענט און בלייבט שטיין ווי היפּנאָטיזירט. פּאַביאַן פירט אים צו צו דער קאַנאַפּקע און באַפעלט:

—זאַרעמבאַ, לייג דיך צו. דאַרפסט מאָרגן קומען פרי אין אַנטיקוואַריום...

און זאַרעמבאַ פאָלגט, ווי אַ קינד, לייגט זיך אַוועק, וואו מ׳הייסט אים און פאַרמאַכט די אויגן. דער גלח געגנסטי קוקט אויף פאַביאַנען מיט אָנגעשטרענגטע אויגן, עפּעס שטויסט ער זיך אָן, אַז דאָ קומען פאָר עפּעס זייער געהיימע זאַכן צווישן די צוויי מענטשן, קוקט ער נאָך פאַביאַנען מיט חשד, פאַרשט אים נאָך ווי נאָך עפּעס אַ שלעכטן כוח און ער רעדט זיך איבער מיט דער פרוי זאַרעמבאַ. ער פירט מיט איר אַ מאָראַליש געשפרעך. ער ווייזט איר אויף די זינד פון שיכרות, ער מישט אַריין אַ סך לאַטיינישע ווערטער, שלוקערצט און גרעפּצט פון צופיל עסן און טרינקען און חזרט איבער, וואָס ער האָט היינט אַריינגעזאָגט דעם עולם:

– קינדער – האָב איך זיי געזאָגט – און ווען דער ווינשטאָק איז צייטיק געוואָרן און דיינע איילבירטן ריינען, געדענק אָן דעם הימלישן געשאַנק...

פאַביאַן שלעפּט מאַלגאָשאַן אין צווייטן חדר און צופּט מיט נערוועזע פינגער אין אירע טוליען. זי קוקט אים אויפן גרינעם שטיינדל און גלעט אים ביידע שפּיצן וואָנסן:

– פאַביאַנקו, האָסט מיר צוגעזאָגט דאָס פינגערל...

פאַביאַן שלייכט זי צו צו אַ ווינקל, פאַרבייסט איר די פולע ליפּן מיט זיינע שאַרפע ציין און שיפּעט ווי אַ שלאַנג:

– לאָזס מויד׳טשיסקע!... לאָז!...

*

אַז די געסט גייען אַוועק, נעמט פאַביאַן די איבערגעבליבענע שטיקלעך האָז און צוקערוואַרג, ער רופט אַריין די חיות זיינע און שפּייזט זיי מיט די יומטובדיקע מאכלים.

פאַרנאַכט דאַרפן קומען צו אים נייע געסט.

זונטיק פארנאכט קומען פאר טענץ בא פאביאנען. פון אלע בידעריקע און קרומע געסלעך ארום ווייסל קומען זיך צונויף שיקסעס מיט שקצים, מערסטנס זאמד-יונגען, פישערס מיט זייערע נייטארינס, און מ׳גייט צו פאן פאביאן אויף „טענץ״. פאביאן נעמט נישט געצאלט, חלילה! . . .

ער האט בלויז הנאה פון לערנען טאנצן. דערצו איז ער א דינער, א שלאנקער און א מאדנע פלינקער. די פיס אליין טאנצן בא אים. די טאליע זיינע איז אויך א דינע, אן איינגעפאסטע, אזוי, אז דער פראק ליגט אויף אים ווי איינגעוואקסן. און אזוי ווי די וואנסן און האר זיינע זענען געוואלטיק געקרייזלט און אויף די דארע לאנגע פינגער בליצן פארשיידענע קאלירטע שטיינדלעך — האלטן אים די שקצים און שיקסעס פאר אן אמתן טאנץ-מייסטער. און ווי נאענט ער זאל נישט צודריקן א שיקסע באם טאנץ, ווי ממוריש ער זאל נישט ארומנעמען א „כלה״ בא דער טאליע, זענען אים די זאמד-שקצים מוחל, גלייך ער זאל זיין אן אמתער טאנץ-מייסטער א פאכמאן און לעבן דערפון.

דערווייל, ביז זיי קומען זיך אן, די געסט, זיצט פאביאן אויף דער קאנאפקע, רייכערט א ציגאר, קוקט זיך צו צו די חיות, ווי זיי עסן די געשמאקע מאכלים און פרעגט זיי:

— נו, וואס, חברה, פאביאן האט פאנטאזיע? . . .

אז זיי האבן אפגעגעסן, הייסט ער „פודעלן״ מיט דער קאץ בלייבן אויף די ערטער און ער אליין נעמט ארויס די ביבל פון אלמער און זעצט זיך אוועק לערנען אויפן קול. פון אלע ביכער זיינע לייענט ער לעצטנס גאר די ביבל. עס איז אלנפאלס, האלט ער, די ערשטע קוועלע, נישט קיין קאפיע. און ער לייענט א פסוק נאך א פסוק און פארציט טיף דעם ציגאר.

אין שטוב איז ווארעם. א גרויסע פליג פליט ארום איבערן זאל און קלאפט איבער די לויטערע שויבן און פאביאן מישט א בלעטל נאך א

בלעטל. אים געפעלן די געהאַקטע זאַצן, די קורץ־געפּאַסטע בילדער און ער האָט הנאה דערפון, ווי ער זאָל עס לייענען דאָס ערשטע מאָל. „פודעל" זיצט דערביי און שווייגט, נאָר די קאַץ וויל נישט איינליגן אויף אַן אָרט. זי איז איבערגעפרעסן, גלאַנציק, דערצו לאָזט זי פּאַביאַן נישט אַרויס אין גאַס צו די קעץ און זי רייבט זיך מיטן עק אָן יעדער זאַך, זי גלאַנצט תאוהדיק מיט די אויגן און מאַכט מיאוסע שטיק מיט „פודעלן" און שפּילט זיך מיט אים מעשה הונט. פּאַביאַן כאַפּט זי בײַ דער מעשה, טרעט ער איר אָן מיטן פוס אויפן עק און דריקט פעסט צו:

– שפּיל דיך נישט גענאַרניק, הער אויס, וואָס מ'לערנט, באַלטאַזערקו!...

די קאַץ שרייט, שטייפט די וואָנסן, שטשירעט מיט די ציין און פּאַביאַן קלעמט איר דעם עק מיטן פוס און לערנט:

– „און דוד האָט געזאָגט צו אביגיל, ווען נישט דו, וואָלט איך נישט איבערגעלאָזט בײַ דיר אַפילו קיין „משתין־בקיר"... פאַרשטייסטו, „באַלטאַזאַר"?...

פאַרנאַכט, אַז די פערלעך קומען זיך אָן און פילן אָן דעם זאַל מיטן ריח פון ביליקע זייפן, שלעכטע פאַרפומען און איבערגעגעסענע מאָגנס, – שוועבט פּאַביאַן אַרום איבערן זאַל גיך און געשיקט, כאַפּט אַלע מאָל אָן אַנדער מויד בײַ דער טאַליע און זאָגט גראַמען סתם אין דער וועלט אַריין:

„פּאַניענקא ניע קיכאַי,
„יאַק קאָכאַש, ניע וווזדיכאַי...

אין זאָל איז הייס, טומלענדיק. אויף דער גאַס אַקעגניבער שטייען קליינוואַרג און פּאַטשן אָן די הענט, און פּאַביאַן האַלט זיך אין איין דרייען.

שפּעטער אַפילו הייבט אָן שמעקן אין שטוב מיט געשלעג.

פּאַביאַן לויפט צופיל פון איין שיקסע צו דער צווייטער און כאַפּט אַרויס בײַ אַ שייגעץ די מויד פון אונטער די הענט, שוין גאַרנישט ווי אַ טאַנצמייסטער. בײַ אַ שייגעץ גיסט זיך אָן דער קאַרק מיט בלוט און ער לאָזט אַראָפּ נידעריק דעם קאָפּ פאָרויס, ווי אַ האָן, וואָס גרייט זיך געבן אַ שפּרונג — נאָר פּאַביאַן גיט זיך פלינק אַ גליטש איבערן זאַל, ער גיט אַ פּאַטש מיט די הענט און טוט אַ געשריי אויף סאַמע פראַנצויזיש:

— אַן אַוואַ...

ווערט דער שייגעץ צעטומלט און גיט זיך אַ וויג אויףביידע פיס צום טאַקט, ווי אַ מאַריאָנעטקע אויפן דראָט. פּאַביאַן לויפט ווידער פון איין מויד צו דער צווייטער און פירט „אָפּקילן“ אין אַ ווייטערדיק שטיבל.

די מיידן גייען מיט אים.

ערשטנס, האָט ער פּאַפּוגעס אין יענעם שטיבל און ער ציט זיי מזל־קוויטעלעך און טרעפט אַלצדינג. חוץ דעם האַלטן זיי אים פאַר אַ גאָלדשמיד, גלייבן, אַז ער דאַרף געבן מתּנות און זיי פרעגן נישט דרייסט:

— פּאַניע פּאַביאַניע, דאָס דינע פינגערל מיטן שטיינדל וואָלט גוט זיין אויף מיין פינגער?...

פּאַביאַן שאָקלט צו. ער ברומט:

— גוט זיין... גוט זיין...

און ער ציט אויס נערוועזע פינגער. די מויד ווערט זיך. זי סאָפּעט, מורמלט:

פּאַניע פּאַביאַניע, מ׳וועט הערן!... פּאַניע פּאַביאַניע...

די פּאַפּוגעס ציען אויס קרומע שנאָבלען, קוקן מיט זייטיקע בליקן און רייסן זיך די גערגעס אויס, נאָכשרייענדיק:

— פּאַניע פּאַביאַניע־ע־ע!... פּאַניע פּאַביאַניע־ע־ע!...

# V

באַ פּאַביאַנען אין שטוב האָט אַן אויסערגעוויינלעכע זאַך געטראָפֿן:

אין מיטן נאַכט, באַ אַ געדיכטער פינצטערניש, האָבן זיך די קאַנאַרי־קעס פּלוצלינג צעזונגען און אויפֿגעוועקט פּאַביאַנען פון שלאָף.

פּאַביאַן האָט זיך אויפֿגעכאַפּט מיט שרעק.

אים איז תחלת אויסגעקומען, אַז ער האָט דאָס מאָל פֿאַרשלאָפֿן, אַז ער האָט אַריינגעדרימלט צופיל אין טאָג אַריין, און אים איז געווען אַ בושה פאַר זיך אַליין. ער האָט זיך אויסגעריבן די אויגן און געטראַכט שלעכטע געדאַנקען וועגן זיך אַליין:

— פּאַביאַנקו — האָט ער געמורמלט צו זיך — ביסט שוין אַן אַלטער תּרח... שוין צייט הינטערן אויוון, זיידעלע... צייט...

נאָר אַז ער האָט אַרויסגערוקט דעם ראָליעט איבערן פענצטער און דער־זען אַ שטיק טונקעלע גאַז־באַלויכטענע נאַכט, האָט ער זיך צוריק איבערנעדעקט מיט דער קאָלדרע און אַריינגעשריגן אין צווייטן צימער אַריין:

— „פּיקער״, נאָך צייט... הער קאַפּעלמייסטער, באַנאַכט דאַרף מע שלאָפֿן...

ער האָט שוין געוואָלט צוריק איינשלאָפֿן. נאָר די קאַנאַריקעס האָבן נישט אויפֿגעהערט שרייען. זיי האָבן געזונגען געדיכט, קוויטשענדיק און איינער האָט איבערגעריסן דעם אַנדערן. דערצו האָט איינער אַ קאַנאַריק ווידער אָנגעהויבן קרעכן זיך און, פּונקט ווי אַ מאָל, אַרייג־געוואָרפן עטלעכע מאָל:

— טשאַפּ, טשאַפּ, טשאַפּ...

פּאַביאַן האָט אָנגעשטרענגט די אויערן:

שוין אַ צייט, ווי ער האָט אַזעלכעס פון זיינע פייגל נישט געהערט. זינט ער האָט אָפּגעקויפט באַם אַלטן נאַכטוועכטער דעם קאַפּעלמייסטער „פּיקער", האָט ער אים אַלע קאַנאַריקעס אויסשטודירט. ווי נאָר אַ קאַנאַריקל פלעגט נעמען אַ פאַלשן טרעל, אָדער אָנהייבן הוסטן, האָט פּיקער אָנגעהויבן אַזוי לאַנג זינגען, אַזעלכע קונצשטיקלעך באַווייזן, אַז אַלע האָבן אָנגעהויבן מיטזינגען מיט אים, זינגען פּונקט אַזוי ריין און קלינגענדיק ווי ער אַליין. איצט זינגען אַלע אויף אַ משוגענעם אופן, דער „טשאַפּליאַק" מאַכט ווידער מיאוסע שטיק און „פּיקער" גיט קיין פּיפּס נישט, — איז פאַביאַן אַראָפּ אין די נאַכט-וועש פון בעט.

ער האָט גענומען אַ ליכט אין האַנט און אַריין צו די פייגל.

ער האָט געעפנט האַסטיק די טיר, געוואָלט צוגיין צו די שטייגן, — נאָר עטלעכע פעדערלעך זענען אים אַנגעפלויגן, געטשעפּעט זיך אים פאַר די אויגן, — איז ער געבליבן שטיין אויפן אָרט און אויסגעגלאָצט אַ פּאָר שטאַרע אויגן:

אין מיט שטוב, אויף אַ קליינעם טעפּיך, איז געלעגן „באַלטאַזאַר", צורומגערינגלט פון אָפּגעפליקטע פעדערלעך. דורך די געפלאָכטענע דראָטן פון די שטייגן האָבן די קאַנאַריקעס אַרויסגעשטעקט ברייט צעעפנטע שנאָבלען און געפישטשעט ביז טויב ווערן.

פאַביאַן האָט געמאַכט אַ טריט פאָרויס. איין טריט פאָרויס. אים איז גלייך געקומען אויפן געדאַנק זיין „קאַפּעלמייסטער". ער האָט נאָך פונדעסטוועגן געפרואווט זיך איבערצייגן. ער האָט גענומען עטלעכע טרעלן און גערופן:

— קאַפּעלמייסטער, טיו, טיו, „פּיקער" פּיו, פּיו...

נאָר אַז אָנשטאָט „פּיקערן" האָט זיך דער טשאַפּליאַק אָנגערופן און אָפּגעהוסט עטלעכע מאָל, האָט פאַביאַן געמאַכט נאָך עטלעכע טריט און געבליבן שטיין מיט אַפּאָר אויסגעגלאָצטע אויגן קעגנאיבער דער קאַץ.

„באַלטאזאר“ האָט זיך נישט אָפּגערוקט אויף קיין האָר.

מיט פאַרבלוטיקטע ציטערדיקע וואָנסן, מיט שטייפע האָר און מיט אַן אויסגעצויגענעם אָנגעשטרענגטן רוקן, איז ער זיך געזעסן צווישן די פעדערלעך פון זיין קרבן און נישט קיין ריר זיך געטאָן פון אָרט. ער האָט בלויז פאַרהויבן דעם ווידל אין אַ בויגן, אויסגעצויגן די נעגל פון זייערע ווייכע קישעלעך און מיט אַ מאָדנער, נישט-קעצישער עקשנות אויסגעהאַלטן פּאַביאַנס בליק.

א ווילע איז אין שטוב געווען שטיל, אָנגעשטרענגט שטיל. אַפילו די פייגל האָבן אויפגעהערט פּישטשען.

באַ פּאַביאַנען האָבן די אויגן געבליצט, די וואָנסן האָבן זיך באַוועגט און די געבויגענע נאָז זיינע האָט זיך אַזוי שנאָבליש פאַרשאַרפט, ווי באַ אַ רויב-פויגל, וואָס לאָקערט אויף אַ קרבן. אים האָט געפיבערט אַ פוס, די הענט האָבן געציטערט און די פינגער האָבן געקלאַמערט, פילנדיק אַ אומגעהייערן חשק צו ווערגן.

ער האָט געוואַרט, פּאַביאַן.

ער האָט געוואַרט, אַז די קאַץ זאָל שוין אַראָפּלאָזן דעם בליק, געבן זיך אַ רוק אונטער זיך, אַ סימן, אַז זי גיט זיך אונטער — און דאַן נעמען זי אויפן פאַרהער... נאָר זי האָט זיך נישט באַוועגט. זיכער אין איר אָפּגעטוענער זאַך, ריכטנדיק זיך אויף דער גאַנצער שטראָף פון איר באַלעבאָס, האָט זי זיך נישט געפּרואווט אויסבאַהאַלטן אָדער אָפּציען. זי האָט זיך נאָר אָנגעשטייפט, געהאַלטן גרייט יעדער אבר, וואָס האָט נאָר עפּעס אַ שטיקל כוח און נאָכגעקוקט יעדער פּאַביאַנס באַוועגונג, כדי צו וויסן פונוואַנען די סכנה גייט.

זיי האָבן זיך געגעסן מיט די אויגן, געשטייפט די וואָנסן און געוואַרט, ווער פריער זאָל אָנהייבן, — נאָר אָט האָט „פודעל“ געגעבן אַ שטויס „באַלטאזאַרן“ פון אַ זייט און אים איבערגעדרייט מיטן קאָפּ אַראָפּ און

פֿיס אַרויף, האָט פֿאַביאַן אַ פֿלינקן שפּרונג געטון און אויגנבליקלעך אַריינגעכאַפּט דעם קאַצישן עק אין קלעם־העלצל. „באַלטאַזאַר“ האָט אָנגעהויבן לויפֿן איבער דער שטוב, יאָגנדיק זיך אין אַ רעדל נאָכן אייגענעם פֿאַרקלעמטן עק — און פֿאַביאַן האָט זיך באַטראַכט דעם גראָבן פֿינגער, וואָס האָט געכאַפּט אַ טיפֿן ראַץ פֿון נאָגל ביזן קנאָך. ער האָט עטלעכע מאָל אָנגעהויכט די אָפּגעטרעטענע הויט מיט דער פֿאַרע פֿון מויל, כדי צו לינדערן דעם הייסן ווייטיק און בעת־מעשה נישט פֿאַרגעסן רייצן „פּודעלן“ אויף „באַלטאַזאַרן“:

— פּ־ס־ס־ס... „פּודעל“, פּ־ס־ס־ס...

דאָס מאָל האָט ער אַלס באַלוינונג „פּודעלן“ נישט געצוואָגן, ער האָט אים געגעבן שטיקלעך צוקער איינס נאָכן אַנדערן און געגלעט אים די פֿייכטע מאָרדע:

— „פּודעל“, ביסט אַ הונט מיט ביינער. אַ גאַנץ טעוועלע שאָקאָלאַד וועט מען זיך פֿונדעווען באַ פֿאַננאַ מאַלגאָשאַ...

פֿאַרן אַרויסגיין אין גאַס, איז נאָך פֿאַביאַן אַריין זיך געזעגענען מיט „באַלטאַזאַרן“.

באַ אים איז שוין געווען פֿאַרטיק אַ באַשלוס: לאָזן אים אַזוי אין קלעם־העלצל ביז פֿאַרנאַכט. ער איז נאָר אַריין כאַפּן אַ בליק, ווי אַזוי ער פֿילט זיך, און זעענדיק אים דרייען זיך אין ראָד, האָט ער אים אונטערגעקנאַקט מיט דער צונג, און פּונקט ווי זונטיק צו די שקצים, קאָמאַנדעיועט אויף פֿראַנצויזיש:

— אַן אַוואַ מאַסיע „באַלטאַזארוס“... אַן...

„באַלטאַזאַר“ איז זיך צעגאַנגען אין אַזאַ פֿלינקן קרייז, אַז פֿאַר די אויגן האָט מען מער נישט געזען ווי אַ בלענדנדיקן פֿלעק. פֿאַביאַן האָט צוגעפּאַטשט מיט די הענט און געלאַכט מיט אַ פֿול מויל געלעכטער:

— פֿײַן, פֿײַן „באַלטאַזאַרוס“... וואַקסט אַ באַלעטניק, מײַן פֿרײַנט... אַן אמתער באַלעטניק...

*

אין פֿאַביאַנס אַנטיקוואַריום האָט אַ מידע זון, ווי זי וואָלט קראַנק זײַן אויף געלזוכט, אויסגעלייגט זיך אין אַ ריזיקן דרײַ־עק.

פֿאַביאַן האָט אַוועקגעלייגט אויפֿן טישל דעם האַמער מיט דער דלאָטע, מיט וועלכע ער האָט געמייסטרעוועט באַ עפּעס אַ שפּיז, און ער האָט שטייענער אַרומגעבאַנדאַזשירט דעם גראָבן צעראַצטן פֿינגער, וואָס האָט אים געשמאַרצט פֿון צופֿיל אַרבעטן מיטן האַמער.

ער האָט געהאַט איצט אַ שווער שטיקל אַרבעט אָפּצוטון.

יענע וואָך נאָך איז צו אים אַראָפּגעקומען אַ מאָדנע קליענט. אין מיטן הייסן טאָג, אין גאַנצן קאָך און טומל, האָט זיך מיט אַ מאָל אַ קאָטש, אין פֿיר פֿערד געשפּאַנט, געלאָזט זיך איבערן „מקום“ — און דער קוטשער, אַ פֿאַרשוין אַ ריז, האָט געוואַלטיק געפּאָכעט מיט זײַן לאַנגער בײַטש איבער אַלע קעפּ און גלײַך אויף די מאַרק־לײַט און זייערע שטעלעס אַרויפֿגעפֿאָרן.

די האָט זיך אָפּגעשטעלט, די קאַרעטע, נעבן פֿאַביאַנס אַנטיקוואַריום און אַרויסגעלאָזט אַ יונגמאַן מיט קורצע ייִנגלערישע הייזלעך און מיט אַזעלכע דינע פּיס, אינגאַנצן ענלעך צו די אויסגעמאָלטע פּרינצן אויף די ביליקע פֿאַרצלייענע טעלערס.

תּחילת איז דער פֿאַרשוין פֿאַביאַנען געפֿעלן געוואָרן. דאָס איז געווען אַ יונגערמאַן מיט אַ דין בלאַס פּנים, שמאָלע אַקסלעך און מיט גרויסע העלע אויגן, אַזעלכע קינדערישע און פֿאַרטראַכטע, כאָטש טרוי זיי אָן אומגעצײַלט אַלע אוצרות פֿון דער וועלט. נאָר באַלד האָט דער דאָזיקער יונגער פֿאַרשוינדל אָנגעהויבן זיך שטאַרק באַרימען און אַרויסווײַזן געוואַל־

טיקע מבינות אין אַרכיעאָלאָגיע. פּאַביאַן האָט אים געוויזן פאַרשיידענע אַנטיקן, נאָר ער האָט אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט:

— שווייַנערייַ. מיאוסקייט... עפּעס רעכטס גיט אַהער.

פּאַביאַן האָט אים געוויזן דאָס בעסטע, נאָר דער יונגערמאַן האָט אַלץ מביניש אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט:

— עפּעס פייַנס... אָריגינעלס...

— אָריגינעלס? —

פּאַביאַן האָט אים דורכגענומען מיט די אויגן און אַוועקגעפירט אים צום „מיסטקאַסטן", דאָרט, וואו ער האַלט אַלערליי בראָך, שמעלץ און קלייניקייטן. ער האָט אים אָנגעוויזן מיט אַ פּרעכטיקער באַוועגונג אויף דער קופּע חפצים און געזאָגט:

— אָט דאָס איז עס... קלייבט מייַן הער...

דער יונגערמאַן האָט געקליבן, געוואָרפן אָן אַ זייַט, אָפּגעהוסט פון שטויב, וואָס האָט אים געשטיקט און ענדלעך אויסגערופן מיט אַנטציקונג:

— אָט דאָס איז עס... טפוי, ווי פאַרשטויבט דאָ איז אַלץ...

דאָס איז געווען אַ שפּיז, אַן אומגעלומפּערטע בראָנזענע שפּי גע נענדיק זי אין שטויב, אין מיסט, איז דער יונגערמאַן געווען ג.יב.ר- צייגט, אַז דאָס דאַרף זייַן גאָר אַן אַלטערטימלעכקייט, אַ זאַך נ... ון דער בראָנזענער עפּאָכע. אים איז געגאַנגען אין דעם, אַז ער זאָל האָבן אַנטדעקט עפּעס אַן אוצר ביי אַ ר י י צ ע ס אויף אַלטשטאָט, צווישן מיסט און שטויב און אָפּקויפן עס פאַר אַ שיבוש. ער האָט דעריבער געמאַכט אַ קאַלטע גלייכגילטיקע מינע און געפרעגט מיט אַ האַלב מויל:

— וויפל אייך געבן פאַר דעם „גראַט"?...

פּאַביאַן האָט זיך אָנגענומען באַ ביידע וואָנסן, אַרויפגעדרייט זיי עטלעכע מאָל און געלאַסן געזאָגט:

— אַ פינף־הונדערטער... אַ גאַנצן פינף־הונדערטער...

דער יונגערמאַן איז געווען אַנטוישט. ער האָט אַ טאַפּ געטאָן פאַרלעגן אין קעשענע און זיך אַנטשולדיקט:

— איר וועט מיר מוזן אָוועקשטעלן דעם אוצר אין אַ ווינקל, איר באַקומט אַ הונדערטער האַנט־געלט — געמאַכט?...

פאַביאַן האָט צוגענומען דעם באַנקנאָט און אָוועקגעשטעלט די שפּיז אין אַ ווינקל. ער האָט שווייגנדיק צוגעטראָגן דעם קליענט אַן אָל און שטיל געזאָגט:

— איר קאָנט אויסקריצן אַ סימן, אויב איר ווילט, ביטע...

נאָר דער יונגערמאַן איז שוין ווייטער אַריין אין באַרימעריי און אָוועק־געמאַכט מיט דער האַנט:

— מיך איז שווער צו נאַרן, מיין פריינט. איך בין אַ געשלאָגענער הונט...

האָט פאַביאַן אויסגעלייגט די אָל. אַ שמייכל האָט צעצויגן זיינע וואָנסן און די נאָז זיינע האָט זיך נאָך שאַרפער פאַרשנאָבלט, ווי תמיד בעת ער האָט צוגעטראַכט עפּעס אַ שפּיצל, אַן תמצאהלע...

דער יונגערמאַן איז אָוועק מיטן זעלבן קנאַק, וואָס פריער. דער קוטשער, דער ריז, האָט געפאָכעט איבער די קעפּ מיט דער לאַנגער בייטש און גלייך אויף די מאַרקלייט און זייערע שטעלעס אַרויפגעפאָרן, — און פאַביאַן האָט גלייך זיך אויסגעזוכט אַן ענלעך שטיק בראָנז און גענומען מייסטרעווען אַ קאָפּיע.

אין אַנטיקוואַריום איז שטיל, רויק.

די בראָנזן און מאַרמאָרנע פיגורן, אָנגעוואָרפענע, צוזאַמענגעקוועטשטע, ליגן אַ העלפט אין דער זון, אַ העלפט אין שאָטן, ליגן אַזוי שטיל, פאַרגליווערט, ווי הרוגים אויף אַ פאַרלאָזן שלאַכטפעלד. בלויז אין דער הייך, איבער אַלעמענס קעפּ, שטייט נאַפּאָלעאָן אַ שווערער, אַ שווייגנדיק־

פאַרביסענער און קוקט מיט זיינע אומעטיקע אַראָפּגעלאָזענע אויגן אויף די חורבות אַרום זיך. פאַביאַן אַרבעט אָנגעשטרענגט מיטן האַמער, פו־געוועט מיט דער דלאָטע און טענהט צו „פודעלן”, וואָס זיצט נעבן אים אויף זיין פאַטערשטול:

— אַ שווער שטיקל אַרבעט, אַרכיעאָלאָגיע, גאָר אַ שווערע...

פון דערהייך, וואו די גאַליערקע איז, הערן זיך טריט, שווערע מידע טריט, וואָס גייען הין און צוריק אויסגעמאָסטן און גלייך. פאַביאַן הערט זיך צו צו זאַרעמבאַס טריט און ער רופט אים אַראָפּ:

— סטאַשו,

מיסטזש נא פאדאשו...

זאַרעמבאַ רופט זיך נישט אָן.

ער ווייסט, אַז פאַביאַן מאַכט עפּעס ווידער אַ מיאוס שטיקל אַרבעט, און ער וויל נישט קוקן דערויף. ער וויל עס נישט זעען מיט די אויגן. פאַביאַן שמירט דעם בראָנז מיט עטלעכע־ערליי וויערשטאָפן, מאַכט אים אַלט און פאַרראָסטעט און כאַפּט דערוויל אַ בליק צום באַנדאַזשירטן פינגער זיינעם און בלאָזט אָפּ דעם בראָנזענעם שטויב, וואָס פאַלט אויף אים. ער זעט ערשט איצט, אַז די שווערסטע קאָפּיע איז צו מאַכן פון אַ נאַרישקייט. ער טראַכט וועגן דעם, וואָס די אור־זיידעס זענען געווען געוואַלטיק טעמפּ, אומגעלומפּערט און ער גערענקט אויך, אַז די צייט רוקט זיך און אַז נאָך היינט דאַרף קומען דער פאַרשוין מיט די דאַרע פיס און קורצע הייזלעך נאָך זיין בראָנזענעם אוצר.

שפּעטער, אַז זאַרעמבאַ קומט אַראָפּ און פרעגט זיך:

— האָסט עפּעס געוואָלט, פאַביאַן?...

שמירט פאַביאַן ווייטער זיין שפּיז און רעדט, נישט קוקנדיק צו זאַרעמבאַן:

— גאָרנישט, איך האָב דיר נאָר געוואָלט זאָגן אַן אַפאָריזם: די שווער־

סטע פארם — האָב איך געטראַכט — איז די פּאָרמלאָזיקייט, נישט אַזוי „פּודעל״ !

*

נאָכמיטאָג איז די שטימונג אין אַנטיקוואַריום אָן אָנגעשטרענגטע. דער יונגער אַמאַטאָר באַטראַכט נאָך אַ מאָל די שפּיז, וואָס פאַביאַן האָט נישט לאַנג פאַרענדיקט, און ער שאָקלט צו מיטן קאָפּ:

— אינטערעסאַנט — פרעגט ער — אין אייערע קאַטאַלאָגן איז קיין זאַך נישט פאַראַן וועגן איר, הער מייסטער ?...

פאַביאַן פּוצט מיטן בעזעמל דעם שטויב פון די אַרומיקע חפצים אַזוי פאַרטון, אַז ער הערט אַפילו נישט, וואָס דער יונגערמאַן רעדט. דער אַמאַטאָר גייט דערפאַר אַריבער אין אַ געשפּרעך מיט זאַרעמבאַן און דעם גלח געגנסטי, וואָס שטייען ביידע אין מאַגאַזין. ער רעדט ענטוזיאַסטיש, גלייבנדיק זיך אַליין זיינע פאַנטאַסטישע אַרכיעאָלאָגישע פאַסירונגען. ער דערציילט מאָדנע זאַכן, רופט אָן עקזאָטישע נעמען פון לענדער און זאַכן און פאַרענדיקט אַלע מאָל:

— מיינע הערן, איך בין אַ געשלאָגענער הונט. אַלע ציין אויפגעפרעסן דערביי...

זאַרעמבאַ צעגייט זיך אין נחת און גלעט זיך ביידע וואָנסן, אָן אָנצוהערעניש, אַז אויך ער איז נישט עפּעס קיין ליאַדע ווער. פון יונגנמאַנס פאַסירונגען הייבט אָן צו שלאָגן דאָס בלוט צו די שלייפן. אים פּייניגט דער סוד זיינער. ער פילט, אַז אויך ער, זאַרעמבאַ, וואָלט איצט געדאַרפט באַווייזן עפּעס העראָישעס, עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל מאַכן אַ געוואַלטיקן רושם, אַן אומגעהייער גרויסן רושם. ער זעט שוין וואָסער איינדרוק ער מאַכט סיי אויף דעם אַריסטאָקראַטישן יונגנמאַן, סיי אויפן געלערנטן רעקטאָר געגנסטי. די האַנט קיצלט אים, זי האָט

שטאַרק חשק צו געבן זיך אַזאַ צי-אויס אין אַ העלדישער פּאָזע, און די ליפּן ציטערן, גרייט אַרויסצולאָזן דעם גרויסן סוד, דעם באַהאַלטע-נעם סוד, וואָס פייניגט זיי אַזוי לאַנג. ער גיט אַ באַוועג מיט דער האַנטע, שלינגט אַראָפּ אַ שטיקל שפּייעכץ אין האַלדז, גרייט אָנצוהייבן רעדן — נאָר אין דעם אויגנבליק שטייט אים פּאַביאַן אין די אויגן, ער נעמט אים דורך מיט זיינע שאַרפע בליקן, דרינגט אים אַריין אין די ביינער און זאָגט:

— זאַרעמבאַ, פאַרשטעלסט מיר די ליכט...

לאָזט זאַרעמבאַ אַראָפּ צום ערשטן די אויגן, דערנאָך די הענט און רוקט זיך לונאַטיש אָפּ אָן אַ זייט.

אַז דער יונגערמאַן פאָרט אַוועק און לאָזט איבער נאָך זיך אַ קנאַל פון אַ בייטש, הייבט זיך ערשט געגנסטי אָן צו אַנטציקן אויפן גאַנצן קול. ער איז אים מקנא, דעם יונגנמאַן, אויף זיין אוצר, כאָטש ער ווייסט, אַז קנאה איז נישט קיין פיינע טאַט, ער באַלעקט זיך אַזש פון אויפ-רעגונג און מורמלט פייכט:

— ר'איז זי ווערט, דער יונגערמאַן... ר'איז „זי" ווערט...

איצט נעמט פּאַביאַן אַרויס פון הינטערן טיש דעם אָריגינאַל, דערלאַנגט אים געגנסטין אין האַנט און לאַכט:

— פאַר דיר, געגנסטי, איז אַ קאָפּיע אויך גענוג, נאַ!...

געגנסטי טאַפּט דעם בראָנז מיט בײדע הענט, האָט מורא צו נעמען אים, ווי ער וואָלט מורא האָבן פאַר פּאַביאַנס אַ ניי שפּיצל, פאַר גרויס פאַר-לעגנהייט ווישט ער די הענט אין דער קאַפּאָטע. זאַרעמבאַ שטייט אָן אַ זייט און די אויגן עפּענען זיך באַ אים אַזוי ברייט, שיער זיך צו צערייסן.

אויף אַזעלכעס האָט ער זיך שוין גאָרנישט נישט געריכט! ער וואַרפט בלייערנע בליקן דאָ אויף דער שפּיז, דאָ אויף פּאַביאַנען. זיין קאָפּ איז

אים שיער, צעשרויפט פון דעם פלוצלינגדיקן שדישן טאט און זיינע ליפן ברומען:

— פאַביאַן... פאַב...

פאַביאַן פאַרשטעלט אים מיט דער האַנט פאַרן מויל, און דראָט מיט אַ פינגער פאַר דער נאָז:

— מרו, מרו, מרו... שאַ...

גענסטי איז שוין איצט אינגאַנצן צעטומלט. ער קוקט מיט די לויטערע אויגן זיינע אויף אַלע זייטן, ווי ער וואָלט וועלן כאַפּן די המצאה דער־פון און סטראַשעט, ווי ער וואָלט שוין זיך געכאַפּט:

— איי, פאַביאַן, איי!...

פאַביאַן נעמט זאַרעמבאַן פאַר אן ארבל, גענסטין פאַר אַ האַנט און פירט זיי צו דער טיר:

— קומט צו פאַננאַ מאַלגאַשאַ, וועלן מיר טרינקען גענסטיס בענעדיקטינער...

גענסטי שיינט. ער ווייסט, אַז אויב פאַביאַן רעדט וועגן בענעדיקטינער, מיינט ער עס ערנסט מיט דער מתנה — פוצט ער זיך די פאָלעס פון שטויב און כאַפּט פאַביאַנען באַ אַ קני:

— דריי בענעדיקטינער, פאַביאַנעק, און האָניק - ברייטלעך דערצו...

פאַביאַן קיצלט זאַרעמבאַן אין בויך און ווינקט צו גענסטין מיט די אויגן און וואָנסן צוזאַמען:

— יאָ, יאָ, און בילדלעך איטאַליענישע, און רעפּראָדוקציעלעך אינטע־רעסאַנטע... נישט אמת, גענסטי?...

# VI

צומאָרגנס באַלד אין דערפרי האָט פאַביאַן גענומען „באַלטאַזאַרן" אויף אַ שטריקל און געלאָזט זיך צו יענער זייט ווייסל אים טרענקען.

אויף מאַריענשטאַט איז געגאַנגען אַ קליינע באַוועגונג. פאַרשלאָפענע אַרבעטער מיט טעפּלעך אין די הענט האָבן זיך געאײַלט איבער די צעדרייטע שלעכט־געפלאַסטערטע טראָטואַרן, אויסמײַדנדיק איינער דעם אַנדערן אין גאַנג. פאַרזאַמדיקטע גוים האָבן געפירט פורלעך ציגל און נאָכגעשלעפּט די פאַרשלאָפענע פיס אַן ברוק. פון די רינעס פון די אַלטע צעהויקערטע הייזער זענען ווייסלעכע שנירלעך וואַסער מיט זייף געראָנען אין די רינשטאָקן און אָנגעפילט אַרום זיך ריחות פון ברודיקער וועש, פון געפרעגלטע חזיר־גריוון און פון שווייסיקן פרויען־לייב, — און פאַביאַן איז זיך געגאַנגען אַן אויסגעפוצטער, אַן אויסגעקריזלטער און שפּאַצירט געלאַסן מיט „באַלטאַזאַרן" אויף רעכטס און „פודעלן" אויף לינקס.

אויף דער גאַס שטעלט מען זיך אָפּ.

דאָ קענען אַלע פאַביאַנען און מ׳באַגריסט אים. די אַרבעטער אײַלן זיך. די פאַבריק־פייפלעך רופן זיי, דרייען זיי זיך נאָר אויס פון הינטערוויילעכטס, האַלטן זיך קוים איין, זיי זאָלן נישט אָנלאַכן דעם פאַן פאַביאַן אין די אויגן, און שרייען:

— פאַניע פאַביאַניע, זעצט זיך אויף איר רייטן!

די גויעס, וואָס לאָזן זיך צום „מקום" אײַנקויפן, זיי האָבן שוין מער צייט, פאַרנייגן זיי זיך פאַר פאַביאַנען און וויצלען זיך:

— פאַניע פאַביאַניע, איר פירט זיי אויפן אָקסן־מאַרק, הנ?...

פאַביאַן ציט דעם ברוינעם האַרטן קאַפעליוש און זאָגט מיט אַ שמייכל:

— כ׳פיר זיי אין באָד אַריין, טײַבעלעך, אַביסעלע אונטערטונקען...

די ווייבער לאַכן. זיי האָבן אַלעמאָל ליב כאַפּן אַ שמועס מיט אים, דעם פאַן פּאַביאַן. ערשטנס, זאָגט ער זיי מאָדנע גראַמען, אַז מ׳קאָן זיך צעשיטן פון געלעכטער. צווייטנס, זאָגט ער אַ סך מאָל אַ פעט וואָרט אַריין, אַזעלכעס, וואָס קאָכט אויף דאָס אָפּגעשטאַנענע בלוט פון די טריט ביזן „גרעק". אַ סך מאָל האָט ער אַפילו ליב טאָן אַ קיצל אויך. — און זיי האָבן אים גערן, די ווייבער פון אַרום ווייסל. זיי גייען אַריבער צו אים אויפן טראָטואַר, באַטראַכטן די קאַץ, וואָס איז איצט
נאָך גרעסער, אָנגעבלאָזענער, ווי שטענדיק, און פּרואוון טרעפן:
— מסתמא אַ וואַזע צעבראָכן, דער מזיק, אָדער אַ פלאַש ווייַן איבער-
געקערט, נישט אמת, פאַן פּאַביאַן? —
פּאַביאַן ציט-אונטער דאָס שטריקל, שלעפּט די קאַץ, וואָס איז אינגאַנצן געשוואָלן און מיט אויפגעשטעלטע האָר, און סמאָטשקעט צו „פּודעלן":

— פּס-ס-ס, „פּודעל", פּס-ס-ס! . . .

„פּודעל" שפּאַרט אונטער „באַלטאַזאַרן" פון הינטן און דער בויך קאָכט בײַ אים פון הנאה און חידוש: וואָס, וואָס, נאָר גיין מיט אַ קאַץ שפּאַצירן, דאָס האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געזען. ער האָט שטאַרק חשק אָנהייבן אַ שפּיל מיט „באַלטאַזאַרן", איבערקערן זיך אַ ביסעלע
אויף דער ערד פון גרויס שמחה און וואוילטאָג.

„באַלטאַזאַר" איז נישט אויפגעלייגט זיך צו שפּילן. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ער איז שוין אַ גאַנצע נאַכט באַפרייט פון קלעם, טוט אים נאָך דער ווייַדל אַזוי ווי, פילט ער נאָך אַזאַ בראַנדיקע שווערקייט אין אים, ווי אים וואָלט זיך נאָכשלעפּן אַ שווערע שייט ברענענדיק האָלץ, וואָס בראָט און קלעמט גלייכצייטיק. ער איז זיכער, „באַלטאַזאַר", אַז דאָס קלעם-העלצל זיצט ווייטער אויפן ווייַדל. ווען ער זאָל קאָנען, וואָלט ער זיך איצט ווידער אַזוי געלאָזט אין אַ ראָד, געלאָפן גיך,

גיך

וו, אַזוי גיך, ביז ער זאָל מיטן פּיסק דעם אייגענעם בראַנדיקן יידל דערגרייכן און אָפּבייסן אים, מיט די נעגל אים צעפּליקן, אויף פּיק=פּיצלעך צעטרייבערן. ער דרייט דעם קאָפּ, שטרענגט אָן די נעגל און ציין אַזוי שאַרף, אַזוי ראַציק, ער שפּאַרט=אונטער דעם אויסגעצויגענעם רוקן מיט אַזויפיל בויגיקייט, מיט אַזאַ גיכקייט, כאָטש נאָר אָנצוהייבן פליען, שוועבן איבער דאַך און קוימען, איבער קעפּ און סלופּעס, און יאָגן זיך ערגעץ ווייט, ווייט. נאָר פּאַביאַן ציט באַם שטריקל, ציט אַזוי פעסט אַרום אָנגעשוואָלענעם האַלדז, אַז דאָס שטריקל שניידט זיך איין איינגאַנצן צום ערשט אין דער פעל, דערנאָך אין פלייש און ווערגט, פאַרקלאַמערט די צונג און פאַרציט עפּעס אַזוינס אַרום די אויגן, אַז אַלץ ווערט שוואַרץ.

דערצו טשעפּעט זיך נאָך „פּודעל“ אויך. ער גיט אַלעמאָל אַ שטויס פון הינטן און בייסט זיך איין אין געשווילעכטס מיט די שפּיציקע ציין — און „באַלטאַזאַר“ לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, בייגט איין די קניען און גייט ווייטער גלייך און אונטערטעניק.

אַרום בריק קאָכט. שיפן גרעסערע און קלענערע לאָדן אויס פון זיך משאות, און קולות, עכאָדיקע און ווייטע, דורכגעזאַפּט פון וואַסער און ווינט, טראָגן זיך אין לופט און ווערן פאַרפאַלן אין די שווערע אייזערנע זיפצן פון די הוידנדיקע אייזערנע בריקן. פון אַקעגנאיבער, פון אַ פלאַכער דערהייבונג שטייט די שטאָט אַ ציגל-רויטע, אַ געלאַטעטע, אַ הויקערדיקע און קוקט מיט נייגעריקייט אַהער צום וואַסער און צו זיינע באַשעפענישן. זי שטייט אַ צוזאַמענגעקוועטשטע, אַן אַרומגעגאַרטלטע, באַדעקט מיט רויטע און גרינע צעפּליקטע דעכער, מיט פּיס אויף קעפּ, מיט אונטערגעשטעלטע שטיינערנע אויערן, אויפצוכאַפּן אַ פרעמדן סוד, און מיט שוואַרצע פאַרבראָכענע הענט, מיט פאַרקאָפּטשעטע קוימענס און גלאַנציקע צלמים, פאַרריסן אין דער הייך.

פאַרהילט אין פרימאָרגנדיקן טוי, באַגילדט פון אַ שטיק זון, זעט זי אויס איצט, ווי אַ ריזיקער שטיינערנער אָפּגאָט, וואָס קוקט זיך צו צו די טויזנטער קרבנות און מתנות, וואָס מ׳פירט פאַר זיין ריזיקן פרעסערישן מזבח.

דער ברעג זידט. ער שלאָפט נאָך, דער שטיינערנער געטש, דרימלט נאָך דערווייל, נאָר באַלד כאַפּט ער זיך אויף, באַלד ציט ער אויס זיינע ריזיקע גלידער און מ׳גרייט פאַר אים: מ׳גרייט פלייש, לעבעדיקס און געשאָכטנס, פון וועלכן דאָס וואַרעמע בלוט רינט נאָך פון די העלדזער און פאַרגיסט דעם שטיינערנעם ברוק. פישער־יונגען האַלב נאַקעטע, דורכגעווייקטע, שניידן זיך אין וואַסער, שפּייען קופּעס זילבערנע פיש אַרויס און וואַרפן זיי אין ריזיקע קוישן. פויערן, שלעפעריקע, פאַרדרימלטע, פירן זייער אַרבעט, זייער פעלדישע ברכה אויף קליינע פורלעך שטרוי, און פלאַטפאָרמעס, ריזיקע, טרייסלענדיקע און פולגעפּאַקטע שלעפן זיך איבער די אייזערנע בריקן, פירן שפּייז און סחורות, ווייבער און פּרוכטן און ציען זיך אַהין, אַהין, צום דרימלענדיקן שטיינערנעם געטש, אין זיין ריזיק פרעסערישן מאָגן.

פאַביאַן גייט געגן שטראָם, אַהין צו דער צווייטער זייט שטילן, אָפּגעלאָזענעם ברעג און בייט אויס דאָס שטריקל פון דער רעכטער האַנט אין דער לינקער. דאָס שטריקל שניידט זיך אים איין אין דער האַנט, שמאַרצט אים אין פאַרבאַנדאַזשירטן פינגער, און ער בייט עס פון האַנט צו האַנט. ער פאַרקערעוועט אַוועק צום אָפּגעפליקטן ברעג, וואָס ציט זיך אַוועק לענגויס דער ליניע און ער שטויבט מיט די פיס אין דער שוואַרצער ערד, וואָס איז דורכגעווייקט פון רויך, שטיינקוילן און מיאוסע שטראָמלעך, קאַנאַלן פון פאַבריקן און אומריינע ערטער.

ער זעצט זיך אַוועק אויף אַן אָפּגעקראָכן בערגל, וואָס האָט נאָך

עטלעכע געציילטע גראָזן און וואַרפט אַ בליק אַהין, צום שטיינערנעם
אָפּגאָט, וואָס הייבט אָן לאָזן די ערשטע רויכן צום העלן הימל.

ער דערקענט אַלץ, דערקענט יעדע רויטע און גרויע לאַטע, יעדן גרי. עם פלעק, יעדן טורעם און צלם. ייִנגלוויז איז ער דאָ נישט איינמאָל געזעסן, געהאַלטן אַ סקיץ־בוך אויף די אונטערגעשטעלטע קניען און געצייכנט. אַ סך מאָל איז ער מיט אים, מיט זאַרעמבאן, דאָ געזעסן. אָט איז נאָך דער זעלבער דאַך, וואָס קוקט אַרויס פון צווישן צוויי הויכע מויערן. אפילו דאָס זעלבע הענגל דרייט זיך אין קוימען, בײַ יעדן בלאָז פון אַ ווינטל. ער שמייכלט, פּאַביאַן. דאָס שטיקעלע אָרט איז אים אַלע מאָל אָנגעקומען שווער צו צייכענען. ס'האָט זיך אים כּסדר געדאַכט, אַז עס שטייט נישט איין אויף קיין אָרט, אַז די מויערן טאַנצן, ציטערן. אָט דאָ, אַ ביסל ווייטער, דאָרט וואו דער טאָל שפּרייט זיך, וואו די שיפלעך טרוקענען זייערע פרישע סמאָלעדיקע בייכער, האָט ער אפילו א מאָל אַ שטיקל ראָמאַנס געפירט. ער האָט זיך באַ־קענט עפּעס מיט אַ פישער־מיידל. דאָס גראָז איז נאָך נישט געווען אַזוי אויסגעקנאָדערט, ווי איצט, ציגן האָבן זיך געפּאַשעט. ער איז געווען היציק, נישט אומגעקוקט זיך, און אַריינגעקוילערט זיך מיטן מיידל אין אַ מיאוס אָרט, צווישן די גראָזן...

פּאַביאַן ציט אויס די פיס, גלייכט אויס די הענט און קוקט אַרום זיך. זאַרעמבא דערמאָנט זיך אים. ווי זאָגט ער דאָס אָפט, זאַרעמבא, דער־מאָנענדיק זיך אין יענע צייטן:

— גליקלעכע צייטן געווען... געהונגערט, נאָר גליקלעכע צייטן געווען...

ער פאַרטראַכט זיך. דעמאָלט האָט מען געמיינט, אַז מ'וואַקסט גרויסע מענטשן און געקוילערט זיך אין מיאוסע ערטער צווישן גראָזן. היינט איז מען אַן אנטיקוואַר, מ'נאַרט אָפּ נאַרישע אַמאַטאָרן און מ'פירט

טרענקען אַ קאַץ צו דער ווייסל. ער צעלאַכט זיך. אים איז זייער אינטערעסאַנט צו וויסן, וואָס איז בעסער, און ער פרעגט בײַ „פּודעלן“:

— „פּודעל“, ווי מיינסטו איז בעסער, אויסשמירן זיך אין פעך, אָדער פירן טרענקען אַ קאַץ?...

„פּודעל“ מאַכט עטלעכע קאָזשעלקעס און שטויסט אָן „באַלטאַזאַרן“ פון אַ זייט. „באַלטאַזאַר“ גיט זיך אַ טרייסל און ציט ווידער איין פּאַפּיאַנען דאָס שטריקל אין פאַרבאַנדאַזשירטן פינגער, הייבט זיך פּאַפּיאַן אויף פון אָרט און גייט ווייטער לענגויס דעם ברעג, ביז ער זאָל געפינען אַ רויק שטיקל אָרט.

די זון שיינט שוין הויך — זעט ער. צו פּאַננאַ מאַלגאַשאַ דאַרף ער נאָך אויף אַריינגיין און טרינקען קאַווע מיט שמאַנד. דערצו דאַרף ער נאָך מאַכן אַ בייט מיט געגנסטין: אַוועקגעבן אים עפּעס אַ הינקעדיק קרוציפיקסל און נעמען בײַ אים אַן עכטן קאַנאַריק, אויף דעם זעליגן „פּיקערס“ אָרט — און ער שטויבט אַלץ אין דער סאַזשיקער ערד און קוקט אויס מיט זיינע שאַרפע אויגן אַן אָרט, וואו קיינער זאָל אים נישט שטערן.

*

אַ גאַנצע האַלבע שעה צייט איז פּאַפּיאַן געזעסן בײַם ברעג און געריסן זיך אַזוי מיטן שטריקל, אַז דער פאַרבאַנדאַזשירטער פינגער האָט זיך אים אינגאַנצן אויפגעבלאָזן. ער איז געזעסן אויף אַ שטיין האַרט בײַם וואַסער, אַזוי, אַז די כוואַליעס האָבן אים געוואַשן די שפּיץ שיך. ער האָט געצויגן בײַם שטריקל, אונטערגעשטופּט „באלטאזארן“ פון הינטן. נאָר באלטאזאר איז אין וואַסער נישט געגאַנגען. ער האָט געררייצט „פּודעלן“, צוגעזאָגט אים מתנות:

— „פודעל" — האָט ער געטענהט — מאַך עס גיכער... מ'דאַרף נאָך טרינקען שאָקאָלאַד בײַ פאַננאַ מאַלגאַשאַ...

„פודעל" האָט געאַרבעט מיט אַלע כּוחות. ער האָט אונטערגעשטופּט די קאַץ פון אַלע זייטן, איבערגעקערט זי, נאָר זי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. זי האָט געקוקט מיט גלאַנצעדיקע אויגן אויפן ברייטן כוואַליעדיקן טײַך, דורכגענומען זיין גאַנצע טיף און גרייס און זי האָט זיך אײַנגעקאָרטשעט אין אַ קנויל. פאַביאַן האָט געריסן באַם שטריקל פון עטלעכע זייטן מיט אַמאָל. ער האָט זי געוואָלט צעטומלען, פאַרדרייען איר דעם וועג און אויסנוצנדיק די רגע, אַרײַנפירן זי גלייך אין וואַסער.

די ווייסל האָט געכוואַליעט, געהויבן זיך און געצויגן זיך צום ברעג, געלעקט מיט שוים-באַדעקטע צונגען, ווי זי וואָלט וועלן עפּעס כאַפּן, פאַרשלינגען און אַוועקגעטראָגן אין אירע טיפענישן. פאַביאַן האָט אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן, אַרומגעבאַנדאַזשירט פעסטער דעם צעווייטיקטן פינגער און באַוועגט עטלעכע מאָל מיט די וואָנצן, אַ סימן, אַז ער האָט עפּעס צוגעטראַכט. „באַלטאַזאַר" האָט אינגאַנצן אָנגעשטרענגט די גלאַנציקע בלוט-פאַרלאָפענע אויגן און נאָכגעפאָרשט יעדע פאַביאַנס באַוועגונג.

די סכנה איז געווען נאָענט.

פאַביאַן האָט צוגעבונדן דעם עק שטריקל צו אַ פאַרפוילטן פלאָקן, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פון וואַסער, און גענומען טרייבן די קאַץ פון הינטן, גלייך אין וואַסער אַרײַן. דאָס מיטל איז געווען אַ גוטס: נישט זעענדיק פאַרנומען מיטן שטריקל, האָט ער געהאַט פרייע הענט און געקאָנט טון מיט זיי. ער האָט גענומען דעם שפּיצרוט אין האַנט, געאַרבעט מיט אים פון אַלע זייטן. אויך „פודעל" איז אַרײַן אין עקשנות. ער האָט געביסן די קאַץ פון אַלע זייטן, געפּרואווט איר אנשטויסן פון

אַן אומגעריכטער זייט, ווי ער האָט עס געטון נעכטן פֿאַרטאָג, און געבן די מעגלעכקייט זיין באַלעבאָס אויסנוצן די רגע.

פּאַביאַן איז געשטאַנען פֿון אַ צווייטער זייט און פֿאַרשמעלערט איר אַלץ מער דעם באָרג, צודריקנדיק זי צום וואַסער. „באַלטאַזאַר" האָט אָנגעהויבן זיך אָפּרוקן, פֿאַרלירן אַ טריט נאָך אַ טריט. פּאַביאַן האָט אָנגעהויבן טומלען. ער האָט געררייצט „פּודעלן", געפּאַטשט מיטן שפּיצרוט, מיט די פּאַלעס, געפּייפט און אַזאַ טומל געמאַכט, אַז „באַלטאַזאַר" האָט זיך אָנגעהויבן צעצוטומלען, אַנווערן דעם אינסטינקט פֿאַר גאַרן און אָנשטאָט צו דער טרוקעניש גלייך געגאַנגען אין וואַסער.

די ווייסל האָט אַ כוואַליע געטון, אַ הילכיקן פּליסק געגעבן און מיט אַ שוימיקע צונג פֿאַרשלונגען דאָס צאַפּלדיקע באַשעפעניש. פּאַביאַן האָט אַזש אַ טרייסל געטון פֿון נערוועזער צופֿרידנקייט און אויסגעשריגן:

— „פּודעל", אַריין, „פּודעל"...

נאָך אין דער רגע האָט זיך באַלטאַזאַר מיט אַ געוואַלטיקן ברום אַרויסגעריסן פֿון וואַסער, איינגעדרייט זיך אין אַ קנויל און מיטן גאַנצן אימפּעט, מיט דעם גאַנצן ווייטיק, מיטן גאַנצן בראַנד, משוגעת און פֿאַרגיפֿטונג באַהאַלטן אין די ציין און אין די נעגל — אַ פּלי געטון אין לופֿט און געטראָפֿן פּאַביאַנען אין אויג.

פּאַביאַן האָט אַ כאַפּ געטון אַ לאַץ פֿון ראָק און האַסטיק צוגעשטופּט צום אַרויסלויפֿנדיקן אויג, ווי ער וואָלט עס ווען פֿאַרהאַלטן; מיט דער אַנדערער האַנט האָט ער זיך געקלאַמערט אין דער לופֿט, געטשעפּעט זיך מיט אויסגעשטרעקטע לאַנגע פֿינגער אין חלל, וואָס האָט שוואַרץ געטאַנצט אַרום אים.

„פּודעל" מיט באַלטאַזאַרן האָבן זיך געקנוילט האַרט אַרום ברעג, זידנדיק מיט אַלע געדערים פֿון איינגעווייד אַרויס.

די ווייטל האָט געשטורעמט, געכוואַליעט און געלעקט מיט גיריקע שוי־מיקע צונגען דעם אָפּגעריסענעם ברעג, ווי זי וואָלט וועלן עפּעס פאַר־כאַפּן, פאַרשלינגען און אַוועקטראָגן אין אירע טיפענישן...

1923

דוד קעניגסבערג / קינדס טויטנלידער

## I

מאַכט אויף זיך פינצטערסטע וועלדער,
נעמט אויף מיך באַהאַלטנסטע היילן!
איך ווייס נישט וואו זאָל איך פאַרבאָרגן, באַגראָבן
דעם וויי, וואָס איז נישט צו דערציילן
אויף מענטשלעכן לשון.

אין נעכט אָן מזלות לאָזט יאָמערן און היילן
קעגן פינצטערן הימל דאָס רעדעוודיק מויל
פון געריסענער וואונד, וועלכע איז נישט צו היילן;
לאָזט מיך וואָיען מיט יאָמער און גרויל,
אין דער שפּראַך פון געשלאָגענעם הונט,
וואָס רייסט די קייט און אַנטליפט אין דער וועלט.
מיט דעם קול פון דער סאַרנע, געטראָפנע פון פיילן,
וואָס וויינט וואו און מרחק אַליין אין אַ גרונט
ווייט פון די דערפער.

## II

איך קוק אין דער שטוב: שטייען אַלץ נאָך פיר ווענט?
און אונטער די פיס איז קיין לאָך?
און ס׳גילט נישט דאָס העלישע פייער צעברענט?
פאַראַן אַ גיהנום דען נאָך?

און כ׳ווייס, ס׳איז נאָך נעכטן אַ הימל געווען
און דיינע צוויי אייגעלעך בלאָ,
נאָר זינט כ׳האָב דיין פנים אָן לעבן געזען
איז אויך קיין גיהנום נישטאָ.

## III

אַזאַ ליכטיקן אינדערפרי
זעמיר אויפגעשטאַנען מיט אַ געוויין,
שוין דעם צווייטן מעת-לעת, וואָס ס'פעלט אונדז זי
זינט מיר לעבן אַליין.

זע, די זון קוקט אונדז אין פענצטער אריין!
כ'מאַך צו דאָס אויג, מיך שטעכט,
אַמאָל פלעגט זי שיינען, פלעגט גוט אונדז צו זיין,
היינט שיינט זי און אונדז איז שלעכט.

## IV

„מאַמאַ, מאַ-מאַ," רופסטו דיך אָן
און „טאַטיאַ, טיאַ-טיאַ", איך מיטאַמאָל,
ביידע אין אייגענעם זיסן טאָן
און נישט מיט אונדזער קול.

פון דיר און מיר גיסט זיך האַרצגעשריי,
געדעמפט פון אַ ניגון פון טויטער פרייד,
און גאָרנישט דערמאָנען מיר מער דערביי,
וואָס קאָנען דען זאָגן די רייד.

## V

מיט דערבלייכטע ליפעלעך רופט זי, דאַכט זיך:
העלף מיר, דיין פלייש און בלוט.
די אייגעלעך, ווי ז'האָבן פאַרמאַכט זיך
שטיין פאַר מיר אַלע מינוט;

די הענטעלעך, ווי נאָך אין טויט־מלחמה,
זיי האָבן מיין האַנט געדריקט — — —
ס'האָט געראַנגלט זיך מיט דעם טויט איר נשמה,
און איך האָב דאָס צוגעקוקט!?

## VI

איך האָב דיך געזען איבערן תהום פון דעם טויט
זיך בלאָנדזשען צו אייביקער נאַכט.
דו האָסט נאָך צום טאַטן געשטרעקט אין דער נויט
די הענטלעך און גיך גיך געמאַכט.

און אַך ס'איז דאָס האַרץ נישט בכוח געווען
צו העלפן, ווי שטאַרק ס'האָט געשטרעבט;
עס האָט דיך אין טויט־קאַמף זיך ראַנגלען געזען,
און אויסגיין — און ס'האַלט נאָך און לעבט!!

## VII

גאָלדענע הערעלעך,
הערעלעך־זייד
פון מיין קינדעלעס ליכטיקן קאָפ.
מיין האַנט האָט געגלעט אייך, מער גלעט איך אייך נישט.

זוניקע טרערעלעך,
טרערעלעך־באָב
מער קומט נישט די צייט,
ווען ס'האָט פון איר פנימל ציטריק מיין ליפ אייך געקושט.

העגטעלעך קליין,
וואָס האָבן געצופּט מיך בּאַם אויער,
געריסן די האָר!
אך! וואו זאָל איך זוכן גיין
די אייגעלעך קלאָר?

פאַר אייך האָט געעפנט זיך ברייט
דער טונקעלער טויער.

דאָרטן אויף יענער זייט גייסטו אַליין
אויף דער סטעזשקע פון טויט,
איבער אָפּגרונטן טיף, איבער תהומות פון נישט־זיין.

שטייט מיין נשמה אָן מאַכט, אין חלשות
אויף דער זייט פון שיין.
און זעט דיך דאָרט וואַנדלען סכּנות נפשות
און קוקט מיט אַ פּיין,
און קען זיך נישט אויסרייסן, קינד, אוי מיין קינד,
דיר העלפנדיק דאָרטן אַ מלאך צו זיין.

## VIII

אַזוי זעמיר צוויי דאָ איבערגעבליבן
מיט אָן אַ שיעור טרויער און צער!
אָ הייליקע מוטער ערד! מיר גיבן
דאָס בעסטע פון אונדז דיר צו שטאָר.

דעם בעסטן טייל, אונדזער הימל־פּריידס חלק,
בּאַ אונדז טייער געהיט אונדזער קינד.
אָ כאָוועס עס ווייטער און היט עס הייליק
אין דיין מוטער־שויס פון אַצינד.

## IX

אוי מינעניו מיינע, אוי מיידעלע מיינס,
וואָס האָט דיר דיין טאַטע געטון?
איז דיר נישט געפעלן דאָס וויגעלע דיינס,
צי ס׳בעט מיט דיין מאַמען צו רון,
וואָס דו האָסט אונדז פלוצים פאַרלאָזט?

די מאַמע, זי פלעגט דיך אַרומנעמען ליב,
וואַרעמען טריי דיך באַם האַרץ.
נאָר דו ביסט אַוועק אין אַ קאַלטינקן גרוב
און דאָרט איז דיר פינצטער און שוואַרץ.

## X

כ׳האָב געזען איר לעצטן געזעגן-בליק,
געזען ווי ז׳האָט ד׳אויגן פאַרגלייזט,
אַזוי ווילד, אַזוי שרעקלעך מוראדיק –
נישטאָ שוין פאַר אונדז קיין טרייסט.

איך האָב מיט אַ ווילדן ווייטיק-געוואַלט,
מיטן לעצטן מוט פון דעם גייסט
אויף די הענט זי געכאַפּט, ז׳איז געווען שוין קאַלט –
נישטאָ פאַר אונדז קיין טרייסט.

נאָר כ׳האָב נישט מער ווי אַ שריט געקאָנט גיין;
כ׳האָב דיך דערזען ווי דו שטייסט,
און דיר אויפן האַלדז מיט אַ געוויין –
נישטאָ פאַר אונדז קיין טרייסט.

## XI

שיט צו אויף אונדזערע וואונדן זאַלץ,
אויף אונדזער נשמה אונדזער זינד!
די לאַסט פון דער פיין אויף אונדזער האַלדז,
נאָר שוינט דאָס געדענקען פון אונדזער קינד!

פון אונדזערע מעשים מאַכט חוזק און שעלט,
אויף אונדזער לעבן שיט שוועבל און שפּאָט,
נאָר אונדזער קינד אויף דער אמתער וועלט
איז פאָרט געווען אַ שליח פון גאָט.

## XII

ס'איז נישט אַזאַ פּחד, ס'איז נישט אַזאַ גרויל,
ס'איז דער מוח נישט תופס די לייד.
כאָטש ד'ערד האָט אויף איר פאַרמאַכט דאָס מויל,
איז זי פאָרט נישט אָפּגעשיידט.

כאָטש כ'האָב געזען דעם לעצטן שיין,
דעם שרעק־גרוס פון מיין בלוט,
לעבט זי פאָרט נאָך מיט אונדז, זי איז מיין און דיין,
און שטייט פאַר אונדז אַלע מינוט.

## XIII

מיר האָבן קרוינען פון רענדל־גאָלד
פאַר איר קעפּעלע געווירקט און געוועבט,

אויף שטאַפּלען צום הימל זי פירן געוואָלט —
און וואָס האָב מיר דערלעבט!

מיין קינד! מיר האָבן דיין חלום-בעט
פון צעדערן צו טעסען געדאַכט —
און האָבן צום סוף פון אַ סאָסנאָווע ברעט
פאַר דיר אַן אָרון געמאַכט.

געוואָלט דיך פירן אין זייד געקליידט —
נאָר דיר, מיין קורצער גאַסט,
דיין טויטן-העמד אין געאייל גענייט
האָט ליבער ווי זייד געפּאַסט.

# XIV

מיר האָבן חלום-פּאַלאַצן געבויט
און דיך געכאָוועט, געהיט.
מיט האָפענונג-ראָסע דיין ערדוועג באַטויט
און מיט ליבשאַפט געהיט דיינע טריט.

מיר האָבן געליגן באַם מלאך חן,
פון הימלישער שיינקייט דעם סוד,
אַז דו זאָלסט זיין ווי אַ מלאך שיין,
אַזוי דער הימל פון גאָט.

און דו ביסט גאָט געפעלן אַזוי
און ער האָט געשיקט נאָך דיר
און ער האָט דיך צוגענומען, אוי!
מיט אַ שטיק פון האַרץ באַ מיר.

## XV

אין אַלע טירן האָט ער געקלאַפּט,
דער שוואַרצער שליח, דער מלאך פון טויט.
אין ערגעץ איז נישט דאָס רעכטע געווען
אַזאַ שטערנדל ווייס, אַזאַ בעקעלע רויט,
אַזאַ גאָלדן קעפּעלע.

אין אַלע שטיבער האָט ער געזוכט,
ווער ס׳זאָל גיין פאַר הקדוש ברוך הוא
מיט זיינע מלאכימלעך שירה צו זינגען.
ווער האָט דען געהאַט די ליפּעלעך ווי דו,
אַזאַ לויטער קולעכל.

און אַלע הערצעלעך האָט ער געפּרואווט,
ווער ס׳זאָל ראוי זיין פאַר זיין שטול צו שטיין.
דו וואָס האָסט נאָך די מענטשנשפּראַך נישט געקענט
האָסט אויסגעוויזן איינציק ריין,
מיין כשר נשמהלע.

## XVI

און אַלץ, וואָס איך זע אַרום מיר און אין מיר
בינדט שטיל דער זיכרון צונאַנד,
און אַלץ טייט באַשיינפּערלעך מיר נאָר אויף דיר,
וואו ביסטו, אין וואָס פאַר אַ לאַנד ?

די שפּילעכלעך דיינע, צעוואָרפן, נאָך גרייט,
אַז דו זאָלסט זי נעמען אין האַנט.
זיי מאָנען ווי יתומדיק שטילינקערהייט,
וואו איז זי, אין וואָס פאַר אַ לאַנד ?

די קליידעלעך דיינע צעלייגט אויף דער באַנק,
אַ שיכל, אַ טיכל, אַ באַנד,
איצדע זאַך טוט אויף דעם מיידעלע באַנג,
וואו איז זי, אין וועלעכן לאַנד?

און אַלץ ווייזט אויס פּרעגט אונדז און אַלץ ווייזט אויס מאָנט
און יעדעס באַזונדער דערמאַנט
די בלאָינקע אויגן, דאָס קעפּעלע בלאָנד.
וואו איז זי, אין וואָס פאַר אַ לאַנד?

## XVII

דו האָסט זיך ווי אַ רוחעלע
מים סאַדזע אויסגעשמירט.
און צו דעם בילדער-ביכעלע
מיטן פינגערל צוגערירט.

אין ביכעלע דעם ריינטשיקן
דער פלעק איז נישט פאַרגאַן,
פון פינגערל נאָר פון קליינטשיקן
איז שוין קיין שפּור פאַראַן.

## XVIII

ס'איז שטיל שוין, וואָס איך פלעג גאַרן דערפרייען, דאָס הערצעלע,
באַ וועלעכן ז'האָט אַזוי שיין אַ ליאַליע געוויגט?
(אַ רויטע שמאַטע נאָר, פאַרוויקלט אין איר שערצעלע)
אַך, האָבן ד'אייגעלעך דעמאָלט געלויכטן באַגליקט.

און ס׳גאָלד פון אירע ליכטיקע דינינקע הערעלעך
און אירע געוואָלצענע טרערעלעך אַרבעס־גרויס
(זיי זענען ביטער געוועזן, נאָר ס׳זענען געוועזן פּערעלעך)
און פלעגט דערנאָכדעם די הענטעלעך שטרעקן, נאָר אויף דער שויס!

אין איין האַנט אַ שפּילעכל, אין איינער דאָס קיכעלע,
פלעגט זי וואַרטן עמיץ זאָל אויפמאַכן די טיר — —
ביז דו ביסט צולעצט, מיין איינציקע מ נ ו ח ה ל ע,
מיט איינמאָל אויף תמיד שוין אַוועק פון מיר.

# XIX

איך ווייס, אַז איך חלום.
נאָר אין דרויסן איז האַלבשיין,
צווישן טאָג און נאַכט.

שטיי איך באַם פענצטער.
האַלט איך באַ מיין זייט דאָס קינד,
מיין געליבטס און מיין ציטריקס, מיין איינציקס.
זי טוליעט דאָס פּנימל צו צו מיין באַק.
אַזוי שטיל... אַזוי אייביקייט־שטיל.

שטיי איך און קוק —
אין דרויסן איז האַלבשיין.
עטלעכע פרויען גייען אינאיינעם
צו איינע, צו צוויי און נאָכאַנאַנד.
זיי פירן קינדער באַ דער האַנט,

און פאַרוויקלט אין שאַלן, אויף די אָרעם,
קינדער, געליבטע קינדער.
שטיל גייען זיי איבערן גראָז פאַרביי.

און דאָס גראָז איז גרין און דער שיין איז קאַרג
און דאָס וואַסערל רינט אַזוי איינזאַם.
קוק איך און זע ווי די לעצטע פון די פרויען
פירט באַ דער האַנט דאָס קינד.
און זע! און ס'איז מיינס, מיין געליבטס און מיין ציטריקס, מיין איינציקס,
נאָר אין דרויסן איז האַלבשיין —
איך ווייס: מיין קינד קער נישט מיר!

## XX

שאַ! רוף דעם נאָמען נישט!
נישטאָ דער תּוכן פון דער פרייד.
ס'איז געווען אַ הויך, וואָס מיר האָבן געקושט,
אַ רעטעניש, וואָר פאַרשטייט.

ס'איז געווען נאָר אַ קוש נאָר פון אונדזער ליפּ,
צי די פרייד נאָר פון אונדזער גלייביקער ברוסט!
אַ גיב צום אַליין־זיין דיין אָרעם, גיב,
ווייל דאָרט ווייטער דער וועג איז פוסט.

## XXI

דער וועג איז ליידיק, נאָר מ'מוז אים גיין
אין איינזאַמקייט און שטילערהייט.
אַליין! נאָר ניין! איך נישט אַליין.
ווייל צווישן מיר און דיר וועט שטיין
דער שאָטן פונם ליבן בילד
מיט אויגן, וועלכע האָבן מילד
ערשט־וואָס ווי פיילעכלעך געשיינט;

כ'זע זיי ווי לעבעדיק נאָך היינט
אַזוי צער-בעלי-חיימדיק.
און ס'ציען אונדז הענטעלעך צוריק,
צוויי אויסגעשטרעקטע אייביקליך,
און ציען אונדז צוריק, צו זיך.

## XXII

דער ווייטיק איז טעגליך ניי.
רוף אירט אַ וואָרט נאָר אָן,
אירט אַ מאַך דערמאַן, אַ טאָן —
וויל זיך מיט אַ ווילד געשריי
אין מיטן מאַרק אַרויס פלין:
„כ'האָב תמיד מיין אמת פאַרשטעלט
און איצטער זע מיך, וועלט,
ווי צעקיילט און צעביילט איך בין!"

## XXIII

כ'האָב מענטשנס אויגן קיינמאָל געמיטן
און היינט האָב איך מיך אָפּגעווענדט.
איך האָב באַקומען אַן אוצר צו היטן,
און אַרויסגעלאָזט אים פון די הענט.

כ'האָב שטענדיק אין דער שטיל געליטן,
און דעם ווייטיק פאַרמאַכט אין אַ גרונט.
נאָר היינט, אַז דאָס האַרץ איז מיר אויסגעשניטן
ווייז איך יעדן אָפן די וואונד.

## XXIV

פאַר מיינע אויגן איז פינצטער־שוואַרץ,
בין אין ווייטיק אויסגעווייקט;
זיי האָבן אַרויסגעריסן מיין האַרץ
און אין דר׳ערד אַריין געלייגט.

זיי האָבן געגראָבן אַ לאָך אין דער ערד
און דאָרט מיין האַרץ פאַרשיט
און די וואונד אין דער ברוסט מיינער ווייטיקט און טרערט
און ס׳וויל נישט פאַרהיילן דער שניט.

## XXV

איך זע זי נאָך אַלץ, ווי איך האָב זי געזען,
בשעת כ׳האָב זי מער נישט דערקאַנט.
דאָס זענען די אייגענע גלידער געווען,
די הערצער אַלץ אַזוי בלאַנד.

די הענטעלעך ד׳אייגענע, ד׳אייגעלעך אויך,
דערשראָקענע, אָבער נאָך בלאָ.
און וואָס איר פעלט איז אַ הויך, אַ הויך...
און דער איז שוין, אַך, נישטאָ.

## XXVI

נישטאָ מיט וועמען פאַרברענגען.
לאָמיר די פענצטער פאַרהענגען
פאַר דעם טאָגשיין דעם גרעלן.

לאָמיר די אוירן פאַרשטעלן
פאַר די אַרומיקע שאָרכן,
נאָר די נשמה זאָל האָרכן,

און ס'אויג פון נשמה וועט זעען
און אונדז וועט אַ צייכן געשעען.

# XXVII

אַ הער! אַ הער!
פון אַלע הייכן צעגייט זיך געזאַנג.
כ'דערקען אַ זיסן קולעכלס קלאַנג —
מיין מלאכל זינגט שוין שירה.

אַ זע! אַ זע!
מיין בליק גרייכט צום זיבעטן הימל צו.
מיין קינד! אויך איך ווער באַלד ווי דו
אַ ראה ואינו נראה.

# XXVIII

אין מיטן שענסטן בלייב מיר פאַרקלעמט.
פון וואַנען נעמט עס זיך, פון וואַנען?
מיר זענען געוואָגלט בלינד און פרעמד
און אַנדזער וועג, וואו ער גייט, נישט פאַרשטאַנען.

היינט האָב' מיר זיך אין די אויגן געקוקט
און באַ די הענט זיך אָנגענומען
און האָבן זיך קוים די פינגער געדריקט —
נישט לאַנג, אונדזער קינד, אויך מיר וועלן קומען.

יהושע פערלע / ציפערן

— נו, פאַניע ווינקלער, ווי האַלט עס דאָרט, ס׳שטימט שוין ?
— ניין, פראַשען פּאַנאַ, נאָך נישט.
— נאָך אַלץ נישט ?
געפרעגט האָט פאַן יוזעף — אַ נידעריק בייכיק מענטשל אויף הויכע אָפּצאַסלעך — איינער פון די שותפים פון באַנק־הויז „ברידער קעניג, וואַרשע". געענטפערט האָט פאַן ווינקלער, דער בוכהאַלטער פון אייגע־נעם באַנק־הויז — אַ הויכער איבערגעוואַקסענער מאַנספאַרשוין פון אַ יאָר פיר און פערציק מיט אַ קאַנטיק ווייך פּנים, אין וועלכן ס׳איז תמיד געלעגן אַ נישט־אויסגעשלאָפענע, גרינלעכע מראה.
געווען איז עס אינדערפרי. פאַן יוזעף איז געקומען אַן אַנגעכמורעטער, ער האָט אויף דער גיך איבערגעלייענט די קאָרעספּאָנדענץ און מיטן „גוטמאָרגן" אויף יענער זייט טיר איז ער פון קאַבינעט אַריין אין דער בוכהאַלטעריע.
דערהערנדיק דעם קורצן ענטפער פון בוכהאַלטער, איז פאַן יוזעף בענטער צוגעגאַנגען צום טיש, אַנגעשפּאַרט דאָס אויסגעקיילעכדיקטע בייכל באַם קאַנט און מיט קרומלעכע אויגן געקוקט אויפן אויפגע־מאַכטן זשורנאַל.
פאַן ווינקלער, וואָס האָט גוט געקענט דעם באַנקירס געגג, האָט פאַר־שטאַנען, אַז דאָס וויל ער זען וועלכן חודש און וועלכן טאָג ער, דער בוכהאַלטער, האָט שוין אַריינגעטראָגן אין זשורנאַל. האָט ער אַ נעם געטאָן דעם לעשער, דער פאַן ווינקלער, און אַרויפגעשטעלט גראָד אויף דער דאַטע.
פאַן יוזעף האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די ווינקלען פון מויל, אַ צי געטאָן דעם ציגאַר מיט פולע ליפּן, אַ האַלבן דריי־זיך געטאָן אויף איין אָפּצאַסל און ווידער געפרעגט :
— הייסט עס, אַז עס שטימט נאָך נישט ?
— ניין, ס׳שטימט נאָך נישט.

דער בוכהאַלטער האָט געענטפערט הויל, אַזוי ווי עמיצער וואָלט אים אויסגעלערנט דעם פּזמון. ער האָט טיפער איינגעגראָבן די נאָז אין זשורנאַל, אַזוי אַז זיין שמאָל־געשניטענער אַקסל האָט זיך שפּיציק אויסגעבויגן און אויסגעזען, ווי אַ געשוואָלענער עלנבויגן.

— נו, און איר, פאַניע ליפּסאָן? — האָט דער באַנקיר נאָך אַ ווײַלע קוקן אויסגעשטעלט זיין שאַרף־געקנייטשט פּנים צום בוכהאַלטערס געהילף, וואָס איז געזעסן אַקעגנאיבער דעם פאַן ווינקלער און מיט אַ געמאַכטער פאַרטועניקייט אונטערגעפירט אַ סך־הכל אין הויפּט־בוך.

— איך? — האָט זיך דער געהילף — אַ געפּוצט יונגערמאַנטשיקל אין פּענסנע מיט אַן אויסגעגלעט גלאַנצעדיק קעפּל, אַ כאַפּ געטאָן, — איך בוך שוין דעצעמבער.

— נאָך אַלץ דעצעמבער! — האָט פאַן יוזעף אַ זאָג־אַריין געטאָן אין רויך פון ציגאַר — מיר האָבן שוין היינט מערץ און איר בוכט נאָך אַלץ דעם פאַרשאָלטענעם דעצעמבער.

— פאַניע ווינקלער! —ס'איז זיין שטים געוואָרן שטייף — ווען וועט עס נעמען אַ סוף?

— מיר בוכן דאָך — האָט פאַן ווינקלער אַרויסגעשטאַמלט מער צו זיך ווי צום באַלעבאָס און שאַרפער אויסגעשפּיצט דעם אַקסל.

— איך הער עס אַלע טאָג פון אַ גאַנץ יאָר — איז פאַן יוזעפס קול געוואָרן בייסיק — וויסן וועט עס פאָרט נעמען אַ סוף?

— צופיל אַרבעט, פּראָשען פּאַנאַ — האָט פאַן ווינקלער געפּרואווט זיך פאַרענטפערן.

נאָר דער באַנקיר האָט זיך פּלוצלינג אַ דריי געטאָן אויף איין אָפּצאַסל און איבערלאָזנדיק אויפן טיש אַ בערגעלע אַש, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון ציגאַר, איז ער מיט אָנגעשטרענגטע טריט אַרויס פון דער בוכהאַלטעריע.

אין גרויען צימער איז אַ לאַנגע ווײַלע געשטאַנען אַ געפּרעסטע שטילקייט. הינטער דער טיר האָבן זיך געהערט די טריט פון אויפגערעגטן פאַן יוזעף. ערשט שפּעטער, ווען די טיר האָט זיך ווידער געעפנט און ס'האָט אַ דורכגעשאַפּט דער אַלטער וואָזשנע, האָט פאַן ווינקלער

אויפגעהויבן די נאָז פון בוך, אויסגעגלייכט דעם שפּיץ אַקסל און אַ בייזן ברום געטאָן צו זיין געהילף:

— פּשאַקרעוו, אומעטום שטעקט ער אַריין די נאָז. ווייזט אויס, שוין ווידער אָנגעשרויפט.

„שוין ווידער אָנגעשרויפט" האָט געהייסן, אַז נעכטן פאַרנאַכט, ווען דער עולם אָנגעשטעלטע איז זיך צעגאַנגען אַהיים, האָט זיך אין פאַרמאַכטן קאַבינעט אַוועקגעזעצט פאַן מיכאַל — דער צווייטער שותּף פון באַנק־הויז „ברידער קעניג, וואַרשע", און גענומען ווייגען פאַרן ברודער זייגעם, פאַרן פאַן יוזעף, אַז די בוכהאַלטעריע איז הינטער־שטעליק, אַז אַ גאַנצן טאָג פּוצט מען זיך די נעגל און מען דערציילט זיך מעשות, אַז דאָס אַלץ קאָסט בלוט, און קיין שום נוצן האָט מען נישט דערפון. איז פאַן יוזעף, ווי דער שטייגער איז, אַהיימגעגאַנגען אַן אויפגערעגטער, געקריגט זיך מן־הסתּם מיטן ווייב און באַלד אינדער־פרי געמאַכט דעם ברוך־הבא.

וואָרום אָט דער אייגענער פאַן יוזעף — כאָטש אַ גאַנצער תּקיף און דעה־זאָגער אין געשעפט, האָט פונדעסטוועגן פאַר זיין ברודער מיכאַל מורא געהאַט.

מיכאַל איז געווען עלטער און רייכער. אַ קליינער, אַן איינגעשרומפּע־נער, מיט אַן איינגעפאַלן פּנימל, האָט ער ליב געהאַט אַרומקריכן אין די ווינקלען, נישטערן אין אַלטע פּאַפּירן, אויפזוכן פאַרלעגענע חובֿות; און מיט איין אויג אַכטונג געבן ווי אַזוי דאָס פּערסאָנאַל אַרבעט. וויפל מאָל אַ טאָג אַ מענטש עסט און וויפל מאָל אַ טאָג ער גייט נאָך נאַטירלעכע באַדערפעניש. און אַזוי ווי אַליין האָט ער געוואָלט אָנגיין פאַר אַ גוטן, האָט ער עס נאָר דערציילט דעם ברודער, און יענער האָט שוין געשריגן פאַר אים אויך.

להיפּוך פון יוזעף קעניג, איז פאַן מיכאַל געווען פון יענע באַלעבאַטים, וואָס האָבן ליב אַ פרייע שעה איינצוטענהן מיט זייערע מענטשן. ער פלעגט זיך אויספרעגן, וואָס די קינדער מאַכן, צי די פרויען זענען געזונט. געבן עצות. נאָר אַז ס'איז געקומען אַ מאָל צו אַן הוספה, אָדער צו אַן אורלויב — האָט ער פאַרקנייטשט ס'קעפל אין די אַקסלען אַריין און געענטפערט, אַז ער מישט זיך נישט. אין אַ געשעפט מוז זיין איינער, וואָס דיספּאָנירט. זאָלן זיי גיין צום פאַן יוזעף. און אַז

מען האָט באַם פֿאַן יוזעף געפֿועלט, פֿלעגט מען זען אַ צייט אַרומגיין דעם פֿאַן מיכאַל אַ גרינעם, מיט וואַסערדיקע אויגן.

אויף להכעיס דעם ברודער זיינעם, וואָס האָט ליב געהאַט מגזם צו זיין, פֿלעגט פֿאַן מיכאַל קומען אין געשעפֿט אַריין אין אַן אַלט רעקל, אין אַ גומענעם, בלוילעך-גרינלעכן קראַגן און כּסדר זיך באַקלאָגן, אַז דאָס פּערסאָנאַל עסט אים אויף, אַז ער בלייבט אַן אָרעמאַן, אַן אביון און אַז ער וועט סוף-כּל-סוף מוזן ליקווידירן ס'גאַנצע געשעפֿט.

די דאָזיקע טענות האָבן זיך איבערגעחזרט שוין אַ יאָר פֿינף און צוואַציק, זינט דאָס באַנקהויז „ברידער קעניג" עקזיסטירט. פֿאַן יוזעפֿן איז עס אין איין אויער אַריין און פֿון צווייטן אַרויס. אויסגעגאַנגען איז עס נאָר צו די מענטשן. זיי האָט מען נאָכגעשפּירט, אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק אָפּגעזאָגט און גלייך צומאָרגנס פֿאַרענטפֿערט זיך, אַז מען איז געווען אין כּעס. קיינער אָבער האָט זיך צום האַרצן נישט גענומען. וואָרום יעדער איינער האָט געוואוסט, אַז די קעניגס רעדן און דער הונט בילט — איז אַלץ איינס...

מצער געווען האָט זיך נאָר פֿאַן ווינקלער. אייגנטלעך — נישט אַזוי ווייט מצער געווען — ווי אויפֿגערעגט זיך, און אַז פֿאַן ווינקלער איז געווען אויפֿגערעגט, האָבן זיך באַ אים די ווייך-געקרייזלטע בלאָנדע וואָנסעס אַראָפּגעלאָזט, די הענט האָבן כּסדר געשאָרוועט איבערן טיש און וואָס ס'איז אים אונטערגעקומען, האָט ער געכאַפּט און געוואָרפֿן איבערן טיש.

היינט איז ער צווייערליי בייז געווען. ערשטנס — פֿאַרן ברוך-הבא, וואָס דער אויסגעקיילעכטיקער באַנקיר האָט אים געמאַכט, און צווייטנס דערפֿאַר, וואָס דער בילאַנס שטימט טאַקע נישט.

שוין עטלעכע טעג, ווי ס'האָבן זיך פֿאַרשטעקט ערגיץ הונדערט זיבן און דרייסיק מאַרק און כאָטש צערייס זיך, קאָן ער זיי נישט געפֿינען. ער האָט שוין איבערגעוואָרפֿן דאָס בוך פֿון בלאַט צו בלאַט, אויסגעבדקנט און אויסגעקוועטשט יעדע ציפֿער באַזונדער און דאָך שווייגט דאָס בוך, ווי אַ גזלן. פֿאַן ווינקלער זופּט מיט דער נאָז. די שפּיצן וואָנסעס ציטערן, ווי באַ אַ כראַבאָנטש. ער ווייסט, דער פֿאַן ווינקלער, אַז אַזאַ ציפֿער, ווי זיבן און דרייסיק איז שווער צו געפֿינען. וואָלט עס געווען אַ סומע מיט נולן — כאַפּט ער עס מיטן אויג, דאָ אָבער

שטעקט דער פעלער אין איבערטראָגן די פּאָזיציעס פון זשורנאַל אין הויפּט-בוך אַריין. און אויב ס'איז פאַלש איבערגעטראָגן, מוז מען אָפּ-רופן אַלע פּאָזיציעס פון אַ גאַנצן חודש.

אַן איינגעגעסענע אַרבעט, וואָס פאַן ווינקלער לייגט אָפּ פון טאָג צו טאָג. מען קען איבערוואַרפן דעם גאַנצן זשורנאַל און דער פעלער זאָל זיך ערשט אויפזוכן אויף דער לעצטער זייט. און גראָד איז דער זשורנאַל פון היינטיקן חודש אַזוי אויפגעוואַקסן, ווי ער וואָלט געווען אויף דער צייט. גיי זעץ זיך אַנידער און רוף ציפער באַ ציפער. פאַן יוזעף וועט דערווייל אַלע טאָג אַריינקריכן, און פאַן מיכאַל וועט קלאָגן אויף די גרויסע הוצאות און אָנטאָן נאָך אַן ערגער רעקל מיט אַן ערגערן קראַגן.

— האַ, ווי מיינט איר, פאַניע ליפּסאָן — שטעלט ער אויף די וואָנסעס אויף זיין געהילף, וואָס רייניקט זיך די נעגל מיט אַ קליינגל פון אַ מעסערל.

— וואָס, פאַניע ווינקלער, — הייבט יענער נישט אויף די אויגן.

— אָפּרופן דעם זשורנאַל מיטן הויפּט-בוך?

— אַוודאי, ווי דען? — ענטפערט יענער, ווי ס'וואָלט אים אָנגעגאַנגען, ווי דער פאַראַיאָריקער שניי.

— טאָ באַהאַלט-זשע די נעגל אויף שפּעטער און נעמט דאָס הויפּט-בוך.

— שוין, — שטעקט אַריין פאַן ליפּסאָן אַ שפּיץ-פינגער צווישן די ציין און צופּט-אָפּ אַ שטיקל נאָגל. דערנאָך גיט ער זיך אַ גלעט באַם גלאַנצעדיקן קאָפּ, באַהאַלט דאָס מעסערל אין וועסטל-קעשענע און רוקט צו דאָס הויפּט-בוך.

פאַן ווינקלער שפּיצט אַ בלייפעדער, באַטראַכט דעם שפּיץ באַ דער ליכט פון פענצטער, און ס'הייבט זיך אָן די אַרבעט:

— קאַסאַ, קאָנטאָ — דיקטירט פאַן ווינקלער.

דער געהילף וואַרפט איבער מיט די גרויסע, ווייסע בלעטער און בלייבט שטיין מיט אָנגעשטעלטעברילן אויפן בוכהאַלטער.

— דעבעט — רופט פאַן ווינקלער — 2510 מאַרק.

דאָס געפּוצטע בחורל גיט אַ שטריך מיט דער בלייפעדער אין הויפּט-בוך, פאַן ווינקלער — אין זשורנאַל, און ווידער אַ זאָג:

— דיסקאָנטאָ־באַנק!

ווידער אַ וויש מיט די אָנגעקראָכמאַליעטע בלעטער און ווידער אַ שטריך מיט די בלייפעדערס.

אין צימער, וואו ס'אַרבעטן פאַן ווינקלער מיט זיין געהילף, איז שטיל. אַ גרויסער טאָג קוקט אַריין דורך די צווי לאַנגע פענצטער און שפּילט זיך אויף די אָפענע בלעטער, וואָס באַהאַלטן דעם בוכהאַלטערס סוד. פון אַן אָפענער שאַנק, וואָס שטייט בא דער וואַנט, קוקן אַרויס אָפּגעשיילטע רוקנס פון אַלטע ביכער, וואָס פאַן ווינקלער האָט אין פאַרלויף פון יאָרן פאַרשריבן. איבערן בוכהאַלטערס קאָפּ טיקעט אַן אַלטער קיילעכדיקער זייגער מיט רעגלמעסיקע, אויסגערעכנטע טריט. פון די ווייטערע צימערן, וואו ס'אַרבעט די עקספּעדיציע, דערטראָגן זיך אָפּגעריסענע מענטשלעכע שטימען, וואָס בלייבן הענגען דאָ אין צימער, ווי פרעמדע. עס הערט זיך אַ הייזעריק וואַרפן פון אַ שרייב־מאַשין, אַ קלינגען פון טעלעפאָן. פון צייט צו צייט עפנט זיך פּלוצלינג די טיר און ס'פאַלט אַריין עמיצער פון דער עקספּעדיציע. ער לויפט צו צו דער שאַנק מיט די אָפּגעריבענע רוקנס; זוכט עפּעס, זאָגט דערוויילע אַ פּאָר חכמהלעך. דערציילט, אַז פאַן יוזעף האָט געשריגן אויפן קאַסירער. — און קוקט בשעת־מעשה אין בוך, וואָס ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון שאַנק. באַפירט עפּעס מיט אַ בלייפעדער. און אַזוי גיך ווי ער איז אַריינגעפאַלן — אַזוי גיך פאַלט ער צוריק אַרויס מיט דער פעדער אונטערן אויער און מיט דער בליישטיפט אין דער ברייט פון די ליפּן.

— נאָר ער שרייט! — ברומט פאַן ווינקלער אין בוך אַריין. ער קור־טשעט זיך איין, אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט — פאַן יוזעף זאָל ווידער נישט אַריינפאַלן און דאָ אָנהייבן שרייען.

ווייל אָט דער פאַן יוזעף שרייט נישט גלאַט, ווי אַ מענטש שרייט אַמאָל. ער שרייט ווי אַ גרויסער זולל־וסובא, וואָס וויפל מען זאָל אים נישט געבן, איז אים אַלץ ווייניק. ער שרייט פון הנאה וועגן: אויפן קאָרעספּאָנדענט און אויפן וואָזשנע, אויפן אייגענעם ברודער און דורכן טעלעפאָן. און אַז ער האָט נישט אויף וועמען צו שרייען, שפּאַנט ער פון איין שטוב אין דער אַנדערער, שטייף, אָנגעצויגן, און ס'דאַכט זיך, אַז איצט שרייען די טריט זיינע.

אַז פאַן יוזעף איז דאָ אין געשעפט, זיצן די מענטשן אויסגעבויגן, ווי האַלבע רייפן. זיי רעדן נישט, נאָר סקריפען, סקריפען גיך מיט די פעדערס. פאַן יוזעף זיצט טאַקע אין פאַרמאַכטן קאַבינעט, ער האָט אָבער טויזנט אויגן. זיינע שטייפע טריטלעך לויפן דאָרט זיך אַרום איבער אַלע צימערן. זיין בייז קול וואַרפט זיך איבער אַלעמענס קעפּ. קורטשעט מען זיך, אַזוי ווי אַציגד פאַן ווינקלער און מען חאַט נאָר אין זינען:

— ווען וועט מען אים שוין פטור ווערן אויף אַ שעה אַנדערטהאַלבן?

נאָר איצט איז שוין סיי־ווי־סיי שפּעטלעך. קיינער ריכט זיך שוין נישט, פאַן יוזעף זאָל נאָך היינט אַרויסגיין. דער זייגער רוקט זיך. שוין האַלב פיר געקלונגען. נאָך אַ האַלבע שעה — און די פּליצעס וועלן זיך אויסגלייכן. עס וועט זיך אָנהייבן אַ רוקן מיט שטולן, אַן עפענען און פאַרמאַכן שופלאָדן. און איידער דער ווייזער וועט אַראָפּ־פאַלן אויף אַ פערטל פינף, וועט שוין אין באַנק־הויז „ברידער קעניג" אַרומלויפן אַ ווידער־קול פון די אַלע מענטשן און מענטשלעך, וואָס האָבן דאָ אַ גאַנצן טאָג געשריבן און גערעכנט, און געוווערטלט זיך, און אָפּשלאָגן וועט דאָס הילצערנע קלאַפּן פון די „שטשאָטעס", אויף וועלכע דער קאַסירער מאַכט איצט די קאַסע און גייט דערפאַר אַהיים דער לעצטער.

דערווייל איז ערשט נאָך האַלב פיר. דער פאַן ווינקלער דיקטירט מיט אַ האַרטער גלייכגילטיקער שטים. דער געפּוצטער געהילף שורשעט מיטן פאַפיר, אַזוי ווי מייז וואָלטן זיך אַרומגעפּאָרעט. אויף די שויבן ציט זיך אַרויף אַ גרויע מאַטקייט. עס יאָגט שוין מיט מידקייט פון פאַן ווינקלערס רופן, פון געהילפס איבערוואַרפן מיט די בלעטער, פון דער אָפענער שאַנק מיט די אָפּגעשיילטע רוקנס. מען קוקט כסדר אויפן ציפערבלאַט. און אַז אינעווייניק צווישן די קלוגע זייגער־רעדלעך גיט אַ קריץ און ס'נעמט פאַמעלעך אויסקלאַפּן די לאַנג־אויסגעוואַרטע קלאַנגען — דאַכט זיך, אַז די מידקייט איז דערגאַנגען ביזן שטיק־ווייט. און אַז ווייטער איז שוין אוממעגלעך.

פאַן ווינקלער אָבער גלייבט נאָך נישט. ער נעמט אַרויס זיין וועסטל־זייגערל, גיט אַ קוק דאָ, אַ קוק אויפן ציפערבלאַט איבערן קאָפּ און רופט זיך אָן:

— נאָך צוויי מינוט.

— ס'וועט זיין געבוג — ענטפערט פאַן ליפסאָן און גיט אונטער זיך אַ רוק די שטול.

— ניין, פאַניע ליפסאָן, נאָך צוויי מינוט.

און אַז די צוויי מינוט גייען דורך, דערהערט זיך דער אמתער רוק מיט דער שטול. דאָס הייבט זיך אויף פאַן ווינקלער. ער ציט זיך אויס, גיט אַ שלעפּ ביידע שפּיצן פון וועסטל, אַ פיר מיט דער האַנט איבער די וואָנסעס, נעמט די פען און ווישט זי אָפּ באַם לעשער, פאַרדעקט די טינטערס מיט אַ שטיקל האַרט פאַפּיר, לייגט אַריין אין דער אָפּע־נער שאַנק דעם זשורנאַל, און מיט פאַמעלעכע, האַרטע טריט לאָזט ער זיך אין דער עקספּעדיציע, וואו ס'הענגען די אויבער־מלבושים.

אין דער עקספּעדיציע ווייסט מען, אַז ביז וואַנען פאַן ווינקלער ווע[illegible] זיך בישט ווייזן, טאָר מען זיך נישט רירן פון אָרט. פאַן ווינקלער איז פּינקטלעך, ווי דער זייגער — סיי באַם קומען, סיי באַם אַוועקגיין.

שוין אַכצן יאָר ווי די פּינקטלעכקייט זיינע האָט זיך נישט געענדערט אויף אַ האָר. ניין אַזייגער אינדערפרי רוקט ער אויף זיין שופלאָד, נעמט אַרויס די שרייב־מכשירים און צעלייגט דעם זשורנאַל אויפן טיש. אמת, ער זעצט זיך נישט גלייך צו דער אַרבעט. צוערשט שפּאַצירט ער זיך דורך איבער אַלע ליידיקע צימערן, שמעקט אַריין אין קאַבינעט, וואו ס'איז נאָך קיינער נישטאָ און קוקט דערווייל איבער די אַדרעסן פון דער אָנגעקומענער קאָרעספּאָנדענץ. דערנאָך טענהט ער איין מיטן אַלטן וואָזשנע, פרעגט אים אויס וואָס עס הערט זיך אינדערהיים באַ די קעניגס. לאַכט, ווען דער אַלטער דערציילט אים, אַז די דינסטן באַקלאָגן זיך, אַז זיי האָבן נישט צו עסן באַ די גבירים; אָדער, אַז פאַן יוזעף האָט זיך געקריגט מיטן ווייב און געהייסן איבערטראָגן זיין בעט אין אַ באַזונדער צימער אַריין; אָדער אַז פאַן מיכאַל עסט צו פרישטיק ראַזאָווע ברויט מיט טיי.

דאָס אַלץ הערט אויס פאַן ווינקלער מיט אויפגעשפּיצטע אויערן. ער לאַכט הויך איבער די ליידיק־אויפגערוימטע צימערן, ביז עס דערהערט זיך נישט דער ערשטער קלונג באַ דער טיר, איילט ער זיך צו, און

אײדער דער קלינגער קומט אַרײן, זיצט ער שױן בײַ זײַן זשורנאַל און אַרבעט.

עס טרעפט אַמאָל, אַז פאַן װינקלער, גײענדיק אינדערפרי אין געשעפט אַרײן, באַמערקט פון דערװײַטנס, װי ס'גײט שױן נאָך עמיצער פון די קאָלעגן. בעמען זײַנע שװערע האַרטלעכע טריט װײכער װערן. ער גײט שױן נישט, נאָר שטופּט זיך. און כאָטש ער װײסט, אַז גיך גײן שאַדט אים, מאַכט ער זיך נישט דערפון און פירט אױס, אַז ער מוז זײַן דער ערשטער אין קאַנטאָר.

די עלטערע מענטשן אין געשעפט געדענקען, אַז מיט יאָרן צוריק האָט געטראָפן אַ פאַל, װען פאַן װינקלער האָט זיך אינדערפרי פאַרשפּעטיקט. מען האָט נישט געװאוסט װאָס צו קלערן. חברה האָט געװאָלט דערגײן, איז מען אים אונטערגעקומען מיט פאַרשידענע שפּיצלעך. פאַן װינקלער אָבער האָט געשװיגן, װי אַ מױער.

ערשט אין בײַן חדשים אַרום, װען פאַן װינקלער האָט פאַרבעטן די חברים אויף אַ ברית – האָט אײנער געלאָזט פאַלן אַ װיץ, און פון דעמאָלט אָן האָלט מען זיך אין אײן חכמהנען איבער זײַן פאַרשפּעטיקן זיך מיט אַ גאַנצער פערטל שעה.

אַז זײַן הױכע, איבערגעװאַקסענע פיגור באַװײַזט זיך אין דער עקספּעדיציע, קוקט שױן קײנער נישט אױפן זײגער, נאָר מען נעמט שאַרן מיט די שטולן, פאַרמאַכן די ביכער, און אַלע מיט אײנמאָל שטופּן זיך צו די איבער־מלבושים.

פאַן װינקלער טוט זיך אָן פאַמעלעך. גיט אַ ברום אַ „גוטן־טאָג“ איבער אַלעמענס קעפּ און שאַרט זיך אַרױס דער ערשטער. קײנמאָל טרעפט נישט, ער זאָל גײן מיט עמיצן צוזאַמען און קײנעם אַרט עס נישט. פאַר זײ איז געװוג, אַז ער איז דער פּינקטלעכער זײגער, לױט װעלכן מען פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר און מען צעשיט זיך איבער דער שטאָט.

*

באַם איצטיקן מאָל אַרױסגײן, װען פאַן װינקלער איז שױן אָפּגעװען אַ האַלבן שטאָק שטיגן, איז אים אײנגעפאַלן, אַז כאָטש מאָרגן איז זונטיק, װאָלט אפשר אַ יושר געװען אַרײַנצוכאַפּן זיך אויף אַ שעה־

צווי אין קאַנטאָר און אויפצוזוכן דעם פעלער. קיינער וועט אים נישט שטערן — וועט ער אים גיכער געפינען. באַלד אָבער האָט ער חרטה געהאַט. גראַד מאָרגן קאָן ער אים דוקא נישט געפינען, און אַזוי אַרום קאַליע מאַכן זיך אַ זונטיק, דעם איינציקן טאָג, אין וועלכן ער לאָזט אַ ביסל אַראָפּ דעם עול פון די ביכער און פילט זיך, ווי אַ מענטש מיט מענטשן גלייך. און זונטיק איז טאַקע אַ טאָג פון רו און פאַרגעניגן. זונטיק איז זיך פאַן ווינקלער נוהג אויפצושטיין מיט אַ שעה שפּעטער ווי אַלע טאָג פון אַ גאַנצער וואָך. זונטיק עסט פאַן ווינקלער אַ בעסער אָנבייסן, טוט אָן אַ פרישן קראַגן, אַ שוואַרצן שניפּס, באַטראַכט די גומקעס פון די יום־טובדיקע שיך; און אַרום צוועלף אַזייגער נעמט ער איינס פון זיינע צווי קינדער, אַמאָל ס׳ייגגל, אַמאָל ס׳מיידל און גייט מיט זיי שפּאַצירן איבער די גאַסן ער גייט בנעימות — מיט געמאָס־טענע טריט, אַזוי ווי ער וואָלט געציילט וויפל שפּרייזן ער מאַכט אין אַ מינוט. און אַ טבע האָט ער, אַז בשעתן גיין מוז ער זיך האַלטן געבויגן און שטעלן דעם קאָפּ אַרויס, אַזוי, אַז די אַקסלען גייען מיט אים מיט און דער קאָפּ שאָקלט זיך, ווי בא אַ פערד אין געשפאַן.

דאָס קינד, מיט וועלכן ער שפּאַצירט, שטעלט אים אַלע פּאָר מינוט ביי׳ע קשיות. און ער האַלט אין איין אָפּענטפערן: יאָ, אָדער ניין. ווייל בשעת פאַן ווינקלער שפּאַצירט זונטיק אין די גאַסן, האָט ער אין זינען נאָר איין געדאַנק: ער זאָל זיך טרעפן מיט אַ דירעקטאָר פון אַ באַנק, אָדער מיט אַ פּראָקורענט און ער זאָל קאָנען ציען פאַר זיי דעם הוט. אין אַזאַ מינוט ווערט ער, דאַכט זיך, העכער מיט אַ קאָפּ. דאָס פּנים ווערט ערנסט. און אַז ביידנס היט דעקן אָפּ די קעפּ, זוכט פאַן ווינקלער אַ שטיקל באַקאַנטן, יענער זאָל זען מיט וועמען ער, יאַקוב ווינקלער, איז קנעפּל בקנעפּל.

פון קינדווייז אָן האָט ער אַ באַהאַלטענע שוואַכקייט צו יענעם מין מענטשן, וואָס פאָרן אין אַ מיטן־דער־וואָך אין דראָזשקעס, פאַרנעמען הויכע שטעלעס און וואוינען אין קריסטלעכע גאַסן.

אַ שטיק דערפאַר גייט ער זונטיק שפּאַצירן — ער זאָל קענען אַהיים־קומען און דערציילן דעם ווייב, וועמען ס׳האָט צו אים היינט געגריסט און מיט וועלכן פּראָקורענט ער האָט זיך היינט אָפּגעשטעלט.

נאָר פאַן ווינקלערס ווייב — אַ פרוי מיט אַ פאַרשפּיצט רויטלעך נעזל — איז שוין געוואוינט צו איר מאַנס באַקאַנטשאַפטן, זי הערט אים אויס, גייענדיק פון קיך אין שטוב אַריין און פון שטוב אין קיך אַריין.

ווערט פאַן ווינקלער ברוגזלעך און האָט טענות פאַרוואָס אַז ער דער־ציילט עפּעס, האָט זי תמיד צו טאָן מיט דער קיך.

אויסערן שפּאַצירן האָט פאַן ווינקלער נאָך אַ תענוג אין דעם טאָג, וואָס הייסט זונטיק. דאָס איז די צייט נאָכמיטאָג, ווען ער קען זיך אויסציען אויף דער סאָפקע. ליגנדיק אַזוי אויף דער קאַלטער צעראַטע, דאַנקט פאַן ווינקלער דעם „הער גאָט“, וואָס ער האָט באַשאַפן אַזוי די וועלט, ס׳זאָל זיין אין דער וואָך אַ זונטיק און ער, יאַקוב ווינקלער, זאָל קאָנען גיין שפּאַצירן, טרעפן זיך מיט פיינע מענטשן און דער עיקר — אויסציען זיך אויף דער סאָפקע. צו דער סאָפקע דערלאַנגט איט אַ קינד די ציימונג און פאַן ווינקלער נעמט הנאה האָבן. ס׳ערשטע וואָס ער לייענט, איז זייער אַן אויסערגעוויינלעכער טראַגישער מאָרד, אָדער אַ ראָמאַנטישע געשיכטע, וואָס ענדיקט זיך מיט טויט. ער לייענט פאַר זיך. נאָר אַז די געשיכטע איז גאָר אינטערעסאַנט, קאָן ער גישט איינליגן רויק און מוז זיך טיילן מיטן ווייב.

— אַנדזשו, הער נאָר וואָס ס׳האָט זיך פאַרלאָפן.

מוז זיך אַנדזשע אין מיטן דעריבען אוועקזעצן און אויסהערן די גאַנצע מעשה פון אָנהייב ביזן סוף.

דערנאָך, אַז דאָס איז שוין פאַרטיק, נעמט זיך פאַן ווינקלער צו די טאָג־פאַרפאַלן. שפּעטער קוקט ער דורך די קורסן פון דער בערזע. און אַז עפּעס אַ פירמע פאַרעפנטלעכט איר בילאַנס אין דער ציימונג, שטודירט אים פאַן ווינקלער גענוי דורך, קנייטשט דעם שטערן, און אַזוי קנייטשנדיק ווערט ער ביסלעכווייז אַנדרימלט.

אין שטוב צעלייגט זיך יענע געגעצדיקע נאָכמיטאָג־שטילקייט, אין וועלכער די מענטשלעכע שטימען הערן זיך מיד און פאַרדרימלט. פון קיך טראָגט זיך אַ געקלאַנג פון טיש־געשיר. אויפן הויף הערט זיך אַ לאַכן פון אַ שיקסע. ס׳איז געמיטלעך, זאַט און מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן טראַכט זיך, אַז עס וואָלט נישט געשאַדט, ווען אַלע טעג פון אַ גאַנצער וואָך זאָלן באַשטיין פון אַזעלכע זונטיקדיקע נאָכמיטאָגן.

פאַן ווינקלער אָטעמט צום סופיט. די צייטונג האָט זיך אַראָפּגעגליטשט אויף דער פּאָדלאָגע. פרוי ווינקלער, וואָס איז תּמיד פאַרנומען: אָדער מיט דער דינסט, אָדער מיט פאַרריכטן אַלטע וועש — דרייט זיך אַרום אויף די שפּיץ־נעגל. זי שיקט די קינדער אין דער צווייטער שטוב, און ביי אַ ליאַדע פּיפּיץ פון דאָרט שטעקט זי אַהין אַריין די נאָז און וואָרנט.

— שטילער, קינדער, טאַטוש שפּי.

און אַז דער טאַטוש שלאָפט, שלאָפן מיט די ווענט און די טונקעלע שויבן און די גרויע מויער אַקעגנאַיבער דעם פענצטער און דער זייגער אויף דער וואַנט; אַפילו די הענט פון דער דינסט, וואָס וואַשט דאָרט אין קיך דאָס געפעס, שלאָפן אויך.

אין אָוונט, נאָכן אויסציען און נאָכן אויסגעגעצן זיך נעמט פאַן ווינקלער ווידער די צייטונג. דאָס מאָל זיצט ער שוין באַם טיש און באַם גרין־בלוילעכן אָפּשיין פון גאַז קוקט ער דורך די נעקראָלאָגן. טרעפט ער אויף אַ באַקאַנטן נאָמען, לייענט ער אים דורך אויף אַ קול און צוזאַמען מיטן ווייב, וואָס זיצט איבער אַן אַלט העמד, נעמען זיי נאָכטראַכטן, צי דער געשטאָרבענער איז נישט אַמאָל דער און דער. און אַז דער געשטאָרבענער איז טאַקע דער און דער, קען מען זיך גאָר נישט אָפּוואונדערן, וואָס ער איז שוין געשטאָרבן. מען באַדויערט דאָס ווייב, און מען זיפצט אויף די קינדער, נעבעך, וואָס זענען געבליבן יתומים, און מען באַשטימט, אַז צו דער לויה זאָל גיין פאַני ווינקלער, וואָרום ער, יאַקוב ווינקלער, איז דאָך אַ פאַרנומענער מענטש...

טיילמאָל קומט צו די ווינקלערס אַ גאַסט אויך. דאָס איז ס׳רוב אַ מומע פון ווייבס צד אָדער אַ קוזינקע מיט איר מאַן, וואָס איז אַן אַגענט פון אַסעקוראַציע און פירט די מעלדונקעס אין אַ הויז. זיצט מען און מען טרינקט טיי און מען פאַרבייסט מיט לעקעכלעך, וואָס פרוי ווינקלער באַקט אַליין און מען רעדט בשעת־מעשה: די קוזינקע מיט דער ווינקלעראָווע — פון די דינסטן און פאַן ווינקלער מיט דער קוזינקעס מאַן — פון געשעפט, אַסעקוראַציע, מען דערמאָנט נעמען, וואָס קענען זיך נישט רעכט אונטערשרייבן און זענען רייך געוואָרן. דערהערן דאָס די ווייבער און מישן זיך אַריין. שמועסט מען שוין צוזאַמען פון די ווייבער,

וואָס זייערע מענער זענען רייך געוואָרן און פון קינדער רעדט מען, און פון ד ע ם, פאַרוואָס מען האָט נישט נאָך עטלעכע. און די קוזינקעס מאַן-איינגאַנצן אַ געראַזירטער מיט אַ לענגלעך צעקנייטשט פנים-ווינצלט זיך, אַז זיין ווייב האָט אַ נדר געטאָן מער נישט צו האָבן. בשעת-מעשה גיט ער צו עפּעס אַ חכמהלע פון וואָס די קוזינקע — אַ פרוי מיט א צו-גרויסן בוזעם, — ווערט רויט און גיט אַ פּאַטש מיט די הענטש-קעלעך דעם מאַן איבער די הענט. פאַן ווינקלער צעלאַכט זיך און פון גרויס הנאה גיט ער אַ צי אַראָפּ די וואָנסעס איינמאָל און נאָכאַמאָל.

מאַכט זיך אָבער, אַז קיינער קומט נישט צו גאַסט, און די ציישונג ליגט אַן אויסגעלייענטע, די קינדער גייען שלאָפן — הערט זיך בולטער דאָס טיקן פון זייגער, דאָס פאַרמאַכן אַ טיר ערגעץ באַ אַ שכן. און כאָטש פאַן ווינקלער רעדט דעמאָלט פון זיינע באַלעבאַטים—אַז פאַן יוזעף איז אַ געמיינער יונג און פאַן מיכאַל — אַ „גנידע“ — דאַכט זיך, אַז מאַן און ווייב שלאָפן גאָר און נישט זיי רעדן, נאָר עס רעדט אַ ווידערקול פון אָפּגעבוצטן מעבל, פון די ווענט, וואָס בעטן זיך מען זאָל זיי אויפפרישן, פון דער דינסט, וואָס איז אַוועקגעגאַנגען שפּאַצירן — ביז מען הייבט אָן גענעצן, עסט מען אָוונט-ברויט און מען לייגט זיך שלאָפן.

אַזוי שוין אַ יאָר פופצן, ווי פאַן ווינקלער האַלט אין איין דערציילן דעם ווייב זיינעם וועגן די קעניגס, וועגן דער בוכהאַלטעריע, ווי אַזוי ער אַרבעט און וואָס ער אַרבעט. פרוי ווינקלער ווייסט שוין אויף אויסווייניק די אַלע טערמינען, וואָס ווערן באַנוצט אין דער בוכהאַלטעריע. זי דערקענט ווען איר מאַן האָט אַ גוטן טאָג, ווען אַ שלעכטן. ווען פאַן יוזעף האָט געשריגן, ווען פאַן מיכאַל האָט געקרומט מיטן מויל. . .

אַלץ האָט ער איר שוין אויסדערציילט, דער מאַן אירער. בלויז איין זאַך פאַרשווייגט ער — וויפל ער פאַרדינט.

זי קען אַלע זיינע געוווינהייטן, שוואַכקייטן, גוטע און שלעכטע מידות. נאָר ווייסט נאָך אַלץ נישט וויפל ער קריגט געהאַלט. זי ווייסט נאָר, אַז ס'איז ווייניק, אַז די קינדער טראָגן צעריסענע העמדלעך, אַז דער מאַן גייט אַ פאַלטן, וואָס איז שוין צעקנוידערט פון אַלטקייט, און אויף

די אַקסלען ליגט שוין אַ גרינלעכער שטויב. זי ווייסט, אַז זי אַליין, וואָס פלעגט מיידלווייז אַלע פּאָר חדשים האָבן אַ ניי קלייד, האָט זינט זי האָט חתונה געהאַט נישט באַנייט קיין מלבוש.

אמת, אין שאַנק הענגען קליידער נאָך פון חתונה־אויסשטייער. נאָר טראָגן טראָגט זי זיי נישט. דער מאַן אירער טענהט, אַז אַ בוכהאַלטערס אַ ווייב דאַרף נישט גיין אַזוי געפּוצט. מענטשן האָבן גרויסע אויגן. מען וועט זי בעמען אויף די צונגען: פון וואַנען? און פון וואָס? וויפל פאַרדינט דען אַ בוכהאַלטער באַ די קעניגס?

טראָגט זי אַלטע ספּודניצעס מיט איבערגעניטשעוועטע זשאַקעטן. קומט אין ערגיץ נישט, נאָר זיצט כּסדר אין שטוב, פּאַררירכט, צערעוועט, גרייט צו עסן, שיקט די קינדער אין שול, גיט אַכטונג זיי זאָלן מאַכן די לעקציעס, קריגט זיך פון צייט צו צייט מיט דער דינסט. און דאָס פאַררויטלטע נעזל ווערט אויסגעשפּיצטער, דאָס פּנים ווייכער. און דער אומרו פון זייגער וויגט זיך, איינטאָניג, געלאַסן. נישט העכער, נישט שטילער. דאַכט זיך, אַז דאָס דאָזיקע געלאַסענע, רויקע וויגן זיך פון אומרו האָט זיך איינגעגעסן אין די ביינער פון די ווינקלערס. און פּונקט אַזוי ווי דער אומרו, וויגן זיך אויך די רעיונות פון פּאַרפאַלק־נישט העכער, נישט שטילער, נאָר:

— טיק, טיק, טיק, טיק...

נאָר אַז דער בילאַנס פון באַנק־הויז „ברידער קעניג" שטימט נישט, פילט זיך אין הויז פון די ווינקלערס אַ שטיקל צערודערונג. פאַן ווינקלער קומט פון געשעפט אַ ברוגזער. טוט שטיל אויס דעם פּאַלטן, שאַרט זיך אַריין אין צווייטן צימער מיט אַ זייט און פרעגט מיט אַ פרעמד קול, צי דאָס עסן איז שוין פאַרטיק.

פרוי ווינקלער פאַרשטייט גלייך די סיבה. הייסט זי באַלד גרייטן צום טיש. די קינדער דרייען זיך אַרום אָנגעצויגענע און סודן זיך שטילער־הייט אין די ווינקלען. די דינסט קומט אַריין אַזוי ווי אין פּוטערנע לאַטשן. עסט מען שטילערהייט, און מען היט זיך אַ קלאַפּ צו טאָן מיט אַ לעפל. בלויז דער זייגער טיקעט הויך. דאַכט זיך העכער, ווי אַלע מאָל, און האַלט אין איין כּסדרדיקן ברומען:

— דער בילאַנס שטימט נישט. דער בילאַנס שטימט נישט.

הייבט פֿאַן ווינקלער אויף די אויגן צום ציפּערבלאַט, קוקט מיט אַ
גערונצלטן שטערן און וויל, דאַכט זיך, ענטפֿערן:
— און אַז ער שטימט נישט, איז עס דיין עסק?...

*

איז אַט דעם לעצטן זונטיק מיטן פֿאַן ווינקלער געשעען אַן אויסטערלישע
זאַך.
אינדערפֿרי איז ער ווי געוויינלעך געגאַנגען מיט אַ קינד שפּאַצירן.
דער טאָג איז געווען אַ טרוקענער, נאָר אַ כמורנער. איינער פֿון יענע
פֿרילינגדיקע טעג, ווען די מענטשלעכע פּנימער זעען אויס געל און
נישט אויסגעשלאָפֿן. ס'האָט געצויגן אַ ווינטל, וואָס האָט אָנגעזאָגט
אויף שניי.
די גאַסן זענען געלעגן ריין — אויפֿגערוימטע, טונקל-פֿאַרשאָטענע, מיט
שיטערע פֿאַרבייגייער. ס'רוב עלטערע פּרויען — שווער-לייביקע מיט
ווייכע גלידער. ס'האָט אויסגעזען, אַזוי ווי איצט וואָלט געווען די
יום-טובֿדיקע מיטאָג-שעה, ווען אין די מענטשלעכע הייזער קלינגט אָפּ
דאָס היימלעכע געקלאַנג פֿון טיש-געשיר און די גאַס, דערווייל, שרומפּט
זיך אין וואַרט אויפֿן געטומל, וואָס וועט זיך אין אַ שעה-צוויי אַרום
צעשיטן אויף אירע טראָטואַרן.
פֿאַן ווינקלער איז געווען פֿאַרנומען מיט זיינע ציפּער-רעיונות. ווייזט
אויס, אַז ער האָט נישט געזען, אָדער ער האָט פֿאַרגעסן; נאָר דאָס מאָל
איז קיין שום פּראָקורענט נישט אַנטקעגן געקומען, קיין שום דירעקט-
טאָר... עס זענען געגאַנגען סתּם מענטשן. נישט ער האָט זיי געזען,
נישט זיי — אים.
דאָס טעכטערל האָט געמאַכט ברייטע, לאַנגזאַמע שפּרייזן, אַזוי ווי
דער טאַטע, געגאַפֿיעט ערגיץ אין דער לענג פֿון דער גאַס און געוואונ-
דערט זיך, וואָס דער טאַטוש גייט אַזאַ שווייגעדיקער און אויף אַלע
אירע פֿראַגן ענטפֿערט ער מיט אַ ברום אונטער דער נאָז.
גייענדיק שוין צוריק אַהיים, איז דעם פֿאַן ווינקלער אַנטקעגנגעקומען
דער קאָרעספּאָדענט פֿון געשעפֿט — פֿאַן סעבאַסטיאַן פֿעלדמאַן — אַ
הויכער פֿאַרשוין מיט אַ צו-גרויסן בויך, וואָס האָט זיך געשטופּט
פֿאָרויס, ווי ער וואָלט וועלן זאָגן:

— לאָזט דורך, פאַן סעבאַסטיאַן פעלדמאַן גייט...

יענער האָט שפּאַצירט מיטן ווייב אונטערן אָרעם — אַ שווער-לייביקע פרוי, אַ גוידערדיקע מיט אַ לאַנגן שוואַרצן שלעפּ באַם הוט.

דערזעענדיק דעם פאַן ווינקלער, האָט דער קאָרעספּאָדענט מיט אַ ליבלעך שמייכעלע געצויגן דעם הוט און באַלד צוריק אָנגעבלאָזן ס׳פּנים, ווי קיינמאָל גאָרנישט. שווער געווען צו גלייבן, אַז דערדאָזיקער מענטש האָט מיט אַ רגע פריער אַזוי ליבלעך געשמייכלט.

פאַן ווינקלער האָט נישט גערן צוריקגעגריסט. ערשטנס האָט יענער אים אַ ביסל צעשטערט די רעיונות, צווייטנס האָט ער דעם פאַן סעבאַסטיאַן נישט איבעריק ליב געהאַט. ער האָט אים געהאַלטן פאַר אַ מענטש אַ פאַלשן, אַ חונף און אַ לעקער. יענער איז צופיל „פאַן-בראַט“ געווען מיט די קעניגס. געגאַנגען צו זיי גוט-יום-טוב ביטן, און שטילערהייט, מיט אַ שמייכעלע און מיט אַ חכמהלע — דערטראָגן, וואָס עס קלערן און רעדן צווישן זיך די אָנגעשטעלטע.

און נאָך אַ מיאוסע טבע האָט ער געהאַט, דער פאַן סעבאַסטיאַן. זיינס איז געווען הייליק, יענעמס — מיט דער בלאָטע צו גלייך. אַז ס׳איז צו רייד געקומען וועגן משפּחה — האָט ער קודם-כל אריינגעזאָגט, אַז דער פּוילישער קריטיקער ווילהעלם פעלדמאַן איז געווען זיינס אַ נאָענטער קרוב, און אַז אַזאַ ריין-פּוילישן נאָמען ווי סעבאַסטיאַן, טראָגן אפשר געציילטע פּאָליאַקן.

עס פלעגט טרעפן, אַז ווען דער קאָרעספּאָנדענט האָט זיך פאַר עמיצן פאָרגעשטעלט — האָט ער מיט א באַזונדערן קנייטש אונטערגעשטראָכן דעם פאָרנאָמען זיינעם:

— סעבאַסטיאַן פעלדמאַן יעסטעם!

די קעניגס האָבן אים אַנדערש נישט גערופן, ווי „פּאַניע סעבאַסטיאַניע“. און אייניקע פון די אָנגעשטעלטע, יענע וואָס האָבן מורא געהאַט ער זאָל זיי נישט נעמען אויף דער צונג-האָבן אים אויך אַנדערש נישט גערופן.

און אַ צונג האָט דער דאָזיקער פאַן סעבאַסטיאַן געהאַט אַ ביטערע. אַרומגעשטעקט פון אַלע זייטן מיט נאָדלען און נאָדעלעך. ער האָט גערעדט גיך, שלונגענדיק יעדעס וואָרט — ווי אַ ברי. געוואָרפן מיט די

הענט, גאָרנישט ווי קיין קרוב פון ווילהעלם פעלדמאַן, און תמיד יענעם פאַרשריגן...

פאַן ווינקלער — בטבע אַ צוריקגעהאַלטענער, מיט אַ סכום פון געציילטע באַגריפן, פלעגט זיך אינגאַנצן איינקאָרטשען, ווען סעבאַסטיאַן האָט גערעדט. עס איז אים אָפטמאָל געקומען אויפן געדאַנק, אַז דער דאָזיקער מענטש קען מיט איין וואָרט אונטערצינדן אַ שטאָט. ער האָט זיך דעריבער געהאַלטן פון אים פון דערווייטנס. נישט גערעדט קיין סך אין זיין געגנוואַרט און נישט גערן געענטפערט אויף זיינע שאלות.

אַצינד, אַז יענער איז פאַרביי־געגאַנגען אַזוי שטייף מיטן בויך אין דער וועלט אַריין, האָט עס דעם פאַן ווינקלער פאַרדראָסן: אָט גייט ער זיך שפּאַצירן, מיטן ווייב — גדלותדיק, פאַררייסן, אַזוי ווי די שטאָט וואָלט געווען זיינע. און ער, יאַקוב ווינקלער, וואָס איז הויפּט־בוכהאַלטער אין געשעפט, קריכט איינגעבויגן אין אַן אַלטן אָפּגעריבענעם פּאַלטן מיט אַ גרינעם שטויב אויף די אַקסלען — און טראַכט וועגן עפּעס הונדערט זיבן און דרייסיק מאַרק; וואָס האָבן אַזאַ ווערט, ווי דער שטויב, וואָס ליגט דאָ אין גאַס. יאַקוב ווינקלער גייט און ברעכט זיך דעם קאָפּ, וואו זיי שטעקן ערגעץ. און פאַרגעסט גאָר, אַז היינט איז זונטיק, אַז מענטשן זאָרגן נישט היינט: נעמען די ווייבער און לאָזן זיך אין די גאַסן — צופרידענע מיט גרויסע בייכער, מיט ציגאַרן אין די מיילער, מיט זאַטע פּנימער, אָנגעטאָן ליידיש... צו אַלדי שוואַרץ־יאָר... די פירמע „ברידער קעניג" וועט דער טייוול נישט נעמען, ווען ער, יאַקוב ווינקלער וועט היינט נישט טראַכטן פון זייערע ביכער מיט זייערע קאַפּיטאַלן...

ער האָט פעסטער אָנגענומען דאָס טעכטערל בא דער האַנט און אַזוי ווי ער וואָלט עפּעס באַשלאָסן, איז ער גיך אַהיים געגאַנגען.

אינדערהיים האָט ער געמוזט לאַנג וואַרטן אויף מיטאָג. די דינסט איז אַוועקגעגאַנגען און זוימט זיך שוין אַ גאַנצע שעה. דאָס ווייב האָט גערעדט הויך, כמעט געשריגן. אַ גאָפּל איז אַראָפּגעפאַלן מיט אַן אויסטערלישן קלאַפּ. אַ גלאָז איז צעבראָכן געוואָרן... דאָס אַלץ האָט דעם פאַן ווינקלער נאָך מער פאַרגרינט, און נאָך מער אָנגעיאָגט אַ במורנקייט אין די גרויע אויגן. הונגעריק איז ער געווען, און פאַן

סעבאַסטיאַנס בויך האָט זיך אים אַלץ אינאיינעם געשטופּט אין די אויגן אַריין—האָט ער אויסגעלאָזט זיין פאַרגרינטקייט צום טעכטערל—פאַרוואָס זי איז אַזאַ תּם, האַלט זיך אין איין פרעגן נאַרישע קשיות, וויל זיך נישט לערנען, רייסט שיך—אַזוי כּסדר—כּסדר, ביז די דינסט איז אַריינגעפאַלן רויט, ווי פון אַ סאַרע אַרויס: — פאַניע ווינקלער, האָט זיך אויסגעשריגן, און מען האָט גענומען סוף־כּל־סוף גרייטן צום טיש...

נאָכן מיטאָג איז רויק געוואָרן. פאַן ווינקלער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אָן פאַן סעבאַסטיאַנס בויך מיטן הענגלדיקן פּנים. ער האָט זיך געוואָלט נעמען צו זיין זונטיקדיק פאַרגעניגן, ד. ה. צו דער סאַפּקע און צום „קוריער“. ווייזט אָבער אויס, אַז ער איז געווען צו מיד — איז ער נאָך אַ ביסל געזעסן באַם טיש, און אַזוי זיצנדיק איז ער שטילערהייט אַנדרימלט געוואָרן.

דאָס ווייב האָט נישט געלאָזט אַראָפּנעמען דאָס טישטוך, וואָס מען האָט געלייגט צום מיטאָג. געהייסן די קינדער אַריינגיין אין צווייטן צימער, די דינסט האָט אויף די שפּיץ־נעגל אַראָפּגערוימט די כּלים, און פאַן ווינקלער האָט געדרימלט אין דער פאַרנאַכטלעכער שטילקייט, וואָס האָט זיך געבלייכט אויף די שויבן.

אַזוי דרימלענדיק האָט זיך דעם פאַן ווינקלער געחלומט אַזאַ חלום:

ער זיצט אין קאַנטאָר. פון דער עקספּעדיציע איז מען זיך שוין צוגאַנגען. דער וואָזשנע טשאַפּעט אַרום פון איין צימער אין אַנדערן. דער זייגער טיקעט הייזעריקלעך. ס'איז פאַרנאַכטלעך. איבער זיין ביוראָ ברענט שוין די עלעקטריע. דאָס הויפּט־בוך ליגט אָפן. אַקעגנאיבער אים שטייט פאַן ליפּסאָן. שטייט אַ ווײַלע און ווערט פּלוצלינג נעלם. דערנאָך וואַקסט ער ווידער אויס און ווייזט אים מיטן פינגער אויפן אָפענעם הויפּט־בוך. קוקט ער זיך צו, דער פאַן ווינקלער, זעט ער, ווי פון די לאַנגע, געקעסטלטע רובריקן נעמען זיך איינציקווייז אַרויסרוקן די ציפערן. זיי רייסן זיך אָפּ, אַזוי ווי לעבעדיקע באַשעפענישן און קריכן מחנותווייז אויף אַ ריין, נישט פאַרשריבן בלאַט.

פאַן ווינקלער גלייבט נישט זיינע אייגענע אויגן. אים דאַכט זיך, אַז ס'איז אַ חלום. אָט גייען די מיליאָנען—שוועך־בייכיקע, אָנגעפּרעסענע,

נאָך זיי — די הונדערט-טויזנטער מיט אַ באַלעבאַטיש-געמיטלעך געוואַגל. שפּעטער — די צען-טויזנטער — קורצע, איינגעשרומפּענע. נאָך זיי — טויזנטער, הונדערטער — מאָגערע, נישט אָנזעעוודיקע. מען גייט קופּקעווייז, שורותווייז, צעוואָרפן, און אַלע, דאַכט זיך, שטיקן זיך פון אַ גרויס געלעכטער.

דעם פאַן ווינקלער נעמט זיך מישן אין קאָפּ. ער וויל רופן דעם פאַן ליפּסאָן, נאָר יענער האָט זיך אויסגעמישט מיט דער גאַנצער חברותא און צוזאַמען מיט זיי שטיקט ער זיך פון געלעכטער.

צו אַלדי טייוול, וואָס זאָל דאָס באַטייטן?!...

אָט נעמען זיך אַלע ציפערן אָן אין אַ ראָד, די בייכיקע, די בעל-הבתישע צוזאַמען מיט די איינגעשרומפּענע, נישט אָנזעעוודיקע, און אַז דאָס ראָד איז פאַרמאַכט אַרום און אַרום, שפּרינגט אַרויס פון ערגעץ אַ קליינס, אַ פאַרשטויבטס, ווי ס'וואָלט געלעגן ערגעץ אונטער אַ בעט און שטעלט זיך אַוועק אין דער מיט און שטשירעט אויס צוויי שווארצע שורות ציין. דאָס גאַנצע ראָד נעמט טאַנצן אַרום דעם דאָזיקן ציפערל. פאַן ווינקלער דערפרייט זיך. אָט איז עס. אָט האָט ער עס געפאַקט. נאָך אַזוי פיל זוכעניש און קאָפּ-ברעכעניש. אָט דענען זיי, די 137 מאַרק.

ער לייגט אַרויף די האַנט און וויל עס אָננעמען. גיט עס זיך אַ רוק אָפּער, ווערט רויט און קוקט אים אָן מיט אַזעלכע אויגן, אַז דעם פאַן ווינקלער ווערט קאַלט אין די ביינער.

ציט ער צוריק די האַנט, איז עס דאָ אין מיטן. ווידער אַ קליינס, אַ פאַרשטויבטס, ווי ס'וואָלט געלעגן ערגעץ אונטער אַ בעט. רופט פאַן ווינקלער:

— פאַניע ליפּסאָן, פאַניע ליפּסאָן!...

גיט ער זיך פלוצלינג אַ וויג. דער קאָפּ גיט אַ פאַל און אַ הייב-זיך עס דערהערט זיך אַ קלאַפּ פון אַ שערל, אַ קלונג פון אַ גלאָז און פאַן ווינקלער רייסט אויף די אויגן.

— צאָ טאָביע, יאַקוביע! - דערהערט זיך פאַני ווינקלערס צעטומלט קול.

פאַן ווינקלער קאָן נישט ענטפערן. אין שטוב איז טונקל. פון דעם

דערבייאיקן צימער הערן זיך איינגעהאַלטענע שטימען פון קינדער. פון דער קיך קלאַפּט דאָס דינסט-מיידל מיטן געפּעס.

— יוזשו צינד נאָר אָן דעם גאַז, — רופט פאַני ווינקלער אין קיך אַריין און אַליין גייט זי צו צום מאַן, וואָס זיצט אַ שטייפער, ווי ער וואָלט נאָך געשלאָפן, און ציט אים באַם אַקסל:

— יאַקוביע!...

די דינסט קומט אַריין, שטעלט זיך אויף אַ שטול און צינדט אָן דעם גאַז. אַ גרין-געלע ליכטיקייט פאַרכאַפּט די ווענט און מאכט אַזוי, אַז פאַן ווינקלער זאָל אַ לאַנגע צייט ציטערן מיט די וויעס און נישט קאָנען עפענען די אויגן.

שפּעטער, ווען די אויגן געוויינען זיך צו דער ליכטיקייט — קוקט זיך פאַן ווינקלער אַרום, ווי נישט קיין היגער. באַמערקט די פרוי, וואָס קוקט אים אין פּנים אַריין, און פרעגט זי האַלב-פאַרשלאָפן, צי ס'איז דאָ קיינער נישט געווען.

— ניין, נישט געווען; אָבער וואָס ביסטו עפּעס אַזוי צעטראָגן?

— ביסט אַ מבין!...

— אויף וואָס?

— וואָס אַ חלום קאָן!

— ס'האָט זיך דיר עפּעס געחלומט?

— צייט איך לעב.

פאַן ווינקלער גלייכט אויס די וואָנסעס, וואָס זענען בשעתן דרימלען אַראָפּגעפאַלן, אַזוי ווי באַ אַ טויטן. ער גיט אַ פאַרזאָרגטן דריי מיטן קאָפּ, אַזוי ווי ער וואָלט זיך נישט געקאָנט שענקען, און נעמט דער-ציילן דעם ווייב וואָס מיט איז געשעען אין די עטלעכע מינוט דרימלען.

— דו פאַרשטייסט — קוקט ער זי אָן פאַרטועון — אַ ראָד... ציפערן... ציפערן... ציפערן... דער פעלער אין מיטן. הונדערט זיבן און דרייסיק מארק...

דאָס ווייב גיט אַ צי מיטן פאַררויטלטן נעזל, די הויט פון פּנים לאָזט זיך אַראָפּ

— אַוודאי — רופט זי זיך אָן — אַז דו האָסט נאָר אין זינען די ביכער

— אָבער פאַרשטיי נאַר — הייבט זיך פאַן ווינקלער אויף פון אָרט, גייט צו צום שפּיי-קעסטל, שפּייט אויס איינמאָל און נאָך אַמאָל, און אין איינוועגס רופט ער אין קיך אַריין:

— יוזשו! זאָל מיר יוזשע געבן אַ גלאָז טיי.

יוזשע ברענגט אַריין טיי. פאַן ווינקלער מישט פּאַמעלעך און האַלט זיך אין איין וואונדערן:

— ביסט אַ מבין! איך זוך עס אַרום, ווי מיט ליכט, און דאָס שטייט זיך גאָר אין מיטן...

ער גיט אַ זופּ די טיי, אַ קוועטש מיטן קאָפּ איבערן גלאָז — און ווידער אַמאָל:

— ביסט אַ מבין!

פרוי ווינקלער שטעלט דערווייל אַוועק דאָס ניי-געשיר. זי נעמט אַ־רויס פון אַ שופלאָד עטלעכע אַלטע העמדלעך מיט לייבעלעך, נעצט דעם פאָדעם מיט דער צונג, הייבט אויף נאָדל-פאָדעם צום גאַז און וואַרפט אַריין פאַרזאָרגט:

— אויף די קעניגס געזאָגט — אַ לעבן דאָס איז.

דער מאַן, דאַכט זיך, הערט נישט. ער דערציילט נאָכאַמאָל, ווי אַזוי ער איז אַנדרימלט געוואָרן, ווי אַזוי די ציפערן זענען אַרויסגעקראָכן פון די רובריקן, ווי אַזוי פאַן ליפסאָן איז אויך געוואָרן אַ גרויסע ציפער, בשעת מעשה הייסט ער זיך דערלאַנגען נאָך אַ גלאָז טיי. מישט און זופּט... און דאָס ווייב פעדעמט און צערעוועט, און אַז דער מאַן בלייבט אַ ווײַלע שטיל, פאַרשטעקט זי די נאָדל אין לייוונט און רופט זיך אָן נישט דרייסט:

— יאַקוביעו!

— וואָס, אַנדזשו?

— ווי לאַנג איז דער שיעור!

— מיט וואָס?

— צו זיצן אַזוי בײַ די קעניגס און צו פאַרדינען וואַסער אויף קאַשע?

— וואָס דען זאָל איך טאָן?

— דאַרף איך דיר זאָגן. אין גלײַן ווייסטו נישט.

— מיינסטו אַ הוספה?

— אָדער אַ הוספה, אָדער עפּעס אַנדערש. מען גייט דאָך אָן אַ העמד אויפֿן לייב.

— כ׳וועל רעדן.

— יאָ, וועסט רעדן, אַזוי ווי דו רעדסט אַלע מאָל.

— זאָג איך דיר, אַז כ׳וועל יאָ רעדן. אָבער לאָז נאָר געמאַך, — פֿאַר־קרומט ער דאָס פּנים, אַזוי ווי ער וואָלט אָפּגעיאָגט אַ פֿליג — זעסט דאָך, אַז כ׳בין פֿאַרנומען . .

— אַוודאי, ביסט פֿאַרנומען—ציט פֿאַני ווינקלער אַראָפּ די ליפּן און גיט אַ בייג מיטן קאָפּ.

דער דאָזיקער בייג דערציילט, אַז אַזוי איז געווען פֿאַראַיאָרן און פֿאַר צוויי יאָר, און אַזוי וועט זיין מאָרגן און איבערמאָרגן, און איין גאָט ווייסט ווי לאַנג נאָך.

נאָר פֿאַן ווינקלער זעט נישט. ער איז כסדר פֿאַרמוטשט. קוועטשט מיטן קאָפּ, און יעדע פֿאַר מינוט גיט ער אַ ברום צו זיך און צו קיינעם נישט:

— וואָס אַ חלום קאָן!

פֿונדעסטוועגן האָט ער פֿאַרן לייגן־זיך שלאָפֿן נישט פֿאַרגעסן אָנצו־ציען דאָס זייגערל מיט אַ פֿערטל שעה שפּעטער, אויפֿצוהענגען די מאַרינאַרקע אויפֿן אייגענעם הענגער, וואָס מיט פֿופֿצן יאָר צוריק, אַוועקצושטעלן די שטעק־לאָטשן רעכטס פֿון בעט און אויסצוטרינקען אַ קאָלט גלאָז וואַסער — אַן אַרבעט, וואָס ער טוט שוין יאָרן, נאַכט באַ נאַכט, איידער ער קריכט אַריין אין בעט.

ליגנדיק האָט ער געטראַכט, אַז מאָרגן באַלד אינדערפֿרי, ווי נאָר ער וועט קומען אין געשעפֿט, וועט ער זיך נעמען זוכן דעם מעלער. און מאָרגן מוז ער אים אויפֿזוכן. ער האָט זיך נאָר געישובט, צי זאָל ער דערציילן עמיצן וועגן חלום, צי נישט. — גלייכער נישט — האָט ער באַשלאָסן — חברה יונגוואַרג יועט זיך וויצלען. פֿאַן סעבאַסטיאַן וועט דערציילן די קעניגס. בעסער שווייגן.

*

צומאָרגנס, אַז פֿאַן ווינקלער איז געקומען אין געשעפֿט אַריין, האָט ער קודם־כל אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דאָס היימישע רעקל און אָנגעטאָן

דאָס אַלטע ריכּסענע, וואָס העננט שוין אין קאַנטאָר פון כמה יאָרן און דינט אים נאָר צו דער אַרבעט. דערנאָך האָט ער אַריינגעלייגט די זעמל מיט פּוטער אין שופלאָד, צעלייגט די שרייב-מכשירים, און אַזוי ווי אין קאַנטאָר איז נאָך קיינער נישט געווען — איז ער זיך, ווי געוויינלעך, אַ ביסל איבערגעגאַנגען איבער די אויפגערוימטע צימערן, וואָס האָבן נאָך געשמעקט מיט פאַרשלאָפנקייט. אין איינוועגס האָט ער פאַרבייגייענדיק, אַזוי ווי אַלע טאָג פון אַ גאַנץ יאָר, אויס-געפּרעגט דעם אַרומטשאַפּנדיקן וואָזשנע, ווי אַזוי דער זונטיק איז דערגאַנגען און וואָס עס דערציילן די דינסטן פון פאַן יוזעף מיטן פאַן מיכאַל.

אַ גאַנצע צייט האָט ער אין זינען געהאַט דעם נעכטיקן חלום. געווען אַ מינוט, ווען ער האָט אַלץ געוואָלט דערציילן דעם אַלטן מיכאַל. האָט ער זיך אָבער פּלוצלינג דערמאָנט, אַז אָט דעם אַלטן מיכאַל, דעם אייגענעם וואָזשנע, וואָסווישט אַציגד דעם שטויב פון די טישן, רופט מען גאָר אין געשעפט — סטאַניסלאַוו, כאָטש אין אמתן הייסט ער מיכאַל, ד. ה. רופן רופט אים נאָר פאַן יוזעף אַזוי. ער, פאַן יוזעף, וויל נישט, אַז דער וואָזשנע זאָל הייסן אַזוי ווי זיין ברודער. האָט ער אים געזאָגט, דעם אַלטן, דעמאָלט ווען ער האָט אים צוגענומען, אַז פון היינט אָן וועט ער הייסן סטאַניסלאַוו.

דער אַלטער האָט געמרוגעט מיט די אויגן. ווייזט אויס - געוואונדערט זיך, און געפּרואווט עפּעס ענטפערן.

האָט אים פאַן יוזעף איבערגעשלאָגן מיט אַ בייז קול:

— בענוג, דו הייסט סטאַניסלאַוו און פּטור...

טרעפט אַמאָל, אַז פאַן יוזעף רופט „מיכאַליע" און מיינען מיינט ער דעם ברודער — דערהערט עס דער וואָזשנע — נעמט ער גיך טשאַפּען אין קאַבינעט אַריין און ראַפּאָרטירט:

— יעסטעם, בראָשען פּאַנאַ!

גיט אים פאַן יוזעף אַן אָפּשניט.

— צו אַלדי טייוול, נישט דיך מיין איך. (ער זאָגט דעם אַלטן „דו") פאַרשעמט זיך דער וואָזשנע און דערמאָנט זיך, אַז ער דאַרף הייסן סטאַניסלאַוו.

פאַן ווינקלער דערמאָנט זיך און שמייכלט אין די בלאָנדע וואָנסעס

אַריין. דער ניאָזשנע שטעלט גלייך די טינטאָרנס און פלאַפלט עפּעס אין דער וועלט אַריין. די פענצטער שטייען אָפן. אַ זוניקער, קילער פרימאָרגן לויפט אַרום איבער די ליידיקע טישן. פאַן ווינקלער פילט זיך אויסגעשלאָפן, לופטיק. וויל ער אַ זאָג טאָן:

– ווייסט, מיכאַליע, דער נעכטיקער חלום...

דערהערט זיך אַ קלונג. דער אַלטער גיט זיך אַ כאַפּ און לויפט עפענען.

שטופט זיך אַריין פאַן סעבאַסטיאַן מיטן בייכיקן פאַרצאָל, וואָס כאַפּט דעם אָנבליק פון זיין בעל־הבית׳ס גוף. ער זאָגט אַ ברייטן „גוט־מאָרגן" און פרעגט דעם פאַן ווינקלער, וואָס ער איז אַזוי נעכטן געווען פאַרזאָרגט.

אין עטלעכע מינוט אַרום קלינגט דער קאַסירער, פאַן יוליאַן ווייך, אַ מענטש מיט גלייכע אַקסלען, וואָס האָט אַ שוואַכקייט אונטערצו־שוואַרצן זיך די גרויזלעכע וואָנסעס און רעדן אָנשטאָט אַ ווייכע „ל" אַ האַרטע און אָנשטאָט אַ האַרטע – אַ ווייכע.

שפּעטער קומט מיט דראָבנע טריטלעך אַ יונגערמאַן מיט אַ פלאַטשיק פּנים, וואָס פירט די וועקסל־אָפּטיילונג. נאָך אים – נאָך איינער – אַ בלאַסער מיט אַ פאַרשמעלט נעזל, וואָס טראָגט אַרום באַ זיך פאָרנאָ־גראַפישע קאַרטן און האַלט אין שופלאָד אַ מענער־אבר געשניצט פון שוואַרץ האָלץ.

דערנאָך האָפּסלט אַריין אַ בחור מיט אויסגעקנייפּטע בעקלעך, וואָס קריגט זיך מיט אַלעמען, און בעט יענעם מיטן פאַרשמעלטן נעזל, ער זאָל אים ווייזן די פאָרנאָגראַפישע קאַרטן.

אַ פערטל אויף צען זיצן שוין אַלע באַ טישן. די פעדערס סקריפּען. דער קאַסירער צעליינט דאָס געלט. דער טעלעפאָן הויבט אָן קלינגען. ערשט דעמאָלט קומט צו לויפן פאַן ווינקלערס געהילף־דאָס געפוצטע בחורל ליפּסאָן.

ער וואַרפט זיך אַריין דורך דער הינטער־טיר, וואָס פירט פון קיך. גיט אַ שליידער צוועק דעם מאַנטל, אַ גלעט דעם פייכטן קאָפּ. כאַפּט געשווינד אַרויס זיין בוך פון שאַנק... און אַזוי לויפנדיק און סאַפּנ־דיק גיט ער אין איין אָטעם אַ פרעג:

– פאַן יוזעף יוזש יעסט?

— יעסט, יעסט, — רופט זיך אָן פאַן סעבאַסטיאַן, וואָס זיצט אין אַ דערבייאיק צימער, וואו די טירן שטייען אָפן אין דער בוכהאַלטעריע אריין — איר קומט שפּעט, פאַניע ליפּסאָן, זייער שפּעט...

— אַ, פראָשען פּאַנאַ — נעמט דאָס נעפּודערטע בחורל שטאַמלען — אַ שוועסטער נישט געזונט... געמוזט גיין אין אַפּטייק...

פאַן ווינקלער רופט זיך נישט אָן. ער זיצט מיט פאַרגראָבענע אויגן אין זשורנאַל אַריין, איין אַקסל שפּיציק אַרויסגעשטעלט, און טראַכט, אַז ווי פאַן ליפּסאָן זאָל זיך נישט פאַרענטפערן, וועט שוין דער „קאָמבינאַציאָר“ (אַזוי רופט מען שטילערהייט דעם פאַן סעבאַסטיאַן) צו וויסן געבן אין קאַבינעט, אַז פאַן ליפּסאָן פאַרשפּעטיקט זיך.

— נו, און איצט, פאַניע ליפּסאָן — רופט זיך אָן אין אַ ווײַלע שפּעטער דער בוכאַלטער — לאָמיר זיך נעמען צו דער אַרבעט.

הייבט זיך אויפסניי אָן דאָס דיקטירן, דאָס מישן מיט בלעטער, שטרייכן מיט בלייפעדערס. צווישן איין בלאַט און דעם צווייטן גענעצט דערווייל דער פאַן ליפּסאָן, קוקט אין אַ האַנט־שפּיגעלע, גלעט דעם פּייכטלעך־צוגעקעמטן קאָפּ. און דער זייגער רוקט זיך פון האַלב עלף אויף עלף. די אַרבעט איז אין מיטן גאַנג. אין קאַבינעט בײַ די קעניגס זיצט אַ קליענט. פאַן יוזעף וועט זיך איצט נישט ווייזן. נעמט פאַן ליפּסאָן ביסלעכווייז דערציילן, ווי אַזוי דער נעכטיקער זונטיק איז אים דערגאַנגען.

אַזאַ טאָג איז שוין מאָנטיק. אין די ביינער ליגט נאָך דער טעם פון נישט אַרבעטן. מען איז האַלב־פויל, האַלב נישט דערשלאָפן. לייגט מען אַוועק די בלייפעדערס, מען שפּיצט אויס דאָס פּנים, און מען הערט.

און הערן איז דאָ וואָס. אַלע זונטיק טרעפט מיטן פאַן ליפּסאָן אַנדערע ניסים. און כאָטש פאַן ווינקלער גלייבט נישט אַזוי שטאַרק, האָט ער פונדעסטוועגן ליב אים אויסצוהערן און אַפילו הנאה האָבן.

פאַן ליפּסאָן דערציילט אָן אַ סדר. ער פּלאַפּלט מער, ווי ער רעדט. און אַ שטים האָט ער אַ ווייכע, אַ טונקעלע. פון יענע שטימען, וואָס רעגן אויף געשלעכטלעך.

דערציילט ער פון אַ שיקסל, וואָס ער האָט געהאַט. בלוט און מילך. אַליין אַ סטודענטקע. נישט גלאַט אַזוי פון גאַס אַראָפּ. פאַלט אַריין

צו אים פון זונטיק צו זונטיק... ער האָט זי שוין געגוג... איצט קומט צו אים אַ יידיש מיידל. נאָך גאָר אַ יונגעטשקע – בריסטעלעך, ווי עפעלעך... זי וואַרפט זיך אויף אים, ווי אַ פייער. קען זיך גאָר־נישט אָנזעטיקן. און אַ באַלעבאַטיש קינד, פון אַ פיין הויז... ער קען אַ ברודער אירן – אַ דאָקטאָר...

פלאַפלט ער אַזוי, דער פאַן ליפּסאָן, און מאָלט בולט ווי אַזוי זיי גיבן זיך אים אָפּ – די סטודענטקעס, די פיינע מיידלעך. ווי ער גייט מיט זיי דערנאָך אין אַ קינאָ, אָדער ער גייט גאָרנישט. און דאָס אַלץ – וואָס קאָסט עס אים ?–אַ גאָרנישט. אַז ער זאָל וועלן – גיט ער צו ווען, ער האָט שוין נישט וואָס צו זאָגן – קען ער האָבן די שענסטע און די אָרנטלעכסטע פרויען... נאָר ער וויל נישט, ער האָט זיי שוין געגוג...

פאַן ווינקלער קוקט פאַרנומען. אונטער די וואָנסעס פילט ער אַ פייכט־קייט. די גרויע אויגן ווערן צעשפּרייט, ווי בא אַ קאַץ. ער שמייכלט אין דער קרום. אַלע פאָר מינוט רייסט ער איבער:

– אַזוי, טאַקע ?...

ער קאָן זיך גאָרנישט אָפּוואונדערן, וואָס די אַלע תענוגים קאָסטן דעם פאַן ליפּסאָן כמעט ווי גאָרנישט; און וואָס די מיידלעך מיט די שיקס־לעך זיינע זענען נישט יענע פון גאַס, נאָר פון פיינע הייזער–ברידער דאָקטוירים, סטודענטקעס...

– און אַלץ אָן געלט ?

– יאַק באָזשע קאָכאַם – שווערט זיך דאָס געפּוצטע בחורל און קוקט מיט יענער אָפּענער קאַלטקייט, וואָס גרענעצט שוין מיט מידקייט און ביטול.

פאַן ווינקלער פאַרטראַכט זיך. עס קומט אים אויפן רעיון זיין אייגן ווייב מיטן רויטלעך־פאַרשפּיצטן נעזל, וועלכע איז כסדר פאַרנומען מיט פאַרריכטן און פאַרצערעווען, און מיטן דערמאָנען אים וועגן הוספות. עס קומט אים אויפן זינען דאָס דינסט־מיידל, וואָס איז געשטופּלט, ווי אַ ריב־אייזן. און ס'פאַלט אים איין, אַז דאָס ווייב זיינס נעמט אומישנע צו אַזעלכע מיאוסע דינסט־מיידלעך. די פריערדיקע איז נאָך מיאוסער געווען. אַ הויקער מיט בייגלדיקע פיס. ווייזט אויס, אַז זי טוט עס מיט אויסרעכענונג, דאָס ווייב זיינס... און פאַן ליפּסאָן איז גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז ער וועט קיינמאָל נישט חתונה האָבן...

— אַן אַנדערע וועלט אַרויסגעקומען — רעדט פאַן ווינקלער צו זיך אין מוח, — אָרנטלעכע מיידלעך... זיי האָבן אים ליב... וואָס געלט, ווער געלט ?!

אַמאָל, אין זיינע יאָרן, איז שויער געווען אַרויסצונעמען אַ רובל. קיין באַלעבאַטישע מיידלעך זענען נישט געווען. אַלץ יענע פון די ראָגעס. פאַרדינט האָט ער ווייניק. געמוזט אַלץ אָוועקגעבן טאַטע־מאַמע. האָט לאַנג געדויערט, ביז ער האָט געקענט אָפּשפּאָרן אַ רובל און פאַרגינען זיך איינע פון ראָג.

ער געדענקט, אַז אַפילו דאָס איז אים אויך אָנגעקומען שווער. ער פלעגט צוערשט אַרומקרייזלען אַלע הינטער־גאַסן, אויסמיידן מענטשלעכע פנימער. אַז ער איז אַריין מיט איינע אין אַ טויער — פלעגט ער זי באַטראַכטן — צי זי איז אין זיין געשמאַק, (ער האָט ליב פרויען מיט גרויסע בוזעמס) דינגען זיך מיט איר, ביז ער איז פאַרשוואונדן ערגעץ אויף טונקעלע טרעפ אין אַ קליין שטיבל מיט אַ נאַפט־לעמפּל.

אַ סך מאָל האָט ער חרטה געהאַט. אינעווייניק האָט ער ערשט דערזען, אַז יענע איז מיאוס, דאַר. און אַ מזל האָט ער געהאַט, אַז תמיד האָט ער געטראָפן אויף אַ שלעכט שטיק. ביזן היינטיקן טאָג האָט ער דאָס געפיל, אַז אַלע יענע פון די ראָגעס זענען שלעכטע.

פאַן סעבאַסטיאַן, וועלכער אַרבעט אין געשעפט לענגער, ווי פאַן ווינקלער, האָט געוואוסט דעם בוכהאַלטערס שוואַכקייט. אַז ס'איז געקומען אַ טאָג־צוויי נאָכן ערשטן און פאַן ווינקלער איז געזעסן מיט אַריינגעטועטע אויגן אין די ביכער, האָט דער קאָרעספּאָנדענט פאַרשטאַנען, אַז נעכטן צי אייערנעכטן איז דאָס יונגע בוכהאַלטערל געווען באַ אַ מיידל און אַז אַצינד קלערט ער אודאי צי מען דאַרף נישט אַריינגיין צו אַ דאָקטאָר... פלעגט ער אונטערשמייכלען, דער פאַן סעבאַסטיאַן, און גוטמוטיק קלאַפּן דעם בוכהאַלטער איבער די פּלייצעס.

— נישקשה, פאַניע ווינקלער, ס'טרעפט זיך אַזעלכעס. — ער אַליין איז אויך אַמאָל קראַנק געווען. עפּעס דאָרט אַ קורצע צייט. שפּעטער, אַז ער איז געזונט געוואָרן, האָט ער זיך אויסגעקליבן איינע, אַ קריסטין. ס'בעסטע איז אַ קריסטין. זי האָט געוואוינט פאַר זיך. אַ ליכטיק צימער־

אַ בעט — אַ נחת. איבערן בעט דאָס יוזל. פרום געווען. אַז זי האָט זיך געלייגט מיט אים, האָט זי געברענט אינגאַנצן. ביזן היינטיקן טאָג פילט נאָך פאַן סעבאַסטיאַן דעם טעם.

— איר ווייסט, פאַניע ווינקלער, — האָט דער קאָרעספּאָנדענט הייזע־ריקלעך און שטיל צוגעגעבן, — זי פלעגט דאָך קריצן מיט די ציין. „יעזוס־מאַריאַ" — רופן. הע, הע, יעזוס־מאַריאַ! ווי איר זעט מיך לעבן... איז ס'בעסטע — ער, פאַן ווינקלער, זאָל זיך אויסקלייבן אייגע.

ס'קאָסט טאַקע אַ ביסל מער, אָבער מען איז תּמיד זיכער.

נאָר פאַן ווינקלער האָט זיך נישט אויסגעקליבן. ער האָט דערנאָך חתונה געהאַט. ער האָט געזען, אַז די כּלה האָט אַ רויטלעך נעזל, נאָר מען האָט אים געזאָגט, אַז זי האָט נדן און שטאַמט פון אַ שיינע משפּחה. האָט ער חתונה געהאַט. דערנאָך אַ — קינד און נאָך אַ קינד. אין די ראָגעס איז ער מער נישט געגאַנגען. ער האָט דאָך געהאַט אַ ווייב. און דאָס ווייב האָט געקאָכט און געבאַקן און פאַרריכט און גע־צערעוועט. ער איז דערווייל געוואָרן הויפּט־בוכהאַלטער אין געשעפט. שפּעטער, ווען דעם ווייבס נעזל איז געוואָרן רויטער און זי האָט פאַרלוירן דעם טעם פון די ערשטע חתונה־יאָרן, איז אָפטמאָל געקומען דער געדאַנק וועגן יענע אין די ראָגעס, אָדער וועגן איינע, אַ קריסטין, ווי פאַן סעבאַסטיאַן האָט געעצהט. איז — ערשטנס האָט ער זיך דער־מאָנט, אַז ער איז הויפּט־בוכהאַלטער, אַ טאַטע פון צוויי קינדער; און צווייטנס — האָט ער גאָרנישט געקאָנט טראַכטן וועגן געלט אויף אַזעלכע זאַכן.

היינט איז שוין שפּעט. שוין נישט די צייטן דערויף. היינט דערציילט פאַן ליפּסאָן.

אַט האָט אַפילו פאַן סעבאַסטיאַן פאַרשטעקט די פעדער אונטערן אויער און שאָקלט אין דער אָפענער טיי אַריין מיטן קאָפּ:

— לאַדני ז'פּאַנאַ פּטאַק, פאַניע ליפּסאָן.

ער זאָגט עס גוטמוטיק, מיט אַ שמייכל אונטער דער ענגלדיקער גאָמבע. ער דערמאָנט זיך מן־הסתּם אָן יענער מיטן „יעזוס־מאַריאַ", גיט ער אַ קנייטש מיט אַן אַקסל און רעדט אַריין:

— פאַניע ווינקלער, מינענלי טע טשאַסי.

פאַן ווינקלער ענטפערט אָפּ פאַרטראָגן אין בוך אריין:
– אַ טאַק, מינעגלי, פאַניע.

*

אזוי אַנטלויפן די שעהן אין דעם טאָג, וואָס הייסט מאָנטיק. קומט אָבער א דינסטיק, אַ מיטוואָך און די רעשט טעג פון דער וואָך — ווערט נימאס פון הויכן זייגער-טיקען, פון די פאַרשטויבטע רוקנס אין דער שאַנק, פון די לאַנגע נישט געוואַשענע שויבן. די גרויקייט עסט זיך איין אין בלוט, ווי זשאַווער; בייגט די אָקסלען צו די טישן, באַשווערט די געדאַנקען. מען זעט נישט מער, ווי ציפערן, לאַנגע רובריקן. מען טראַכט פון גאָרנישט מער, ווי נאָר פון די טויט-לעבעדיקע באַשעפענישן, וואָס ווערן גרעסער, אויסגעצויגענער, ביז פאַרגאָסנקייט פון אויגן און טעמפּער חלשות.

קומט אריין עמיצער פון דער עקספּעדיציע, דאַכט זיך, אַז ער קומט פון אַ פרעמדער וועלט. פאַן ווינקלער הייבט אויף דעם קאָפּ פון זשורנאַל. ער פרייט זיך מיט דעם שטיק פרעמדקייט, וואָס האָט אויף אַ ווײַלע צעיאָגט די גרויקייט. ער הערט שוין נישט דאָס טיקען פון אומרו, זעט נישט די נאַריש-פאַרעקשנטע רוקנס פון די ביכער. ער פרעגט, וואָס עס הערט זיך דאָרט אין דער עקספּעדיציע, וויפל קליענטן... צי פאַן יוזעף איז דאָ... און ס'אַרט אים נישט, וואָס יענער וועט ענטפערן — ער פרעגט נאָר. און דאָס איז אים גענוג.

גייט יענער צוריק אַרויס — נעמט דער אומרו העכער זיך וויגן, די ווייזערס רוקן זיך פּאַמעלעך... שלעפּנדיק, ווי אַן עגלה אין זאַמדיקן וועג. און וואָס מער די ווייזערס שלעפּן זיך, מער קוקט מען אויפן ציפערבלאַט. און וואָס מער מען קוקט — מער שלעפּן זיי זיך. ביז זיי דערציען זיך קוים צו די צוועלף. עס גיט אַ ריץ, אַ סקריפּ און ס'נעמען אַראָפּפאַלן אויף די טישן, ווי לאַנג-אויסגעקוקטע טראָפּנס רעגן, צוועלף הייזעריקלעכע שווערע קלעפּ.

דעמאָלט ציט מען אָפּ דעם אָטעם. מען גלייכט זיך אויס און מען קוקט אויף דער טיר. פון דאָרט טשאַפּ"ט אריין דער אַלטער וואָזשנע מיט צוגעגאָסענע גלעזער טיי און צעשטעלט זיי אויף די טישן פון די אָנגעשטעלטע.

פאַרמאַכט מען די ביכער, לייגט מען אַוועק די שרייב־מכשירים און מען נעמט שלעפּן פון די שופלאָדן דאָס ביסל עסנוואַרג, וואָס מען האָט זיך מיטגעבראַכט פון דער היים. פאַן סעבאַסטיאַן וויקלט אויף פון באַזונדערע שטיקלעך זייד־פּאַפּיר קליינע פּוטער־זעמעלעך, צעלייגט אויפן טיש שטיקלעך הערינג — אַמאָל געמאַרינירטן, אַמאָל געוועזלטן — און מיט אַ באַזונדערער הנאה מאַכט ער קליינע ביסן און זופּט־נאָך שלינגען טיי, פאַן ליפּסאָן שיקט זיך אַראָפּ נאָך אייער, צעלייגט גרויסע זעמל, עטלעכע טשאַסטעס, עסט מיט אַ ליפּן־פּאַטשערײַ און שלינגט הויך פון גלאָז.

בלויז איין פאַן ווינקלער צעלייגט נישט זיין עסנוואַרג אויפן טיש. ער דרייט זיך אויס צו דער וואַנט, קנייפּט אַרויס שטיקער פון דעם אָפּע־נעם שופלאָד און זופּט די טיי מיט ישוב־הדעת, אַזוי ווי ער וואָלט געציילט, וויפל שלונגען אַזאַ גלאָז פאַרמאָגט. ער עסט מיט אַ פאַרמאַכט מויל. מען זעט בלויז שאָקלען זיך די וואָנסעס און די לעפּלעך פון די אויערן.

אַ גאַנצע האַלבע שעה קען מען אַזוי הנאה האָבן. עסן וואָס מען וויל און ווי אַזוי מען וויל. גאַרנישט אין זינען האָבן, אויסער דאָס זשאַמ־זשען מיט די מיילער.

פאַן ווינקלער אָבער האָט בשעתן עסן יאָ פון וואָס צו טראַכטן. דאָס זשאַמזשען מיטן מויל גייט אים נישט אַזוי שטאַרק אָן, די ביכער אַרן אים אויך נישט, די דאָזיקע האַלבע שעה איז אפשר די איינציקע צייט אין טאָג, ווען פאַן ווינקלער טראַכט פון זיך, פון זיינע היימישע זאַכן...

— אודאי איז זיין ווייב געערעכט. ווי לאַנג איז דער שיעור אַזוי צו זיצן ביי די קעניגס! אַן הוספה קומט אָן מיטן טויט. רעדן איז נישט פון די גרינגע זאַכן...

זי האָלט אים אין איין דערמאָנען, פאַרוואָס ער גייט נישט אַריין צו די קעניגס און זאָגט זיי נישט. ער מיידט עס אויס. ער האָט עס פיינט.

איידער ער פועלט שוין באַ זיך אַריינצוגיין אין קאַבינעט, טראָגט ער זיך אַרום מיטן געדאַנק אַ צייט. לייגט אָפּ פון טאָג אויף טאָג, פון מינוט צו מינוט. תמיד איז ער זיכער, אַז קיין הוספה וועט ער

נישט קריגן. די קעניגס וועלן אָנהייבן איינטענהן מיט אים, געבן צו צו פאַרשטיין, אַז ס׳איז נישט די צייט דערויף, אַז זיי קאָנען איצט נישט, אַז דאָס, אַז יענץ — ביז ס׳וועט אים פּאַרמיאוסט ווערן און ער וועט איינגאַנצן אויפהערן רעדן.

זי, דאָס ווייב, וויל דאָס נישט פאַרשטיין. זי מיינט, אַז אַזוי גיך קען מען רעדן מיט זיי. ער קען נישט גלאַט אַזוי אין אַ מיטן מיטוואָך זאָגן:

— פּראָשען פּאַנאַ, כ׳וויל אַ הוספה...

ער מוז אָפּוואַרטן אַ מינוט, ווען זיי זענען אַליין. ווען אין געשעפט איז שוין קיינער נישטאָ. דרייט ער זיך אַרום מיט שטילע טריט איבער די ליידיקע צימערן, פאַרבלאָנדזשעט אַלע פּאָר מינוט צום פאַרמאַכטן קאַבינעט, הערט זיך איין, צי מען רעדט נישט דאָרטן. הערט ער יאָ רעדן — איז ער צופרידן. ער רוקט זיך אָפּ פון דער טיר מיט אַ ריין געוויסן. אַצינד רעדן זיי, די קעניגס. און אַז זיי רעדן, קען ער זיי נישט שטערן.

קומט ער אָבער אַהיים, פרעגט אים ווידער ס׳ווייב, דערציילט ער איר, אַז היינט האָט ער נישט געקענט. מאָרגן וועט ער שוין זיכער רעדן.

דרייט ער זיך ווידער אַרום איבער די ליידיקע צימערן, שטייט ווידער הינטער דער טיר פון קאַבינעט. דער וואָזשנע רוימט. שטעלט די שטולן אויף די טישן. דערזעט ער דעם בוכהאַלטער, שאָקלט ער צו אים מיטן קאָפּ:

— אידזשע פּאַן, אידזשע פּאַן...

שטייפט זיך פאַן ווינקלער, גיט אַ צי די מאַרינאַרקע, גלייכט אויס די וואָנסעס. און מיט אַ ציטערדיקער נישט־זיכערקייט, אַזוי ווי מען גייט אַריין צו אַ קראַנקן, קוועטשט ער אַראָפּ די קליאַמקע און שטעקט אַריין דעם קאָפּ:

— מאָזשנאַ?

— פּראָשען! — הערט זיך פאַן יוזעפס קול.

פאַן ווינקלער פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר, דער וואָזשנע גיט אַ שאָקל מיטן שטויב־טוך און זיפצט אָפּ:

– עך, פאַניע — פאַניע! און דער בוכהאַלטער, אַז ער קומט אַריין אין קאַבינעט, שטייט ער צוערשט בײַ דער טיר, פאַן יוזעף קוקט אויף אים דורך צוויי שמאָלע שפּאַרעס, אַזוי ווי דער רויך פון ציגאַר וואָלט אים געביסן אין די אויגן.

– וואָס וועט איר עפּעס זאָגן, פאַניע ווינקלער!

– כ'האָב געוואָלט בעטן – הייבט אָן דער בוכהאַלטער מיט פאַרטרוי-קנטע ליפּן און ענדיקט נישט.

פאַן יוזעף ווייזט אים אָן אַ שטול צום זיצן.

פאַן מיכאַל הייבט נישט אויף די אויגן. ער זיצט מיט אַ פאַרבויגן קעפּל איבער אַ פּאַק פּאַפּירן און שרייבט.

אַזאַ טבע האָט ער שוין – דאָס איינגעשרומפּענע מענטשל: ער דער-שנאַפּט, ווי אַ הונט, ווער עס קוועטשט די קליאַמקע און נאָך וואָס מען גייט. פאַרוואַרפט ער ס'קעפּל אויף אַ זייט, רוקט צו די פּאַפּירן און נעמט שרייבן.

– כ'האָב געוואָלט בעטן – הייבט ווידער אָן פאַן ווינקלער.

פאַן יוזעף פאַרשטייט. ציט ער דעם ציגאַר מיט פולע פליישיקע ליפּן און ענטפערט, אַז ס'געשעפט טראָגט נישט. אַזוי פיל מענטשן, וואו וועט מען נעמען אויף דעם אַלעמען?

ווערט פאַן ווינקלער דרייסטער און נעמט אויסרעכענען, נישט קוקנדיק דערבײַ אויף פאַן יוזעפן, אַז פון זיין געהאַלט האָט ער נישט די קינדער קיין מלבושל צו מאַכן. און שכר-למוד דאַרף מען באַצאָלן. און אַליין קאָן מען אויך נישט גיין, ווי דער ערשטער-בעסטער בעטלער.

פאַרציט פאַן יוזעף ווידער דעם ציגאַר און קוקט אויפן אַש, וואָס האַלט שוין באַם אַראָפּפאַלן. און פאַן מיכאַל שרייבט, אַזוי ווי ס'וואָלט דאָ קיינער נישט געווען און ס'גאַנצע עסק וואָלט אים אָנגעגאַנגען, ווי דער נעכטיקער טאָג.

פאַן ווינקלער, דערווייל, האָט שוין אַלץ אָפּגעזאָגט. ער זיצט אויף אָן עק שטול און וואַרט אויף תשובה. אַלע שווייגן. פאַן מיכאַלס פעדער סקריפּעט פאַרעקשנט. פאַן יוזעף שאָקלט אַראָפּ דאָס אַש פון ציגאַר איינמאָל און נאָכאַמאָל. דערנאָך דרייט ער אויס דעם קאָפּ צום שרייב-

דיקן ברודער און פרעגט אים אויף דייטש: (צווישן זיך רעדן די קעניגס – דייטש).

– מיכעל, וואָס שרייבסט דו?

– איך שרייב עטוואָס – ענטפערט פאַן מיכאַל און די פּאַפּירן אַריין.

– אָבער וואָס שרייבסט דו?

– וואָס זאָל איך שרייבן?!.. איך שרייב!

– אבער וואָס? – טרעט נישט אָפּ פאַן יוזעף.

– וואָס ווילסט דו? – גיט יענער אַ קוק מיט די שמאָלע אויגן און פון די שיטערע וואָנסעלעך אַפער זעט זיך אַן אויסגעקרומטע ליפּ.

– הערר ווינקלער זאָגט, דאָס ער צו קליינעס געהאַלט האָט – גיט אים צו פאַרשטיין פאַן יוזעף ביי׳זלעך–אונד דו שרייבסט... שרייבסט...

– נו, ערליידיג. איך ווייס גאָר ניכטס.

– וואָס דען ווייסט דו?

– לאָס מיך!

– אָבער לעגע וועק דאָס שמירעריי...

– וואָס פיר שמירעריי? – שפּרינגט יענער אויף. פאַן יוזעפס געקנייטשטע פּנים ווערט אָנגעשטרענגט. די גרויסע ברעמען שפּיצן זיך אויס – אַ סימן, אַז ער וועט באַלד אַ געשריי טון, אָדער אויפהייבן זיך פון שטול און געבן אַ זעץ אין טיש אַריין.

פאַן ווינקלער זיצט ווי אויף גלאָז. ער ווייסט, אַז באַלד וועט עפּעס אויסברעכן. וויל ער זיך אַנטשולדיקן און אַרויסגיין. נאָר דאָ גיט פּלוצלינג פאַן יוזעף, וואָס קוקט ווי אַ קאַץ אויפן אויסגעבויגענעם קעפּל פון זיין ברודער, אַ זעץ אין טיש אַריין און וואַרפט אַרויס פון זיך, אויף דעם אייגענעם דייטשן לשון מיט דער ווייכער „ל“:

– אַלטער אידיאָט!

פאַן מיכאַל גיט אַ צאַפּל. ער רייסט גיך אָפּ די אויגן פון פּאַפּיר, און פון פאַרקרומט-צוזאַמענגעצויגענעם מויל פּאַלט צוריק – אויך מיט דער ווייכער „ל“:

– ליומפּף!

– עזעל-קאָפּף – האָט פאַן יוזעף גרייט דעם ענטפער.

הייבט זיך אָן אַ האַסטיק איבערוווערטלען זיך. מען פאַרגעסט, אַז דאָ זיצט פאַן ווינקלער. די ווערטער פאַלן פאַרביסן, מיט רויט-געוואָרענע פנימער און פאַרקייכטן אָטעם:

— פערד, נאַר, אַלטער הונט. —

ביז פאַן יוזעף גיט זיך ראַפּטום אַ שטעל-אויף, שליידערט דעם ברודער (דאָס מאָל אויף פויליש) דאָס ערגסטע, וואָס ער קאָן אים זאָגן:

— גנידאַ!

און פאַרהאַקט הינטער זיך די טיר.

— ליומפּף! — שיקט אים נאָך דער ברודער מיט אַ כאַפּ פון די ליפּן, אַזוי ווי ער וואָלט געשלונגען עפּעס אַ הייס מאכל.

דאָס אַלץ הערט פאַן ווינקלער. ער האָט חרטה פאַר זיין נישט-איבער-גערעכנטקייט.

— נישט באַדאַרפט היינט אַריינגיין. נישט קיין מזלדיקער טאָג היינט. אינדערפרי האָט מען שוין געקאָנט באַמערקן, אַז פאַן יוזעף איז נישט אויפגעלייגט. . .

דערווייל רוקט פאַן מיכאל אוועק די פאַפּירן און מיט אַ געלאַסן, אַ ביסל שווער-אָטעמדיק קול רופט ער זיך אָן צום בוכהאַלטער.

— פאַן וויבאַטשי, פאַניע ווינקלער — איר קענט דאָך אים, דעם ברודער מיינעם: נערוועז. . . אויפגערעגט. . . זאָל ער נישט נעמען פאַר אומגוט, דער פאַן ווינקלער. ס'וועט אַריבערגיין, וועלן זיי זיך מישב-זיין. זאָל ער, דער פאַן ווינקלער, אַריינקומען אין אַ צוויי-דריי טעג אַרום. אמת — מען קאָן נישט. . . ס'געשעפט טראָגט נישט. . . אָבער, מען וועט שוין זען עפּעס צו טון.

מיט דעם גייט פאַן ווינקלער אַרויס. פון דער עקספּעדיציע דערטראָגן זיך הויכע טריט. דאָס שפּאַנט פאַן יוזעף פון איין וואַנט צו דער אַנ-דערער און וואַרט אַזוי אַרום אָפּ דער בוכהאַלטער זאָל אַוועקגיין.

פאַן ווינקלער נעמט אויף זיך אין געאייל דעם פאַלטן, גיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ צום וואָזשנע און מיט זיינע שווערע, פלאַטשיקע טריט גייט ער אַראָפּ פון די שטיגן.

אַהיים קומט ער אַ הונגעריקער, מיט אַן אויסגעשפּיצטער נאָז און רעדט נישט.

— פאַרוואָס אַזוי שפּעט? — פרעגט דאָס ווייב.

— אַ דאגה! — גיט פאַן ווינקלער מער אַ קוועטש מיט די אַקסלען, ווי… מיטן מויל.

ערשט נאָכן מיטאָג, באַם טרינקען די טיי, ווען דער גאַז ברענט שוין — נעמט ער צווישן איין שלונג און דעם אַנדערן דערציילן, ווי אַזוי דער היינטיקער שמועס איז צוגעגאַנגען. וואָס ער האָט זיי געזאָגט און וואָס זיי האָבן אים געענטפערט און וואָס ער האָט זיי צוריקגעענטפערט און ווי אַזוי זיי האָבן זיך גענומען קריגן און וואָס פאַן מיכאַל האָט אים דערנאָך געזאָגט...

דאָס ווייב שאָקלט מיטן קאָפּ. ווי אַן איינגעשרומפּן באַבקעלע, זי ציט אַריין און אַרויס מיט דער נאָדל, באַמערקט דעם דינסט-מיידל, אַז יענע גייט צו הויך — דער „פאַן" רעדט דאָך... און אַז דער מאַן האָט שוין אַלץ אָפּגערעדט, גיט זי אַ צי מיטן נעזל, אַ פאַרבייג מיט די ליפּן און רופט זיך אָן:

— אַזוי יאָר-איין, יאָר-אויס, אָדער מען קריגט זיך, אָדער מען האָט קיין צייט נישט. און דו, דערוויילל, שטאַרב פון הונגער.

— נישקשה — טרייסט זי פאַן ווינקלער, — ס'איז נישט קיין הפקר-וועלט. כ'וועל נאָכאַמאָל אַריינגיין. נאָכאַמאָל רעדן. זיי מוזן מיר געבן. וואָס מיינסטו, כ'בין שוין אַ פאַרלוירענער מענטש?

— דו זאָגסט שוין אַזוי פופצן יאָר — ענטפערט ס'ווייב מיט אַ פייכט קול און ווידער אַ שלעפּ מיט דער נאָדל.

— כ'וועל אַזוי לאַנג זאָגן, ביז כ'וועל עפּעס אויסזאָגן.

צומאָרגנס, אַז פאַן ווינקלער קומט אין געשעפט אַריין, ווייסט שוין ס'גאַנצע פּערסאָנאַל, אַז נעכטן איז געווען אַ „בורדע" (אַזוי רופט מען עס).

דער אַלטער וואָזשנע דערציילט, אַז נאָך דעם, ווי דער פאַן בוכהאַלטער איז אַוועק, איז פאַן יוזעף צוריק אַריין אין קאַבינעט און ווידער האָט מען געהערט שרייען. ער ווייסט וואָס, נאָר: „צאָש טאַם שוואַרגאָטשאַלי", צי אויף דייטש, צי אויף יידיש, ווער ווייסט זיי דאָרט, נאָר פאַן מיכאַל איז פּלוצלינג אַרויס פון קאַבינעט אַ צעקאָכטער, נישט געוואַרט ביז ער, דער וואָזשנע, וועט אים דערלאַנגען דעם פּאַלטן, נאָר אַליין אים אַ נעם געטאָן און אַנטלאָפן.

קומט ווידער אַ באָכמיטאָג, דער וואָזשנע טשאַפּעט ווידער אַרום אין די לאַטשן. דער זייגער טיקעט העכער ווי אַלע מאָל. איבער די צימערן לויפט נאָך אַרום דאָס געקרויש פון אַוועקגעגאַנגענעם פּערסאָנאַל — גייט פאַן ווינקלער ווידער אַ קוועטש די קליאַמקע פון דער קאַבינעט-טיר און גייט ווידער אַריין.

דאָס מאָל קומט ער אַנטשלאָסן. ער מוז פועלן. וואָס איז ער עפּעס זייערס אַ יינגעלע. נאָר אַז ער דערזעט דעם פאַן יוזעפס אָנגעצויגן פּנים, פאַן מיכאַלס פליכעוואַטע קעפּל איבער די פּאַפּירן, ווערט ער צוריקגעפאַלן און זאָגט שטיל, אַז ער איז געקומען געוואָר ווערן, וואָס עס הערט זיך מיט זיין הוספה.

קוועטשט ער אַזוי די קליאַמקע עטלעכע וואָכן. אַמאָל האָט מען נישט קיין צייט. אַמאָל וויל מען שוין יאָ רעדן, שיקט דער טייוול אָן אַ פאַרשפּעטיקטן קליענט. אַמאָל ווידער איז פאַן יוזעף נישטאָ. אָדער פאַרקערט — פאַן מיכאַל איז נאָר וואָס אַוועקגעגאַנגען. ביז מען דערמאָנט זיך סוף-כל-סוף, און פאַן יוזעף רופט אים אַליין אַריין.

ער זאָגט אים, דער פאַן יוזעף, אַז זיי האָבן אים אין זינען. זיי ווילן ער זאָל זיין צופרידן, און פאַרוואָס נישט? ... ער אַרבעט געטריי. נאָר וואָס זאָל מען טאָן, אַז ס'געשעפט טראָגט נישט... קיין סך קענען זיי נישט געבן... ער זעט דאָך אַליין... נישט מער — עפּעס וועלן זיי אים דערלייגן. נאָר מיט אַ תּנאַי — קיינער פון געשעפט זאָל נישט וויסן דערפון. אפילו זיין אייגן ווייב טאָר אויך נישט וויסן.

פאַן ווינקלער שלינגט אַראָפּ דעם באַנקירס רייד און האַלט וואָרט. אַפילו זיין אייגן ווייב ווייסט נישט. נאָר אַז ער הייבט איר אָן געבן עפּעס מער אויף פּרנסה, פאַרשטייט זי, אַז ער האָט געקריגן, פאַרריכט זי וווייטער שטילערהייט די העמדעלעך מיט די הייזלעך פון די קינדער.

*

דאָס געפּוצטע בחורל, אָט דער אייגענער פאַן ליפּסאָן, וואָס האָט, דאַכט זיך, מער נישט אין זינען געהאַט, ווי זיין גלאַנצנדיק קעפּל מיטן קנייטש אין די הויזן, האָט אָנגעהויבן באַמערקן, אַז די הויט פון פאַן

ווינקלערס פנים ווערט עפעס אויסגעצויגן און דין, אַזוי אַז עס זעען זיך אַרויס בלויע, קרענקלעכע אָדערלעך.

ער האָט באַמערקט, דער פאַן ליפסאָן, אַז בשעת דער בוכהאַלטער גייט, שטעלן זיך בא אים די פיס נישט זיכער, אַזוי ווי ער וואָלט געבלאָנ־דזשעט. און שוין אַ צייט, ווי ער האָט אויפגעהערט כמעט צו רעדן. אַז מען פרעגט אים עפעס — ענטפערט ער צעטומלט און נישט אויפן אָרט. האָט עס אים פאַרוואונדערט, דעם פאַן ליפסאָן. דאכט זיך, אַז קיינמאָל איז דער בוכהאַלטער אַזוי נישט געוועזן. ער פלעגט טאָקע מער שווייגן, ווי רעדן — אָבער קיינמאָל איז זיין פנים נישט געוועזן אַזוי אָפּגעצערט און אַזוי דערשלאָגן. פאַן ליפסאָן געדענקט, אַז איינמאָל אין טאָג, האַרט פאַרן אַ היימגיין, פלעגט זיך דער בוכהאַלטער אויס־שטעלן און מיט אַ באַזונדער פאַרטוענקייט און באַזונדערע צוגרייטונג— איז ער געגאַנגען ווי אַלע מענטשן גייען נאָך נאַטירלעכן געברויך. עס איז געגאַנגען בא אים, ווי בא אַ זייגער. עפעס אַזוי ווי ער וואָלט פריער אויסגערעכנט און אָפּגעשמועסט זיך.

לעצטנס אָבער הייבט ער זיך אויף עטלעכע מאָל אין טאָג פון דער שטול און אָן באַזונדערע פאַרטועניקייט און אָן באַזונדערע צוגרייטונג שלעפּט ער זיך אַרויס פון דער בוכהאַלטעריע מיט אויסגעקרומטע פלייצעס, זוימט זיך גאַנצע האַלבע שעהן און אַז ער קומט צוריק, דער פאַן ווינקלער, איז זיין פנים גרין־איבערגעשראָקן, די אויגן — ווייס, מיט יענעם אויסדרוק אין זיי, ווען מען היט זיך, פרעמדע זאָלן עפעס נישט דערקענען.

פאַן ליפסאָן, אַ ווייך־האַרציקער בחור, וואָס האָט נישט געקענט קוקן אויף קיין שניט אין אַ פינגער, האָט זיך דערשראָקן פאַרן בוכהאַל־טערס אויסזען. האָט ער אים איינמאָל, צווישן איבערמישן די בלעטער געפרעגט — צי ער, פאַן ווינקלער, איז נישט עפעס קראַנק. אין דער אייגענער מינוט אָבער האָט ער חרטה געהאַט. פאַן ווינקלער האָט אַ צי געטאָן מיטן קערפּער אַזוי ווי פון אַ ברי, מיט חשד אַ קוק געטאָן אויף זיין געהילף און מיט אַ נישט־זיכער איילנדיק קול געענטפערט:

— איך קראַנק? — חלילה!...

בשעת־מעשה האָט זיך זיין פנים מיאוס פאַרקרומט, די שטים—געבראָכן,

אַזוי אַז פאַן ליפסאַן האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז באַלד וועט זיך דער בוכהאַלטער הויך צעוויינען.

מער האָט דאָס בחורל נישט געפרעגט.

פאַן ווינקלער האָט טיפער איינגעגראָבן דאָס פּנים אין זשורנאַל. מען האָט געאַרבעט שטיל. פון מאָל צו מאָל נאָר האָט פאַן ליפסאָן אַ קוק געטאָן פון אַ זייט אויפן געבויגענעם קאָפּ פון בוכהאַלטער; יעדע עטלעכע מינוט — אַרויסגענומען ס'זייגערל פון וועסטל-קעשענע און פאַרגליכן עס מיטן ציפערבלאַט, וואָס אויף דער וואַנט.

אין פענצטער האָט אויפגעשיינט די זון. ברייטע, קאַלטלעכע פאַסמעס האָבן זיך צעלייגט אויף די אָפענע ביכער. די גרויע, הויכע ווענט פון דער בוכהאַלטעריע האָבן זיך אַזוי ווי אויסגעגלייכט און צורעכט געמאַכט די קנייטשן און פאַלדן, וואָס דער שטויב האָט אויף זיי אָנגעוואָרפן.

פאַן ווינקלער, ווייזט אויס, איז אויך היימלעכער געוואָרן, ער האָט אַוועקגענומען דאָס פּנים פון בוך און מיט האַלב-צוגעמרוזשעטע אויגן געקוקט אין פאַרזוניקטן פענצטער אַריין.

פאַן ליפסאָן איז געווען צופרידן, וואָס דעם בוכהאַלטערס פּנים האָט געקריגן אַ מענטשלעכע מראה און וואָס יענער האָט דער ערשטער איבערגעריסן דאָס שטילשווייגן.

— פרילינג שוין באַלד—האָט פאַן ווינקלער זיך אָנגערופן, קוקנדיק אין פענצטער אַריין. אין אַ ווײַלע אַרום, אַזוי ווי ער וואָלט זיך פאַרענטפערט פאַר דער ליכטיקייט, האָט ער צוגעגעבן:

— ווי פאַלט אייך איין, אַז איך בין קראַנק?

— כ'ווייס? — — איר זעט שלעכט אויס...

— אַזוי, כ'זע שלעכט אויס?... מיד אַ ביסל...

— איר וואָלט, אפשר, געבעטן אורלויב?

פאַן ווינקלער האָט כּבֿד געקוקט אין די שויבן און נישט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ, געענטפערט:

— יאָ, ס'וואָלט אַ יושר געווען.. מען דאַרף אַ טראַכט טאָן.

די זון האָט זיך אַוועקגערוקט פון פענצטער. אין צימער איז טונקל געוואָרן. די ווענט מיט די רוקנס זענען צוריק פאַרגאַנגען מיט שטויב. פאַן ווינקלער האָט צוריק איינגעגראָבן דאָס פּנים אין זשורנאַל.

ווידער האָט מען געאַרבעט. שטיל. טיק־טאַק פון אומרו, סקריפען פון פעדערס. פאַן ליפּסאַן קוקט ווייטער פון אַ זייט, ציט ווידער דאָס זייגערל פון וועסטל־קעשענע און טראַכט בשעת־מעשה, אַז מיטן פאַן ווינקלער איז נישט גוט. ווייזט אויס, אַז ער איז קראַנק. גוט קראַנק... אויב ער אַליין רעדט שוין וועגן אורלויב, מוז די קראַנקהייט זיין אַן ערנסטע. דער פאַן ווינקלער איז דער איינציקער אין באַנקהויז „ברי־דער קעניג", וואָס דורך די גאַנצע אַכצן יאָר אַרבעט איז ער נאָך קיין איינמאָל נישט געווען אויף אורלויב.

פאַן סעבאַסטיאַן מיטן קאַסירער פלעגן פאָרן אַלע יאָר, די יינגערע — אַלע צוויי יאָר. בלויז איין פאַן ווינקלער איז געבליבן. ער האָט גע־זאָגט, אַז ער קען זיך אַזעלכעס נישט פאַרגינען. ער האָט נישט קיין קאַפּיטאַל. (געמיינט האָט ער פאַן סעבאַסטיאַן) קוים וואָס ער קומט אויס מיטן געהאַלט. און אַז ע ר וועט פאָרן, דאַרף שוין דאָס ווייב אויך פאָרן און די קינדער אודאי.. זיצט ער בעסער אין שטאָט.. זאָלן פאָרן אַנדערע.

גערעדט האָט מען אָבער, אַז נישט דאָס איז די הויפּט־סיבה. גיכער פאָרט ער נישט דערפאַר, ווייל ער האָט מורא, די קעניגס זאָלן נישט דערזען, אַז מען קען זיך אָן אים באַגיין. די דאָזיקע צוויי שותפים, וואָס האַלטן סיי־ווי־סיי און איין רעדן, אַז זיי האָבן צופיל מענטשן, קאָנען אויסנוצן די געלעגנהייט און אים געבן צו וויסן, אַז ער איז איבעריק. זיין אַרבעט וועט דער געהילף קאָנען טאָן.

דאָס איז איין סיבה געווען, די אַנדערע סיבה — ווי נעמט מען עס און מען פאָרט פלוצלינג אַוועק און מען לאָזט איבער ביכער אויף פרעמדע הענט.. ער, פאַן סעבאַסטיאַן, קאָן זיך פאַרגינען אַזאַ זאַך. ער פירט נישט קיין ביכער... דעסגלייכן דער קאַסירער, פאַן יוליאַן ווייץ.. געלט קען ציילן ווער עס וויל... אָבער שרייבן אין זיינע ביכער, דאָס קאָן נאָר ער אַליין, פאַן יאַקוב ווינקלער...

גוט, ער וועט אַוועקפאָרן. וועט קומען אַ פאַן ליפּסאַן, אָדער אַן אַנ־דערער און וועט נעמען שמירן אין זשורנאַל. גיך, גיך, אַבי די בלע־טער זאָלן זיין פאַרשריבן... פאַן יוזעף וועט אַלע טאָג אַריינקומען, געוואָר ווערן... וועט יענער זיך צואיילן, „אַזשורירן". אַי, ס'וועט זיין פול מיט גרייזן, ווען מען אַרט עס?...

פאַן יוזעף וועט אַרויפלייגן דאָס אויסגעקיילעכדיקטע בייכל אויפן טיש, פאַרציען דעם ציגאַר און זאָגן:

— זעט איר שוין, פאַניע ווינקלער – אַט אַ ייִנגל, און אַז איר זענט אַוועקגעפאָרן, האָט ער אַלץ פאַרבוכט... דער זשורנאַל איז „אַזשור..."

וואָס זאָגט איר דערויף, פאַניע ווינקלער!...

דערפאַר וויל פאַן ווינקלער נישט פאָרן. דערפאַר בוכט ער מערץ אין חודש דעצעמבער. אַלץ דערפאַר, וואָס ער ווייסט דעם פאַן יוזעפס מחשבות...

קומען די גרויסע זומערדיקע חדשים, ווען די גאַסן זענען ווייס פון היץ און שווייס, זיצט פאַן ווינקלער און מאַכט קאָנטאָ-קאָרענטן און חשבונט זיך מיט די קליענטן. קומט צו גיין אַ זייגער אינדערפרי, גייט אַרויס פיר אַ זייגער נאָכמיטאָג, ביז ער האָט זיך אין יענעם טאָג פאַרקוקט אויף דער ליכטיקייט אין די שויבן און געענטפערט דעם פאַן ליפסאָן.

— ס'וואָלט אַ יושר געווען. מען דאַרף אַ טראַכט טאָן.

*

מאַכט זיך אַמאָל אַ מיטן טאָג. די טראָטואַרן זענען געלעגן ווייסע. ערגעץ איבער די דעכער האָט אַ שטיק קאַלטע זון געלעקט די פאַר־טרוקנטע בלעך. אויף די שויבן פון דער בוכהאַלטעריע איז געשטאַנען אַ זוניקער שטויב.

פאַן ווינקלער האָט זיך אינדערפרי פאַרשפעטיקט. ער איז געקומען אַן אויסגעבלייכטער מיט צוויי קרענקלעכע קנייטשן איןביידע זייטן נאָז. און כאָטש קיינער האָט אים נישט געפרעגט, פאַרוואָס ער האָט זיך פאַרשפעטיקט, האָט ער זיך כּונדעסטוועגן פאַרענטפערט, אַז זיין דינסט-מיידל איז קראַנק געוואָרן, און אַז ער אַליין איז עפּעס אויך נישט מיט אַלעמען.

שפּעטער, ווען ער איז שוין געזעסן באַ דער אַרבעט, האָט פאַן ליפסאָן באַמערקט, אַז די הענט זיינע, וואָס פירט מיט דער פעדער, וואַקלט זיך, אַזוי ווי זי וואָלט נישט זיכער געווען, צי מען דאַרף אַוועקשטעלן דעם ציפער, צי נישט.

דערנאָך האָט דאָס בחורל פלוצלינג דערזען, אַז דאָס פנים פון פאַן ווינקלער ווערט מיטאמאָל שטאַרק פאַרענדערט, די שטענדיקע בלייכקייט פאַלט אָפּ. אָנשטאָט איר–שלאָגט אַרויס אַ פייכטע רויטקייט, אַזוי ווי באַ איינעם, ווען עס פאַרפעלט אָטעם.

האָט ער אַ רוק געטאָן מיט דער שטול, דער פאַן ליפּסאָן, און האַסטיק זיך אויפגעשטעלט:

– פאַניע ווינקלער, וואָס איז אייך!

פאַן ווינקלער האָט דערשראָקן אַ שויבער-געטאָן מיטן קאָפּ און מיט אַ פרעמד קול, אַזוי ווי ער וואָלט זיך אַליין אויך געפרעגט, געענטפערט:

– האַ, וואָס?

– דאַכט זיך, אַז אייך איז נישט גוט?

– מיר נישט גוט? – האָט דער בוכהאַלטער אַ טויטן שמייכל געטאָן און דאָס פנים איז געוואָרן ווייס. ער האָט אַ וואָרף-געטאָן מיט די הענט איבערן טיש אַריבער; געוואָלט עפּעס אָנכאַפּן. נאָר איידער דער געהילף האָט באַוויזן אָפּערצוגיין פון זיין אָרט, האָט שוין יענער פאַרבויגן דעם קאָפּ אָן אַ זייט און מיט גרויסע, בלויע ליפּן קוים אַרויסגערעדט:

– וואַסער!

פאַן ליפּסאָן האָט אַ פראַל-אויף געגעבן די טיר און מיט אַ פרעמדן כוח צעשריגן זיך איבער די גרויסע, פראָטעריטע חדרים:

– וואַדי!!...

ס'איז געוואָרן אַ שטיקל מהומה. ס'האָבן זיך גענומען רוקן שטולן, טירן האָבן זיך פאַרמאַכט און געעפנט. פאַן ליפּסאָן איז דערווייל אַריין אין קיך צום וואָזשנע, געכאַפּט אַ גרויסע שעפּ וואַסער, געהאַקט מיט די טירן. אויפן וועג – איבערגעגעבן די שעפּ אַן אַנדערן, כאָטש יענער האָט זי שוין געהאַט באַ אים אַרויסגענומען.

אין בוכהאַלטעריע איז שוין געשטאַנען פאַן סעבאַסטיאַן און מיט זיינע גרויסע הענט געדריקט באַ די שלייפן פון בוכהאַלטער. פאַן מיכאַל האָט זיך גיך און דראָבנע געדרייט פון איין זייט שטול צו דער צווייטער, אַ כאַפּ געטאָן די שעפּ פון עמיצנס אַ האַנט און אַ שפּריץ געטאָן אויפן טויטלעכן פנים פון פאַן ווינקלער.

דער קאַסירער מיט די ברילן אויף דער נאָז איז געקומען צו לויפן,
פאַקנדיק די שליסלען פון דער קאַסע אין קעשענע אַריין. דער
וואָזשנע איז געשטאַנען אין דער אָפענער טיר און מיט אַ קיילעכדיק-
אויפגעעפנט מויל געגאַפּיעט איבער אַלעמענס קעפּ. אין מיטן האָט דער
טעלעפאָן גענומען קלינגען עפּעס זייער לאַנג און איינגעעקשנט,
אַזוי ווי ער וואָלט עמיצן גערופן צו הילף.
און אין דער אויפגעגראָלטער טיר פון קאַבינעט האָט זיך דערווייל
אויפגעשטעלט פאַן יוזעף אַן אָנגעכמורעטער, מיט צונויפגערוקטע ברעמען,
אַזוי ווי געטריבן פון אַ שלעכט געפיל.
— מיכאל! — האָט ער אַ רוף געטאָן מיט אַ רוי קול.
אַ גאַנצע צייט איז ער געווען פאַרמאַכט. בײַ די ערשטע געשרייען
פון פאַן ליפּסאָן, ווען פאַן מיכאל איז אַרויס פון קאַבינעט ווי אַן אויס-
געשאָסענער — האָט זיך פאַן יוזעף אויך אויפגעריסן. אין מיטן אָבער
האָט ער זיך דערמאָנט און פאַררוקט זיך הינטער דער טיר... ער
פלעגט זיך אַזוי תמיד פירן. ווי נאָר ער האָט דערזען דורכן פענצטער
אַ לויה, אָדער ווען עס זענען דערגאַנגען צו אים פון ערגעץ בייזע
קולות, פלעגט ער אָפּשטיין אַזוי לאַנג, ביז וואַנען ער איז שוין
אינגאַנצן זיכער געווען, אַז די לויה איז אַדורך און אַז די קולות האָבן
אויפגעהערט.
דאָס מאָל, אָבער, האָט ער דערהערט, אַז די מהומה קנוילט זיך בײַ
אים אין די שטובן. האָט ער אויפגעשפּיצט די אויערן. די הויכע אָפּ-
צאַסן האָבן זיך פיבערדיק געדרייט. ער איז בייז געווען, וואָס דער
ברודער זיינער איז אַזוי פלוצלינג אַרויסגעפאַלן פון קאַבינעט, — איז
ער אַרויס פון זיין באַהעלטעניש און אַ וואָרף געטאָן איבער די הוילע
פראַטערירטע צימערן:
— מיכעל!
פאַן מיכאל איז געווען פאַרנומען מיטן שפּריצן וואַסער און נישט קיין
צייט געהאַט אומצוקוקן זיך.
— מיכעל! — האָט זיך צום דריטן מאָל דערהערט דאָס רויע קול און
די אָפּצאַסלעך האָבן זיך נאָך פיבערדיקער גענומען דרייען.
האָט פאַן מיכאל געגעבן אַ קוק אַהין מיט איין זייט פנים און איילנ-
דיק געפרעגט:

— וואָס ?

— וואָס איז דאָרט ?

— קאָם הער !

— אָבער וואָס איז דאָרט ?

— קאָם הער ! — האָט פאַן מיכאל אומגעדולדיק אַ וואָרף געטאָן צום לעצטן מאָל און צוריק זיך אויסגעדרייט צום פאַרחלשטן.

— מיכעל ! — האָט שוין פאַן יוזעפס קול געדונערט מיט הייזעריקלעכן אָפּקלאַנג. זיין קליינע, געפּאַקטע פיגור האָט זיך אויסגעצויגן מיט אַ קאָפּ העכער.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן איבערשרייען און איבערוווערטלען זיך פון טיר צו טיר. עס זענען ווידער געפאַלן :

— לומפּ, אַלטער אידיאָט. . .

ביז פאַן מיכאל האָט געמוזט אַרויס פון דער בוכהאַלטעריע און פאַן יוזעף האָט פאַרהאַקט די טיר פון קאַבינעט.

אַ שפּאַר שטיקל צייט האָט מען נאָך הינטער דער קאַבינעט־טיר געהערט געשרייען. דאָס פּערסאָנאַל איז זיך ביסלעכווייז צעקראָכן — יעדער צו זיין טיש. באַם פאַן ווינקלער, וואָס איז שוין געזעסן אַ דערמונטערטער מיט אַ נאַריש פּנים און פרעמדע אויגן, זענען געבליבן : דער געהילף זיינער, פאַן סעבאַסטיאַן און דער אַלטער וואָזשנע.

שפּעטער איז צוריק אַריינגעקומען פאַן מיכאל. ער האָט גערעדט שטיל. געטרייסט דעם בוכהאַלטער, יענער זאָל זיך נישט מצער זיין. ס'איז גאָרנישט, ס'וועט אַריבער. פאַן ווינקלער האָט מיט מידע, פאַראָרעמטע אוינן געקוקט נישט זיכער, אַזוי ווי ער וואָלט נישט דערהערט, וואָס פאַן מיכאל רעדט אים אויס. דערנאָך איז געקומען פאַן יוזעף אויף זיינע קלאַפּעדיקע אָפּצאַסלעך. ער האָט געפרעגט צי ס'איז שוין בעסער און צום סוף געהייסן, פאַן ליפסאָן מיטן וואָזשנע זאָלן דעם בוכהאַלטער אַהיימפירן אויף אַ דראָשקע.

*

דער צומאָרגנס איז געוועזן אַן אָנגעברוגזטער. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס נעכטיקע חלשן פון בוכהאַלטער ליגט נאָך אויף אַלעמענס

פּנימער. די גנעזער זענען געוועזן פֿאַרשפּיצט. די שטימען – איינטאָניק.

אַזוי ווי טראָפּנס וואַסער, וואָס פֿאַלן כּסדר אויף די שויבן.

אָנגעיאָגט די דאָזיקע ברוגזקייט האָט פֿאַן ליפּסאָן. ער איז געקומען מיט אַ זויער פּנים און דערציילט, אַז נעכטן, בשעת ער האָט אָפּגעפֿירט דעם פֿאַן ווינקלער אין שטוב אַריין, איז דאָרט געוואָרן אַזאַ יאָמער, אַז אויף אים איז גערונצלט געוואָרן די הויט. ס'האָט אויסגעזען, אַזוי ווי פֿאַני ווינקלער האָט געוואוסט, אַז מען וועט אַהיימברענגען איר מאַן אַ טויט־קראַנקן. ער, פֿאַן ליפּסאָן, האָט נאָך נישט געזען אַזוי וויינען. זי האָט עפּעס געסקאָמליעט, אַזוי ווי הינט. זי האָט אים געזאָגט, די פֿאַני ווינקלער, אַז דער מאַן אירער איז שוין לאַנג קראַנק. שוין אַ פּאָר וואָכן. ער אַליין האָט גאָרנישט געזאָגט. באַהאַלטן פֿאַר איר. אַהיימגעקומען – האָט ער, פֿאַרגעבן, נישט אויפֿגעהערט צו גיין אין בית־הכּסא. איז איר געוואָרן קשה:

– יאַקוב, וואָס איז דיר ?... וואָס גייסטו עפּעס אַזוי פֿיל ?

– גאָרנישט... גלאַט אַזוי...

– אָבער יאַקוב, זאָג מיר, וואָס איז דיר ?...

– גאָרנישט... עפּעס דאָרט אָדערלעך בלוט אין שטילגאַנג. מן־הסתּם פֿון זיצן...

האָט זי אים אָנגעהויבן יאָגן, ער זאָל גיין צו אַ דאָקטאָר... האָט ער אָפּגעלייגט – היינט, מאָרגן, איבערמאָרגן – ביז־אָט־אָ, מען האָט אים געמוזט אַהיימברענגען אויף אַ דראָשקע.

– עפּעס גוט ? – און זי האָט ווידער אַ סקאָמליע געטאָן ווי אַ הונט.

אַז ער איז אַוועקגעגאַנגען, דער פֿאַן ליפּסאָן, האָט זי אים לאַנג געדריקט די האַנט, אַזוי ווי זי וואָלט געוואָלט באַ אים עפּעס בעטן. עס איז אים געוואָרן איבער דער טבֿע. ווען ער איז אָפּגעגאַנגען פֿון די שטיגן, האָט ער געהאַט אַ מינוט, ווען ער האָט פּלוצלינג מורא געקריגן און געלאָפֿן נישט מיט זיינע פֿיס.

פֿאַן סעבאַסטיאַן, וואָס האָט מער פֿון אַלעמען אויסגעהערט פֿאַן ליפּסאָנס דערציילונג, האָט שווער אָפּגעצויגן דעם אָטעם. זיין ווייך הענגלדיק פּנים האָט זיך צעקנייטשט. דער אָנגעבלאָזענער בויך איז אַזוי ווי

אריינגעפּאַלן, איינגאַנצן האָט ער אויסגעזען אַזוי ווי ס'וואָלט אים עמי־צער אַ ביס געטאָן.

די רעשט חברים האָבן אויסגעהערט מיט אַ נישט־היימלעך, אָנגע־שטרענגט שווייגן.

אין מיטן טאָג איז אַריינגעקומען פאַן מיכאַל און געפרעגט וואָס עס הערט זיך דאָרט באַם פאַן ווינקלער. דער געהילף האָט נאָכאַמאָל גע־וואָלט איבערדערציילן, נאָר פונדערווייטנס האָט ער זיך געטראָפן מיטן פאַן סעבאַסטיאַנס אויגן, וואָס האָבן געהייסן שווייגן — האָט ער נאָר געענטפערט, אַז מען ווייסט נאָך נישט.

אין געשעפט האָט מען געאַרבעט ווי אַלעמאָל. אין דער עקספּעדיציע האָט גערוישט פון קליענטן. דער טעלעפאָן האָט געקלונגען. פאַן יוזעף האָט אויף עמיצן געשריגן. דער וואַזשנע האָט אַריינגעבראַנגט טיי און פון געוואוינהייט אַוועקגעשטעלט אַ גלאָז אויך אויף פאַן ווינקלערס טיש. די זון האָט אויפגעשיינט און געזוכט, דאַכט זיך, דעם זשורנאַל, איבער וועלכן פאַן ווינקלער איז נעכטן געזעסן. דאָס גרינע אָפּגעריסענע טוך פון טיש האָט אויסגעזען אָרעם, דער טינטאָרן איז געשטאַנען אַ פאַרמאַכטער און דער לעשער האָט זיך עפּעס נאַריש אָפּגערוט.

*

אויפן אַנדערן טאָג האָט זיך איבער די גרויסע פּראַטערירטע צימערן פון באַנק־הויז „ברידער קעניג, וואַרשע" דערטראָגן די ידיעה, אַז מיטן פאַן ווינקלער איז נישט גוט. נעכטן אין אָוונט זענען געווען באַ אים פאַן סעבאַסטיאַן און דער קאַסירער. אינדערפרי איז געווען אַ דאָקטאָר. שפּעטער — נאָך איינער, — דער אַ ל ט ע ר צ י כ אָ צ ק י. די קרענק איז געפערלעך. אַ ר אַ ק אין דער פאַרדייאונגס־קישקע. מען מוז שוין אָפּערירן. נישטאָ וואָס איינצושטעלן.

פאַן סעבאַסטיאַן האָט גערעדט מיט האַלדז־טענער, אַזוי ווי איינער, וואָס איז מיד פון וויינען. זיין גרויסער, אויפגעבלאָזענער בויך האָט, דאַכט זיך, איינגאַנצן געהעשעט. דער קאַסירער, פאַן יוליאַן ווייק, האָט אַלע ווייל פאַררוכטן די ברילן און מיט באַדויערונג צוגעגעבן:

— זייער נישט גוט...

נאָכמיטאָג, ווען די קליענטן זענען זיך צעגאַנגען און דער אַלטער וואָזשנע האָט פאַרשלאָסן נאָך זיי די טיר, האָט פאָן סעבאַסטיאַן אַראָפּ־גענומען די ברילן, אויפגעהויבן זיין שווערן גוף, און מיט געמאָסטענע, באַטראַכטע טריט אַריינגעגאַנגען צום פאָן ווייץ אין דער קאַסע.

ביידע האָבן זיי געאַרבעט צום לענגסטן אין דער פירמע „ברידע־קעניג". ביידע האָבן זיי געהאַט אַ שטיקל השפעה אויף די צוויי קליינע ברידערלעך. האָבן זיי זיך אין דער קאַסע אַ שפּאַרע ווײַלע געסודעט. פאָן יוליאַן ווייץ האָט אויסגעשפּיצט די צוגעשוואַרצטע וואָנ־סעס, און ווען די ווייזערס פון זייגער זענען אַראָפּגעפאַלן פון פיר אויף אַ פערטל פינף — האָבן ביידע קאָלעגן אַ צי געטאָן די וועסט־לען, אָפּגעהוסט אַ ביסל און אַריינגעגאַנגען אין קאַבינעט.

דאָס פּערסאָנאַל האָט אויפגערוימט די שרייב־מכשירים, אָנגעטאָן די אויבער־מלבושים, און אָנגעטועמנערהייט געוואַרט ביז די צוויי עלטערע קאָלעגן וועלן אַרויס פון קאַבינעט.

דער זייגער האָט געשלאָגן האַלב פינף. פון הינטער דער צוגעמאַכ־טער טיר האָבן זיך געהערט פּאַרטויבטע אָפּגעהאַקטע שטימען.

דער בחור, וואָס האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט פּאָרנאָגראַפישע קאַרטן, האָט צוגעלייגט אַן אויג צום שליסל־לאָך. אין אַ ווײַלע אַרום — אויסגעדרייט זיך צום עולם און אַ וואָרף געטון:

— זיי דינגען זיך!

— זיי געזאָגט — האָט עמיצער געענ־פערט און אַרונטערגעשטעלט זיך הינטער אַ צוויטנס פּלייצעס.

אַ פּאָר מינוט נאָך פינף האָט זיך די טיר פון קאַבינעט געעפנט און ביידע עלטערע קאָלעגן זענען אַרויס. צוערשט איז געגאַנגען פאָן סעבאַסטיאַנס אויפגעבלאָזענער בויך, דערנאָך — דאָס גרויסע ענגל־דיקע פּנים, וואָס האָט אויסגעדריקט יענץ נעבעכדיקע געפיל, ווען מען גייט אַרום מיט טיכלעך פאַר אָרעמע כלות... הינטער אים איז גע־גאַנגען פאָן יוליאַן ווייץ—אַ שווערער מיט אויפגעבלאָזענע ליפּן, וואָס פלעגט אים קומען פון אַ סך רעדן, דאָס פּנים אין האַלבן־שמייכל, מיט דעם אייגענעם הנאהדיקן קנייטש, וואָס זיין קאָלעגע — פאָן סעבאַסטיאַן פעלדמאַן.

ביידע האָבן זיי געטאָן אַ גוטע זאַך. ביידע האָבן געפּועלט, אַז די פירמע „ברידער קעניג“ זאָל צושטייער געבן אויף דער אָפּעראַציע, און ביידע גייען זיי אַראָפּ צופרידענע.

אויף דער גאַס רופט זיך אָן פאַן סעבאַסטיאַן צום קאַסירער:

— אָבער כ׳האָב אים געזאָגט — פאַניע יוזעפּיע — אַז ער, פאַן ווינקלער, איז געווען אַ מכה אין געשעפט, האָט איר באַדאַרפט די מכה שוין לאַנג אויפהאַקן.

פאַן יוליאַן ווייץ גיט אַ זעץ אַרויף די ברילן שטייפער אויף דער נאָז און ענטפערט:

— פשעפּראַשאַם פּאַנאַ, פאַניע סעבאַסטיאַניע — דאָס האָב איך אים געגעבן דעם משל...

פאַן סעבאַסטיאַן פאַלט נישט אַראָפּ באַ זיך און ענטפערט גלייך צוריק:

— איר האָט אַ טעות, פאַניע ווייץ — איך האָב עס אים געזאָגט, און איר האָט עס איבערגעחזרט...

— ניין, פאַרקערט...

— אָבער, אום גאָטעס ווילן — הייבט פאַן סעבאַסטיאַן אָן גיך — ווי געדענקט דאָס נישט אַ מענטש, וואָס ער רעדט. און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער פון קאַסירער, זאָגט ער ווייטער:

— זאָג איך אים, פּראַשען פּאַנאַ, אַ מענטש אַרבעט אַכצן יאָר... און ביידע קאָלעגן פאַרגעסן, אַז ס׳איז דאָ אויף דער וועלט אַ פאַן ווינקלער, און אַז דער דאָזיקער פאַן ווינקלער האָט אַ ראַק און אַז מען דאַרף דעם דאָזיקן פאַן ווינקלער אָפּערירן.

ערשט ווען ביידע האָבן זיך געזעגנט און פאַן סעבאַסטיאַן איז געבליבן אַליין, איז אים פּלוצלינג געקומען אויפן געדאַנק, ווי אַזוי פאַן ווינקלער האָט אויסגעזען נעכטן באַנאַכט. און דערפילט האָט ער, דער פאַן סעבאַסטיאַן, דעם אויסגעוואַרעמטן, שווערן ריח פון צימער, וואו פאַן ווינקלער ליגט, מיט די אַלע פלאַשן און פלעשלעך, וואָס האָבן זיך שוין אָנגעזאַמלט אויפן פענצטער; מיט די רעצעפּטן וואָס הענגען נאָך באַ די פלעשלעך — און ס׳האָט אים אַ צי געטאָן אונטערן האַרץ־גריבל. געווען אַ מינוט, ווען אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער גאָר האָט אַ ראַק אין דער פאַרדרייאונגס־קישקע און אַז מאָרגן דאַרף מען דאָס אים אָפּערירן.

ער האָט זיך אינגאַנצן איינגעצויגן. אַרומגעקוקט זיך, צי עמיצער פון די פאַרבייגייער דערקענט אים עפּעס נישט אויפן פּנים. און אַזוי איינגעצויגענערהייט האָט ער זיך גיך דורכגעגליטשט דורך די גאַסן.

*

דעם פאַן ווינקלער האָט מען גענומען אין שפּיטאָל אַריין. דאָס ווייב מיט די קינדער האָבן געוויינט. די שטובן זענען געבליבן נישט אויפגערוימטע. דאָ און דאָרט האָבן זיך געוואַלגערט איבעריקע זאַכן. ס'איז געווען ענג, נישט אויסגעקערט. פאַני ווינקלער האָט פאַרגעסן, אַז זי האַלט אַ הויז. זי האָט מער נישט געזען, ווי דאָקטוירים אין ווייסע פאַרטוכער מיט פליכעוואַטע קעפּ. זי איז כסדר געשטאַנען הינטער דער טיר פון אָפּעראַציע-זאַל. פאַן ליפּסאָן איז געקומען צוויי מאָל אַ טאָג און אַ דערשראָקענער, אַזוי ווי ער וואָלט געווען שולדיק, אַרומגעדרייט זיך אויפן גרויסן שפּיטאָל-הויף. פאַן ווינקלערס צוויי קינדער האָבן זיך געשאַרט הינטער די מויערן. יעדער איינער האָט געהאַלטן פאַר אַ מצוה אַ קרעכץ צו טאָן איבער זיי. נאָכמיטאָג איז געקומען פאַן מיכאל מיטן פאַן סעבאַסטיאַן. שפּעטער—דער קאַסירער מיט נאָך עטלעכע קאָלעגן. האָט מען זיך אַרומגעדרייט צווישן די שטילע שפּיטאָל-ביימער מיט פאַרנומענע פּנימער, און גערעדט איינער דעם אַנדערן און געסודעט זיך איינער מיטן אַנדערן.

ערשט נאָך דער אָפּעראַציע האָט זיך עפּעס אַ ריר געטאָן. די דאָקטוירים האָבן געגעבן גוטע האָפענונגען, האָבן זיך די פּנימער אַ ביסל אויסגעגלייכט. פאַן מיכאל, אַ באַרויקטער, האָט טעלעפאָנירט צום פאַן יוזעף, אַז די אָפּעראַציע איז בשלום אַריבער און אַז די דאָקטוירים זענען מבטיח, אַז ער, פאַן ווינקלער, וועט געזונט ווערן.

אַ פייכטער פאַרנאַכט האָט זיך צעלייגט איבער די קאַנטיקע גרויע געזימסן פון די שפּיטאָל-מויערן. דער עולם איז זיך ביסלעכווייז צעגאַנגען מיט אַ טרייסט-וואָרט אויף די ליפּן. פאַני ווינקלער איז געבליבן מיט אַ צעוויינטער שווערקייט אויפן האַרץ.

זי האָט נישט געגלייבט. עפּעס האָט זי דערזען אויפן דאָקטאָרס פּנים אַ קנייטשל. אַזעלכע קנייטשלעך האָבן נאָר מענטשן טיף-געקרענקטע מענטשן, וואָס קאָנען זיך קיינמאָל נישט באַרויקן.

און אָט דאָס דאָ־יקע קנייטשל און דאָס גיכע ענטפערן פון דאָקטאָר און דאָס נישט קוקן איר גלייך אין פּנים אַריין — האָט זי געבראָכן פון די פיס. זי האָט מורא געהאַט אפילו אויף איין רגע צוצולאָזן דעם געדאַנק, אַז מיט איר מאַן איז שלעכט. און דאָך האָט זי נישט געגלייבט, אז עס קאָן צוריק גוט ווערן.

די צווייטע נאַכט באַם קראַנקנס בעט איז געווען לאַנג ביז האַרץ־חלשות און קאָפּ־מישונג. הינטער דער טיר — טונקעלע, ליידיקע קאָרידאָרן. די טריט קלינגען אָפּ מיט אַ פּחדיקער טעמפּקייט. דאָס ליכט איז פאַרשטעלט. אין יעדן ווינקל ליגן, דאַכט זיך, מענטשן אויף דער ערד — צוגעדעקט איבערן קאָפּ מיט שווערע געוואַנטער און וואַרטן, מען זאָל זיי צונעמען. פון צייט צו צייט קומט אַריין אַ שוועסטער. זי לייגט אייז אויפן קאָפּ, רעדט נישט אַרויס קיין איין וואָרט. נאָר גייט אויף די שפּיץ פינגער. פאַני ווינקלער וויגט זיך באַם בעט, ווי אַן אומרו. זי קוקט כּסדר אויפן אויסגעשפּיצטן פּנים פון בינטל ביינער, וואָס ליגט אין בעט. קוקט אין פענצטער — צי בלויט שוין נישט אין דרויסן. אין טונקעלן צימער שטייט אַ וואַרעמע פּאַרע, אַזוי ווי פון אַלט בעטגעוואַנט. דאָס פּנים פון קראַנקן פאַרגייט מיט גלאַנצנדיקער פייכטקייט. בייגט זי זיך צו, די פאַני ווינקלער, און קוקט מיט פאַרהאַלטענעם אָטעם. שאַרט זיך אַרויס אַ ליימיק־שווערע האַנט פון אונטער דער קאָלדרע, בלייכע, אָפּגעזעגנטע ליפּן שטאַמלען עפּעס וועגן קינדער, וועגן באַנק־הויז „ברידער קעניג“ און אין מיטן אַ קריץ מיט די ציין...

אינדערפרי קומען מענטשן. אויסגעשלאָפענע, אָפּגעגעסענע. דערקענען זיי באַ דער פורטקע, אַז ס'איז עפּעס געשען, ווערן זיי אויפגעשפּיצטער. גייען צו פאַמעלעכער... ווערן זיי געוואָר, אַז פאַרטאָג האָט פאַני ווינקלער פּלוצלינג אויפגעפראַלט די טיר אויפן ליידיקן קאָרידאָר אַרויס און צעשריגן זיך. איז געקומען די שוועסטער אַ קוק טון און... איבערגעצלמט זיך.

*

צומאָרגנס האָבן באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע געלייענט אין די צייטונגען, אַז די פירמע „ברידער קעניג, וואַרשע“ האָט אין פאַרשטאָרבענעם

פאַרלוירן אַן ערלעכן און טיכטיקן אַרבעטער, דאָס פּערסאָנאַל — אַ גוטן חבר; און דאָס ווייב מיט די קינדער — אַ טייערן מאַן און טאַטן.

זענען זיך צוזאַמענגעקומען מענטשן און געגאַנגען פאַמעלעך נאָך אַ שוואַרצער עגלה; און דערציילט דעם פאַרשטאָרבענעמס מעלות און שטילערהייט געמורמלט אויף דער פירמע „ברידער קעניג" און געזוכט צווישן עולם די צוויי ברידער.

איז איינער, פאַן יוזעף, געגאַנגען צום סאַמע סוף מיט די אויגן צום ברוק. און דער צווייטער, פאַן מיכאַל, האָט פאַמעלעך געשטעלט דעם פאַראַסאָל האַרט נעבן דער עגלה און אויך ער האָט דערציילט דעם פאַרשטאָרבענעמס מעלות: אַז ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ גוט האַרץ... געווען אַמאָל אַ פאַל, ווען זיי האָבן אים נישט געקאָנט דער-לייגן, האָט ער עס פאַרשטאַנען, דער פאַרשטאָרבענער... נישט געמאָנט מער.

— שקאָדאַ, דאָברי טשלאָוויעק — האָט פאַן מיכאַל אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

דער עולם האָט אויסגעהערט, צוגעברומט מער מיט די נאָקלען, ווי מיטן מויל און ווייטער שטיל געשלעפּט זיך נאָך דעם שוואַרצן וואָגן.

בלויז פון צייט צו צייט האָט זיך דערהערט אַ הפקרדיקער שלוכץ. דאָס האָט זיך פאַני ווינקלער אַ ריס געטאָן; און ביידע פירער אירע — פאַן סעבאַסטיאַן און פאַן יוליאַן ווייק — האָבן זיך געמוזט צובייגן און שטיל אין איר עפּעס אַריינרעדן.

קאדיע מאלאדאווסקי / אטוואצק

(9

# I

ווילעס — עגונות פאַרלאָזטע פון מענטש און פון וואוינען.
נידעריק פלייטן. ס׳וועט דאָ קיינער נישט קומען אויף גנבענען
עפעס באַנאַכט.

וועגעלעך שמאָלע — פאַרגליווערטע פינגער אין פאַרק,
און ביימער מצבות פון עמיצנס אויסגעשפּייט האַרץ.
נישט קיין טראָט. נישט קיין קול.
כאַ — כאַ — כאַ — הילכט אַ הוסט פון אַן אָפענעם פענצטער אַרויס:
ס׳גייט דאָרט עמיצער אויס. . .
איז מיין הארץ דאָ אַ גאַסט.
אַ צעשראָקענע האַסטיק צעיאָגט עס מיין בלוט,
37,3⁰ , 37,5⁰
איך בין דאָ ?
דאָ — דאָ — קלאַפּט מיין האַרץ.
איז די ערד דאָ פאַרקאַמט מיטן שניי און פאַרגלעט
און ס׳האָט קיינער מיט טריט נישט צעפּודלט דעם וועג,
נאָר אַ העגדלער גיט הילכיק אַמאָל אַ געשריי:
— פאַמעראַנצן ווער קויפט ? —
שטעקט אַרויס זיך אַ האַנט — אַן אָפּגעוועלקט בלאַט:
Proszę mnie.

# II

מיר זענען קראַנקע דאָ —
אַ מחנה היישעריקן, צוגעפאַלענע צום ווייסן
ווינטערדיקן וואַלד.
מיט מיילער אָפענע אין פוילן אָטעם,
ווי הייזעריקע פידלען ציען מיר אַ וואָרט
אין טיכער איינגעהילט, מיט פיבערדיקע אויגן,
ווער דאַרף אונדז נאָך ?

און וואָס קענען מיר טוּען ?
פאַרהייבן סאָסנעס הויך אַרויף די צווייגן,
כּדי אונדז נישט באַרירן,
כּדי אונדז מיידן, מיידן...
מיר געוואַלטעוועט דעם וואַלד,
און שפּייען בלוט אַריין צו זיינע שמעקעדיקע
וואָרצלען.
דערפאַר באַוועגן זיך בּאַנאַכט די ביימער
און דערציילן,
ווי גרויס עס איז דאָ דער בּית-עולם...
און ערגיץ בּאַ אַ גוסס
שפּאָטן נאָך דעם לעצטן שאָטן פון געדאַנק
מיט גרויס געוויקס, מיט פעטן שטאַם
אין טויזנטיאָרעדיקן לעבן...
בּין איך דאָ אויך. אַ איינע...
אַ קראַנקע איינגעהילט אין טוך
און טרעט פּאַמעלעך אינם שניי צווישן ביימער,
און ס'ווייסט נישט קיינער,
אַז איך בּין עס דאָך... איך...

## III

ס'איז נאָך אַ פענצטער אָפן דאָ,
און נאָך אַ רויטער פייערל אין פינצטערניש באַנאַכט,
איך וואוין דאָ,
און ווינטערדיקע לאַנגע נעכט,
בּין איך געווען דאָ אין געפענגעניש,
געדולדיק אויסגעהערט דאָס מיטגעפיל פון פרייַנט,
אין עלנט געשפּאַצירט פון וואַנט צו וואַנט.
אַ טרייסט, ס'האָט דעמאָלט איינער מיך געליבּט,
און צערטלעך פלעגט אַוועקשאַרן אַ פאַסמע האָר

באַ מיר פון אויג.
און ערשט בין ווידער דאָ.
אָטוואָצק האָט מיר געבראַכט,
מיט פיבערדיקע דראָנגען פון טויט.
נקמה פאַר מיין האַסטיק טראָט,
פאַר לויפן איבער בערג,
פאַר קייקלען זיך אַראָפּ מיט הילכיקן געשריי —
האָט מיר געבראַכט אָטוואָצק —
אויף שמאָלע וועגעלעך פאַרטראַכטן זיך אויף בלייכע נעכט
און זען ווי מ'גייט אויס אויף לופטיקע ווערענדעס
און וועגן זיך דאָס לייב אויף פונט און לויט,
אָט ווי אַ קעלבל ערב שחיטה-צייט.
ס'איז נאָך אַ פענצטער אָפן דאָ,
און נאָך אַ רויטער פייערל אין פינצטערניש באַנאַכט.
איך וואוין דאָ.

# IV

מ'קומט אַהער נאָך שמייכלענדיק,
ווי גוטעפריינט געאָרעמט מיטן טויט.
פון שטראָמיקן וואָקזאַל אַרויס
אין קליידער מאָדישע,
און אין פאַריזער היט.
ס'איז אַ קוראָרט.
יונגע קומען. שפּאַנען הפקרדיק אַריין.
אין באַרדיקער אין גרינער שטאָט
און ווערן דאָרט פאַרשוואונדן און פאַרפאַלן.
און ס'בלייבט פאַמעלעך אויס
אַ בליענדיק געזיכט,
און שפּיציק ווערט אַ מיידלש קיילעכדיקע קני.
ווי יורדים נאָך אַ גרויסן, רעשיקן יריד

שלעפט מען זיך אַרום דאָ הין און צריק. . .
און הייסע פינגערלעך, ווי ווייסע שפינען־פיסלעך
פאַלן צו אַמאָל צום ברוינעם שטאַם פון בוים,
ווי ס׳וואָלט געבעטן זיך אַ יונגע האַרץ
בא ביימער פונם וואַלד:
רעטונג! רעטונג!
און ס׳ליגט אַ גאַנצע שטאָט,
אַן אויסגעהייליקטע פאַר טויט
מיט וועגן אָפענע
און באַנען – פּיאַווקעס צוגעזויגענע באַם זייט
און ס׳קען פון דאָרטן קיינער נישט אַנטלויפן.
און איך בין אויך אַן אויסגעבאָדענע אַהערגעקומען,
אין ווייסע וועש –
אַ זבח פאַרן וואַלד פון שטעט און וואַנדער.
נאָר ס׳זענען נאָך עלאַסטיש, פריש
באַ מיר די אָדערן אין בלוט
און אפשר כ׳וועל די איינציקע אַנטלויפן
פון שטאָט געהייליקטער פאַר טויט.

# V

זיץ איך אַזוי אָפט אַ פוס איבער אַ פוס
און קוק דעם רעגן אָן, און הער אים אויס.
און ווי אַ הונט פאַלט אָן –
דערקייקלט זיך פון ערגיץ־וואו אַ הוסט.
איך גיב אַ ציטער אָפּ, ווי ס׳וואָלט אַ פליג אַ ביס
געטאָן אין ברעם.
אַטוואַצק, דערמאַן איך זיך, אַטוואַצק. . .
און ס׳פאַלט דאָס האַרץ מיר ערגיץ נידעריק אַראָפּ.
זיץ איך אַזוי אָפט אַ פוס איבער אַ פוס,
און קוק דעם רעגן אָן און הער אים אויס.

## VI

איך בין אַ וואַנדער־מיידל,
אין בענקעניש איז אויסגעאיבט מיין האַרץ.
און ווען ס׳עסט אויף דער טאָג די טויען פון באַנאַכט,
פאַרשאַר איך ס׳ווייסע פאָרהאַנגל בײַ מיר פון שויב־
כ׳קוק אָן אַ נייע גאַס.
און ס׳ליגט פאַרקנוילט
אין ווינקעלע בײַ מיר פון האַרץ
אַזאַ מין ציטעריק געדאַנק:
און טאָמער וועט מיך קיינער דאָ נישט וועלן ליבן?
און טאָמער וועט מיר קיינער דאָ נישט זיין באַקאַנט?
גאָר גאָט באַהיט!
ווי רעגנס אָנגעלאָדן הענגען שטענדיק אין דער לופט,
און פאַלן אומגעריכט אַ שפע אויף דער ערד —
אַזוי איז פאַר מיר יעדע נייע שטאָט,
א יי איז פאַר מיר יעדעס נייע אָרט!
און כ׳ווייס שוין נישט, פילפאַכיק איז מיין לייב.
ס׳וואַקסט יעדעס יאָר אין מיר אַ נייער רינג,
ווי אין אַ בוים,
איך בין מאַזאַיש אויסגעוועבט פון אויפגיין
און פאַרגיין,
איך בין אַ וואַנדער־מיידל,
אין בענקעניש איז אויסגעאיבט מיין האַרץ.

## VII

געזונטערהייט! עס האָבן מיינע חברטעס
שוין קינדער פיצעלעך אין ווייסע וויגן.
און בייגן צערטלעך זיך צו זיי
מיט שטילע מאַמישע געזיכטער,

מיט בריסטן נאַקעטע, ווי שרייאיקע פלאַקאַטן:
– אויסגעגאַנגען ס׳מיידלש לעבן.
און קוקן שטיל צו מיר אַריבער
מיט פייכטן גלאַנץ און טונקלענדיקע בליקן,
ווי שוואַרצער קוק פון וואַסער הערבסט ערב־
פאַרפרירן...
עס ענדיקן די טעג זיך נישט באַ זיי
מיט גליקלעכע פאַרנאַכטן,
אָדער מיט לאַנגן שלעפעניש אויף גאַסן
און וויסטן שמייכל אויף די ליפן, ווי ס׳טרעפט
באַ מיר.
און שלאָפן שטיל מיט רונדע פנימער
אויף בייכיקע, אויף ווייסע קישנס
און שטרעקן אויס אַ שלעפעריקע האַנט צום וויג,
און האָבן נישט אין בין־השמשות פון פאַרטאָגן
קיין אויסגעבלייכטן בליק צו גרויער שויב,
פאַר עמיצנס אַ נישט דערזאָגטן וואָרט
אָדער אַ שמייכל ווע‍מעס,
וואָס חזרט זיך מיר איבער אויף די ליפן.
עס האָבן מיינע חברטעס שוין קינדער פיצעלע,
אין ווייסע וויגן...
געזונטערהייט!

## VIII

איך בלייב אַ ווײַלע אויפן שוועל
אַט פונקט אַזוי, ווי ער איז נעכטן דאָ געשטאַנען,
און שמייכל אַט אַזוי, ווי נעכטן ער...
דערנאָך?

דערנאָך גייט אויף אין מיר
אַ טונקעלער געפֿיל פֿון אַ געװיקס
און כ׳װיל דאָ שטיין אָט װי אַ סאָסנע, צי אַ דעמב.
די הענט אַרויף, װי בייגעװדיקע צװייגן זעבען
אָט פּונקט אַזוי, װי ער איז נעכטן דאָ אַ װייַלינקע
געשטאַנען.

א. מ. פוקס / ווינטער

# I

די גייט שוין ווייטער... נאָר זי גייט... פרעג אַ שטייגער, וואו מ׳דראַ־ליעט אין אַזאַ דרויסן, אין אַזאַ קרירה... ווען מ׳לייגט מיר אַנידער אַ גאָלדן רענדל, וואָלט עך נישט אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן אַרויס... אַזאַ דרויסן...

אַזוי האָט ר׳ שלום-בער געזאָגט צו זיין טאָכטער, נישט אומקוקנדיק זיך צו איר, שטייענדיק מיטן פּנים צום פאַרקאָוועטן בלינדן אָנגעפרוירענעם שייבל־צו. די האָרבאַטע פלייצע אָנגעבויגן, איין האַנט אַריינגעשטעקט אין אַרבל פון דער אַנדערער, דריבנימשקע אונטערטענצלענדיק מיט די גרויסע שטיוול אויף איין אָרט, אין יענער ליידיקגייערישער אומגעדולד, וואָס טראָגט אונטער, טרייבט פון דער שטוב אַרויס.

דאָס מיידל איז געשטאַנען גרויס אויסגעפּילט אין איר ווינטער-מענטעלע גרייט אַוועקצוגיין. דער קאָפּ אַביסל ארויסגעבויגן צום בלינד-געפלעקטן שפּיגל־צו, האָט זי אונטערזינגענדיק זיך צורעכט געמאַכט די לעקעלעך אויפן שטערן, אַ בעק־געטאָן דעם פינגער אין מויל און געקרייזלט די פּאה־הערעלעך גיך, גיך מיט אַ באַזונדער געניטקייט, וואָס דאָס איז די ערשטע הכנה צום זינדיקן.

— עלקע... עלקע, טו דיר כאָטש אָן דעם שאַל אויפן האַלדז, ווערסטאָך נאָך פאַרקילן—האָט געזאָגט די מאַמע, און שוין זענען איר גערונען די טרערן פון די צעיאַטערטע רויטע אויגן איבערן פאַרחושכטן אַלטן גרויסן פּנים אין דער פרישער דערמאַנונג אָן פיניען, איר זון, וואָס מ׳האָט גענומען צו די זעלנער אין דער מלחמה אַריין און ער איז נישט מער אַהיים־געקומען.

— דו ווייבסט שוין ווייטער ?... זי ווייבט שוין... — האָט די טאָכטער זיך געבייזערט אין דער צוגעגעסנקייט פון דער מאַמעס שטענדיקן געוויין, וואָס יאַדעט אַרויס די נשמה, פאַרנמאַסט די טעג.

— ווי אַזוי ווייבט מען נישט... אַזאַ יונג... אַזאַ לעכט, אַלע ייִנגלעך זע־נען אַהיימגעקומען, נאָר מיין פיניע נישט... וואו פוילן ערגעץ זיינע ביינער וואו... זיינע יונגע ביינער...

— אַלע ייִנגלעך... אַלע ייִנגלעך... דו ווייסטאָך, מאַמע, אַז ס׳זענען גע־

פאלן נאך יינגלעך... ס'איז געפאלן נחום אייזיק בערלס... משה דער לאנגער... ברײַנעס זון...

ס'האט זי תמיד פארדראסן, די טאכטער, וואס די מאמע טענהט אלץ אלע יינגלעך, כאטש זי ווייסט גאנץ גוט, אז נישט אלע יינגלעך זענען אהיימ-געקומען. די אנדערע יינגלעך אבער, וואס זענען נישט אהיימגעקומען, האט זי נישט געזען; מיט א נישט-פארגינעריש אויג האט זי באר געזען די יינגלעך, וואס זענען אהיימגעקומען פון די זעלנער — אויסגעוואקסע-נע, אויסגעפאשעטע, מיט גלייכע ברייטע פלייצעס, געזונטע פרייליכע יונ-גען, ווי די ליכט. האנדלען און פארדינען. און מ'דערקענט זיי נישט:

— זע נאר, ווער איז דער... משה דעם שווארצן קאטערס?... קיין עין-הרע אויסגעוואקסן א יונג... און מיין פיניע פוילט אין דער ערד, ערגעץ אין דער פרעמד, אן א מצבה... א ווייטיק איז דער מאמען אין הארץ, א גרויסער בראך...

בשעת די מאמע האט געוויינט און געשנייצט די נאז אין פארטוך אריין, פלעגט דער טאטע אוועקקוקן און שווייגן. די קויטיקע גראע באָרד זיינע, געעלטערט פאר דער צייט, איז אראפגעהאנגען שטום און טרויעריק, ווי אן אלטער אפגעניצטער בעזים. דער שטומער טרויער פון די טאטעס, וואס באגלייט אונדז דאס גאנצע לעבן. דער ייד האט זיך פלוצים אומגעדרייט און געזאגט:

— וואס שאדט עס דיר, אז וועסט אנטון עפעס אויפן האלדז, עלקע... היינטיקע קינדער... זיי פאלגן דען?...

די טאכטער האט נישט געפאלגט. דעם האלדז אפן ביז א שטיק אין דער אפענער ברוסט אריין, גערויטלט אין אפענער גליסטיקייט צום אפגעבן זיך אין פרייד, איז זי אוועקגעגאנגען, הוידנדיק זיך אביסל אויף די פולע קלובעס פאוואלע אהער און אהין, ווי א קאטשקע, אביסל שפאצירן, ווי זי האט געזאגט:

— וואס וועט זי עפעס אויסזיצן אין דער היים?...

ר' שלום-בער האט געזוכט זיין שטעקן. ער האט אראפגערוקט דאס היטל איבער די אויערן און געלאזט זיך גיין.

— וואו גייסטו, שלום-בער? — האט געזאגט די יידענע. — אין אזא דרויסן, שלום-בער...

— וואו זאל עך גייען... — האט דער ייד זיך געבייזערט אין שולדי-

קייט... כ'גיי... פרעג מיך בחרם וואו כ'גיי... כ'ווייס... כ'וועל אביסל אריינגיין צום מחותן געוואר ווערן... דארט קער זיין ווארעם אין שטוב... הערסטו, וואס עכ'ל דיר דערציילן, חנה, עך האב מורא, אז אונדזער מחותן וועט שוין לאנג נישט אנציען... גארנישט קיין לייט שוין, מנחם... א...

פארקילט זיך אין די בארא‌קן, נעבעך... געכאפט א לונגן-פעלער...

און ר' שלום-בער איז אוועקגעגאנגען פון דער היים.

אלעמאל אויפסניי האט דער שטורעם-ווינט מיט א צוגעדושעטן שרעקיק-געצויגענעם יאמער ווילד א הייב געטאן א קופע טרוקענעם, ווי זאמד צעמאלענעם שניי, אים ווייט אוועקגעטראגן, און א פראל געטון מיט אים אויף א דעכל — אים צעווירבלט און צעשאטן אין א ווייסן בייזן וואלקן. אונטער־כאפנדיק תיכף א נייע קופע שניי. די ליידיקע, טרוקענע ביימע-לעך זענען געווען פארגליווערט, געבויגן פונם ווינט שווער אין איין זייט אריין. די אפגעלאזענע ערטער, איבערגעצויגענע מיט אייז, זענען א רגע געבליבן נאקעט-בלא, האבן דורכזיכטיק קלאר ווי גלאז געגלאנצט מיט א לויטערער קלארער קעלט. און באלד זענען זיי ווידער פארשאטן געווארן אין הויכע גלאטע שניי-בערגלעך. און ס'האט זיך געדאכט, אז אין דעם דאזיקן מוראדיקן דרויסן האט נאך קיינמאל נישט געאטעמט א לעבעדיקער נפש. אבער אין דער בלאלעכער ווייסקייט, וואס האט טונקל געציטערט אין די אויגן, ווי צאנקענדיקע פלעמלעך, איז צומאל פארביי-געגאנגען א גוי אין א געלן הארטן בריטן קאזשוך, זיכער, פאוואליע, רייך, מער ווי תמיד — און דער סקריפ פון זיינע ברייטע הארטע שטיוול מיט די שטומפיקע נעז אין פראסטיק הארטן שניי, איז געווען זאט, שארף. ס'האט געסמאלעט די שפיץ אויערן און געטרוקנט הארב אונטער דער נאז. אונטער א גראב-פארבלאזענעם פארקאוועטן בלינדן פענצטערל פון א פארזונקענעם פארשאטענעם יידישן שטיבל, האט זיך אין ווייסן שניי שארף געשווארצט.א שפיץ-פארשטארטער פליגל פון א דערפרוירע-נער ווראנע.

דער ווינט האט דעם ייד אונטערגעטראגן, א כאפ געטון אלע מאל אין דער פלייצע און אוועקגעטראגן א שטיק וועגס ווייט. זיין לאנגער געעלטערטער טיזליק איז געווען פון אונטן צוגעפאטשט, צוגעקלעפט צו די שטיוול ווי א נאסע שמאטע, וואס פאטשט זיך צו און בלייבט קלעבן. ער איז געפלויגן ממש אין דער לופטן און צוגעפראלט צום מחותנס טיר.

— קאַלט, שלום-בער? האַ! קאַלט? — האָט דער קראַנקער מנחם אַ שמייכל געטון, ווען דער מחותּן איז אַריינגעקומען מיט זיין שטענדיקן האַלב-שטעכיקן חוזק-שמייכעלע, באַהאַלטן אונטער דער גראָ-לעכער שטעכי־קער וואָנצע און אין דערמיט האָט ער זיך ווי תּמיד צעהוסט מיט זיין לאַנגן קרעכצנדיקן הייזעריקן הוסט און אראָפּגעשפּרונגען פונם בעט און לאַנג אָנגעקוקט דאָס שפּייעכץ.

אַז די מנחמקע פלעגט דאָס זען, האָט זי אויסגעדרייט דעם קאָפּ און גע־זאָגט שטיל צו זיך אַליין, אַז דער קראַנקער זאָל הערן:

— איי אַ מצווה.

און זי איז געווען גערעכט, די יידענע. וואָרום ר׳ מנחם האָט געהאַט אַ טבע אַרומצוודרייען זיך אַ גאַנצן אינדערפרי דאָרט אין די שוואַרצע פאַר־פוילטע ברעטערנע באַראַקן אין די בלויזע קויטיקע גאַטשעס, גוואַלד זען אין די פּאַנטאָפל אין דער זומפּיקער, צעוויקעטער קאַלטער בלאָטע פון איין באַראַק צום אַנדערן, הייבן די באָרד און הערן צווישן די יידן מיט הנאה נייעס פונם קייזער, פון דער פּאָליטיקע, פון די שלאַכטן.

— עסטאָך פאַרקילן, מנחם... גערעגקושע... וואָס דרייסט זיך עפּעס אַרום אין די גאַטשעס, מנחם... טו דיר כאָטש אָן די הויזן, מנחם...

דאָס ווייב האָט גערעדט, גערעדט צו דער וואַנט און ער האָט זיך געטון זיינס זיך אַרומגעדרייט אין די גאַטשעס.

דער קראַנקער איז געזעסן אַצינד אינם צעדריקטן, שוואַרץ-קויטיקן בעטן אין קויטיקן טלית און תּפילין, געדאַוונט. דאָס היטל טיף פאַררוקט אויפן הינטערשטן האַלבן קאָפּ, האָט ער זיך געפילט דורכגענומען אין די טרוקן, אויסגעצערטע פיס פון אַ אָפּשוואַכנדיקער טרוקענער וואַרעמקייט, וואָס קומט פונם לאַנגן חולאת און ס׳האָט זיך אים, ווי יעדן טאָג, געגלוסט צו רייצן מיטן מחותּן, וואָס פלעגט אַריינקומען אַהער זיך אָנוואַרעמען.

— אַ... ס׳איז קאַלט, שלום-בער... איאָ?

— הערסט! עס איז קאַלט! ער ליגט אַ גאַנצן טאָג אונטערן איבער־בעט, איז עס קאַלט... פּרוּוו לאָמיך זען גיי אַרויס אין דרויסן אַרויס, — האָט דער מחותּן געזאָגט. ער האָט אַרומגעטענצלט אַהין און צוריק איבערן שטיבל, אָנגעבויגן, איילנדיק איין האַנט אַריינגערוקט אין דער אַנדערן אַרבל, די האַרבאַטע פלייצעגג-שמאָל איינגעוויקלט אין זיין לאַנגן

שוואַרצן געלאַטעטן טיזליק ביז די קנעכל און דאָס שוואַרצע ברייטע אויסגעקראָכענע היטל אָנגערוקט ביז אויף דער גראָער ברייטער באָרד, פון וועלכער ס'האָט אַרויסגעקוקט אַ שפּיץ דיקע בלאָ-געראויטלטע נאָז, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ אַלטע בולבע, וואָס קוקט אַרויס פון די קאָרי-ניעס. דער ייד האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרעמען.

פון זיין אַרומטענצלען אַהין און צוריק, איז די קעלט אין שטוב געוואָרן ווייער און טרויעריקער. ער האָט אָנגעמאַכט אַ ווינט. די אָנגעוואַקסענע קרענקלעכע שניי-פלעקן, וואָס האָבן בלייך אַרויסגעשיינט פון די סטעליע-ווינקעלעך און פון די בייכיקע שפּעלטלעך אין די ווענט, ווי פייכטער גלאַטער שימל, האָבן פאַרשפּרייט אַ שרעקיקע שלעפּעריקע טונקלקייט די אייביקע טונקלקייט פונם ווינטער אין אָרעמקייט.

— ווייסטו וואָס כ'וועל דיר דערציילן, שלום-בער—דערוואַרעם דיר די הענט. דאָס ערשטע זענען די הענט. אַז ס'איז נאָר וואַרעם אין די הענט איז שוין אומעטום וואַרעם... — האָט געזאָגט דער קראַנקער.

— מאַכסט חוזק, מנחם, האַ? ליגסט אין בעט און מאַכסט חוזק פון דער וועלט? נו... נו...

דער מחותן האָט גוטמוטיק-פריילעך געשאָקלט מיטן קאָפּ, און ווי זיי שטייגער איז געווען, האָט ער אַריינגעשטופּט אין הרובע אַריין, וואו ס'האָט זיך אַרומגעסמאַליעט אַ פייכט שייטל האָלץ, איין שטיוול גאָכן אַנדערן, זיך צו דערוואַרעמען די פיס.

— אַ ווינטער — האָט ער געזאָגט, — אַ קעלט, אַזאַ ווינטער געדענק עך שוין נישט אַ יאָר פערציק...

דערוואַרעמענדיק זיך אַביסל, האָט ער אַרויסגעשלעפּט פונם בוזעם אַן אַלטן האַרטן שטריק, אַ פּאַסטראָניק, דערלאַנגענדיק אים דעם מחותן האָט ער געזאָגט:

— נו, מנחם, עסט קויפן דעם פּוסטראָניק, צי ניין?... די זעסט אַ פּוסט-ראָניק... אַ נייער פּוסטראָניק, זאָלן מיר אַזוי אַלע האָבן מזל-טוב... עך האָב עם געקויפט ערשט דאָ פאַר דער מלחמה אין קאָזליוו אויפן יאַריד... די כּלבים זאָלן מיר נישט געווען אַוועקנעמען דאָס פערד און וועגעלע, וואָלט עך עם נישט געווען פאַרקויפט. מעגסט מיר גלייבן, מנחם... היינט קריגט מען נישט אַזוינע פּוסטראָנקעס... עך פאַרקויף דיר אים אַ מציאה...

צוויי זעקסער, עך... עך נעם נישט ווייניקער אַ האַלבן נייעם... זאָלן מיר אַזוי האָבן פּרנסה בריות, הערסטו ווי די כאַפּסט אַ מציאה...

באַם רעדן האָבן די פאַרזונקענע אויגן ערגעץ-דאָרט אין דער קויטיקער האָריקייט אויפגעגלאַצט אומגעריכט מיט נייעם פייער, ווי באַלד אויסגעלאָשענע קוילן, אַז מען טוט זיי אַ בלאָז-אונטער. זיין קול איז געוואָרן יונגער, פרישער, די שפּיץ נאָז גערויטלט.

דער מחותן האָט גענומען דעם פּוסטראָניק, געפּלאָנטערט אים פּאַוואָליע, באַטאַפּט אים מיט די אויסגעצערטע ווייסע טויטע קנעכערנע פינגער. ער האָט נישט באַדאַרפט אציגד קיין פּאָסטראָנקעס, וואָרום דאָס פערדל האָט מען נאָך תחילת ווינטער אַוועקגעטריבן אין דער ליידיקער שנייאיקער ווייטקייט אַריין, ס'זאָל דאָרט ערגיץ-וואו פּגרן, ווייל ס'איז נישט געווען אים וואָס צו געבן צו עסן און דאָס וועגעלע האָבן צוגענומען די זעלנער. ער האָט זיך אויפגעזעצט אין בעט און געזאָגט:

— וואָס טויג מיר פּאָכטרונקעס... עך דאַרף פּאָסטרונקעס דאַרף עך... עך קען דיר געבן ניין גרייצער... לאָז ער ליגן אויפן בוידעם...

— פאַר ניין נייע לאָז ער ליגן באַ מיר — האָט געזאָגט דער מחותן אַ ביסל באַליידיקט... קיין מציאות האָב עך נישט...

די נאָז אַראָפּגעלאָזט, די פּ ייצע מער אָנגעבויגן, האָט ער צוריק גענומען דעם שטריק און אים באַהאַלטן אין פּאַזעכע אַריין.

די מחותנתטע, מנחמס יידיבע, איז אַריינגעקומען אין שטוב אַריין. זי האָט געטראָגן איןביידע בלאָע האַרטע פאַרהאָרעוועטע הענט צוויי קאַנען וואַסער. די ברעגעס פון די פאַרטאַלאַפּעטע קליידלעך, איינס איבער ס'אַנדערע, זענען געווען האַרט, ווי בלעך, גראָב-אָנגעפרוירן מיט אייז פון דעם אָפּגעכליפּעטן וואַסער. די יידיבע האָט שווער געסאָפּעט, געהויכט אין די בלאָע פאַרשאַרטע צעטראַסקעטע הענט אַריין און זי האָט שווער אונטערגעטענצלט אין די גרויסע צעפ׳יקטע שטיוו, וואָס באַ איינעם האָט פונם שפּיץ אַרויסגעקוקט אַ האַרטע שנייאיקע שמאַטע אָנגעפרוירן מיט אייז.

— אַזאַ זאַווערוכע, אַן עבירה אַפילו אַ הונט אַרויסצוטרייבן אין דרויסן אַרויס... יאָסל, שטיי שוין אויף, יאָסל! מעגסט שוין אויפשטיין, ניש-קשה. ס'איז שוין באַלד ווידער נאַכט. הערסט, יאָסל! נו, וואָס זאָגט איר, מחותן? מ'האָט אַזאַ געזונטן יונג און ס'איז נישטאָ ווער ס'זאָל אַריינברענגען

אַ ביסל וואַסער אין שטוב אַריין. נו? אַזאַ געזונטער יונג זאָל אַ גאַנצן טאָג שלאָפן מיטן טאַטן... שעמסטאָך נישט פאַרן מחותן, יאָסעלע?... — האָט גערעדט די יידינע, בשעת זי האָט גענומען קערן די האַרטע ערדע-נע געבעררגלטע ערד אין שטוב מיטן אַלטן אָפּגעריבענעם בעזעם פון ריטלעך. אין איר ליידיקן מויל אָן ציין, האָבן זיך באַם רעדן די בלויזע בלאָע יאַסלעס ווייך אָנגעשלאָגן איינע אויף דער אַנדערער. און ס'האָט אויסגעזען, ווי פונם ליידיקן הלל דאָרט רעדט אַרויס די אָרעמ-קייט אַליין — די מאַמעשע צרות פון אַלע יאָרן.

— גלייך טוסטו, יאָסל, וואָס די שלאָפסט... הלואי וואָלט איך מיך גע-קאָנט אַריינלייגן אין בעט אַריין און שלאָפן, כ'לעבן — האָט געזאָגט דער מחותן.

דער קראַנקער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און אַ קוק-געטאָן אויף זיין זון יאָסל, וואָס איז געלעגן נעבן אים באַ דער זייט נאָנט צוגערוקט צו דער וואַנט, מיטן לאַנגן טרוקענעם שטומען פנים, וואָס איז ענלעך גע-ווען צום פנים פון אַ פערד.

— אם ירצה-השם, מאָרגן... מאָרגן וועסטו שוין אַרויפברענגען אַ ביסל וואַסער, אַ יאָ, יאָסעלע, האַ?...—האָט געזאָגט דער קראַנקער, שמייכלענדיק מיט זיין אייביקן שטעכעדיקן האַלבן שמייכעלע מיטן צוגעמאַכטן מויל אין דער קויטיקער קראַנקער באָרד אַריין, וואָס אירע האָר זענען גע-שטאַנען שפּיציק און שאַרף, ווי דראָטן. מ'האָט זיי געקענט איבערציילן. און אין דערמיט האָט ער זיך צעהוסט מיט זיין הייזעריקן פייכטן הוסט אַראָפּגעשפּיגן פונם בעט און לאַנג אָנגעקוקט דאָס שפּייעכץ.

דער ווינט האָט געפייפט אין קוימען, געהירזשעט, געריסן, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט אָפּרייסן דעם דאַך און אים אַוועקטראָגן...

— וואו איז ערגעץ עלקע? — האָט פלוצים אַ פרעג-געטאָן די מחותנת-טע מיט אַ שטילערן קול, אַ פאַרדעכטיקן, וואָס גיט אָנצוהערעניש, אַז מ'ווייסט, נאָר מ'רעדט נישט, מ'זאָגט גאָרנישט.

— עלקע? וואו זאָל זי זיין? פרעג מיך בחרם... זי גייט... נאָר זי גייט... קאָן זיך נישט איינהאַלטן אַ מינוט אין שטוב... זי גייט, זאָגט זי, אַ ביסל אַרויס אין דרויסן אַרויס שפּאַצירן... אָ, היינטיקע קינדער... זי האַנדלט, זאָגט זי... ווייס עך וואָס... אירע מסחרים... — האָט דער מחותן גערעדט און אַ קרעכץ געטאָן צום סוף.

די מחותנתטע האָט אַראָפּגעלאָזט טיפער איר בלאָע, לאַנגע נאָז צו
דער ערד און זי האָט געשוויגן מיט אַ שלעכטן פאַרביסענעם שווייגן.
קיינער האָט נישט געוואוסט, וואָס וועט דער סוף זיין פונם שדוך. מ'האָט
נישט גערעדט אָפן: נישט די מחותנים און נישט חתן-כלה, יאָסל מיט
עלקען. זיי זענען געווען חתן-כלה נאָך פון פאַר דער מלחמה. יאָסל האָט
נישט געטויגט פאַר קיין זעלנער. מ'האָט אים נישט גענומען. ער איז
אַנטלאָפן אינאיינעם מיט טאַטע-מאַמע פון ראָזבינע אין אָנהייב מלחמה-
צייט, ווען די קאָזאַקן זענען ס'ערשטע מאָל אַריין קיין ראָזבינע. מ'איז
אַנטלאָפן קיין אונגאַרן איבער די קאַרפּאַטן-בערג אין די באַראַקן
אַריין.

עלקע מיט אירע טאַטע-מאַמע זענען אָבער ס'ערשטע מאָל נישט אַנטלאָפן.
זיי זענען געבליבן דאָס ערשטע מלחמה-יאָר אין ראָזבינע סיי מיט די
קאָזאַקן און סיי מיט די עסטרייכער. זיי זענען ערשט דערנאָך אַנטלאָפן:
דאָס ערשטע קיין לעמבערג און פון דאַנען קיין ווין. תחילת ווינטער,
אין סוף 1918 יאָר, אַהיימקומענדיק צוריק קיין ראָזבינע, איז עלקע שוין
געווען אַ אַנדער מיידל: שוין גאָרנישט די עלקע... האָט יאָסלס מאַמע
געזאָגט דעמאָלט, אַראָפּלאָזנדיק די לאַנגע בלאָע נאָז צו דער ערד.
מ'האָט גערעדט אויף איר, אויף עלקען אין ראָזבינע... מ'האָט געזאָגט,
אַז זי האָט נישט קיין מורא געהאַט נישט פאַר די עסטרייכער און נישט
פאַר די קאָזאַקן אַפילו... מ'האָט זי יאַקאָש נישט אויפגעגעסן, פונקט ווי
נאָך אַ סך אַנדערע מיידלעך פון ראָזבינע... מ'עסט עפּעס אויף עמיצן?...
זי האָט געלעבט מיט די זעלנער בשלום און די עלטסטע האָבן זי גע-
גריסט מיט אַ פאַרגנבט שמייכעלע צווישן די וואָנצעס, ווען זי פלעגט
גיין אַביסל אויפן שטראָז שפּאַצירן פאַרנאַכטלעך-צו אין איר ענגן יאַ-
קעכל, דאָס קעפּל פריש פאַרקעמט. און אַז ס'איז חלילה עפּעס געהאַנ-
גען שלעכטס איבער אַ יידן, איז מען אַריבערגעלאָפן צו עלקען. עלקע
איז אַריבערגעלאָפן צום עלטסטן בעטן און זי האָט תמיד געפועלט, עלקע...
און אין דער צייט ווען איר חתן יאָסל איז אין די ברעטערנע באַראַקן
דאָרט אין זומפּיקן טאָל אין אונגאַרן צווישן אַלע יידן געשלאָפן אויף
דער ערד מיטן טאַטן, איז עלקע געזעסן, אָפּגעווייסט די קלייען אַרום
דער נאָז, די רויטע פעדער פונם היטעלע אויפגעשטעלט גרעסער ווי
ס'פּאַסט זיך, אין ווין — אין אַ קאַפע-הויז אין ווינקל אויפן פּלושענעם

זאָפּקעלע און געהוידעט מיטן גראָבלעכן פּיס און געהאַנדלט גלייך מיט אַלע יונגעלייט און מיידלעך מיט צווירן, לעדער, קעז און זייף און זי איז בעוואָרן א לייט, עלקע... זיך אויסגעמענטשט גלייך מיט אַלע, און אַהיים איז זי געקומען דערנאָך קיין ראָזבינע, אויסגעבלייכט די נאָז, דינער, ווייסער, איידעלער; גאָרנישט צו דערקענען איז געווען איר פּאַוואָליע, איידעלער קול, דאָס באַהאַלטענע דינע רייצעניש פון דער זינד האָט געשמעקט דערפון ווייטועגדיק און גלוסטיק.

אַז עלקע פלעגט אַמאָל אַריינקומען אַהער צום מחותן אין שטוב אַריין, דער אָפּענער האַלדז גערויטלט פונם פראָסט ביז טיף אין דער ברוסט אַריין, רופן די מאַמע אירע, האָט זיך יאָסל באַם טאַטן אין בעט איבערגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט, ברוגז. ער האָט געשוויגן נישט גערעדט אַ וואָרט. און ס'איז אויך געווען גוט אַזוי צו ליגן אי בעט, צו שלאָפן מיטן טאַטן און נישט אויפצושטיין אין קאַלטן ווינטער טאָג אַריין. זיינע טרוקענע, פלאַטשיק־שאַרפעביינער זענען געווען פאַר־חלושט, איינגעמאָרעט אין דער קויטיק - קרענקלעכער בעט־וואַרעמקייט. די אָפענע אויגן האָבן כסדר געקוקט אויפן קליינעם שטיק, קאַלט־בלאָע וואַנט, וואָס ער האָט אַלע מאָל אָנגערירט מיטן שפּיץ פון זיין לאַנגער דאַרער נאָז — בלייך פון הונגער. געווען ברוגז נאָך פון נעכטן אוי דער נאַכט פון דער וועטשערע, ווען די מאַמע האָט זיין יינגערן ברודער, סענדערן, געגעבן אַ גרעסערע שיסל באָבעלע־יושקע און דערצו האָט די מאַמע אונטערגעשטופּט סענדערן אַן אָפּגעקאָכט איי.

— עך בין נישט קיין קינד, עך...—האָט יאָסל אַוועקגערוקט די שוואַרצע שיסל געקעכין פון זיך, אַראָפּלאָזנדיק ברוגז די נאָז און ער איז געגאַנגען שלאָפן אָן וועטשערע.

— דו... דו... געזונטער בער דו.. דו גלייכסטעך צו סענדערן דו?.. סענדער פאַרדינטאָך, סענדער... סענדער איז אַ לייט... ער גלייכט זעך צו סענדערן... ער...

די גיפטיקע רייד דער מאַמעס זענען געווען דין צעפּליעטשט, אָנגעשאַרפט צווישן די בלאָע שמאָלע לײדיקע יאַסלעס. און זי איז געווען גערעכט, וואָרום סענדער האָט טאַקע פאַרדינט, סענדער, ער האָט געהאַנדלט, געפירט סחורות באַ נאַכט קיין קאָזלעוו און צוריק... און ווען די זעלנער כאַפּן אים, דערשטעכן זיי אים. אָבער סענדערן האָט מען נישט געכאַפּט

ער האָט אונטערגעקויפּט, אונטערגעשמירט די כלבים און דורכגעשוואַרצט באַנאַכט אין פינקלדיקן בלאָען שניי אַקעגן דער לבנה, אָנגעבויגן, אַ זאַק שוועבעלעך אויף די פּלייצעס. ער האָט פאַרדינט געלט און דאָס באַהאַלטן אין קופערס, גאַנץ אונטן, אונטערן טוכלע גרעט, איינגעבונדן אין דער צעשיטער הגדה...

## II

דאָס דונערן פון די שיסערייען האָט נאָר איינגעוואַליעט אַביסל די יידישע שיבלעך אין ראָזבינע. באַ אַ טייל זענען געווען איינגעפּלעטשט די דעכער, ווי ס׳צעפּלעטשט זיך אַ פריש ברייטל, די ווענט איינגעבראָכן מיט געשפּאָלטענע בייכער, אַ טייל ווידער זענען געווען אינגאַנצן פאַרשוואונדן, די בעלקעס אַוועקגעשלעפּט פון די גוים, צעטראָגן; דער שניי האָט צוגעדעקט די ליימענע חורבות מיט אַ גלאַטיק בערגל און ס׳האָט נאָר אַרויסגעשטעקט אַ בלאָ־געקאַלעכטע פּאַליצע, לידיק אָפּגעבראָכן אין מיטן דערינען. דער בליק האָט דאָרט תמיד געזוכט אומזיסט אַ טעלער, אַ טעפּל.

זייט סענדער איז אַהיימגעקומען פון די זעלנער, האָט זיך אים אַלץ אויסגעדאַכט, אַז ער איז פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן, ס׳איז נישט ראָזבינע, דאָס אויג האָט זיך נישט געקאָנט צוגעוויינען צו דער ווייטער פּוסטער ליידיקייט; קיין יידישע שטיבלעך זענען דאָ, אויפן שטראָז, מער נישט געווען. נישט שלמה - וואָלפס שטוב און נישט יונהס שטוב. ס׳איז נישט געווען די מיל, די בריק און דער טייך...

— וואו איז ערגעץ אַהינגעקומען דער טייך?... — האָט סענדער אַ פּאָר מאָל שוין אַ קלער געטון. די טעלעגראַפן־סלופּעס זענען געלעגן צעלייגט, איבערגעבראָכענע איבערן צעלעכערטן וועג, איבער די גריבער אָנגעפּולט מיט שניי. זייערע דראָטן זענען געשטאַנען איבערגעריסן, טויבע פאַרפּלאָנטערטע אין דער הייך, פּאַוואָליע זיך שווער געשאָקלט, ווי אַ ביגטל לעבעדיקע ווערעם.

סענדער איז געגאַנגען דעם קאָפּ אָנגעבויגן, שניידנדיק זיך מיט אַ זייט אין ווינט. זיין וואָלן שאַליקל איז אויך געווען האָפּערדיק פאַרוואָרפן

איבערן האלדז און איין שפיץ דערפון אריינגעשטעקט אויף דער פלייצע אין שנאל פון זיין קורצן ראק, איבערגענייט פונם זעלנערישן מאנטל. די פולע בעקלעך זיינע האבן איצט געפלאמט רויט אין ברענענדיקן שארפן פראסט און פון זיין שיינער געבויגענער נאז האט פונם שפיץ אראפגעהאנגען א טראפעלע. ער האט געשפאנט מיט כוח אין דער ווייסער וואיענדיקער זאווערוכע, וואס האט צוריקגעשטופט מיט שטארקייט און געפינצטערט אין די אויגן מיט א ציטערדיקן ווייסן פלימער, פאר כאפנדיק דעם אטעם.

— א כאלירע זאל דאס טרעפן... — האט סענדער געזאגט. נאר אט איז ער געגאנגען אין מיטן וועג צווישן עטלעכע קליינע האלצערנע פשוטע צ׳מלעך פון נישט אפגעטרעסעטע צווייגן, וואס האבן קוים ארויסגעשטעקט פונם שניי. אויף זיי זענען נאך געהאנגען קרום די אייזערנע העלמען פון די זעלנערישע קעפ, וואס ליגן דא באגראבן אין מיטן דערינען. די אייזערנע העלמען האבן די גוים נאך נישט געהאט אראפגענבעט, מ׳האט נאך נישט געוואוסט צו וואס זיי קענען צונויץ קומען. זיי האבן זיך שווער געהוידעט אין ווינט אויף די צלם-שפיצלעך, געקרעכצט מיט די מיילער אראפ און האבן דערמאנט די טעפ, וואס די גויעס הענגען ארויס טרוקענען אויפן פלויט.

צווישן די צלמלעך באַ דער זייט איז געשטאנען א פלאך ברעטל, פרעמד, אליין און מ׳האט דערויף נאך געקענט לייענען די אפגעריבענע אותיות:

„איזאאק קאהן״.

א ווייס אפגעשיטער פון שניי, ווי אנגעטאן אין א ווייסן כאלאט, איז סענדער אריינגעגאנגען צו רחלע אייזיקס אין שענק אריין. אויף דער שוועל האט ער זיך אפגעקלאפט זיינע גלאנציקע וואוליענערישע שטיוועלעך און דאס שיינע גרינע קאפעליושל, די ברעמען זענען געווען פול פון שניי-פליטערלעך. א רגע האט ער גארנישט געזעען אין שטוב, בלויז א ציטערדיקע טאנצנדיקע שווארצקייט האט געפלימערט אין די אויגן. ער האט מיט זיי א פאר מאל א פינטל געטון און געזאגט:

— א דרויסן, טפו זאל דאס ווערן...

דערנאך האט ער זיך געריבען די פארשטארטע הענט, און דער שענקע-

רינס ברייטער פעטער נאָכהענגנדיקער גוידער איז בלייך אַרויסגעשוואומען אין דער גראָער מאַטקייט.

— רחלע, גיטסמא אַהער אַ טרונק בראָנפן... גיכער, גיכער, וואָרום די קישקעס אין בויך זענען מיר פאַרפרוירן... ער האָט אַריבערגעבויגן דעם קאָפּ, אַ גאָס-געטאָן גיך, קוים מיטן אויג צו דערזען דאָס גלעזל בראָנפן אין מויל אַריין און זיך געקוויקט, קוקנדיק זשעדנע מיט דער גאַנצער גלוסטיקייט פונם יונגן הייסן בלוט אויף דעם ווייבלס ווייכע קיילעכדיקע דיקע הענט.

— אַ מחיה... באַ אייך קען מען זיך טאַקע אָנוואַרעמען, רחלע... זאָל מאַ אַלע אַזוי האָבן אַ גוט קוויטל... — האָט דער יונג פריילעך-צעפלאַמט גנביש אונטערגעוואונקן מיט אַ האַלב אייגל און ער איז אַריין אין אַלקער צריין.

דאָ זענען שוין געזעסן שטעטלדיקע בחורים באַם טיש. געשפּילט אין דאָמינע, גערייכערט און געהאַנדלט. פון די נאַקעטע קויטיק-בלאָע שענקוועגט האָט גערונען די נעץ, דער רויך האָט זיך אין לייכטע וואָלקנדלעך געקייקלט אונטער דער האָרבאַטער סטעליע און די ברייטע רויע קולות פון די יונגען האָבן געהירזשעט מיט קראַפט און זיכערקייט.

די אַלע איבערלעבענישן און פלאָגענישן באַ די זעלנער אין די ווייטע ענדער, אין די פרעמדע שטעט און ערטער, צווישן די פרעמדע מענטשן, דאָס וואַלגערן זיך אין די בלאָטיקע שיס-גריבער, אין די שטיינערנע היילן, אויף די הויכע שנייאיקע בערג, הונגער, קעלט, נעץ, צעשאָסענע אברים, בלוט, מענטשן-פלייש, צעקרומטע הרוגים, הענגענדיקע פאַרפלאָנטערט אין די שטעכדיקע דראָטן, וואָס האָבן דערמאָנט אויסגעזויגענע טויטע פליגן, וואָס הענגען פאַרפלאָנטערט אין שפּינוועבס, דאָס אַלץ איז געווען פאַרגעסן. אַרויסגעוואָרפן פונם מוח אינאיינעם מיטן זעלנערישן היטל, וואָס מ'האָט אַראָפּגעוואָרפן פונם קאָפּ. און נאָר פון די קורץ-געשוירענע שטייענדיקע האָר אויף די האַרטע שטערנס, ווי האַרטע בערשטלעך, וואָס זענען נאָך געווען דאָס איבערבלייבעניש פון די זעלנער, האָט איצט געשפּראָצט מיט פאַרשטאַרקטן שטומען לעבנס-ווילן, מיט נייער גלוסטיקייט צו פרייד און קראַפט, וואָס נאָר מענטשן, וואָס זענען געווען איבערגעענטפערט צום טויט און זענען ניצול געוואָרן, דערפילן דאָס אומבאַוואוסט אין זייערע געבליטן.

סענדער איז צוגעגאַנגען צום טיש, פאַרגנבעט אַ קוק געכאַפּט אין די דאָמינעס און אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף משה-יעקלס ברייטן אַקסל:
— משה-יעקל, פאַרקויף מיר דיין זעקל ציקאָריע... עך גיב מיט פינף און ניינציק... און ער האָט יענעם אַ שנעל געטון אין אויער.
— פאַראַליע, ברודערקע... קוק מיר נאָר נישט אין די שטיינער אַריין... עך האָב נישט קיין ציקאָריעס... עך פאַרקויף נישט... וואָס, ס'מאָגט מיך עסן... — האָט געזאָגט משה-יעקל מיט זיין רויען גראָבן קול, ווי אַ ביק, און די איבערגעבריבענע גראָבע נאָז זיינע האָט שטענדיק געשמייכלט אָן אַ פאַרוואָס, פאַרשפּרייטנדיק פריילעכקייט אָן אַ פאַרוואָס, וואָרום אַנקוקנדיק זי, האָט מען געמוזט שמייכלען.
די יונגען האָבן צונויפגעשטעקט די קעפּ און זיך געסודעט עפּעס... מ'האָט באַדאַרפט אָפּבעטן דעם סטראַזשניק אונטערן צמענטער, וואָס האָט נעכטן געכאַפּט משה-יעקלען און אַוועקגענומען בײַ אים דאָס זעקל ציקאָריע.
— כ'האָב מורא, אַז די מעשה עט מען קאָסטן צוויי ראַניש... האָט משה יעקל געזאָגט... — דער כלב עט נישט נעמען ווייניקער...
— און עך זאָג מיינס, קינדער, פאַרשטייט איר מעך... מ'דאַרף נישט אַרויסוואַרפן קיין געלט אין דער בלאָטע אַריין... מ'ברעכט אָן דעם כפרה-ניק די ביינער און מ'נעמט צו די ציקאָריע... זאָל ער מעך לאָדן צום סאָנע טאָיקעף...
דאָס איז געווען סענדערס עצה נאָך פון נעכטן.
— מאַך צו די קאַטערינקע... דער שמיגער דרייט זיך... — האָט משה-יעקל אַ וואונק געטון אויף דעם שענקערנס זינדל, אַ פעט אַרומקריכנדיק חסידיש בחורל, מיט שטיקלעך אונטערגעשוירענע פּאהלעך, געקרייזלטע אונטערן פאַרסמאַלצעוועטן סאַמעטן קאַפּעלושל. דאָס העלדזל זיינס איז געווען נגידיש-ווייס, פעט, ווי דער מאַמעס האַלדז... אין די אויערן האָט זיך געשוואַרצט די אייביקע בלאָטע.
די יונגען האָבן זיך געהיט פאַר אים, פיינט געהאַט זיינע פּאהקעלעך מיט דער שטענדיקער שנאה צווישן פראָסטאַקעס און חסידים.
פון פאָרנט אין שענק קומט אַריין אַ גוי מיט אייז-צעפּלעך אויף דער וואָנצע. ער רייבט פעסט איין האַנט אין דער אַנדערער און ער פינטלט מיט זיינע קליינע שלעכטע אייגעלעך פון דער זייט צו די יונגען אין אַלקער אַריין, גלוסטיק נאָך זייער פרעמדן יידישן בלוט און געלט, וואָס געהערט

שוין צו אים, נאָר ער קען זיך נישט דערויף דערוואַרטן. ער קוקט אַהין מיט אַ מבֿיניש אויג פון אַ בעל-הבית, וואָס די בהמה עסט ביי אים גוט, ווערט פעט, ס'וועט זיך לויגען די שחיטה...

— זיי ריזשען דאָרט אונדזערע... די זשידעס קוילן אין דער זאַבראַניע באַ אונדז... נישטאָ קיין קייזער... נישטאָ קיין פּריצים... נישטאָ קיין יידן... אַלץ אונדזערס... אַלץ... אונדזער מלוכה...

דער גוי האָט דערציילט נייעס און די יונגען אין אַלקער האָבן אַ הער געטוען מיט באַהאַלטענעם פּחד און זענען אַ רגע שטיל געבליבן. שטום. אויף משה-יעקלס גראָבער שמייכלדיקער נאָז האָט זיך אַ לייג געטון אַ שטומער דינער טונקעלער שאָטן פון צער, זי אַלט געמאַכט:

— ס'קער זיך דאָרט טאָן חושך... עך, האָב איך געהערט,—האָט סענדער געזאָגט און אַנטשוויגן געבליבן.

— איי די כּלבים...

נחום, משה-יעקלס יינגערער ברודער, אַ צוגעפּלעטשעטער קיילעכדיקער מענטש מיט איין אויער, האָט זיך שווער אין זיינע גרויסע גראָבע שטיוול אויפגעהויבן, אַ זופּ געטון מיט דער קיילעכיקער געפּאַקטער נאָז הויך, ביז אַריינגעגאַנגען פאָרנט אין שענק אַריין, האָט אָפּגעמאָסטן דעם גוי שטום פון דער זייט מיט אַ שטומפּיק-ווילדן פאַרעקשנטן שנאה-בליק פון אונטן אַרויף איינמאָל און נאָך אַמאָל, פּאַוואָליע אויסגעטרונקען אַ שטאַרקן טרונק-בראָנפן און ער איז צוריקגעקומען אָנגעבויגן דעם קאָפּ שפּילן אַ נייעם קאָן דאָמינע מיטן ברודער:

— צו צען קראָנען!...

— צו צען קראָנען! ...

— זאָל דאָס דער שלאָק טרעפן...

ס'איז שוין געווען טונקל, ווען די דריי יונגען, משה-יעקל מיטן ברודער און סענדער זענען אַרויס אין דרויסן אַרויס מיט דער דעה צו גיין צום סטראַזשניק ווייט אין עק ראָזוביע אונטערן צמענטער.

משה-יעקל האָט אַ רייב געטון די הענט, אויסגעשפּיגן, אויפגעשטעלט זיך דעם קאָלנער פונם ראָק און ערשט איצט האָט זיך געזען, ווי געוואַלטיק ברייט זיין פּלייצע איז. אויף זיין ברודערס ברייטן האַרטן הינטן האָט זיך געווייסט אַ ליכטיקע לאַטע אין דער גראָער שווערער דעמערונג פון קורצן שנייאיקן ווינטער-טאָג.

— א... קומטס, קינדער... לאָמיר גיין...

איבערן וועג אַריבער האָט זיך פאַרבייגעטראָגן א ווייבעריש געשטאַלט, דאָס קליידל אונטערגעהויבן און אָנגעבלאָזן אין ווינט, אַנטבלויזנדיק די גראָבע פיס ביז אַריבער די קניעס און זי איז פאַרשוואונדן צו יאַנקאָווסקין אין גויעשן געוועלבל אַריין, וואו די רוטעניעשע זעלנער האָבן געפרעסן ווייסן געזאַלצענעם חזיר, געשיכּורט, געשפּילט אין קאָרטן, געזונגען זייערע פאַרבענקטע נאָגנדיקע ליבע-לידלעך, האַלטנדיק זיך אַרומגענומען מיט די הענט, די העלדזער פאַרזונקען אין אומעטיקן הוידען.

משה-יעקל האָט איר נאָכגעקוקט, נאָכגעשיקט אונטער די פּלייצעס זיין הירזשענדיק געלעכטערל:

— אַ כּאָלירע זאָל זי טרעפן, עלקעלע... געוואָרן אַ גבורהדיקע מויד, דיין יאָסלס כּלה.. שפּילט דאָרט אין קאָרטן מיט די כּלבים... קער זיי שיין שינדן אַ הויט... זי קען, די בחורטע... אויסגעלערנט זעך די מלאכה...

— זעסטו, אַ דאגה האָב עך מיט איר... וואָס גייט זי מעך אָן, די קורווע... — האָט סענדער געענטפערט אַ ביסל פאַרשעמט.

— אָ רעכטע סחורה...

די דריי יונגען האָבן געשפּאַנט אָנגעבויגן שווער, געשלעפּט און געזונקען מיט די גרויסע שווערע שטיוול אין סקריפּנדיקן האַרטן שניי. דער ווינט האָט געשטורעמט אויף זיי, צוריקגעשטופּט מיט אַ טויבער וואָיעניש. אָבער די קעפּ האָבן זיך אָקעגנגעשטעלט מיט שטאַרקייט, געשניטן זיך מיט כּוח, ווייטער, ווייטער אין דער שנייאיקער קאַלטער ווילדעניש אַריין.

איינגעבעט, פאַרזונקען האָט אין ליידיקן שנייאיקן פעלד פאַרשיט אַרויסגעסטאַרטשעט דאָס ווייסע דעכל פונם סטראַזשניקס שטוב, קוים וואָס מ'האָט דאָס אַרויסגעזען. פון דער וואָרעמער שטרויענער זאַהאַטע האָבן אַרויסגעקוקט קליינע בלינדע געל-באַלויכטענע פאַרפרוירענע פענצטערלעך מיט גויישער זאַטקייט און וואַרעמקייט.

משה-יעקל האָט אָנגעקלאַפּט אין שייבל באַם סטראַזשניק, וואָס האָט באַ אים נעכטן צוגענומען אַ זאַק מיט ציקאָריע. דער גוי איז אַרויסגעקומען אין דרויסן-אַרויס אָן דעם היטל אין זיין קורצן האַלבן פּעלץ און די דריי יונגען האָבן זיך צעדונגען מיט אים, געבעטן זיך, ער זאָל אַרויסגעבן זייער סחורה, גערעדט צו זיין געוויסן:

— וואָס הייסט עפּעס, ער נעמט-צו פרעמדע סחורות... פאַרוואָס, פאַרווען?

וואָס איז עפּעס אַרויס היינט אין דער וועלט?
וואָס הייסט עפּעס ראַבעווען גלאַט באַ יענעם... מיר=נישט, דיר=נישט... — האָט געטענהט משה-יעקל, האָט געטענהט העכער, געבייזערט זיך מיט ביידע הענט, געשריגן, היציק צעפּלאַמט—וואָס הייסט דאָס עפּעס. אָבער דער יוג האָט זיך געקראַצט אין די קודלעס מיט שווערער גויעשער שטומ-פּיקייט, געטענהט זיינס, אַז אַלץ איז זייערס, זייער מלוכה... מען מעג היינט טאָן וואָס מ'וויל... מ'טאָר היינט נישט האַנדלען מיט גאָרנישט...
פאַרבאָטן, און אַז מ'כאַפּט, נעמט מען אַוועק... אַלצדינג און שוין...
ס'איז שווער געווען מושווה צו ווערן. דער גוי האָט געוואָלט אַ סך געלט, וועט ער אָפּגעבן די סחורה... מ'איז אַריין אין שטאַל אַריין. מ'האָט זיך נאָך אַלץ געדונגען, געטענהט. דאָ אין שטאַל, צווישן שטרוי איז געווען באַ-האַלטן דער זאַק מיט דער ציקאָריע. אין דער שטומער פינצטערער וואַ-רעמקייט האָט דאָס קי - מיסט געשמעקט מיט מילך און זעט. דאָס רייבנ-דיקע מעלה-גירה פון די בהמות אין דער פינצטער האָט שלעפעריק גע-מאַכט, מיד, אָפּהענטיק. מ'האָט פאַרגעסן נאָך וואָס מ'איז געקומען אַהער. ס'האָט זיך געגלוסט אַריינצוּוואַליען אין שטרוי און שלאָפן. — פלוצים אָבער האָבן די יונגען אַ טאַפּ געטאָן זייער סחורה אין דער פינצטער און דאָס בלוט האָט זיך אָנגעצונדן מיט נייער ברענענדיקער גלוסטיקייט. די זעלבערישע הפקרקייט האָט באַ סענדערן אַצינד פלוצים, אָן זיין ווילן, אַ הייב=געטאָן די פויסט זיינע, די האַרטע ווי אייזן און ער האָט דער-לאַנגט אַ שטומען גיכן אומגעריכטן קנאַק דעם גוי צווישן די אויגן, איינמאָל און נאָכאַמאָל. דעם גוי האָט אַ שפּריץ געטאָן פייערדיקע שטערנדלעך אין די אויגן און איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט אַרויס-צולאָזן פון מויל דעם אָנגעגרייטן, ברומענדיקן „גע—וואַ—אַל—ט" איז ער שוין געלעגן אין דער טיפעניש אין שטרוי און קולאַקעס שווערע, ליטישע האָבן שוין געהאָגלט אויף אים אין פּנים אַריין, אין בויך אַריין, פון אַלע זייטן.

— יהודים, זשאַלעוועט נישט — זשאַ, עוועט נישט, יהודים... הרגעט ווייך... אין די זייטן... ס'זאָל נישט בלייבן קיין סמנים... למען השם, יהודים.. נחום, משה=יעקלס ברודער האָט שווער געסאָפּעט מיט דער נאָז ווי אַ באַן, קניענדיק אויפן גוי און וואַליענדיק מיט ביידע פויסטן אין דער פינצטער אַראָפּ, אין דער שטומער לעבעדיקייט אריין, צווישן שטרוי...

געקנעטן פּאַוואַליע, באַדעכטיק, ווי מ׳קנעט ברויט מיט דער פויסט אין דער דייזשע.

אָפּגעטאָן דאָס שטיקל אַרבעט, האָבן זיך די דריי יונגען אויפגעהויבן, אויסגעגלייכט. סענדער האָט גענומען דעם זאַק מיט ציקאָריע אויף דער פּלייצע, די היטלעך זענען באַ זיי געווען פאַררוקט אויף די שטערנס און די לייבער הייס, פאַרשוויצט אונטער די גראָבע מאַנטלען.

— ווייסט איר וואָס עכ׳ל אייך דערציילן, קינדער, — האָט סענדער געזאָגט, — לאָמיר אַריינגיין זעך אָנוואַרעמען אַ ביסל... אין שטוב אַריין...

צו דער גויע... נישט־קשה... מיר האָבן זעך היינט ערלעך פאַרדינט... זיי זענען אַריין אין דער האַלב־טונקעלער זויערער וואַרעמער דושנעקייט פונם גויעשן שטיבל. ס׳האָט געשמעקט מיט זויער־קרויט און טריפות. אונטער דער סטעליע, אין ווינקל באַם פּיעקעליק, האָבן געהאָנגען אויף שטריק געפּלאָכטענע וויגעלעך פול מיט שלאָפנדיקע קויטיקע פּעמפּיקעס. די גיריקע גלוסטיקייט האָט געצונדן גיכע קאַלעמוטנע פלעמלעך אין די אויגן, הייזעריק געמאַכט דאָס לשון, די פינגער האָבן געציטערט. די יונגע ברייטע גויע מיט די פאַרקאַטשעטע רויטע הענט איז תּיכּף מרוצה געוואָרן... זי האָט נאָר מורא אַ ביסל פאַרן מאַן... ער וועט שלאָגן... אָבער משה־יעקל האָט געהירזשעט. זיין נאָז האָט געלאַכט גלאַנציק־געראיטלט: ווייסעך וואָס, ווען — אַז דער מאַן איז נישטאָ... מ׳האָט אים אַוועקגעשיקט עפּעס וועגן אַ מסחרל אין שטעטל אַריין... ער וועט אַזוי גיך נישט אַהיימקומען... ס׳וועט איר גאָרנישט העלפן. ווייס עך וואָס... אַ נעכטיקער טאָג...

— נו, יהודים... ווער עס זיין כוהן...

# III

אַז יאָסל איז אַרויסגעקומען פון דער שטוב אינדרויסן אַרויס, האָט ער מיטביידע הענט געטאָן אַרוק־אַראָפּ דעם טאַטנס שמוישן היטל טיף איבער די אויערן און ער האָט אַ ניס־געטאָן אין דער ליידיקער שטילער קאַלטער נאַכט אַריין, וואָס איז געשטאַנען טויט, געדיכט אין אַ גראָלעכער פאַרגליווערטער ווייסקייט, אָן אַן אויבן און אָן אַן אונטן, אָן אַ שום אַנדערן שאָטן־פלעק, ווי פאַר ששת ימי בראשית.

און ער איז אַוועקגעגאַנגען אין דער ליידיקער ווייטער נאַכט אַריין. דער ווינט האָט געהאַט נאָכגעלאָזט און נאָר דער פראָסט האָט, שטייענדיק געשרפהט, לייכט, אָן אַ גערויש געקנאַקט, דורכגענומען מיט טויטער פאַרשטאַרטקייט דעם ליידיקן דרויסן און אים צעדריקט, צעפלעטשט אין אַ שניידיקער, גלייכער ווייסקייט, וואָס אויף איר אָפּשטעכנדיק האָט זיך געשוואַרצט אין אַ קיילעכדיקן אומגעריכטן פלעק פונדערווייטנס אַן אָנגעבויגענער מענטש מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס.

ס'איז געווען סענדער. ער איז אַהיימגעגאַנגען פון קאָזלעוו מיט אַ זאַק זאַלץ, סאָפּענדיק אונטער דער שווערער לאַסט מיט אָטעם-וואָלקנ-דלעך, וואָס זענען געפרוירן געוואָרן אונטער דער נאָז און געברענט דאָרט. פּלוצים איז סענדער שטיין געבליבן, ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דאָרט פונדערווייטנס, אין אַ גרוב , רירט זיך עפּעס ; אַלעמאָל האָט זיך דאָרט אַ שוואַרצער פלעק, ווי ער וואָלט געטשאַטעוועט אויף עמיצן — זיך אויפגעהויבן און צוריק באַהאַלטן. אָנשטרענגענדיק זיינע שאַר-פע קליינע אייגעלעך אין דער ווייטקייט אַריין, האָט סענדער געפּרוּווט מיטן בליק דורכצודרינגען די גראָלעכע ווייסקייט און דערקענען, וואָס דאָרט טוט זיך. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער שוואַרצער פלעק דאָרט טשאַטעוועט אויף אים. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם זאַק פון די פּלייצעס, אויסגעשטרעקט זיך מיטן בויך אויפן שניי אונטערן זאַק און געלויערט מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם און פאַרפרעסטע ציין, צוהאַלטנדיק מיט דער האַנט דורך דער קעשענע זיין צוגעמאַכט קורץ שטאַרק מעסערל — גרייט דערמיט יעדע רגע אויפצושפּרינגען צום געשלעג. אַ היפּשע ווילע האָט זיך דער שוואַרצער פלעק דאָרט אין גרוב אַלעמאָל אַ הייב געטון און זיך ווידער באַהאַלטן. באַוויזן זיך און פאַרשווינדן.

סענדערן איז נמאס געוואָרן דאָס ליגן און לויערן.

— אַ שלאַק זאָל עס טרעפן... — האָט ער, ווי זיין טבע איז געווען, הויך צו זיך אַ זאָג געטון.

אויפגעהויבן זיך, גענומען דעם זאַק אויף די פּלייצעס, דאָס אויפגעמאַכטע מעסער שטאַרק פאַרקוועטשט אין איין פויסט און זיך געלאָזט גיין אין וועג, וואו ער האָט געמוזט פאַרבייגיין דורך יענעם גרוב.

צוקומענדיק נענטער, האָט סענדער דערקענט, אַז דאָרט אין גרוב צווישן דער פאַרשנייטער חורבה, פאָרעט זיך זיין ברודער יאָסל.

— זע נאַר, יאסעלע פּאַרך — האָט סענדער געזאָגט. — טפו זאָלסטו ווערן... וואו גייסטו ערגעץ, וואו?.. ביינאַכט..

— וואָס גייטעך אָן וואו עך גיי... דו דערציילסט מיר וואו דו גייסט.. אַז דו עסט מיר דערציילן וואו דו גייסט, על עך דיר דערציילן וואו עך גיי... פאַרשטייסט מעך... — האָט יאָסל געענטפערט דעם ברודער פּאַוואָ-ליע, מיט אַ הייזעריקלעך-ברייט קול, וואָס האָט תמיד אַ ביסעלע אונטער-געקרייעט, ווען ער האָט געשמייכלט.

— ע... קוק אים נאָר אָן, מיין ווארילן יונג.. — האָט סענדער געזאָגט.

— שיער, שיער, וואָלסטו געווען ברודער-לעב אַריינגעכאַפּט פּעטש ווי די ברעטער... אַ מערכה, ס'איז געווען אַ...

— און דו מיינסט, אַז עך וואָלט דיר געווען געשוויגן... — האַ?.. — האָט זיך יאָסל אַ שטעל געטון מיט אן אָנגעבויגענער אַקסל אין דער זייט, גרייט צום געשלעג...

אַז סענדער איז אַוועקגעגאַנגען מיטן זאַק אויף די פּלייצעס, האָט זיך יאָסל נאָך לאַנג אַרומגעבאָברעט אין דער חורבה. דערנאָך האָט ער פון דאָרט אַפּערגעשלעפּט אַ קלאָץ, אַ שווערן, אָנגעוואַקסן מיט אייז און שניי, גענומען אים אויפן אַקסל און זיך געלאָזט גיין מיט אַן אַנדערן וועג, אַ פרעמדן, אַרום און אַרום ראָזבינע.

שווער האָבן זיינע שטיוול געטרעטן און געסקריפּעט אין די האַרטע זאַמ-דיקע שניי-בערגלעך. ער האָט נישט געפילט די הענט, וואָס זענען געווען טויט פאַרשטאַרט פון קעלט. דער שטערן האָט אים געשוויצט אונטערן היטל, וואָס די שווארצע וואָל דערפון איז געווען פאַרלאָפן מיט אייזיקן ווייסן פראָסט-הויך פון דער מויל-פּאַרע און אויף די ברעמען זענען אָנגעוואַקסן שטעכעדיקע אייז-צעפּלעך. עטלעכע מאָל האָט זיך יאָסל אויסגעגליטשט און ער איז געפאַלן אונטערן קלאָץ. אַריינפאַלנדיק אין אַ שניי-גרוב, האָט ער מיט די הענט אָנגעטאַפּט דאָרט שאַרפע, טרוקענע, קאַלטע ביינער אין שניי, ווי שאַרפע העק. זיי האָבן טרוקן אַ טראַסטשע געטון אין דער גראָלעך-ווייס'ער פאַרגליווערטער נאַכט-שטילקייט. יאָסל וואָלט געווען געקאָנט שווערן, אַז ס'זענען די ביינער פונם טאַטנס פערדל; ס'איז נישט געווען וואָס צו געבן צו פרעסן דער איינגעדאַרטער שקאַפּע מיט די טרוקענע אַרויסשטעקנדיקע האַלבע רייפן אויפן בויך. די אויס-געקראָכענע פעל איז אויך גאָרנישט ווערט געווען. אַ צעשונדענע נבלה...

ס'איז נישט געווען ווער ס'זאָל זי אָפּליפּען, האָט מען זי נאָך תחילת ווינטער אַוועקגעטריבן פון דער היים, זי זאָל ערגעץ פּגרן אין א גרוב.

— וואָס וועט זי שטיין, די נבלה, אָן אַ ביסל שטרוי... ס'אַליין נישטאָ וואָס צו נעמען אין מויל אַריין... — האָט געזאָגט די מאַמע.

און יאָסל האָט דאָס פערדל אַוועקגעטריבן דעמאָלט פון דער היים. אַרויסדראַפּענדיק זיך אַצינד פונם גרוב מיטן קלאָץ אויפן אַקסל, האָט זיך יאָסלען אײַסגעדאַכט, אַז דער טונקעלער שאָטן פונם פערדל גייט פאַר אים פאָרויס מיט די האַלבע טרוקענע קנעכערנע בויך־רייפן, שטשירענדיק די גרויסע ווייסע געפּגרטע ציין, פאַרביסן איינס אויפס אַנדערע. און ער האָט זיך אַצינד דערמאָנט, יאָסל, ווי־אַזוי ער האָט דעמאָלט אין דעם גראָ־לעכן פאַרשטאַרקטן אויפדערנאַכטיקן פראָסט אראָפּגעטריבן דאָס פערד פונם בערגל, שלאָגנדיק מיטן בייטש־שטעקן אין די אַרויסשטאַרטשנדיקע בלוטיק־אָפּגעשונדענע פוס־קנעכלעך. דאָס רויטע פלייש האָט זיך פון זיי אַרויסגעזען און ס'איז אין דער רגע גלאַנציק־פאַרפרוירן געוואָרן אין פראָסט. ווי רויט גלאָז האָט דאָס אויסגעזען. דער ווינט האָט געריסן דעם אויסגעקראָכענעם ווידל, פאַרשטייפט אין איין זייט אַריין, אונטערגע־טראָגן די נבלה און זי געהוידעט אויף די שוואַכע פיס. אָבער זי האָט נישט געוואָלט גיין. געשטאַנען — שטום, געדולדיק, געריסן פונם ווינט, און נישט געוואָלט מאַכן אַ שפּאַן, נישט גערירט זיך פונם אָרט. יאָסל איז אַריין אין כעס. די לאַנגע טרוקענע נאָז האָט זיך אים אַ ביסל אויס־געקרומט און ער האָט געהאַקט און געהאַקט מיטן בייטש־שטעקן איבער די טרוקן־קנעכנדיקע צעשונדענע פיס:

— וויע—ע—ע...

ביז דאָס פערדל איז אַוועקגעגאַנגען, פּאַוואָליע, אונטערהיקנדיק קרומלעך און בלויז איינמאָל האָט דאָס נאָר אויסגעדרייט דעם פאַרהונגערטן קאָפּ און די בלינדע אויסגערונענע גרויסע אויגן האָבן שטום [א קוק געטון אויף צוריק, צו יאָסלען, וואָס איז געשטאַנען, און עס נאָכגעקוקט ביז ס'איז פאַרשוואונדן, פאַרטראָגן געוואָרן איןווירבלדיקן שניי־שטורעם.

באַנאַכט האָט זיך דער טאַטע אויפגעזעצט אין בעט און געזאָגט:

— הערסט, יאָסל... די שקאַפּע איז צוריקגעקומען... — מ'האָט געהערט

אַ רגע ווי דער טרוקענער פערדישער קאָפּ רייבט זיך אָן דער וואַנט אי נדרויסן. דערנאָך איז שטיל געוואָרן.

— ס'אַ גאָטס רחמנות אפילו אויף אַ שטומער בהמה... אַ... — האָט די מאַמע זיך דורכוועקנדיק אַ קרעכץ געטון און זי איז תיכּף ווידער אַנט־שלאָפן געוואָרן. נישט דער טאטע און נישט יאָסל האָבן דעמאָלט אַ גאַנצע נאַכט געקאָנט אַן אויג צומאַכן,ביידע האָבן געשפּיצט די וואַכע אויערן, געהערט, געהערט פאַרלוירן אין דער פינצטערער גראָלעכקייט פונם טויבן וואָיענדיקן ווינט אין דרויסן. דער טאַטע האָט געהוסט, געשפּיגן און געכראַקעט:

— הערסט עפּעס, יאָסל?...

יאָסל האָט געהערט. ער האָט געהערט דעמאָלט האַרטע סקריפּנדיקע טריט אין האַרטן פראָסט, וואָס פאַרלירן זיך אַלץ שוואַכער און שוואַכער אַראָפּ מיטן בערגל. געהערט ווי ס'גייט אַוועק דאָס פערדל פגרן ערגיץ פון הונגער און קעלט, אַריינפאַלנדיק אין אַ גרוב שניי אינמיטן פעלד אין דער ווילדער שטורעמדיקער ווינטער־נאַכט.

— ס'איז אַליין אַוועקגעגאַנגען... אין אַזאַ נאַכט... — האָט יאָסל איצט אַ קלער געטון, דערפילנדיק אַ קאַלטן דראָזש אין דער צעהיצטער פּלייצע, אַ קאַלטן דראָזש, די גאַנצע קעלט פון דער דעמאָלטיקער נאַכט מיטן שווע ן אָנגעפּרוירענעם קלאָץ אויפן אַקסל האָט ער שווער גע־שפּאַנט איצט אין דער ליידיקער נאַכט מיט אַן אַנדערן וועג, אַ ווייטן, אַ פרעמדן, אין דער גראָלעכער קאַלטער שניי־פינצטערניש.

— ווער ווייסט וויפל דער זייגער קער אַצינד האַלטן... — האָט יאָסל די גאַנצע צייט שוין געקלערט. — אַז באַ יאַנקאָווסקעלען איז נאָך אָפן ס'געוועלבל, קער זיין נאָך נישט שפּעט...

פונדערווייטנס האָבן זיך געל, טריב־פאַרווישט, געלויכטן די געפרוירענע פענצטער פון דעם גויאישן געוועלבל. אויף די פאַרקאָוועטע בלינדע אײַנגעוואַקסענע אייז־שייבלעך האָבן זיך דייטלעך אָפּגעצייכנט די געלע שאָטנס פון די וואַקלענדיקע זעלנערישע קעפּ אין זייערע קיילעכדיקע ספּאָדיקעס מיט אַן איבערגעלייגטן שפּיץ. די אומדייטלעכע צוגעדושעטע הייזעריקע קולות, הירזשנדיקע פאַרשיכּורטע ווילדע געלעכטערס האָבן זיך שטומפּיק געשפּאַרט אין דער געדיכטער שטילקייט אריין און יאָסל

וואָלט געווען געקאָנט שווערן, אַז ער הערט צווישן זיי אַ דין קוויטשענדיק קול, אַ באַקאַנטס, עלקעס קול...

ס׳האָט אים ווייַ געטון און געפּערעט... מ׳זאָל גאָרנישט געפּרואווט ווערן מיט אַזאַ האַרץ־פּערעניש... נאָך שווערער האָט דער קלאָץ אַצינד געדריקט דעם אַקסל. אָט אָט פאַלט ער אונטער אים, יאָסל... ער זאָל אים כאָטש נאָך דערטראָגן אַהיים... ס׳און עבירה אַזאַ קלעצל... קוים, קוים איז יאָסל דערקראָכן אַהיים. שטיל־שווייַגנדיק זיך אויסגעטון, אַרייַנגעקראָכן צום טאַטן אין בעט אַרייַן, מיטן פּנים צו דער וואַנט, צו דער קאַלטער בלאָלעכער נאַסער וואַנט, אָנרירנדיק זי מיט דער לאַנגער טרוקענער נאָז. ס׳זאָל כאָטש זייַן פינצטער אין שטוב און מ׳זאָל נישט זען דעם טאַנצנדיק־געלן שאָטן־פלעק פונם שטיקל ליכטל, וואָס שמעלצט אינם ליימל. אָבער דאָרט אין ווינקל שטייט סענדער אויף די קניעס, דאָס קאַפּעלושל פאַרוקט אויפן שפּיץ קאָפּ צווישן זייַנע זעקלעך מיט סחורה און ער פּאָרעט זיך שטום, געהיימנישפול באַדעכטיק, מיט בייַדע הענט מישט ער פון איין זעקל אין אַנדערן אַרייַן, קרייַד צום מעל, זאַמד צום צוקער, צייַלט, רעכנט פאַרמוחט, פאַלשעוועט, וועגט, שיט־איבער, בינדט צו די זעקלעך, באַשפּריצט די ברייטע האַרבע טיטון־בלעטער מיט וואַסער פונם מויל און זייַנע אויגן לייַכטן פאַרקלערט, אַרייַנגעטון אין פריידיקער גליק־ברענגענדיקער אַרבעט.

א לייַכט, שטיל־ציטערדיק קלאַפּן אין פענצטער, פאַרזיכטיק און הויל, ווי אַ פייגעלע וואָלט אַ פאַרפל געטון דאָרט מיט אַ פיסל. סענדער האָט אויפגעקייַטלט די טיר און צוויי יידן, שוואַרצע, שווערע, מיט אייַז־צעפּלעך אין די בערד, די קוטשמעס טיף אָנגערוקט איבער די אויגן, זענען שטיל, געהיימנישפול אַרייַנגעשלייַכט אין שטוב אַרייַן מיט ווייַטער שווערער נאַכט אין זייערע האַרטע טוזליקעס, אונטערגעבונדענע מיט שטריק:

— גוּ באָוונט...

— גוט יאָר...

חיפל אָסטו, סענדער? — האָט דער קלענערער אַ שטאָרקע געטון מיטן בייַטש־שטעקעלע אין זאַק אַרייַן.

— צוואַנציק קילאָ...

— גוּ און וואָס הערט זעך עפּעס מיטן זעקל זאַלץ?

— וואס גייטעך אָן זאַלץ... עך פאַרקויף נישט קיין זאַלץ... וואָס׳, כ׳האָב נישט קיין צייט... ס׳מאָנט מעך עסן... לאָזיס ליגן באַ מיר... ס׳ברענט עפּעס...

סענדער ווינקט מיט אַ האַלב אייגל, די הענט כּרייט באַלעבאַטיש אין די קעשענעס, דאָס קאַפּעלושל אָנגערוקט. ער ווייסט שוין, וואָס ר׳האָט צו טון. ער איז געשטאַנען נעבן די צוויי סוחרים, קלענער פון זיי ביידע, און אַלע דריי פּלייצעס זענען געווען אָנגעבויגן, האַרט, ברייט, פאַרזיכערט מיט כּוח און לעבן אויף דורות.

מ׳האָט זיך שטיל געסודעט, געדונגען, געווערטלט, געציילט געלט גיך — איינס און צוויי, פון איין האַרטער קאַלטער צעטראַסקעטער האַנט אין דער אנדערער.

— אַ גוטע נאַכט...

— אַ גוט יאָר, גייט געזונטערהייט...

און צוויי אָנגעבויגענע ברייטע, שווערע, שוואַרצע געשטאַלטן מיט זעק אויף די פּלייצעס זענען אַראָפּגעגאַנגען מישן בערגל אין דער ליידיקער קאַלטער ווייטער גראָלעכער גאַכט אַריין, סקריפּנדיק האַרט מיט די שטיוול אין ברענענדיקן פראָסט אַריין.

אין שטוב איז ווידער שטיל געוואָרן. דאָס שאָטן-פּלעמ׳, האָט געציטערט, געצאַנקט, געצויגן זיך שוואַרצלעך אין סטעליע-ווינקל ווי אַ לעבעדיק שלענגל. סענדער האָט זיך נאָך לאַנג געפּאָרעט, געבאָברעט זיך באַ זיינע זעקלעך, געזוכט צווישן די טעפּ, געקייעט, געציילט געלט און איינ-געבונדן די טונקעלע צעפּליקטע פּאַפּירלעך אין דער הגדה אַריין. דערנאָך האָט ער אַראָפּגעוואָרפן די שטיול פון די פיס, זיך אויסגעטון און אַרונ-טערגעקראָכן אין ווינקל הינטערן אויוון צווישן די שמאַטעס אויף זיין געלעגער, איינגענאָרעט זיך און תיכף געכראָפּעט מיט אַ הויכן געזונטן כראָפּ, אונטערפּייפנדיק דורך דער נאָז: דרינדזש... דרינדזש...

— קינדער, ווי איז מיר... איר הערט?... קינדער... סענדער...

די מאַמע האָט זיך אויפגעכאַפּט די ערשטע, דער טאַטע האָט אַ קרעכץ געטון, אַראָפּגעשפּיגן שטיל אין דער פינצטער פונם בעט אַראָפּ. ס׳איז געווען אַן אַנדער קלאַפּן. נישט דאָס פריערדיקע אין די פאַרקאָוועטע שייבלעך, אַ פינצטערס איז דאָס געווען, אַ שלעכטס-אָנזאָגענדיקס, דאָס

לשון פון דער שרעק. שטיל, מיט נישט באַגרייפלעכער גיכקייט, ווי אַ קאַץ פונם בוידעם, איז סענדער אַראָפּגעשפּרונגען, געשטאַנען אין די גאַטשעס באַ זיינע זעק און אויפגערוימט: אַ זעקל דער מאַמען צוקאָפּנס, אַ זעקל דעם טאַטן צוקאָפּנס אונטערן קישן, אונטערן שטרוי און ער איז צוריק אַרונטער אויף זיין געלעגער הינטערן אויוון, איינגעדרייט אין די שמאַטעס איבערן קאָפּ און געהערט פון דאָרט מיט אַ וואַך אויער, שאַרף, שאַרף אָנגעשטרענגט.

— וויטוואָריט, דאָ טשאָרטו!

ווי פון אַ טיפן גרוב איז געקומען דאָס קול, הייזעריק און רוי, איינגעשמירט אין אַ טונקעלן בלוט-פלעק פון הפקרות.

— יאָסל, גיי דו עפענען...

יאָסל איז פּאַוואָליע אַרויסגעקראָכן פונם טאַטנס בעט. ער האָט אריינגעשטעקט זיינע גרויסע טרוקענע צעפּלעטשטע פיס אין די ליידיקע קאַלטע שטיוול און געגאַנגען עפענען די טיר.

זיי זענען געווען דריי, אָנגעטון האַלב זעלנעריש און האַלב געוויינלעך גויאיש, אין זייערע שווערע אונטערגעבונדענע קאָזשוכעס, וואָס האָבן געאָטעמט מיטן נאַכטלעכן ברענענדיקן פראָסט פונם גאַנצן מוראדיקן ווינטער. די אויפגעשטעלטע שפּיצן פון די ביקסן אויף די אַקסלען האָבן אונטערגעשפּאַרט די סטעליע, דראָענדיק זי דורכצושטעכן.

יאָסל האָט אָנגעצונדן דאָס שטיקל ליכט אין ליימל, אויסגעטאָן די שטיוול און איז צוריקגעקראָכן אין בעט אַריין.

— א—אַאַ... האָט ער זיך געקוויקט, דערפילנדיק די פייכטע וואַרעמקייט אונטערן איבערבעט.

גערעדט האָט די מאַמע. ס'זענען געווען באַקאַנטע שקצים פון ראָזוביגע. די מאַמע האָט זיי געקענט: סעמקעלעס שייגעץ, פּעטריס שייגעץ און יאַוודאָכעס שייגעץ.

— וואָס ווילט איר האָבן, גוטע מענטשן... אין שטוב איז נישטאָ גאָרנישט... קיין שום סחורה... כ'לעבן נישט... גייט אַהיים שלאָפן... ייִנגלעך גוטע, ס'איז שוין שפּעט אין דער נאַכט...

אין דער קאַלטער האַלב-טונקלקייט איז דאָס שטיבל געווען אָנגעפּולט מיט ביקסן, שפּיזן, קאַלטע פּעלצן, גויעשע הייזעריקע רייד און שרעק. הענט, רויע רוצחיש-קאַלטע, האָבן אַרומגעטאַפּט אין די ווינקלעך, גע-

וואָרפן וואָס ס'איז אונטער זיי געקומען... אַרויסגעשלעפּט אַ זעקל זאַלץ באַ דער מאַמען צופיסנס פון בעט... רויע שרעקיקע גראָבע קולות:

— זשידע פּאַרכאַטי! אַ דיע סענדער?... וואו איז ערגעץ סענדער?... סענדער דאַקס!...

— סענדער? סענדער איז נישטאָ אין דער היים... וואָס פאַר אַ סענדער? באַ אונדז איז נישטאָ קיין סענדער... וועלכער סענדער... אַ ווייטיק איז מיר, מנחם... קינדער...

שמאַטעס זענען געפלויגן פונעם אויוון-ווינקל, און דער מאַמעס פּנים איז געוועז בלויז אויסגעדרייט.

— און ווער איז דער? העי, שטיי נאָר אויף, זשידאָק פּאַרשאָלטענער... גיכער, גיכער... שלעפּט אים אַראָפּ... האַלט'ס אים... נעמטס אים...

שוויינגנדיק, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ האָט סענדער פּאַוואָליע אָנגעטון די הויזן, די שטיוול, פאַרשנאַלט דעם רימענט אויף די הויזן.

דער טאַטע האָט זיך איבערגעבויגן איבערן בעט-קאַנט, הויך אַ שפּיי געטון:

— ה—ע—כ—ע—פ—ר—י... קהיי—...— כ'האָב געזאָגט מ'זאָל פּאַרקנין האָבען געזאָגט...

אַ שווערער האַרטער גויעשער קולאַק האָט זיך מיט אַ שטומפּיקן קנאַק אַראָפּגעלאָזט סענדערן אין קאַרק:

— גיכער, זשידאָק... קום...

יאָסל האָט זיך איבערגעדרייט אין בעט מיט אַ סקריפּ.

— העי... דו... שלאָג נאָר נישט, זאָג עך דיר... וואָס שלאָגסטו עפּעס... סענדער האָט אַ הייב געטון די הויזן, אָנגעבויגן דעם אַקסל פון דער זייט. אַ צווייטער קולאַק האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין קאַרק, הינטער-ווײַלעכטס.

— גיכער, זשידאָק... נעמטס אים...

די ביקסן זענען שוין נישט געהאָנגען אויפן אַקסל. ווי לייכטע דינע שטעקעלעך האָבן זיי זיך געהאַלטן אין די שווערע רוצחישע הענט.

דער טאַטע האָט זיך אויפגעזעצט אין בעט, די מאַמע אויך.

— כ'נעם שרייען געוואַלט... ווי איז מיר, מנחם... גאָטעניו...

אַ טיפער ביטערער קרעכץ פון טאַטע-מאַמעס האַרץ אַרויס, און ס'איז שטיל געוואָרן.

דאָס שטיבל איז געוואָרן ליידיק — צוויי מאָל אַזוי גרויס; די רויע פּוסטע קעלט האָט זיך צעשפּרייט, אויסגעצויגן אין אײַנגעהאַלטענעם שווײַגעניש, ווי אין אַ שטוב, פון וואַנען מ'האָט אַרויסגעטראָגן אַ מת.

דער שאָטן פונם ליכטל אין ליימל האָט צאַנקנדיק געבויגן זיך, געטאַנצט שוואַרץ, ווי אַ קליין שלענגל אויף דער וואַנט. יאָסל האָט שוין געהערט די שווערע רויע סקריפּענדיקע טריט פאַרגיין אַראָפּ אונטערן בערגל. אין אַלקער האָט אַ שטשור הויך געכליפּעטשעט פונם פּאָמעשאַף.

— אוי—וויי איז מיר... גאָטעניו... פּרנסות הײַנטיקע... וואו האָבן זיי אים אַוועקגעשלעפּט, וואו... מנחם...

די מאַמע און דער טאַטע זענען געזעסן אין בעט אײַנגעבויגן מיט געשפּיצטע וואַכע אויערן, פאַרגליווערט אין שטומער אָנגעשטרענגטער פאַרשטאַרטקייט, ווי אויסגעהאַקטע פון שטיין.

— ווער איז דאָרט... — כטאָ טאַם?... מנחם, יאָסל, עמיצער פּאָרעט זיך אין הויז... סענדער, ס'איז דו?.. נאַ דיר אַ נאַכט... גאָטעניו...

ס'איז געווען סענדער. ער איז צוריקגעקומען. האָט פאַרקייטלט די הויזטיר, אַרײַנגעקומען אין שטוב אַרײַן און שווײַגנדיק זיך גענומען אויסטון.

— בראַנדיק זאָלן זיי ווערן, די כּלבים—האָט ער געזאָגט. דער טאַטע האָט געוואָלט פרעגן וואָס די מעשה האָט אָפּגעקאָסט... וואו דאָס זעקל זאַלץ איז... אָבער ער האָט נישט געוואַגט. ער האָט געוואוסט, אַז סענדער וועט נישט ענטפערן. סענדער האָט גיך אַראָפּגעוואָרפן די שטיוול פון די פיס. מ'האָט דערקענט, אַז ער אײַלט זיך. ער האָט פאַרלאָשן דאָס ליכטל אין ליימל און אַרונטערוקנדיק זיך צווישן די שמאַטעס אונטערן אויוון, האָט ער געזאָגט:

— מאַמע... הערסט, מאַמע... זאָלסט מעך אויפוועקן פאַרטאָג.. כ'דאַרף ערגעץ אַוועקגיין... הערסט, מאַמע...

# IV

אברָאך זאָל איך האָבן נאָך אייך אַ גיכן, ממזרים... קינדערלעך מיינע... וואו האָט איר איבערגעלאָזט נ'טאַטן...

די מומע זלאַטע איז געשטאַנען אויפן בערגל ביז צו די קני פאַרגריזנעט אין שניי, די שמאַטיקע פאַרשטאַרטע בלאָע הענט אויסגעשטרעקט און אינגאַנצן פאַרשיט, פאַרווייט פול מיט דינע פיינע שניי-גרייפּלעך. האָט זי אויסגעזען ווי איבערגעדעקט מיט אַ ווייס לייַלעך. אירע צעיאַטערטע, רויטע אויגן-ברעגעס אָן ברעמען האָבן געפינטלט פון קעלט און זי האָט געשריגן אַלעמאָל אויפסניי, דערמאָנענדיק זיך, מיט אַ נייעם פלוצימדיקן קוויטש:

— מאָטיע, וואו ביסטו, מאָטיע. . אָף ווען אָסטו מעך איבערגעל—אָ—אָ—אָ—זט... מאָט—י—ע—ע...

און זי איז שטיל געבליבן. פאַרגעסן אין דעם ערשט-באַר-וואָסידיקן קוויטש, האָט זי ווידער שווער געשלעפּט די שטיוול פונם שניי, געהוידעט זיך אויף איין אָרט, געשטויסן איין קני אָן דער אַנדערער און געהויכט אין די בלאָע פאַרשטאַרטע הענט מיט אַ נאָכהענגענדיק טראָפּעלע אויף דער שפּיץ בלאָער נאָז.

די מומע זלאַטע מיט די קינדער זענען ערשט אַצינד אַהיימגעקומען פון די באַראַקן. דאָרט, אין דעם זומפּיקן טאָל אין אונגאַרן, וואו די דאָרטיקע יידן, מיט זאַטע, ברייטע פעטע בערד און פלאַכע סאַמעטענע ברייטע קאַפּעלושן ווי שוואַרצע שיסלען אויף די קעפּ, שעמען זיך מיט זייערע אָרעמע „פּוילישע” ברידער און שעלטן זיי אויף אַ זאַטן פרעמדן לשון פאַר זייער נישט פרומקייט. דאָרט, אויף זייער הייליקן אָרט, איז דער פעטער מאָטיע איבערגעבליבן אינאיינעם מיט נאָך אַ סך יידן פון די באַראַקן, אָפּגעשיידט באַם פלויט, אָן אַ מצבה. די מומע זלאַטע האָט איצט מיטן עלטסטן יינגל אירן, מיט בערעלען, אַראָפּגעטראָגן די שאַפּע פונם וועגעלע און זי אַריינגעשטעלט אין דער האַלב-איינגעפאַלענער חרובער שטוב אָן פענצטער, די גרויסע שווערע דעמבענע שאַפּע, וואָס דער פעטער מאָטיע האָט נישט געוואָלט מיטנעמען באַם אַנטלויפן דעמאָלט פון ראָזבינע.

— וואָס טויג מיר שאַפּעס... — האָט ער געזאָגט, אויפהייבנדיק אַ ביסל דאָס קליינע איינגעשפּאַרטע קויטיקע בערדל זיינס אין דער לופטן:
— עך דאַרף שאַפּעס, דאַרף עך? עך דאַרף נישט קיין שאַפּעס און געבוג...
— עקשן — האָט געטענהט די מומע זלאַטע, — דו עקשן... וואָס הייסט דו ווילסט איבערלאָזן די שאַפּע... אַ נייע שאַפּע... אַ דעמבענע...
אָבער דער פעטער מאָטיע האָט זיך איינגעשפּאַרט:
— אַז עך וויל מעך נישט שלעפּן מיט קיין שאַפּעס... וואָס זשע קומט מיר דערפאַר, האַ?... און ער איז געשטאַנען מיטן בייטשל אין דער האַנט בשעת ראַזבינער יידן זענען אַנטלאָפן, געפליכטעט פאַר די קאָזאַקן אין איילנדיקן אונטערטראָגנדיקן שרעק, וואָס מאַכט הייזעריק דאָס קול, ווייסט אָפּ דאָס פּנים ווי מיט קאַלך.
אין דער קילער טונקל-פּאַרגליווערטער הערבסט-לופט האָבן שוין טויב געדוגערט די נאַקטע שיסערייען אַלע מאָל נענטער. די הייזלעך האָבן זיך געטרעסעט, די לעצטע רויטע בלעטלעך אויף די ליידיקעביימלעך האָבן געציטערט און פראַנץ-יאָזעפס לעצטע זעלנער האָבן זיך געשלעפּט צוריק-צווועגס, אויבן אויפן שטראָז, צעפליקטע, הינקנדיקע, אויסגעמערגלטע, מיט פאַרבונדענע קעפּ, וואו ס'האָט זיך דורך דער לייוונט געזען אַ רויטער בלוט-פלעק. זיי האָבן אונטערגעשטופּט די אייזערנע פעלד-קעסלען, אַנטלויפנדיק פאַרן שונא, געשאָלטן און געקרעכצט און געפאַלן טויט באַ די זייטן וועג.
אָנגעלאָדענע זענען געפלויגן די יידישע פורלעך מיט בינטן בעבעכעס' קופּערטעס, איבערגעקערטע בענקלעך מיט די פיסלעך אַרויף, וואָס צווישן זיי זענען געזעסן אין געהאַקטע וואונדן אָנגעפּעלצטע ווייבער, די שבת-דיקע פאַטשיילעס אויף די קעפּ. קינדער פאַרבינדענע, פאַרקעמטע מיידלעך. די פורלעך זענען געלאָפן, געהוידעט זיך, אונטערגעהאָצקעט, גע, סקריפּעט, איבעריאָגנדיק זיך איינס דאָס אַנדערע. יידן האָבן זיך געאיילט-געהאַקט מיט די בייטש-שטעקנעס אין טרוקענע טענצלדיקע פערדישע פיסלעך, און אין די פלייצעס האָט מען שוין געפילט דעם מערדערישן שאָטן פון די לאַנגע קאָזאַקישע פּיקעס. און פאַרשפּיצטע דערשראָקענע יידישע בערד האָבן זיך אויסגעצויגן הייזעריקלעך געשריגן:
הייטאַ—אַ—וויע—ע—ע...

דער פעטער מאָטיע איז געווען דער לעצטער. דאָס פּורל זיינס איז גע־שטאַנען אָנגעלאָדן מיט די בעבעכעס, די בענקלעך מיט די זיצנדיקע קינ־דער צווישן זיי און ער האָט זיך נישט געאיילט, דער פעטער מאָטיע. גע־דרייט זיך פּאַוואָליע אַהין און אַהער, איינגעפּאַקט נאָכאַמאָל דעם זייגער מיט די וואָגן אין אַ זעקל און אַריינגעשטופּט אים באַדעכטיק צווישן בעטגעוואַנט, צוגעבונדן נאָכאַמאָל דעם בעזעם צו דער דראַבינע, פעסט מיט אַ גראָבן שטריק, נאָר די שאַפּע האָט ער נישט געוואָלט מיט־נעמען:

— עך שלעפּ מען נישט מיט קיין שאַפּעס...—האָט ער געזאָגט און די מו־מע זלאַטע האָט מיט בערלען אַליין געשלעפּט אויפן פורל אַרויף די שאַ־פּע. דער פעטער מאָטיע איז געשטאַנען און געקוקט. ער האָט נישט גע־וואָלט זיך אַ ריר טון, העלפן, צולייגן די האַנט, ווען מען צעשניידט אים אויף שטיקלעך, ווען מ׳קוילעט אים שוין דאָ אויפן אָרט. אַז ער האָט גע־זאָגט איינמאָל ניין — איז ניין.

— עקשן... מערדער... — האָט געזאָגט די מומע זלאַטע.

— דו עקשן...

געווען אַן איינגעשפּאַרטער ייד, דער פעטער מאָטיע, זאָל ער אונדז מוחל זיין, ליב געהאַט צו טון יענעם אויף צו להכעיס. איינגעשפּאַרט זיך און דוקא נישט געוואָלט אַרויסגיין פון די באַראַקן זיך לופטערן, ווען ס׳איז אויסגע־בראָכן דאָרט דער אונטערגאַנג, דער טיפוס. גאָרנישט שווער איז אָנגעקו־מען דעם מלאך־המות זיך אַריינצוכאַפּן צווישן די דינע, קלעביק ־ פעטע, צעשפּאָלטענע, ברעטערנע באַראַקן־ווענטלעך. ער האָט געקאַפּעט, דער טויט, פון דער נאַסער, שימליקער סטעליע, געפילט זיך פון דעם פאַר־פוילטן שטרוי אויף דער זומפּיקער ערד, געפּרוכפּערט זיך אין די קאַר־גע, רויע, שיטערע, קוקעריזע־יושקעס, וואָס מ׳האָט זיך געגן זיי אויס־געריסן די אויגן איינס באַ ס׳אַנדערע און זיינע שליחים, די לייז, שוואַר־צע, גרויסע און פעטע, האָבן אים פּאַוואָליע, פויל און זיכער טויזנט־פאַך צעטראָגן, איינגעגעבן זיין גיפטיקן זאָמען אין די קויטיקע צעפליקטע אויסגע־מערגלטע לייבער אַריין, צונויפגעקוועטשטע איינס אין ס׳אַנדערע ווי הערינג אין אַ פאַס. מ׳האָט געמוזט אַרויסגיין אין דרויסן אַרויס, ווייט אַראָפּ אין זומפּיקן טאָל אַריין אויפן גרינעם פייכטן מאָך זיך לופטערן. באַ־וואַקסענע יידן מיט די פאַרפּאַפּטע קויטיקע בערד, אָפּגעשיילטע, אויס־

געמאָגערטע ווייבער, ווי אַלטע, אויסגעהוילטע זויערע אוגערקעס, אָפּג שליסענע בלאַסע קינדער, גרין פון וונ:ער, הויט און ביין האָבן זיך געשטופּט אַלע אינאיינעם, איינס איבער ס'אַנדערע, מ'האָט געטראָגן קעסטעך, זעק, שמאַטעס, צעשיטע שטרוי-זעק, קויטיק-שוואַרצע קישנס און איבערבעטן אויף די קעפּ, אויף די פּלייצעס, געטרעטן אויף די שטאַרבנדיקע, אויף די מתים. די געשרייען און די קללות, קינדער-געוויין, מיידלשע געלעכטערס, דאָס קוויטשיקע קריגן זיך פון די יידענעס האָט געדיכט, ווי אַ טויבע, שווערע כמאַרע, געשוועבט איבער די קעפּ פון דער צונויפגעדריקטער, ציענדיקער, קויטיקער קופּע מענטשן, ווי אַ מחנה אויסגעשטויסענע, פאַרשאָלטענע, קרעציקע, מיטן טויט אין די לייבער, וואָס האָבן געצויגן אַראָפּ, אַראָפּ אין טאָל אַריין זיך לופטערן.

די מתים האָט מען אַלע מאָל שטום אויפגעקליבן פון דער ערד, אַוועקגעטראָגן זיי פון די באַראַקן אויפן נאָענטן פרעמדן גוטן אָרט. און די פרישע בערגלעך זענען דאָרט געוואַקסן איבער נאַכט, אַלע שעה. די קראַנקע האָבן מורא געהאַט צו קרעכצן. מען האָט זיי איבערגעדעקט די שוואַרצע פּנימער מיט זעק און צווישן זיי, די פינצטערע, שרעקיקע בערגלעך אויף דער ערד, איז געלעגן איינער אַליין דער פעטער מאָטיע אין די גאַטשעס און ער האָט אַריינגעקוקט אין קויטיקן צעשיטן „עין-יעקב“ אַריין.

— עקשן... וואָס גייסטו נישט אַרויס פון דאַנען, דו עקשן... האָט די מומע זלאַטע גערעדט, אָבער ס'איז געווען אומזיסט. אַז דער פעטער מאָטיע האָט זיך איינמאָל איינגעשפּאַרט: ניין — איז ניין!

— גיי... עך האַלט דעך צו?... דו, אַז דו ווילסט גיין, גיי... עך וויל נישט גיין, גיי עך נישט... און ער איז נישט געגאַנגען זיך לופטערן, דער פעטער מאָטיע, ביז מ'האָט אים אויפגעקליבן פון דער ערד און אַרויסגעטראָגן אַראָפּ אין זומפּיקן טאָל, אויפן פרעמדן „גוטן-אָרט“.

אַצינד איז די מומע זלאַטע אַליין אַהיימגעקומען מיט די קינדער און בערל, דאָס עלטערע יינגל, האָט אויסגערוימט די חורבה. בערל איז אויסגעוואַקסן אין די לעצטע צוויי-דריי יאָר, געוואָרן אַ לאַנגער געזונטער יונג מיט אַ פּאָר לאַנגע פעסטע ידים, וואָס האָבן אַרויסגעשטעקט ווי דאַרע צווייגן פון זיינע צו-קורצע צעפליקטע אַרבל. ער איז געשטאַנען מיטן ריסקאָל, אַ שפּיי-געטאָן אין איין האַנט אַריין, דערנאָך אין דער אַנ-

דערער און ארויסגעוואָרפן דעם שניי פון דער איינגעפאַלענער שטוב. און ווען די מאַמע האָט אַלעמאָל פאַרגעסנדיק פון פריער אַ געשריי־געטון:

— מאָטיע... מאָטיע, וואו ביסטו, וואו?... ממזרים, וואו האָט איר איבער־געלאָזט נ׳טאַטן... — האָט בערל פאַוואָליע זיך אומגעקוקט, געזעען, אַז די ברידערלעך מיט די שוועסטערלעך זייבע זענען בישטאַ, זענען שוין דאָרט באַם פעטער מנחם אין שטוב, האָט ער אַ שפיי־געטאָן אין די הענט און געזאָגט צו דער מאַמען:

— מאַמע... דו שרייסט, מאַמע... שריי, שריי... כ׳לעבן, פאַרוואָס שרייכטו נישט אַביסל... — און ער האָט ווייטער געאַרבעט, נישט אומקוקנדיק זיך צו דער מאַמען. געשקראָבעט דעם אָנגעפרוירענעם שניי מיטן ריסקאָל און אים געוואָרפן מיט כוח אין דרויסן אַרויס, געווישט די נאָז מיטן אַרבל, געשפיגן אין די הענט און זיך געאיילט אונטערצושטעלן די סטעליע מיט אַ דרענגל, צורעכט מאַכן דעם אויוון, פאַרשלאָגן די פענצ־טער מיט ברעטלעך, צעהאַקן אַ שטיקל האָלץ און אַוועקגיין באַנאַכט קיין קאָזלעוו האַנדלען אַ ביסל סחורה. זיין געשוועסטערקינד, יאָסל דעם פעטער מנהמס, איז אַלעמאָל צוגעקומען, געשטאַנען מיטן היטל גראָפּ־גערוקט איבער די אויערן, די הענט אין די קעשענעס, געקוקט ווי בערל אַרבעט און גערעדט:

— עך וואָלט היינט נישט געקויפט קיין פייער־שטיינדלעך, וואָלט עך נישט געקויפט, ווען מ׳צאָלט מיר צו... זעסטו, מיט אַ זעקל סמערדזיוק 1) וואָלט עך מעך נישט געוואָרפן...

— איגען...2) האָט בערל געענטפערט טוענדיק ווייטער זיין אַרבעט און נישט אומקוקנדיק זיך צו יענעם. אומבאַוואוסט האָט ער אַרייַנגעפלאָכטן די פרעמדע אוּנגאַרישע ווערטער אין זיין לשון:

— איגען... — האָט ער אַלע מאָל געזאָגט: — איגען.

יאָסל איז אַהיימגעגאַנגען. אין שטוב איז היינט געווען קעלטער ווי תּמיד. די מאַמע האָט נישט איינגעהייצט. די מומע זלאטעס קינדער, יינגלעך און מיידלעך מיט פאַרבונדענע קעפּלעך, מיט רויטער נעץ פון קעלט

1) ביליקער רוסישער טוטון.

2) יאָ.

אונטער די נעזלעך, זענען געשטאַנען אין שטוב אַלע אויף איין קופּע מיט פאַרבלאָטע, פאַרשטאַרטע הענטלעך און שטום, מיט זשעדנע הונ־געריקע אייגלעך געקוקט צום פעטער מנחם אין בעט אַריין, ווי ער עסט פונם טעפל, טשמאָטשקעט אַ ביין. דער פעטער מנחם האָט געפּילט זייער בליק און זיך טיפער געבויגן איבערן טעפל.

— ווי אַזוי וועט זי וואוינען דאָרט אין דעם איינגעפאַלענעם לאָך, די אָרעמע אלמנה מיט די פּיצלעך ווערעם... די יתומים... ווייי איז מיר אין הארץ... — האָט די מאמע געריעדט אלע מאָל פון דער זייט, אַ קוק־טוענדיק מיט רחמנות אויף דער קופּע שווייגנדיקע הונגעריקע קינדער.

— וואָס גייטעך אָן... וואָס ווילסטו עפּעס פאַרזאָרגן די גאַנצע וועלט וואָס... האַ?... דו פאַרזאָרג בעסער פריער דעך, דערנאָך יענעם... — האָט יאָסל געענטפערט דער מאַמען.

ער איז געווען בייז, יאָסל, זיין לאַנגע טרוקענע נאָז איז געווען אַ ביסל אויסגעקרומט. פון אינדערפרי אָן האָט ער געהאַלטן אין איין טענהן, אַ ער וויל זיך אַריבערכאַפּן קיין קאָזלעוו און אהיימברענגען אַ ביסל סחורהןז

— וואָסי, בערל מעג גיין קיין קאָזלעוו און ער נישט?... אַזאַ וואוילער יונג ווי בערל איז ער נאָך אויך...

דער טאַטע האָט זיך געקווענקלט, נישט געוואָלט ארויסנעמען דאָס ביי־טעלע מיטן געלט פון אונטערן קישן. די מאַמע האָט שוין נאָך איידער עפּעס איז אָנגעהויבן יאַדען מיט די בלאַע ליידיקע יאָסלעס:

— אַ נייער סוחר אויף מיין קאָפּ... ר'עט שוין איינהאַנדלען די רעכטע סחורה... מ'עט דען נישט צונעמען באַ אייך אַלצדינג?... אויך מיר אַ לייט, יאָסל פּאַרך... גייט ארויסוואַרפן דאָס ביסל אָרעמקייט אין דער בלאָ־טע אַריין... מ'עט באַ אים צונעמען די סחורה און נאָך אָנהרגענען ער־געץ...

דער טאַטע האָט געשוויגן. ער האָט געשמייכלט מיט אַ פאַרמאַכט מויל, אַנגעבויגן אין דער קראַנקער קויטיקער באָרד אַריין מיט זיין האַלבן שטעכיקן שמייכעלע און אויסציילנדיק יאָסלען דאָס ביסל געלט פונם בייטעלע, האָט ער געזאָגט:

— נאַ, יאָסעלע... נאַ... אָט אָסטו... נאַ... נאַ...

יאָסל האָט דאָס געלט איינגעניייט אין לייבצודעקל, אַראָפּגערוקט די קוטשמע איבער די אויערן, אונטערגעבונדן דעם טוזליק מיט אַ שטריק און ער איז אוועקגעגאַנגען אין דער קנאַקעדיקער ווייסער פראָסטיקער נאַכט אַריין.

סענדער איז אויך נישט געווען אין דער היים. און דער ייד מיט דער יידענע האָבן מאָרגן פון גאַנץ פרי אָן געשוויגן, נישט גערעדט אַ וואָרט. דער קראַנקער איז אַלעמאָל אַראָפּגעקראָכן פונם בעט, אַריינגעשטעקט די טרוקענע קנעכערנע באַוואַקסענע פיס אין די קאַלטע שטיוול, געכאַפּט אַ קוק אין בלינדן, מיט שנייאיקן פראָסט אָנגעוואַקסענעם טונקעלן פענצטער און ער איז צוריק דערנאָך אַריינגעקראָכן אין בעט אַריין, געהוסט און שטום געבליבן זיצן, די פלייצע אָנגעבויגן, דאָס היטל קרומלעך אָנגערוקט אויפן קאַרק.

מיכאַלקע כרישטש איז אַריינגעקומען אין שטוב אַריין, אָפּגעקלאַפּט די שטיוול פונם שניי און געריבן איין האַנט אין דער אַנדערער. דאָס קליינע איינגעדאַרטע גויטעכל האָט געשאָקלט זיינע לאַנגע פאַרפּאַפּטע קודלעס, געהויבן אַן ז.ויסגעקראָכענע וואָנצע מיט דער נאָז און זיינע קליינע פאַרזונקענע אייגעלעך האָבן שטעכיק בייז אַרומגעקוקט אין שטוב, באַהאַלטן אין זיך אַ שלעכטן אָפּענעם סוד. מיכאַלקע כרישטש פלעגט זיך אַרומדרייען תמיד אין יידישע שטיבער, ברענגען וואַסער, צעהאַקן אַ שטיקל האָלץ און אַראָפּנעמען די לייכטער שבת, דערפאַר האָבן אים יידענעס אין ראָזבינע באַצאָלט אַ גרייצער און אונטערגעשטופּט אַ קאָרזשיק. גע עכטיקט האָט מיכאַלקע אין באָד. אין די פריערדיקע יאָרן פלעגט ער באַ דער מנחמקע ז.מאָל זיין אַ קונה אויף אַ טעפל קאַווע פאַר אַ גרייצער. די יידענע פלעגט אים אָנגיסן פול מיטן אויג אַ גרויסן שוואַרצן טאָפּ קאַווע פון אירער און דער גוי האָט אויסגעטון דעם קאַפּעלוש, געצלמט זיך, געשלעפּט האַרט, שוואַרץ ראַזעווע ברויט פון דער פאַזוכע, געטונקען באַדעכטיק, פּאַוואָליע, געקייעט, געכלעפּטשעט הויך מיט גוישער הנאה און דערנאָך געזאָגט:

— מענעכעמקאַ דאָלייטע... דאָלייטע שע טראָכע...

די מנחמקע האָט אַריינגעגאָסן אַ ביסל וואַסער אין סאַמאָוואַר אריין, געשווענקט אים און דערגאָסן דאָס שוואַרצע ציקאָריע־וואַסער דעם גוי אין טעפל אַריין.

דער גוי האָט געכלעפּטשעט, געדרייט זיין שטומפּיקע נאָז, אָנגעפּוילט מיט גרינע האָר, פאַרפּאַפּטע פון טאַבאַקע און געזאָגט:

— ס׳איז ביטער... כ׳לעבן ס׳איז ביטער...

— מישיי... מישיי... מיש נאָר גוט אויס... ס׳וועט שוין זיין זיס... מיש...— האָט די יידענע געזאָגט.

דער גוי האָט געמישט מיטן גרויסן הילצערנעם לעפל, געמישט, געמישט אין דער געדיכטער ביטערער שוואַרצקייט, ווייטער געכלעפּטשעט און ווי־דער געהייסן דערגיסן דאָס טעפל, ווידער פאַרדרייט די נאָז און געטענהט זיינס:

— ס׳איז ביטער...

— מישיי... מישיי... — האָט געזאָגט די יידענע.

— מישיי...

אַצינד איז אויף מיכאַלקען געוועזן א בעזהאַלאָוויע. ער האָט זיך גע־דרייט איינער אַליין אין ראָזבינע צווישן די פאַרשנייעטע חורבות, געקילט זיך, געטראָגן דעם שניי מיט זיינע צעפליקטע גרויסע צעדרייטע שטיוול אין יידישע שטיבער אריין, געדרייט זיך ווי א שמש אין דער גמינע צווישן די רייכע, ברייטע גאָספּאָדאַרעס, געגאַנגען צו רחלען אין שענק אַריין, צו יאַבלאָנסקין אין געוועלבל אריין, אונטערגעשטעלט אַן אויער און געכאַפּט אין דעם רויכיקן שטינקיקן געזעמל אומקלאָרע האַלבע רייד, צעבולבעטע אין די מיילער פון די שכורע רוטענישע גוים און זעלנער, וואָס האָבן געפירט מלחמה מיט די פּאָליאַקן דאָ אין גאַליציע, געגעסן מער ווי תּמיד וייסן געזאַלצענעם חזיר און זיך געקהלט מיט זייער פּאָליטיקע, מיט זייער מלוכה, מיט די גרענעצן און מיט דעם טועכץ, וואָס מ׳דאַרף בעמען טון דאָ אין ראָזבינע... דאָרט, אין אוקראַינע, הערט מען, קוילעט שוין פּעטלורא די זשידעס און דאָ וואָס? מ׳הערט נישט און מ׳זעט נישט... מ׳פאַרשטייט נישט אויף וועו און אויף וואָס מ׳וואַרט דאָ אין ראזבינע... נישטאָ קיין גרענעצן, נישטאָ קיין קייזער, קיין פּריצים, קיין אויסטריאַקעס, אַלץ איז זייערס. מ׳קען טון מיט די יידן וואָס מ׳וויל, און די יידן האָבן דאָס גאַנצע געלט, די יידן... מ׳דאַרף זיי אַלע אויסקוילן... צונעמען אַלצדינג... דאָס גאַנצע געלט...

דער ווייסער געזאַלצערנער חזיר האָט געוואַרעמט אין בויך, געדאָרשט נאָך בראָנפן און געשמעקט מער ווי תּמיד מיט טרפהנער שרעק.

מיכאַלקע איז אַריינגעקומען הייגט אַ ביסל איבערשמועסן מיט דער מנחמקע דעם דאָזיקן ענין. שטומפּיק האָט ער געשקראַבעט מיט די לאַנגע, שוואַרצע, שאַרפע נעגל די לאַנגע פאַרפּאַפּטע קודלעס זיינע, געדרייט די שמומפּיקע נאָז מיט די אָנגעפּולטע גרינע, פאַרפאַפּטע הערעלעך און געגעבן עפּעס אָנצוהערעניש:

— לודע קאַזשטים... מענטשן זאָגן, ס'וועט עפּעס זיין דאָ אין ראַזבינע... ס'וועט זיך עפּעס טון... לעגגער וועט מען נישט וואַרטן... די זשידעס האָבן דאָס גאַנצע געלט... ביִ־המע ניע... כ'לעבן ביין...

די מנחמקע האָט געשפּאָלטן אויף דער שוועל אַ שטיקל גאָס האָלץ מיט דער שטומפּיקער האַק און זי האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דער גוי רעדט. דער קראַנקער ייד אָבער אין בעט האָט זיך אָנגעשטויסן, וואָס יענער מיינט... ר' מנחם האָט געוואוסט, אַז אין טאַרנאָפּאָל און אין זלאָטשעוו האָבן גוים צעריבט די יידישע געוועלבלעך, געשלאָגן יידן און דאָרט ערגעץ ווייט אין רוסלאַנד, הערט מען, קוילעט מען יידן. וואָס טוט זיך עפּעס אויף דער וועלט, וואָס? דער ייד האָט געפילט אַ באַדערפעניש צו רעדן אַ ביסל. ס'איז אים געווען סקוטשנע, אומעטיק. די קינדער זענען נישט געווען אין דער היים, נישט סענדער און נישט יאָסל, זיי זענען ערגעץ געווען, ווייסט דער גוטער יאָר וואו... שטעלן זיך ערגעץ איין דאָס לעבן... און ווי ס'איז דער שטייגער פון די קראַנקע, וואָס ז'אָבן ליב, אַז מ'איז זיי מבקר־חולה, גלייך די געזונטע נעמען באַ זיי דעמאָלט צו אַ ביסל חלאת, איז מנחם געווען אַצינד צופרידן, וואָס מיכאַלקע איז אַריינגעקומען אין שטוב אַריין. ער האָט גערעדט, געטענהט מיט זיין ברייטן, הייזעריקלעכן, שוואַכן קול וועגן גערעכטיקייט און יושר:

— וואָס הייסט עפּעס דאָס? ווער זאָגט, אַז ס'איז נישטאָ קיין קייזער? מ'האָט אויסגעטראַכט אַ ליגן.

— אַז מ'זאָגט, אַז ס'איז נישטאָ — איז נישטאָ... ס'זענען נאָר דאָ אונדזערע... אונדזערע עלטסטע, אונדזערע זעלנער... — האָט מיכאַלקאַ געטענהט זיינס.

— ווי אַזוי?.. עך פאַרשטיי נישט... — האָט דער ייד אונטערגעכאַפּט מיט היץ — לאָמיר נאָר צוריקשמועסן. וואָס הייסט אייערע, אונדזערע... וואָס הייסט עפּעס דאָס, וואָס? ס'איז עפּעס הפקר אַ וועלט, צי וואָס?...

וואָס הייסט עפּעס מ'שלאָגט, מ'הרגעט, מ'רויבט, עך פאַרשטיי נישט..
מ'איז משוגע, צי וואָס?... אונדזערע באַלעבאַטים ווילן עפּעס שלעכטס
טון יידן אין ראָזבינע... נו נו... און ער איז אַנטשוויגן געבליבן.

— אַ קאָווא דע יע, מנחמקאַ...—האָט דער גוי פלוצים אַ זאָג געטאָן דער מנחמקע אין דער פלייצע אַריין.

— קאָווע? וואו האָסטו היינט קאָווע... ווען מ'גיט אַ רענדל פאַר אַ פּי-צל ציקאָריע, איז נישטאָ... נאַדיר גאָר קאָווע... — האָט געענפערט די מנחמקע מיט דער גאַנצער בענקשאַפט נאָך אַביסל וואַרעמס אין דער אומעטיקער רויער שטוב-שטילקייט צווישן אַלטע לייט.

דער גוי האָט אַ ביסל געשוויגן, נאָכגעקלערט, דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— אָט טאַקע וואָ... אָט אַזוינע קליינע שידאַקעס וועט מען אויסקוילן... און ער האָט געוויזן מיט דער האַנט נידעריק צו דער ערד, ווי מען ווייזט געוויינלעך, ווען מ'מיינט קליינע קינדער.

— ע... בע...—האָט געזאָגט דער ייד, בלייך ווערנדיק, און אַ ביסל שוין ברוגזלעך, אַראָפּלאָזנדיק אומגלייביק די שלאַפע האַרטע באָרד:

— בע... וואָס טענהט ער עפּעס וואָס מיטן ערל... אָט מען שוין גע-זען אַזאַ ייד... אָט שוין נישט וואָס צו טון, נאָר זיך אויסטענהן מיט מיכאַלקען... דערטאַפּט מיכאַלקע כרישטש...

די יידינע האָט פון דער זייט אַ קרומען קוק געטון אויף איר מאַן צום בעט-צו און זי האָט ווייטער געהאַקט אין נאַסן קלעצל אַריין מיט דער שטומפּיקער האַק אויף דער שוועל.

מיכאַלקע האָט ווידער געשוויגן, דערנאָך האָט ער געטון אַ ציַ-אויס דאָס קודלאַטע קעפּל זיינס ווי אַ האָן, וואָס איז זיך מכין צום קרייען, צוגע-גאַנגען צום רויכערדיקן קעכל, אַ הייב-געטון די פּאָקרישקע פונם אָרעמען ערדערן טעפּל און אַריינקוקנדיק אַהין מיט אַ פאַרדעכטיק צוגעקוועטשט אייגל, האָט ער געזאָגט:

— נו, און וואָס איז דאָס?... וואָס קאָכסטו עפּעס דאָ, מנחמקע, האַ?.. דאָ אין טאָפּ?...

די יידינע איז אַרויס פון די כלים. ס'האָט זי אַ ברי געטון אין דער

זיבעטער ריפ. די דינע בלאָע ליפּן האָבן געציטערט, די לאַנגע בלאָע נאָז האָט זיך אויפגעצויגן מיט אַ שפּיץ:

— הער נאָר דו, מיכאַלקע כרישטש... וואָס קומסטו עפּעס אַהער, וואָס?... גיי צו די נגידים, גיי... צו חוהלע יאָקלס, צו אברהמטשע פּיק... מיר זענען אָרעמע לייט. נאַ זע, אָט ליגט ער מיר, דער קראַנקער מאַן... ליגט אויפן טויטן בעט... גיי צו די נגידים, גיי... — רעדנדיק האָט די יידינע געעפנט די טיר און געשטופּט דעם גוי אין דער פּלייצע. אַרויס־געשטופּט אים איבער דער שוועל אַרויס:

— אַן אַפּלייזער... אַן אויסלייזער... פאַר מיין קראַנקן מאַן... פאַר מיינע קינדער...

אין שטוב איז שטיל געוואָרן.

אין דער פאַרנאַכטלעכער צונויפגעדריקטער טונקלקייט האָט זיך געפילט ווי די פענצטער וואַקסן אַן גרעבער מיט אייזיקן שניי, דער פראָסט שטאַרקט זיך אויף באַנאַכט.

די מנחמקע האָט נישט אָנגעצונדן דאָס ליכטל אין ליימל. ס'איז אַן עבירה. די קינדער זענען סיי־ווי נישטאָ אין דער היים. דער קראַנקער איז ווידער אַראָפּגעקראָכן פונם בעט, אָנגעשטעקט די קאַלטע שטיוול אויף די טרוקענע אויסגעצערטע פיס, איינגעהילט זיך אין טוזליק און געשטעלט זיך קוקן מיט וואַכע געשפּיצטע אויערן אין אָנגעפרוירענעם בלינדן שייבל אַריין:

— נישטאָ יאָסל...

— מ'זעט נישט קיין יאָסל און מ'הערט נישט קיין יאָסל...

— נישטאָ יאָסל און נישט סענדער... אַ פּרנסה היינטיקע צייטן... אוי, גאָטעניו...

די יידינע איז געזעסן אין דער פינצטער אונטער דער הרובע אין ווינקל, די הענט פאַרלייגט אויפן בויך און זי האָט אַלע מאָל אַ זיפץ־געטון אין דער פאַרשוואָרמענער טונקעלער רויער טרויעריקייט אַריין, וואָס האָט שרעקיק געקילט אין געמיט:

— אוי, גאָטעניו...

און זי האָט געהערט, די יידינע, ווי דער קראַנקער דראַפּעט זיך ערגעץ, גע־הערט, ווי ער קריכט פלוצים אַרויס אין פאָר־הויז, דראַפּעט זיך אויף דער לייטער אויפן בוידעם אַרויף, כראַקעט, קרעכצט און שפּייט, דערנאָך

האָט ער זיך צוריק אַוועקגעשטעלט באַם טונקעלן אָנגעפרוירענעם פענצטער און שטיל־שווייגנדיק געפלאָנטערט, געפלאָנטערט אין דער פינצטער מיט די טרוקענע פאַרפרוירענע טויטע פינגער אַ פאַרפלאָנטערטן פאַרקניפטן בינט אַלטע שטריק...

# V

די אַן איינגעפּאַסטע קיילעכדיקע קאַלט־גלאַנציקע קרישטאָלענע שויב איז די זון געהאָנגען נידעריק איבערן ווייסן גלאַנציקן שניי, שרפה־דיק מיט טרוקענעם שפּיזיקן פראָסט. די ווייסקייט האָט זיך געמינעט, געבלענדט, געציטערט אין די אויגן און דער פראָסט האָט דין און פיין ווי אַ פידעלע געסקריפּעט, געפידלט אונטער סענדערס שוואַרץ־גלאַנציקע שייגע שטיוועלעך, וואָס ער האָט באַזונדערס היינט אין דער פרי שיין אָפּגעפּוצט מיט אַ יונגן פרישן גלאַנץ. סענדער האָט זיך שטאַרק געכוהט אין די דאָזיקע שייגע שטיוועלעך זיינע, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון די זעלנער, צוגעלקחנט ערגעץ באַ אַן אָפיציר. ער האָט זיי אָנגעטון נאָר אין אַ שיינעם טרוקענעם דרויסן, געפּוצט זיי, געבערשט, געווישט די האַרטע כאָלעווקעלעך מיטן אַרבל און געשפּיגלט זיך אין זייער שטענדיקן גלאַנץ, וואָס האָט דאָ אין דער ווייטער פאַרוואָרפנקייט, אין ראָזבינע, אָפּגעשפּיגלט דעם רייכן גלאַנץ פונם שיינעם לעבן אין די ווייטע גרויסע שטעט.

ער איז געגאַנגען פון רחלעס שענק אַהיים, ווי זיין שטייגער איז געווען, אויסגעגלייכט, אויסגעשטרעקט, דאָס גרינגע קאַפּעלושל פאַררוקט אויף אַן אויער, דאָס וואָלינע שאַליקל לויז פאַרוואָרפן אויפן האַלדז, איין שפּיץ דערפון אַריינגעשטעקט אין שנאַל פון זיין מענטעלע אויף דער פּלייצע. די בעקלעך האָבן רויט געפלאַמט אין ליכטיקן פראָסט, די געבויגענע נאָז איז געווען אַ ביסל בלאָלעך באַם שפּיץ און אין מויל־ווינקל האָט נאָכלעסיק געשטעקט אַ ציגאַרל, וואָס מ'האָט נישט געקענט זעען דעם רויך דערפון אין דער בלענדנדער ווייסקייט.

— אַ וואויל יינגל...

— אַ ברכה צו מאַכן איבער אַזאַ יינגל — האָבן נישט פאַרגינען די יידע

נעס אין ראָזבינע... און די דערוואקסענע מיידלעך האָבן אים נאָכגעקוקט מיט גלוסטיקע בליקעלעך:

— סענדערל ממזר...

מ'האָט נאָך אַלץ געזאָגט אין ראָזבינע: סענדערל ממזר. פונקט ווי דעמאָלט ווען ר'איז נאָך געווען אַ קליינער באָרוועסער מאַקאַבונדיק מיט אַ צעבראָכענעם דאַשיק, דאָס פנים אייביק צעדראַפּעט; די קעשענעס פול אָנגעפּאַקט מיט שטיינער, שיינע זאַכן, מעסערלעך, אַ פּושקעלע, אַ שרייבפּענדל, אַ ציגאַר-שפּיצל און אַ שטיקל בערשטעלע איז ער אַרומגעלאָפן, געטון זביטקעס אין יידישע גערטנער, געשלאָגן זיך מיט די יינגלעך און צעראָפּגעכאַפּט היטלעך פון פאַרכעוואַטע קעפּלעך, קרומגעשוירענע מיט טרעפ. זיינע פינקלענדיקע לויפנדיקע] אייגעלעך האָבן אויסגענאַרט אַלצדינג, איבערגערעדט. פון די לעכער, וואָס ער האָט געמאַכט אין די זעק אין מאַרק, האָט ער געלקחנט עפּל. אָפּגעשרויפט שרייפלעך פון גויעשע פורלעך און געוואָרפן שטיינער, צילנדיק גלייך יענעם אין דער נאָז אַריין, געטראָפן און אַנטלאָפן.

— אין חדר אַריין וויל מען נישט גיין... דאַווענען דאַוונט נישט אַזאַ געזונטער יונג... פרעגט אַ שטייגער, וואָס ס'וועט אויסוואַקסן דערפון... אַ גוי, אַ האַמרילע וואַקסט אויף מיין קאָפּ... — האָט גערעדט די מאַמע, זעענדיק סענדערן שטענדיק האַנדלען מיט אַ טשאַטע באָרוויסע שקצים. ער האָט געהאַנדלט באַ זיי פייגעלעך, טויבן. סענדער געדענקט נאָך די גרויסע, גראָע טויב מיטן בלאָען בייכל, וואָס ער האָט געהאַט. אַן „ער" איז דאָס געווען. סענדער פלעגט אַרויפקריכן אויפן דאַך, נאָכלאָזן דעם „ער", באַהאַלטן זיך אויפן בוידעם און וואַרטן. באַלד איז דער „ער" געקומען אַהיימגעפלויגן און מיטגעבראַכט אונטער זיך אַ „זי" פון די זשאַנדאַרנס טויבן. סענדער האָט געכאַפּט די „זי", געטראָגן זי צום שוחט און פאַרקויפט די געקוילעטע טויב מיטן נאָכהענגענדיקן בלוטיקן קעפּל פאַר דריי גרייצער באַ די נגידים אויפן שטראָז.

אַלע טאָג האָט ער געטראָגן אַ „זי" צום שוחט, סענדערל ממזר...

ער האָט געהאַט אַ גוטע וואָך, סענדער. אַריבערגעשוואַרצט אַ פורל מעל קיין זלאָטשעוו, פאַרקויפט און פאַרדינט ב"ה. געגעסן באַ דער מומע פעסי אין אונטערגעסל געבראָטענע, געגזענע פּופּקעס, געטרונקען בראָנפן און געטאַנצט דאָרט אין פריילעכן אונטערשטיבל מיט שיקסעס. גייענדיק

אַצינד אַזוי אַהיים עסן אָנבייסן, איז כּענדערן אָנגעגעבעם געווען צו טראַכטן, אַז שבת אינדערפרי באַם דאַווענען וועט ער אַ וואונק טאָן ר׳ נתן דעם שוחט, ער זאָל אים מאַכן אַ מי־שברך. סענדער האָט שטאַרק ליב צו הערן דעם זינגענדיקן פייערלעכן ניגון:

— יעמ—ו—ו—ד הבחור הח—ת—ן מר׳ ר׳ סענדער בר׳ מנ—חם מפ—ט—יר..

סענדער טוט אַ וויש מיטן פאַרסמאַלצעוועטן טלית־שפּיץ די הייליקע תּורה, טוט אַ קוש דאָרט, מאַכט שטיל־געדויטלט די ברכה, און אַז ר׳ נתן דער שוחט בייגט זיך באַם מי־שברך מיט זיין שיינער, ווייסער באָרד, זאָגנדיק:

— בעבור שנ——ד—ר—ר... זאָגט סענדער שטיל־ציטערדיק מיטן גאַנצן שטאָלץ און ליבשאַפט פונם יידן צו דער הייליקער תּורה:

— עשרה קרונים...

— עשרה קרונים כּ—ס—ף, — זינגט אויס ר׳ נתן הויך אויף אַ קול, אַז דאָס גאַנצע שולעכל יידן הערן דייטלעך.

אַ... אַ מחיה.

— סטאָי, זשידאק!

סענדער מאַכט גיכע שפּאַן, קוקט זיך נישט אום.

— סטאָי... י— טוואָי מאַטש... — דונערט הייזעריק אונטער דער פּלייצע. אַז סענדער האָט זיך אומגעקוקט, איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן. אַ קאָזאַק, אַ גרויסער, אַ ברייטער אין אַ לאַנגן מאַנטל ביז צו די פּיאַטעס, מיט בייזע, קליינע, שלעכטע אייגעלעך אונטערן ברייטן פוטערנעם ספּאָדיק אויפן קאָפּ, וואָס מאַכט אים אויסזען ווי אַ שרעקלעכן קודלאַטען וואָלף... דער ערשטער „פעטליורעץ״, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט אַזש ביז קיין ראַזבינע... סענדער כאַפּט אַ קוק אויף די פּאַטראָנעס באַ יענעם אין גאַרטל, אויפגעקרייצט אויף דער ברוסט דאָס לאַנגע מעסער אין שיידל און דעם גרויסן שווערן מיליטער־רעוואָלווער אויף די לענדן.

סענדער האָט אַזוינעם ליגן באַהאַלטן אין דער היים אויפן בוידעם אונטער דער קראָקווע... געבראַכט פון די זעלנער... אָבער באַ זיך האָט ער גאָרנישט... דאָס קליינע אייזערנע קניפּיקל אין קעשענע...

— טו אויס, זשידאָק, די שטיוול... גיב זיי אַהער, גיכער... כ'טרען דיר אויף דעם בויך...

סענדערן איז קאַלט געוואָרן אין בויך. די שיינע גלאַנציקע שטיוועלעך? וואָס טוט מען? ס'איז נישט גוט... זיין נאָז ווערט בלייך און באַלד ווידער רויט. ער בייגט זיך אָן, טוט אויס פּאַוואָליע איין שטיוועלע, האַלט דאָס אין איין האַנט, פּאָרעט זיך פּאַוואָליע באַם אַנדערן שטיוועלע און פּלוצים קומט יענער אומבאַרעכנטער אויגנבליק אין מענטשלעכן לעבן, אין וועלכן מ'איז זיך גרייט מפקיר צו זיין: סענדער טוט אַ שפּרונג-אונטער, כאַפּט לויפן אָנגעבויגן מיט איין שטיוועלע אויפן פוס, דאָס אַנדערע אין דער האַנט. ער לויפט, לויפט, דערהערנדיק אַ לויטערן קורצן קנאַק. דער אָפּקלאַנג פונם שאָס דריידלט זיך אין דער קלאָרער לופט, און סענדער טוט זיך אַ וואָרף אַנידער מיטן בויך אין שניי, לויט די כללים פון די זעלנער. ער שטייט גיך אויף, לויפט ווייטער, ווידער אַ קנאַק און ווידער וואַרפט ער זיך אַנידער... ניין! די שטיוועלעך וועט ער נישט געבן, סענדער... אַ גוטע קרענק די כלבים אין די בייכער אַריין... אָן אָטעם, פאַרפלאַמט, מיט גלאַנציקע, פריידיקע אייגעלעך, פאַלט ער אַריין אין שטוב אריין מיט איין שטיוועלע אויפן פוס, דאָס אַנדערע אין דער האַנט, אַ פולן זאָק מיט שניי.

— אַ שלאַק זאָל דאָס טרעפן...

אין קאַלטן, רויען שטיבל איז געווען אַ חורבן. ס'איז געווען אַ פולע שטוב מיט אָנגעפּעלצטע, פאַרבלאָטע מענטשן. דער מחותן, די מחותנתטע, עלקע און בערל דער מומע זלאַטעס. עלקע איז ווי תמיד געווען שיין פאַרקעמט, אויסגעפילט אין איר יאַקעכל, די לעקלעך געקרייזלט שיין.

זי האָט זיך געמיט נישט אנצוקוקן איר חתן יאָסל, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן שטוב, אָנגעשפּאַרט די פּלייצע אין דרענגל, וואָס האָט אונטערגעשפּאַרט די געשפּאָלטענע סטעליע. דאָס שמוישענע היטל אַראָפּגערוקט איבער די אויערן, די לאַנגע נאָז בלאָ-אויסגעצויגן, אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד, די פיס פאַרפרוירן, פאַרוויקלט אין שנייאיקע שמאַטעס אָן שטיוול. ער האָט אונטערגעטאַנצט אין די שנייאיקע שמאַטעס פון איין פוס אויפן אַנדערן, צוגעקוועטשט דאָס בלאָע אונטערגעשלאָגענע אויג און געהויכט, געהויכט אין די פאַרשטאַרטע, רויטע רויע הענט

אריין, וואָס מ׳קאָן נישט רירן די פינגער, גלייך זיי וואָלטן געווען טויט.

— מ׳אָט אים אראָפּגעריסן די שטיוול... האָט בערל דערציילט.

— עך בין אַנטלאָפן און עים אָט מען געכאַפּט... ער האָט שוין געהאַט אַ רעכט עסק, יאָסל. די כּלבים האָבן אים געכאַפּט, צוגענומען בא אים דעם זאַק סחורה — אַ זאַק ניס האָט ער געקויפט אין זלאָטשעוו — האָבן אים אויסגעטון די שטיוול, אָוועקגענומען זיי און שיער אים נישט דערהרגעט.

— אַ ווייטיק איז מיר אַ גרויסער אין מיין האַרץ... די מאַמע האָט געקרעכצט, געקוויקעט, געיאַדעט מיט די לײדיקע יאַסלעס:

— נו, מנחם... וואָס זאָגסטו עפּעס דערצו, מנחם... נו, מענטשן, וואָס זאָגט מען עפּעס דערצו. מענטשן... גענומען די לעצטע פּאָר ראַניש באַם טאַטן, באַם קראַנקן טאַטן. אָט אַ ליגט ער מיר אויפן טויטנבעט... און אַריינגעוואָרפן זיי אין דער בלאָטע אַריין... בערלען האָט מען יאַקאָש נישט געכאַפּט, בערלען... בערל איז יאַקאָש אַנטלאָפן, בערל...

די מאַמע האָט נישט געקאָנט איינהאַלטן דעם צאָרן, וואָס האָט געציטערט אויף די דינע, אָרעמע בלאָע ליפּן. זי איז צוגעלאָפן צו יאָסלען און האָט אים פּונקט ווי דעמאָלט, ווען ער איז נאָך געווען אַ קליין ייִנגל מיט אַ גרינעם סטראָמפּ אונטער דער נאָז, אַ קניפּ געטון מיט אַלע כוחות אין דער האַנט:

— דו גולם, דו... גרויסער גולם אויף מיין בידנע קאָפּ... וואָס עלעך טון מיט דיר, וואָס...

אַ ברוין-און בלאָער פלעק איז תיכף דאָרט אויפגעלאָפן אויף יאָסלס האַרטער קויטיקער האַנט. דעמאָלט, אין די יונגע יאָרן, ווען די מאַמע האָט אים געקניפּן, יאָסלען, פלעגט ער שטיין בלייבן אויפן אָרט און שמייכלען, ווייַנענדיק מיט זיינע ברייטע, געלע פערדישע ציין. ס׳האָט אים נישט געאַרט. היינט אָבער האָט דאָס אים וויי געטון. ער האָט זיך געשעמט, יאָסל, געשעמט זיך פאַר דער כלה זיינער, פאַר עלקען...

— דו... דו וואַסערטרעגערין, דו... האָט יאָסל אַ שעלט-געטון די

מאַמען, אַריינשפּיזנדיק אין דער מאַמעס פּאַרזונקענע בייזע אויגן זיין שטומפּיקן בליק, פול שטומען נאָגנדיקן צער, דעם צער פון די בעלי-חיים...

מ׳האָט גערעדט, געשאָלטן, געשריגן, געעצהט און נאָר דער טאַטע איז געזעסן אין בעט, געהערט צלצדינג און געשוויגן, נישט גערעדט אַ וואָרט, געשמייכלט מיטן צונויפגעפּרעסטן מויל קרום, זיין שטענדיק-האַלבן שטעכיקן שמייכל אין דער שטעכיקער באָרד אַריין און גע-שוויגן אין שרייענדיקן געזעמל אַריין, וואָס האָט געגוגערט, געשריגן, ווי אַ טשאַטע גענדז.

— מ׳דאַרף אַריבערלויפן צום עלטסטן און בעטן... געוואַלט... וואָס הייסט דאָס עפּעס...

— וואו איז זי ערגעץ, ע.קע...

עלקע האָט אַ נעץ-געטון אַ פינגער און אַ צי געטון אַ לעקעלע אויפן שטערן און זי איז אַריבערגעלאָפן צום עלטסטן, וואָס איז געזעסן דאָרט באַ יאַנקאָווסקעלען אין גויעשן אָנגערייכערטן חזיר-געוועלבל אין אונטערשטיבל און געשיכורט, בעטן אים, אַז מ׳זאָל יאָסלען אָפּגעבן דעם זאַק מיט סחורה.

אין שטוב איז צוביסלעך שטיל געוואָרן. דער מחותן מיט דער מחותנתטע זענען אַהיימגעגאַנגען און סענדער מיט בערלען זענען אַוועקגעלאָפן בשותפות צו משה-יאַנקלען וועגן דעם זעקל צוקער, וואָס יענער האָט בשותפות מיט בערלען באַנאַכט אַהיימגעבראַכט פון זלאָטשעוו.

די מאַמע האָט זיך אַרומגעדרייט, געשקראָבעט אין די טעפּ, גע-קערט די שטוב און זי האָט שטיל געיאַדעט, גערעדט צו זיך אַליין, גע-מאַכט מיט די בלאָע ליפּן דריבניטשקע און פרום-פאַרקלערט, אַזוי אַז ס׳האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די יידינע זאָגט ברכה:

— אָי, גאָטעניו... אַזאַ גולם... אַזאַ יונג... אַזאַ ליימענער גולם...

יאָסל איז געשטאַנען באַם פענצטער, דאָס אונטערגעשלאָגענע אויג אונ-טערגעבונדן מיט אַ וואָלענער פאַטשיילע, באַרירנדיק מיט זיין לאַנגער ברוגזער נאָז דעם אָנגעפרוירענעם שויב אויפן שייבל, דערפון איז דאָרט געוואָרן אַ דינער אָפּגעגאַנגענער אייז-פלעק און ס׳האָט זיך דורך אים פאַרשטעלט ווי דורך אַ נעפל אַ געווייסט דער פּראָסטיק-שנייאיקער דרויסן. און כאָטש מ׳האָט גאָרנישט געזען, האָט זיך פונדעסטוועגן יאָסלען אויסגעדאַכט, אַז

ער זעט זי דאָרט, עלקען, דאָס רויטע קליידל אירס אויפן ווייסן שטראָז, ווי זי גייט אַריין צו יאַנקאָווסקעלען אין חזיר־געוועלבל אַריין. ער זעט, דער חתן, ווי זיין כלה רעדט דאָרט אין שטיבל מיט אַ חנדעלע, בעט מיט אַ שמייכעלע, וואָס מיינט עפעס אַנדערש, דעם עלטסטן, מ׳זאָל הייסן אָפּגעבן דעם אָרעמען ייד דאָס זעקל סחורה. דאָס שמייכעלע אירס פלאַטערט יענעם גלייך אין די פאַרשיכּורטע אייגעלעך אַריין. דער גוי דרייט זיין גלעלע נאַכהענגענדיקע וואָנצע מיט צוויי פינגער, נעמט־אָן עלקען באַ דער האַנט... און יאָסל זעט אַלצדינג... מ׳זעט באַשיינפּערלעך, וואָס דאָרט טוט זיך דערנאָך.... וואָסי, מ׳ווייסט דען נישט אי. ראָזבינע אַלצדינג... מ׳ווייסט נאָך פריער, איידער ס׳טוט זיך עפּעס אפילו, מ׳ווייסט און מ׳רעדט...

דער אָפּגעהויכטער פלעק אויפן שייבל איז ווידער אָנגעפרוירן געוואָרן מיט אַ דין, פיין אייז־בלימל און דערנאָך מיט גראָבן גראָען שניי בלינד געוואָרן. יאָסל איז נאָך אַלץ געשטאַנען אין דער גראָער אָוונט־טונקלקייט מיט דער ברוגזער נאָז באַם פענצטער, נישט געוואָלט עסן קיין וועטשערע און ס׳האָט אים געפערעט, ס׳האָט אים געביסן אין קאָפּ, אָבער ר׳האָט זיך נישט געוואָלט אַ קראַץ־טון. געפוילט זיך. ביטער האָט געפערעט די בושה און דער ווייטיק, שווער געדריקט אויפן האַרץ, אָפּגעהיט זאָל מען ווערן פון אַזאַ ביטער פערעניש...

*

עלקע האָט געפּועלט באַם עלטסטן, עלקע... מ׳האָט יאָסלען אָפּגעגעבן צוריק דעם זאַק מיט סחורה, אָבער דער גאַנצער מסחר האָט נישט געטויגט; מ׳האָט אים אָפּגעבאַרעט ערגעץ, יאָסלען, אָנגעזייפט, ווי סענדער האָט געזאָגט, מיט אַ זאַק ניס. ר׳האָט ערגעץ אַנידערגעלייגט די לעצטע פּאָר ראַניש דעם טאַטנס און איינגעהאַנדלט אַ זעקל ניס, ווייסע, שיינע גרויסע ניס, אָבער אינעווייניק זענען זיי געווען ווערעמדיק, ליידיק...

— ליידיקע שווינפשטשעס... — האָט די מאַמע גערעדט איינגעגעסן צו זיך אַליין אין די בלאָע ליידיקע יאַסלעס אַריין, קערנדיק אָנגעבויגן די שטוב מיט די אָפּגעריבענע בעזעם־ריטלעך:

— באַדיר גאָר ניס. . ווער קויפט עפּעס ניס, ווער? פאַרוואָס האָט בערל נישט געקויפט קיין ניס... שוין נישט געהאַט וואו אַרויסצוואַרפן די פּאָר

בלוטיקע ראַניש דעם טאַטנס... דעם קראַנקן טאַטנס... אַט אָ ליגט ער אויפן טויטן בעט, אָ...

יאָסל איז אַרומגעקראָכן מיטן זאַק אויף די פּלייצעס אין די יידישע שטיבלעך אין ראַזבינע, געקלאַפּט דעם שניי פונם טאַטנס שטיוול, געהויכט אין די פאַרשטאַרטע הענט אַריין און פאַרקויפט ניט, פאַרטראַסקעט אונטערן קרן, אַבי פטר ווערן. אָבער אַקוראַט שבת-צו-נאַכטס, אויף דער פולער וואָך, איז אַריינגעקומען אין האַלב-פינצטערן קאַלטן שטיבל אַריין א פאַרבונדן פאַרפרוירן מיידעלע מיט אַ פּעקל אונטערן אָרעם:

— גוטע וואָך.

— גוט יאָר.

— דאָ וואוינט יאָסל רב מנחם אליס? דער טאַטע שיק! אייך אָפּ די ניט... ווערעמדיקע ניט... אַלע ליידיק... דער טאַטע זאָגט, אַז איר זאָלט מיר אָפּגעבן דאָס געלט, ער דאַרף נישט קיין ניט...

יאָסל האָט שווייגנדיק געציילט די צעפּליקטע קויטיקע פּאַפּירענע קראָנען, אָפּצוגעבן דאָס געלט. אויסגעשיט די פאַטשיילע טרוקענע שיינע גרויסע ניט צוריק אין זעקל אַריין און דאָס זעקל איז פּאַוואָליע געוואַקסן, געוואַקסן, אָנגעפולט זיך פון די אָפּגעבראַכטע פּאַטשיילעס און טאָרבעלעך אַלע מאָל העכער, פולער, אַ פולער זאַק... פולער ווי געווען.

דער טאַטע האָט גאָרנישט געזאָגט, דער טאַטע. ער האָט געשוויגן. ער איז געזעסן ווי תמיד אין בעט, אַרויפגערוקט דאָס פוטערנע היטל אויפן שטערן און ער האָט געשמייכלט מיט פאַרמאַכטע, דינע, געלע, טויטע ליפּן זיין שטענדיקן האַלבן שטעכיקן שמייכעלע אין דער שלאַפער האָרטער באָרד אַריין, וואָס איז איצט געווען קויטיק-ווייס, שוין אַביסעלע אויסגעקרומט:

— ניט, יאָסעלע... ניט אָפּט! געקויפט?... נו, נו... לאָז זיין ניט... און ער האָט אַ כרעקע געטון, געהוסט קורץ און אָפּגעהאַקט, אַראָפּגעשפּיגן פונם בעט און לאַנג אָנגעקוקט דאָס שפּייעכץ...

# VI

א נייער שטורעם-ווינט האָט זיך אויפגעהויבן, אַ פּלוצימדיקער און אַ פאַרשטאַרקטער. מיט אַ בייזן פייף, אַ שוידערלעכן, וואָס קילט שרעקיק אין בויך, האָט ער געוואָיעט באַנאַכט אין קאַלטן קוימען, געקרעכצט אין פענצטער, געריסן די טיר, געהויבן דעם דאַך אַלעמאָל מיט באַנייטער שטאַרקייט און יאָסל האָט באַנאַכט, שלאָפנדיק מיטן טאַטן, מורא געהאַט, אַז דער ווינט וועט צעטראָגן דאָס שטיבל, אַראָפּרייסן דעם דאַך. ער איז געלעגן איינגעדרייט די נאָז צווישן די שפּיציקע מאָגערע קניעס, צוגערוקט צו דער קאַלטער וואַנט, פאַרטראָגן אין פיבערנדיקער אַנגאַכטיקער פליישיקער גלוסטיקייט און ער האָט געפילט היינטיקע נאַכט יענע אומרויקע געפרעסטע ליידיקייט אין בעט, ווי ער פלעגט זיך פילן אין די יינגלשע יאָרן, שלאָפנדיק מיט טאַטן. דעמאָלט, אין די פינצטערע נעכט, ווען דעם טאַטנס שווער-אָטעמדיקער איינגעהאַלטענער קרעכץ האָט זיך געטראָגן מיט אַ גיריק סמאַקען פון דעם אנדערן בעט, פון דער מאַמעס... און ווי דעמאָלט, האָט יאָסל אויך אַצינד נישט שוין געקענט גאַנצע נאַכט מער אַנטשלאָפן ווערן. געדרייט זיך, געוואָרפן זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער, געהיט זיך נישט אָנצוררירן דעם טאַטנס פלייצע און ס'האָט אים געוואונדערט, וואָס דער טאַטע ברומט נישט ווי געוויינלעך:

— אקכי... אי... הי... נו... נעם צו די קניעס, יאָסל...

וואַך, מיט געפייניקטער נישט-פאַרגינענקייט האָט ער געהערט דאָס כראָפּען דער מאַמעס און סענדערס אונטערן אויוון, אויסגעמישט אין וואָיעדיקן ווינט און ס'איז אים קאַלט געוווען, יאָסלען, קאַלט אונטערן איבערבעט. דער האַלבער אָנגעגליטער ציגל, וואָס די מאַמע פלעגט אויף באַנאַכט אַריינלייגן אין בעט אַריין דעם טאַטן צופיסנס אונטערן איבערבעט, און וואָס פלעגט זיין תמיד ביז אינדערפרי הייס, איז איצט געווען קאַלט, אייזקאַלט, מיט אַן אַנדערער קעלט, אַ דרויסנדיקער...

— יאָסל, שטיי שוין אויף, יאָסל, מעגסט שוין אויפשטיין, יאָסל... ברענג אַרויף אַ ביסל וואַסער, יאָסל...—האָט די מאַמע צומאָרגנס ווי תמיד געוועקט איר זון. אָבער דער זון, איז ווי אַלע טאָג געלעגן מיטן

שטומען פנים צו דער וואַנט און זיך נישט גערירט. און אין דעם דאָזיקן פוילן נישט רירן זיך אין בעט, ווי יעדן טאָג, איז היינט באַ יאָסלען געווען פאַרמישט עפּעס אַ באַזונדער אומבאַקאַנט געפיל פון איינגעהאַלטענער אומקלאָרער שווערקייט, וואָס האָט געדריקט אויפן געמיט, פאַרשוואומען ווי אין חלום. ער האָט נישט געוואגט זיך אַ ריר צו טון און אַלעמאָל באַדעכטיק פאַרגנבעט אויסגעשטרעקט אַ פוס און לייכט, קוים, קוים גע־פּרוואווט אָנרירן דעם שלאָפנדיקן טאַטנס פוס, וואָס איז איצט געווען שטייף און קאַלט מיט אַ קלעפּיקער ערדענער קעלט... פּלוצים האָט זיך יאָסל דערלאַנגט אַ הייב־אויף און אַ געשריי־געטון הייזעריקלעך טונקל, אַ ביסל קרייענדיק:

— מאַמע! זע נאָר...

יאָסלס לאַנג טרוקן פנים איז געווען נאָך אויסגעצויגענער, די גרויסע קיילעכדיקע קאַלעמוטנע אויגן אַרויסגעזעצט פון אויבן און די באָזלעכער טיף, שוואַרץ, ווילד־צעשפּרייט, ווי באַ אַן איבערגעשראָקן פערד.

דער מאַמען האָט אַ טיאָכקע געטון אין האַרץ. זי איז צוגעלאָפן צום בעט, אַ כאַפּ־געטון מיט צוויי פינגער דעם טאַטנס צוגעקלעפּטע געלע פאַרשפּיצטע נאָז, אַ דריי געטון זי אַהין און אַהער און אַ געשריי־געטון:

— גוואַלט, קינדער!... יאָסל, סענדער! דער טאַטע איז געשטאָרבן... ווייי איז מיר... גאָטעניו...

יאָסל האָט געטראָגן וואַסער שוין פאַר אַלע יאָרן, געשלעפּט איןביידע בלאָ־פאַרשטאַרטע הענט די קאַנען פון דער ווייטער פאַראייזטער קערניצע און ער איז געווען אינגאַנצן אָפּגעכליאַפּעט, אויסגעווייקט, די פאָלעס גע־פרוירן, אייזיק־קאַלט, האַרט ווי בלעך. די מאַמע האָט געגאָסן דאָס וואַ־סער אין די גרויסע ערדערנע טעפּ, וואָס האָבן געבולבעט, געפּאַרעט אויף דער קיך און זי איז נישט זאַט געוואָרן:

— נאָך יאָסל... נאָך... ס'איז ווייניק...

די הייסע פּאַרע האָט זיך געביילט, געקנוילט אונטער דער סטעליע, וואָס האָט געשוויצט און די פולע טראָפּנס נעץ זענען אַראָפּגערונען פון די באַקעטע נאַסע געקאַלעכטע ווענט אין לאַנגע ריטשקעלעך. אין די טונקעלע ווינקלען איז דער אויסגעוואַקסענער שניי־שימל צעגאַנגען, אָפּגעלאָזט. גערונען קלעפּיק, ווי פון געפּלאַצטע בלאָטערס.

— אַ... ס'איז וואַרעם אין שטוב... — האָט דער מחותּן אַ רייב-געטון די פּלייצע און געפּינטלט מיט די אויגן אין דער הייסער פּאַרע, ווי אין באָד, און זיך מחיה געווען. אָנגעוואַרעמט זיך ענדלעך זיינע אייביק-פאַרשטאַרטע הענט אין הייסן וואַסער אין טהרה-בוטל, מיט אַ וויעכעטש שטרוי האָט ער געריבן דעם מת, לאַנג אויסגעשטרעקט אויפן טיש, מיט שערבעלעך אויף די אויגן. די באָרד איז באַ אים געווען אויפגעשטעלט אין דער לופטן, האַרט, ווייס-אָפּגעריבן און פאַרפּאַפּט, ווי אַן אַלט קאַלך-בערשטל, איבערן צוגעפּרעסטן מויל-ווינקל, וואָס האָט זיך פאַרקרומט אַ ביסל אין דער העלפט, שטעכיק, ווי ס'וואָלט געוואָלט שמייכלען:

— ניס... נו, נו... לאָז זיין ניס...

איין איינציקער ייד איז נאָכגעגאַנגען נאָך ר' מנחמס לויה. דער מחותּן ר' שלום-בער, ווי זיין שטייגער איז געווען, ,האָרבאַטע אָנגעבויגן, איין האַנט אַריינגערוקט אין אַרבל פון דער אַנדערער, דאָס היטל טיף אַראָפּגערוקט ביז אויף דער האָריקער גדיכטעניש פון דער באָרד מיט די אָנגעפרוירענע אייז-צעפּלעך אין איר, איז ער מיט דראָבניטשקע טריט שווער אונטערגעלאָפן אויסטרעטנדיק טיפע לעכער אין זאַמדיקן האַרטן שניי מיט זיינע גרויסע שטיוול אַרויס און אַריין און נישט געקאָנט נאָכיאָגן די לויה:

— וואָס איילט איר זיך, האַ? חברה, וואָס יאָגט איר אַזוי?...

זיי זענען געלאָפן, די פיר יונגען, סענדער, יאָסל מיט זייערע ביידע שותּפים: בערל און משה, יאַנקל, געיאָגט מיט דעם לייכטן מת אויף די אַקסלען, מיט דעם שמאָלן לענגלעכן קעסטל, איבערגעדעקט מיטן אָפּגעריבענעם צעריסענעם שוואַרצן מיטה-טיכל, געאיילט זיך גיך, גיך... בראָדזענדיק אין טיפן שניי מיט אַ פרעמדן וועג, גלייך זיי וואָלטן אריבערגעשוואַרצט אַ קעסטל שוועבעלעך... אַ הונט איז אַרויסגעשפּרונגען פון אַ גויעשן הויף, אַ גרויסער, אַ שוואַרצער מיט קודלעס, זינקענדיק ביז צום בויך אין שניי איז ער נאָכגעלאָפן דער לויה אַ שטיק-וועגס, געהאַוקעט, געריסן זיך און צום סוף אומגעקערט באַרויִקט, פאַרגעסן, אַרומגענורעט אין שניי און געטון זיין באַדערפעניש.

שטאַרקער פון אַלע יונגען האָט געאַרבעט יאָסל מיט דער לאָפּאַטע, געריסן, געהאַקט די האַרטע אָנגעפרוירענע בית-עולם-ערד, געשטופּט זיך פאָרויס און זיין לאַנגע נאָז איז געווען בלאַס ווי באַ אַן איבערנעכטיקן

שיכּור, פאַרזונקען אין תּמעוואַטן, וואַכנדיקן שלאָף. ער האָט געשטויסן מיט דער לאָפּאַטע, פאַרטשעפּעט זיך, און אַלע מאָל אַרויפגעטרעטן אויף יענעמס פיס, אויסגעגליטשט זיך אויף די געפרוירענע שטיקער ערד און מיט איין פוס שיער נישט אַריינגעפאַלן אין קבר אַריין.

— קערסט וועלן גיין שלאָפן מיטן טאַטן, יאָסעלע, האַ? — האָט דער מחותּן זיך געבייזערט, רייבנדיק שטאַרק די פאַרשטאַרטע הענט אין פראָסט, וואָס זענען געווען צעשפּרונגען גראָ און האַרט, ווי אַלטע פּאָדעש־וועס. און ווי ס'טוען דאָס די גוים אויפן יאַריד, האָט ער צעשפּרייט די פיס און מיט אַלע כּוחות געקלאַפּט זיך מיט ביידע הענט אונטער די צרעמס, געקלאַפּט געקלאַפּט, מיט אַלע כּוחות... דערוואַרעמענדיק זיך אַ ביסל, האָט ער, ווי זיין שטייגער איז געווען, האָפערדיק אָפּגעאָטעמט:

— אַ... אַ מחיה...

דערנאָך האָט ער זיך אָנגעבויגן צום קבר און אַריינגעשריגן:

— קאַלט, מנחם... האַ? — ס'איז קאַלט צו ליגן אין דר'ערד... איי... איי... איי...

ביידע אינאיינעם האָבן זיי געזאָגט די צווייי זין קדיש. געצויגן דעם גע־דריידלטן טרויער־ניגון, די בעז אראָפּגעלאָזט צום פרישן קבר פונם טאַטן. יאָסל העכער און סענדער שטילער אַ ביסל.

— יתגדל ויתקדש...

סענדער האָט זיך אונטערגעאיילט, געוואָלט גיכער פאַרטיק ווערן... ער האָט נאָך באַדאַרפט היינט באַנאַכט אָפּמאַכן מיט משה־יאַנקלען אַ מסחר'ל. די שיינע שטיוועלעך זיינע האָבן געגלאַנצט שוין אין פאַרויס מיטן האָפערדיקן גלאַנץ פונם געלינגען. דאָס גרינע קאַפּעלושל איז געווען אַ ביסל אָנגערוקט וואַוילינגיש אויף אָן אויער, וואָס האָט ווי תּמיד געפלאַמט דורכזיכטיק אין פראָסט, געצונדן זיך אין דער נידעריקער בלוטיק־רויטער ווינטער־זון, וואָס האָט זיך באַוויזן קיי עכדיק איינגע־פּאַסט, ווי אַ קרישטאָלענע רויטע שויב אין דער נידעריקער שנייאיקער ווייסקייט צווישן הימל און ערד צונויפגעפלעטשעט אינאיינעם. דער בלאָ־ראָזער אָפּשיין אירער, האָט געגליווערט, געזעצט זיך אויף די קיילעכ־דיקע פאַרשנייטע מצבה־בערגלעך. קליינע דימענטענע פליטערלעך האָבן געציטערט, געמערט זיך און דער פראָסט האָט זיך געשטאַרקט אויף באַנאַכט.

יוסף קירמאן / לידער

## I

איך צעטויש מײנע שעהן אויף טריט אין די גאַסן,
באַהעפט זיך מיט שטויב פון די שטײנער מײן אומרו
און פאַלט וואו אין נעפּל פון פאַרדאגהטע דורכגײער,
וואָס קומען אין רעשיקער שטאָט מיר אנטקעגן
אויף גאַסן צעהויקערט פון לאַסטיקע וועגן —
איך צעטויש מײנע שעהן אויף טריט אין די גאַסן.

נישט אײנע פון מײנע יונג-פרײדיקע שעהן
האָב איך זיך אַלײן פאַר די פיס שוין געוואָרפן
אריבערצושפרײזן אין דורשטיקן לויף
פון פאַרנאַכטיקן אָפּרו,
נישט אײנע פון מײנע יונג-פרײדיקע שעהן.

ווײל טעג מײנע העלע, ווי צײטיקע עפּל,
האָב איך אין פאַרדומפּיקטע קעלערס צעשאָטן,
איז וואָס מיר פאַרבליבן אין פאַרנאַכטיקן אָפּרו,
אויב נישט קלאַמערן פעסטער די פויסטן, ווי שטײנער,
און טוישן די שעהן אויף טריט אין די גאַסן —
טעג מײנע העלע, ווי צײטיקע עפּל.

## II

אונטערגעשניטענע בײמער אין וואַלד,
ווי זעלנער אויף אָפּרו פון וועגן פאַרמאַטערט
ליגן די שטאַמען מיט רונדיקע רוקנס,
ברוין-הויטיקע לײבער אין קרײציקע הויפנס
אויף ברוסט פון דער ערד.
אונטערגעשניטענע בײמער אין וואַלד.

און פנימער ווייסע פון איבערגעבליבענע פיעניעס
אין מאָך
שרייען אַן אָטעם, פאַרשטיקט,
ווי מענטשן וואָס טרינקען אין אָפגרונט פון טייכן
און רופן דעם לעצטן געשריי אין דער וועלט:
„רעטעט, מיר זענען פאַרפאַלן!"
אַזוי רופן און מאָנען די אונטערגעשניטענע טעג פון
מיין לעבן אַן אויסלייז פאַר זיך
אין וואַלד פון מיין זינען...

ווי שטאַמען וועל איך די טעג מיינע בינדן,
באַהעפטן אין טראַטוועס
און לאָזן זיי שווימען אויף טייכן – מיין אומרו –
צו ברעגן, וואָס ליגן אין נעפּלען פאַרהוילן...
אונטערגעשניטענעביימער אין וואַלד.

# III

איך גיי.
מיין טריט–דער הילך, וואָס קלאַפּט אין האַרץ בײַ מיר,
מיין האַנט – אַ פּוסט
פון מיין געדאַנק פאַרקלעמט.
לייג איך זי – אַ האַמער אויף מיין האַרץ
און זאָג: שטיי! –
דער טאָג איז גרויס
און וועגן זענען פיל פאַראַן!
נאָר מיין בליק, געשליפן אויף די קאַנטן פון דער שטאָט,
פירט מיך,
ווי אַן אייניקל אַ זיידן פאַר דער האַנט.
גיי איך בלינד...
מיך שרעקט די נאַכט, וואָס פאַלט אַצינד אויף
העלן טאָג.

## IV

הירשן פון יעגער געיאָגט – אימפּעט פון מיין האַרץ.
אַ וואַלד – מיין געדאַנק.
שפּאַמען פון טויזנטער יאָרן געפלאַנצט
רוקן זיך גענטער צוזאַמען אין שאָטן;
צווייגן אין צווייגן זיך פלעכטן געדיכט
און טונקלען די וועגן –
לויפיקע הירשן וואָס קומען געפלויגן.
צעשראָקענע הירשן, וואו איז אייער אויסוועג?
שוין ציט זיך אַ רויטינקע שנור אין דער ווייטקייט:
א הירש איז געפּענטעט, געוואונדיקט אין לויפן,
בורשטינענע אויגן שטוינען צום הימל.
הירשן – מיין אימפּעט, אַ וואַלד – מיין געדאַנק.

## V

איך – אַן אויסגעגראָבן שטיק פון ערד,
אין גלידער-פאָרם צונויפגעשטעלט –
לויף אין כּישוף-קרייז
אַרום דעם שורש פון מיין איך
און זוך אַ תּיקון
פאַרן צעפאַלן פון מיין גוף.
איך – אַן אויסגעגראָבן שטיק פון ערד!

מיין הויט – אַ ווייסער פראָסט אויף שוואַרצער ערד,
מיין לייב – טראָגט בליונג אונטער זיך
אין גרונט פון האַרץ.
אין אינגעווייד, אין טראַכט פון ערד,
דרימלען קערנער פון פאַר דורות נאָך

אין חלום פון פאַרגאַנגענע. . .
און יעדעס קערנדל זוכט אַ תיקון זיך,
שניידט די גרונטן דורך
צו דעם שפּראָצונגס-וועג פון דער ערד אַרויס. . .

מיין הויט-אַ ווייסער פראָסט אויף שוואַרצער ערד,
מיין לייב – טראָגט בליונג אונטער זיך
אין גרונט פון הארץ.

# VI

מיינע הענט-בריקן פון געדאַנק, אויסגעלייגט אויף טייכן ברייט,
טראָגן לאַסטן פון דער וועלט !

מיט אייזערנעם געראָל פון רעדער-טריט פירט מיין האַנט די לאָדונגען
פון שוואַרצן שטיין –
שפּייז פאַר הונגעריקע כמאַרעס, פאַר די נאָך גישט דערזעטיקטע
פון רויך. . .

אין מאָרגן-רוף–באַ רויטע אויפגעטורעמטע סירענעס
פאַרזאַמלען מיינע ברידער זיך, נידערן אין קוילן-שאַכט,
וועקן אויף דאָס ליכט, וואָס זון פאַרגעסן האָט צו נעמען אין רשות...
ברעכן אויף פון גרונט די שטיקער קויל–ס'שוואַרצע בלוט פון דר'ערד
פאַר בליציקן געלויף
דורך אַלע דיינע אָדערן פון שטאָל –
וועלט !
דיין קאָפּ, דער מיט מאַרך צעזונגענער, געשליידערט האָט זיין
בליק אין חושך פון דער ערד,
גראָבט ער אויף די קראַפט פאַר מיין צעוואַקסן האַרץ,

זינגט גרײַן מײַן בלוט אין גליווער-שטײַן פון דײַן געשטאַלט —
ערד !
איצט פירט מײַן האַנט די לאַדונגען פון טראַכט דײַן אויפגעריסענעם
פאַר פרוכטבאַרקייט פון וועלט,
ווײַל דו איבערענטפערט האָסט צו ווײַטיקן אין בלוט די געבירטן —
לאַסט צו אונדז,
— מיך אַן עלנד קינד באַלד קלײנערהייט פון ברוסט אַנטוויינט...
ברענג איך איצטער גאַנצע פעלדער ברויט צו זיך אין גוף
און קען נישט זעטיקן מײַן לײַב. . .

מײַנע הענט-בריקן פון געדאַנק, אויסגעלייגט אויף טײַכן ברייט,
טראָגן לאַסטן פון דער וועלט !

## VII

הײַנט האָבן מײַנע שוועסטערן זיך אויפגעכאַפּט
משוגענע פון שלאָף —
צו שווער איז זיי מסתּם געווען דער חלום פון דער וועלט.
זיצט אײנע אויפן ראַנד פון בעט פאַרבראָכן מיט די הענט,
די צווייטע גראָבט דאָס קעפּל אײַן אין קישן אַזוי טיף,
ווי טיף עס ליגט דער צער אין מיר,
פונוואַנען ס׳רײַסן ווערטער זיך,
ווי בלאַסע קראַנקע שוועסטערן, צעשראָקענע פון שלאָף. . .

צו פרי האָט הײַנט מײַן חלום בײַ דעם טויער
פון דער וואָר געקלאַפּט,
האָט אויפגעמאַכט אַ טירל זיך, פון זיך אַליין זיך אויפגעמאַכט
און ס׳זענען מײַנע שוועסטערן נאַקעטע פון בעט אַרויס
פון קראַנקן בעט אין וועלט אַרויס. . .
איצט לויפן זיי משוגענע אין העלע נעכט צעשטערנטע,
און יאָגן זיך פאַרצווייפלטע בײַם רײַזן-טויער ס׳פאַרשלאָסענע,
ס׳פאַרשלאָסענע מיט שלעסער פיל — צום גרויסן העלן וואָר. . .
הײַנט האָבן מײַנע שוועסטערן זיך אויפגעכאַפּט משוגענע פון שלאָף.

י. קירמאן

# VIII

ווען אויף מיין מאַמעס פּנים האָבן קישעלעך געשווילעכץ
זיך פאַרצויגן,
און טיפער, טיפער האָבן אירע אויגן זיך פאַרבאָרגן
אין געלעגער פון דער נויט —
האָט דען עמיצן געאַרט ?
און ווען מיין מאַמעס קראַנקע הענט האָבן הונגעריק פאַרגעלט
געגלעט דאָס ביינעריק קעפּל פון מיין ברודערל,
פאַרהלשט אויף איר שויס,
און צופּיסנס איר, באַם טריט, מיין שוועסטערל,
מיין איינגעהויקערט שוועסטערל,
האָט געטוליעט זיך צו דר'ערד, ווייל פון הונגער האָט
געשווינדלט איר אין קאָפּ —
האָט דען עמיצער געוואוסט ?
און אַז מיין טאַטע האָט מיט איינמאָל צוואַנציק יאָר
בעל־בתישקייט פאַרגעסן
און איז אַרויס פון שטוב, אַ פאַרהונגערטער פאַרקויפן זיך
זיין פאַרעלטערט לייב פאַר אַ טרעגער־יונג אין גאַס —
האָט דען עמיצער באַדויערט ?

איז, איך דער יורש פון זייער צער
וואָגל זיך אין עלנד, וואָגל זיך אין פרעמד,
זאָג קיינעם נישט פון זיך,
נאָר איך געפין דאָך נישט קיין רו אין מיין צעוויטיקטן געדאַנק,
גיי איך טעג און נעכט אַרום גאַסן אויף און אָפּ,
און קלאַמער איין געשריי, וואָס רייסט זיך טיף אין מיר
און וויל צעשפּרינגען אינם קאָפּ — — מ א מ ע!...

ב. עפּעלבוים / שטויב

# I

פֿאַרבייגייענדיק מיט שטילע געלאָסענע טריט שפּיראס דרוקעריי, איז משהל ליפשיץ אַהין אַריין, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אָפּרוען פֿון אָנגעשטרענגט טראַכטן.

אין פֿאָדערשטן צימער איז קיינער נישט געווען. אויף די פּאָליצעס האָבן געדרימלט גאַנצע פּעק פֿאַרדרוקטע בויגנס, אַלטע צייטונגען, מאַקולאַטור און פֿון ווינקל האָבן געקוקט פּעקלעך פּאַפּיר. פֿון דרוקעריי, וואָס איז געווען אין דער צווייטער זייט גלעזערנער טיר, האָט זיך געהערט אַ שאַרפֿיען און עפּעס אַ ניגון, וואָס אַ זעצער האָט דאָרט לאַנגזאַם געצויגן אונטער דער נאָז. האָט משהל אַ ווײַלע געקוקט מיט צונויפֿגעצויגענע הויטן אַרום די קורצזיכטיקע אויגן, שפּיראַ איז אַרויסגעקומען פֿויל און פֿאַרטראַכט פֿון דער זעצעריי און אים אַקעגנגעגאַנגען מיט אַ פֿאַרהוילן הולך-בטלדיק שמייכעלע, האָט זיך משהל געזעצט נעבן טיש, וואָס איז געשטאַנען בײַם פֿענצטער און איז געווען פֿאַרגאָסן מיט זון, שפּירא האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן אים און געקוקט אויף דער גאַס אַרויס און משהל האָט שטיל און רויִק געפֿרעגט:

— וואָס זשע הערט זיך? אַ?

האָט שפּירא צוגענומען די פֿאַרנעפּלטע אויגן פֿון גאַס, מיט אַ פֿאָרשנדן בליק געקוקט אויף משהלען, דערבײַ איז זיין געעלטערט פּנים מיט דער נאָכגעלאָזטער געקנייטשטער הויט געווען ווי פֿאַרשטויבט און ער האָט איינגעקנייטשט דעם שטערן:

— וואָס, מ׳שטיינס געזאָגט, קען זיך הערן? די דרוקעריי איז נאַציאָנאַליזירט און איך — אַ פֿאַרוואַלטער. איר הערט נישט ווי די אַרבעט לויפֿט? — זיך אומגעקוקט הינטער זיך און אויסגעלאָזט — אַזאַ מזל אויף זיי...

— אַזוי... נאַציאָנאַליזאַציע...

משהל האָט אַראָפּגעלאָזט דעם בליק, אַרויסגענומען אַ שוואַרצע פּושקע, זי געעפֿנט און ס׳האָט פֿון איר אַרויסגעקוקט לאַנגע פֿעדים געל-ברוינער טיטון. האָט אָפּגעריסן אַ בלעטעלע ביבולקע פֿון אַ ביכעלע, האָט עס אַוועקגעשטעלט פֿאַר די אויגן, ווי ער וואָלט געוואָלט איבערלייענען די וואַסער-אותיות. —

— וואָס זשע הערט זיך פֿאָרט?

— גאָרנישט מיט גאָרנישט. — שפירא האָט עפּעס אַריבערגעקוקט איבער אים — אָט אַזוי איז מען אַן אָנגעשטעלטער באַ דער מאַכט... די דרוקעריי איז דאָך נישט מיין... מילא, בין איך אַ פּאַרוואַלטער און באַקום קאַטעגאָריע .B. אַ גאַנץ האַלב פונט ברויט אַ טאָג, איז וואָס־זשע פעלט מיר נאָך?

האָט זיך צעשמייכלט, די אויגן זענען געוואָרן עפּעס פייכטער, זיך אַוועקגעזעצט און ווידער זיך איינגעקוקט אין משהלען, ווי ער וואָלט עפּעס משונהדיקס געזען אין אים.

דורך דער אָפענער טיר האָט זיך געצויגן איבער דער פּאָדלאָגע אַ ברייטער פּאַס זון, וואָס האָט דאָרט זיך אַרויפגעבויגן אויפן לאַנגען טיש און עס האָט זיך געפּילט אַ טרוקענער ריח פון שטויביקער גאַס.

דערווייל האָט משהל פאַררייכערט, אַרויסגעלאָזט אַ געדיכטן רויך, גע־טריבן ווי אַ שטראָמל, געגעבן אַ קוק אויף דער „איזוועסטיא", וואָס איז נעבן אים געלעגן אויפן טיש, און געפרעגט:

— וואָס שרייבן זיי? האַ?

— איר ווייסט נאָך נישט וואָס זיי שרייבן? רעוואָלוציע און קאָנטר־רעוואָלוציע, בורזשואַזיע און פּראָלעטאַריאַט, ס'האָט שוין דערעסן. און זיי ווערט עס גאָר נישט מיאוס. אַז מען האָלט אין איין שרייבן?!

און משהלס שטים איז געוואָרן נאָך שטילער.

— אפשר ווייסט איר פון אַ ביסל ת"קערס, נאָר „בלעך"?

— שווער צו קריגן? זאָלקין מוז אויך האָבן, נאָר איר הערט? ווען איר פּאָלגט מיך, וואָלט איר אינגאַנצן אָפּגעהאַקט, ס'איז קיינמאָל נישט געווען פון אייערע מסחרים און איר דאַרפט עס איצט אויך נישט... איר שפּילט זיך מיט די לייט?...

האָט אַוועקגעשטעלט ביידע עלנבויגנס אויפן טיש, אַראָפּגעלאָזט דאָס פּנים צווישן די הענט, וואָס האָבן עס מיט פינגער אַרומגענומען און שטילער נאָר ערנסטער גענומען אבלדיק רעדן:

— ס'איז די אמתע חברה. אָט איז היינט ווידער דאָ אַ „פּריקאַז", פאַר פאַרנעמען זיך מיט די „זאַכן" — שיסן... און וואו־וואו, נאָר דאָ האַלטן זיי וואָרט... דאָס מעג מען זיי גלייבן... שוין נישט דאָס

ערשטע מאָל. און דאַכט זיך אַ נייער „ספּיסעק“ פון דערשאָסענע איז אויך דאָ, איך קען עס נישט לייענען.

— מילא, ערגער פון שלעכט קען דאָך נישט זיין.

האָט שוין שפּירא געגעבן אַ נעם אַרויס דאָס פּנים פון צווישן די הענט און שוין געזאָגט אַ ביסל העכער און מיט בייזקייט:

— איך פאַרשטיי אייך נישט... עפּעס רעדט איר דאָך שוין גאָר ווי אַ הפקר־מענטש!... וואָס איז מיט אייך געוואָרן? און אַ ווייב מיט קינדער האָט איר דאָך עפּעס אויך?

— סך הכל נאָר איין קינד.

— איין קינד נאָר?

— וואָס זשע וואונדערט איר זיך?

— כ'ווייס, איך קאָן אייך דאָך שוין נישט פון היינט. נאָר מיר איז קיינמאָל נישט איינגעפאַלן. איין קינד נאָר? טאַקע אַ חידוש. איר מוזט דאָך שוין זיין ביי די חמישים?

האָט משהל ליפשיץ געגעבן אַ מאָדנעם קנייטש מיטן טונקעלן קרענקלעכן פּנים און שטערן אַזוי, אַז דער שוואַרץ־פליושענער קאַפּעליוש האָט זיך אַ באַוועג געטאָן, ווי ער וואָלט צוגעטאַקעוועט, און האָט געענטפערט:

— צו חמישים איז אַפילו נאָך ווייט. עס פעלט נאָך גאַנצע עלף יאָר, נאָר גאָרנישט, אַזוי זעט מען שוין אויס באַ דעם שיינעם לעבן...

איז אַ ווײַלע שטיל געבליבן, ווי ער וואָלט זיך פאַרטראַכט וועגן אַ וויכטיקן ענין. אין האַרצן האָט ער טרויעריק אַ שמייכל געטאָן: „אַ ווייב מיט קינדער“... גיי דערצייל יענעם, אַז ער איז אַזאַ מחותן מיט זיין ווייב, ווי אַ שטייגער שפּירא איז מיט איר אַ מחותן. דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס ער האָט די צרות, ווערט גרוי און אַלט פאַר דער צייט און מען מוז נאָך מאַכן אַן אָנשטעל, ווי אַלץ וואָלט געווען ווי עס דאַרף צו זיין... און ער האָט ווידער אַ בלאַסן שמייכל געטאָן, באַקומען אַ טרויעריק־פרום פּנים און געזאָגט מיט אַ שטילן זיפץ:

— און שטאַרבן פון הונגער איז בעסער? מילא, וואָס ס'איז באַשערט איז באַשערט.

— אַ מענטש דאַרף זיך דאָך אָבער היטן?

— ווי ווייט איך קאָן — היט איך זיך טאַקע.

האָט עפּעס געקוקט אויף די שפּיצן פון זיינע שיך און שוין אויפ־שטעלנדיק זיך, געפרעגט:

— איר האָט געזען זאַלקינען?

— ער איז דאָ געווען אינדערפרי... האָט אייך געהייסן אַריינקומען.

משהל איז אַרויס אויף דער גאַס און געטראַכט צו גיין צו זאַלקינען. האָט ער מיטאַמאָל אויפגעהויבן די אויגן און דערזען פון וויטן שקלאָוון. יענער איז געגאַנגען גיך און מיט צעשראָקנקייט, ווי ער וואָלט געאיילט פון ערגעץ אַנטרונען צו ווערן. זיין קאָפּ איז געווען אויסגעשטרעקט פאָרויס און ער האָט געמאַכט מיט די הענט גייענדיק. משהל האָט שטיל אַ שמייכל געטאָן: שטענדיק טראָגט זיך, אָט דער שקלאָוו, אַרום מיט „ציגיינערלעך”. האָט אַ ביטער לעבן פון זיין ווייב דער ארורה און ציטערט כסדר. דערווייל איז שקלאָוו צו אים צוגעקומען, האָט טרויעריק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און זיך נישט אָפּגעשטעלט. האָט זיך משהל אויך אויסגעדרייט און זיך באַמיט נאָכצוהאַלטן זיין שפּאַנען. און איידער נאָך ער האָט באַוויזן צו פרעגן, פאַרוואָס ער איז אַזוי צעטומלט, האָט שקלאָוו — וואָס איז געווען העכער פון אים — אַ ביסל אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און טאַמעווענדיק אביסל זיין גאַנג, האָט ער מיט גרויסע קיילעכדיקע אויגן גענומען דערציילן, אַז ס'איז גאָרנישט גוט. די „גדולים” האָבן זיך שטאַרק אַ נעם געטאָן צום „עסק”. פון הינטער דער פּלייצע וואַקסן זיי אויס און ס'איז ביטער. אָט נאָר וואָס האָט ער זיך דערוואוסט, אַז עטלעכע „מענטשן” זענען אַריינגעפאַלן.

— ווער?

האָט שקלאָוו אים אָנגעהויבן אויסרעכענען נעמען און אַלץ געגאַנגען ווייטער, ביז זיי זענען צוגעקומען צו אַ ראָג פון אַ גאַס. האָט שקלאָוו געגעבן אַ זאָג:

— איך מוז איצט לויפן, איך האָב „עפּעס” באַ זיך. דאַכט זיך מיר נאָר, אַז מען שפּירט מיר נאָך.

אָפּגעזאָגט און גלייך אַוועק.

ליפשיץ האָט אים אַ ווײַלע נאָכגעקוקט. געזען ווי ער שפּאַנט גיך און

קוקט זיך נישט אום. איז אים עפּעס געוואָרן נישט היימלעך אויפן האַרצן און ער האָט געקוקט מיט ערנסטע אויגן ווי אין אַ תּעניתדיקן אָוונט. און כאָטש ער האָט שוין שקלאָוון נישט געזען, האָט ער נאָך אַלץ געזעען זיינע צעשראָקענע, קיילעכדיקע גרויסע אויגן און בשעת מעשה געדענקט אָן „פּריקאַז", וואָס שפּירא האָט פאַר אים איבערגע־לייענט. פאַר די אויגן איז איצט געשטאַנען די שורה: „ווער באַשטראָפט ווערן מיט דער העכסטער שטראָף"... און אָנשטאָט גיין צו זאַלקינען, איז ער גאָר אַוועק מיט אַן אַנדער גאַס...

*

צומאָרגנס אינדערפרי האָט משהל ליפּשיץ געלאָזן אויפגעהויבן די אויגנדעקלעך און ס'איז אים אויסגעקומען, אַז ער האָט זיך גאָרנישט אויפגעכאַפּט פון שלאָף, נאָר גלאַט געעפנט די אויגן, איז ער אַזוי געלעגן רויק און זיך נאָך אַלץ געוויגט אין שרעק פון חלום. ער האָט נאָך געזען די צעררייצטע פּנימער פון שפּיראן און די נאַקעטע רע־וואָלווערן, וואָס האָבן מיט משונהדיקע, קיילעכדיקע גרויסע אויגן געקוקט אויף זיין נאַקעט לייב און געהערט ווי זיי וואָרענען אים מיט משונהדיקע קולות.

ער האָט געלאָזן אָפּגעאָטעמט, האָט אויסגעקערעוועט די אויגן און געזען דאָס צעוואָרפענע בעט, וואָס איז געשטאַנען נעבן זיינעם און ס'איז פון דעם אויפגעגאַנגען נאָך אַ וואַרעמער ריח, האָט ער צונויפגעזשמו־רעט די קורצזיכטיקע אויגן און ס'איז אים געווען אַ חידוש, וואָס זאַניע איז שוין נישטאָ אין בעט. האָט דערפילט, אַז די גאַנצע מעשה איז געווען נאָר אַ חלום, אָבער די בלינדע שרעק איז געבליבן אין האַרצן, ווי אַ שטיק האָלץ וואָלט זיך דאָרט פאַרשטאָכן און געבליבן זיצן.

דורכן פענצטער האָבן זיך געצויגן שטילע ליכטיקע פאַסן, אַזוי שטיל און פאַרביסן, ווי זיי וואָלטן עפּעס בייזעס פאַרטראַכט און לאַכן אין זיך אַריין. אַ פאַרגאַפטע בלויקייט האָט פון ערגעץ געקוקט מיט זומערדיקע מאָרגן־פאַרהוילנקייט.

איז ער אַ ווײַלע נאָך געלעגן און געטראַכט פון דעם, וואָס שקלאָוו האָט אַזעלכע גרויסע אַרויסגעשטאַרצטע אויגן, און אַז ער קוקט, קוקט

פון זיי אַ אומבאַהאָלפענע שרעק. האָט זיך דערמאָנט ווי ער האָט נעכטן געזאָגט:

— זיי שפּאַסן שוין גאָרנישט... זיי טוען טאַקע.. און אָט — ווידער זענען עטלעכע מענטשן אַריינגעפאַלן...

איצט געדענקט ליפשיץ, אַז צווישן די אַריינגעפאַלענע האָט ער דער־מאָנט אויך פישביינען. ווער איז אָט דער פישביין? אַ? עפּעס, דאַכט זיך, קענטלעך.

און ער האָט אַליין נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס ער מאַטערט זיך אַזוי צו געדענקען ווער דער פישביין איז, ער האָט אָבער געדענקט, אַז ער איז אַ הויכער, מיט שוואַרצע גלאַנציקע אויגן, און אַז ער האָט אים געטראָפן ערגעץ צווישן מעקלערס אין אַ קאַפע־הויז.

— הייסט עס, אַז אויך דער פישביין האַנדלט איצט מיט וואַליוטע? מאָדנע. אַלע האָבן זיך געכאַפּט צו וואַליוטע...

די בלינדע שרעק איז אַלץ געוואַקסן אין האַרצן. און אַז ער האָט גע־הערט ווי מען עפנט דאָרט די טיר אין ערשטן צימער אַריין, האָט ער אַ ציטער געטאָן און עטוואָס אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זיך איינגעהערט און דערנאָך זיך צעשמייכלט:

— וואָס מיר קאָן אַלץ איינפאַלן.

זיך ווידער אומגעקוקט אויפן ווייבס צעוואָרפענעם בעט, האָט איין ווײַלע זיך פאַרטראַכט וועגן דעם וואָס שוין יאָרנלאַנג, אַז זיי זענען זיך פרעמד און מיט אַמאָל אַ קלער געטאָן:

— און אָט בין איך שוין אַ הפקר־מענטש אויך. און וואָס קאָן ווערן דער סוף פון אַזאַ לעבן?

האָט אין זיך אָפּגעזיפצט און געטראַכט, אַז עס איז פאַרפאַלן, אַז אַזוי וועט עס זיך שוין שלעפן, ווער ווייסט ווי לאַנג, נאָר מילא, זאָל שוין זיין אַזוי, פרעמד, אָבער שטיל...

ווען ער האָט זיך אָנגעטאָן און שוין געשטאַנען אין די הויזן און שיך, האָט ער אַפילו אַ שמייכל געטאָן:

„נישטאָ קיין רעה אָן קיין טובה... ס'איז דאָך עפּעס באָלשעוויקעס, דאָס לעבן איז דאָך אַלע מינוט איינגעשטעלט. אָבער דערווייל האָט מען נישט אין זינען קיין „ווערשערינקעס"... איז נישטאָ פאַר וועמען צו זינגען... איז כאָטש שטיל".

דערמאַנענדיק זיך אָן די באָלשעוויקעס, האָט ער ווידער שאַרף דער-
פילט די בלינדע שרעק, האָט ער אַ קוועטש געטאָן דעם שטערן און
אַ טראַכט געטאָן: מען וואָלט אפשר טאַקע געדאַרפט אָפּהאַקן... האַ?...

אַז ער איז אַרויסגעקומען אין דער פאָרנטיקער שטוב, האָט ער גע-
טראָפן ווי פאַניע שטייט פאַרן שפּיגל און קעמט זיך די לאַנגע בלאָנדע
האָר. זי איז געשטאַנען מיט נאַקעטע קלאָרע הענט און דער אויבערש-
טער טייל קערפּער האָט זיך געלאַסן און פייל געוויגט באַם קעמען.
זי האָט זיך נישט אָפּגערוקט און ער האָט געזען אין שפּיגל, ווי זי
האָט פּלוצלינג פאַרצויגן די ליפּן און די אויגן אירע זענען עפּעס
שאַרפער געוואָרן. האָט ער שוין פאַרגעסן די שרעק און דערפילט אין
זיך אַן עקשנותדיקע פאַרביסנקייט. איז אַריין אין קיך זיך וואַשן און
פליעסקענדיק דאָס פּנים אין קאַלטן וואַסער, וואָס ער האָט אין די
הענט געהאַלטן, האָט זיך כסדר געפּלאָנטערט אין זיין מח:

— שוין, ווידער עפּעס נייעס... שוין ווידער...

מיט אַמאָל האָט ער זיך אויסגעגלייכט און זיך איינגעהערט: פאַניע
האָט געזונגען. עפּעס איז דאָס געזאַנג געווען אַזעלכעס, וואָס איז אים
געווען שטאַרק באַקאַנט. נאָר האָט עס שוין לאַנג פון איר נישט גע-
הערט, זינט דעמאָלט, ווען עס פלעגן באַ אים זיין „וועטשערינקעס",
ליגעצקי פלעגט שטענדיק קומען און מיט גלאַנציקע אויגן און כסדר-
דיקן שמייכל גערימט איר זינגען.

ער האָט זיך געווישט מיטן האַנטוך און די עקשנותדיקע פאַרביסנקייט
האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט יאושדיקן כעס. אַז ער איז צוריק אַריינ-
געקומען אין שטוב, האָט פאַניע נאָך אַלץ געזונגען שטיל און באַהאַרצט
נאָך שטייענדיק פאַרן שפּיגל, נאָר מיט אַמאָל האָט זי אויפגעכאַפּט זיין
בליק און איז שטיל געוואָרן. זיך אָפּגעקערט פון שפּיגל און אויף גיך
אַרויפגעוואָרפן אויף זיך די בלוזקע, ווי זי וואָלט געוואָלט באַהאַלטן
אירע קלאָרע נאַקעטע הענט. ער איז אַריין אין שלאָפצימער.

*

באַ פרישטיק, איז מען געזעסן שטיל אין אָנגעצויגן. די בלייך-בלאָנדע
חוהטשע, אַ מיידל פון אַ יאָר עלף, איז געזעסן מיט קלאָרע צעשראָקענע

אויגן און האָט אויך געשוויגן. משהל האָט דאָס גלאָז טיי אַרומגענומען מיט די פינגער פוןביידע הענט און געקוקט צום פענצטער, דאָס מיידל האָט פויל געגעסן דאָס שטיקל ברויט מיט פּוטער.

— זע נאָר אַן עסן! — האָט זיך פאַניע פּלוצלינג אָפּגעריסן — וואָס ליאַמזשעסטו וואָס?

האָט זיך דאָס מיידל וויינענדיק צעפּיעסטעט.

— כ'וויל נישט עסן און שוין.

— עס, זאָג איך דיר.

און פאַניע האָט זיך אויפגעשטעלט, גענומען דאָס שטיקל ברויט מיט פּוטער, וואָס דאָס קינד האָט געהאַט אָנגעבייסט, און אויסגעשריגן:

— די מינוט זאָלסטו עסן!

משהל האָט געהאַט צונויפגעצויגן די הויטן אַרום די אויגן, האָט געקוקט ווי דורך שמאָלע רערלעך און ס'איז אים אויסגעקומען, אַז פאַניע איז עפּעס העכער ווי שטענדיק. האָט ווידער דערזען ווי פון אירע אויגן קוקט עקל און כעס, האָט ער אַ טראַכט געטאָן: „שוין לאַנג שטיל געווען". און געלאַסן, קאַלט געזאָגט:

— וואָס איז זי דיר שולדיק? וואָס שרייסטו אויף איר?

— וואָס זי איז שולדיק? — האָט זי אויפגעהויבן בייזע אויגן און נישט פאַרענדיקט.

— דאָס ברויט איז נישט גוט! — האָט די קליינע וויינענדיק געזאָגט.

— נו, זאָג דיין טאַטן, ער זאָל געבן געלט אויף ווייס ברויט!

אַזוי האָט פאַניע אַ זאָג געטאָן און זיך צוריקגעזעצט.

— נו שוין, חוהשע, עס. דאָס ברויט טויג נישט? פאַרוואָס טויג עס נישט? ס'איז גאַנץ גוט ברויט. מילא איז עס נישט אַזוי ווייס... וואָסזשע זאָל מען טאָן, אַזוינע צייטן...

האָט דאָס מיידל זיך איינגעקוקט אין פאָטערס מרה-שחורהדיקן פּנים און גענומען עסן.

פאַניע האָט ווידער איין קוק געטאָן אויף אים און גאָרנישט געזאָגט. דערפון האָט משהל זיך ווידער פאַרקוקט אין פענצטער און דאָס גאַנצע האַרץ איז שוין געווען אָנגעפילט מיט יאוש.

פֿאַניע האָט זיך אויפֿגעשטעלט אַן אָנגעבלאָזענע:
— איך גיי אויפֿן „באַזאַר“.
האָט משהל גאָרנישט געענטפֿערט, האָט אַרויסגענומען זיין געלן, אַלטן
„בומאַזשניק“, האָט אין אים אַריינגעקוקט דורך די „שמאָלע רערלעך“
און אַרויסגענומען גלייכע, צונויפֿגעלייגטע פּאַפּירלעך. האָט זיי דורכגעקוקט, טאַפּנדיק מיט די פֿינגער אין אַוועקגעלייגט אויפֿן טיש.
פֿאַניע האָט דערווייל אָנגעטאָן דעם מאַנטל און דערביי אַלץ אַזוי געשטאַנען גלייך פֿאַרן שפּיגל. דערנאָך צוגעגאַנגען צום טיש, איבערגעקוקט דאָס געלט און אויסגעשטעלט פֿאַרעקשנטע אויגן:
— שוין, אָפּגעציילט. . .
האָט משהל געקוקט מיט פֿאַרביסנקייט און געפֿאַלנקייט, האָט ווידער
אַרויסגענומען דעם „בומאַזשניק“ און צוגעלייגט נאָך עטלעכע פּאַפּירלעך.

ווען פֿאַניע איז אַרויס, האָט ער זיך אויפֿגעשטעלט, צוגעגאַנגען צו
חוהטשען, און שטיל און פֿאַרטראַכט גענומען גלעטן איר קעפּל מיט
די בלאָנדע האָר. האָט דאָס מיידל מיטאַמאָל אויפֿגעהויבן אויף אים
קלוגע אויגן, אויסגעצויגן די שמאָלע הענטלעך, האָט ער זי אונטערגעהויבן און זי האָט אַרומגעכאַפּט זיין האַלדז און זיך שטאַרק צו אים
צוגעדריקט. האָט ער איר אַ קוש געטאָן אין קאָפּ און געפֿילט אַ פּייניקנדיקע ווייכקייט אין האַרצן, האָט שוין געהאַט פֿאַרגעסן די שרעק,
האָט זי אַראָפּגעלאָזט און לייכט געשמייכלט. דערביי האָט ער געטראַכט:

— זאָל זי טאָן, וואָס זי וויל. וועמען אַרט עס?... אַלץ איינס...

# II

די גאַס איז אינגאַנצן געלעגן אונטער זון. די הייזער זענען געשטאַנען
שטילע און אַראָפּגעדריקטע, די טירן פֿון די קלייטן זענען געווען אָפֿן
און פֿון זיי האָט אַרויסגעקוקט אַ פּוסטע פֿאַרטראַכטקייט. אַ דראָזשקע
איז געלאָפֿן איבער די שטיינער, די פּאָדקעוועס האָבן געשלאָגן ווי זיי
וואָלטן געציילט און די גומענע רעדער — זענען אונטערגעשפּרונגען

און זיך געדרייט שפּרינגענדיק. אַ פאָרגאַן האָט זיך שווער געשלעפּט און עס האָבן געדרענזשעט די לאַנגע פאַרזשאַווערטע אייזערנע שטאַבעס, וואָס זענען אויף אים געלעגן ווי צוזאַמענגעוואַקסן. די עקן האָבן זיך איינער אין אַנדערן געשלאָגן און אויפגעהויבן אַ ווילדן ליאַרעם, וואָס האָט די גאַס פאַרטויבט. און משהל ליפשיץ איז זיך געגאַנגען שטיל, רויק, מיט די זעלבע פאַרטראַכטע טריט ווי אַ מאָל, ווען ער איז געווען אַ קאָמיסיאָנער פון בעסאַראַבער ווייַנען, און אויף זיין פנים איז אויך געלעגן די קרענקלעכע געלע טונקלקייט, וואָס האָט דערמאַנט רויטן אַלטן וויין. דער פאָרגאַן איז שוין געווען טיף אין גאַס, נאָר דאָס דרענזשן פון די פאַרשטייפטע לאַנגע שטאַבעס האָט נאָך אַלץ פאַרזשאַווערט געשריגן. און אויפן טראָטואַר זענען מענער און פרויען געלאָפן און געקלאַפּט מיט די הילצערנע „סטוקלקעס“ אויף באָרוויסע פיס. האָט משהל געקנייטשט דעם שטערן און אים איז אויסגעקומען, אַז דער גאַסן-געשריי שטערט אים צו טראַכטן וועגן זייער אַ וויכטיקן ענין. און בכלל: דאָס ביסל אייזן, וואָס זיי פירן?! וואָס פירן זיי אַזוי פיל? האָט ער אויסגעקערעוועט אויף דער „יעווריייסקי“ און דאָרט געטראָפן די גאַס ליגן אַ שטילע אונטער זון. די טראַמוויי-רעלסן זענען געלעגן פאַרשטאָפּטע, ווי אין חלשות. האָט ער זיך עפּעס דערמאָנט און די בלינדע שרעק אין האַרצן האָט זיך ווידער אויפגעכאַפּט, עפּעס איז אים איצט אויסגעקומען, אַז מען קוקט אים נאָך. דערפאַר איז ער געוואָרן נאָך געלאַסענער, האָט ער געשפּאַנט מיט שטילע טריט, זיין שוואַרץ-פליושענער הוט און שוואַרצער מאַנטל האָבן מיט אַמאָליקער נגידישקייט געקוקט און בשעת מעשה האָט ער געטראַכט, אַז עס וואָלט שוין גאָר נישט געווען אַזאַ שלעכטער מסחר, אָט דער האַנדל מיט וואַליוטע, ווען מען וואָלט נאָר נישט געווען אַזוי איינגעשטעלט מיטן לעבן.

„און עס וואָלט שוין אפשר צייט געווען אָפּצוהאַקן... הא? שוין צופיל כאַפּט מען איצט“...

נאָר טראַכטנדיק דאָס — האָט ער איצט געדענקט, אַז אייגנטלעך פירט ער זיך שוין אַ לענגערע צייט מעשה הפקר-מענטש. ווי האָט ער געזאָגט, דער שפּירא: „און אַ ווייב מיט קינדער“... האָט זיך דאָס טראַכטן אויסגעקערעוועט און ער האָט זיך דערמאָנט אָן פאַניען:

„עפּעס איז שוין ווידער... עפּעס איז זי שוין ווידער צעטראָגן"...
און ווען ער האָט דאָס געטראַכט, האָט ער פאַרגעסן די שרעק און געפילט, אַז ער איז שטאַרק גערעכט און ווערט אומזיסט געפּייניקט און אויפן פּנים איז אַרויס עפּעס אַ דערהויבענע פרומקייט און געטראַכט עקשנותדיק:

— מילא, וואָס האָב איך אָנצוווערן?...

אויף רישעלעוווסקי איז ער ווידער אַריינגעפאַלן אין גאַסנטומל. ווידער האָט ערגעץ געשריגן אַ דרענזשען פון פאַרזשאַווערטע שטאַבעס. האָט עס אין אים אַלץ פאַרשריגן און שוין אינגאַנצן אַ רויקער איז ער אַריין אין אַ באַשאָטנטן הויף, וואָס איז געווען אַרומגעשטעלט מיט הויכע, טונקעלע ווענט, וואָס האָבן מיט בלינדקייט געגאַפּט.

אַריינקומענדיק צו זעליקן אין ביכער־געשעפט — האָט ער זיך דערפילט שטאַרק היימיש, ווי ער וואָלט ענדלעך געקומען צווישן אייגענע. דאָס געשעפט מיט די ביכער איז אויך געווען אויף „אויטשאָט", נאָר אָפן איז עס געווען און זאַלקין האָט זיך נאָך געפילט מעשה בעל־הבית. ס'איז דאָרט געווען צוגערוימט און פון פאָדלאָגע האָט זיך געטראָגן אַ פייכ־טער ריח. די ווענט האָבן געשמייכלט מיט אָן אַ שיעור רוקנס, וואָס זענען אַלע געשטאַנען שטיל, ערנסט און עפּעס געחלומט.

— אָ, אָט איז דאָך משהל!...

אַזוי האָט אויסגערופן גרינשטיין, אַ יידל מיט אַ געל שיטער בערדל, מיט שמייכלענדיקע רויטע ליפּן און אַ ברוינע בראָדעווקע איז אים גע־זעסן אויף דער באַק נישט ווייט פון די ליפּן. גרינשטיינס פאַבריק איז געווען נאַציאָנאַליזירט, אַליין איז ער דאָרט געבליבן אַן אָנגעשטעלטער, האָט ער דערפאַר געהאַט צייט צו זיצן באַ זאַלקינען און וואַרטן ביז „די חברה וועט מאַכן פיס".

זאַלקין אַליין איז געזעסן באַם טישל און געהאַלטן ביידע הענט אויף דעם אַוועקגעלייגט. זיינע דיקע געלע וואָנסן זענען שטעכעדיק געשטאַ־נען „דובאָם" מיט די שפּיצן אַרויף און געלאָזט אַרויסקוקן צוויי דיקע אָנגעגאָסענע ליפּן, די ברוינע אויגן זענען געווען קיילעכדיקע און גלאַנציקע און האָבן גלאַט אַזוי זיך געשמייכלט. איז ער איצט געזעסן און ס'האָט אויסגעזען, אַז ער טראַכט כסדר וועגן אַ וויכטיקן ענין. אַז

ער האָט דערזען משהלען, האָט ער נישט איבערגעריסן דאָס טראַכטן
און נאָר אַ שמייכל געטאָן מיט די אויגן און געזאָגט:

— אָט איז ער דאָך דאָ.

בוימוואָל, וואָס איז געשטאַנען אַ הויכער, גלאַט ראַזירטער מיט אַ פּנים פון אַ פאַרעלטערטן בחור, דעם שוואַרצן הוט עטוואָס פאַררוקט, מיט גאָלדענע פּענסנע אויף רויטלעכער נאָז און געקוקט אין ציישונג, האַלטנ־דיק זי אָפּגערוקט פון זיך, ווי ער וואָלט גלאַט מיט מבינות עפּעס באַטראַכט — אָט דער בוימוואָל האָט אַרויסגענומען די אויגן פון דער
צייטונג, אַריבערגעקוקט איבער די פּענסנע און געזאָגט:

— איר גייט פון גאַס? וואָס־זשע הערט זיך אין גאַס?

— וואָס הייסט? — האָט ליפשיץ אויסגעשטעלט צוויי „רערלעך“.

— גאָרנישט. כ׳מיין גלאַט אַזוי... — און מיט צוויי פינגער אָנגענומען
די פּענסנע, אַרויסציענדיק פון זיי די נאָז.

ליפשיץ האָט שטיל אַ שמייכל געטאָן, האָט זיך אויך אַוועקגעשטעלט
נעבן טישל און גלאַט אַזוי געפרעגט:

— פון וואָס שמועסן יידן?

— פון גאָר פיינע זאַכן שמועסט מען — האָט בוימוואָל אָפּגעזיפצט — אָט האָט איר שוין אַ נייעס „ספּיסאָק“ פון דערשאָסענע... אַ שיינע וועלט געקומען, פאַר האַנדלען קומט שוין צו שיסן... יאָ, יאָ... הפקר!

— וואָס איז שוין ווידער? — האָט משהל אַ פרעג געטאָן און דאָס פּנים
איז אים עפּעס טונקעלער געוואָרן.

— וואָס הייסט „ווידער“? — האָט שוין גרינשטיין אַ שמייכל געטאָן —
ס׳איז עפּעס אַ נייעס? ס׳ערשטע מאָל באַ זיי?

האָט ליפשיץ איינגעקנייטשט דעם שטערן און דוקא נישט געוואָלט פרעגן „פאַרוואָס“, האָט נאָר גענומען די צייטונג אין האַנט, דערבײַ האָט זיין האַנט אַ ציטער געטאָן, און ער האָט גאָר גענומען לייענען עפּעס אַ טעלעגראַמע פון איטאַליע, און נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער לייענט.

האָט זאַלקין אין מיטן פון זיין שטאַרקער פאַרטראַכטונג געגעבן אַ זאָג:

— לייגט אַוועק די צייטונג, פּוסטע מעשות... זיך צוהערן, וואָס זיי
זאָגן אַלץ... ס׳האָט אַ טעם און אַ ריח...

— שוין איינמאָל „פּוסטע מעשות“ — האָט בוימוואָל אויסגעשטעלט די אויגן — מען נעמט מענטשן, און אפשר ווייסטו פאַרוואָס... פאַר עפּעס אַ שטיקל ת״ק׳ער און — — —

— דרייט נישט קיין קאָפּ — האָט אים זאַלקין איבערגעשלאָגן און זיך צעבייזערט — געפונען אַ טעמע פון וואָס צו רעדן... הערט, וואָס איך וועל אייך זאָגן: וואָס טויגן אייך די פּוסטע רייד, דאָס שוואַרץ יאָר וועט זיי שוין נעמען, נישט הייגט — איז מאָרגן, איז נאָך אַ טאָג. אָט, זעט איר, ווען איר ברענגט אַרויף אַ פלעשל שנאַפּס, אָבער דאָס אמתע ביסל שנאַפּס, מיט אַ פרישע געבראָטענע גאַנדז, אָבער אַזוי מיט דעם אמתן ביסל „סאָוס“, מיט אַ פּאָר ווייכינקע פרישע „בולקעלעך“, אַזוי די קנאַקעדיקע ווייסע בולקעס... און מיר זעצן זיך אַזוי אַוועק אין פירן — — — אָט דאָס, פאַרשטיי איך! אָבער וואָס טויג מיר דאָרט דאָס בעבעווען אייערס מיט די פּוסטע מעשות. ווייס איך וואָס! זיי שיסן גאָר נישט, ס׳הייבט זיך נישט אָן, אָט שרייבן זיי, די גענדז ווילן זיי איבער־שרעקן, עס לוינט נישט די רייד.

האָט זיך גרינשטיין צעשמייכלט:

— וואָס מיינט איר וואָס? ער רעדט בפירוש צו דער זאַך.

האָט זיך שוין משהל אַוועקגעזעצט און אָנגעהויבן רעדן וועגן אַ גוט גלעזל ווייַן, אָט אַזוי, פון דעם אמתן „וימאָראָזיק“. ס׳האָט געשפּילט אַ ראָל? ס׳האָט זיך פאַרגלוסט איז מען אַריינגעגאַנגען אין אַ „קעלער“ און גאָרנישט. ווער האָט גערעדט דערפון? און ווען אַ שטייגער, מיינט איר, איז עס געווען — מיט הונדערט יאָר צוריק? און מיט צוויי יאָר צוריק, אַפילו אין מלחמה־צייט, האָט געשפּילט אַ ראָל? מען האָט גע־דאַרפט רעדן פון דעם? זיך צונויפגעקומען, אַפילו באַ מיר אין שטוב, האָט מען געהייסן די דינסט, האָט זי געגעבן אַ נעם אַרויף אַ פּאָר פלעשלעך „וימאָראָזאָק“, אָדער גאָר דעם אמתן בעסאַראַבער „נאַטוראַלן“.

אין משהל ציט צונויף די הויטן אַרום די אויגן, ווי ער וואָלט דאָס מבינותדיק געקוקט אויף אַן „אמת גלעזל ווייַן“. ביז זאַלקין גיט אַ זאָג:

— ווייס איך וואָס, ס׳האָט געשפּילט אַ ראָל?

געטראַכט נאָך אַ ווײַלע און זיך געגעבן מיט אַמאָל אַ שטעל אויף,

ווי איבערגעלאָזט רעדן וועגן ווײַנען, און אַליין איז ער אַריין אין קליינעם ביוראָ־צימערל, זיך דאָרט אַ ווײַלע געפּאָרקעט, דערנאָך גע־געבן אַ עפן דאָס טירל:

— ר׳ משהל, זייט מוחל אַ ווײַלע.

שטעלט זיך משהל איף, ווערט אַ ביסל צעטומלט און גייט אַהין אַריין. גרינשטיין נעמט דערווײַל דרייען אַ פּאַפּיראָסל פון דעם גוטן „טאַבאַק", וואָס שטייט בײַ אים נאָך פון לאַנג, פאַררייכערט און הייבט אָן קוקן אויף די רוקנס אין די שענק. בוימוואָל נעמט אָן מיט צוויי פינגער די פּענסנע, גיט מיט זיי אַ פּיר איבער דער נאָז, גיבן זיי זיך אַ זעץ אַרויף, רוקט ער אָפּ פון זיך די צײַטונג און קוקט פון ווײַטן, ווי באַ־טראַכטנדיק די אותיות, אויב זיי זענען נישט געפעלשט.

דערווײַל איז זאַלקין מיט משהלען אַרויסגעקומען צוריק. בוימוואָל האָט געקוקט איבער די גלעזלעך און זאַלקין האָט פאַרגעזעצט דאָס פריערדיקע געשפּרעך:

— אַמאָל האָט דאָס אַלץ געשפּילט אַ גרויסע ראָל? הײַנט זיצן מיר טאַקע און קוקן ווי אַ האָן אין בני־אדם, כאָטש בלעקע אַרויס מיט דער צונג.

און אויסגעלאָזט:

— אַז קיין מגפה נעמט זיי נישט!?

— עפּעס זאָגט מען דאָך... איר ווייסט דאָך מסתם — — — הייבט אָן גרינשטיין.

— איי, לאָזט מיך שוין צורו מיט אײַערע חלומות און מיט אײַער בעבעוועו. שוין געהערט די מעשות. געזאָגט אַהין, געבעבעוועט אַהער, איך גלייב שוין נישט גאָרנישט. כל זמן איך וועל זיי נישט זען אויף יענער זייט — איז גאָרנישט.

אַז מען האָט ווידער אָנגעהויבן רעדן פון די „גדולים", איז שוין משהל גאָר צעטראָגן געוואָרן, האָט ער אַרויסגענומען זײַן גילדן זייגערל, וואָס איז געלעגן אין אַ פושקעלע, מיט אַ מאַט לאַמענשייבל, האָט עס געעפנט, אײַנגעקוקט זיך מיט די „רערלעך".

— וויפל איז שוין? — האָט בוימוואָל געפרעגט.

— שוין נאָך דריי.

האָט צוריק פאַרמאַכט און געזאָגט:

— נו, שוין צייט צו גיין.

האָט זיך פאַרקנעפּלט אויף אַלע קנעפּלעך און זיך געזעגנט, נאָר ווען ער איז שוין געהאַט אַרויסגעגאַנגען, האָט אים זאַלקין נאָכגעשריגן:

— ר׳ משהל! ווען איר שוין וויסן?

— שייך צו זאָגן?!

אַז ער איז צוגעקומען צו דער וואוינונג פון זילבערשטיינען, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער זעלבער גאַס, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז אייגנטלעך האָט ער זיך אָפּגערעדט מיט אים צו ברענגען די „סחורה" אַזוי אַרום זעקס אַזייגער... איז ער אַ ווײַלע שטיין געבליבן הינטער דער טיר און האָט געפילט, אַז ס׳איז גלייכער שוין אַרײַנצוגיין... טאָמער איז ער נאָך נישטאָ? — וועט ער שוין בעסער צוּוואַרטן...

*

דעם אָוונט, אַז משהל איז אַהיימגעקומען, האָט ער געטראָפן פאַניען אין אומרויקע: אַז זי האָט אים דערזען, האָט זי אויף אים געקוקט מיט רוגז און מיטלייד און געפרעגט:

— וואו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן?

— איך בין גאָרנישט פאַרפאַלן געוואָרן. אָט, בין איך דאָך געקומען.

און ס׳איז אים אַ חידוש געווען איר באַזאָרגטקייט.

— ווער טוט אַזוינס? ס׳איז שוין פיר און פינף און זעקס, און קיין מיטאָג האָט מען נאָך נישט געגעסן. וואָס מען קאָן אַלץ איבערטראַכטן.

— וואָס קאָן מען איבערטראַכטן? מסתם איז מען פאַרנומען.

— היינטיקע צייטן... ס׳איז עפּעס אַ שפּילעכל?

— נאַרישקייטן.

און ער האָט זיך פאַרקוקט אין פענצטער און געזען, ווי עס טונקלט שוין אינדרויסן און ס׳האָט אים עפּעס הנאה געטאָן, וואָס ער האָט זיך נישט אַרומגעטראָגן מיט דער סחורה, נאָר זי באַלד געפטרט.

פאַניע האָט איצט אויף אים געקוקט, ווי מען קוקט אויף אַ קראַנקן. האָט אים געגרייט צום טיש און דערלאַנגט עסן. חוהטשע איז געזעסן

און מיט ליכטיקע אויגן געקוקט דאָ אויפן טאַטער און דאָ אויף דער מוטער. משהל איז געזעסן מיוחסדיק און געקוקט אין טעלער אַריין.

— כ'האָב זיך שוין געשראָקן. פונקט איז היינט פאַראַן אַ ציימונג וועגן שיסן...

נאָר משהל האָט געשמייכלט:

— ווייס איך וואָס זיי שרייבן דאָרט, אַ סברה גאָר, אַז דאָס טראַכטן זיי אומישנע אויס, כדי אָנצוּוואַרפן אַ שרעק, אַזוי שמועסט מען...

היינט געווען אין אַן אָרט, האָט מען דאָרט אַזוי דערציילט.

עפּעס אַ ווייכקייט האָט זיך מיטאַמאָל באַוויזן אויף זיין קרענקלעך פּנים. ער האָט אָנגעהויבן אויפמערקזאַמער קוקן אויף פאַניען און געזען ווי איר פּנים איז עפּעס אויסגעלייטערט און פאַרטראַכט, ער האָט געגומען דערציילן, אַז ער האָט היינט געהאַט אַ „שטיקל געשעפט". ס'איז געבליבן אַ פאַרדינסטל, גאָר אַ נישקשהדיקס.

נאָר אין מיטן רעדן, האָט ער דערפילט, אַז ער האָט עפּעס אַ טעות געהאַט... אַז פאַניע הערט גאָרנישט, וואָס ער רעדט. זי זיצט גאָר און קוקט אין פענצטער. די זון איז שוין געווען פאַרגאַנגען און פון דער גאַס האָט זיך געטראָגן אַ זומערדיקע שטילע פאַרנאַכטיקייט, וואָס וויגט איין און ברענגט-אויף פאַרגאַנגענע ווינטן... פון פאַניען האָט איצט טאַקע אַ בענקשאַפט אַרויסגעזונגען און אַ שטילער טרויער האָט פון פּנים געקוקט.

משהלען האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן אין האַרצן און ער איז שטיל געוואָרן אין מיטן רעדן, האָט מיט בלאָנזשנדיקע בליקן פרום געקוקט אַרום זיך און מיט אַמאָל אַ זאָג געטאָן:

— אַז מען האָט נישט קיין צייט צו הערן — פרעגט מען זיך באַלד נישט!?

האָט פאַניע געגעבן אַ הייב אויף די אויגן אויף אים, פון זיי האָט ווידער אַ קוק געטאָן עקל און פאַרדרוס, האָט זי גאָרנישט געזאָגט, זיך אויפגעשטעלט און אַריין אין צווייטן צימער. משהל האָט אָפּגעזיפצט שטיל און שווער, צוריק געפילט די עקשנותדיקע פאַרביסנקייט און ס'איז צוריק געווען די פייניקדיקע פרעמדקייט...

# III

אײנמאָל, אין אַ לײכטפאַרוואָלקנטן אינדערפרי, האָט משהל ליפּשיץ געשפּאַנט אין גאַס. דער הימל איז געווען איבערגעצויגן מיט בלײכע דינע געוועבן און דאָס ווינטל האָט מאָרגנדיק געגלעט מיט פרישקייט. די אַקאַציע־בײמער זענען שוין געשטאַנען ישוב־הדעתדיקע, געעלטערטע און שוין געהאַט אַראָפּגעשיט פון זיך דאָס ווײסע בליעכץ. האָט עס מיטאַמאָל אַ שמעק געטאָן מיט תשעה־באבדיקן ריח און משהל האָט טאַקע געטראָפן אין גאַס אַ סך מענטשן, וואָס זענען געגאַנגען באָר־וויס, אין „סטוקעלקעס" און מיט זײ געקלאַפּט איבער לײדיקע טראָטואַרן. איז ער זיך אַזוי געגאַנגען און געטראַכט אַרײנצוגײן צו זאַלקינען, געוואָר ווערן, וואָס עס הערט זיך. דער תשעה־באבדיקער ריח האָט אים אָבער אָפּגעהאַלטן, איז ער אַזוי לאַנג געגאַנגען, ביז ער האָט אָנגעטראָפן שקלאָװן.

איצט איז שקלאָוו געגאַנגען געלאַסן, איז געווען אָנגעטאָן אין שוואַרצן שטרויענעם קאַפעליוש, וואָס האָט געגלאַנצט אַזוי משונה, ווי ער וואָלט געווען אויסגעשמירט אין סמאָלע. מיט אים איז געגאַנגען וועקסלער, אַ בלײכער, אײדעלער יונגערמאַן אין אַ נײ סטודענטיש היטל, און בײדע האָבן גערעדט שטיל און געלאַסן. וועקסלער — וואָס איז בטבע געווען אַ העברעישער לערער און איצט אַ ביסל אונטערגעהאַנדלט מיט וואַליוטע — איז געווען אָן אַ מאַנטל און געהאַלטן בײדע הענט אין די קעשענעס. שקלאָוו ווידער האָט געטראָגן אַזאַ רעקל, וואָס איז געווען לענגער ווי געוויינלעך און ס'איז שווער געווען עס צוצורעכענען סײ צו אַ מאַרינאַרקע, סײ צו אַ מאַנטל. דאָס קמץ־בערדעלע איז געווען ווי פאַרשטויבט און אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ זאָנטיק. אַז זײ האָבן דערזען משהלען, האָט שקלאָוו אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און האָט דערבײ נישט געשמײכלט און נישט געווען ערנסט, נאָר גלאַט אַזוי ווי פאַרשטאַרט.

— וואָס־זשע הערט זיך?

אַזוי האָט געפרעגט ליפּשיץ און שקלאָוו האָט געענטפערט:

— ס'איז שטיל.

איז מען אַזוי געגאַנגען און דערווייל געשוויגן, ביז משהל האָט אַ פרעג געטאָן:

– װאָ אייך איז „עפּעס" פאַראַן?

– כ'האָב אַ ביסל „ציגיינערלעך" – איר האָט אפשר אַ בעלן?

– ס'קאָן זיך מאַכן.

– און ער – האָט שקלאָוו געוויזן אויף וועקסלערן – האָט אַן אָרט וואו מען קאָן קריגן „פודן" און „רויטע".

– גוט צו וויסן.

אַזוי האָט משהל געזאָגט און וועקסלער איז פון בלויזן רעדן געוואָרן נאָך בלאַסער און געהאַט אַזעלכע צעשראָקענע אויגן, אַז עס האָט אָנגענומען אַ רחמנות.

משהל האָט זיך פאַרקוקט אויף שקלאָווס האָלדז און געזען דעם העלן העפּט. האָט ער איצט געדענקט, אַז אָט דער שקלאָוו, וואָס איז ביז דער רעוואָלוציע געווען אַן אָנגעשטעלטער אין אַ באַנק און היינט האַנדלט ער מיט וואַליוטע – האָט זיצן אין שטוב אַ ווייב אַן ארורה, און אָט צוליב דער ארורה האָט ער זיך שוין אַמאָל געשחטן דעם האַלדז מיט אַ בריטווע. נאָר מען האָט אים אָפּגעראַטעוועט און איצט גייט ער אַרום, פאַרגעסן אין דער גאַנצער מעשה און האָט „ציגיינערלעך", און איז איינגעשטעלט מיטן לעבן און גאָרנישט...

האָט ווידער אַ קוק געטאָן אויף דעם בלייכן וועקסלערן. געדענקט, אַז ער איז כסדר געווען אַ לערער און האָט זיך אַ פרעג געטאָן:

– און פון ווען אָן פאַרנעמט זיך וועקסלער מיט די זאַכן?

– נישט לאַנג – האָט שקלאָוו געענטפערט – און דאָס בין איך טאָקע שולדיק. כ'האָב געזען, אַז ער דרייט זיך אַרום אַ הונגעריקער, אַ דערשלאָגענער, האָב איך אים אָפּגעשטעלט: „וואָס איז מיט דיר ברו־דער?" לאָזט זיך אויס, אַז ער איז שוין נישט אַליין, אַז ער האָט שוין גאָר אַ ווייב און ריכט זיך צו ווערן אַ טאַטע. נאָר קיין פרנסה איז נישטאָ. מילא, איז דאָך אַלץ גלייכער ווי הונגערן.

– אַזוי גאָר? וואָס איך הער! האָט איר שוין גאָר אַ ווייב?

– שוין באַלד אַ יאָר.

און משהל האָט זיך גאָרנישט געקאָנט אָפּוואונדערן:

— אַזוי גאָר? הער נאָר הער. האָט איר שוין גאָר אַ ווייב?... עוין באַלד אַ יאָר זאָגט איר?... וואָס איך הער?! כ'האָב אייך געקענט פאַר אַ לערער און אַ תּלמיד פון לערער־סעמינאַר... האָט עס מיך טאַקע געחידושט. אַ יונגערמאַן, איינער אַליין, ווי אַזוי נעמט ער און שטעלט זיך איין? אַזוי גאָר?! האָט איר שוין גאָר אַ ווייב...

ביידע האָבן געקוקט מיט וואונדער, אי אויף דעם, וואָס ליפשיץ קאָן זיך גאָרנישט אָפּוואונדערן, אי אויף דעם וואָס אים איז אַלץ רעכט געוואָרן דערמיט, וואָס ער האָט שוין אַ ווייב. נאָר ליפשיץ האָט עפּעס אין זיך געטראַכט און געדרייט מיטן קאָפּ.

ווען זיי האָבן זיך געזעגנט און משהל איז געבליבן אַליין, האָט ער ווידער טרויעריק געטראַכט פון דעם, וואָס ער איז געוואָרן אַ הפקר־יונג, וואָס משהל ליפשיץ איז געוואָרן אַ וואַליוטשאַרוש און עס אַרט אים גאָרנישט, כאָטש ער ווייסט, אַז דאָס שמעקט נישט מיט קיין קרעפּלעך... אים איז אויסגעקומען, אַז דאָס אַלץ איז איבער דעם, וואָס ער האָט אַ ווייב, וואָס הייסט פאַניע, האָט צו טאָן מיט אַזעלכע יונגעלייט ווי ליבעצקי און ער אַליין, נישט ער קאָן זיין מיט איר און נישט ער קאָן זיך אָפּטשעפּען פון איר. וואָרום וואָס? מען האָט שוין אַ דערוואַקסן קינד. גיי זיך איצט גטן און מאַך לייטיש געלעכטער! עפּעס מאָדנע: „משהל ליפשיץ האָט זיך געגט“ — ער פאַרשטייט נישט ווי אַזוי ער וואָלט דאָס געקאָנט הערן...

און כאָטש ער האָט דאָס שוין געטראַכט צום טויזנטסטן מאָל, איז עס אים איצט אויסגעקומען ווי אַ נייעס. האָט ער זיך אַליין באַדויערט און געטראַכט:

— איצט איז משהל ליפשיץ אַ הפקר־מענטש, נאָר קיינער ווייסט כאָטש נישט, וואָס אין האַרץ טוט זיך... און חוהטשע איז נישט קיין לעבעדיקע יתומה. מילא, זאָל שוין זיין, אַבי אָן לייטיש געלעכטער.

און מיט אַמאָל ווידער דערפילט די בלינדע שרעק אין האַרצן, אַזוי מיט אַמאָל, אַז ער האָט זיך אומגעקוקט און גענומען גיין שנעלער.

*

דערווייל האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן העלערע פלעקן אין וואָלקן־געוועב. די זון האָט אָנגעהויבן העלער דורכבליקן און עפּעס אין גאַס

איז געװאָרן פּרײלעכער. משהל איז אַרױס פֿון זאַלקינען און געטראַכט, אַז עס װאָלט גאָר געװען אַ יושר אַרײנצוגײן צו זילבערשטײנען, אפשר װעט ער נעמען אַ ביסל סחורה. און בײַ ראָזנצװײַגן װאָלט מען אױך געדאַרפט אַ פֿרעג טאָן... דערװײל איז אים אַנטקעגן געקומען אַ שװאַרצער, הױכער יונגערמאַן מיט שװאַרצע אױגן און עס האָט אין אים אַ געשרײ געטאָן:

- פּישבײן!

און ער האָט נישט געװאוסט פֿאַרװאָס, נאָר אין ברוסט איז אים הײל געװאָרן.

האָט פּישבײן זיך צעשמײכלט און באַװיזן שטאַרקע געלע צײן מיט שװאַרצע קאַנטן. האָט ער צו אים אױסגעצױגן די האַנט און זיך דערפֿרײט:

– איז װאָס-זשע מאַכט מען?

– װאָס זאָל מען מאַכן... מען מוטשעט זיך.

– און מיט פּרנסה?

– שװערלעך... און װאָס הערט זיך בײַ אײַך? – און געפֿילט האָט משהל, אַז עפּעס איז ער מיט אים צופֿיל הײמיש, נאָר ער האָט עפּעס אַנדערש נישט געקאָנט.

– װאָס זאָל זיך הערן. אַזױ.

– עפּעס האָב איך געהערט... כ׳װײס נישט צי ס׳איז אמת...

– װאָס מען קאָן אַלץ אױסטראַכטן. נאַרישקײטן.

און דערבײַ האָט זיך עפּעס באַהאַלטן און זײַן פּנים אין ער איז אַ װײַלע שטיל געבליבן.

דערװײל האָט די זון אַרױסגעשײַנט און די גאַס האָט זיך באַגאָסן מיט ליכטיקײט. די בײמער האָבן עפּעס העלער אױפֿגעגרינט און מען האָט אָנגעהױבן שמועסן װעגן מסחר סודותדיקער און ערנסטער.

– ס איז שטיל... האָט משהל געזאָגט.

– ס׳איז טאַקע שטיל, נאָר איך דאַרף איצט דװקא אַ ביסל סחורה... אַ געלעגנהײט... איז אפשר װאָלט איך...

משהל האָט געװאָלט זאָגן, אַז נײן, אַז ער האָט שױן איצט כּלל נישט צו טאָן מיט דעם, נאָר געזאָגט האָט ער גאָר:

– אין גאַס רעד איך נישט פֿון דעם.

— געראַכט... בפירוש געראַכט... — האָט יענער אונטערגעכאַפּט — וועל איך, הייסט עס, צו אייך אַריינקומען...

האָט זיך משהל דערשראָקן פון דעם, וואָס ער האָט נישט באַלד אָפּגעזאָגט און האָט זיך עפּעס קאָנצענטרירט אין זיך, אַריינטראַכטנדיק שווער און אַליין נישט געוואוסט, וואָס ער מיינט צו טראַכטן. נאָר פישביין האָט שוין גערעדט פון עפּעס אַנדערש, האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן דעם, וואָס די „רוצחים" זענען שוין גאָר שטאַרק צעטומלט און אויפן ים האָבן זיך שוין ווידער באַוויזן אויסלענדישע שיפן, און גענומען דערציילן אַ מעשה, ווי די דערפער האָבן זיך „אויפגעהויבן". אַז זיי ווילן נישט קיין באָלשעוויקעס ?! גיי טו זיי עפּעס... באַפאַלט מען די צוגן און ס'האַלט מיט די „גדולים" גאָר שמאָל...

ליפשיץ האָט אויסגעהערט און אַלע ווײַלע איבערגעפרעגט: אַזוי? טאַקע? און מיטאַמאָל האָט יענער זיך אָפּגעשטעלט און אים דערלאַנגט די האַנט.

— און ווען טרעפט מען אייך אינדערהיים?

— אין אָוונט.

און איידער וואָס, ווען — איז יענער דערווייל אַוועק.

משהל האָט געשפּאַנט ווייטער, נאָר אין האַרצן איז געווען אַזוי, ווי ער וואָלט אַריינגעגאַנגען אין קאַלט וואַסער און ס'האָט אים פאַרכאַפּט דער אָטעם...

און געטראַכט:

— ניין... איך האַנדל נישט מער... כ'האַנדל בכלל נישט... די גאַנצע צייט האַנדל איך נישט...

# IV

א פלאַמיקע זון האָט זיך געזעצט צווישן שווערע שטיקער וואָלקן. האָט אַ בלוטיקע רויטקייט פון דאָרט אַרויסגעשלאָגן, ווי די זון וואָלט זיך סוף־כל־סוף אַזוי צעגליט, אַז זי האָט זיך אָנגעהויבן צוצעגיסן, גיסט זיך די רויטקייט אין די שוואַרצע שטיקער אַריין... אין ליידיקייט האָט זיך דורכגעטראָגן עפּעס אַ שרעק: אָט וועט עפּעס באַלד געשען.

האָבן די בלעטלעך אויף די אקאַציע-ביימער אָנגעהויבן ציטערן אין עפּעס האַלט עמיצער אָפּן אַ גרויס מויל, נאָר צום אַרויסשרייען. לויפט אַ דראָזשקע גיך און שטיל. פון ערגעץ פון אָפן קלייט קוקט אַרויס אַ קאָפּ מיט אָוונטיקע אויגן. אַ ווינט האָט אַ בלאָז געטאָן און נאָכ-געלאָזט. האָט משהל געשפּאַנט מיט פרומע אויגן און מיט דער שרעק אין האַרצן באַגמיט ער זיך צו דערמאַנען עפּעס אַ וויכטיקע זאַך און געזעגנט נישט. ער געדענקט דערביי, אַז פאַניע קוקט לעצטנס אויף אים מיט מאָדנע אויגן, מיט עפּעס אַ בייזקייט און רחמנות קוקט זי.

דערמאָנט ער זיך אַ קלייניקייט:

ס'איז געווען אָט אַזאַ מין פּאַרנאַכט, אַ שטילער און שרעקעדיקער, ער איז אָנגעקומען פון גאַס און אין טויער געטראָפן פאַניען מיט לינעצקין. לינעצקי האָט זי געפירט געאָרעמט און פאַניע איז געווען פאַרטראַכט און מיט אַ גטבויגענעם קאָפּ זיך צוגעהערט צו זיינע רייד. האָט אָבער לינעצקי אים באַמערקט און אַרויסגעצויגן זיין האַנט. האָט פאַניע זיך פלוצלינג געגעבן אַ קוק-אום, לינעצקי האָט נאַריש גע-שמייכלט און פאַניע האָט דוקא אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ, זיך אָפּגע-שטעלט און געזאָגט, אַז זי גייט אַוועק שפּאַצירן, זי וועט גיך אַהיים קומען, גלייך ווי גאָרנישט. אַהיים געקומען איז זי אָבער שפּעט אין אָוונט — און מאָדנע ווי ער געדענקט איצט יעדע קלייניקייט, ער זעט געגוי ווי זי האָט אויסגעזען און זי האָט גערעדט, גלייך ווי עס וואָלט גאָרנישט געווען. פאַרקערט: זי איז עפּעס געווען גאָר אויפמערקזאַם צו אים — נאָר שפּעטער האָט זי זיך כסדר געזוכט צו וואָס זיך צוצו-טשעפּן און זיך צעברוגזן.

— איז וואָס זשע איז שוין ווידער?

איז ער אַזוי מיט געלאַסענע טריט אָנגעקומען אויף זיין הויף און אָנ-געטראָפן פאַניען. זי איז אַראָפּגעקומען פון די טרעפּ אין הויף אַריין. באַם ערשטן בליק האָט עס אין אים אַ ציטער געטאָן און עפּעס האָט זיך אין אים פאַרהאַרטעוועט: אָט אַזוי האָט זי דעמאָלט אויסגעזען... האָט ער זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט נאָך עמיצן גערעכנט צו דערזען, האָט עפּעס נידעריקער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אין האַלדז אַריין, צ. גויפגעצויגן די הויטן און ברעמען אַרום די אויגן, געקוקט דורך די „רערלעך“ און גלייכגילטיק שטיין געבליבן, ווי אַ מידער.

פּאַניע האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט און זיך באַמיט נישט אַראָפּצולאָזן די אויגן. נעבן איר האָט ער אויסגעזען מאָדנע צונויפגעקאָרטשעט, ווי עס וואָלט אים שטאַרק קאַלט געווען: שוין צו קרענקלעך האָט ער אויסגעזען אין פּאַרנאַכט נעבן דער שלאַנקער, בלאָנדער און קלאָרער פּאַניען. . . דערפאַר האָט איצט געשפּילט אַ רויטקייט אויף איר פּנים און זי האָט געזאָגט מיט רחמנות-ווייכקייט, ווי מען רעדט צו אַ קראַנקן:

— גייסט אַרויף? איך וועל אויך באַלד צוריקקומען.

אויף משהלס שטיל-קרענקלעך פּנים איז געלעגן אַ פּאַרטראַכטקייט. האָט ער עפּעס געקוקט אָן אַ זייט און בשעת מעשה אַפילו באַמערקט, אַז די פענצטער אינדערהייך זענען איבערגעצויגן מיט רויטן גלאַנץ.

האָט ער נאָר געפרעגט:

— און חוהטשע וואו איז?

— באַ בעלעטשקען, באַ די הורוויצעס.

אַ ווײַלע איז נאָך פּאַניע געשטאַנען אין פאַרלעגנהייט, ווי אַ פאַרטועטע, און איז אַוועק. איין ווײַלע האָט משהל געהאַט בדעה זיך אויסצודרייען און זיך אָן עפּעס איבערצייגן, נאָר האָט זיך פאַרעקשנט און נישט אויכדרייענדיק דעם קאָפּ געגאַנגען מיט שטילע טריט אין שטוב אַריין.

ער האָט אויפגעשלאָסן די טיר, איז אַריינגעקומען אין שטוב און זיך געכאַפּט אַ שטילע און פאַרטראַכטע, ווי עמיצער האָט זיך דאָרט באַהאַלטן נאָך עפּעס אַ זאַך, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן. האָט ער זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט זיך וועלן איבערצייגן, אַז דאָס איז טאַקע זיין שטוב, האָט אויסגעטאָן דעם הוט און זיך פאַרקוקט אין פענצטער.

בשעת-מעשה ווידער אַ טראַכט געטאָן:

— און וואָס קאָן פאַרט ווערן דער סוף פון אַזאַ לעבן? האַ?

ס'איז שוין געווען אָוונט און איבער די שויבן איז געהאָנגען אַ פאַרטראַכטע פרומקייט, וואָס האָט געקוקט פון פאַרנאַכטיקער ליידיקייט. צום פענצטער האָבן זיך דערטראָגן שטיקער פון שווערע געשרייען, ווי אין גאַס וואָלטן פורמאַנעס זונטערגעשטופּט שווערע וועגענער מיט משאות און מיט הייזעריקע קולות געשריגן צו די פערד. ער האָט אין זיך דערפילט אַ שוידער, האָט ער אָפּגעקרעכצט שטיל, איינגעהאַלטן

און באַמערקט, אַז דער לופטשיק שטייט אָפן, האָט ער אים פאַרמאַכט און אַליין זיך אַוועקגעלייגט אויף דער אָטאָמאַנע, וואָס איז געשטאַנען מיט בלינדע אויגן און שווער געגאַפּעט. זיין געלבלעך פּנים איז איצט געווען טונקל און די ברוין-טונקעלע אויגן איינגאַנצן פאַרנעפּלט אין מאַטקייט. האָט ער זיך איינגעקאָרטשעט אין ווינקל אָטאָמאַנע און ס'איז אים אויסגעקומען, אַז ער איז עפּעס גאָר קליין-געוויקסיק, עפּעס האָט זי גערעדט אַזוי ווייך:

— גייסט אַרויף? איך וועל אויך באַלד קומען.

— וואו-זשע אייגנטלעך האָט זי איצט געקענט גיין?

און מאָדנע, אים האָט איצט גאָרנישט פאַרדראָסן אויף דעם, וואָס ס'קען זיין, אַז זי איז זיך געגאַנגען טרעפן מיט לינעצקין — אַלנפאַלס האָט ער אַזוי געטראַכט, נאָר אים איז אויסגעקומען, אַז עס דערנענטערט זיך עפּעס אַ סוף, אַז עפּעס וועט געשען, און האָט ווידער דערפילט די בלינדע, נאָר עקשנותדיקע פאַרביסנקייט:

— עס מוז דאָך אַמאָל אַ סוף נעמען.

ס'איז געוואָרן שוין גאָר טונקל. פון די ווינקלען האָבן שאָטנס זיך גע-רוקט שאָרכנדיק, און דער בופעט איז געשטאַנען מיט טרויעריק-אויפגעריטענע מויל און אויערן. משהל האָט זיך עפּעס מאָדנע צוגע-הערט, ווי ער וואָלט געהערט דאָס שאָרכן פון פרעמדע שאָטנס און מיט פאַרביסנקייט אין זיך איבערגעחזרט:

— זינט דער געשיכטע מיט לינעצקין, זינט ער האָט זיי געטראָפן זיצן אין שלאָף-צימער און ביידע זענען געווען אַזוי לעקישעוואַטע... זינט דעמאָלט נאָך-שוין עטלעכע יאָר... זענען זיי זיך סיי ווי פרעמדע. מען געפינט זיך נאָר אין איין הויז, מען האָט אַ קינד בשותּפות, און מען וואָרט. אויף וואָס וואָרט מען? און נאָכוואָס איז זי די מוטער פון זיין קינד? געקומען באַלשעוויקעס. אַ צייט שטיל געווען...

— וואו אייגנטלעך האָט זי איצט געקענט גיין?

ס'האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּן אין טיר. ער האָט זיך מיטאַמאָל דער-מאָנט אָן פישביינען, און ער האָט נישט געדענקט, אַז ער האָט בא זיך באַשלאָסן נישט צו „האַנדלען" מיט אים. עפּעס זיין עקשנות האָט ווי אַ בלאָם פאַרצויגן איבער דער בלינדער שרעק.

און גייענדיק צו דער טיר עפענען געטראַכט:
— נאַרישקייטן... כ׳ווייס דען נישט מיט וועמען איך רעד?...

*

פישביין האָט זיך סודותדיק אַרומגעקוקט און משהל האָט געזאָגט:
— זעצט אייך, וועט מען אָנצינדן פייער.
האָט אָנגעצונדן דאָס אייל־לעמפּל — אַ קנייטל פון וואַטע, וואָס איז געלעגן מיט איין עק אין אַ בלעכן דעקל פון אַ שעכטל, אין וועלכן ס׳איז געווען אָנגעגאָסן אַ ביסל בוימאייל. צו ערשט האָט זיך דאָס קנייטל צעשפּריצט מיט דינענקע פונקען, דערנאָך האָט זיך דאָס פייערל אויסגעצויגן אין אַ שמאָל לאַנג צינגל און געוואָרפן אַ טונקל־רויטן שיין אויפן טיש. די שאָטנס אין שטוב האָבן זיך אָנגעהויבן שטופן הינטערוויילעכץ און זענען געבליבן ליגן אויף אָטאָמאַנע און בופעט. די שטילקייט איז געווען אַ שווערע, ווי אין שטוב וואָלט געלעגן אַ גוסס.
— איז וואָס זשע האָט איר געוואָלט זאָגן?
משהל איז געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, אין אים האָט זיך געמישט שרעק מיט עקשנות, דערפאַר האָט ער זיך פאַרביסן און רויק אויסגעהערט. פישביין האָט גערעדט זייער שטיל און דערשראָקן. האָט אַ פּאָר מאָל אָפּגעהוסט מיט הוילע לייכטע הוסטלעך אין מיטן רעדן און געוואָרן דרייסטער. האָט ער אויסגעזען, ווי ער וואָלט דאָס געבעטן פאַר זיך אַ טובה. און דערפאַר, וואָס ער האָט גערעדט אַזוי סודותדיק שטיל און צעטומלט, האָט זיך משהלס פאַרביסנקייט געשטאַרקט און ס׳האָט אים עפּעס אָנגעהויבן הנאה טאָן די איינשטעלעניש.
— ס׳איז גאָר אַ גרויסער סוחר... טאַקע היינט געקומען פון קיעוו...
איך האָב שוין גערעדט אויף אים... דאַרף ער האָבן אַ ביסל „סחורה“...

דאָס קנייטל האָט זיך שוין געהאַט צעברענט און פון שפּיץ פייערל האָט זיך שוין געצויגן אַ דינער שוואַרצער פאָדעם. משהל האָט צו־נויפגעצויגן די הויט אַרום די אויגן און אַלץ אַזוי רויק געפרעגט:

— מוז מען צוליב דעם קומען אַזש קיין אָדעס? אין קיעוו קריגט מען נישט?

האָט יענער נאָך שטילער און ערנסטער געזאָגט:

— איינמאָל, שטייט אין קיעוו „פּעסטער״... שטאַרק „פּעסטער״... דאָס איז נומער איינס. צווייטנס ווידער: קיעווער „לייט״ האָבן אויגן אין די פּלייצעס... יענע „גדולים״ — וואו מען זייט זיי נישט, וואַקסן זיי אויס... און דעם ריכטיקן אמת געזאָגט: זעט מיר אויס, אַז ער איז פּלוצלינג פון דאָרט אַנטלאָפן... ער איז פון די גרויסע קאַרפּן־קעפּ. דער גרויסער בורזשוי... וויל ער איצט גאָר אַריבער די גרענעץ...

— אַזוי...

און משהל האָט אויפגעהויבן קאַלטע יאושדיקע פיש־אויגן און יענער האָט געקריגן אַ וויינענדיק פנים, ווי עס וואָלט אים געאיבלט.

— און איר קענט אים, דעם סוחר?

— שייך צו זאָגן... וואָס פעלט אייך איין, אַ הפקר־מענטש בין איך? נאָך אַ מין קענען! פאַר וועמען האַלט איר מיך, איך בעט אייך, פאַר אַ ייגנגעלע? נאָך מיט יאָרן צוריק פלעג איך פאַר אים קויפן סחורה. ער האָט געהאַט אַ זאַוואָד פון זייף, האָב איך פאַר אים געקויפט סאָדע, קאַנעפאַניע... קען ער מיך שוין...

— אַזוי...

און משהל האָט אויסגעשטעלט די אויגן אויף די שוואַרצע, בלינדע שויבן, האָט אויפגעהויבן די ברעמען און דער שטערן האָט זיך איינגעשרומפּן אין דינע לאַנגע קנייטשעלעך: ער האָט זיך איצט דערמאָנט, אַז ער פלעגט טאַקע טרעפן אָט דעם פישביינען באַ זיינע באַקאַנטע סוחרים, וואָס פלעגן האַנדלען מיט סאָדע און קאַנעפאַניע... האָט ער גלאַט אַזוי שוין געפרעגט:

— פון וואַנען־זשע טרעפט איר צו מיר?

האָט זיך יענער באַליידיקט:

— וואָס הייסט טרעפן? וואָס בין איך וואָס? אַ מענטש פון יענער וועלט? מען איז דאָך אייגענע מענטשן... איבעריקנס, פאַר פרעגן קומט דאָך קיין פּאַטש נישט... נישט — בין איך שוין נישטאָ.

איצט האָט משהל אַ שמייכל געטאָן, ווי ער וואָלט נאָך אַ פּרואוו זיך

איבערצייגט אין דער ריכטיקייט... האָט ער שוין פאַרגעסן די שרעק און די עקשנות, האָט אויסגעקערט די אויגן צו יענעם און געזען, אַז זיין פּנים איז באַליידיקט:

— אַ סך דאַרף ער?
— שפּאָר.
— וואָס אַזוינס?
— אַ ביסל „לאַנגע" אָדער „פּודן" און אַ ביסל „בלעך"...—איבעריקנס: ער אַליין וועט שוין מיט אייך שמועסן.

ליפּשיץ האָט אַרויסגענומען זיין שוואַרצע פּושקע, האָט פאַרדרייט אַ פּאַפּיראָסל, הערנדיק יענעמס סודותדיקע רייד. האָט דאָס פּאַפּיראָסל אַריינגעזעצט אין אַ ציגאַרנשפּיצל, זיך צוגעבויגן צום פלעמל, געגעבן אַ צי, און דער פּאַפּיראָס האָט געגעבן אַ שלונג-איין אַ האַלב פייער-צינגל. דאָס איבעריקע האָט זיך געגעבן אַ קאַרטשע-איין און דער קאָפּיטש איז זיך צעלאָפן אין די זייטן. האָט ער זיך צוריק גלייכגע-זעצט, דאָס פלעמל איז צוריק גאַנץ און אויסגעצויגן געוואָרן. משהל האָט געשמאַק פאַרצויגן, ווי פאַרן שליסן אַ גוט געשעפט... און פאַרריסן דעם קאָפּ מיט דעם בערדל, אַרויסלאָזנדיק דעם רויך דורך מויל און נאָז, ווי שטראָמלעך און געזען, אַז אויבן, אויף דער סטעליע שפּאַרט-זיך דער שוואַרצער פאָדעם אין מיטן ליכטיק-צעגאָסענעם פלעק און שטראָמט ווי רויך אין אַלע זייטן אַריין.

— הייסט עס: איר וועט קומען מיטן סוחר?
— נו געוויס. כאָטש איך קאָן אייך אויך זאָגן, וואָס אַזוינס ער דאַרף.

האָט דערביי אַרויסגענומען אַ קליין נאָטיץ-ביכעלע און גענומען אויס-רעכענען די „סחורה".

דערווייל האָט זיך געעפנט די טיר און פאַניע איז אַריינגעקומען. זי איז אָנגעקומען מיט פרישקייט און מיט יונגן אָטעם און עפּעס ווי צעכעסט. זי איז געווען אין די בלויזע העלבלאָנדע האָר און דאָס היטעלע געטראָגן אין האַנט. דער מאַנטל איז געווען צעשפּילעט און נאָר דער פּאַסעק, וואָס האָט שטאַרק אַרומגענומען די לענדן, איז געווען פאַרקנעפּלט. פון טונקעלן קלייד האָט אַרויסגעשיינט איר פולער ראָזער האַלדז-און-נאַקן. זי האָט לייכט געשפּאַנט, באַוועגנדיק מיט די היפטן

און דער אויבערשטער טייל קערפּער האָט זיך געוויגט מיט אַ שטיל פאַרהוילן געזאַנג. האָט משהל נאָר איין קוק געטאָן און גלייך צוריק־גענומען די אויגן און עקשנותדיק נישט געוואָלט פאַרנעמען אירע טריט. פישביין האָט זיך עטוואָס געגעבן אַ שטרעק־אויס און זיינע שוואַרצע אויגן האָבן זיך אַ גליטש געטאָן איבער דעם שטיל־זינגענדיקן גוף. האָט פאַניע פון דעם בליק עפּעס אַ ציטער געטאָן, זיך עטוואָס פאַר־האַלטן און אַ שווערע אומרויקייט האָט ווי אַ שטילער, נישט זעבאַרער פלאַם אַ ברי געטאָן איר האַרץ. . . ווי זי וואָלט אַן אומגליק דערזען. זי איז באַלד אַריין אין צווייטן צימער און פישביין איז עפּעס צעטומלטער געווען.

נאָר ליפשיץ האָט גאָרנישט באַמערקט. צופיל האָט שוין דער עקשנות־דיקער יאוש געשטאָכן אין האַרצן.

פאַניע האָט דאָרט אויסגעטאָן דעם מאַנטל, איז געווען שטאַרק צערו־דערט און אַליין נישט געוואוסט, וואָס ס׳איז מיט איר געשען. עפּעס האָט זי געהאַט דאָס געפיל, אַז זי האָט דערזען אַ גרויל און ווייסט נישט וואו. . . „ליניעצקי איז נישט געקומען. . . דאַרף מען נישט״. . .

זי איז צוריק אַרויסגעקומען אין דער ערשטער שטוב.

— און וואו איז דאָס קינד? באַם שכן נאָך?

משהל האָט געהערט, ווי איר שטים האָט עפּעס מאָדנע אַ ציטער געטאָן. האָט ער פאַרביסן געענטפערט.

— מסתּם. . .

און ער האָט זיך נישט אומגעקוקט. עפּעס איז איצט ווידער געוואָרן אומרויק אין אים, און ווי ער וואָלט דאָס אַליין געוואָלט.

פאַניע איז אַרויס פון שטוב.

— ס׳איז דאָך אַ גרויסע טומע, — האָט משהל געזאָגט — ווער איז אים־שטאַנד אויסצולייגן?

— וואָס הייסט אויסלייגן? ער וועט אייך געבן געלט, וועט איר אים קויפן.

— אויף וועץ דאַרף ער עס?

— וואָס פריער. ער וואַרט דאָך נאָר אויף דעם. און וואָס גייט עס אייך? אָט גיי איך שוין און אין אַ האַלבער שעה אַרום, אפשר נאָך ווייניקער,

בין איך דאָ מיט אים צוריק, וועט ער אייך געבן געלט, אַ קאָנטע דערוויילּ, וועט איר אים צוגרייטן אויף מאָרגן, וועט ער אייך צוצאָלן— און אַראָפּ פון מאַרק.

— אויף מאָרגן? אין אָוונט אפשר.

— מילא, אין אָוונט, איז אין אָוונט. און טאַקע גלייכער אויך.. כאַפּן קאָן מען דאָך דאָ נישט...

פון די לעצטע ווערטער איז משהלען געוואָרן שלעכט אויפן האַרצן. נאָר יענעמס פּנים איז געווען נאָך ערנסטער און משהל האָט ווי נישט־ווילנ־דיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און בשעת־מעשה געטראַכט, אַז אַזאַ גרויסע „אָפּעראַציע" וועט ער אַליין נישט באַווייזן ביז מאָרגן. וועט מען מוזן צוויסן געבן נאָך עטלעכע.

— וועט איר דאָ צוּוואַרטן?

— כ'גיי נישט אין ערגעץ...

✿

אַז פישביין איז אַרויס, איז משהל געבליבן מיט אַ געקנייטשטן שטערן און דוקא געוואָלט פאַרשטיין, פאַרוואָס ס'איז גלייכער אין אָוונט.. דערהייל איז פאַניע אַריינגעקומען מיט חוהטשען און האָט זיך געבייזערט:

— ס'איז שוין אַכט אַזייגער און באַ איר איז איצט טאָג געוואָרן.. עקשנטע!

זי האָט אויסגעצויגן דאָס לעצטע וואָרט און די אויגן נישט אויפגעהויבן.

האָט משהל שוין פאַרגעסן וועגן וואָס ער טראַכט, איז ער געשטאַנען קרענקלעך רויק און באַם שיין פון אייל־לעמפּל איז זיין געלבלעך־געקנייטשט פּנים אויסגעקומען ווי פאַרקאָפּטשעט און די האָר פון בערדל צונויפגעגאָסן אין איין קאָלטן.

— זי שטייט. וואָס־זשע שטייסטו ווי אַ גולם?

משהל האָט זיך אומגעקוקט מיט וואונדער, און מיט עקשנות געזאָגט:

— קיין אַכט איז נאָך אפילו נישט... דערביי געקוקט דורך די „רער־לעך" אויפן זייגערל — עס פעלט נאָך צו אַכט. נאָר גאָרנישט. שוין צייט צו זיין אין שטוב.

פּאַניע האָט אויפגעהויבן די אויגן אויף אים און זיי באַלד אָפּגעקערט. האָט גאָרנישט געזאָגט און זיך גענומען אָנצונדן דעם נאַפט־לאָמפּ, וועלכן מען האָט געברענט נאָר באַם עסן, און בשעת מעשה געטראַכט: ס'אמתע לעבן, אפילו קיין לאָמפּ קאָן מען נישט ברענען ביים „גביר" משהל ליפשיץ...

משהל איז געשטאַנען נעבן הוהטשען און שטיל איר געגלעט איבער די האָר און דאָס קינד האָט דערביי אויסגעשטעלט גרויסע רחמנותדיקע אויגן. דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף דער אָטאָמאַנע און זיך איינגעקאָרטשעט. האָט געקוקט אויף פּאַניען, וואָס האָט אויסגעזען ווי צוריקגעקומען פון טעאַטער, זיך באַמיט זי זאָל דאָס נישט באַמערקן און ווידער אַ טראַכט געטאָן:

— וואָס־זשע, ס'וועט גאָר קיינמאָל קיין סוף נישט נעמען צו די צרות?

די קנויט פון לאָמפּ האָט רויט געברענט און געקאָפּטשעט, פּאַניע האָט אַרויפגעשטעלט דאָס גלעזל און דאָס פייער האָט זיך באַרויקט, אויסגעלייטערט און איבער דער שטוב האָט זיך אַ העלע ליכטיקייט צעגאָסן. די שאָטנס האָבן אָפּגעטרעטן אין ווינקל אריין, זיך פאַרזעצט אין די שפּאַרעס און פון דאָרט געלאָקערט. האָט פּאַניע געמאַכט אַ גרימאַסע:

— די אמתע עלעקטריע!

און איז אַוועק זיך וואַשן די הענט.

ס'איז געוועזן שטיל אין שטוב. פּאַניע האָט הוהטשען געגעבן עסן. האָט אפילו געפרעגט משהלע, צי ער האָט שוין אויך בדעה צו עסן וועטשע־רע. האָט ער דוקא שטיל און רויק געענטפערט, אז נאָך נישט, האָט אַריינגעקוקט אין אַ נאָטיץ־ביכל און געפילט, אַז עס איז אים שטאַרק שווער, ביז מען האָט אָנגעקלונגען אין טיר, איז ער לאַנגזאַם אויפ־געשטאַנען, געזען ווי פּאַניע קוקט מיט וואונדער און מיט אויסגעשפּיגלטע אויערן, האָט ער גאָרנישט געזאָגט און געעפנט.

עס איז אַריינגעקומען פישביין מיט נאָך איינעם, אַ הויכן פאַרשוין. יענער איז געווען אָנגעטאָן ריין און גלאַט ראַזירט. האָט געטראָגן פּענסנע און אַ היטל מיט אַ דאַשעק. ער האָט זיך באַגריסט ערנסט און יחוסדיק. האָט שטיל געוואַרט, ביז משהל האָט גענומען דאָס איילעמפּל און זיך געלאָזט מיט זיי אין צווייטן צימער אַריין.

פישביין האָט ווידער איבערגעלאָזט אַ משונהדיקן בליק אויף פאַניען און פאַניע איז ווידער געוואָרן דערשראָקן.

איז זי געזעסן צערודערט און מיט אָנגעשטרענגטקייט. זיך צוגעהערט ווי מען שעפּטשעט דאָרט אין אַנדערן צימער. דאָס מיידעלע האָט עפּעס געוואָלט פרעגן, נאָר געזען ווי די מאַמעשי איז פאַרנומען און הערט זיך צו עפּעס צו, האָט עס געשוויגן און אַליין אויך געקוקט מיט צעשראָקענע גרויסע אויגן.

אַזוי האָט געדויערט ביז זיי זענען אַרויסגעקומען. פאַניע האָט זיך באַמיט נישט אומצוקוקן זיך אויף זיי. יענע האָבן זיך געזעגנט:

— הייסט עס: אויף מאָרגן.

— יאָ.. אין אָוונט.

— אַזוי אַרום זיבן — אַכט?

— כ׳רעכן.

אַז יענע זענען אַרויס, האָט זיך פאַניע ראַפּטום אויפגעשטעלט מיט צעטומלטקייט אויפן פּנים:

— ווער זענען זיי?

— דו קענסט זיי נישט.

— וואָס האָבן זיי דאָ געטאָן?

— וועגן געשעפט.

האָט פאַניע דערווייל זיך נענטער צוגעקוקט צו דעם קרענקלעך-גע־קנייטשטן פּנים, האָט זי פאַרצויגן די ליפּן און שוין מער גאָרנישט געזאָגט. אויפן אָרט פון דער אומרויקייט איז געווען איצט אַ צער און אַ רחמנות צו אייגן לעבן. משהל האָט זיך דערפילט שטאַרק געפאַלן און גאָר שטאַרק יאושדיק. האָט ער אָנגעטאָן דעם מאַנטל מיט אַ קרעכצל.

אין זינען געהאַט מער גאָרנישט צו זאָגן און פּאַרט געזאָגט.

— ס׳איז אַ גרעסערע „אָפּעראַציע”... מוז איך טאַקע שוין צוגיין אויף אַן אָרט...

פאַניע האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר דאָס מיידעלע האָט דערווייל אָפּגערוקט פון זיך דאָס גלאָז טיי.

— וואָס איז שוין? וואָס טרינקסטו שוין נישט?

משהל איז אַוועק. אויף די טרעפּ האָט ער אָפּגעזיפצט און יאושדיק אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ מיט באַדויערונג...

## V

פאַניע איז געלעגן אין בעט מיט פאַרמאַכטע אויגן און ס'האָט זיך מיטאַמאָל צעשמייכלט אין איר. ס'איז איר מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן, אַז נישט לינעצקי איז נישט געקומען צו דער באַשטימטער צייט, נאָר זי איז געקומען צו פרי און דערפאַר איז זי באַלד אַוועק פון בולוואַר... האָט זי איצט געטראַכט וועגן דעם, וואָס ער האָט דאָרט לאַנג און מיט אומגעדולד אַרומגעשפּאַנט און אַלע ווײַלע אויפגעהויבן די אויגן... האָט זיך דער שמייכל צעוואקסן און זיך פאַרענדיקט מיט אַ טרויעריקן באַנג. האָט זיך אָנגעהויבן וויגן אַזאַ לייכטער שטילער נעפּל מיט אַ ריח פון פאַרגאַנגענע טעג און ס'איז צוריקגעקומען יענער שטילער אָוונט, וואָס האָט זיך מיט יובל און סוד אַרייַנגעגאָסן אין לייב און מיטן בלוט זיך אויסגעמישט... פלוצלינג, אומגעריכט, כאָטש זי האָט עס געפילט אין שכרותדיקע פאַרפלאָנטערטע געדאַנקען, איז זי אינגאַנצן איינגעהילט געוואָרן אין לינעצקיס אָרעמס. אָט קומט עס צוריק, זי פילט אַלע זיינע גלידער און זיינע ליפּן זענען צוגעוואקסן צו אירע. האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין אַזאַ פאַרכאַפּטן ציטער, וואָס איז אויסגעהאָדעוועט געוואָרן פון אַ סך בענקענדיקע נעכט... פון זיינע ליפּן ציט זיך אַזאַ לאַנג דין באָדעלע, וואָס דערגרייכט צום האַרץ, צעגיסט זיך אין די בלוטן און שטורעמט זיי אויף... דער קאָפּ זינקט אין שכרות. אַ שטילע פרייד ציטערט אין גאַנצן גוף און שרייט מיט אַ שטיל געשריי...

זי האָט ליידנשאַפטלעך־שכרותדיק אָפּגעזיפצט און עס האָט איר איצט באַנג געטאָן דער פאַרלוירענער אָוונט... אָבער ער איז דאָך שוין איצט נישטאָ אויפן בולוואַר... פאַרוואָס־זשע איז זי אַזוי גיך אַוועק?..

האָט זי זיך אָנגעהויבן קערן פון זייט אויף זייט און אַ גרויס בענקשאַפט האָט פון איר געשריגן. דאָס לייב אירס, דאָס קלאָרע, צאַרטע לייב האָט שטום און פאַרשעמט געוויינט. . . האָט זי מיטאַמאָל געעפנט די אויגן, זיך אויפגעזעצט און געצויגן די ברעמען מיט פרומקייט, זיך געוואָלט עפּעס דערמאָנען, האָט זיך אָבער גאָרנישט דערמאָנט. האָט זי מיט דער רעכטער האַנט אַ גלעט געטאָן די לינקע פון עלנבויגן ביזן אַקסל, האָט אָפּגעאָטעמט פון שווערקייט און פון לעכצונג נאָך קומענדיקע אָוונטן און זיך צוריק געלייגט.

דער קלאַפּ־שלאָס האָט זיך דאַרט מיט אַ הייזעריק קוויטשל אויפגעשלאָסן די טיר האָט אַ שאַרפיע געטאָן און דער שלאָס איז צוריקגעפאַלן מיט אַ פייכטן שנעל. ס׳האָט זיך דערהערט אַ טרוקן הוסטל, גלאַט אַזוי זיך אַ הוסטל. דערפאַר וואָס מען באַגעגנט זיך מיט פאַרגאַפּטער שטילקייט. פאַניע האָט מיט עקל אַ טראַכט געטאָן:

— עס גייט שוין. . .

און ערגיץ טיף אין דער נשמה האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ שאָטן פון האָפענונג. זי האָט עס אַליין נישט פאַרשטאַנען, נאָר עפּעס אינסטינקטיוו האָט אָט די האָפענונג דערוועקט אַ טויבע שרעק. מיטאַמאָל האָט זיך איר דערמאָנט דער פרעמדער, וואָס האָט אַזוי מאָדנע געקוקט... אָבער דער שאָטן האָט זיך גלייך אָפּגעווישט און זי האָט אין זיך אַ שוידער געטאָן פון זיין הוסטל און פון זיינע ווייכע קראַנקע טריט. . . ער האָט זיך דאָרט עפּעס געפּאָרקעט, דערנאָך שטיל אָפּגעקרעכצט און דאָס קרעכצל האָט אין איר דערוועקט רחמנות צו אייגן לייב־און־לעבן. און אַז ער האָט זיך דערנענטערט צו דער אָפענער טיר פון שלאָפצימער און אַריינגעפרעגט:

— שלאָפסט שוין? —

האָט זי געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן און ס׳איז איר גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז מען קען ענטפערן אויף אַזאַ פראַגע.

האָט ער דאָרט אַרומגעשאַרפיעט מיט ווייכע טריט. זיי זענען געקומען פון ווייטער און נענטער. אַ בענקל האָט אַ קרעכץ געטאָן און באַלד אַ טאָפּלטן קרעכץ און ער אַליין האָט שטיל און שווער אַרויסגעלאָזט דעם אָטעם. פאַניע האָט זיך עפּעס מאָדנע צוגעהערט צו זיינע טריט

און פון זייער ווייכקייט געפילט אַ שרעק. איז איר אויסגעקומען, אַז זי וויל אים רופן און נישט געוואוסט נאָך וואָס. . .

ביז — אַ טונקעלע רויטקייט האָט זיך מיט שטומען ערנסט אַריינגעגאָסן אין שלאָפצימער. משהל איז אַריינגעגאַנגען, טראָגנדיק דאָס אייל־לעמפּל מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט. האָט אַלץ געטרעטן מיט טויטע טריט. דאָס פלעמל האָט זיך געצויגן צו זיין אַקסל און דער קאָפּיטש איז דורכגעלאָפן אין יענער שטוב אַריין. האָט פאַניע געקוקט דורך די וויעס און געזען ווי זיין פּנים איז פאַרוועלקט־רויק און מאָנאַכיש־פאַר־ביסן, האָט זיך אין איר עפּעס אויסגעמישט און זי האָט נישט געוואוסט וואָס זי וויל זאָגן. ער האָט אַוועקגעשטעלט דאָס לעמפּל און דאָס פלעמל האָט זיך גלייך אויסגעצויגן.

— אַ באַלייכטונג. . ס'איז אַ ט ו י ט, נישט קיין באַלייכטונג.

אַזוי האָט זיך שטיל אַרויסגערעדט פון זיין מויל און אַזוי רויק, —נישט ער האָט עס געזאָגט, נאָר ס'האָט זיך געזאָגט.

פאַניע האָט זיך מיטאַמאָל דערמאָנט פישביינס בליק און די הוילע שרעק האָט אויפגעשריגן אין איר. אפשר דערפאַר, ווייל זי האָט דער־הערט דאָס וואָרט : טויט.

— משהל, איך האָב עפּעס מורא. . .

ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ מיט פאַרשמורעטע אויגן און מיט ווייטיק אַ ציי געטאָן דאָס גאַנצע פּנים, ווי עס וואָלט אים איבערגע־שראָקן דאָס, וואָס זי שלאָפט נישט. און אפשר דערפאַר, וואָס זי האָט אים דערמאָנט אין דער אייגענער שרעק, וואָס איז געלעגן אונטער עקשנותדיקן כּעס. האָט צוריק נאָכגעלאָזט דאָס פּנים, האָט זייער שטיל אַראָפּגעלאָזט אַ זיפצל און דער יאוש מיט דער פאַרביסנקייט האָט צוריק די שרעק פאַרפלייצט. האָט ער אָנגעהויבן זיך אויסטאָן און אַלץ אַזוי רויק מיט איראָניע :

— וואָס עפּעס פאַר אַ מורא אין מיטן דערינען. . . אין מיטן האַרטן שלאָף?

— עפּעס געפעלט מיר נישט. . . עס געפעלט מיר זייער נישט. . .

— וואָס־זשע אַזוינס געפעלט דיר נישט פלוצלינג? האַ? — אַלץ אַזוי רויק, כּאילו לא ידעדיק, זעצנדיק זיך אויף זיין בעט, אויסקומענדיק מיטן רוקן צו אירן.

פֿאַניע האָט אַ טראַכט געטאָן: „און איך דאַרף רעדן”... און זי האָט דאָך געזאָגט:

— האָסט געזאָגט: אַ גרויסע „אָפּעראַציע”.

— איז בכן? — אַלץ נישט אומקוקנדיק זיך און אויסטוענדיק זיך. — אַ נפקא מינה: אַ גרויסע צי אַ קליינע.

פֿאַניעס שרעק האָט אויסגעוועפּט.

— דעם פֿאַרשוין קענסטו כאָטש?

— וואָס פֿאַר אַ פֿאַרשוין? פּישביינען? וואָס איז שייך? מסתמא קען איך אים.

פֿאַניע האָט שוין געשוויגן און געהאַט פֿאַרגעסן די שרעק. ס'האָט איר איצט פֿאַרדראָסן אויף דעם, וואָס זי האָט גאָר אָנגעהויבן רעדן און בעטראַכט: „און ס'איז דיר נאָך אַ מיוחס... און קליגעטשקע איז עס... עפּעס אַ קלייניקייט”...

— ער געפֿעלט דיר טאַקע נישט? וואָס־זשע? — זיך משדך זיין מיט אים ביסטו טאַקע נישט מחויב...

זי האָט פֿאַרמאַכט די אויגן און געוואוסט: מער וועט זי קיין איין וואָרט נישט רעדן.

ער האָט אַראָפּגעצויגן די שיך און גערעדט קרעכצנדיק:

— שטותים... וואָס איז דאָ פֿאַראַן מורא צו האָבן? צי איך קען אים? — געוויס קען איך אים... און וואָס עפּעס פּלוצלינג דאָס שרעקן זיך?... ס'ערשטע מאָל? משהל ליפּשיץ איז שוין ב"ה דער אמתער וואַליוטשאַרזש, דער אמתער הפקר־יונג און שרעקט זיך שוין נישט אפילו פֿאַרן טייוול...

פֿאַניע האָט אַ ציטער געטאָן און אַליין נישט געוואוסט צי פֿון כעס צי פֿון שרעק. זי האָט אָבער גאָרנישט געזאָגט און געפֿילט. אַז זי וויל צוריקקערן צו איר טראַכטן. דערביי איז איר איינגעפֿאַלן: „און אָט דאָס דאַרע קאַלטע יידל מיט די קאַלטע פֿינגער וועט שטערן... אַ מאָדנער כוח ליגט אין דעם מענטשל: אַלץ דערפֿילט עס, אַלץ דערשמעקט עס באַלד, ווי אַ קאַץ”...

משהל האָט זיך דערווייל געלייגט, זיך געהילט אין דער קאָלדרע און גערעדט ווי צו זיך אַליין:

— שטותים... אויב זוכן — זוכט מען די קאַרפּן־קעפּ! אָבער מיך?
אַ מענטשל פון אַ ת״קער מיט אַ „גרינעם״? שטותים...
האָט זיך שוין געהאַט איינגעהילט אין דער קאָלדרע און אויסגעלאָזט:

— מילא... וואָס משטיינס געזאָגט האָב איך דאָ אַנצוווערן? — דאָס קאָפּיטש־לעמפּל מיט דער ציקאָריע־טיי?
און דוקא דערפאַר, וואָס פאַניע האָט זיך געהאַט דערשראָקן, האָט עס אין אים עקשנותדיק געשמייכלט און ער האָט בגנבה געטראַכט:

— עס מוז דאָך אַמאָל אַ סוף נעמען... מילא... איז אפשר גליי־כער...
איצט האָט ער שוין געשוויגן און געטראַכט פון דעם, וואָס זיין לעבן איז שוין לאַנג קיין לעבן נישט. ער איז שוין סיי־ווי־סיי אַ הפקר־יונג: שטעלט זיך איין דאָס לעבן און — — — זיצט האַלבע נעכט בײַ אַן אייל־לעמפּל, וואָס קאָפּטשעט און עסט אויף דאָס האַרץ. עפּעס האָט ער געהאַט דאָס געפיל, אַז עס איז שוין לאַנג אַ געיעג אויף אים. און פון אַלע זייטן איז דאָס געיעג און — נישט פּטור צו ווערן און נישט צו בלייבן אַזוי...
און דאָס ערשטע מאָל אפשר — האָט ער דערפילט, ווי עס זאַמלען זיך טרערן אין זיינע אויגן און איבער די אויגן גיסט זיך אַ בלאַס און ער האָט שווער אָפּגעזיפצט.

# VI

ליפשיץ האָט אַליין נישט געוואוסט נאָך וואָס ער טוט דאָס, נאָר ער האָט עקשנותדיק פאַרלאַנגט, אַז יעדער זאָל קומען מיט זיין סחורה צו דער באַשטימטער צייט. און גייענדיק פאַרנאַכט אַהיים, האָט ער פריער אָפּגעטרעטן בײַ שקלאָוון און אים מיט זיך מיטגענומען.

אויפן וועג האָבןביידע געשוויגן און ס'איז זיי געווען שווער אויף די הערצער. שקלאָוו האָט זיך אַלע ווײַלע אומגעקוקט און משהל, פאַר־

קערט, האָט זיך איינגעהאַלטן און אַפילו דעם קאָפּ קיין איין מאָל נישט אויסגעקערט. דערפאַר איז ער געגאַנגען געלאַסענער און אַלע ווײַלע דערמאָנט שקלאָוון:

— וואָס־זשע לויפט איר אַזוי?

האָט שקלאָוו געגעבן אַ מרה־שחורהדיקן קוק אויף אים און שוין גע־גאַנגען געלאַסענער.

אין שטוב זענען ביידע אַרייַנגעקומען פאַרטועטע און צעטומלטע, ווי זיי וואָלטן נאָר־וואָס עפּעס שווערס איבערגעקומען. ליפשיץ האָט משונה געקוקט דורך די „רערלעך" און דאָ איז פאַניע אַרויסגעקומען פון שלאָפצימער מיט אַ פריש געוואַשן פנים און מיט אַ לייכטן פאַרפום־ריח, האָט זיך אַ טונקעלער טרויער אַ גליטש געטאָן איבער משהלס ברוסט און ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

פאַניע איז צוריק אַריין אין שלאָפצימער. שקלאָוו האָט אויסגעטאָן זיין שוואַרץ־שטרויענעם הוט, ער האָט זיך אַרומגעקוקט מיט די אַרויסגעשטאַרצטע קיילעכדיקע אויגן נישט זיכער און האָט זיך אַוועקגעזעצט אין שאָטן אויף דער אָטאָמאַנע.

איז משהל צוגעגאַנגען צום טיש, וואו חוהטשע איז געזעסן שטיל און ערנסט און געמאַכט די לעקציעס, האָט זיך איינגעבויגן און אַרייַנגע־קוקט אין ביכל און געגלעט דעם מיידלס קעפּל:

— וואָס־זשע? דו מאַכסט איצט די לעקציעס? ס'איז דאָך שוין טונקל.

— כ'זע שוין טאַקע נישט.

— לייגט מען אַוועק דערווייל.

— די מאַמעשי — — —

און איידער זי האָט געענדיקט די פראַזע, האָט זיך דערהערט פאַניעס קול מיט פאַרטוענקייט און שטרענגקייט:

— נישקשה, מען זעט נאָך — איז אַרייַנגעקומען אין ערשטן צימער מיטן הוט און האַנט און פאַרענדיקט — מען קען נאָך פאַרענדיקן די לעקציעס.

משהל האָט נישט אויסגעדרייט דעם קאָפּ:

— אַז דו זאָגסט: מען זעט — איז דאָך נישט שייך.

האָט זיך אומגעקוקט און אויפגעכאַפּט דעם שפּאָטישן אומגעדולדיקן בליק. האָט ער צעטומלט א קוק געטאָן אויף שקלאָוון, וואָס האָט עפּעס ווי געשמייכלט, האָט ער צוגעגעבן:
— פינצטער איז נאָך טאַקע נישט. אָבער... שוין טונקל.
און האָט זיך געווענדט צו שקלאָוון:
— וויפל איז שוין דער זייגער?
און אַליין אַרויסגענומען זיין זייגערל. געעפנט דאָס שייטל און צוגע־טראָגן דאָס ציפערבלאַט צו די אויגן:
— שוין טאַקע באַלד זיבן. ווען דאַרפן זיי קומען?
— מסתּם באַלד.
— אַזוי.
איז צוגעגאַנגען צו דער אָפענער טיר פון שלאָפצימער און געטראָפן ווי פאַניע שטייט פאַרן קליינעם שפּיגל און טוט אָן דעם הוט. דערביי האָט זי געהאַט אויפגעהויבן די הענט און די אַרבל האָבן זיך געהאַט אַרויסגעגליטשט. איז אים אויסגעקומען, אַז עפּעס זענען אירע הענט איצט אַנדערש ווי שטענדיק: זיי זענען קלאָרער און פולער. האָט ער נאָר ערנסט אויסגעשטעלט די אויגן און עפּעס נישט בעקוקט צו איר:

— וואו גייט מען עס איצט?
— דאַרפסט מיך דאָ האָבן?
האָט נישט מפסיק געווען פון קוקן אין שפּיגל און פאַרענדיקט רויקער:

— כ'גיי אַראָפּ אַביסל.
— וואָלסטו אפשר חוהטשען אויך מיטגענומען?
— וואָס נאָך? כ'וועל נישט טרעפן אָן איר?
— טרעפן וועסטו מסתּם טרעפן, נאָר עס דאַרפן קומען אַהער מענטשן.

האָט פאַניע שוין אַ קנייטש געטאָן דעם שטערן:
— נו, זאָל זי אַריינגיין צום שכן.
— זאָל זיין צום שכן.
ליפשיץ איז געווען צערודערט און פאַניע, אַרויסגייענדיק מיט חוהטשען, איז אויך געווען צערודערט און שקלאָוו האָט אָפּגעזיפצט:

— כ'על אייך זאָגן דעם אמת, ליפשיץ, איך בין אייך מקנא.
האָט משהל פאַרענדיקט דרייען דעם פּאַפּיראָס.
— מקנא? מיט וואָס אַ שטייגער?
— ווייס איך? גאָרנישט. מען לויפט, מען האָוועט, מען שטעלט איין דאָס לעבן, זאָל כאָטש זיין פאַר וועמען... באַ מיר אין שטוב איז דאָך אַן אמת גיהנום.
— איר האָט נאָך אַלץ צו טאָן מיט אייער יידענע?
— איך האָב צו טאָן? איך שווייג שוין אינגאַנצן. נאָר זאָל מען זאָגן: איין מינוט ס'זאָל זיין שטיל. מען הייבט זיך אויף מיטן ליאַרעם און מיט די קללות און מען לייגט זיך מיטן ליאַרעם און מיט חרמות און אַ גאַנצן טאָג קאָכט דאָס גיהנום. ס'איז מיר נאָר אַ רחמנות די קינדער. דאַכט מיר, זיי זענען שוין אינגאַנצן צעחושט.
— אַזוי...
און ביידע האָבן זיך שטיל פאַרטראַכט.
שקלאָוו האָט זיך אויפגעשטעלט און ס'האָט אויסגעזען, אַז ער וויל אויסברעכן אין אַ געוויין, ליפשיץ האָט נישט געקוקט אויף אים און אַ ביטער שמייכעלע האָט געוואָונקען פון די וואָנסן אַראָפּ. דער אָוונט האָט שוין געגאַפּעט אין שטוב אַריין. ליפשיץ איז געזעסן ווי איינגע-הויקערט און געדרייכערט, האָט שקלאָוו אָפּגעזיפצט, זיך געזעצט נעבן טיש און פאַרענדיקט:
— מוטשע זיך, שטעל איין דאָס לעבן, און אפשר וויסטו פאַר וועמען?!
פלוצלינג אַ שמייכל געטאָן:
— און אפשר פאַרקערט. מען שטעלט זיך איין, וואָרום וואָס האָט מען דאָ אָנצווווערן? דאָס שייגע לעבן?
— אויך גערעכט, — האָט ליפשיץ געענטפערט. נישט געשמייכלט, נאָר זיך אויפגעשטעלט און זיך דורכגעגאַנגען איבער דער שטוב הין און צוריק.

דערווייל איז אָנגעקומען טורמאַן, אַ דיקער אָנגעגעסענער יונגערמאַן מיט אַ נגידיש שמייכעלע אויף אַ לאַכנדיק צופרידן פּנים. ער איז אַריינגעקומען רעשיק און זיין גאַנצער גוף איז עפּעס געווען מאָדנע קיילעכדיק, ווי אָפּגעגאָסן. ער האָט געטראָגן פענסנע, געהאַט אַ געגאָלטן קאָפּ אונטער אַ שטרויענעם ווייסן הוט, וואָס איז אים געשטאַנען אויפן

„שפּיץ“ קאָפּ. די באַקן — גלאַט ראַזירט און טונקל־גלאַנציק, ווי זיי וואָלטן געווען אָנגעגאָסן מיט ווישניק. איז אַריין מיט זיכערע טריט, העכערער שטים און גלייך:

— נו, וואָס־זשע ווארט מען?

— די „לאַנגע“ האָט איר? — האָט שקלאָוו געפרעגט.

— וואָס פאַר אַ שאלה? אַוודאי האָב איך. אַז איך זאָג — איז געזאָגט.— און געקוקט מיט שפּאָט אויפן צעשראָקענעם שקלאָוון.

דאָ — האָט מיטאַמאָל זיך אויפגעכאַפּט די בלינדע שרעק באַ ליפּשיצן אין האַרצן און ס'איז אים געוואָרן שלעכט.

— כ'האָב דעם דייטשל אויך געבראַכט צו שלעפּן! — האָט טורמאַן זיך באַרימט.

— דאָס דאַרף מען נישט. — האָט ליפּשיץ געזאָגט און געהאַט אַ געפיל, ווי ער וואָלט פאַרגעסן עפּעס אַ וויכטיקע זאַך.

— וואָס־זשע? אַ בבל איז עס באַ אייך? — האָט טורמאַן געשמייכלט וואוילעריש און זאָרגלאָז — נישקשה, אויב עס וועט אים נישט סטייען די „ענגלישע קרענק“, וועט ער זיך מיט די „יעקעס“ אויך נישט וואַרפן...

— הייסט עס, אַז „לאַנגע“ האָט איר נישט אײַנגאַנצן? — האָט ליפּשיץ געפרעגט און איין ווײַלע האָט זיך אים שטאַרק געוואָלט זאָגן:

— טויג נישט דער גאַנצער עסק, און לאָמיר זיך טאַקע תיכף צעגיין.

נאָר ער האָט עס נישט געזאָגט. האָט עפּעס געטראַכט, אַז אָט וועט מען עס באַלד איבערקומען. בכלל איז ער דאָך נישט אַליין. פאַראַן נאָך יידן... און יענער האָט דערווייל געענטפערט:

— פאַרוואָס מיינט איר אַזוי? ניין. איך האָב אַלץ...

האָט ליפּשיץ אָפּגעזיפצט. ס'האָט זיך דערהערט אַ קלונג אין טיר און דער קאָפּ האָט זיך אים פאַרדרייט.

פישביין איז אַריין, איז אַ ווײַלע געבליבן ווי דערשראָקן און אָפּגערופן ליפּשיצן אין צווייטן צימער:

— ווער זענען זיי? — אייגער איז שקלאָוו, דאַכט זיך, און די איבעריקע?

האָט שוין ליפּשיץ אַ שמייכל געטאָן און ס'איז אים גרינג געוואָרן אויפן האַרצן:

— ס'מאַכט נישט אויס. אייגענע מענטשן. איך האָב דאָך אַליין נישט געקאָנט. האָבן מיר עס צעטיילט צווישן זיך.
פּישביין איז אַלץ געווען צערודערט:
— האָ?... יאָ... נו... אַט גיי איך און שיק אייך אַריין דעם סוחר.

האָט ליפשיץ זיך ווידער דערפילט צעשראָקן „און שיק אייך אַריין..."
נאָר יענער איז גלייך אַרויס. און באַלד איז אַריין וועקסלער.
איז אַריינגעקומען מיט זיין דאַרקייט, בלייכקייט און זיינע אויגן האָבן שבת־פּאַרנאַכטיק געגלאַנצט. ס'האָט אויסגעזען, אַז ער ווייסט בכלל נישט, אַז אַ מענטש איז ביכולת צו שמייכלען. האָט געהאַלטן די הענט אין די קעשענעס פון זיין שוואַרצן מאַנטל, און ס'האָט אויסגעזען, אַז אים איז קאַלט. טורמאַן האָט אים באַקוקט, שטייענדיק אָפּגערוקט פון אים:
— אַ וואַזשנער סוחר... אַזוי, דער אמתער.
— איך בין דען אַ סוחר? — האָט וועקסלער געענטפערט מיט אַ קול פון אַן אויסגעהונגערטן — אַז מען שיקט מיך—גיי איך, ווייטער נישט.

טורמאַן האָט זיך דערווייל אָנגעהויבן דינגען: ער האָט דוקא געוואָלט, אַז עס זאָל בכלל קיין שותפות נישט זיין, נאָר יעדער זאָל זיך אָפּלייזן פאַר זיין סחורה. ער האָט נאָר מסכים געווען אויף אַ פּראָצענט פאַר ליפשיצן, וואָרום:
— וואָס קער איך מיך אָן מיט אַזאַ שטייגער סוחר? — האָט ער אָנגעוויזן אויף וועקסלערן.
האָבן אַלע געשוויגן און נישט איבערגעשפּאַרט. משהל האָט עפּעס יאָ געהאַט דערגעגן, נאָר ס'איז אים מיטאַמאָל נישט ניחא געוואָרן דאָס רעדן דערפון און געטראַכט: ווי דערלעבט מען שוין איבערצוקומען די גאַנצע „אָפּעראַציע" מיט טורמאַנען צוזאַמען... טורמאַן האָט דערווייל גענומען דערציילן „וואונדער" פון זיין פּראַקטיק. אַט איז ער שוין איינמאָל געווען גאָר אַריינגעפאַלן... אין מיטן דער „אָבלאַווע"... און געהאַט באַ זיך האָט ער... און טאַקע שפּאָר געהאַט. אין אַ קאַפע־הויז איז עס געווען. גיט ער זיך אַ דריי אַוועק אין אַ ווינקל, געגעבן אַ טו־אויס דעם קאַפּעליוש מיטן מאַנטל און געבליבן אַט אין דעם

הולך — דערבײַ האָט ער זיך צעקנעפּלט און געוויזן זײַן שוואַרצע „ראָבאַשקע“ — אַרויסגעשלעפּט אַן אַלט היטל פון קעשענע, אָנגעטאָן און אַוועק ווי אַ האָר פון דער מילך.

— יאָלדן פאַלן אַרײַן!

בשעת ער האָט דאָס דערציילט, איז וועקסלער געשטאַנען קני צו קני געדריקט און געציטערט. דערבײַ האָט ער געטראַכט, אַז עס וואָלט זייער גלייך געווען, ער זאָל דאָ לאָזן די פּאָר „שטיקלעך“ און אַליין אַוועקגיין. ער האָט זיך אָבער געשעמט פאַר דעם פריילעכן דיקן טורמאַנען, וואָס שטייט און שיט מיט „אָפּעראַציעס“ און לאַכט זיך אויס „פון זייער היטעלע“ — „אַ קלייניקייט! חיים יענקל ב״ר טודרוס האָט געזאָגט, מוז איך אים טאַקע פאָלגן! האָסטו געהערט: זיי פאַר־ווערן...“ האָט וועקסלער דערפאַר אומגעדולדיק געציטערט, געפּילט ווי דער אָטעם ווערט אים קורצער און געדענקט: סך הכּל איז עס דאָס דריטע אָדער פערטע מאָל, וואָס שקלאָוו שיקט אים „קריגן“ און ער ווערט מסתּם אויך דאָס מאָל איבערקומען. אַז ער ווערט עס נאָר איבערקומען, ווערט ער אַוועק אַהיים. אַוועקלייגן זײַן מידן קאָפּ אויף זײַן ווײַבלס אַקסל און ווערט זיך צעוויינען:

— רחלע, איך קען נישט מער...

ווערט זי אים באַשווערן, אַז ער זאָל מער מיט דעם נישט האָבן צו טאָן און ער ווערט עס פּטור ווערן...

טורמאַן האָט דערווײַל געשיט:

— עהע! דאָ זענען זיי נאָך גאָלד. גדולים זענען זיי? — צדיקים. אין קיעוו, בערידער, דאָרט זענען זיי פייער־און־פלאַם, איר ווייסט, וואָס זיי האָבן דאָרט אָפּגעטאָן?!

און ער האָט גענומען דערציילן, ווי אַזוי זיי האָבן דאָרט געמאַכט אַן „אָבלאַווע“, ווי אַזוי מען האָט „געפּאַקט“. פאַרשטייט זיך, אַז „געפּאַקט“ האָט מען די „יאָלדן“—די מעקלערלעך. די אמתע ווערט מען נישט פּאַקן!

דערבײַ זענען אַלע דריי געוואָרן שטאַרק צעטומלט און האָבן אויס־געזען ווי זיי זיצן אויף אַ באַשולדיקונגס־באַנק. משהל האָט זיך גע־שטיקט מיט דער בלינדער שרעק, וואָס האָט געמאַכט ענג אין האַרצן און דער קאָפּ האָט אים אָנגעהויבן ווייטאָן.

— אַודאי, אַז דאָס אַ — האָט טורמאַן געוויזן אויף וועקסלערן — האָנדלט אויך!

וועקסלער האָט באַקומען אַ וויינענדיק פּנים. שקלאָוו איז געזעסן מיט אַ ליידיק האַרץ, נאָר ליפשיץ האָט זיך געהאַט דערמאָנט אין פאַניעס אַוועקגיין און צוריק געהאַט זיין עקשנות.

אַז מען האָט אָנגעקלונגען אין טיר, איז טורמאַן שטיל געוואָרן, שקלאָוו איז אויך ווי צו זיך געקומען און משהל איז שוין געווען רויק. איין וועקסלער נאָר איז אַלץ געשטאַנען נעבן וואַנט, קני צו קני געדריקט און געפּילט, אַז ער האָט קיין קול נישט.

דער „סוחר" איז אַריינגעקומען אַליין. ליפשיץ האָט זיך מיט אים באַגריסט און געווען שטאַרק צעטראָגן. האָט גיך אָנגעצונדן דעם לאָמפּ און אַלע האָבן באַמערקט ווי יענער שטייט אומגעדולדיק. האָט אַרויסגענומען אַ ביכעלע און געפרעגט ביי ליפשיצן:

— די גאַנצע באַשטעלונג?

— יאָ.

— באַלד — — —

האָט דאָס וואָרט געזאָגט מיט אַ מאָדנער ערנסטער און עפּעס צו רויקער שטים. אַלע האָבן אַרויסגעזעצט די אויגן, געקוקט משונה ווי יענער גייט מיט רויקע טריט צו דער טיר, עפנט זי און משהלען האָט אַ שוואַרץ געטאָן אין די אויגן.

— אַ! — האָט עס שטיל אין אים אַ קרעכץ געטאָן. ס'איז אים געוואָרן שטאַרק ענג אין ברוסט און ס'האָט אין אים אַ געשריי געטאָן:

— אויס!...

דורך דער טיר האָט זיך אַריינגערוקט אַ רויט-אַרמייאיש היטל און אַ בליק געוואָרפן מיט אַ גרויסן רויטן שטערן. אַ האַנט האָט זיך מיט עפּעס גלאַנציקס אויסגעצויגן:

— „רוקי ווערך!"

אין ליידיקייט פון שטוב האָט אַ קרעכץ געטאָן:

— אַ-אַ-אַ!

שקלאָוו האָט אָנגעהויבן דרייען מיט די אויגן, ווי ער וואָלט אינגאַנצן אַראָפּ פון זינען. וועקסלער האָט דער ערשטער אויפגעהויבן די הענט, ווי ער וואָלט אויף דעם געוואַרט און האָט געעפנט דאָס מויל, ווי ער

וואָלט געוואָלט אַרויספּלאַצן מיט אַ געוויין. ליפּשיץ איז שוין איינגאַנצן געווען רויק, ווי ער וואָלט ענדלעך דערזען דעם לעצטן אויסוועג, וועלכן ער פילט שוין אַ לאַנגע צייט...

— אַ סוף צו אַלעמען...

האָט ער איצט געקוקט אַזוי, ווי ער וואָלט גאָרנישט געזען. דאָס פּנים זיינס איז געווען ווי אויסגעשמירט מיט אַן ערד־קאָליר. איין טורמאַן נאָר האָט עפּעס משונה גענומען טרייסלען מיט די הענט און פיס, האָט פאַרשנורעט די ליפּן, געוואָרן רויט און אַריינגערוקט איין האַנט אין קעשענע. גענומען זיך פּלאָנטערן אונטער שקלאָווון און זיך טומלען אין ווינקל אַריין.

די האַנט מיטן רעוואָלווער האָט זיך צו אים דערנענטערט, מיטן פּיסקל געקוקט אים גלייך אין פּנים אַריין:

— „רוקי ווערך״!

ער האָט אויפגעוואָרפן די הענט, זיך געזעצט אויף געבויגענע פיס און געוואָרן נידעריקער. די אויגן האָבן זיך באַ אים גענומען גלאַנציק דרייען, ווי געווינטן, האָט געציטערט און געשטאַמלט שלינגענדיק שווער דעם אָטעם:

— אַ פרעמדער בין איך... כ׳ווייס גאָרנישט... צופעליק געקומען צו גאַסט... צו מיין באַקאַנטן...

— שווייג!

— איך... איך...

דער אין שפּיציקן היטל מיטן רויטן שטערן האָט זיך איינגעבויגן נעבן טורמאַנען און עפּעס אויפגעהויבן, גענומען געלאַסן אויפוויקלען און אויפגעלייגט שמאָלע, גרינלעכע פּאַפּירלעך.

— און דאָס?

— נישט מיינס... נישט מיינס...

— „לאַדנאָ״!

דאָ איז שוין ליפּשיץ איינגאַנצן געווען געקומען צו זיך, האָט אפילו אַ טראַכט געטאָן ווי דער גאַנצער „קנאַקער״ ציטערט צום מיינסטן. איצט האָט ער געזען, ווי עס שטייען אין שטוב עטלעכע מענטשן מיט ביקסן און נישט דער סוחר און נישט פישביין זענען נישטאָ.

מיטאַמאָל האָט דאָס האַרץ צוריק גענומען רעגלמעסיק שלאָגן און ער האָט מיט געקאָרטשעטע הויטן און ברעמען אַרום די אויגן געקוקט אויף דעם קיילעכדיקן גופל מיט דעם געגאָלטן קאָפּ, וואָס איז געווען שטאַרק נידעריק און האָט עפּעס כסדר געשלונגען. דער האַלדז איז אים געווען איינגעקאָרטשעט און ער האָט דערהערט ווי ער שטאַמלט:

— נישט מיינס... איך בין גלאַט אַריינגעקומען... אדרבה: זאָל דער בעל־הבית זאָגן...

און צו משהלען אויף יידיש אַ גיכן זאָג געטאָן, מיט אַ קול ווי מען זאָגט אַ שפּרוך:

— אַלץ איינס יהודי...

משהל ליפשיץ האָט פון אים אַוועקגענומען די אויגן, איצט איז אים עפּעס קלאָר געוואָרן. אַלץ איז אים געוואָרן פאַרשטענדלעך. און מער וועט שוין די בלינדע שרעק נישט פּייניקן. און אַ טראַכט געטאָן, אַז ס'איז עפּעס זייער גלייך, וואָס פאַניע איז דערביי נישטאָ... זי וואָלט זיך געפּלאָנטערט און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן... און קלאָר איז אים געוואָרן, אַז שולדיק אין אַלעם איז נישט קיין אַנדערע, נאָר פאַניע... און מיט פרומקייט אין די אויגן איז בײַ אים געבליבן:

— מילא... ס'מוז דאָך אַמאָל אַ סוף נעמען...

און געהאַט דאָס געפיל, ווי ער אַליין ברענגט זיך פאַר אַ קרבן...

האָט געהאַט געדענקט, אַז ער וועט זיך דאַרפן געזעגענען מיט חוהטשען. דערביי אַ קוק געטאָן מיט רחמנות אויף וועקסלערן, ווי וועגן זיך איז שוין גאָר נישטאָ וואָס צו טראַכטן, נאָר ער, ער ציטערט נעבעך אַזוי, ס'שניידט בײַם האַרצן.

— לייגט אַרויס פון די קעשענעס! אַלץ לייגט אַרויס!...

אַזוי האָט באַפוילן דער מיטן הויכן שפּיציקן היטל און מיטן רעוואָלווער אין האַנט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אָטוואָצק, אַפּריל 1923.

## 1

# הגר

איז וואָס, אַז עס האָט מיך די האַרין פאַרטריבן אין מדבר.
איך פיל נאָך די הייליקע שטילקייט,
ווען ס'האָט מיך דער פירשט פון די שטאַמען, אברהם,
געוועקט צו אַ גליקלעך דערוואַכן;
צווישן זוניקע סנאָפּעס און גאַרבן,
ווען ר'האָט מיר געשוואוירן: ביסט הגר
צו אַ מעכטיקן שטאַם אויסדערוויילט, צו געבערן! —
אין שאָטן פון קעמלען פון זיינע
נאָך שטראַלט מיר דאָס ליכט פון זיין שטערן,
ווען ר'בענטשט איבער מיר גאָר די וועלט — — —

איז וואָס, אַז עס האָט מיך די האַרין פאַרטריבן אין מדבר.
עס פאַלט צו די נאַכט, און עס נידערט דער עיט אויף פּגר'ים.
מיך פרעגן די שטערן פון אויבן: וואוהין טראָגסטו, הגר,
דיין טרויער?

איך ווייס נישט וואוהין און צו וועמען
עס וועט מיך מיין דורשטן פאַרשלעפּן,
נאָר כ'בין נישט אַליין אין דער נאַכט דאָ,
כ'טראָג הינטער מיין האַרצן די פרוכט פון זיין לעבן,
און כ'טרינק די זכרונות פון ליבע — — —

# II

## מ ר י ם

דער ים־סוף רוט פאַרטראַכט, אויף זיין קרישטאָלענעם מיטן,
וואו ס'האָט געראַנגלט זיך דער עבד מיט זיין האַר,
ציטערט שטיל דאָס נס, וואָס האָט דעם שטראָם צעשניטן,
ציטערט פרום דאָס גליק נאָך אויסלייזונג פון צער.

דער ים־סוף רוט באַגליקט, געטרענקט מיט מוטער־פריידן,
ווי ס'רוט געבענטשט אַ פרוי נאָך דעם געווינען ס'קינד,
ווער האָט געזאָגט, אַ פאָלק פאַרלירט זיך אין די קייטן;
ווי איינער צו זיין ציל, אַט שפּאַנט עס פריי אַצינד!

דער שטח, ווייט באַשטראַלט פון זונענבליק פון משהן,
און ס'טראָגט זיך ווי אַ בשורה אַ באַגייסטערט רוישן:
דער ים האָט אומגעבראַכט דעם רייטער און דאָס פערד!

אויף פייקלען און אויף צימבלען שפּילט און זינגט דער גלויבן,
און מרים שפּרייט די הענט, פון ווינטן אויפגעהויבן,
צום לאַנד, פון גאָט באַשערט!

# III

## רות

אויף בעז׳ס פעלדער, גערירט פאַרן שניט,
רוישן אין נאַכטיקער שטילקייט די זאַנגען,
אַ מיידל־געשטאַלט, פון בית־לחם געגאַנגען,
קומט אָן צום שייער מיט לאַנגזאַמע טריט.

צי איז עס אַ ווינטל, וואָס ווייעט, צי זי,
וואָס האַלט איין דעם אָטעם באַ בעז צופיסנס,
אַ ווינטל איז קיל, און זי, אַך, זי גליט
און קומט צו דעם האַר אָן זיין וויסן.

— דו האָסט דיינע יונגען באַפוילן אין פעלד:
זאָל קלייבן דאָס מיידל פון וואָס איר געפעלט,
און איך האָב אין שטילקייט געקליבן, געקליבן
און בין אין דער נאַכט דאָ געבליבן,
בעז, אַ האַר, פאַר דיין גוטסקייט און טוגנד
צו ברענגען אין פעלד דיר מיין יוגנט!

בעז שפרינגט אויף: אָ גאָט, אונדזער היטער,
דאָס ביסטו רות, מאָבס, געקומען נישט לאַנג,
וואָס קלייבסט אין מיין פעלד אַ זאַנג נאָך אַ זאַנג,
וואָס בלייבסט צו דער נעמין געטריי, —
אונדזער גאָט שטייט דיר ביי! אונדזער גאָט שטייט דיר ביי,
איך שווער דיר, אַז מאָרגן נאָך ווערסטו מיין ווייב,
דערווייל אָבער בלייב דאָ, פאַרבלייב!

שטיל ווערט עס ווידער אין דופטיקן שייער,
שטיל צינדט זיך ערגיץ אין פעלד אָן אַ פייער,
נאָר בעז, ער רוט נישט: פאַרגיין זאָל די נאַכט,
עס וואַכט איבער אים דאָ זיין גליק, אַ עס וואַכט,
צופיסנס שטייט רות, מיט איר פרייד שטיל פאַרבאָרגן
און וואַרט אויפן מאָרגן. . .

# IV

## רחל

פון פּאַלמען און איילבּירטן נידערן שאָטנס אויף בּרונעמס,
דאָרט קומען די טעכטער בּית-לחמס צו טרינקען די שאָף,
און קערן צעשמעקטע, צעבּליטע אַהיים מיט געזאַנגען,
און ווערן צעפלאָסן אין דעמערונגס-שיין פון דעם טאָג.
נאָר לאה, מיין איינזאַמע שוועסטער, בּלייבּט זיצן אַ בּלייכע:
צו איר וועט קיין שליח נישט קומען אין טונקעלן פעלד,
עס לייכט נישט איר שטערן אין הימלישער לופט, אין דער וויכער;
אַ יעקבן ליבּט זי, און ער האָט די שיינקייט געוויילט.
מיך, רחלען, די יינגסטע!
אַ שוועסטער פאַרטרערטע, געדענקסטו?
ווי ר׳האָט צוליבּ מיר פונם בּרונעם געקוילערט דעם שטיין,
ווי ר׳האָט פאַר אַ קנעכט זיך פאַרקויפט צוליבּ מיר,
און ער פּאַשעט די קעמלען פון לבן מיט פרייד
צוליבּ מיר —
היינט שענק איך אים דיר!
איך שענק דיר מיין איינציק בּאַשערטן, —
אַ לאה, מיין שוועסטער —
דו ווייסט נישט, ווי גרויס ס׳איז מיין קרבּן, אויף אייבּיק
ווען כ׳שייד מיך פון אים —
דו ווייסט נישט, ווי גרויס ס׳איז מיין קרבּן,
ווען איך גיי אַוועק פון מיין גליק. —

## V

# אסתּר

פורפור און גאָלד־געוועב אויף אַלאַבאַסטער־שטאַנגען אויפגעצויגן
ווייען אונטער פערלמוטער־ווענט,
אין קיניגסהויז די פרייד האַלט באַלד באַם ענד,
עס קלינגען נאָך די זאַראַטוסטאַ־ליבגעזאַנגען.

אין לוסטגאַרטן נעמט מיך אַרום אַ ווײ און באַנגען
צו מרדכיס שטיבעלע, וואו כ'האָב אַ היים דערקענט,
וואו כ'האָב געלעזן אויף שטיינער אויסגעברענט,
אויף פעלזן אויסגעקריצט, ווי ס'איז מיין פאָלק דערגאַנגען.

עס פאַלט אַ סוד — ווער האָט אים איינגערוימט דעם האַרצן,
אַ מאַמען ווערט דערמאָנט אָן איר פאַרלאָזן קינד? —
מיין פאָלק, איך הער, באַדאַרף מיין הילף געשווינד,
די שושן־שטאָט, איך זע, איז איינגעהילט אין שוואַרצן —
— — — — — — — — — — — — — — —

גיי, מרדכי, מענטש פון פאָלק, טו אַלעמען צו וויסן,
פון אַלע שולן אויפגיין זאָל אַ וויי־געשריי צו גאָט,
און איך מוז גיין דערבעטן גנאַד
דעם קיניג אחשורוש, פאַלן אים צו פיסן!

יואל מאסטבוים / פאניטשעק

## זיין יוגנט

פון זיין כאַראַקטער האָט פּאַניטשעק נישט באַלאַנגט צו יענע יונגע פערדעלעך, וואָס האָבן ליב די פרייע לאָנקעס, דאָס שפּרינגען, יאָגן זיך, הירזשען און לויפן וויאָרסטן-ווייט איבערן גרינעם שטח, דען ער איז געווען אַ שטיל בכבודיק פערדל, וואָס האָט ליב געהאַט דאָס איינטאָניקע שטאָל-לעבן פון אַ טאַטן, אַ מאַמען און אַ גוט געבעט געלעגער.

פּאַניטשעקס מאַמע איז געווען אַן אַלטע באַקאַנטע שקאַפּע, אַ פּוילע, קראַנקע, זי האָט געדינט אין אַ גלאָז-הוטע איבער כּופּצן יאָר. פון קוקן אייביק אין רויטן פאַבריק-גלאָז-אויוון, וואָס האָט געברענט באַטאָג און באַנאַכט, איז זי בלינד געוואָרן, פון שלעפּן טאָג מיט נאַכט האָלץ און גלאָז-טראַנספּאָרטן אַהין און צוריק—איז די הויט פון די אונטערשטע פיס שטענדיק אָפּגעריבן געווען.

אַטיילמאָל איז זי שטיין-געבליבן אין מיטן וועג גלאַט אַזוי אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין איין ריכטונג, געקוקט אין הימל אַריין.

זי איז שעהנווייז געשטאַנען מיט דער טאָרבע אויפן האַלדז און געפּאָרסקעט און געקייט, סיי זי האָט יאָ באַדאַרפט, סיי נישט. האָט געמעגט באַרשט, דער גוי, זיך צלמען און וואַרפן אין דר׳ערד אַריין, אַז זי באַלעמוטשעט אים, האָט עס אים גאָרנישט געהאָלפן און עס איז נישט געווען דער וועג, וואו די שקאַפּע זאָל נישט אַוועקבלאָנדזשען איבער ווייטע זומפּן ערגעץ, וואו גראָז-לצים אָדער שדים שפּרינגען אַרום. האָט זי, די שקאַפּע, געבענקט אַמאָל צום פערד? האָט זי געבענקט צו אים, צו אַ פרייער לאָנקע? ניין, דאָס איז געווען גיכער אַ גזיר צווישן פערד, אַן איינזאַמע פיר-פיסיקע חיה, אַ דאַרע מיט גרויסע שפּיציקע ביינער, אַ קאָפּ אַ לאַנגן, מיט ווייסע בעלמען אויף ביידע אויגן און צוויי לעדערנע ברילן, צו פאַרשטעלן שאָטנס פון ביימער און מענטשן, אַז זי זאָל זיך נישט דערשרעקן. „פּאַניטשעק" האָט פולשטענדיק געירשנט די אייגנשאַפטן פון דער מוטער, די שטילקייט, רויקייט און שקאַפּישע גלייכגילטיקייט, מיט איין אונטערשיד, וואָס „פּאַניטשעק" איז געווען זייער שיין געבויט, לויט דער פאַרב פון דער מוטער רויט, צוויי ווייסע פלעקן אומגעלומפּערט פאַרוואַרפן איבערן

שטערן, ווי עמיץ וואָלט אים אויף שטענדיק באַשפּריצט מיט קאַלך, אַ פּאָר קליינע אויערלעך, וואָס האָבן זיך באַם מינדסטן גערויש, באַ דער מינדסטער באַוועגונג אויסגעשפּיצט זיך הערן, און קלוגע, אבסערווירנדע אייגעלעך.

ווארום פאַניטשעק איז אין זיין כאַראַקטער געווען אַ שטילער, זיך איינהערנדיק פערדל. אָט שטייט ער פּריטיק-צו-נאַכטס און קוקט אַרויס צום בעל-הביתס פענצטער, וואו עס ברענען זיך ליכט. דאָרט שטייט דער גוטער אפרים-הערץ מיט אַ בעכער אין האַנט און מורמלט עפּעס און זינגט עפּעס. וואָס ער מורמלט און וואָס ער זינגט — פאַרשטייט נישט פאַניטשעק, נאָר ווען ער קוקט זיך איין און הערט זיך איין, ווערט אים זיס און פריילעך אויף דער נשמה. ער גיט אַ פּערדיש שמייכעלע, פּונקט ווי אין יענער נאַכט, ווען ער דערזעט, אַז דער הימל איבער דער שטאַל איז אָן אויסגעשטערנטער.

נאָכן בעכער קומען אָן זמירות, מענטשן שאָקלען זיך אַהין און צוריק און שיקן זייערע ליבּ-לידער צום הימל. פאַרוואָס און צוליב וואָס די מענטשן טוען עס, פאַרשטייט נישט פאַניטשעק, נאָר ווען ער הערט זיך איין דערינען, גיסן זיך אים אַריין מאָדנע קלאַנגען. עס דאַכט זיך אים אויס, ווי עמיץ קיצלט אים באַם שטערן און רופט אים: טייערער, ליבער פאַניטשעקל, אויך דו ביסט דאָך אָן אונדזעריקער, און יאָ, שפּעטער גייען מענטשן שלאָפן, פאַרמאַכן די לאָדנס, שנאָרכן און כראָפּען מיט אַ זיסן שלאָף. נאָכן שלאָפן הערט זיך פון הינטער די לאָדנס עפּעס אַ מורמלען, דאָס זאָגט מען דאָך פּרק. פאַניטשעק ווייסט נישט, וואָס פּרק איז, נאָר ווען ער הערט דאָס מורמלען פון הינטער די לאָדנס אין שטילן שבת באַטאָג אַריין, גיט ער אויך אַ פּאָר קינדישע גענעצן, לייגט אַוועק דאָס מאָרדקעלע אויפן היי און הייבט אָן זיס חלומען פון ווייכע, מיט היי אויסגעבעטע געלעגערס, זיסע קאָבּילנע מילך און גאָלדענע גלעקלעך.

נאָכן שלאָף קומען שטענדיק אַרויס די בעלי-הבתים, אפרים-הערץ, אַ הויכער ריזיקער ייד, מיטן ברייטן גאַרטל נאָך פון דאַווענען אָן, אַן אויסגעשלאָפענער, פרק אָפּגעזאָגטער, אָפּגעוואַשענער און אויבס-אָפּגעגעסענער ייד. ריין און מחיהדיק איז אים איצט די נשמה, פון קיין וואָכעדיקע געשעפטן ווייס ער נישט, גייט ער גלאַט אַזוי אַ קוק טאָן,

ווי לעבן חיות אויף דער וועלט. האָט די בהמה נאָך געַנוג ליפּענעס אין שאָף? זענען די שעפּסן שוין אין פעלד? און צי זענען די פערד גוט באַזאָרגט באַ די קאָרעטעס? אים צו באַגלייטן גייען מיט די טייערע איידעמס, בלאָנדע יונגעלייט מיט קליינע גאָמבע־וועראַצעלעך און מיט גאָלדענע קייטן אויף די זייגערס. אַ גאַנצע וואָך זענען זיי צעזייט און צעשפּרייט אַרום דער הוטע, ווער עס איז פאַרנומען מיט איינקויפן האָלץ, מערגל (ליים), ווער מיט אויסקויפן איבער די דערפער בראָכוואַרק, בוטליעס, פלעשער, גאָנשערס, שמעלץ — נאָר צום שבתדיקן טיש קומען זיי צום שווער, לעבן אָפּ אַ פריילעכן שבת און פאָרן אַוועק.

אַצינד, נאָך האַלבן טאָג, גייען זיי מיטן שווער אַרויס איבער גאָטס וועלט, באַקוקן דאָס אַלץ וואָס זיי פאַרמאָגן, דאָס אַלץ, וואָס עס האָט זיי געבערענגט די גוטע וואָך.

נעבן זיי גייט נאָך הערש־דודל, אפרים־הערצס יינגל, אַ בחורל, וואָס גייט מיט סאַמעטענע הייזלעך ביז איבער די קניען, האָט אַ בייטשל אין האַנט און הייסט אויך צוליב זיין שיינקייט „פאַניטשעק“. „פאַניטשעק“ דער מענטש האָט זייער ליב פאַניטשעקן דאָס פערדל.

דען ער ווייסט, אַז נאָך אַ חודש אָדער צוויי און ער וועט אַריינפאַלן אין אַ בריטשקעלע און ער, דאָס יינגסטע זונדל אפרים־הערצס, וועט האַלטן אַ בייטשל און טרייבן און יאָגן דאָס פערדל.

דערום קומט ער אַלע מאָל צו צו אים און גיט מיטן בייטשל אַ קנאַק אין דער לופט — אַ סימן, אַז ער וועט אַמאָל זיין שמייסער זיין.

פאַניטשעק דערשרעקט זיך נישט, פאַרקערט, עפּעס אַ זיסער פאַרחלומטער ציטער לויפט דורך די אָדערן זיינע און ער פאַרטראַכט זיך מיט אַ היימישן בליק איבער די וועגן, וואו ער וועט אַמאָל, ווי אַנדערע יונגע פערדלעך, לויפן און הירזשען און שפּרינגען. שבת קומט פאַניטשעק דאָס שיינע בחורל צו אָן בייטש. ער גיט אַ נעם אַ גאָרשטש טרוקן היי, פאַניטשעק הייבט אָן אַרויסציען פון זיינע הענט לאַנגע פאַסיקלעך, הייבט אָן מאָלן מיט די קליינע ציינדלעך און איז גליקלעך מיטן גאַסט.

ערשט פאַרנאַכט, ווען יידן דאַווענען מעריב און זעגנען מחדש די לבנה, דערקענט פאַניטשעק נאָכן זוכן פון מענטשן די שטערן אין הימל, אַז עס קומט אָן וואָך. דער הוטע-אויוון וועט אָנהייבן ברענען, די פערדלעך לויפן, נאָר אים אַרט עס נישט, דען באַ אים איז שבת רויק ווי וואָך, און וואָך, ווי שבת.

אַזוי איז געגאַנגען זיין לעבן, פאַניטשעקס שטילע, זיידענע לעבן. איז ער אַמאָל קראַנק געוואָרן? האָט מען גערופן אַמאָל אַ וועטערינאַר? ניין! אַ פריילעכער, גליקלעכער איז ער געווען אין דער הערשאַפט פון אפרים-הערצס הוטע.

נאָך אַכט חדשים איז באַ פאַניטשעקן געשטאָרבן די מוטער. געגאַנגען איינמאָל אויף אַ זומפּיקן וועג, איז די שקאַפּע איינגעזונקן מיט די פאָדערשטע פיס, דער וואָגן איז אַרויף אויף איר און זי דערדרוקט.

פאַניטשעק איז געקומען צו לויפן מיט די בעלי-הבתים. געבליבן שטיין, נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, אָבער ווען ער האָט דערזעען, אַז די פיס זענען אויסגעצויגן ווי שטעקנס און אַז מענטשן שינדן די הויט פון איר, האָט ער אָנגעהויבן שפּרינגען, הירזשען, לויפן שיער נישט משוגע צו ווערן. פון דעמאָלט אָן איז פאַניטשעקן אַריין אַ „סמוטעק" אין קאָפּ אַריין, מען האָט געמוזט אַרויסנעמען די מאַמעס „כאָמוט" פון שטאַל, איר בייטש, איר קאַרעטע, אירע לייטשעס, די ציימלעך, אַפילו דאָס שאַף, פון וועלכן זי האָט געגעסן.

## ריצערזש

נישט צו דערלאָזן קיין שום טרויער, קיין שום שלעכטע געדאַנקען, האָט מען אים שפּעטער אַריינגעשטעלט נאָך אַזאַ זשרעביקל, אַ ווייס ווי מילך, דאָס איז געווען אַ פערדל פון אַן אַנדער מין כאַראַקטער. אַ פריילעכס, שפּרינגעדיקס און נאַרישס, ווי אַ קינד. דאָס פערדל איז געווען פון אַ גרויסן כראַביע, פאַרריסן דעם קאָפּ אין דער הייך, געשטאַמט פון פריצישע פערד, לעבעדיקע, שטאָלצע און שטאַרקע. קיינער איז אין דער פאַמיליע נישט געשטאָרבן, קיין טויטע פעל, קיין אָפּגעריסענע שקאַפּע, פאַרקערט, איז עס שטענדיק מיטגעלאָפן מיט די עלטערן באַ אַ חופה-קאָטש, באַהאָנגען מיט בלומען, מיט בענדער

געלעבט שטענדיק צווישן חתונות, אימענינעס און אילומינאַציעס, הייגט פאַרוואָס האָט ער באַדאַרפט טרויעריק זיין?

דאָס פערדל האָט געהייסן „ריצערזש״, אַ ער איז דאָס געווען. פון ריצערזשן האָט מען דערוואַרט גאָר עפּעס אַנדערש. נישט בלויז איינצו־שפּאַנען אין אַ בריטשקעלע, צו מאַכן אים פאַר אַ אידיליש שפּאַציר־פערדל, דען פון אים האָט מען ערוואַרט גרויסע זאַכן: נעמען פריון, גיין מיט אַ פרינץ אין מלחמה, דערפאַר האָט מען אים דערצויגן „וישטשיגאָווע״, עס הייסט, מען האָט אים געהייסן שפּרינגען, טאַנצן, פליען איבער פאַרקאַנעס און באַריערן, און דערפאַר טאַקע איז ער גע־וואָרן געשיקטער און פלינקער ווי פאַניטשעק. איר, פאַניטשעקן, די ווייך־צאַרטע פרוי, איז געפעלן אָט די לעבעדיקייט אין ריצערזשן.

פאַניטשעק האָט געקוקט אויף אים ווי עפּעס אויף אַ גרויסן גבור, נאָך וועלכן אַזאַ שוואַך קליין נפשל ווי פאַניטשעק דאַרף נאָכגיין בליג־דערהייט.

געפעלן איז פאַניטשעקן די לייכטזיניקייט און פריילעכקייט, וואָס ער, דאָס יונגע פאַרזאָרגטע פערדל האָט עס אין זיך נישט געהאַט, איז „ריצערזש״ געשטאַנען אַ פריילעכער, שטאָלצער אין שטאָל, אַרומגע־לאָפן, געהירזשעט מיט אַ זשרעבישן הירזשען, געטאָן זיך טיילמאָל אַ ריר אָן מיטן קאָפּ אין פאַניטשעקן און איז עכט צופרידן געווען.

פאַניטשעק האָט עס מיט גרויס פרייד אָנגענומען, געענטפערט אים מיט אַ פרומען באַלעקן און באַשמעקן פון אַלע זייטן, ווי אַ שוועסטער, און איז אויך צופרידן געווען, נאָר נישט מער, וואָס אין האַלטן די ימים־טובים האָבן זיי זיך נישט אויסגעגלייכט.

פאַניטשעק פילנדיק ווי די בעלי־בתים שפּאַנען חיינט אין שבת נישט איין קיין פערד, קלינגען נישט, קלאַפּן נישט, איז געוואָרן אַזוי שלע־פערדיק און מיד אַז ער האָט זיך אויך אַוועקגעלייגט אויפן בויך, אויף פרישן היי אויסגעבעט, ווי אַ שבתדיקער חתן. דער צווייטער ווידער איז אין דעם טאָג, וואָס האָט געהייסן זונטיק, געשטאַנען און געזען, ווי זיינע בעלי־הבתים גייען אַריין אין קלויסטער און ווי דער אַלטער אויסגעדינטער זעלנער „טשאַפּ״ מיט דער קוליע אונטערן

אָרעם מאַנדרעוועט בײַ די גלעקער און שיט אַראָפּ פֿון קלויסטער-שפּיץ
אַזעלכע משוגענע בימבלען, צימבלען און גלאַנגען.

ריצערזש האָט ליב געהאַט צו זען ווי די קאַראָזעלע „פּיאַקס", וואָס שטייט אַ גאַנצע וואָך איבערגעדעקט מיט גרויע לײַוונט, דרייט זיך, און אויף איר די שקצים, די שיקסעס, און די האָלצערנע פֿערד. ער האָט געהירזשעט און מיטגעטאַנצט נאָך דעם צימבלען פֿון די טעק, וואָס זענען באַהאַלטן געווען אין דער קאַטערינקע. ער האָט געק אָלן פֿון די דראָטן-גייער, קלאָץ-קריכער און קונצנמאַכער, דען די אַלע זונטיק-שמחות האָבן לאַבוסעוואַטע שטאָלץ געמאַכט „ריצערזשן" און אים פֿאַרשייט גליקלעך געמאַכט.

כאָטש פֿאַניטשעק און „ריצערזש" האָבן אַנדערש געפֿילט די וואָך און יום-טוב פֿון זייערע בעלי-בתּים, דאָך ווי גוטע שכנים האָבן זיי געלעבט און אַ סך מאָל האָבן זיי זיך פֿאַרט·ויט די הערצער, דערפֿון איז אויך אַרויסגעקומען אַ ליבע. אָט איז איינמאָל פֿאַניטשעק געשטאַנען קעגנאיבער „ריצערזשן". די גאָלדענע זון האָט דורך די ברייטע שפּאַרעס פֿון שטאַל באַגאָלדיקט די גרזשיבע און דעם שטאָלצן האַלז ריצערזשס. „פֿאַניטשעק" האָט איינגעזשמורעט די אייגעלעך און געש פּט נחת דערפֿון.

זי איז צוגעגאַנגען און אים דערלאַנגט אַ מאָדנעם לעק בײַ דער מאָרדע. „ריצערזש" האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און נישט פֿאַרשטאַנען וואָס דאָס באַדייט, האָט ער איר געענטפֿערט מיט אַ לעק... אין פֿאַניטשעקס האַרץ האָט זיך עפּעס אָנגעצונדן אַ פֿלעמעלע, עס איז איר געוואָרן וואַרעם אויף דער נשמה, פּונקט ווי די מוטער, די שקאַפּע, וואָלט איר דאָ אויפֿשטיין. פֿון דעמאָלט אָן האָט פֿאַניטשעק געפֿילט, אַז ווען „ריצערזש" גייט אַרויס פֿון שטאַל, ווערט איר זייער באַנגלעך, ער פֿלעגט שטיין בײַם פֿענסטער פֿון שטאַל, אַריבערקוקן איבער די פֿאַר-קאַנעס דורך די שפּאַרעס פֿון די ווענט: לויפֿט שוין ריצערזש? קלינגט שוין זיין זילבערן גלעקל? און ווען ער האָט אים דערזען בײַ דער טיר, האָט ער אים אָנגעהויבן באַלעקן און באַשמעקן ווי אַ ברודער.

אין געוויסע צייטן האָט פֿאַניטשעק איבערגעלעבט פֿאַרצווייפֿלטע מינוטן, אָט שטייט ער פֿון ווייטנס און זעט, אַז אַרום ריצערזשן

דרייען זיך אַ פּאָר פרעמדע „קאָבילקעס“, שכנות פון אַ צווייטן הויף, פּאַניטשעק האָט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, ווי ער וואָלט גראָז זוכן, אָבער גראָד אין די מינוטן האָט ער געפילט אַ מין שטעכן אין די ביינער. פאַר די אויגן איז אים פונקען געפלויגן, מאָדנע הייסע פונקען, ער האָט געוואָלט אי ווײַנען, אי הירזשען, אי אַוועקלויפן ערגעץ פון בושה, נאָר דאָס אַלץ האָט ער נישט געקאָנט טאָן. ביז „ריצערזש“ איז צוגעקומען אים איבערבעטן, האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געטאָן אַ זיפץ.

## זיין ערשטע בייטש

אַז א בייטש איז אַ שלעכטע זאַך, דערפון האָט פּאַניטשעק קיינמאָל נישט געוואוסט, דען ער האָט געהאַלטן, אַז אַ שמיץ פון אַ בייטש איז אַ סיגנאַל: גיי פערדל אַהין אָדער אַהער.

אַ קנאַק פון אַ בייטש אין דער לופט, דאָס גיט דעם פערד קוראַזש און מוט, דערום האָט ער געהאַלטן, אַז די אַלע בייטשן, וואָס די מוטער, די שקאַפּע, האָט געקריגן, איז נאָר געווען צייכנס, אַז זי, די שקאַפּע, זאָל לעבעדיקער גיין. טוט אָבער ווייַ אַ שמיץ פון אַ בייטש? דערפון האָט פּאַניטשעק נישט געוואוסט, פאַרקערט, דער קנאַק מיטן בייטשל, דאָס איז געווען בײַ אים דאָס זעלבע, וואָס בײַ אַ יינגל, ווען ער דערהערט דאָס שפּילן פון אַ זילבערן טרומייטל ערגעץ ווייט אויף אַ באַרג. ער פלעגט אויפשטעלן די אויערן, זיך פאַרטראַכטן, און טייל־מאָל זיך צעהירזשען און צעבריקעווען ווי אַ ווילדער, דאָס וואָס עס איז אין זיין כאַראַקטער קיינמאָל נישט געווען.

פּאַניטשעק האָט געבענקט נאָך אַזאַ בייטש און געהאָפט, אַז ווען ער וועט אַמאָל אַריין אין אַזאַ קאָטש, וועט ער האָבן די זכיה צו הערן אַזאַ מין קנאַקן. אַזוי איז נאָך צען חדשים אַבסאָלוטע פרייהייט פּאַני־טשעק פאַרבעטן געוואָרן אין אַזאַ קאָטש.

[ט איז איינמאָל אין אַ פרימאָרגן אפרים־הערצס סטאַנגרעט אַריינ־געקומען איידל אין שטאַל און אַ ווייז געטון פּאַניטשעקן אַ כאָמוטל, אַ ניי שיין ציימל, ווי מען ווייזט אַ קינד אַ קיכעלע, דערנאָך האָט

ער איז אַ פּאַטש געטון אין שטערן און אָנגעהויבן אַרויספּירן אין דרויסן.

פּאַניטשעק האָט דערזעענדיק דעם בלישטש פון דער נייער קאַטש אַ זיסן ציטער געטון. ער האָט זיך עפּעס מאָדנע פאַרשעמט, ווייל ער האָט זיך נישט געוואוסט ווי אַזוי צו האַלטן. אָט איז ער אויסגעקומען מיטן פּנים צו די אונטערשטע רעדער, אָט האָט ער אַריינגעשטעלט ביידע פוס צווישן די האַלאַביעס און גאָר איז ער אַריינגעגאַנגען מיטן קאָפּ צו די פאָדערשטע רעדער און געמיינט, אַז אַזוי וועט ער איינגעשפּאַנט ווערן. ענדלעך האָט מען געמוזט מאַכן עטלעכע אויסבעסערונגען און מען האָט אים אַריינגעפירט צווישן די האַלאַביעס, צוגעבונדן, אַרויפגעלייגט דעם כאָמוט, דער סטאַנגרעט האָט זיך געזעצט פאַראויס,

פון הינטן אפרים-הערצס זונדל מיט דער בייטש אין האַנט.

— וויאָ, וויאָ — האָט זיך געהערט אַ פריילעכער באַפעל צו פּאַניטשעקן, ער האָט אַ שפּרונג געטון ווי אַ יונגל, געלאָפן פריילעך און לוסטיק.

עס האָט אין אים אַלץ זיך געפרייט.

די מענטשן אויפן ברישקעלע האָבן פּאַניטשעקן נישט פאַרבעסערט דאָס לויפן, ער איז געלאָפן ווי אַ זיגזאַג אַהין און צוריק אין דער און יענער זייט.

אַ דינער פיינער קורזש, ווי אַ ראָזער נעפּל, האָט זיך אויפגעהויבן פון אונטער זיינע קאָפּעטעס און גרינג געמאַכט דאָס לויפן פון זיינע פיסלעך.

ער איז געלאָפן? גיין, עס איז זיך געלאָפן, עס זענען געלאָפן די פעלדער, וועלדער און וואַסערלעך, געדרייט זיך, ווי זיי וואָלטן אים מאַכן אַ וואָרע: קום, טייערער, לעבעדיקער פּאַניטשעק.

אַפּלויפנדיק אָבער אין שמחה אַזוי צוויי שעה נאָכאַנאַנד אין דער הוטע-געגנט, האָט אָבער עטוואָס פּאַסירט. באַם זיבעטן וויאָרסט איז געווען אַ קליין ראָוועלע, וואו פּאַניטשעק האָט געמוזט אַריבערשפּרינגען.

ער איז דאָ שטיין געבליבן און געוואַרט די קאָמאַנדע.

— שפּרינג — האָט ער געהערט אַ באַפעל. ער האָט זיך געקווענקלט.

— שפּרינג! נו, שפּרינג!

ער האָט זיך געדרייט אַהין און צוריק.

— פאַרוואָס שפּרינגסטו נישט?

— אַנו, דערלאַנג איהר מיט דער בייטש!
פאַניטשעק, דאָס רויטע קיילעכדיקע בחורל, האָט מיט דער בייטש צו-ערשט אָנגעהויבן פייפן איבער זיינע אויערן, געפייפט איינמאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל — דאַן האָט ער אים דערלאַנגט אַזאַ שמיץ, אַז ער איז שטיין געבליבן ווי אַ גולם. אין עטלעכע מינוטן ארום האָט זיך אויף פאַניטשעקס גוף געזען אַ בלאָע קישקע, ווי אַ שלאַנג. דאָס פערדל האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען, וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען — ער איז שטיין געבליבן און פאַרוואונדערט געדרייט מיטן קאָפּ, ווי די מויערן מיט די שטעלער וואָלטן איינגעפאַלן.

## די ערשטע ליידן

אַ בייטש איז אַ ביטערע זאַך, האָט געטראַכט פאַניטשעק אויף צו-מאָרגנס, שטייענדיק אין שטאַל און זיך מישב געווען, אַז דאָס שיינע בייטשעלע, וועמעס קנאַקן ער האָט אַזוי ליב געהאַט, איז זיין שונא גאָר. ער האָט נישט געוואוסט, וואָס אויף זיין פלייצע איז פאָרגעקומען. ווי טויזנטער פודן וואָלטן דאָרט ליגן. אויף דעם אָרט פון שמיץ האָט עפּעס אים געקיצלט, אים געביסן, אים וויי געטאָן. אינסטינקטיוו האָט זיין פעל אָנגעהויבן ציטערן, פונקט ווי טויזנטער פליגן וואָלטן אים באַפאַלן. פון די דאָזיקע געהיימע פליגן האָט ער געוואָלט זיך באַשיצן, האָט ער געקאָפּעט מיט די פיס, געשמיסן מיטן ווידל אויף רעכטס און לינקס, נאָר ער האָט זיך גאָרנישט געקאָנט אָפּטרייבן פון די שלעכטע געדאַנקען און געוויסנסביסן-געפילן און שוידערן, וואָס זענען אומגעלאָפן אין זיין קערפּער דאָ און דאָרט.
אויפן צווייטן טאָג האָט מען שוין פאַניטשעקן נישט געצערטלט דאָס מאָרדקעלע, ווי באַם ערשטן מאָל, נאָר מען האָט אים גלייך צוגעפירט צו דער כור. ער איז באַלד אַליין אריבערגעשפּרינגען די האָלאָביעס מיט די צוויי הינטערשטע פיס, איין פוס האָט זיך אַ רייב אָן געטאָן אין אַן אייזן. פאַניטשעק האָט געכאַפּט אַ ווייטיק, נאָר ער האָט זיך געשעמט אויסצוזאָגן. אין שפּאַן איז ער דאָס מאָל געגאַנגען שנעלער,

ווייל ער האָט געוואוסט, אַז אויב ער וועט זיך שפּילן און לויפן אַזוי נאַריש ווי נעכטן, וועט ער באַקומען דעם אייגענעם חלק וואָס נעכטן.

ער איז געגאַנגען מיט אימפּעט, אויסמיידנדיק די ערטער, וואו עס איז שווער אַריבערצוקומען, און דאָ וואו ער האָט נישט געקאָנט אַריבער־קומען, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריק צו דער ערד, געקראָכן אויפן בויך, געקרעכצט, זיך אומגעקוקט פון אַלע זייטן, טאָמער וועט אים ווער אַרויסהעלפן.

ווען מען האָט אים אויסגעשפּאַנט און ער האָט דערפילט די פיין, וואָס די אייגענע שטוב־מענטשן האָבן אים אָנגעטאָן, האָט ער נישט גע־וואָלט פאַרזוכן פון קיין עסן און טרינקען, אָט איז ער צוגעגאַנגען צום שאַף, צום ריינעם עמער וואַסער באַ דער ברונעם געטאָן אַ שמעק און נישט פאַרזוכט, ברוגז איז ער געוואָרן מיט דער ברונען, מיט די היי־בינטלען, אַפילו מיט די פענצטער פון בעל־הבית איז ער ברוגז געוועזן און נישט געוואָלט זען קיינעם פון די בעלי־הבתים.

אַרומשלעפּנדיק זיך אַזוי איבערן הויף, פון ברונען צום היי און פון היי צו די שטאַכעטן פון פאַרקן, איבער וועלכע ער האָט אַריבערגע־ריסן דעם קאָפּ און געקוקט אין דער ווייטקייט אַריין: טאָמער איז דאָרט בעסער – איז ער אַריין אין שטאַל, דאָרט אין ווינקל איז גע־שטאַנען אַ טונקעלע לאַמטערנע, וואָס האָט מיט אַ געלער שיין באַלויכטן די שיינע גזשיבע ריצערזשס. פּאַניטשעק האָט צו אים דערלאַנגט אַ שמייכעלע און געטראַכט זיך אויף פערדיש לשון: אַבי איך האָב כאָטש אייך אויף דער וועלט. דערנאָך איז ער אַוועקגעפאַלן אויף דער ערד, נאָר שלאָפן האָט ער נישט געקאָנט.

אַווינטל האָט דורכגעשווּבט און אַ וויג געטאָן דאָס געלע פייער פון דער לאַמטערנע און אָנגעוואָרפן שאָטנס און שרעק אויף פּאַניטשעקן. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז מייז קריכן אַרום אונטער זיין בויך און לאַשעטסקעס ווילן אים בייסן.

אַטיילמאָל האָט ער זיך פאַרקוקט דאָרט אין ווינקל און עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ערגעץ ווייט אויף אַ קלאָץ הענגט אַן אָפּגערי־סענע שקאַפּע מיטן קאָפּ אַראָפּ. פּאַניטשעק האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן שפּרינגען און דריקן זיך צו דער וואַנט.

## אויס חתן־כּלה

אַזעלכע נעכט זענען געגאַנגען איינע נאָך די אַנדערע, גאַנץ פרי איז פּאַניטשעק אַוועק פון דער שטאַל, אַמאָל אַן איינגעשפּאַנטער אין אַ קאַטש, אַטייל־מאָל האָט אויסגעפּעלט אַ פערד אין אַ וואָגן צו משא צו און מען האָט אים צוגעשפּאַנט צו אַ וואָגן אויך. באַנאַכט איז ער גע־קומען מיד און צעבראָכן און ברוגז, עס איז אים נישט איינגעגאַנגען קיין עסן, נישט קיין טרינקען און נישט די גוטסקייט פון בעלי־בתים, וואָס האָבן אים אונטערגעבעט מיט היי אַלע נאַכט, דען ער האָט גע־פילט, אַז דאָס איז נאָר חניפה, אים מאָרגן ווידער אין אַ שווערן וואָגן איינצושפּאַנען. נאָר נישט מער, וואָס די אַלע יאָגערייען און פּלאָגערייען זענען אָפּגעווישט געוואָרן מיט ריצערזשס צונג, מיט זיין לעקן און שמעקן. ער האָט דאָן פאַרגעסן, אַז אין דרויסן שטייט אַ וואָגן, אַז אויפן וואָגן ליגט אַ משא, אַז מיט דער משא מוז ער לויפן גאַנצע פינף מייל, און אַז אין מיטן וועג באַפאַלט אים אַ רעגן אָדער אַ האָגל, אָדער דונערן און בליצן. גוט איז פּאַניטשעקן געוועזן אין אַזעלכע מינוטן, ער האָט פאַרגעסן אין דער גאַנצער וועלט, וואָס ליגט אונטערן שטאַל. פאַראַנען אָבער אַנטוישונגען אויף דער וועלט, וואָס פאַרוויטיקן דאָס האַרץ פון פערד, ווי פון מענטשן.

און אָט זענען אויפן ווישטשיגע־פּלאַץ פון פערד געשטאַנען צוויי שקצים, איינגנטימער פון צוויי־ערליי פערד, געשטאַנען און דורכגעשמועסט זיך וועגן דער נאַנטער ווישטשיגע.

— אַנטעק, זאָגט איינער, ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגן, אַז באַ די היינטיקע „ווישטשיגעס“ וועט „ריצערזש“, דאָס העלדישע פערדל, האָבן די מפּלה, ווייל „זשעליאַזנא“ איז פיל שטאַרקער פון אים.

— „זשעלאַזנא“, אָט דאָס נאַרישע גאַפּעוואַטע פערד?

— ער!

— אַז לעבן זאָלן אַזוי די שונאים?

— די שונאים זאָלן טאַקע אַזוי לעבן.

ביידע שקצים האָבן אויפגעהויבן די הענט און שטאַרק איינגעפּאַטשט אַ געוועט, דערנאָך זענען ביידע אַוועק אין פאַרשיידענע ריכטונגען.

דער וואָס איז געגאַנגען צו צו „ריצערזשס“ שטאַל, איז צוגעגאַנגען האַסטיק, מיט גבורה. „ריצערזש“ איז אַליין צוגעקומען צו אים און איבערגעגעבן זיך צו אים אין האַנט אַריין. ער איז געגאַנגען מיט כבוד, ווי עס פאַסט פאַר אַ יונג ווישטשיגאָווע פערד, וואָס געווינט פריזן. זיינע קליינע גאָלדענע גלעקלעך האָבן געקלונגען, די פיינע געשניצטע שיכלעך פון זיינע קאָפיטקעס האָבן זיך געהויבן אין דער לופט, זיין הירזשען און פרייען זיך האָט איבערראַשט אים אַליין. ער האָט מיט שטאָלץ געקוקט צו די פערד און געטראַכט זיך, אַז דעם בעסטן פריז וועט ער נעמען פאַר זיך אַליין.

„פאַניטשעק“ איז אויף קיין „ווישטשיגעס“ נישט געגאַנגען, דען ער האָט באַלאַנגט צו יענע פערד, וואָס האָבן נישט ליב קיין גרויסע בצהובות, קיין „ווישטשיגעס“, קיין פריזן, קיין שפּרינגען איבער באַריערן, ער איז נאָר געגאַנגען זען דעם נצחון פון זיין געליבטן ריצערזשן.

ער איז דערנאָך געשטאַנען ווייט פון דעם זאַמל-פונקט און זיך אַליין געשמייכלט מיטן קליינעם ווײדעלע, ווי אויף אַ שמחה.

מיט אַ שעה שפּעטער האָט זיך געהערט אַ קלונג אויפן זאַמל-פונקט פון די „ווישטשיגאָווצעס“. עס איז געוואָרן אַ באַוועגונג, קיין פערד האָט מען נישט געזען לויפן, נאָר אַ שרעקלעכן קורזש און אַ שיטן פון אונטער די קאָפּעטעס מיט זאַמד. די פאַרשפּילטע רייטער האָבן זיך נישט געאיילט, די קעפּ באַ זיי זענען געווען אַראָפּגעבויגן, דערשלאָגן. די געווינער האָבן זיך געהאַלטן מוטיק, און זייערע פערד זענען צוגעגאַנגען צום זאַמל-פונקט פון די ווישטשיגאָווצעס מיט אַ פאַרדינטער גרויסקייט.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך געהערט רעדן וועגן „ריצערזשן“ און באַלד האָט מען געזען דאָס ווייסע פערדל אַ פריילעכס און גליקלעכס.

אַרום אים זענען געשטאַנען פאַרשיידענע כראַביעשע פערד, וואָס האָבן אים געחנפנט, אויף זייער שפּראַך האָט עס געהייסן, אַז זיי געבן אים אַ מזל-טוב, אָדער גאָר זיי זענען פאַרליבט אין אים. מענטשן זענען צוגעקומען און אים געגלעט און געחנפנט. ריצערזש איז געווען שטאָלץ און גליקלעך מיט זיך.

פּאַניטשעק איז אויך צוגעקומען, געוואָלט באַווייזן אַלעמען, אַז ער האָט מער רעכט אויפן העלד פון די ווישטשיגעס, ווען ער איז אָבער צוגעקומען נעענטער, האָבן אים די פערדלעך אויסגעמיטן, אַוועקגעדרייט זיך פון אים און נישט צוגעלאָזט צוגיין צום יונגן העלד. „ריצערזש" אַליין, וואָס איז דאָס מאָל געווען פאַרשיכּורט פון נצחון, האָט איר איצט גרינג געשעצט, פּאַניטשעקס קינדישע שמחה, האָט אויף אים קיין איינדרוק נישט געמאַכט און ווען יענער האָט זיך געטובלט און געבאָדן אין פרייד, האָט דער צווייטער וואוילעריש אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אויסגעדרייט זיך צו אים מיטן הינטן.

אין דער אייגענער נאַכט האָט מען „ריצערזשן" אַוועקגעפירט אין אַ שטאַל, ווי אַ סאַלאָן. פּאַניטשעק האָט זיך פון גרויס עגמת־נפש אַוועקגעלייגט ווי אַ נבלה, שלאָפן האָט ער נישט געקאָנט, און עפּעס איז אים געשטאַנען אין די אויגן, אין דער נאָז, ער האָט כּסדר געהאַלטן אין איין געניצן, פאָרסקען מיט די נאָז־לעכער און מאַלן מיט די קליינע ציינדלעך, פּונקט ווי ער וואָלט זיך פאַרקילן און נישט וויסן, וואו איז די פאַרקילונג, און ווי־אַרום מען ווערט זי פּטור.

## פּאַניטשעקס אַנטוישונג און די ציגײַנערישע גנבה

אַ שוואַרצער חלום אויף זיין קאָפּ, האָט געטראַכט פּאַניטשעק, דער יעניקער, וואָס איז נישט געוואוינט צו קיין עולות, געהערט אַ ביסל זיך געקומען אים אַנטקעגן מיט שמחה, האָט ער זיך גאָר אויסגעדרייט מיטן הינטן, נו גוט, ווען ער וועט אַריינקומען אין שטאַל, וועל איך מיך אַוועקשטעלן אין אַ ווינקל, און אויך אויסקומען מיטן הינטן.

און דאָס באַליידיקטע פערדל האָט זיך געמאַכט אַ פּלאַן, אַז ווען „ריצערזש" וועט אַריינקומען, וועט ער נישט אַנדערש זיך אַוועקשטעלן אין אַ ווינקל און נישט אומקוקן זיך אויף אים, ער וועט מעגן צו אים קומען מיט חניפות, מיט פערדלשע לאַסקעס.

ביז שפּעט אָבער בײַנאַכט איז „ריצערזש" נישט געקומען, און פּאַניטשעקס צאָרן איז געוואָרן שוואַכער. אָט האָט ער שוין אָנגעהויבן

איינדרימלען און פֿאַרגעסן אין „ריצעזשן", אין די בייטשן און אין דעם גאַנצן דורכפֿאַל זײַנעם.

דער דרויסן איז געשטאַנען אַ שטילער, אומעטיקער, אַ העל לבֿנה־געשטאַלט האָט מיט אַ פֿאַרזאָרגטן בליק אַרײַנגעקוקט דורכן שמאָלן פֿענצטערל פֿון שטאַל צו פּאַניטשעקן צו, פּונקט ווי זי וואָלט זיך אָננעמען זײַן קושיוודע.

און פֿילנדיק עפּעס אַ מין צערטלעכע האַנט, האָט פּאַניטשעק פֿון שלאָף געמאַכט צו איר חנדלעך און שמייכלעך. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער זייגט פֿון אַ גוטער ברוסט און אַז אַ מוטער באַלעקט אים דעם שטערן. נאָר פּלוצלינג איז אים באַפֿאַלן אַ טונקעלער קאָשמאַר, עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, ווי פֿערד צעלאָזן זיך, הירזשען און שפּרינגען פֿון שרעק, האָט ער אַליין אויך געוואָלט נעמען לויפֿן, נאָר סיי דער שלאָף, סיי די לבֿנה האָבן פּאַניטשעקן זיך נישט געלאָזט רירן פֿון אָרט, אַזוי אַז ער האָט פֿאַרקרומט די מאָרדע און אין שלאָף אויפֿגעהויבן אַ פֿוס און געמאַכט עטלעכע רונדן צו דער לבֿנה, דערנאָך צוריק אוועקגעלייגט דעם פֿוס.

אין דער צייט אָבער, וואָס די לבֿנה־נאַכט האָט זיך צעשפּילט מיט אירע אמתע און נישט אמתע חלומות, איז אָבער ערגעץ־וואו עפּעס פֿאָרגעקומען: דער ציגײַנער־טאַבון, וואָס איז היינט געוועזן אויף די ווישטשיגעס, איז אייגנטלעך נישט געקומען זען דעם רעזולטאַט, נאָר מען איז געקומען אויסקוקן, ווער וועט זיך עס בעסער אײַנגעבן צו דער נאַכט־גנבֿה.

דער טאַבון איז זיך געזעסן שטיל אונטער דער לבֿנה־נאַכט און האָט געמאַכט אַ חשבון: „פּיגאָן", דאָס הויכע רויטע פֿערד, איז אַ ווילדער און אויב מען וועט אים פֿאַרוואָרפֿן אַ שטריק אויפֿן האַלדז, וועט ער אַרויס פֿון געדולד און וועט זאַטראַטעווען אַלעמען, אַז „זשעלאַזני" בייסט אומגעהייער, אַז „גוויאַזדאַ" קאָפּעט, ער האָט שוין נישט איינעם פֿאַרפֿאָרן אין שטערן, אַז „קאָגוט" שפּרינגט, אַז „ליעוו" הירזשעט, אַז „טיגריס" רייסט זיך אויס און אַנטלויפֿט און אַז „ריצעזש" ווערט שטאַרק געהיט.

פֿון די אַלע איז געשטאַנען אויף דער וואַקאַנדאַ „פּאַניטשעק". ער,

„פאַניטשעק“, דעם הוטניקס פערדל, וואָס איז נישט איבעריק שטאַרק, איבעריק קלוג און איבעריק אָפּגעהיט.

צו דער נאַכט־גנבה׳ האָבן זיך געמאָלדן דריי פאַרשוין, „רולא“, אַ הויכער שטייפער ציגיינער, וואָס קאָן אויפרייסן דעם פיסק פון שטאַרקסטן פערד, ער האָט גענומען אַ זאַק און צוגעזאָגט פאַניטשעקס קאָפּ דעם זאַק אָנצוטון, „באָנק“, אַ קליינער ברודיקער ציגיינער, וואָס לאַכט מיטן ברייטן מויל ווי אַ נעגער, ער האָט זיך גערימט מיט זיין קאָנען פייפן און פאַרנאַרן פערד, און „טושיזיק פיק“, אַ דאַרער קליינער יונג, מיט אַ צייכן פון אַ פערדישער קאָפּיטע אויפן שטערן ווי אַ האַלבע לבנה — אַ פרעכטיקער אַנטלויפער, ווען מען האָט אים געיאָגט.

די אַלע דריי האָבן זיך תוך־כדי־דיבור געגעבן אַ לאָז אַריין אין קאָרן, צעזאָטן זיך, קיין מענטשן האָט מען שוין נישט געזען, נאָר ברייטע קאָפּעלושן שווימען דאָ און דאָרט, ווי איין שאָס זענען זיי אויסגעקומען בײַ דער שטאַל, מיט אַ בליק צו דער לבנה און אַ ציגיינערישן שפרונג אנשטאָט אַ צלם אויף דער ברוסט זענען זיי אַריין אין שטאַל און אויפגעשטעלט פאַניטשעקן ווי אַ גולם, אויפגעשטעלט אים, אָנגעטון אים דעם זאַק, פאַרוואָרפן שטריק. פאַניטשעק האָט זיך נישט געגנגעשטעלט, דען ער האָט נישט געוואוסט, וואָס מיט אים טוט זיך. אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער שוין געגאַנגען ווי אַ שטיל שעפּסעלע ווייס, ווייט אין וועג, די שטילע לבנה, וואָס פאַרשטייט כישוף, האָט אים נאָכגעקוקט, נאָכגעוואונקען מיט די זילבערנע פינגער: גיי, טייערער פאַניטשעק, דו ביסט אַ יידיש בכבודיק פערדל און דערום וועסטו אַ ביסל גלות אויך אָפּקומען.

פאַניטשעק איז נישט געגאַנגען, נאָר עפּעס האָבן אים די פעלדער און וועלדער געשטויסן פון זיך, ער האָט זיך אָנגעטראָפן מיט אַזעלכע ערטער, וואו ער איז קיינמאָל נישט געוועזן, זאַמדן, גריבער, בערגער, אַלע מאָל שיער נישט געפאַלן און דאָך שטיין געבליבן און ער האָט גאָרנישט געוואוסט, נאָך וואָס גייט ער, נאָך וואָס שטעלט ער זיך אָפּ, און צי פירט מען אים הענגען, שיסן, אָדער סתם שינדן די הויט. ווי אַ דערשראָקענע שאָף, וואָס זעט שוין דעם גלאַנץ פון מעסער, האָט ער זיך טיילמאָל פאַרטראַכט, מיט הכנעה אויסדרייענדיק דעם קאָפּ מיטן זאַק צו די מענטשלעכע אויגן אין דער נאַכט. אפשר וועלן זיי

אים פאָרט אָפּלאָזן. ער איז שטיין געבליבן, ווי אַ פאַרקלערטע קי, מיטן קאָפּ אויסגעדרייט צו די הייזלעך, שטעלער און שאָפּע פון דער הוטע, וואָס איז שוין געלעגן פאַרשלאָסן פון דער ווייטקייט און עפּעס אַ טיפע מרה־שחורה האָט געפּייניקט זיין געמיט: וואו איז דער סקושיפּ פון דער ראָד־ברונען אין די יעשען־טעג? וואו איז די לאַמטערנע פון סטאַנגרעט „באַרטש"? און וואו זענען די פעטע רויקע בהמות, וואָס זענען געשטאַנען אין שכנות מיט אים?

פאַניטשעק איז שטיין געבליבן, זיך פאַרקלערט און פאַרטראַכט, ווי אַלע מאָל האָט ער פון אַן אַנדער זייט באַקומען אַ שטויס און אַ ריס באַם ווידל, אָדער אַ צי באַ דער גזשיבע.

## אין טאַבון

שפּעט באַנאַכט איז פאַניטשעק אַריינגעפאַלן צווישן קליינע הייזלעך, שמוציקע, פאַרלאָזטע, אָנגעוואָרפן מיט האָלץ, מיט וואַלד־נאָדלען, מיט שמאַטעס, מיט צעריסענע קאַלאָשן, מיט פעדערן, מיט קאַלינעס, מיט רויטע הויט פון פערדישן קאָלבאַס, מיט ליידיק טעפּ פון געגנבטן שמאַלץ, עס האָט געשמעקט מיט געבראָטענע קאַרטאָפלעס און הערינג און סמאַלענעס. דערזען דאָס פערד, זענען אַלע ציגיינער און ציגיינערלעך אַרויפגעפאַלן אויף דעם פערדל מיט אַ ציגיינערשער שמחה און באָלבלעריי. זיי האָבן פאַניטשעקן מכבד געווען מיט אַ פאַרשטונקענעם שאַף ליפּענעס, פון וועלכן ער האָט באַלד אָוועקגעכאַפּט דעם פּיסק און אויסגעשטשירעט די ציין פון עקל, אויסצומיידן דעם ריח אַפילו.

אַ ברודיקער קובעל וואַסער איז פאַר אים געשטאַנען. ער איז שרעקלעך דורשטיק געווען, האָט ער געגעבן דעם ערשטן צי דורך די ציין און באַלד אָוועקגעכאַפּט דאָס מויל, ווי פון פייער.

אַ באַליע גרעט איז געשטאַנען איינגעווייקט מיט מידלענעס, דאָס האָבן די ציגיינער אויף גיך געוואָלט אויסוואַשן זייערע העמדער, כדי אויף גיך מאָרגן צו אַנטלויפן.

דערויף האָט זיך געטראָגן אַ שרעקלעכער עיפּוש פון דער באַליע און פאַניטשעק האָט זיך באַלד אָפּגערוקט דערפון.

ער איז אַרומגעקראָכן אַ פּאָר מינוט אויף דער פריי, ווי אַ פאַרבלאָנ־דזשעטער, געטראָפן זיך מיט עטלעכע דאַרע שקאַפּעס פון טאַבון, נאָר זיי האָבן אים נישט אינטערעסירט, ווי די ציגיינער. ער האָט געשמעקט דאָ און דאָרט, באַטראַכט דאָס און יענץ ווינקל, נאָר דערפון איז אים מער ביטער געוואָרן אויף דער נשמה.

צומאָרגנס גאַנץ באַגינען איז „רולא“ געלעגן אויף דער ערד, פוס אויף פוס פאַרלייגט, געררייכערט אַ ליולקע און געפּיפּעט דעם רויך גאַנץ רויק, ווי איינער, וואָס האָט אָפּגעטון אַ זיכער שטיקל אַרבעט.

„באָנק“ האָט געשפּילט אויף אַ פידעלע, געמאַכט פון פערדישע סטרונעס.

טשיזיק־פּיק האָט זיך געוואַשן אַ פּאָר רויטע הויזן אויף גיך.

— גייט דאָס פערדל אויפן יריד, —האָט באָנק געפרעגט,—אָדער אין טאַבון?

— אין טאַבון? — האָט אַרויסגעכאַפּט די ליולקע פון מויל „רולא“, בייזערנדיק זיך מיט ציגיינערשע קללות, — אפשר ווילסטו, אַז מיר זאָלן נאָך זיצן הינטער די קראַטן?

— געוויס מוזן מיר דאָס פערד פאַרקויפן! — האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן שטעקן באַשטימט טשיזיק־פּיק, — וואָרום דאָס איז אַ זנאַטשנע פערד, האָט פלעקן אויפן שטערן.

— געוויס, אָבער איידער מיר פירן אים אַוועק, זאָל ער אונדז אויס־מליטשען אַביסל תבואה, אויף דעם פריצס דרעש־מאַשין. אַנו, „באָנק“, שפּאַן אים איין אין דער האָלאָביע, אין צוויי שעה צייט איז דאָס פאַרטיק און וועט קאָנען גיין.

— גוט!

באָנק האָט שנעל אַ נעם געטאָן דאָס פערד און מיט עטלעכע מינוט שפּעטער האָט ער זיך כסדר געדרייט אין ראָד פון דער דרעש־מאַשין.

## אויפן יריד

צוויי שעה האָט זיך כסדר באָגימשעק געדרייט. צוערשט האָט ער זיך נישט געקענט האַלטן אין צירקל, געריסן זיך אַהין און צוריק פון

דער און יענער זייט, באַלד אָבער האָט ער אַליין אָנגעהויבן גיין אויפֿן ריכטיקן וועג, געגאַנגען, ווי עס גייט אַ צוגעוויינט פערד. „באָנק“ איז געזעסן אויף דער קלאַציקער שטאַרקער האַלאַביע און האָט פּאַניטשעקן אונטערגעשמיסן פון אַלע זייטן, וואָס מער אָבער ער האָט אים געשמיסן, אַלץ מער האָט פּאַניטשעק געפֿילט, אַז ער איז מיד, נישט אויסגעשלאָפֿן, ווי פון טויזנטער וואַכע נעכט, שלאָפֿן האָט זיך אים געוואָלט, אָן אַ שיעור שלאָפֿן.

עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן. די ראָסע האָט אָנגעהויבן פֿאַלן, פייכט און פעט מאַכן די לופֿט און גראָד ווען די ציגיינער האָבן זיך אָנגעהויבן יאָגן אַפּצוציען, גראָד דעמאָלט איז דער חשק פון שלאָפֿן בײַ אים געוואָרן שטאַרקער.

פּאַניטשעק האָט שוין פון גאָר נישט געהערט, נאָר דאָס אייגענע טאָפּטשען פון די פיס אין זאַמד, און עפּעס מאָדנע בילדער זענען אים געשפרונגען פאַר די אויגן.

אָט איז אפרים-הערצס יינגל מיט אַ גאָרשטש היי אין האַנט, אָט איז אפרים-הערצס געלע באָרד, אָט איז דער סטאַנגרעט מיטן קליינעם בייטשעלע און „ריצערזש“, דער וואָס האָט זיך כּון אים אָוועקגעדרייט.

פּאַניטשעק האָט זיך אַ מינוט אָפּגעשטעלט, געכאַפּט אַ שמייכל און אַ דרימל, ווי אַ קינד, „באָנק“ האָט אַרויסגעלאָזט אַ לאַנגן וויאָ און אַ שמיר געטון איבער זיין פּלייצע מיט דער ציגיינערשער בייטש. פּאַניטשעק האָט זיך אַזוי אַרומגעדרייט אָן אַ שיעור אין עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער דאַרף זיך שוין אַזוי אָן אַ שיעור מאָל דרייען און דרייען, ווי באָנק האָט אים פּלוצלינג אָפּגעשטעלט מיט אַ טפּ-פּ-פּ-ר-ר. ער האָט עס נישט דערהערט, ביז „באָנק“ האָט אים אָפּגעהאַלטן און דערלאַנגט פּאַניטשעקן אַזאַ פּאַטש אין דער מאָרדע, אַז פּאַניטשעק איז געוואָרן צעמישט, באַליידיקט און געוואָלט באָנקן אַ ביס טאָן.

באָנק האָט אים מיטן בייטש-שטעקל דערלאַנגט אַזאַ קנאַק, אַז ער האָט אַזש אַ שפּרונג געטאָן.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער שוין געווען אויסגעשפּאַנט.

די ציגיינערלעך האָבן אויף לעצט-געלט אויסגעריסן פון זיין וויידל אַ פּאָר סטרונעס און געשיקט אים אין וועג אַריין מיט טשיזיק-פּיק.

קומענדיק אויפן יריד, האָט טשיזיק-פּיק פּאַניטשעקן באַהאָנגען מיט אַ סאָרבע און זיך מיט אים אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל.

דער פּלאַץ איז געווען באַגאָסן מיט הייסע רויטע ליכט פון דער פרי-מאָרגן-זון. טונקעלע שאָטנס פון די פורן און פערד זענען געלעגן אויפן פּלאַץ דאָ און דאָרט און אויסגעמישט זיך מיטן רויטן פערדישן מיסט און קופּקעלעך האָבער אָדער היי. האָט עס אויסגעזען, ווי אַ מאָזאַיק. עס איז געוואָרן הייס און דושנע. עס האָט אָנגעהויבן זיך פילן ריחות פון פערדישע פעל, האָבער און מיסט.

די פערד האָבן פון היץ געקאָפּעט מיט די הינטערשטע פיס, פאַרגראָבן זיך מיט די קאָפּיטעס טיף אין דער ערד, אויסגעריסן שטיקער און געשליידערט עס אין דער הייך. אַ טייל האָבן זיך צעהירזשעט, גערופן איינס דאָס אַנדערע, אָדער געשמיסן זיך מיט די וויידלען, צי עס האָבן זיי יאָ געביסן פליגן, אָדער נישט.

אַ טייל זענען אַליין אַוועק צום פּלומפּ טרינקען און צופרידן געווען, ווען עמיץ האָט זיי אָפּגעגאָסן מיט קאַלט וואַסער. אָט איז פון ערגעץ וואו אָנגעקומען אַ שאַף וואַסער. דורשטיקע מיילער פון מענטשן האָבן זיך אָנגעטרונקען און מיט דער רעשט אָפּגעגאָסן די פערד.

פּאַניטשעק האָט אין דער גאַנצער שמחה קיין אָנטייל נישט גענומען. ער איז געשטאַנען האַרט נעבן טשיזיק-פּיק מיט דער טאָרבע אויפן האַלדז, מיד, ברוגז און דערשלאָגן.

טשיזיק-פּיק האָט זעענדיק אים פאַרצווייפלט אַ צי געטון באַם ציימל, אָדער אַ פּאַטש געטאָן אים מונטערער צו מאַכן, צוגעבן אים קוראַזש. פּאַניטשעק האָט זיך אָבער ווי אויף צו להכעיס איינגעשפּאַרט און געשטאַנען ווי אַ גולם. אַ טייל מאָל האָט ער זיך גענומען דרייען, ווי ער וואָלט גיין אין דער דרעש-מאַשין.

**יחזקאל-ברזשאָזא**
**דער דאָזאָר, פּאַניטשעקס בעל-הבית**

— ציגיינער, העי ציגיינער, וויפל איז אַלט דיין פערד?

— ציגיינער, איז דיין פערד נישט קיין חולה, וואָס דאַרף מאָרגן פגרן און דו ווילסט אים אויסברענגען אויפן מאַרק?

— העי ציגיינער, וויפל מינוט טויט-שרעק קאָסט ער דיך ? אַ שאָד נאָר וואָס ער איז שטום, אַזיסטן וואָלט ער אונדז דערציילט, וואו ער איז געלקחנט געוואָרן.

— אַ שוויאַדעסטווא האָסטו ?

— כי, כי, ער האָט קיין פּאַפּירל נישט.

— טשיזיק !

אַזוי זענען געשטאַנען עטלעכע פּויערים און האָבן טשיזיקן צוגענומען די גאַל.

טשיזיק איז אָבער אַן אויסגעהאַלטענער מענטש און דאָ וואו מען דאַרף נישט רעדן, רעדט ער נישט, איז ער געשטאַנען ציטערדיק: טאָמער טאַקע קומט צו דער סטאַרשע-סטראַזשניק און פרעגט אים אויף אַ שוויאַ-דעסטווא, האָט ער זיך איבערגעפּעקלט פון אָרט צו אָרט און אָפּגע-רוקט פון געטומל.

אין דער זעלבער צייט וואָס טשיזיק איז אַזוי געשטאַנען אין אַ ווינקל, אָנגערוקט פון די אַלע חוזק-מאַכער און גאַל-צונעמער, זענען צו אים צוגעקומען צוויי פּאַרשוין, קונים, שטילע מענטשן, וואָס האָבן שוין געהאַט דורכגעטאַפּט אַלע פערד און קיין איינס איז זיי נישט געפעלן. איינער פון זיי איז געוועזן אַ ייד, אַ גראָער, מיט אַ קיילעכדיק גע-שוירענע באָרד, אַריינגעוואַקסן ביז אין די בלאָע אויגן אַריין; די דאָזיקע אויגן האָבן זיך אַטיילמאָל אָנגעשטעלט אויף עמיצן און גענומען בליצן און פינקלען, ווי קעצישע. דערפאַר טאַקע האָט מען אים גערופן משה קאַץ. און נאָך איינער, אַ בחור מיט אַ גלאַנצאַוויטן דאַשעק און אַ בייטש אין האַנט, יעטקע האָט ער געהייסן. די דאָזיקע צוויי מענטשן זענען געשיקט געוואָרן פון דער שטאָטישער גמינע קויפן אַ פערד, דען נעכטן איז באַם דאָזאָר פון שטאָט, ר׳ יחזקאל ברזשאָזאַ געפּגרט אַ פערד, אַ פערד, וואָס איז איינגעשפּאַנט געוואָרן אין זיין וועגעלע צו פירן אים אויפן שפּאַציר, צו געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און אַמאָל איז עס איינגעשפּאַנט געוואָרן אין משא-וואָגן אויך. פּאַניטשעק האָט איצט באַדאַרפט פאַרנעמען זיין אָרט.

משה קאַץ האָט אַרויסגעלייגט זיינע קעצענע אויגן אויף פּאַניטשעקן. וואָרום וואָס נישט וואָס, אויף פערד איז ער אַ מבין געוועזן און אויף פערד, וואָס זענען אונטערטעניק און געהאָרכזאַם אודאי. פון וואַנען האָט

געשטאַמט זיין מבינות? מיט יאָרן צוריק איז ער, משה קאַץ, געוועזן אַ יונג אין אַ זיאַוד פון פערד, ער האָט באַדינט די קאַרעטעס, שעף. שטעלער, שפּעטער האָט ער געדינט באַ אַ דראָזשקאַרש, דעם „געלן חנאָן" און זיין פערד האָט משה קאַץ געהאַלטן אונטער זיין בייטש זעקס יאָר צייט. ווען ער האָט זיך אַ ביסל דערכאַפּט, האָט ער זיך צוגע-קריגן צו אַן אייגענער בויד, וואו ער איז געפאָרן מיט דער פּאָטשט פון שטאָט צום דערפל ב. צוויי מאָל אין טאָג. אַזוי אַרום האָט ער זיך צוגעקריגן צו ווערן דער אויפזעער איבער דער שטאַל פון פערד באַ דער שטאָטישער גמינע. עס איז דערום קיין וואונדער נישט, פאַר-וואָס פּאַניטשעק איז משה קאַצן געפעלן געוואָרן, ער איז אים געפעלן איינגאַנצן. זיין שטילקייט, זיין אונטערטעניקייט און טרויעריקייט. אַזוי האָט נאָך זיין מיין געדאַרפט אויסזען אַ פערד פאַר דער שטאָ-טישער גמינע.

געזונט, שטיל, געהאָרכזאַם, נישט צופיל קלוג, נישט קיין לאָבוס. דאָס, וואָס פּאַניטשעק איז פולשטענדיק געוועזן. און משה האָט צו פּאַני-טשעקן אָנגעהויבן פייפן, רופן, גלעטן, דערלאַנגט אים אַ ביסל היי, דערווייל אַ בליק געטאָן אין די ציינער אַריין און געזאָגט צום יונג. אַז דער ציגיינער זאָל נישט הערן:

— אַ פעסטער בחור!

— מה טוב ומה נעים, ציגיינער? — האָט ער געפרעגט דעם ציגיינער דעם פּרייז.

טשיזיק-פּיק האָט זיך אָנגעבלאָזן מעשה אָרנטלעכער מענטש און גע-זאָגט אַ פּרייז.

— איז דאָס פערד אַ געזונטס? — האָט געפרעגט משה קאַץ מיט אַ ווייך שמייכעלע.

טשיזיק האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— אַ גבור.

— האָט ער אַלע ציין?

— גיי אוועק, ייד איינער! לייבישע באַק-ציין. אַנו, פּרוב זיי ציילן, דו וועסט זיי גאָר נישט איבערציילן.

— האָסטו אַ שוויאַדעסטווא, פּריק?

— וואָס הייסט?

און טשיזיק־פּיק האָט אַרויסגענומען פון כאַלעווע אַ גרין פּאַפּירל מיטן סטעמפּל פון בורמיסטרוש, ער האָט עס געשטויסן אין די אויגן אַריין משהן מיט שטאָלץ און גרויסקייט פון אַ בכבודיקן סוחר. דאָס פּאַפּירל און דעם שטאָלץ האָט ער געהאַלטן אין כאַלעווע בּאַ אַלע טריבנע פּערדלעך.

משהן האָט דאָס צופרידנגעשטעלט און ער האָט אָנגעהויבן אויסציילן די גרויסע זילבערנע רובלעס, דערנאָך האָט ער פּאַניטשעקן אַ נעם געטון באַם לייטשקעלע און אַ פייף געטאָן.

טשיזיק־פּיק האָט זיך גיך אָפּגעטראָגן און דורך צוויי פינגער אויך אַ פייף געטאָן. אויף ציגיינעריש לשון האָט עס געהייסן:

— איך האָב דיר אָנגעפייפט!

## אין יחזקל בזשאָזאָס שפּאָן

מיטן ציגאַר אין מויל און מיטן זייגער אין האַנט איז געשטאַנען רעד עלטסטער און אָנגעזעענסטער צווישן די פּאַרזאָרגער פון דער שטאָטישער וואוילטעטיקייט, דער דאָזאָר המפורסם ר׳ יחזקל בן דוד בזשאָזאַ. ער איז געשטאַנען אויף די ברייטע שטיגן פון דער שטאָטישער גמינע און האָט געוואַרט מיט אומגעדולד אויפן פערד, וואָס דאַרף אָנקומען. געזען, אַז עס דויערט צו לאַנג, האָט ער אַ וויש געטון די צוויי ברייטע העלפטן פון דער ווייסער באָרד, אַריינגעלייגט פּריציש דעם זייגער אין דער ווייסער וועסט און נישט פאַרשמענדלעך אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ. עס האָט אים געאַרט, דען איר דאַרפט וויסן זיין, אַז יחזקל בזשאָזאַ איז אַזוי אַ פּאַרנומענער מענטש, האָט טויזנטער אייגענע געשעפטן, גאָר נישט מער — אַ צוויי שעה אין טאָג האָט ער צייט צו שענקען פאַר דער וועלט.

אין פּאַרלויף פון די צוויי שעה שרייבט ר׳ יחזקל אונטער דעם בודזשעט פון טאָג־אויסגאַבן, האַלט אָפּ אַ פּאָר זיצונגען אין דער גמינע, פּאָרט צו צו דער חברה תומכי־עניים, גיט אַ שמעק צו דער געזעלשאַפט פון אָרעמע כלות, פּאָרט צו צו די קינדער פון תלמוד־תורה, שענקט אַ וויזיט דעם יידישן שפּיטאָל, גיט אַ בליק צו די

אויפזעער פון אָרעמע קימפעטאָרנס און גיט אַ שמעק צו די מתים=
אָנגעלעגנהייטן פון חסד=של=אמת.

דאָס אַלץ מוז אויסגעפירט ווערן אין פאַרלויף פון די עטלעכע שעה
און אום כדי דאָס אויסצופירן פינקטלעך, מוז מען האָבן אַן אייגן
פערד.

און עס איז נישט קיין נפקא=מינה, צי דאָס פערד איז אַ הויכס, אָדער
אַ נידעריקס, אַ רויטס אָדער אַ ווייס, אַ געזונטס, אָדער אַ בעל=מום,
דען דער עיקר איז, אַז אין פאַרלויף פון די עטלעכע שעה זאָל דאָס
פערד אַלע מיסיעס אויספירן און הויפטזאַכלעך דריי אַזייגער זאָל עס
דעם דאָזאָר האָבן געברענגט צו מיטאָג, צום אייגענעם טיש אין דער
ריכטיקער צייט. אָט אַזאַ פערד האָט דער דאָזאָר המפורסם אָפּגע=
וואַרט, געקוקט אויפן זייגער, און געווישט דעם שווייס פון זיין ברייטן
שטערן.

פאַניטשעק איז אָנגעקומען פאַמעלעך, צלאַפּנדיק מיט די קאָפּיטעס
איבער די שטיינער, פויל, מיד און נישט אויסגעשלאָפן. כאָטש ער האָט
געזען, אַז די גאַס איז בלויז שטיינער, האָט ער פונדעסטוועגן געגעבן
אַ זוך גראָז, געשמעקט, געזוכט, ביז ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ
און דערזען די הויכע דיקע פיגור פון נייעם בעל=הבית. פאַניטשעק
האָט אויפגעשטעלט די אויערן און אים נישט פאַרשטענדלעך אָנגעקוקט.

„וואָס איז דאָס עפעס פאַר אַ מענטש”? האָט ער זיך געטראַכט קוקנ=
דיק אויפן הויכן צילינדער ברזשאָזאַס און דערשראָקן געוואָרן.

משה קאַץ האָט אים געגעבן אַ צי פאַר דער מאָרדע און מיט עפעס
א רחבותדיקן טפּ=ר=ר אָפּגעשטעלט, געהייסן אים שטיין פאַר ברזשאָזאַן
מיט כבוד און הכנעה.

ר׳ יחזקאל איז נאָך אַלץ אַרומגעגאַנגען אַ ברוגזער און באַליידיקטער,
נאָר ווען ער האָט דערהערט דעם ט=פּ=ר=ר, וואָס איז געווען ספּע=
ציעל פאַר זיינעטוועגן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אַ מורמל געטאָן:

— דאָס איז געווען אַ זוימען זיך.

— אוי, ר׳ יחזקאל, איך קאָן אייך גאָרנישט זאָגן, סאַראַ שלימזלדיקער
יריד היינט איז געווען, קאַפּעס און קאַליקעס בלויז—האָט משה געזאָגט

מיט אַ ווייכן אונטערטעניקן טאָן און זיינע פּייע־לעך פון די בלאָ־גראָע אויגן האָבן קעציש פאַלש געבלישטשעט מיט אַנטשולדיקונג.

— זאָג, איז דאָס פערד כאָטש אַ געזונטס? — האָט געפרעגט יחזקאל.

— געזונט, ר' יחזקאל, האָט פעסטע באָקעס.
— און ציין?
— אַלע!
— און די אויגן?
— קריסטאַל. זעט פאַר צוויי וויאָרסט.
— טאָ גיי שפּאַן אים איין, — האָט נאָך אַלץ פאַרזויערט גערעדט יחזקאל.

משה האָט דעם יונג באַלד איבערגעגעבן די לייטשעס.

## אונטער „יעטקעס" בייטש

מיט דער בייטש פייפנדיק און פאָרנדיק איז געזעסן „יעטקע" דער שמייסער פון די פערד, וואָס געהערן דער גמינע און איין געדאַנק האָט אים באַהערשט: טרייבן דאָס פערדל וואָס גיכער. יעטקע אַליין איז אַמאָל געווען אַ דראַגונער־זעלנער. ווען מען האָט אים צוגענומען צום מיליטער, האָבן די דאָקטוירים פעסטגעשטעלט, אַז ער האָט אַ גע־זונט האַרץ און קאָן אַריין אין „מוזיקאַנטסקע קאָמאַנדע", נאָר ווייל ער האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן נישט פעיק צום „טרומפּייט", האָט מען אים אַריינגעוואָרפן צו די רייטער.
הויך־ברוסטיק און בלוטיק, האָט יעטקע געקאָנט באַזיגן דאָס שטאַרקסטע פערד. אַ סך פערד זענען אונטער אים געבראָכן געוואָרן, און ווער שמועסט נאָך פוילע פערד, אָדער פערד, וואָס האָבן זיך צעלאָזט—גע־הרגט זענען זיי געוואָרן אונטער אים.
דאָס מאָל איז אויך יעטקע געזעסן אַ בייזער, פאַרעקשנטער און געקוקט אויפן משוגענעם זיגזאַג, אין וועלכן דאָס קעטשל איז געגאַנגען.

ער האָט געהאַלטן די לייטשעס, אָדער געצויגן, אָדער געפּייפּט און בשעת מעשה געטראַכט וואָס טוט מען דאָ עפּעס, דאָס פערדל צו געבן אַזאַ טויט־קלאַפּ, אַז עס זאָל דערפֿילן, דען ביז איצט האָט שוין יעטקע געטאָן אַלץ, מיט וואָס מען קאָן אַ פערד איינגעמען. געפּייפּט, געגלעט, געצויגן איידל די לייטשעס, נאָר דאָס אַלץ האָט נישט געהאָלפֿן. ערשט איצט האָט ער זיך פאַרמאָסטן מיט דעם בייטש־שטעקל און געגעבן פאַניטשעקן אַזאַ קנאַק אין מיטלסטן ביין, אַז דאָס פערד האָט איינגאַנצן אַ שפּרונג געטאָן און שטיין געבליבן אַ מינוט צעמישט. באַלד אָבער האָט ער צאַרניק אויסגעדרייט דעם קאָפּ און גענומען אין האַרצן שעלטן אי דעם בעל־הבית, אי דעם יונג. די קללות האָבן געדויערט איין אויגנבליק, ווי פאַניטשעק האָט זיך איבערגעבעטן און גענומען גיין. ער איז געגאַנגען לאַנגזאַם און די אַלע הויכע מויערן מיט די שויבן פון די פענצטער, מיט די באַלקאָנען זענען אים, ווי נאָכגעגאַנגען. אַטיילמאָל האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דאָס אַלץ פאַרשטעלט אים דעם וועג, ווי אַ וואַסער, און ער איז שטיין־געבליבן, כאָטש שלאָג אים צום טויט.

אַ האָגל פון בייטשן איז נאָכגעקומען. פאַניטשעק האָט ווידער אויסגעדרייט דעם קאָפּ, עפּעס אַ ווייסע שוים איז געפלאָסן פון זיין אויסגעקרומטער מאָרדע און עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער גייט פּגרן, נאָר ער האָט ווידער אָנגעהויבן גיין.

אָבער מחמת אים האָט גערוישט אין קאָפּ, איז ער געגאַנגען אָן חשבון, נישט וויסנדיק וואוהין און צו וואָס. און נאָך מער: ער האָט אַפילו נישט פאַרשטאַנען די פּראָסטע פערדישע שפּראַך פון טפּ־ר־ר און וויאָ. צוויי שעה איז ער אַזוי געגאַנגען קרום און גלייך, פאַמעלעך און משוגע־שנעל, ווי פּלוצלינג האָט זיך דער דאָזאָר אויפגעשטעלט, אַוועקגעלייגט די האַנט אויף דער פּלייצע פון יונג און געזאָגט:

— זאָל ער שטיין.

יעטקע האָט מיטן גאַנצן כוח אַ ציי געטון די לייטשעס מיט אַ לאַנגן טפּ־ר־ר. פאַניטשעק האָט זיך נישט געשטעלט. פאַרקערט, ער האָט זיך עפּעס מאָדנע דערשראָקן און גענומען לויפן.

יחזקאל האָט אויסגעשטרעקט צוויי פויסטן צום פערד, אָנגעבלאָזן זיך און אויסגעשאָסן מיט אַ צעפּלאַמטן טפּ־ר־ר. ער האָט גאָר נישט פאַר־

שטאַנען די חוצפּה פון פערד, וואָס וויל אים, ר׳ יחזקאל ברזשאָזאָן, נישט הערן. האָט ער זיך געבלאָזן, געפּלאַמט, געהיצט. פּאַניטשעק האָט זיינס געטאָן.

מענטשן פון גאַס האָבן דעם טפ״ר״ר אונטערגעהאַלטן, וויטע, נאָענטע, הינט זענען אים באַפאַלן, שטעקנס פון מענטשן. פּאַניטשעק איז גע־לאָפן ווי משוגע. ער איז געלאָפן כאָטש געהרגעט צו ווערן. ער איז געפלויגן. דאָס ווענעלע איז געפלויגן און דער הימל און די ערד און די הייזער און די שטאָל און די קינדהייט און די זיסע יאָרן פּאַניטשעקס.

## דאָס משוגעת אין קהלשן ראָד

— ר׳ יחזקאל וואו איז?

— פאַרוואָס איז ער נישט געקומען?

— ברזשאָזאַ איז אָפּילו אַ פּינקטלעכער מענטש.

— עס איז נישטאָ ווער עס זאָל אונטערשרייבן דעם טאָג־בודזשעט.

— אָך, ער איז נישט געקומען, איז נישט. איך וועל נישט אָפּשיקן דעם טראַנספּאָרט מעל אין בעטלער־הויז.

— כאַפּט אים דער רוח.

— אָן אויסוואורף איז אָט דער ברזשאָזאַ, די יתומים האָבן קיין קליי־דונג נישט.

— מילא, מילא!

אַזאַ שמועס האָט מען געקאָנט הערן אין אַ גרויסן סאַלאָן פון אַ גע־וויסער פאַמיליע פירשט, אַ פאַמיליע, וואָס האָט זיך אויך געמישט אין קהלשע ענינים, און האָט אַלע גמינע־זיצונגען אַראַנזשירט באַ זיך אין הויז. דאָ אַהער האָט ר׳ יחזקאל געדאַרפט קומען פּונקט איינס אַ זייגער באַטאָג ערליידיקן אַלע קהלשע ענינים, און דאָס האָט אָבער צעשטערט פאַניטשעק.

די פאַרזאַמלטע, וואָס זענען באַשטאַנען פון סעקרעטאַרן, בוכהאַלטער׳

דאָזאָר-לייט און סתם קאָך-לעפל פון קהלשן טיש, זענען אַרומגעגאַנגען צעדרייטע און האָבן נישט געוואוסט וואָס צו טאָן.

אין אַ פּאָר שעה אַרום איז געוואָרן אַ צעמישונג אין קהלשן פּינקט-לעכן לעבן. קיינער האָט נישט אויסגעפירט זיין אַרבעט, דער האָט נישט אָפּגעשיקט דעם טראַנספּאָרט מעל, דער האָט נישט אַרויסגעגעבן די קליידער, אַנדערע האָבן אָפּגעשטעלט די ארבעט אין שפּיטאָל, אויפן בית-עלמן, אין תלמוד-תורה—עס איז געוואָרן אַ צעמישונג און קיינער האָט נישט געוואוסט, אַז שולדיק דערין איז עפּעס אַ פערדל. וואָס האָט קאַליע געמאַכט דאָס גאַנצע לעבן אַרום.

אין דער אייגענער צייט, אָבער, וואָס דאָ זענען אַלע אַרומגעגאַנגען צעמישטע, האָט מען ערגעץ וואו פּאַניטשעקן געכאַפּט אין מיטן לויפן, געכאַפּט אים, אָפּגעשטעלט, אַרומגערינגלט מיט בייטשלעך, שטעקעלעך און שטיינער, ווי אַ גנב.

אויף דער קאַטש איז שוין קיינער נישט געווען, ווייל ברזשאָזאַ איז געלעגן אַ טריט צען פון פּאַניטשעקן אַ צעהרגעטער, דער הויכער צילינדער האָט זיך געוואַלגערט בײַ פּאַניטשעקס פיס, דער שטעקן ברזשאָזאַס איז געלעגן אונטער די רעדער, דאָס טיכל, מיט וועלכן ער האָט אָפּגעווישט זיין שוויס, איז געפלויגן אין דער לופט.

יעטקע איז אַרומגעגאַנגען, נאָך אַ באַק האָט ער געהאַט אַ צעבלוטיקטע. אָט איז ער געשטאַנען בײַם פּלומפּ און זיך אָפּגעשווענקט דאָס בלוט, און אָט איז ער אַריין צו אַ פעלדשער, און אויף פּאַניטשעקן האָט ער אַלע מאָל געגעבן עפּעס אַ שרעקלעכן בליק, אַ צייכן, אַז ער וועט רייסן די הויט פון אים.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז אָנגעקומען אַ האַלבע שטאָט מענטשן, מיט אַ פּאָר פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן פאַרשריבן, ווער עס איז פּאַניטשעק, פון וואַנען געקויפט, פון וואָס פאַר אַ ראַסע ער איז און ווען געבוירן.

די פאַרזאַמלטע האָבן געקריצט מיט די ציין און אָנגעשטעלט פויסטן אויף אים, פּאַניטשעק האָט זיך געפילט שולדיק, איז ער געשטאַנען אַ וויילער, געקוקט אַלעמען אין די אויגן, ווי זיך איבערגעגעבן צו אַלעמען אין די הענט.

29

י. מאסטבוים

## פאַניטשעק אין שווערן קהלשן וואָגן

אַ גרויסע רויטע פאַטשיילע מיט אַ שטיק וואַטע האָט „יעטקע" דער שמייסער איינגעלייגט און אַרומגעבונדן די געשוואָלענע באַק, דערנאָך אַריין אין שטאָל און ברוגז אַ נעם געטאָן פאַניטשעקן באַם ציימל.

פאַניטשעק איז נעבעך געשטאַנען אַ סמוטנער, ער האָט גדענקט, וואָס ער האָט נעכטן געטאָן, צוערשט האָט ער אַפילו דעם טאַט באַרעכטיקט, האָט מען אים נישט געקערט אָוועקגעבנען, האַלטן אין אַ ציגיינערשן טאַבון, פירן אים אין אַ ראָד און שליסלעך אַריינפירן אין אַזאַ מקום, וואו אַלץ איז פרעמד און וואו מען שלאָגט און מען הרגעט. שפּעטער אָבער האָט ער אָנגעהויבן באַדויערן און זיך פילן שולדיק.

און האָט אים „יעטקע" גענומען באַם ציימל, האָט ער געפאָלגט און געגאַנגען; האָט ער אים אַ פיר אַרויס געטאָן אין דרויסן, איז ער גע-גאַנגען; אַ פיר צו געטאָן צו אַ וואָגן, האָט זיך פאַניטשעק דערשראָקן, דען דאָס איז געווען אַ גרויסער משא-וואָגן, באַשאָטן מיט מעל, — אַ סימן, אַז דאָ לאַדעוועט מען מעל, און וואָס עס איז אַ מעל-וואָגן, דערפון האָט פאַניטשעק געוואוסט, פונדעסטוועגן האָט ער זיך גיך אַריינגעכאַפּט אין וואָגן און איז געבליבן שטיין אַ שטילער, געהאָרכ-זאַמער און מילדער.

די דאָזיקע פור האָט באַדאַרפט פאָרן אין אַ מיל אַריין, וואָס איז גע-לעגן אַ מייל זעקס פון שטאָט, ברענגען אַ טראַנספּאָרט מעל פאַר די אָרעמע שטאָטישע קיכן.

מיט עטלעכע מינוט שפּעטער איז אויפן זיאַזד אַרויסגעקומען משה קאַץ, צוגעקומען צו דער פור, געמאַכט אַ געזעס, אָוועקגעלייגט אַ קישעלע, באַטראַכט דעם שפּאַן און דערוויל אַ איראָניש פעטשל געטאָן פאַני-טשעקן אין שטערן: דו ביסט אַ גוטער קונדס! באַלד האָבן זיך עפּעס יעטקע און משה געטאָן אַ שעפּטש אויפן אויער און יעטקע איז אַרויף אויף דער פור.

כאָטש פאַניטשעקן האָט זיך אויסגעדאַכט פריער, אַז עס וועט זיין אַ גרויסע משא, דאָך האָט ער דעם גאַנצן וועג אַהין זיך געפילט, ווי אין אַ פרישער הויט, ער איז געלאָפן פלינק און גיך אונטערגעשפּרונגען, אונטערגעהאָצקעט, עס האָט אים אויסגעזען אַלץ יונג און גרינג און ליכטיק.

אַ פרישער ווינט האָט געפּאַלדעוועט די גראָזן און תּבואות פון ביידע זייטן שאָסיי, ווינט-מילן האָבן זייערע פליגלען באַוואויגן, וויאָרסטן געפּאַרבטע זענען געפלויגן, קרעטשמעס, פּלומפּן זענען אַנטקעגן געקומען. די אַלטע באַקאַנטע קרעטשמעס און וויאָרסטן, וועלכע ער האָט אַזוי געקענט און אַזוי ליב געהאַט.

ער איז געוועזן צופרידן און ווי צו וועלן פאַרגיטיקן די נעכטיקע טאַט, האָט ער אַלעמאָל אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו יעטקען און אַ שפּרונג געטון — אַ פערדיש חניפהלע געמאַכט. דאָס האָט געדויערט אַזוי צוויי שעה, ביז ער איז געקומען צו דער מיל, וואו דער מילנער און די שקצים האָבן אים געמאַכט אַ קבלת פּנים מיט אַ גלעטן אים בײַ דער גזשיבע. פאַניטשעק איז עכט צופרידן געוועזן, אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז מען שענקט אים אַלץ, מען איז אים מוחל.

שפּעט פאַרנאַכט איז שוין פאַניטשעק געשטאַנען מיטן פּנים צוריק צו דער שטאָט. פון הינטן איז געשטאַנען אַ הויכער געלאַדעוועטער וואָגן, פיל העכער איבער זיין קאָפּ. קעגנאיבער, גאַנץ ווייט האָט פאַניטשעק באַמערקט, אַז דער הימל איז שטאַרק פאַרוואָלקנט, עס וועט אַ רעגן זיין און דונערן מיט בליצן.

דער רעגן גאַנץ ווייט און די משא הינטן און די פינצטערקייט פון דער נאַכט האָט פאַניטשעקן געשראָקן און טרויעריק געמאַכט אים אויף דער נשמה. ער איז געשטאַנען אַן איינזאַמער און געקייעט אין טאָרבע.

יעטקע האָט זיך אַ זעץ אויף געטון אויפן סאַמע שפּיץ און אַ פייף געטון מיט דער בייטש.

פאַניטשעק האָט אַריינגעצויגן דעם וואָגן אין דער קאָלייע און האָט די ערשטע צוויי וויאָרסט געמאַכט דעם וועג, ווי עס דאַרף זיין.

שפּעטער אָבער האָט אָנגעהויבן צוצוסאַלן די נאַכט. אַ רעגן האָט אָנגעהויבן גיסן, דונערן און בליצן האָבן זיך געטראָגן איבערן קאָפּ און פאַניטשעק איז אַרויס פון דער קאָלייע, פאַרבלאָנדזשעט ערגעץ אין אַ זומפּ און גאָר פּלוצלינג שטיין געבליבן. יעטקע האָט צוערשט אָנגעהויבן באַשיטן אים מיט אַ האָגל פון בעל-עגלישע קללות, דערנאָך געשאָטן מיט דער בייטש אויף רעכטס און לינקס, געזען, אַז די בייטש העלפט נישט, האָט ער זי איבערגעדרייט אויף דער צווייטער

זייט און מיטן שטעקל געשניטן איבערן קאָפּ, איבער די אויערן, איבער דעם גאַנצן קערפּער. פאַניטשעק איז געשפּרונגען אויף אַלע זייטן. ער האָט זיך געוואָלט אַרויסרייסן פון די האַלאַביעס און אַנטלויפן, נאָר דער וואָגן איז געווען אַזוי שווער, אַז ער האָט אים אַפילו נישט געקאָנט אַ ריר טון.

זעענדיק, אַז ער האָט קיין אויסוועג נישט, האָט זיך פאַניטשעק אַוועקגעשטעלט ווי אַ טויטער, ער האָט זיך אַפילו נישט אַ ריר געטון און וואָס מער יעטקע האָט אים געהאַקט מיטן בייטש־שטעקל אין מאָרדע, אַלץ מער האָט ער געשוויגן, איבערגעטראָגן די שווערסטע קלעפּ מיט שטומער רוגזה, מיט פאַרביסענער פאַראַכטונג. ערשט שפּעטער, ווען יעטקע האָט אַוועקגעוואָרפן די בייטש מיט „אַ כאָלערע זאָל דיך כאַפּן", האָט פאַניטשעק אַ ריר געטון פון אָרט.

## שטומע ליידן

די טבע פון איינשפּאַרן זיך, פון פאַרעקשנען זיך טיף ביז בלוט, האָט אָנגענומען בײַ פאַניטשעקן אַ טיפּן כאַראַקטער. ער האָט געהאַט כוח צו שווייגן שעהן, מען האָט געמעגט רייסן זיין הויט, זיינע האָר — פון צייט צו צייט נאָר האָט ער אויסגעדרייט די מאָרדע, פאַרקרומט די נאָזלעכער און געוואָלט יענעם אַ ביס טאָן, נאָר פאַניטשעק האָט קיינמאָל קיינעם נישט געביסן, ער האָט נאָר אָנגענומען כוח און ענערגיע אַלץ איבערצוטראָגן. אַטיילמאָל האָט מען געקאָנט באַמערקן, ווי זיין פעל איז געשוואָלן פון אַ סך בייטשן, ווי פון זיינע אויגן פליסן טרערן, עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אָט־אָט פאַלט ער, אָט־אָט ציט ער אויס די פיס. נאָר פאַניטשעק איז געשטאַנען אויף די דינע פיסלעך ווי אייזן.

די דאָזיקע עקשנות איז בײַ אים אויסגעוואַקסן אַלס אַ נקמה־געפיל: „דו שלאָגסט מיך און איך גיי נישט". אַ נקמה־געפיל, וואָס האָט אָבער קיינעם קיינמאָל גאָרנישט געטאָן, ווארום פאַניטשעק, דאָס קינד פון אפרים־הערצס הוטע, האָט קיינמאָל נישט געזען פון מענטשן זיך קריגן, שלאָגן אָדער שרייען און דערום האָט ער עס אַליין אויך נישט גע־

האַט אין זיין כאַראַקטער. פאַניטשעק האָט שטענדיק אויפגעהויבן אַ פוס און קיינעם נישט געקאָפּעט, שטענדיק אויסגעדרייט די מאָרדע און גאָרנישט געטאָן, האָט מען אים אָבער באַליידיקט, האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט נישט צו רירן זיך.

אַזוי האָט מען מיט עטלעכע טעג שפּעטער אים איינגעשפּאַנט אין אַ וואָגן האָלץ צו ברענגען פון וואַלד. יעטקע האָט דאָס מאָל אַרויפגעלייגט אַזאַ משא, אַז ווען פאַניטשעק האָט אַ קוק געטאָן אויף דער פור, האָט ער אַ ציטער געטאָן.

ווען יעטקע האָט אים איינגעשפּאַנט צו גיין צוריק אין פאַניטשעק איז אויסגעקומען מיטן פּנים צו עפּעס אַ הויכער שאָפּע, וואָס איז געלעגן נישט ווייט פון וואַלד, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דאָס, איז ער צוריק אין אפרים-הערצס הויף. אָט איז פאַר אים געשטאַנען די שטאַל, די ראָד-ברונען, און די ברייטע פאַרקאַנעס אַרום די הייזער, און אָט-אָט איז דאָרט דורכגעגאַנגען עפּעס אַ ווייס פערדל, נישט צו שווערן, אַז דאָס איז „ריצערזש". פאַניטשעק האָט זיך אַזוי דערפרייט אַז ער האָט אַזש אַ הירזשע געטון.

דאָס מאָל האָט אָבער יעטקע געגעבן אַ באַפעל צו גיין. פאַניטשעק האָט אַפילו נישט געפילט דעם שמיץ פון דער בייטש און ווייטער געשטאַנען, יעטקע האָט דאָס מאָל אים געגעבן אַזאַ שמיר מיטן שטעקל איבערן רוקן, אַז פאַניטשעקן איז פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן, און ער האָט אָנגעהויבן גיין איבער שטאָק און טאָל, אַרויף און אַראָפּ. עפּעס אַ שרעקלעכער צאָרן האָט זיך צעפלאַקערט אין אים און ער האָט ווי אויף צו להכעיס געטאָן אַלץ פאַרקערט, וואָס יעטקע האָט אים געהייסן. אָט האָט אים דער יונג אַ צי געטאָן באַ די לייטשעס, ער זאָל אויסמיידן דאָס אָרט, איז ער אומישנע געגאַנגען. אָט האָט ער אים געיאָגט, איז ער געגאַנגען לאַנגזאַם. און גאָר איז ער געשפּרונגען, געלאָפן, לאָז זיין וואָס עס וויל זיך, איבערקערן די פור אַפילו. דער יונג האָט זיך געבייזערט אויף אים, געמאַכט פויסטן, נאָר אים האָט עס נישט געאַרט, ער האָט נאָר געוואָלט אָפּטאָן דעם יונג אַ מין צו-להכעיס, וואָס ער זאָל עס געדענקען. און אָט איז ער אַרויף אויף אַ באַרג שטיינער, די פור האָט זיך געגעבן אַ דריי אויף לינקס און דאָס האָלץ האָט זיך אויסגעשיט, פאַניטשעקן איז צעבלוט געוואָרן אַ פוס.

ער האָט געקריגן אַ קלאַפּ אין רוקן, נאָר געאַרט האָט עס אים נישט, פאַרקערט, מיט אַ ביטערן צו־להכעיס איז ער געשטאַנען און אָנגעקוקט יעטקען, דעם רויטן יונג. ער וואָלט אים איצט מיט אַ קאָפּיטע געגעבן אין שטערן אַריין, ער וואָלט אים איצט וועלן זען בײַ די טריט פון די אייגענע פּיס. . .

יעטקען האָט עס, צום גליק, נישט געשאַדט, איז ער געשטאַנען, גע־קליבן דאָס האָלץ, דערנאָך האָט ער אָפּגעריסן אַ שטיק פון דער מאַרינאַרקע, פאַרבונדן דעם פּיס און מיט טויטע קללות געפירט אים אַהיים לײַדיקערהייט.

## קהלס הילף

דער ווייטיק האָט זיך איצט בײַ פּאַניטשעקן דערוועקט אויף צומאָרגנס, ווען די הייסע נודנע שטאָט־זון האָט אַרײַנגעשײַנט דורך די קליינע פענצטערלעך פון שטאַל נעבן דער שטאָטישער גמינע און געברענגט פון הינטערן זיאַזד אַן עיפּוש פון פערדישן מיסט, שטרוי און סמאַלע און דזשעגאַכץ.

פּאַניטשעק איז געלעגן אויסגעלייגט און געפילט, אַז אי דער פּיס, אי דער רוקן טוען אים וויי, די וואונד פונם פוס, וואָס איז געהיצט גע־וואָרן פון צער און האָט אים ווי געברענט פון פייער. ער האָט זיך אַלעמאָל געגעבן אַ קאָלער אויף דער ערד און א זיפץ, אַ סך מאָל האָט ער דעם זיפץ גענומען טיף און עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אין אים זיצט אינעווייניק אַ מענטש, וואָס זיפצט אַרויס פון אים. דעם קאָפּ האָט ער אַלעמאָל אַ הייב אויף געטון אין דער הייך, ווי ער וואָלט זוכן עמיצן, וואָס קאָן אים די ווייטיקן פאַרלייכטערן, און ווען ער האָט קיינעם נישט געזען, האָט ער אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ און פאַרגלייזט די אויגן מיט טיפן ווייטיק. שפּעטער איז אין שטאַל אַרײַן דער יונג. ער האָט געמאַכט אָרדנונג בײַ דער קאָרעטע, בײַ די כאָמוטעס און לייטשעס, אָפּגעריסן די שטיקער חלב פון דער פאַרשמאַל־צענער לאַמטערנע און אַרויס, אַפילו זיך נישט אומקוקנדיק אויף פּאַניטשעקן.

די טיר פון שטאַל איז געשטאַנען אָפן און ווער עס האָט געוואָלט, האָט געקאָנט אַריין גיין, עס זענען אַריינגעקומען יינגלעך מיט שער־בלעך און שטיינער, באַוואָרפן פאַניטשעקן, געריצט זיך מיט אים, היגט זענען פאַרביי, אויסגעשטשירעט די ציין און געהאָוקעט. פערד פון זיאַזד זענען דורכגעגאַנגען, אַריינגעשטעקט די מאָרדעס און אַוועק קאַלטע, ווי ער וואָלט גאָרנישט געוועזן פון זייער מין. עס זענען אויך אָנגעקומען מענטשן, דאָס איז געוועזן משה קאַץ, אַלע בעלי־עגלות פון נאָגטן זיאַזד און די משרתים פון דער גמינע.

יעטקע איז אַריינגעקומען אַ צעהיצטער: ס'טייטש, עס איז דאָ קוילן צו פירן פון דער באַן און די שקאַפע ליגט, עס איז דאָ אַ טראַנספּאָרט מלבושים צו פירן אין דער תלמוד־תורה און די שקאַפע איז פויל, עס איז דאָ אַ פרישער טראַנספּאָרט מעל און קאַרטאָפל און האָלץ. פאַניטשעק האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס רעדט מען פון אים, נאָר קוקן קיינעם אין די אויגן אַריין האָט ער נישט געוואָלט.

ווען פאַניטשעק איז דריי טאָג שפּעטער אויפגעשטאַנען, האָבן אַלע באַמערקט אַ גרויסע ענדערונג אין זיין קערפּער, ער איז געוואָרן פיל מאָגערער, אַזוי אַז מען האָט געקאָנט די ביינער פון די באָקעס ציילן.

די הינטערשטע פיס זענען אָפּגעריבן געוועזן, די מאָרדע איינגעפאַלן עפּעס ווי פירעקעדיק, פון זיינע אויגן־ווינקלען זענען געלאָפן טרערן און עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז פאַניטשעק איז שוין אַן אַלט פערד.

אין דעם טאָג איז ער נאָך נישט אינגאַנצן געזונט געוועזן, נאָר פונ־דעסטוועגן גיין צו ביסלעך איבערן הויף האָט ער געקאָנט און אַט איז ער געגאַנגען מיט דריי קאָפּיטעס, פעסט קלאַפּנדיק אין די שטיינער איין פוס, איין קאָפּיטע האָט זיך אָבער נאָכגעשלעפּט באַם גיין. האָט ער אומבאַדינגט געמוזט צואַרבעטן מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט גע־שלעפּט אַ משא, און עס האָט געשמעקט פון אים מיט קאַץ און פגירה.

פרי פאַרנאַכט איז שוין פאַניטשעק געשלאָפן, און אַ פלאָנטער פון חלומות האָט צעמישט זיין שלאָף. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט זיך אָפּגעריסן פון אַ דין שטריקעלע און ער זינקט אין אַ טיף

וואַסער, אַז אַ דאַך פון אַ שטאַל האָט אים דערדריקט, אַז אַ פייער ברענט, אַז מען וואַרפט אים אין סמאָלע אַריין און ער ברענט.

## „פאַניטשעק", דאָס פערדל פון חסד של אמת

— כאַפּט אים דער רוח, מער שפּאַן איך אים אין קיין וואָגן נישט איין, אַ פערד איז דאָס? אַ מיאוסע בלינדע שקאַפּע איז עס. גיי נעם זי צו און וואַרף איר אַריין אין שוואַרצן מאַנטל אַריין, מער איז זי נישט ווערט, — האָט פּלוצלינג אַ זאָג געטון יעטקע, דער רויטער יונג, וואָס האָט שוין געוואָלט פּטור ווערן פון פאַניטשעקן, צו איינעם פון די עגלה־לייט, אַ ייד אין שוואַרצן, וואָס איז געקומען צו דער גמינע נעמען אַ פערד צו דער עגלה.

— וועט עס די דאָזאָר־שטוב פאַזוואָליען? — האָט געפרעגט דער ייד אין שוואַרצן.

— נאָך ווי! גיי און נעם! — דער ייד אין שוואַרצן האָט געהאַלטן דעם מאַנטל פון די פערד אין האַנט, גרייט עס אַרויפצוּוואַרפן אויף פאַניטשעקן.

— אַנו, גיב עס פערד, — האָט יענער געזאָגט.

פאַניטשעק איז נאָך געשלאָפן, ווי יעטקע האָט אים געגעבן אַ קיצל באַם שטערן און אַ שלעפּ באַם אויער. פאַניטשעק האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און א תמעוואַטן געגעניץ געטון, זיך אויפגעהויבן און אַ ציי אויס געטון זיך. היינט איז ער שוין געזונטער געוועזן, גרייט צו גיין אין וועלכן גרינגן וואָגן, אַבי אַ גרינגן.

דער ייד מיט דעם שוואַרצן מאַנטל איז צוגעקומען נענטער, פאַניטשעק האָט אים אָנגעקוקט און זיך פאַרוואונדערט.

פון זינט אָן ער איז אַוועקגעגעבט געוואָרן, האָט ער זיך שוין צוגעצווייגט צו הויכע מויערן, צו שפּיגלען, צו צילינדערס, צו שטעקעלעך, צו געפּוצטע לאַקירטע שיך, צו פּאָליציאַנטן, צו אַלץ, נאָר אַזאַ מענטש האָט ער נאָך נישט געזען. פאַניטשעק האָט אויפגעשטעלט די אויערן און אַוועקגעדרייט זיך פון אים, און פּלוצלינג איז ער אַריינגעפּאַלן אין עפּעס אַ שוואַרצער קאָלדרע, וואו ער האָט זיך גענומען

פלאָנטערן און דרייען און טשעפּען זיך. אָט האָט ער זיך אַ שטופּ געטון פאָראויס מיטן הינטן און ווידער פאָראויס, ער האָט זיך גע־דרייט אַרום זיך, געוואָלט אָנכאַפּן דעם הינטן, נאָר דאָס האָט זיך אים בשום אופן נישט איינגעגעבן. נאָך קאָמישער איז ער געוואָרן, ווען ער איז צוגעגאַנגען צום שאַף וואַסער טרינקען און ער האָט זיך דערזען אין וואַסער. עפּעס אַ מאָדנע נפש. האָט ער ווידער אָנגעהויבן זיך רוקן און דרייען און טאַנצן און כיכקען און פאָרסקען און קלאַפּן, נאָר עס האָט גאָרנישט געהאָלפן, צוויי אַזייגער באַטאָג איז די עגלה אַרויס אין דער מיט גאַס. עס איז געגאַנגען אַ גודנער דראָבנער רעגן. די מענטשן האָבן אויפגעשטעלט די פּאַראַסאָלן און געגאַנגען לאַנגזאַם, קלאָגנדיק נאָך זייער מת. פּאַניטשעק, זינט ער איז געבוירן געוואָרן, האָט ער נישט געזען אַזאַ שוואַרצקייט און אַזאַ קלאָג און דערצו עפּעס אַזאַ גרינגקייט פון א משא.

און ער האָט געקוקט, אי אויפן גרינגן קעסטל, אי אויף די מענטשן און ער האָט נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס שלאָגן אים די מענטשן נישט מער און פאַרוואָס שאַנעווען זיי אים אַלע פאַר אַזאַ גרינגער מאַסע.

און אַ סך טעג רעגנדיקע זענען געגאַנגען און אַ סך גרינגע קעסטלעך האָט ער געפירט, צוליב געטון דעם חסד פון גערעכטיקייט און איז עפּעס אַליין אַ טייל פון דער שוואַרצער גערעכטיקייט געוואָרן. נאָר אַ סך מאָל איז ער שטיין געבליבן אויפן קלאָגעדיקן מענטש־לעכן בית־עולם און פאַר זיינע מידע אויגן האָט אַ שוועב געטון אַ חלום פון אַ גרינער לאָנקע, פון גאָלדענע גלעקלעך, אַ קינדיש בייטשל און אַ ווייס, ווייס פערדל.

# לייב ניידוס / ראקאקא

פון דער ליטעראַרישער ירושה

I

## אין בודואַר

ס'איז דער ברייטער פענצטער אָפן
פון פאַרטרוימטן בודואַר.
באַם דראַפּרי פון בלויע שטאָפן,
אויף דעם לילאַ־פּליוש פון זאָפן
רוט מאַרקיזע דע־זשיראַר.

פון דער זון די לעצטע שפּורן
פאַלן, רויטע ווי קאַרמין,
אויף געשניצטע גאָלד־באָרדיורן,
און אויף בראָנזיקע פיגורן
באַ דעם מאַרמאָרנעם קאַמין.

ס'שמעקט מיט ווייבלעכע פּאַרפומען,
ס'ווייט מיט דופטן פון סאַשע...
אין אַן אורנע — שטייען בלומען...
אַלץ איז גרייט: אַהערצו קומען
דאַרף דער יונגער אַטאַשע.

אין איר קאָפּ אַ ים געדאַנקען..
„אַך ווי שיין ער נייגט זיך אָן
„מיט זיין קערפּער מיט זיין שלאַנקן
„צו מיין שולטער צו מיין בלאַנקן
„אין דעם לייכטן קאָטיליאָן!...

„און ווי שטאָלץ די אויגן בליצן!...
„ווי אַ יונג־פאַרליבטער פּאַזש
„קושט ער מיינע פינגער־שפּיצן...
„אַך, ווי ס'ציטערן דאַן די שפּיצן
„אויף מיין אַטלעסנעם קאָרסאַזש!..."

ליגט און טרוימט אין אָוונט־פייער;
יעדער טרוים — אַ ראָזער שוואַן...
טססס!... ער גייט, ער גייט דער טרייער!
און עס פאַלט פון קני דער נייער
נישט־דערלייענטער ראָמאַן...

## II

### אָוונט־שטריכן

ס'איז שוין קיל בײַ מיר אין גאָרטן,
ווי אין טיפקייט פון אַ גראָט.
אין דעם מערב דאָ און דאָרטן
העלע פאַרביקע אַ־אָרטן
מאָלט אַ וואַנזיניקער גאָט.

צו אַ ווילדן גאַסט געגליכן,
מאָלט ער פיבערדיק און מאָלט;
מיט אַן אימפּעט מיט אַ גיכן
וואַרפט ער אָן געהיימע שטריכן
פול מיט פורפור און מיט גאָלד.

## III

### אין אַ איינזאַמען אָוונט

עס קוקט אַריין דורך גלעזערנע באַלקאָנען
דער בלאַס־לילאָווער אָוונט פון אַפּריל;
בײַם שרײַבטיש שמייכלען קליינע קופּידאָנען,
און טרויריק שמעקט אין וואַזעס דער זשאָנקיל.

ווי בענג עס איז! דער פרילינג וועקט באַגערן
אין בלאָנדער זעכצניעריקער זשאַנעט;
אַט לייגט זי אויס די זילבער־נעסעסערן,
זינגט־צו און מאַכט איר נעגל־טואַלעט.

באַלד וואַרפט זי עס, און עפנט־אויף ראַסינען,
מישט־דורך אַ זייטלעך צווײ, דערנאָך פאַרמאַכט;
זי זעצט זיך פאַר די אַלטע קלאַוועסינען
און נעמט אַקאָרדן לאַנגזאַם און פאַרטראַכט.

שטייט־אויף און זוכט אין נאָטן, דאָ און דאָרטן,
קלייבט־אויס לסוף אַ קורצינקן ראָמאַנס...
ס'געפעלט איר נישט... זי נעמט אַ טעשל קאָרטן,
און פּרואווט זיך גאָר צו שפּילן אין פּאַסיאַנס...

עס אָטעמען שוין שאָטנס פיאָלעטע,
בײַ דער באַלקאָן־שוועל ליגט דער טויטער טאָג;
ס'איז שטיל; נאָר ס'כראָפּעט זאַט אויף דער קושעטע
אין שלאָף דער אַלטער אויפגעדרייטער דאָג.

## IV

### אַ פּיקניק

— ווי פריש עס גרינען די גאַזאָנען!
— טרינקט־אויס זשע אייער ווײַן! — מערסי!
— איך בעט אײַך, נאָך אַ צווײ־דרײַ קאָנען...
— אַט בעסער שפּילט אין רעווערסי!..

— כ'האָב ליב דעם שפּור פון איי'רע ציינדלעך
אויף צאַרטן פּורפּור פון גראַנאַט...

## 5

### י. ניידוס

– לאָזט, לאָזט מיך אָפּ... – אַך איי'רע הנדלען!..
– ווי שלעכט איר זייט צו מיר, אַבבאַט!

– מען הערט דאָך גאָרנישט! העכער! העכער!
– כ'וואוין פון סאַן־קליו אין צוואַנציק יע..
– צי האָט געהאַלטן ווער מיין פּעכער?
– איר רייסט דאָך אָפּ מיר מיין קאָליע!..

– זעט, זעט, ווי שיין די זון גייט אונטער!
– פיאָלעט מיט רויט!.. – ניין, מיט אָראַנזש...
– וואָס זייט איר טריב אַלץ! זייט זשע מונטער!
– מיין ליבסטער, טייערסטער!... מאָן אַנזש –

– שטייט־אויף! דאָס פּאַסט פּאַר קליינע שילער...
– ס'איז אַזוי גוט מיר אויף די קני..
איך ליב אייך לאַנג!... – שאַט, קינדער, שפּילער!
איך וויל אייך לעזן פון פּאַרני!..

– ווער איז עס דאָרט, די אומבאַקאַנטע,
מיט די רובינען... ליגקס... – זי זי..
– און ווער – די צווייטע? – וויאָלאַנטע...
– די זינגערין? – יאָ, יאָ, ס'איז זי!..

ז. סעגאלאוויטש / דער לעצטער שלאס...

(19

# דער לעצטער שלאָס...

**אָרסען:**

קוקט אין פענצטער

מען פירט די ווייסע שטיינער,
דעם אויסגעטאָקטן מאַרמאָר פירט מען
צו מיין שלאָס.
פון ווייסן שטיין וועט זיין מיין שלאָס —
איך וואַרט דעם טאָג.
אַליין געפּלאַנט, אַליין געבויט
און אַליין וועל איך פון וייטן שטיין
באַוואונדערן מיט שטאָלץ,
מיין אויסגעבענקטן ציל...

**פריזירער:**

צו פרי אפשר,
נאָך שפּעטער זענט איר דאָך פאַרנומען.

**אָרסען:**

מיין ראַדיאָ-טעלעגראַף, וואָס ברענגסטו נייס?
וואָס איז געשען אין שטאָט?
וואָס וועט געשען?
דו ווייסט דאָך אַלץ,
דו פּלאַפּלסט אויס פאַר מיר
דאָס גאַנצע לעבן פון דער גאַס...

### פריזירער:

מיר ווייסן אַלץ,
מיר שטייען, ווי געזאָגט,
צווישן קנעכט און האַר.
מיר שטעלן קלײנע טריט
און יאָגן איבער די, וואָס לויפן שנעל,
מיר שווייגן דאַן, ווען אַלע שרייען הויך...
מיר וואַכן דאַן, ווען אַלע שלאָפן שוין...

### אַרסען:

דיין גאַל-מעסער איז שאַרף,
דיין צונג איז אויך נישט טעמפּ,
דו ווילסט דערציילן וואָס...
איך זע...

### פריזירער:

בעכטן — זונטיק,
דער פּאַסטאָר האָט ווי אַלע מאָל
פון גאָט גערעדט
און ווי אַלע מאָל
איז מען דערנאָך אַוועק איז שענק.

### אַרסען:

דו אויך?

### פריזירער:

מיר גייען אומעטום,
מיר האָבן ליבּ צו זען און הערן,

וואָס שכורע און ניכטערע פלאַפלען...
און נעכטן איז געווען אַ טאָג —
אַ שרעק, א טאָג.

אָרסען:

וואָס איז געשען?
אַ‚רייכער קצב האָט חתונה געמאַכט
זיין טאָכטער?

פריזירער:

ניין!

אָרסען:

די שוסטער האָבן געפייערט
דעם יובילײ פון זייער צעך?

פריזירער:

ניין,
דער בלייכער איז געקומען
מיט זיינע פריינט...

אָרסען:

אָט דער וואָס וויל מיט גוואַלט
די גלייכהייט ברענגען?

פריזירער:

דער זעלבער, ער האָט טאַקע
פון אייך גערעדט...
מיט פלאַם און צאָרן...

אָרסען:

ער רעדט שטענדיק פון מיר...

פריזירער:

ער האָט אייך געשאָלטן...
אונטערן ראַטוש איז געשטאַנען
אַ גרויסער עולם.
שיכּורע און ניכטערע,
פרויען מיט קינדער אויף די הענט,
פאַרליבטע פּאָרלעך
צוגעטוליעט איינס צום צווייטן...
און אַלע האָבן מיטגעפילט דעם בלייכן.
זיי האָבן בראַוואָ אים געפּאַטשט
און געשוואוירן גיין מיט אים אין פייער.

אָרסען:

דער המון גיט לייכט זיין שבועה
און — ברעכט זי לייכט...

פריזירער:

— באַ אייך אין די גרובן, —
האָט דער בלייכער געזאָגט, —
שמאַכטן טויזנט לעבנס אָן ליכט,
אָן לופט,
אָן האָפנונג, —
איין טריט פון טויט.
און איר דאָ גייט אַרום
מיט חלומות פון אַ שלאָס...
פּאַלאַצן ווילט זיך אייך.

אָ ר ס ע ן:
צו זיך

פון ווייסן מאַרמאָר אַ שלאָס,
וואָס אַזוינס איז נישט געווען נאָך...

פ ר י ז י ר ע ר:

צום סוף פון טאָג איז געקומען
צו אַ געשלעג.

אָ ר ס ע ן:

צווישן וועמען?
אַלע זענען זיי דאָך פריינט...

פ ר י ז י ר ע ר:

פאַראַן בא זיי אַזעלכע,
וואָס ווילן באַלד אין פייער גיין...
צעשטערן אַלץ,
צעברעכן ביזן סוף,
דעם נעכטן,
אָן רחמנות, אַלץ פאַרניכטן...
היציקע קעפּ!
פאַראַן באַ זיי אַזעלכע,
וואָס הייסן אָפּוואַרטן...

אָ ר ס ע ן:

זיי טיילן שוין דעם בער,
נאָך צייט!
אויף היינט אָבער גענוג וועט זיין,
מיר רעדן דאָ און צייט פאַרגייט...

און עס וואַקסט דערווייל באַ מיר די באָרד,
קום גאָלן!

פריזירער:

מיין גאָל-מעסער איז גרייט

גייען אָפּ

ערנא:

קומט אריין

אָרסען, גוט מאָרגן, דיר, אָרסען!
דיין פּנים זע איך נישט,
זאָל איך דיין קול כאָטש הערן...

אָרסען:

פון צווייטן חדר

דער גאָלער גאָלט און איך מוז שווייגן.

ערנא:

איך וואַרט אויף דיר...

גערטנער

קומט אריין

גוט מאָרגן, ערנא!
נישטאָ דאָ דיין...
אונדזער בעל-הבית?

ערנא:

ער איז פאַרנומען, וואַרט אַ רגע!
האָסט וואָס געוואָלט?

גערטנער:

איך טאָר אָן אים קיין זאַך
נישט אונטערנעמען.
אַלץ מוז געשען, לויט זיין פאַרלאַנג,
זיין פאָלק, זיין ווילן, זיין געדאַנק...
פון גרויסן שלאָס,
וואָס ער פאַרנעמט זיך בויען,
ביז די לעצטע קלומבעס...
ער קלייבט אַליין די בלומען אויס,
ווייזט אָן,
וואו יעדע סטעזשקעלע דאַרף זיין...
איך פאָלג,
איך מוז אים פאָלגן.

ערנא;

אַלע פאָלגן אים,
איך איינע בין מיט אים אויף גלייך.

גערטנער:

כל-זמן דו שטייסט אים נישט אין וועג...

ערנא:

מיר גייען ביידע אויף איין וועג...
איך טראָג אַ שמייכל אויף די ליפּן
און ער דעם ערנסט אין די אויגן.

גערטנער:

צי פילסטו צייטנווייז אַזאַ געפיל,

אַ מורא,
ווי דו וואָלסט קליין געווען
אַנטקעגן אים?
קליין, נישטיק, ווי אַ מילב,
ווי אַ פּילקאָלירטער שוואַכער
שמעטערלינג...

ע ר נ א:

איך לאַך,
איך זינג און אים באַגייסטערט עס.

ג ע ר ט נ ע ר:

דו לאַכסט, דו לאַכסט,
דו ביסט דאָך מער נישט, ווי אַ שפּיל-קינד,
דו ביסט פון קאַפּריזן אויסגעוועבט
און ער?
פון שטאָלענעם מעטאַל געשמידט.

ע ר נ א:

בעת איך לאַך, בעת איך זינג
שטייט ער אָפּט
און קוקט מיר אין די אויגן,
ווי אַ דורשטיקער קוקט
אין קוואַל אַריין.
דעמאָלט דאַכט זיך מיר,
אַז נאָר אין מיינע אויגן
שעפּט ער אָן זיין גאַנצן ווילן,
זיין קראַפט
און זיין באַגייסטערונג צו בויען...

## אָרסען:

פון צווייטן חדר

ערנא! אַ רגע נאָך,
איך בין שוין פאַרטיק.

ע ר נ א:

קום! דער גערטנער וואַרט...

ג ע ר ט נ ע ר:

מיך וואונדערט...

ע ר נ א:

וואָס וואונדערט דיך?

ג ע ר ט נ ע ר:

דו און אָרסען, דו און אָרסען...
דו באַ אים אין שלאָף,
עצות פרעגט ער באַ דיר,
פאַרטרויט דיר זיינע פּלענער,
שפּילט זיך מיט דיר,
לאַכט פון דיין לאַכן...
דער שטענדיקער ערנסטער
כמעט בייזער אָרסען...
איך נעם גלייבן...

ע ר נ א:

וואָס?

גערטנער:

איך נעם גלייבן,
אַז ווען ער וועט ענדיקן זיין שלאָס,
דעם העכסטן טורעם זיינעם,
ווען ער וועט ענדיקן...
וועט ער דיך אויפן שפיץ אַוועקשטעלן
ווי א פאָן
און אַליין וועט ער פון וייטן שטיין
און ווידער זיך באַגייסטערן.

ערנא:

דו טרוימער,
ביסט פאַרליבט אין אים,
פונקט ווי איך

גערטנער:

איך האָב ליב דעם איינזאַמען,
דעם שטארקן מאַן,
איך האָב ליב די אויגן זיינע,
וואָס קוקן אין דער וועלט אַריין,
אין דער וויט
און אין דער הויך...
שאַ!... ער קומט
דו הערסט די פעסטע טריט?

אָרסען:
קומט אריין

גוט מאָרגן, פריינט!

ווי געפעלט דער טאָג אייך?
מיט אַזויפיל זון,
אויף מיינע פליגל וואַקסן
נייע פליגל אָן...

ג ע ר ט נ ע ר:

נישט באַ אַלעמען וואַקסן פליגל, אָרסען!
באַ מיר האָבן זיך היינט
די הענט אַראָפּגעלאָזן,
איך בין פאַרצווייפלט...

אָ ר ס ע ן:

וואָס איז געשען?

ג ע ר ט נ ע ר:

דער זומפּ לאָזט זיך נישט פאַרשיטן —
דאָס איז אַ טיפער סטאַוו,
איך ווייס נישט וואָס צו טאָן.
דער פּלאַץ איז אייך דאָך נויטיק,
איר ווילט דאָרט צעדער-בוימער
פלאַנצן...
איר ווילט דאָרט בויען...
נישט אַלע פלענער אייערע
זענען מיר באַקאַנט.

אָ ר ס ע ן:

דער סטאַוו מוז פאַרשאָטן ווערן...

גערטנער:

אַלטע לייט דערציילן, אַז דאָס איז
אַ פאַרכישופטער סטאַװ,
דאָס איז אַ קבר גאָר...
דער אַלטער הערשער פון דעם שלאָס
פלעגט דאָרט די פריינט זיינע
באַגראָבן
און די געליבטע, װעלכע פלעגן אים
צו פרי דערעסן...

אָרסען:

דער סטאַװ מוז פאַרשאָטן װערן...

גערטנער:

פינף טויזנט פאַרן זאַמד...
דאָס װעט קאָסטן
געלט, מי און טעג אַ סך.

אָרסען:

אַ שאָד די צייט,
גלייך זיך נעמען צו דער אַרבעט!

גערטנער:

איך האָב שוין װידער מוט,
איך גיי...

אָ ר ס ע ן :

וואָס שווייגסטו, ערנא, וואָס קוקסטו
אַזוי שטאַר אויף מיר?

ע ר נ א :

ווי זיכער, ווי רויק דו גייסט
צום ציל...

אָ ר ס ע ן :

כּל-זמן עס גיט זיך איין.

ע ר נ א :

דו צווייפלסט אויך אַמאָל?

אָ ר ס ע ן :

בעת דער צווייפל קומט,
דאַן ווער איך שטאַרקער נאָך,
עס ווילט זיך דאַן אַלץ מער
דערגרייכן.
ספיקות — דאָס זענען
פּאַליעס אויפן ים און ווייס!
די אַלטע קאַפּיטאַנען האָבן ליב
דעם שטורם... פּאַרטראַכט זיך
דו ווייסט, קינד!
אין שטאָט איז ווידער דאָ דער בלייכער
מיט זיינע פריינט...

ערנא:

איך ווייס, מען רעדט...
וואָס וויל ער?

אָרסען:

ער וויל, און אַלע ווילן זיי,
אַז איך, אָרסען,
זאָל אויך אַראָפּ אין טיפן גרוב
און גראָבן קוילן אין די שאַכטן
אַזוי ווי אַלע...
זיין איינער פון הונדערט טויזנט,
גאָרנישט זיין.
מיט אַן אויסגעשמירטן פּנים,
מיט רויטע, קראַנקע אויגן
אַרומלויפן
און שרייען: „ברויט!"
שעלטן אַלע רייכע, אַלע שטאַרקע,
וואָס ווילן און קאָנען הערשן...
ער וויל
און אַלע ווילן זיי, אַז איך, אָרסען,
זאָל אָפּגעבן מיין קראַפט, מיין מוט.
איך זאָל אַליין פון זיך
זיך אָפּזאָגן
און דאַן, געליבטע, ערנא!
וועט אַ צווייטער אָרסען קומען
און איך וועל זיין זיין קנעכט...

ערנא:

אפשר ווייסטו נישט אַלץ?

## אָרסען:

איך ווייס
און איך פיל נאָך מער, ווי איך ווייס,
איך פיל: עס קומט אַ טעמפּע צייט,
אַ בלייערנער קוואַדראַט
וועט איינצוימען די וועלט...
פון פליען, וועט קיין רייד שוין מער נישט זיין —
אַזויפיל גיי!
אַזויפיל שטיי...
און אויסגעמאָסטן אויף צענטימעטרן
וועט ווערן דיין פאַרלאַנג.
נאָר נישט אויף לאַנג, געטרייע ערנא!
עס קאָן זיין, אז איך און אַנדערע
וועלן אונטערגיין,
נאָר איינער, דער איינציקער,
דער איין איינער
וועט דורכרייסן די צוימען
און גיין...

## ערנא:

וואוהין?

## אָרסען:

צו זיך אַליין, צו גאָט, צום העלד...

## ערנא:

דו באַגייסטערסט מיך...

אָרסען:

איך האָב דיך ליב,
צום ערשטן מאָל אין לעבן זאָג איך דאָס...
דו ביסט, ווי אַ זונעלע
אין מיינע חדרים,
דו, שטיפערן!
דו, וועלכע וואָלט זיך
פיר און צוואַנציק שעה אין טאָג
געקושט.
דו קנויל פון ליבע, פון צערטלעכקייטן...

ערנא:

דו רעדסט, אָרסען, ווי אַן אמתער פאַרליבטער.

אָרסען:

נאַרישקייטן רעד איך ווילסטו זאָגן.

ערנא:

ניין, רעד ווייטער!

אָרסען:

מען טאָר נישט, קינד! דו זעסט די זון
גייט הויך אַרויף,
אַ טאָג פון אַרבעט וואַרט אויף מיר.

ערנא:

אָבער דו ביסט מיינער?

אָרסען:

דײנער, דײנער.

ערנא:

אָפּט אײפער איך דיר צו דײן אַרבעט,
צו דײן פאַרלאַנג...

אָרסען:

אַלץ פאַר דיר...

ערנא:

טאַ גיב מיר אָפּ דײן שלאָס!

אָרסען:

לאָז אים פריער אױפבױען
דערנאָך איך דײן פאַרלאַנג
מיט דינאַמיט צעשמעטערן.

ערנא:

דעם פאַרלאַנג דײנעם גיב מיר אָפּ,
דעם פאַרלאַנג צו בױען...

אָרסען:

דאָס איז שוין צופיל, ערנא!
נאָר איצטער גײ, איך װאַרף דיר בלומען
אויף דײן װעג...

ביזן טיר...
איצטער גיי אין גאָרטן, שפּרינג,
טאַנץ!
און מיך לאָז אַרבעטן...

ערנא;

איך דאַרף אַוועקגיין, זאָגסטו,
דאָס איז דיין באַפעל?

אָרסען:

מיין פאַרלאַנג...
איך וואַרף דיר בלומען ביזן טיר...
אָט אַזוי שטעל אַ טריט,
אַ צווייטן טריט,
צעטרעט די בלומען
און גיי זינגענדיק...

ערנא;

פאַרן אַוועקגיין אַ קוש...

אָרסען:

גיי זיך שפּילן און מיך לאָז אַרבעטן...
ערנא אָפּ. אָרסען אין פענצטער
דאָרט אַרבעטן דריי טויזנט הענט
מען גראָבט פון דר'ערד אַרויס מיין ציל,
עס וואַקסן ווענט,
עס וואַקסט מיין שלאָס.
מען שלעפּט געהילץ און שטיין און אייזן,

מען קנעט דעם ליים,
מען קנעט מיין האַרץ אַריין אין ליים —
מיין מוט,
מיין מאַרך
מיין ווילן...
ווייל מיט מיין ווילן בויען זיי,
ווייל מיינס אַ פינטל מיטן אויג
באַוועגט מיט אַלץ...
ס'קאָן זיין,
ווען אַלץ וועט פאַרטיק זיין,
וועל איך אַ ליידיקער דאָ בלייבן שטיין
מיט אויגן אָפענע,
וואָס זעען אַלץ
און פרייען זיך מיט גאָרנישט.
ס'קאָן זיין מיין ווילן
וועט מיך איבערשטייגן. —
מיין שלאָס וועט העכער זיין פאַר מיר,
פאַר מיין פאַרלאַנג...
ס'קאָן אַלצדינג זיין.
איך זע אָבער, נאָר דאָס וואָס ס'איז
און דאָס וואָס ווערט...
דאָ ווערט געבויט,
דאָ אַרבעטן דריי טויזנט הענט
פאַר מיין פאַרלאַנג,
איך הער דערווייל איין קלאַנג,
איין שופר-בלאָז,
איין ווידערקול,
וואָס קומט אַרויס און גייט צוריק
אַריין אין הארצן:
„צו דער אַרבעט!"
„צו דער אַרבעט!"

סאָף

דיכטער:

קומט אריין

ער איז גערעכט דער שומר באַ דער טיר,
דער שקלאַף האָט אמת מיר געזאָגט:
אָרסען איז טאַקע דאָ נישטאָ...
אָרסען, אָרסען! דו ביסט נאָך אַלץ,
דו ביסט אַ בויער אַ פאַרברענטער
און איך בין אַ פאַרברענטער לײדיקגײער...
איז וואָס?
די וועלט האָט ליב קאָנטראַסטן...
מיד בין איך פון וועג און דאָ קאָן מען רוען...

דורכן פענצטער פליט אריין אַ הויפן צעשאָטענע בלומען

האָס איז דאָס? בלומען...
דאָ שפּילט מען אויך מיט בלומען?
ווי אומגעריכט, ווי נישט געוואָרט —
דאָ איז אַ פרוי פאַראַן געוויס...

ערנא:

לויפט האסטיק אריין

אָרסען! ווי געפעלן דיר מיינע בלומען?
אָרסען! וואו איז אָרסען?
און ווער איז ער דער פרעמדער מאַן?

דיכטער:

אַ דיכטער, אָרסענס אַ חבר
פון דער יוגנט...

ערנא:

אָרסענס אַ דבר, שטענדיק טראַכט איך,

אַז אָרסען האָט קיינעם נישט,
אויסער מיר...

ד י כ ט ע ר:

אָרסען איז שטאַרק, ער נויטיקט זיך נישט
אין קיין פריינט,
נאָר די פריינט זיינע
נויטיקן זיך אין אים..
וואו איז אָרסען?

ע ר נ א:

דאָרט אַרבעטן אַ גרויסע מחנה העלט,
ווייל איינער וויל אַזוי,
ווייל איינער האָט אַ ציל...

ד י כ ט ע ר:

דו אומבאַקאַנטע פרוי, דו רעדסט די רייד
וואָס ער, מיין פריינט...

ע ר נ א:

און מיין געליבטער...

ד י כ ט ע ר:

אָרסען האָט ליב...
אָרסען געליבט...
דאָס איבעראַשט...

ע ר נ א:

וואָס איז אַזוינס?

ד י כ ט ע ר:

ער פלעגט שטענדיק לאַכן און אָפּשפּאָסן
פון די, וואָס פלעגן זיך פאַרליבן...

ע ר נ א:

און פון דיכטער אויך?

ד י כ ט ע ר:

פון מיר נאָך מערער,
ווייל איך האָב זיך פאַרליבט
אַזויפיל מאָל...
אַזויפיל, וויפיל שיינע פרויען
איך האָב געזען...

ע ר נ א:

און איצטער?

ד י כ ט ע ר:

איצט שוין זעלטענער,
נאָר מיד בין איך פון וועג,
איך וויל שוין זען מיין פריינט...

ע ר נ א:

ער אַרבעט איצט, מיר גייען גלייך
צו אים,

ער פלאָנטערט דאָרטן זיך,
צווישן שטיין און ציגל.
ער בויט, באַפעלט און פלאַנעוועט
און אָטעמט מיט דער אַרבעט...

ד י כ ט ע ר:

איך בין אים נישט מקנא...

ע ר נ א:

וואָס איז אַזוינס?

ד י כ ט ע ר:

בויען אויף דער ערד!
אַריינקנעטן אין ליים דעם גאַנצן ווילן,
אין ציגל איינפרעסן דעם גאַנצן מוט.
בויען אויף דער ערד! אויף נישט זיכערקייט,
ווען מאָרגן קאָן עס אַלץ
מיט פייער-טויט אַוועק...
בויען אויף דער ערד!
פאַר מיליאָנען אויגן —
נישט פאַרגינערס...
ווען בייזע אויגן לויערן
און ווילן עס פאַרניכטן.
ניין!
מיינע שלעסער זענען פעסטער.

ע ר נ א:

דיינע שלעסער? ד ו בויסט?

דיכטער:

אין דער פאַנטאַזיע...
אַזעלכע שלעסער האָט זיך אָרטען
נישט פאַרגעשטעלט
אין זיין שענסטן חלום...
אַזעלכע שלעסער, אַזעלכע שווינדלדיקע זיילן,
מיט אַזאַ דורכזיכטיקן מאַרמאָר...
און וואו?
אויף די סאַמע העכסטע בערג,
אונטערן בלויען הימל העגגען זיי,
אויף די דעכער פון די וועלדער
און אין דער טיפעניש פון אָקעאַן...

ערנא:

ווער זעט עס?
ווער קוקט עס אָן?

דיכטער:

איך אַליין...

ערנא:

נאָך דאַמאָלט אין די קינדער-יאָרן
האָב איך זיך אויך געשפילט
מיט קאָרטן-שטיבלעך...
היינט געפעלט מיר קראַפט
און דער וואָס בויט
יענער איז מיין גאָט...

ד י כ ט ע ר:

דו מיינסט עס אים, דיין שטאָלצן פּריינט,
אָ, זאָל ער בויען, וואָס ער וויל
און מאָרגן וועט דער בלייכער עס צעשטערן...

ע ר נ א:

דער בלייכער?
איך האָב דעם נאָמען שוין געהערט:
ער פירט אַ מחנה אומצופרידענע,
אָדער זיי, די אומצופרידענע פירן אים —
דאָס גייט מיך ווייניק אָן...
דאָך וויסן וואלט איך וועלן
צי ער איז שטאַרקער ווי אָרסען,
צי ער איז שטאָלץ און זיכער אין זיין ציל,
ווי מיין אָרסען?

ד י כ ט ע ר:

זיי זענען ביידע שטארק...

ע ר נ א:

אָבער ווער פון זיי איז שטאַרקער?

ד י כ ט ע ר:

איך האָב אויף דעם גאָר אַ בעזונדער מיין.
שטאַרק איז דער,
וואָס האָט אין עבן גאָרנישט,
וואָל וויל אין לעבן גאָרנישט האָבן...

ע ר נ אָ:

דער פוסט און פּאַסניק,
וואָס לידלט טאָג און נאַכט
און בויט פאַנטאַזיע-שלעסער?

ד י כ ט ע ר:

נישט לאַך פון מיר — איך האָב די גאַנצע וועלט,
נאָר איצטער פעלט מיר אויס אַביסל גאָלד...
און אָרסען איז מיר אַ פריינט...

ע ר נ א:

און די פאַנטאַזיע? זי קאָן נישט אויסשמידן
די קליינע-רונדיקע,
די גאָלדענע דוקאַטן...
די פאַנטאַזיע איז נעבעך קאַרג צו געבן געלט?

ד י כ ט ע ר:

די פאַנטאַזיע פאַרנעמט זיך נישט
מיט אַזעלכע נישטיקע ענינים...
חלומות קלינגען נישט...
און אָרסען איז מיר אַ פריינט,
איך וואָלט שוין וועלן זען מיין פריינט...

ע ר נ א:

קלויבט צענויף די בלומען

מיר גייען גלייך צו אים...
ווערט זען באַוועגונג באַלד אַ סך

און הענט, וואָס אַרבעטן
פאַרשלייערטע אין וואַפנע-שטויב...
קום !...

אַפּ.

סוף פון ערשטן אקט.

רחל ה. קארן / דריי לידער

## *I*

### די 31 קעמלען

ס׳מעסטן דורך סאַהאַראַס ווייס צעגליטע זאַמדן
איין און דרייסיק קעמלען שווער באַלאָדן
מיט דער משא פון מיין נישט געשטילטן בענקעניש,
מיט אוצר פון געהייליקט האָפן.
לויפן זיי געשמיסן אין די זייטן
מיט הונדערט גליענדיקע גורל-בייטשן.

ס׳שטרעקט אַנטקעגן זיי אין פוילער מידקייט
איר גליאיק ברוינעם לייב: סאַהאַראַ.
גרויסע אָדלערס פאָכן איבער איר מיט פליגלען פעכערס,
און די לייבן מיט די פלאַמען גריוועס
ברומען איר אין שטערנגעכט אַ וויגליד
שטאָלץ און הייס, ווי זייער זאַמד-מלוכה.

גייען איין און דרייסיק קעמלען
צווישן ווייסע קאַראַוואַנעס
פון שקלעטן אויסגעבלייכטע,
מיט דעם חותם פון פאַרניכטונג
אין די טרייע אויגן —
גייען איין און דרייסיק קעמלען
אין דעם מדבר־לאַנד סאַהאַראַ
אָן אַ וועזער, אָן אַ פירער.

## *II*

### אַ הויז אין שטאָט

אויפגעבויט אַ הויז,
אַ גרויס,

אין מיטן האַרץ פון שטאָט.
גייען מענטשן איין און אויס
אינם גראָען הויז.
ברענגען מענטשן מיט אַ לאַכן,
צירן אויס דערמיט די ווענט.
ברענגען מענטשן מיט אַ סוד,
שטעלן אים אין טרעפּנווינקל,
שאַ. . .
ברענגען מענטשן מיט אַ ווײ,
שפּרייטן אים אונטער די פיס,
ווי אַ רייכן פּערסער טעפּיך.
ברענגען מענטשן מיט שגעון,
טאַנצן זיי מיט אים אַרום,
איבער אַלע פּוסטע זאַלן,
איבער אַלע קאָרידאָרן,
היי,
און ס׳ווערט אין הויז אַ יום-טוב,
און ס׳קלינגט אַ גרויסע פרייד.

גייען מענטשן איין און אויס
אינם גראָען הויז.

## III

## שוועסטער.

בויג דעם קאָפּ אָן צו מיין אַקסל,
שוועסטער.
אָט איך פּיעשטשע
דיינע לאַנגע, שלאַנגען האָר,
און איך גלעט די באַקן בלאַסע
די צעקנייטשטע

רחל ה. קאָרן

פון באַצאָלטע קושן.
דיינע אויגן פיבערדיקע
פלאַמען אין די טיפע היילן,
ס׳איז דיין קאָפּ פאַר מידקייט שווער.

און פאַרנאַכטזונשטראַלן בלוטן,
און פאַרנאַכטזונשטראַלן וועבן
אַרום דיין גענייגטן שטערן
שלייערן פון פאַרגעסנקייט.
טאָ פאַרגעס אַז ס׳קומט דער אָוונט,
טאָ פאַרגעס אָן נאַכט און חושך,
טאָ פאַרגעס אַז ס׳מוזן לאַכן
בלאַסע, אָנגעמאָלטע ליפּן
מיטן הויכן זונה־קלאַנג.

ס׳איז דערוויילל דאָ גוט צו רוען
און די שלאַנקע הענט פאַרוויגן
אין דער יתומדיקער שויס,
דער פאַרטריקנטער פון תאווה
אין די לאַנגע נעכט.
לוישן אין דער טיפסטער טיפקייט,
ווי עס בעטן זיך נשמות
נישט געבוירענע, צום ליכט,
און, ווי ס׳בענקט דער גאַנצער נפש
נאָך אַן ערשטן שריי פון קינד.

אָבער ס׳רינען אויס די שעהן
ווי דאָס בלוט פון אָפענע וואונדן,
שעהן וויקלען אָפּ פון לעבן
הפקרדיקע גורלפעדים.
נאַכט איז, נאַכט שוין
שוועסטער מיינע. —

## 5

רחל ה. קאָרן

הער,
פון חרבות רופט די סאָווע.

האָסט פאַרוויילט זיך אין חלומות,
נישט געשיט נאָך אויף די באַקן
פורפורוויטן אַש פון שאַנד,
נישט געקעמט און נישט געפלאָכטן
דיינע לאַנגע, שלאַנגען האָר.

שלמה גילבערט / אין קעלער

איבערדרוקן, איבערזעצן און
שפּילן באַהאַלט דער אויטאָר
דאָס רעכט פאַר זיך

# אַ מתנה מיין ברודער פנחס גילבערט

*

(אַ גרויסע קעלער-שטוב. נאָנט צו דער סצענע, אונטערן הויכן קליינעם פענצטערל אַ טיש, אַ באַנק, אַ אַלטע קאַנאַפּע. אַרויף, אין דער פאָדער-וואַנט, די טיר און די קיך. אין אַ ווינקל ליגט שטרוי צום שלאָפן, און פעקלעך, קעסטלעך. נאַכט. אויף דער וואַנט, איבערן טיש הענגט אַ לעמפּל, וואָס באַלייכט אַ העלפט קעלער-שטוב).

## בעריש

(אַ ייד פון אַ יאָר זעכציק, אַ ברייט-פּלייציקער. גרויסע שוואַרצע אויגן, און אַ אָדלער-נאָז. ער גייט אַ קורצע מאַרינאַרקע און אַ טוכן היטל מיט אַ לעדער-גלאַנצירטן דאַשעק)

## רחטשע

(בערישעס ווייב. אַ יידענע מיט אַ געל-שווייגנדיק פּנים. זי זיצט אויף דער קאַנאַפּע, איינגעבויגן, און שיילט קאַרטאָפליעס)

## בעריש

(קומט אַריין מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס. ער שטעלט אַראָפּ דעם זאַק לעבן דער וואַנט):
דאָ האָסטו דעם בוים יענגאַלקעס!

## רחטשע

(קומט צו): מער איז נישטאָ?!

## בעריש:

דאָס איז פון שפּיץ. הינטן איז געווען אָפּגעליידיקט. דו האָסט דאָך מיך נישט געלאָזט אָפּרייסן דעם בוים יענגאַלקעס, ווען מ'איז אַרויס!

## רחטשע:

ווען מ'איז אַרויס פון גאָרטן, זענען זיי נאָך געווען זייער דראָבנע.

**בעריש:**

האסטו גאר נישט! (ער גייט ארויס)

**רחטשע**

(קוקט אריין אין זאק): גאנצע בארנעס! ס'וואלט געווען עטלעכע זעק!

**בעריש**

(קומט אריין מיט א זאק אויף די פלייצעס. ער שטעלט אוועק לעבן די יענגאלקעס):
פאר יענגאלקעס קארטאפליעס! (ער זעצט זיך אויף דער קאנאפע. רחטשע באקוקט די קארטאפליעס. זי גייט צו דער קאנאפע, זעצט זיך)

**רחטשע:**

דער פריץ האט דיר געגעבן?

**בעריש:**

א פריצל מיט קלארע שארפע ברילן און מיט א בוך אונטערן ארעם האט פיינט צו געבן.

**רחטשע:**

האסט אליין גענומען?

**בעריש:**

ס'איז געלעגן אנגעשיט א בארג קארטאפליעס, האב איך געהייסן דעם פורמאן, ער זאל זיך אפשטעלן פארן ארום פערד — צוקעמען די גרזשיווע, פארבונדן דעם עק, און איך האב מיך דערווייל געפארעט בא די קארטאפליעס. (רחטשע שיילט)

**בעריש**

(בייגט זיך איין, קוקט איר אין פנים אריין): דו האסט הנאה, און דו שווייגסט. א הונט לויפט, און בילט, און רוישט. און א קאץ גייט זיך שטיל, און איז מער מזיק (א שטילשווייגן) דער ווירט האט מיך אויפן הויף אנגעכאפט — ס'קומען צו מיר מענטשן נעכטיקן. —
— אז א ייד נעכטיקט איבער אויף מיין פאדלאגע, וואס ארט דאס אייך?! — דרייט ער מיטן קאפ און סמאקעוועט — פארשטייט איר

מיך, אויב אזוי, איז עס דאָך אַן אַכסניה, אַ געשעפט! — דער פרומער
וואָלף האָט געוויזן ציין און נעגל, און איך האָב געמאַכט אַ געשריי.
האָסטו, רחטשע, געדאַרפט זען, ווי ער האָט געמאַכט פליטה.

ר ח ט ש ע :

ער וועט דיך אַרויסוואַרפן פון דער דירה.

ב ע ר י ש :

ער קאָן נישט!

ר ח ט ש ע :

דער ייד ליגט שטענדיק אין די סאָנדעס.

ב ע ר י ש :

איך האָב אים (מיטן ניגון פון מעביר-סדרה-זיין) ויסעו ממקהלות ויחנו. (אַ שטיל-
שווייגן)

ר ח ט ש ע

(שיילנדיק): די מויד שלעפט זיך אַרום ביז אַ שטיק אין דער נאַכט! אַ

ב ע ר י ש :

די פרוכט איז שוין צייטיק! הערסטו, גאָט האָט אונדז צוגעשיקט
וואויל בחורל.

ר ח ט ש ע :

ער איז אַ ליידיקגייער — ער גייט אָפּמאַלעווען די פעלדער מיט די
וועלדער.

ב ע ר י ש :

ער איז נאָך אַ ייִנגעלע, שפּילט ער זיך.

ר ח ט ש ע :

אונדזער מענדל איז ייִנגער!

ב ע ר י ש :

ער וועט בײַ מיר ווערן אַ מענטש. (עס קומט אַריין אַ בחור פון אַ יאָר צוואַנ-

ציק, א ברייט-פלייציקער. ער טראָגט אויף די פלייצעס אַן אָנגעפּאַקעווען זאַק. ער שיט
אויס פאַר דער קיך שפּענער און הובלעוועכץ)

מענדל

(קומט צום בעט, זעצט זיך און ציט פון זיך אַראָפּ די שטיוול): מאַמע, דו וועסט שוין
דאָ האָבן צו ברענען, בלויז גראָבע שטיקער.

בעריש

(גייט צו דער קיך): אָ, מענדל, דו האָסט היינט גוט ברענגט שפּאָר! (ער נעמט
אַ שטיק האָלץ, שמעקט) מען ברענגט אַ פרישן בוים, מען ציט פון אים
אַראָפּ די קאָרע, מען זעגט, מען הובלעוועט — מ'פילט דעם געזונטן
וואַלד!

מענדל

(האַלב ליגנדיק אויפן בעט): דער וואָס אַרבעט, ווייסט נישט פון קיין קונצן.

בעריש:

און ער עסט מיט אַפּעטיט, און ער שלאָפט געשמאַק.

רחטשע:

אַליין האָט ער נישט געוואָלט אַרבעטן. ער האָט זיך גענומען צו סעדער.

בעריש:

ס'איז ליכטיק, ס'איז וואַרעם. ס'הענגען איבערן קאָפּ קאַרשן, עפּל,
באַרנעס. (ער בייגט זיך איין, קוקט רחטשען אין פּנים אַריין) דו האָסט עס אויך
נישט פיינט, גנבטע!

מענדל:

איך ווייס נישט מער, אַז אַרבעטן, דאַרף יעדערער אַרבעטן!

בעריש:

אַרבעטן, עסן און מיסטיקן, ווי אַ פערד!

מענדל:

בראַוואָ, טאַטע, נישט עסן און נישט מיסטיקן!

בעריש

(שמייכלט): פארשטיי, א פערד גייט אויף פיר, מיטן קאפ אראפ צו דער ערד, אבער א מענטש גייט אויף צוויי, מיטן קאפ ארויף צום הימל!
(א שטילשווייגן. עס קומט אריין לאהלע, א מיידל פון א יאר ניינצן, א שלאנקע פיגור, א שיינער, געדיכטער קאפ האר, און לעבעדיקע אויגן)

בעריש:

לאהלע, קום נאר אהער! (זי גייט צו) זעץ דיך! (זי זעצט זיך) מיט וועמען גייסטו ביז א שטיק אין דער נאכט!

לאהלע:

מיט יינגלעך!

בעריש:

מען קלייבט זיך אפ איין יינגל.

לאהלע:

מיט א סך איז בעסער.

בעריש

(נעמט זי אן באם האלדז): שיקסע! שיקסע, איך וועל דיך דערשטיקן!

רחטשע:

דער משוגענער האט שוין עפעס אנגעקריגן, לאז זי אפ! (זי נעמט דעם טאפ מיט די אנגעשיילטע קארטאפליעס, גייט צו דער קיך)

בעריש

(גייט איבערן קעלער. ער שטעלט זיך אפ, צו רחטשען): די פרוכט איז שוין גוט צייטיק! (עס קומט אריין א בחור פון א יאר דרייסיק, א לעגגלעך בלייך געזיכט מיט געדיכטע האר, טראגט א שווארצן בריט-צעקנייטשטן קאפעליוש. ער האלט אויף א פאסיק אויף דער פלייצע א קליין קעסטעלע. ער גייט צום אפגעטיילטן ווינקל, זעצט זיך אויף א פעקעלע, עפנט דאס קליינע קעסטעלע און הייבט אן רייניקן פענדזעלקעס. בעריש שטייט, קוקט נאך דודן. ער נעמט ארויס פון דער קעשענע א פאטשיילע, בינדט זיך ארום, וואשט זיך די הענט, און הייבט אן דאווענען מעריב)

## 7

### ש. גילבערט

## בעריש

(גייט צו דודן, זאָגט הויך, אין אַ ניגון, און מאַכט צו מיט אַ האַנט): ומחליף את הזמנים! ומסדר את הכוכבים במשמורותיהם ברקיע כרצונו! בורא יום ולילה, גולל אור מפני חושך, וחושך מפני אור! ומעביר יום ומביא לילה, ומבדיל בין יום ובין לילה, י״י צבאות שמו! (עס דאַוונט ווייטער שטיל. ס'הערט זיך פון בעט דאָס כראָפּען פון מענדלען. רחטשע שטייט בײַ דער קיך און קאָכט. בעריש שטעלט זיך שמונה עשרי. לאהלע גייט צום ווינקל)

**דוד:**

פאַר וואָס זענען זי נישט מיטגעגאַנגען?

**לאהלע:**

וואָס וואָלט איך דען דאָרט געטאָן?

**דוד:**

זי וואָלטן געזעסן און געזען, ווי איך מאָל.

**לאהלע:**

און מער גאָרנישט?!

**דוד:**

ס'איז נישטאָ קיין גרעסער פאַרגעניגן, ווי זיצן און קוקן אויפן פעלד אויפן הימל.

**לאהלע**

(שמייכלט): זי זענען אַ נאַרעלע! (אַ שטילשווייגן) וואָס האָבן זי שוין, אַז זי מאָלן אויף?!

**דוד:**

אַז אַ מאָלער מאָלט אויף אַ גוטע זאַך, קריגט ער אַ סך געלט, און ער ווערט באַרימט.

**לאהלע:**

דעמאָלט וואָלטן זי שוין בײַ אונדז נישט געוואוינט.

**דוד:**

דעמאָלט וועל איך האָבן אן אייגן פּאַלאַצל אין מיט וואַלד, און איך וועל אַרבעטן אין אַ אַטעליע מיט גלעזערנע ווענט און אַ גלעזערנעם דאַך און לאהלע וועט זיין צוזאַמען מיט מיר! (ער נעמט זי אַרום)

**לאהלע**

(שמייכלט): זי זענען אַ גרויסער ליגנער!

**דוד**

(האַלט זי אַרומגענומען): לאהלע וועט גיין אָנגעטוען, ווי אַ יינגל, און רייטן אויף אַ גוט פערדל, גאַלאָפּ איבערן פעלד! (בעריש גייט אויס שמונה עשרה לאהלע גייט גיך אַוועק)

**רחטשע**

(פון דער קיך): לייג דאָרט דאָס טישטוך! (לאהלע גרייט צום טיש. בעריש קומט צו צו דודן)

**בעריש:**

וואָס-זשע מאַלעוועסטו?

**דוד:**

איך האָב געמאָלט אַ פעלד.

**בעריש:**

דו ווילסט דוקא באַכטוען גאָט, ווי אַ מאַלפּע וויל באַכטוען אַ מענטש (דוד ווייזט בערישן אַ געמאָלעוועט ברעטל)

**בעריש**

(קוקט דערויף): הער, יינגעלע, אין גאָרטן, ווען איך קוק אַרויף אין דער הייך, איז דער הימל אַזוי גרויס און אַזוי ברייט, אַז איך פאַרגעס, אַז איך שטיי הינטן אויף דער ערד!

**רחטשע**

(פון דער קיך): ס'איז נישטאָ קיין לעק וואַסער!

**בעריש**

(זאָגט מיט א ניגון): ס'האָט זיך מיר געחלומט — כ'בין אין א קעניגלעכן פּאַלאַץ, כ'זיץ אויף אַ גאָלדענער שטול, און מיין אויג זעטיקט זיך מיט די הערלעכקייטן אַרום. פּלוצלינג שטעקט מיין ווייב אַריין דעם קאָפּ דורכן פענצטער און זוכט מיך — בעריש, וואו ביסטו, בעריש?! דער פּאַלאַץ איז פאַרשוואונדן. כ'שטיי אויף אַ גרויער גאַס און ס'רעגנט. (ער גייט צו דער טיר, נעמט דעם קובעל און גייט ארויס. רחטשע קומט צום טיש מיט א פּאַרעדיקן טאָפּ און גיט אויף. לאהלע וועקט מענדלען און שלעפּט אים בא א פוס)

**בעריש**

(קומט אריין, שטעלט אוועק דעם קובעל וואסער, צו דודן): מיין ווייב לערנט אַנ־דערש דעם פשט — אַ פעלד איז, עס זאָל וואַקסן דערויף ברויט מיט קאַרטאָפליעס. אַ וואַלד איז, האָלץ צום ברענען און צום קאָכן. און אויפמאָלן אויף לייוונט אַ פעלד און אַ וואַלד, איז נאָר נאַריש געמאַכט זיך. (אלע זיצן באַם טיש, עסן. דוד זיצט אין ווינקל, אויפן נידעריקן געזעס, פּאָרעט זיך מיט די פאַרבן און פּענדזעלקעס. ער קוקט אויף דעם פריש-געמאָלעוועטן ברעטל, וואָס שטייט פאַר אים)

**רחטשע**

(קומט פון דער קיך צום טיש מיט א פּאַרעדיקן טאָפּ. זי גיסט יעדערן צו, אויף לאהלען): זי האָט שוין אַוועקגעלייגט דעם לעפל, אָ, אַ יחסנטע געוואָרן, (זי גייט מיטן טאָפּ צו דער קיך) בערישעס טאָכטער!

**בעריש:**

און אפשר דיר געבן יאַכעלעך, און הינדעלע מיט פּוטער?! פון די רייכע מאכלים ווערט מען פאַרדאָרבן און פויל, דער גוף מיט דער נשמה ווערט קראַנק! געוויין דיך צום אָרעמען פּראָסטן עסן, וועסטו זיין זאַט און געזונט!

**מענדל:**

אַז מען גייט אַרום ליידיק, האָט מען נישט קיין אַפּעטיט צום עסן.

**לאהלע:**

כּאַמול, ס'שטייט פאַר דיר אַ מיכע! (עס קומט אריין א אלט יידל, א אָרעמאַן

(מיט א שטעקן אין דער האַנט. ער גייט צום ווינקל זייער פאַמעלעך און קרעכצט. רחטשע גיט אים אין ווינקל אריין א שיסעלע עסן)

### דער אַלטער

(זיצט אויף א קעסטל): איי, בעל־ביתטעשי, בעל־ביתטעשי, איר זאָלט לעבן און געזונט זיין! איר זאָלט לעבן און געזונט זיין!

### בעריש:

וואָס מאַכט איר, ר' שראל?

### דער אַלטער:

איי נישט גוט, נישט גוט! אָנגעקראָכן זיך א גאַנצן טאָג בחנם און קוים דערשלעפּט אַהער מיינע קראַנקע ביינער!

### מענדל:

דער מענטש האָט דאָך אין דער יוגנט געקאָנט אַרבעטן, און אויף דער עלטער דאַרף ער שטאַרבן פון הונגער.

### בעריש:

אמת, מענדל, דאָס איז א גרויסע עולה, און ס'איז דאָ נאָך א סך גרויסע עולות אויף דער וועלט.

### מענדל:

עס דאַרף קומען א געזונטער און נעמען די לייטשן אין זיינע הענט.

### בעריש:

אָ, מענדל, דו גייסט! דו גייסט שווער, נאָר דו גייסט! (דער אַלטער ישראל לייגט עפּעס איבער פון איין קעשענע אין דער צווייטער, און קוקט אַלע מאָל צום טיש, צי מען זעט נישט. דוד זיצט אויף א פּעקל און פאַרריכט דאָס בילדל. לאהלע מאַכט זיך קוקן, ווי דוד מאָלט, און פאַרגנבעט זיך צום אַלטנס קעשענע)

### בעריש:

ציגאַנקע, דו גייסט אַוועק?!

### רחטשע

(פון דער קיך): דערלאַנג מיר די כּלים פון טיש.

לאהלע

(קומט צום טיש, שמייכלט): וואָס טויג דעם אַלטן געלט ? !

בעריש

(קוקט צום ווינקל): דער אַלטער היט זיך פאַר אונדז, ציילט און באַהאַלט. יעדער בעל-מלאכה האָט זיך זיינע סמנים — אַ שניידער רייסט זיך צו זאָגן אַ דעה אין שטאָט. אַ שוסטער צינדט זיך גיך אָן. אַ בעטלער זאַמלט און באַהאַלט.

מענדל

(שטעלט זיך אויף, ציט זיך): טאַטע, דו קאָנסט זאָגן משלים. (ער גייט צום בעט)

בעריש:

און מענדל איז אַ דאָמבּ ! (די טיר עפנט זיך. עס קומט אריין עמיצער. דאָס אָנגעטועכץ אויף אים איז צעפליקט. מ'זעט ארויס גאָלע שטיקער לייב)

דער אָפּגעריסענער

(שטייט בײַ דער טיר): כ'וועל קאָנען איבערנעכטיקן ?

בעריש:

קומט נענטער ! (דער אָפּגעריסענער גייט צום טיש)

רחטשע

(בײַ דער קיך): אַ נייע פלאָג !

לאהלע:

זעט נאָר דעם פּאַצעט ! (דער אָפּגעריסענער הינקט צו איר)

בעריש:

װאָס ביסטו אַזוי ארומגעריסן ?

דער אָפּגעריסענער

(רעדט שטיל): כ'האָב נישט קיין אַנדערס.

**בעריש:**

האָסט אָבער ברייטע פלייצעס, און דו ביסט געזונט. אַ פּאָדלאָגע איז אַ גרויסע, (ער הייזט צום הינקל) דאָרט וועסטו האָבן אַ נאַכט-לעגער.
(דער אָפּגעריסענער גייט צום הינקל)

**בעריש**

(צום אָפּגעריסענעם): זאָג, חברה-מאַן, דו צערייסט אויף זיך אַליין, עס טויג צום געשעפט, האַ!

**דער אָפּגעריסענער:**

פעטער, איר ווייסט.

**בעריש:**

ס'איז דיר נישט מיגלדיק צו גראַבלען בײַ מענטשן דאָס רחמנות!

**דער אָפּגעריסענער**

(בייגט זיך איין, שטרעקט אויס אַ האַנט, מיט אַ וויינענדיק פּנים): כ'בין הונגעריק. ס'איז מיר קאַלט. הי-הי-הי! הי-הי!

**לאהלע:**

ער איז גאָרנישט אַזאַ מיאוסער, ווי ער מאַכט זיך!

**דער אָפּגעריסענער**

(גיט אַ וואונק): שיין מיידעלע, רוזשע, גיב אַהער די בוזשע. (ער מאַכט אַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט איר געגעבן אַ קוש. די טיר עפנט זיך. עס קומט אַרײַן אַ דאַר יידל, מיט אַ זעקל אויף די פּלייצעס און מיט אַ שטעקן אין דער האַנט. אין דער טאַליע איז ער אַרומגעבונדן מיט אַ דין שטריקל. אַ שיטער געל-אויסגעבליאַקירט בערדל, אַ גאָרביקע נאָז און לענגלעכע אויגן. ער גייט מיט קליינע שאַרעדיקע טריטעלעך)

**דאָס יידל**

(בלייבט שטיין אין מיטן קעלער און זינגט אויס בדחניש):
אין דרויסן איז פינצטער, גליטשיק און קאַלט.
אין דער שטוב איז ליכטיק, און אין אויוון ברענט זיך אַ וואַלד.
און עס איז געגרייט צום טיש,
פעקעך מיט בראַנפן, און חלה מיט פיש!
(ער גייט ווייטער מיט זיינע קליינע שאַרעדיקע טריטעלעך צום ווינקל)

דער אָפּגעריסענער:

טאָק די יד!

פייוועלע

(גיט אים אַ האַנט):

וואָס קאָן עס מיך אַרן,
די האַנט וועט מיר נישט אָפּדאַרן,
מען דאַרף אַמאָל אַ פּאַרך זאָגן — גוט-מאָרגן,
און אין ־ער שטיל צוזאָגן — ווער דערהאָרגן! —

דער אָפּגעריסענער:

האָפּ-האָפּ,
אַ רוח אין דיין קאָפּ!
(ער הייזט אויף דודן, קרומט דאָס פּנים)

אַ פּאַראיילעצטער!

בעריש:

וואָס?

דער אָפּגעריסענער:

די בלאַסע פּנימער מיט די לאַנגע האָר זענען פּאַראיילעצטע.

דוד:

קעלער-שטשורע!

דער אָפּגעריסענער:

פּאַראיילעצטער! (בעריש לאַכט. עס קומט אַריין לייבעלע, אַ בלייך שמאָל פויגל-פּנים, אַ שוואַרץ רעם-בערדל און גרויסע הייס-בלישטשנדע אויגן)

פייוועלע:

אין אַ מזלדיקער שעה,
לייבעלע איז דאָ.

לייבעלע

(צו רחטשען): גיב מיר עסן!

רחטשע:

וויפל שעפלעך ער האָט היינט אַרויסגעגאָסן, אַזוי פיל שיסעלעך עסן האָט ער אַריינגעכאַפּט.

לייבעלע

(צו רחטשען): גיב מיר עסן.

בעריש:

גיי צו די גבירים!

רחטשע

בא הערש-גדליהן ליגט ער גאַנצע טעג און אַרבעט דאָרט ווי אַ פערד.

לייבעלע:

פערעלע איז מיין כלה.

לאהלע:

משוגענער לייבעלע, אנדערש ווילסטו נישט, נאָר הערש-גדליהס איינציקע טעכטערל.

לייבעלע

(חיינענדיק): פערעלע איז מיין כלה.

לאהלע:

און מיך ווילסטו נישט?

לייבעלע:

גיי, פערעלע איז שענער פון דיר.

דער אָפּגעריסענער:

אַ ווייטיק אים אין בויך, איז ער אַ נאַר!

רחטשע

(קומט צו מיט אַ שיסעלע עסן): נאַ, לייבעלע! (לייבעלע עסט שטייענדיקערהייט. ער ווארפט אַרויף דעם לעפל אויף דער פאַדלאָגע און זיפּט אויס מיטן גאַנצן שיסעלע)

לאהלע

(קוקט אויף לייבעלען): זעטס נאָר די פייערדיקע אויגן!

**בעריש:**

**אַ משוגענער האָט נישט קיין זעט — דאָס עסן ווערט באַ אים אינעווייניק פאַרברענט.**

**דער אָפּגעריסענער**

(צו לייבעלען): **פרעס אַ כאַלעווע!**

**לייבעלע:**

**גיי אין דער ערד אַריין!** (ער גייט צום ווינקל)

**פּייוועלע**

(וואָס זיצט אין ווינקל, און פּאָרעט זיך באַ זיין זעקל):

**ר׳ בעריש, האָב איך היינט געברענגט זאַכן,**
**מען קאָן אַ באַשרייבונג מאַכן!**
(ער קומט צו מיטן זעקל צו דער קאַנאַפּע)

**פּייוועלע:**

**די זאַכן האָב איך געקויפט אויף זייער אַ ר ך אָרט.** (אַלע קומען צו, אויסער דער אַלטער ישראל און לייבעלע, וואָס זיצט אין ווינקל אויף אַ פּעקל. פּייוועלע נעמט אַרויס פון זעקל אַ פּאָר קאַמאַשן מיט גרויסע שפּיצן־טשוועקעס אין די פּאָדעשוועס און אין די אָפּצאַסן)

**לאהלע:**

**צו וואָס אַזעלכע טשוועקעס?**

**פּייוועלע:**

**באַ די רייכע זענען די פּאָדלאָגעס זייער גליטשיק.**

**דוד:**

**אין די ווייטע לענדער זענען פאַראַן זייער הויכע בערג. די רייכע פאָרן אַהין, און גייען אַרויף אויף די בערג, טוען זיי אָן די קאַמאַשן, זיי זאָלן זיך נישט אַראָפּגליטשן.**

**דער אָפּגעריסענער**

(אויף דודן): **די לייט ווייסן.**

רחטשע:

משוגע, צו וואָס קריכן זיי אַרויף אויף די בערג?

בעריש:

הינטן איז זיי שוין אַלץ געוואָרן פאַרמיאוסט, זוכן זיי זיך אין דער הייך נייע פאַרגעניגנס.

פייוועלע

(נעמט ארויס פון זעקל א ברייטן ווייך־שטרויענעם הוט): אויף אַ זון איז עס אַ קאַפעלוש, אויף אַ רעגן איז עס אַ פּאַראַסאָל, אַזאַ מאָדע.

דוד:

די רייכע פאָרן אין וואַרעמע לענדער, דאָרט ברענט די זון שטאַרק, גייען זיי דאָס אויף די קעפּ, זיי זאָלן זיך נישט אָפּבּרענען די פּנימער. (ער שרייט אויס אין עקסטאַז) דאָרט איז אייביק זומער! דאָס לאַנד פון זון און פאַרבן!

דער אָפּגעריסענער:

וואָס־זשע קרייעסטו, האָן?

לאהלע

(פאַרבענקט): די רייכע זענען גליקלעכע.

בעריש:

פאַרקערט, זיי זענען אומגליקלעכע. — זיי זוכן זיך פאַרגעניגנס, ווי אַ שווינדזיכטיקער זוכט אָטעם, און אַרום אים איז אַ גאַנצע וועלט מיט לופט...

פייוועלע

(וואָס איז געזעסן איינגעבויגן און געזוכט אין זעקל, נעמט ארויס א לאָרנעטע): אַ שפּאַקטיוו, מ׳קוקט ווייט, און מ׳זעט נאָנט. אַ קלייניקייט פעלט, דאָס גלאָז.

ש. גילבערט

דער אָפּגעריסענער

(מאַכט נאָך):

האַנדעל-האַנדעל!

אַן אַלטע זאַך,

אַ לאַך!

אַ פּושקע,

אַ שישקע,

האַנדעל-האַנדעל!

לאהלע

(פאַרבענקט): איך וואָלט אַזוי געוואָלט ארומפאָרן אין די ווייטע לענדער!

דער אָפּגעריסענער:

זיס מיידעלע, כ'וועל באַגנבענען אַ גביר,

און פאָרן זי מיט מיר!

דוד:

אַ לאַטעק קאָן גנבענען אַ ברויט.

דער אָפּגעריסענער

(צו דודן): יאַט, גיי צו מיר אויף דער לער!

רחטשע

(צו בערישן): דיין טאָכטער וויל לעבן אין שוואוילטאָג.

בעריש:

פין דרויסן אַ שיין עפּעלע און אינעווייניק זיצט אַ וואָרעם.

פּייוועלע

(לייגט אין זעקל אריין):

מ'וועט צוריק צונעמען די זאַכן,

זיי האָבן נישט געטאָן פריילעך מאַכן!

(די טיר עפנט זיך. עס קומט אריין אַ פּאָליציימאַן. ער קומט צום טיש)

רחטשע

(באַ דער קיך, ברעכט זיך די הענט): דאָס האָט מיר דער ווירט אונטערגע-שיקט, דער ווירט!

דער פּאָליציימאַן:

ווער איז דער בעל־הבית?

בעריש:

איך.

דער פּאָליציימאַן

(צעזעצט זיך ברייט): ווייזט אַלע די דאָקומענטן!

בעריש

(צו רחטשען): דערלאַנג דעם יין־שרף! (רחטשע ברענגט צום טיש א פלעשל מיט א גלעזל)

דער פּאָליציימאַן

(גראָזשעט בערישן): דו ווילסט מיך פאַרסמען?!

בעריש

(טרינקט אויס, גיסט אָן א צווייטס): פאַרסמען אַזא בעל־הבית, ווי דו ביסט?

דער פּאָליציימאַן

(דרייט זיך א וואָנסע): מ'דאַרף אויף אייך אַכטונג געבן! יעדער מוז האָבן א פּאַס! ווען נישט, ווערט עך אויסגעמישט. און גיי ווייס דער־נאָך, וועלכער מאַשעניק ס'הייסט בערל, און וועלכער שמערל. דיין בראָנפן שמעקט אַזוי! (ער פאַרזוכט און דרייט איבער דאָס גלעזל) א היימי־שער שנאַפּס! דו מאַכסט אים אפשר אַליין?

בעריש:

נאָט זאָל מיך אָפּהיטן!

דער פּאָליציימאַן

(דרייט זיך א וואָנסע): מ'דאַרף אויף אייך אַכטונג געבן! ווען יעדער וואָלט געמאַכט בראָנפן, וואָלט יעדער טויגענישט געטרונקען. (ער דרייט איבער דאָס צווייטע, בעריש גיסט אָן)

דער פּאָליציימאַן:

בּאַ וועמען האָסטו אים געקויפט?

בעריש:

רעד מיר צום דאַשעק!

דער פּאָליציימאַן:

וואָס האָסטו געזאָגט?

בעריש:

צו זיי.

דער פּאָליציימאַן:

וואָס טוען זיי דאָ? (ער נעמט ארויס אַ ביכעלע צום פאַרשרייבן)

בעריש:

זיי עסן און שלאָפן.

דער פּאָליציימאַן:

וואָס נאָך טוען זיי?

בעריש:

זיי קראַצן זיך.

דער פּאָליציימאַן:

באַם פאַרהער וועסטו דערציילן!

בעריש

(מאַכט זיך ציטערן): כ'וועל אַלץ דערציילן — איינמאָל, באַנאַכט, זיי האָבן געמיינט מיר שלאָפן שוין, האָבן זיי זיך אויפגעהויבן און אָנגעהויבן אָפּווישן די פאַרבלוטיקטע מעסערס, און זיי האָבן אָנגעהויבן דערציילן שרעקלעכע מעשיות פון שרעקלעכע רציחות, אַז דאָס האָרץ איז שטיין געבליבן, און דאָס בלוט אין די אָדערן איז פאַרקילט געוואָרן.

דער פּאָליציימאַן

(פאַרשרייבט): דו ביסט אַן עדות.

בעריש:

איך האָב אַליין געזען — זייערע לייבער זענען פול וואונדן, קאָנען

זיי נישט ליגן, זיצן זיי און שלאָפן, און קרעכצן, און וויינען. און די נאכט איז לאנג און פינצטער. און דער הער נאטשאלניק איז בעל-הבית.

דער פאליציימאן

(שטעלט זיך אויף): סאציאליסטן! רעוואלוציאָנערן! אנארכיסטן! איך וועל אייך אלע פארבעמען! איך וועל פארחתמענען דעם קעלער!
(בעריש גיט אים הינטערוויילעכטס געלט. דער פאליציימאן נעמט צו)

דער פאליציימאן:

דע, עס זאל אלץ דאָ זיין אין אָרדנונג. (ער ווייזט אויפן אָפגעריסענעם) ער וואס לאכט?

בעריש:

אפשר האט ער עפעס געזען?

דער פאליציימאן:

איך וועל אים ווייזן, אז ער וועט לאכן פון זאקאן! (ער גייט ארויס אלע קומען צום טיש)

רחטשע:

דאס ביסל בראנפן האט מיך געראטעוועט.

דער אָפגעריסענער:

ער האט פארשטאנען, וואס איך האב געלאכט.

פייוועלע:

(מיט א ניגון): ער האט פארשטאנען
און ער האט זיך נישט געמאכט פארשטיין,
א דערהארגן זאל ער ווערן מיטן ביין!
— כאָשעניק! — האט ער געטוען טאן זאגן,
און אליין מעג מען אים באגראבן!
איך זיין בייזן האלדז האט ער געטוען טאן גיסן,
מיט בלוט זאל ער הוסן!
און צו דעם אלעם האט ער גענומען געלט,
זאל עס אים ווארפן אין היץ און אין קעלט,

ונומר אָמן! (ער גייט צום ווינקל):
זעמס אַלץ אַ וואונדערלעכע זאַך —
לייבעלע זיצט אַזוי פון פריער,
און גיט זיך גאָרנישט קיין ריער.
ער גיט זיך נישט קיין קער,
נישט אַהין און נישט אַהער.
און ווייסט נישט, אַז ס'איז געווען דאָ אַ מענטש מיט געווער!
גיכס נאָר אַ קוק,
ער גיט דאָך נישט קיין פינטל מיט זיין בליק.

דער אָפּגעריסענער

(טשעפּעט מיט אַ פינגער פאַר לייבלס נאָז): משוגענער יאָט! משוגענער יאָט!

לייבעלע

(ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געוויין): גיי אין דער ערד אַריין! גיי אין דער ערד אַריין!

לאהלע:

וואָס איז דיר, לייבעלע?

לייבעלע:

פּערעלע איז דאָ געשטאַנען. איצט איז זי שוין נישטאָ. איצט איז זי שוין נישטאָ.

לאהלע:

אַ משוגענעם קאָן זיך דאכטן.

דוד:

און אפשר איז זי טאַקע דאָ געווען, איר גייסט?

בעריש:

אַ חיה זעט, ווייל ס'האָט נישט קיין פאַרשטאַנד מורא צו האָבן. אַ משוגענער זעט אויך דערפאַר.

פייוועלע

(צו לייבעלען):
זיי אַ כוואַט
און דערציייל אַקוראַט,
וואָס דו האָסט געזען,
און צי ס'איז טאַקע דאָ עמיץ געווען?

דער אָפּגעריסענער:

משוגענער יאַט,
זיי אַ נאַש בראַט!

לייבעלע

(מיט אַ געוויין): גיי אין דער ערד אַריין! גיי אין דער ערד אַריין!

פעריש:

זאָג נאָר, דו, אַ גאַנצן טאָג אַרבעטסטו בּאַ די גבירים, און בּאַנאַכט קומסטו אין קעלער אַריין וויינען?!

פייוועלע

(ברענגט דעם בּרייטן שטרויענעם הוט, גיט לייבעלען): טו אָן און טאַנץ!

לייבעלע:

כ'וויל נישט! כ'וויל נישט!

דער אָפּגעריסענער:

אַ רוח אין זיין, כ'גיי צונעמען פּערעלען!

לייבעלע:

שוין! שוין! (ער טוט אָן דעם קאַפּעליוש)

פייוועלע:

קאַפּעלע! (אַלע זינגען, פּאַטשן אין די הענט. לייבעלע, אָנגעטאָן אין בּרייטן שטרויענעם הוט, טראָגט זיך איבּערן קעלער, ווי אַ רוח)

דער אָפּגעריסענער

(שרייט צו אים): קער־אום, צעבּרעך, אַ רוח אין דער וועלט אַריין!

מענדל

(כאפט זיך אויף): וואָס איז דאָס ?!

בעריש:

משיח גייט!

דער אָפּגעריסענער:

די וועלט האָט זיך איבערגעקערט! ס׳ברענט!

(פאָרהאַנג פאַלט גיך)

ישראל שטערן/פרילינג אין שפּיטאָל

## I

איז אַ וואונדער אַז די קראַנקע זענען לויטערע און צאַרטע
און פּאַרקוקטע ערגעץ ווייט און זען דאָס וואָס קיינער זעט נישט,
ליגן עפּעס באַנאַכט און שמייכלען אין דער פינצטערניש אַריין,
און די בעטן גלעטן זיי פאַר פרייד ווייל ס'ווערט זיי קלאָר אַ רעטעניש?

איז אַ וואונדער אַז די קראַנקע קומען-אויף פון זייער דרימל
רייך און דופּטיק (ווי אין פרילינג כאַפּט זיך אויף פון שלאָף אַ זאָמען),
ליגן פריש אין שטילע זאַלן און האָרכן ווי באַ זיי צוקאָפּנס
האָט אַ קלאַפּ געטאָן אַ פליג און עמעץ רופט זיי אָן באַם נאָמען?

איז אַ וואונדער אַז די קראַנקע זענען גרייט צו ווערן הייליק
און וואַרטן-אָפּ די מעת-לעתן מיט שמחה ווי מען שיידט אָפּ מעשר... —
איז אַ וואונדער — ווען כביכול שפּאַצירט אין רוים פון די שפּיטעלער
ווי ס'האָט זיין גייסט אַמאָל געשוועבט אויפן פלאַך פון ערשטן וואַסער?

## II

און פון וואַן איז די ליבשאַפט וואָס גייט ווי אַ דאָקטאָר
פון בעטל צו בעטל און לייגט צו דאָס אויער,
און דער זאַל וועקט זיך אויף ווי אַ דערשראָקענע שטאָט
ווען עס גייען געשרייען פון יעטוועדן טויער?

און פון וואַן איז די ליבשאַפט וואָס הענגט ווי אַ בליצלאָמפּ
און רייסט-אויף פון שלאָף דעם וואָס חלומט אַליין
ביז אַלע זעצן זיך אויף — ווייסע אין שטילקייט,
קוקן — טראַכטן — און פלוצלינג — נעמט אָן אַ געוויין?

און וואָס אַלע חולאים זענען זיך אַזוי נאָנט
ווי באַזונדערע שטראַלן פון איין גרויסער גענאָד, —
איז עס נישט ווייל זיי זענען אין דער גראָבער פאַרגרעבטער
וועלט די בעל-בתים פון דער איידלסטער שטאָט?! — :

י. שטערן

# III

וואָרן אויסגעפּיינערט ווערט אַ שטאָט בײַ די לעצטע שטיקער בלוט
פון טאָג. געוועלבער־טירן לייגן זיך צענויף ווי שטילע הענט.
ווייך און טונקל מאַכט דער מאַרק זיך אויף, קוקט צום ערשטן מאָל אַרויף:
עמיץ איז אין הימל שוואַך, ליגט אין ווייסן בעט און ברענט.

טראָטוואַרן פאַרשטעלן זיך דאָס פּנים און ציִען זיך אַזוי – געהיימע וועגן.
ווער ס׳שפּאַצירט דערשפּירט אין האַרצן שווער און שאַרט זיך בײַ די
שטומע ווענט,
ווייבער קריגן דערשראָקענע פינגער, טאַפּן צי האָבן נישט קינדער קיין היץ.
מויערן לאָזן אַראָפּ די קעפּ. שטאָט בענקט, זי איז אין דער פּר[illegible]ד

און זוכט איר היים, קוקט אַהין אַהין וואו בערג וואַקסן אַריין אין בלוט
און טראַכט: דעם טאָג איז גוט ער איז שוין אויבן און איך בין נאָך אין טאָל.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָר וואָס ווייסט איר ווען מעת־לעתן גאַנצע גייען ווי וואַסערן פאַרנאַכט — —
וואָס ווייסט איר אַלע אויף די גאַסן וואָס אַ טאָג איז אין שפּיטאָל!

# IV

וואָס ווייסט איר דען ווי די פרימאָרגנס שפּראָצן, גייען אויף און בליִען
זיך פאַנאַנד און שײַנען רויט און טרויעריק ווי אַן אויסשיט־רויז?
צי זעט איר: אין געזונטן פּנים פון די בערג קלעפּט זיך אָן
דער תּחילת נאַכט און ווערט דאָרט גרויס ווי עס וואַקסט אין באַק אַ מויז?

וואָס ווייסט איר אַלע אויף די גאַסן וואָסער טעם עס האָט די זון
און די גרויסקייט פון אַ פרילינג ווי זעט אויס ווען ס׳גייט שפּאַצירן
צו מעסער אינם טיף פון מענטשן, (ווי מ׳גייט דורך אַ געדיכטן סאָד,
פולע גאָרשטשעס רויטע קאַרשן) רײַסט מיט אַפּעטיט געשווירן?

וואָס ווייסט איר אַלע אויף די גאַסן וואָס אַ נאַכט איז ווען דאָס בלוט
גייט פראַנק און פרײַ ווי אַ מלך דורך אַלע טויערן פון הויט,
און אין פענסטער ליגט דער הימל בלוי ווי מילך, שוין אויסגאַנגען.
און די לבֿנה שטעקט פאַרגליווערט — אַ ווײַסע מאַסקע פון גרויסן טויט?

# V

וואָס ווייסט איר אַלע אויף די גאַסן וואָס אַ טאָג איז אין שפּיטאָל.
שלאָף, מע טאָר קיין סך נישט גיין, שפּאַצירט מען נאָנט:—אין זיך אַליין
ווי אין אַ גאָרטן. אויסגעטאָרעט ווי אַ בייט. אַלע ביימער
דורכגעשטורמט, אומגעזאַרקעט און אויף יעדן טראָט אַ שטיין.

מע האָט צעשאָטן די מעת-לעתן פולע פויסטן ווי אַ פויער,
און דער זייער האָט געזונגען: „ערד איז אונדזער. פריי ווי צמחים
וועלן מיר שטייגן”! אין לייב אין זעל האָט טיף צעאַקערט — היינט
פאַרוואָס-זשע האָבן היינט
אַרויסגעשלעפּט די מעת-לעתן און אויף די פעלדער וואַקסן קנאָכן?

מען זעצט זיך אויף דעם רעשט פון טאָג ווי אויף אַ פּיען וואָס בלייבט
פון בוים
אינם טונקל קוקט מען: ווּעמעס שולד? מבאַגרייפט: — דער שומר איז
אַוועק פון דאָרטן . . .
פאַלט מען מיד אין קראַנקן בעט. און אַז דער וועכטער וועקט צום טיי:
בעפער, היי, וואו ביסטו דאָרט? ענטפערט מען: באַ זיך אין גאָרטן.

# VI

דאָ איז ריח פון איינזאַמקייטן ווי היי ווי גראָז אינם שאָטן פון אָוונט.
דאָ ליגן מענטשן און וואַקסן בלאָע ווי ביימער בעת די זון גייט שטאַרבן.
צהערצו קומען פרעמדע מידע ווי ווינטן אויף אַ פעלד פאַרנאַכט
און גייען פון דאַן ווי פויערשע לידער אַז מ'בינדט שוין איין די לעצ-
טע גאַרבן. . .

דאָ זענען הערצער איינגעבויגן, פאַלן ווי טעג באַם אונטערגיין.
נאָר שיין איז דאָ דער אונטערגאַנג: מ'פאַלט אין זיידענער טונקלקייט.
יעדער איינער ווערט ווי ווייטקייט, אַלע מענטשן זענען שטילקייט,
און אין דער שטיל טוט אַזוי וויי: דאָ איז שטענדיק מנחה-צייט. —

תמיד בעטן די וואָס מוזן זיך פאַרלעשן. פון דאַנען גיסט זיך
ווייסער טרויער אין דער וועלט פונקט ווי פון די ערשטע שטערן.
און אַזוי קאַלט, נישט זיכער ווערט: וואו? ווער? ביז עמיץ שרייבט
מיט גאָלדן כתב אויף גרויסן וואָלקן: קומט, צו מיר וועט איר געהערן!– —

## VII

און בעת דעם טאָגס רויטע יוגנט גיסט זיך אויס און באַפאַרבט
די גרענעצן פון מערב-לאַנד, זיין ראָזער גוף גוססט שווער,
די ווייטקייט האַלט דעם אָטעם איין און הערט זיין ברענענדע צואה,—
געמען ציטערן די בעטלעך: „עמיץ רופט אונדז דאָרטן, — ווער?"

בעת אין האָריזאָנטן-פוסטקייט סמאַליעט אויס די לעצטע שעה,
די לאַנגע הענט פון טייך און בערג קריגן בלויע אָדערן:
אַלע נעמען זיך צום האַרצן ווייל נאָך ירושה גייט די נאַכט, —
פלאָנטערן פאַרדרימלט קראַנקע: „מ'קומט... ווער קומט אונדז פאָדערן?"

און בעת נאַכט-יורשטע פאַרבענקט זיך, פאַרזיצט זיך אין אַ בוים-אַלעע,
אָדער לויפט דול פויקן אין די שויבן, אַלע שטובן-ווענט פאַרקלעמען,
דער דרויסן טוט זיך אָן אַ זאַק, קיינער האַלט נישט אויס אָן טאָג, —
פאַרגייען די ווייסלען ביי חולאים: „זיך ריכטן אין וועג אַריין... צו
וועמען?"

## VIII

ווען אויף ברייטע הימל-טראַקטן לויפן — וואו זשע לויפן שטערן? —
אַ בשורה טראָגן די וואָס קלאָגן: — „איר, איר צאַרטע מסובבים
קענט מיך לאַנג שוין, אין אייער לעצטן ברעג האָט איר מיך טיף
געדמיונט.
איר זענט אַלע מיינע שפּיגלען, און נאָר איך אַליין בין פנים.

איר האָט געקוקט אויף שטיין און שטויב, ט'אָפּגעשפּיגלט לויף און קויף,
די גלאַטע פלאַך האָט מיטגעלאַכט מיטן אימפעט פון די רוימען;

נאָר אַז די האַסט האָט זיך פֿאַרבלאַסט, פֿלעגט אַן אומעט אייער שטילע
גלאָז פֿאַרציען און אירט פֿאַררוקט זיך אין די געשליפֿענע תּהומען.

איר זענט געשטאַנען באַ די ווענט, פֿאַרקוקט צוריק, — אין זיך, — אין
אייגענער
שפּיגלדיקער טיפֿעניש, פֿון אייער שוויַיגן האָט געשטראַלט
פֿאַראומערטקייט אויף אַלץ אַרומעט, — דאָס האָט איר צו מיר געוויַיטיקט,
איר זענט אַלע מיַינע שפּיגלען, איך בין אייער לעצט געשטאַלט."

## IX

ליגט מען האָרכט מען עמיץ וואַנדלט צווישן טרערן און שפּיטאָל-דאַך.
פּרוואווט מען מיטגיין אַזוי פֿינצטער אַזוי ליכטיק ווי ס'גייט אַ שטייגער
אַ שטערן פֿון צייַט אַרויסגעגנבעט, און צייַט בליַיבט הינטערשטעליק
וויַיט:
(דאָ וואַשט מען לייַבער מיט בענזין ווי קאַליע-זשאַווערדיקע זייגער...)

צייַט בייגט זיך איין און האָרכט: עס שוועבט איבער איר אין לאַנגן זאַל,
איז מבֿקר חולה די וואָס הוסטן, די וואָס וויינען, די וואָס שפּייען,
און העכער וואַקסט דער הויכער זאַל, ווענט וואַרטן וויַיס: עס וועט געשען,
די טירן צוגעמאַכט ווי אויגן בשעת מע טראַכט אַ גרויסן רעיון,

אין איר פֿאַרטיַיעטקייט זיצט נאַכט און וויַיסט: זי איז די לעצטע נאַכט,
נאָר אַמאָל פֿון טונקל הייבט אַרויס אַ שווערער קאָפּ זיך, קוקט צום טיר:
נאָך נישט מיַין וויַיב, — נאָך נישט מיַין קינד, — וואו זענען זיי, — ווי
שפּעט איז איצט, —
רופֿט דער וואָס וואַנדלט אין דער שטילקייט: שוין די העכסטע צייַט
— צו מיר.

## X

אייער אָרימען וועג האָב איך געזען, מיַינע אָרימע ברידער,
איר זענט געגאַנגען ווי דער ווינטער דורך די פֿעלדער גייט,

7

## י. שטערן

די אָרעמס שווער אראָפּגעהאנגען ווי צווייגן אָנגעטאָן אין אייז;
און איך בין נאָכגעגאַנגען אייך ווי דער ווינטער דורך די פעלדער גייט.

דער טאָג האָט ווייס און ווייט געוויטיקט–: איר זענט געווען פאַר־
שנייטע דערפער,
די נאַכט האָט טיף אין זיך געוואָיעט–: אַ הונט וואָס האָט נישט קיין
בעל־בית.
און איך דער פרעמדער פעלדער־גייער האָב זיך צעבליט ווי אייער פעלד
אויף מיר זענען געוואַקסן שטיינער, איך האָב געפרירט ווי אייער גראָז.

און אַז די ערשטע מילדע שעה איז ווי די ערשטע שוואַלב געקומען,
די צווייטע בלאַנקט אין ווייסן בעטל, די דריטע – האָט שוין אויפן קול
געשטראַלט: כ'בין רייך, – בין איך נישט אָרים לעבן אייך:
איצט בין איך גלאַנץ, איצט בין איך טרויער, איך בין דער פרילינג
אין שפּיטאָל.

# הערשעלע / אדם וחוה

לעגענדע

# I

## פראָלאָג

זומער־לעבן, בין־השמשות,
אין די טונקעלע פאַרנאַכטן. —
אויסן נעבל־גרויען הימל
פלאַמט דער לעצטער שטראַל, געררייטלט,
פון דער פורפור־זון פונאַנדער,
גריסט דעם שטילן וואַלד אין שאָטן,
קושט די שפיצן ביימער צערטלעך,
גילדט די וואָלקן אָפּ אין בראָנזן;
שיידט זיך ליבלעך פון די שחקים,
נידערט פריינטלעך צו דעם מערב.
אין די טונקעלע פאַרנאַכטן,
זומער־לעבן, בין־השמשות — — —
באַ די שטומע אַלטע מילן —
די צעשפילטע ווילדע טענצער,
וואָס צעפּאָכען מיט די פליגל,
דרייען, ווימלען מיט די אָרעמס
נאָך די שוואונקען פון די ווינטן,
שדים כאַפּן פאַר די העלדזוער,
לצים פּאַקן פאַר די אַרבל,
הוליען, שפּרינגען גיך און קרייזן,
איילן, יאָגן איינס דעם צווייטן,
נישט צו פילן נישט צו מערקן...
די צעשפילטע ווילדע טענצער
באַ די שטומע אַלטע מילן...
נעבן קליינעם רונדן טייכל,
נעבן אייביק־שוויגנד וואַסער,
וואו די בלייכע שלאַנגען־ווערלן
קומען זיך צונויף פאַרוואָגלט,

## הערשעלע

קייקלען זיך צונויף דערשראָקן;
שמועסן, סודן זיך פאַמעלעך,
מורמלען, שעפּטשען און דערציילן
מיט די זילבער־ווייסע בּרעמען,
מיט די טיפע אויגן־ווינקלען,
ימים־מעשות אָן אַן אָפּהאַלט...
נעבּן אייבּיק־שווייגנד וואַסער,
נעבּן קליינעם רונדן טייכל — — —
דורכן בּרייטן שליאַך צעשלענגלט,
דורך די וועגן ווייט צעוואָרפן,
וואו עס קרייצן זיך און קרומען,
בּייגן, פלעכטן זיך און פּינטלען
די מרחקים אין דער פינצטער...
גיין פאַרלוירן פאַר די בּליקן,
בּלייבּן זעלטן־וועגן געזעען;
נישט דערטרעטן, נישט דערגאַנגען,
נישט דערוואונטשן, נישט פאַרשאָלטן
אין געהיימנישן פאַרוויקלט...
דורך די וועגן ווייט צעוואָרפן,
דורכן בּרייטן שליאַך צעשלענגלט — — —
ערגעץ קעגן הילצן בּריקל,
אין די סטעזשקעס קרום פאַרבאָרגן,
אָפּגעזונדערט און פאַררייניקט —
מויד פאַר מיידל, יונג פאַר יינגל
טרעפט דאָס יונגוואַרג זיך אינאיינעם.
ליפּן הנדלען זיס און שמייכלען,
ווינקען פרואוון זיך און צינדן,
רוקנס צאַפּלען, הערצער קלאַפּן,
בּאַקן רייטלען, קין — געקווייטלט.
טריט פאַרקלינגען אין איין ניגון — — —
אין די סטעזשקעס קרום פאַרבאָרגן,
ערגעץ קעגן הילצן בּריקל.

## 4

### הערשעלע

אויף דער גרינער סאַמעט-לאָנקע
שטיפן בחורים—יונגע חברה,
איילן באָדן, אונטערטוקן,
גייען שווימען — ווייזן קונצן,
זיך זאָפּקילן און באַלעבן. . .
פריי פון חדר אויף אַ ווײַלע,
פון דער תורה אָפּגעלאָזן –
טראָגט מען זיך פון פרייד פאַרשיכורט,
שפּאַרט מען זיך פון לוסט באַטרונקען
צו דערפרישן די נשמות. . .
שטיפן בחורים, יונגע חברה
אויף דער גרינער סאַמעט-לאָנקע — — —
צווישן געל-געוואַקסענע קשאַקעס
ליאַרמען מיידלעך – שיינע טעכטער,
פריש און פריילעך זיך צו צוואָגן,
לייכט און מונטער זיך צו וואַשן,
זיך צו טובלען ווי די כּלות. . . .
ווי זיי קעמען גלאַט די לאָקן!
ווי זיי טוליען זאַנפט די לייבער!
ווי זיי שפּיגלען די געזיכטער!
ווי זיי קוועלן פון גדולה
אין אַ וועלט פון טויזנט סודות!. . .
ליאַרמען מיידלעך – שיינע טעכטער,
צווישן געל-געוואַקסענע קשאַקעס – — —
פאַר די זאַמדיק-פלאַכע ברעגעס,
נאָנט פון זאַמטיק-לינדן וועלדל.
נישט דערנענטערט, נישט דערווייטערט,
נישט צעאיינצלט, נישט באַזאַמען,
קליגט זיך יעדער צו פאַרשטעקן...
אָפּגעווענדט אין זיך דאָס פּנים,
אָנגעשטרענגט אין לופט די אויערן–
אפשר מאַכט זיך וועם אַן אומגליק,

טאָמער קלייבט מען זיך אַהיימגיין —
וואָגט מען נישט אַליין פאַרבלייבן
נאָנט פון זאַפטיק־לינדן וועלדל,
פאַר די זאַמדיק פלאַכע ברעגעס — — — —
טוי־בריליאַנטן פון די ספערן,
זילבער־טראָפּן פערלען, פאַלן...
צירן ביימער, גראָז און בלומען,
פוצן לאָקן, האַלדז און שולטער,
גלאַנצן, קריינען ערד און ברואים...
בליטן שמעקן, קנאָספּן דופטן,
ברוסטן צוקן, גלידער רירן,
פרילינג־קרעפטן, זומער־בליעכץ,
יוגנט־כוחות, האַרצנס־ליבע,
וואַכן, שפּיגלען זיך און קוויקן...
זילבער־טראָפּן פערלען, פאַלן,
טוי־בריליאַנטן פון די ספערן...
ווייעט אָוונטס לינד א ווינטל,
ציט זיך דורכן ריזן־שטח,
גלעט די ביימער און די פלאַנצן,
צערטלט קערפּער: לייב און רוקן,
איז פאַרנומען מיט שדוכים...
פירט די וואונטשן איבער גראָזן,
ברענגט תחנונים איבער גרינסן,
ברומט אין ריזלט אין אַ תּפילה,
רוימט און שושקעט זיך געהיימלעך,
איז מחיה אַלץ און אַלעם — — —
ציט זיך דורכן ריזן־שטח,
ווייעט אָוונטס לינד אַ ווינטל...
נידערט שטום די נאַכט אַרונטער,
שפּרייט זיך אויס אַרום דער חושך —
אויף די פוסטע לאַנגע בייטן,
אויף די גאָט־פאַרוויגטע שטרעקעס, —

רוקט זיך נענטער אַלץ צום שטעטל...
אין די שטובן, אויף די בעטלעך,
אונטער שוץ פון טאַטע־מאַמע,
שלאָפט זיך זיכער און צופרידן,
טרוימט זיך האַרציק און הנעימות
פונם יוגנט־גליק פאַרשעמטע...
שפרייט זיך אויס אַרום דער חושך,
נידערט שטום די נאַכט אַרונטער———
זומער־לעבן, בין־השמשות,
אין די טונקעלע פאַרנאַכטן,
האָט מען זיך מיט זיי באַגעגנט,
האָט מען זיך פון זיי געסודלט,
זיי געמיטן מיט אַ שמייכל...
ביידע האָבן זיך געטראָפן,
אין איין עלנד זיך געפונען,
שטום באַקענט זיך, שטום פאַרשטאַנען,
זיך פאַרליבט און זיך פאַרבונדן,
גאָט באַשיצט און גאָט פאַרשדכנט...
אין די טונקעלע פאַרנאַכטן,
זומער־לעבן, בין־השמשות — — —

## II

### ער

1

אָדם האָט מען אים גערופן,
אָדם האָט ער אויך געהייסן;
פון זיין יוגנט אָן געגאַנגען
אָנגעקליידט אין ווייסן:
ווייסע קליידער איז אַ סגולה,
ווען עס האַלטן גישט קיין קינדער,

## 7

## ה ע ר ש ע ל ע

גיט מען טאָקע דעריבער אַכטונג,
קוקט מען דרויף מיט וואונדער.
קיינער קען זיין טאַטע־מאַמע,
קיינער ווייסט נישט זיין געבוירן;
ווי עס וואָלטן אים ציגיינער
אויפן מאַרק פאַרלוירן...
איינציק נאָר זיין לייוונט־מלבוש
האָט פון עולות אים פאַרמיטן;
אים געצערטלט, אים פאַראיידלט,
אים פון קלעפ געהיט...
זעלטן אים אַמאָל געשמייכלט,
זעלטן אים דערציילט פון גליקן;
האָט דער עולם אים באַגעגנט,
פרום געקנייטשט די בליקן...
בלאַס דאָס פנים, הויט ווי פּאַרמעט,
קלאָטשע־האָר און וואַסער־אויגן;
אַזוי וואַקסט זיך אויף דער בחור —
אָן אַ היים דערצויגן...
עלנד אָן אַן אַפּוטרפּוס,
עלנד, איינזאַם, אָן השגחה;
בלאָנקעט ער זיך אין די גאַסן —
ווייסט נישט פון משפּחה...
גיט אים עמעץ וואָס צו עסן —
איז ער קיינמאָל נישט דערגעגן:
אַבי מ׳זאָל אים לאָזן לויפן,
אים נישט איבערפרעגן...
עפּעס איז ער גאָר אַ נפלא!
עפּעס שיינט ער גאָר אַ חידוש!
פול מיט נסים איז זיין לעבן,
זעט נישט אויס גאָר יידיש..
ווער עס זעט אים — מוז פּ רצאַפּלען,
צי׳ן צוזאַמען פּייכט די ברעמען:

זאָל אים גאָט דערפאַר נישט שטראָפן,
ס׳שטעטל נישט פאַרשעמען!...

2

אָדם האָט מען אים גערופן,
אָדם האָט ער אויך געהייסן;
מיט זיין נאָמען, זיין הלבשה,
פלעגט ער זיך נישט גרייסן — — —
ווען ער איז פון תּלמוד־תּורה
צו אַ שוסטער גלייך אַריבער,
האָט אים קיינער נישט געמוסרט,
קרום געקוקט דעריבער...
האָט ער זיך אין מאַרק פאַרקליבן,
וועם געבעטן וואָס פאַרדינען —
העלפט אים יעדער מיט הבטחות,
האָט אים גוט אין זינען...
שליסט ער שלום מיטן שומר,
ווערט משולח בײַ די בוידן —
האָט מען מעשות צו דערציילן,
שטענדיק זיך צו סודען...
נישט פאַרשטענדלעך איז זיין פירונג,
פרעמד אויך זענען זיינע דרכים;
ווערט ער אָווענטס וואו פאַרפאַלן,
יאָגט מען זיך נישט נאָך אים...
קומט ער מאָרגנס נאָך די קאַנטן,
ברענגט ער וואַסער אין ישיבה,
זאָגט מען מיט אים נישט קיין טענה:
אפשר טוט ער תשובה...
גייט ער ווען פאַרביי די הייזער,
שלייכט ער דורך זיך ווי אַ שאָטן;
ווייל מען האָבן אים פאַר אורח —
מוז דאָס מזל גראָטן...

אזוי לעבט ער מיט דער סביבה,
ווערט אַ בחור, קומט צו יאָרן;
טראָגט די קליידער פאַר אַ סגולה—
מ׳האָט זיי אין זכרון...

3

אָדם האָט מען אים גערופן,
אָדם האָט ער אויך געהייסן;
זיך צו דבקהן, זיך באַשירמען
דאַרף ער זיך נישט פלייסן.
אַלע שרעקן פאַר זיין אויסזען,
טאַמלען נעבעך, ווי באַנומען:
נישט צו קרענקען אים חלילה,
אים מיט וואָס צו קרומען...
קיכן-מיידן, בעלי-עגלות,
מיטן שבת-גוי אַפילו —
טרויען נישט פון אים צו לאַכן,
טרייבן חוכא וטלולא...
ווייסע חברה בלייבט מבולבל,
הערן אויף די שטיינער וואַרפן:
זאָל ער נאָר קיין לייד נישט פילן,
קרעכצן נישט באַדאַרפן...
אויף די שקצים קומט אַ פחד,
אויף די הינט באַפאַלט אַ שרעקן;
פירט מיט זיי נישט קיין חברותא,
דאַרף פאַר זיי קיין שטעקן...
אויך דער שטאָט-באָק, דער מחבל,
לאָזט אַדורך אים אָן אַ שאָדן —
וויל מיט אים קיין וועט נישט שפּילן,
זיך מיט אים נישט לאָדן...
קיינער האָט נישט אַזאַ כבוד!
קיינער וואַרפט נישט אַזאַ מורא!

וועי דער צאַרטער, פֿלייכער בחור —
נסים פֿונס בוראַ!..
אָדם האָט מען אים גערופֿן,
אָדם האָט ער אויך געהייסן;
נישט געקלאָגט זיך אויף זיין מזל
זיך געקליידט אין ווייסן...

## III

### זי

1

חוה האָט מען זי גערופֿן —
אַפּט-מאָל מיט באַדויערן;
נאָר זי האָט עס נישט פֿאַרשטאַנען —
טויב און שטום געבוירן...
פֿון איר יוגנט אָן געזעסן
אויפֿן שוועל באַם שטיבל;
מיט תּרעומות אין די אויגן,
שטענדיק אין פֿאַריבל...
אירע געלע האָר, צעשויבערט,
וואָכן נישט געצוואָגן;
אינם שירץ פֿאַרגראָבן ס'פּנים —
קיינעם צו פֿאַרטראָגן...
אירע הענט פֿאַרשטעקט אין אַרבל,
שטייף געקרייצט די פּיסלעך;
האַלט זי בייז דעם קאָפּ געבויגן,
מרוקעט שטיל פֿאַרדריסלעך...
רייצן איר די ווייסע חברה,
קרומען איר די ליפּן —
ציט זי ווילד צונויף דעם שטערן,
שטיקט זיך — נישט צו כליפּען...

גלעט אַ שכנה איר באָם אַקסל,
בעט איר: ס׳קינד פאַרוויגן —
דרייט זי זיך אַוועק דערצונדן,
שלוכצט נאָר אָפּ פאַרשוויגן...
ווייל איר עמיץ וואָס באַפרעגן —
ווענדט זי אים דעם רוקן;
בייסט דערצאָרנט זיך די נעגל,
אים נישט אָנצוקוקן...
ווי עס קרענקען איר די תנועות,
ס׳זשומט איר אין די אויערן;
עפּעס בלייבט איר נישט פאַרשטענדלעך —
טויב און שטום געבוירן...

2

חוה איז אין שטוב די יינגסטע,
פון דריי טעכטער — איינע;
באַ איר מאַמע, די אַלמנה,
ליידט זי ווי גאָר קיינע!...
אירע שוועסטער —ביידע בוגרות —
זוכן שוין חתנים;
שפּאָרן וואַרעמס, זאַמלען קניפּלעך,
קלייבן זיך נדנים.
איינע קליגט זיך פאַר דער צווייטער,
יצגט איר נאָך מיט קנאה;
און מען קריגט זיך, און מען שעלט זיך,
גאַנצע טעג אין שנאה...
די פּרנסה איז געפאַלן,
ס׳זענען שלעכט די צייטן,
און מען רייסט זיך פאַרן גראָשן —
ס׳איז אַ שאַנד פאַר לייטן...
אַרבעט איז נישטאָ כסדר,
פרעמדע — די מאַשינען;

ווײל איר יעדער פריער פארכאפן,
מערער וואס פארדינען. . .
קומט די מאמע מיטן קויבער
פונם מארק געגאנגען,
שטופט מען זיך צום טיש צו גרייטן,
ס׳מיטאג צו דערלאנגען. . .
פאקט די אויסן שאנק דאס מעסער,
די־דאס זאלץ, דאס ברייטל;
און מען צאפלט מיט א רוגזה,
מ׳דרייט זיך אפ דאס שייטל. . .
די געפינט אין זופ א מייערל,
די — א שטרוי, א פעלער;
און מען רייצט זיך, און מען קנייפט זיך,
מ׳רוקט זיך מיט די טעלער. . .
פונם לייזונג — נישט צופרידן,
גרימיק — פונם ליארעם;
שפארט מען חוהן גאר אין דרויסן,
מ׳גיט איר קאלט און וואַרעם. . .
אזוי זיצט זי גאנצע שעהן,
אויפן שוועל, א שטילע;
שלעפט די צרות, ווערט געפייניקט —
ווייסט נישט וואס אפילו. . .

3

חוהן קען מען פאר א געלע,
נעבעך פאר א שטומע;
קוקט מען אויף איר מיט א פלא,
ס׳צוקט דאס הארץ — א פרומע. . .
שלייכט מען דורך איר גראד דערנעבן,
טרעפט מען איר פאראומערט —
פילט מען ערנסט מיט איר לעבן,
מ׳ציטערט אויף פארקומערט. . .

אַלע ווייסן: איר באַנעמען,
קענען: אירע ניקן;
און מען זעט איר נישט צו קלעמען,
מ׳שרעקט זיך פאַר די בליקן...
פּרוּווט מען איר אַ הילף באַווייזן,
איר מיט וואָס באַשענקען —
מוז מען אַכטן נישט צו גרייזן,
ס׳זאָל איר נאָר נישט קרענקען...
לייגט מען איר אַוועק אַ בייגל —
דאַרף זי דאָס נישט ווייסן;
באַלד פאַרקוועטשט זי מיט אַן אייגל,
ווערגט זיך מיטן ביסן...
שטרעקט איר פרייטיק ווער אַן עפּל —
נעמט עס איר אַזש איבער;
שטויסט פאַרשעמט אים פונם טרעפּל,
שפרינגט אין הויף אַריבער...
מערקט די מאַמע איר סבלנות —
הארצט עס איר אין שטילן;
פילט איר חוצפה, איר עקשנות,
שטערט איר נישט — איר ווילן...
אַזוי לעבט זי, האַלט זיך אייגן,
מיידט די פרעמדע גאָבן;
איז אַ שטאָלצע — נישט צו בייגן —
קיינעמס נישט צו האָבן...

4

חוה וואַקסט טאָג־טעגלעך אונטער,
ווערט באַלייבטער און געזונטער;
קומט צו יאָרן, קומט צו שכל,
נאָר איר פּנים ווייסט קיין שמייכל...
אירע געלע האָר אין קנוילן,
טיף די אויגן, שוואַרץ ווי קוילן;

## 14

## הערשעלע

פול די באַן – בלוט און מילך,
נאָר די אויערן טויב: כאָטש הלך...
מעג די שטוב זיך איבערדרייען,
פון די קולות און געשרייען;
מעג ווי רויק זיין באַם עסן –
בלייבט זי שטענדיק אַלץ פאַרגעסן...
מעג דער עולם אויס איר שפעטן,
איר ווי חנפהן, איר ווי גלעטן;
איר באַזיפצן אַלע שכנים –
זיצט זי טרויעריק אַלץ אינאיינעם...
לאָזט זי אָוונטס זיך מאַרשירן,
אויסן שטעטל, צו שפּאַצירן;
וואַלגערט דאָרט זיך אום אין פינצטער–
פאַלט אויף איר קיין חשד, קיין מינדסטער...
איילט זי שפעט פאַרביי די הייזער –
בילט אויף איר קיין הונט, קיין בייזער;
קומט זי נישט אַהיים ווען שלאָפן –
וואַגט איר קיינער נישט באַשט־אָפן...
טרעפט דער וועכטער איר צעשראָקן,
נאַס די קליידער, פייכט די לאָקן –––
טראַכט ער זיך דערביי: אַ פּנים
ז׳מוז זיך שפילן מיט טייוולאָנים...
אַזוי ליידט זי אָן דיבורים,
טראָגט אָן תּביעות די יסורים –
מיידט די מאַמען, ביידע שוועסטער–
קריצט די ציין נאָר פעסטער, פעסטער...

# IV

## דאָס אומגליק

*

פאַר קיינעם נישט געריכט,
פון קיינעם נישט דערוואַרט;
האָט פּלוצלינג אינם מאַרק,
אַ סוד זיך דורכגעשפּאַרט.
דער עולם האָט געגאַפט,
געשושקעט זיך, געהערט;
די מעשה — נישט געגלייבט,
צום קול זיך נישט געקערט...
גאָטס נסים זענען גרויס!
גאָטס חסדים זענען פיל!
דאָך פּשוט איז עס נישט —
ס'מוז זיין אַ שדים־שפּיל...
וואָלט גראָד אַ מגפה זיין —
וואָלט קהל זיך געמיט.
דאָס בייזע פאַר פאַרקנסט —
געניצולט זיך דערמיט...
דער גבאי קרומט די נאָז,
עס שווייגט דערפון דער רב;
און מאַמעס קרעכצן פרום —
מען האַלט עס פאַר אַ שטראָף...
אַזוי פאַרגייט די צייט,
אין היצן, ווינט און קעלט;
עס שווינדן יאָר נאָך יאָר
און ווערט — בלייבט איבער וועלט!...

*1*

די זון איז צעפלאַקערט, די זון איז צעברענט,
עס באַקן די שטראַלן און פלאַמען;

## הערשעלע

די דעכער צעבויגן, עס קרימען די ווענט,
עס שרימפּן די שינדל צוזאַמען. . .
עס גליען די שטיינער, די שוועלן אין גאַס,
עס גייערט דער אָטעם דערשטיקנד ;
עס רונצלט באַם ברונעם דאָס הילצערנע פאַס,
דער באָדעם צעלעכצט זיך צעטרוקנט. . .
די לעדן, די פענצטער צעדרייטע פון היץ,
צעשפּאָלטן דער קיט אין די שויבן ;
דער עולם צעפּרעגלט, געבראָטן אין שוויץ —
די ווייבער אַזש טרייסלען די הויבן. . .
אין מאַרק די חזירים, באַם קרעטשם די פערד,
צעפּרייכן פאַרמאַטערט און סאָפּען ;
די גוים, די גויעס צעלייגט אויף דער ערד,
באַשאָטנט פון וואָגן צוקאָפּן. . .
די קינדער אין חדר צערויטלט און הייס,
דער רבי — צעוואַרעמט דעם שטערן ;
די אָפּענע ספרים פאַרגעלטע פון שווייס —
קען בלעטל נישט איבערצוקערן. . .
די ליפעלעך ברוגז, די אייגעלעך מיד,
די הויזן צעשפּילעט — און קנעפּלעך ;
פאַרלאָקערט צום באָדן — ווי ס'שלעפּט זיי און ציט! —
געוועוענדט צו דעם דר יסן די קעפּלעך. . .

2

ביים טראַקט צעשטיפּט זיך זאַכט אַ ווינטל,
און שפּילט זיך מיטן זאַמד אין גלאַנץ ;
פאַרכאַפּט דעם שטויב, די דינע שטרויען,
און גייט מיט זיי אַ כישוף־טאַנץ. . .
פון נאָנטן וועלדל קומט אַ פייפן,
די קירכן־ביימער שאָקלען שטיל ,
און טויבן וואָרקען, פייגל פּיפּצן, —
עס הערט זיך זעלטן דאָס געטריל. . .

די שילדן רירן, בלאכן קלינגען,
אין ערגעץ פאלט א שויב אוועק;
און גוים איילן גיך צו שפאנען —
די פערד צעהירזשען זיך פון שרעק...
א נעפל וויקלט זיך פונאנדער,
פארהילט די זון, דעם העלן שיין;
און וואכן קלייבן זיך אין פחד,
פארטוליען אלץ אין מורא איין...
עס גיט א בליק, עס קלאפט א דונער,
עס כמארעט זיך מרחקים־ווייט;
און אלץ פארצאפלט, אלץ פארציטערט —
עס ווענדט זיך יעדער אן א זייט...
בהמות קערן אום פון פאשע,
דער הונט, פון הינטן, אטעמט שווער;
דער עולם יאגט זיך אין די שטובן,
די טירן קלאפן הין און הער...
א רעגן קאפעט פונם הימל,
די ערד צעלעכערט, ווי א זיפ;
און עמיץ ווישט זיך פארן פנים —
א טראפן קילט אים אויפן ליפ...
עס גיסט מיט עמער, שטראמט מיט קוואלן,
א מבול פלייצט דורך הויז און הויף;
דאס יונגוואַרג פלאטערט, גלאצט די אייגלעך:
ווי נעמט די פאליע שוין א סוף! — — —.

3

צעחנט זיך די זון אינם לויטערן הימל
און שפרייט אויס אויף אלעם איר שמייכל;
באגריסט מען איר פריילעך מיט ליכטיקן פנים,
מען איילט זיך אהין צו דעם טייכל...
צעוואַרעמט די לופט פון די פורפורנע שטראלן,
צעטריק׳נען פארגאלדיקט די וועגן;

פאַרכאַפּט מען די בולקע, די קליידער אין אָרעם,
מען לויפט צו דעם בריקל אַנטקעגן. . .
צעווייעט אַ ווינטל אין דופּטיקן ריח,
צעזינגען די פייגל זיך ווידער;
פאַרקלייבט זיך די חברה, האַלב נאַקעט און באָרוועס,
אויפסניי צו דערפרישן די גלידער. . .

4

דאָס וואַסער צעוויגט זיך וואָס ווילדער,
מיט טומל, מיט געפּילדער;
די שטראָמען צעגיסן זיך ברייטער
און רוישן דורך וואָס ווייטער — — —
די וועלן צעשלענגלען און קרייצן —
די בערגעס צו פאַרפלייצן. . .
די מיל־רעדער קרעכצן און רירן,
צעשפּאַלטן זיך און קנירן;
די דעמבעס צעוואַקלען און זינקען
אין שטורעם צו דערטרינקען — — —
דאָס בריקל צעהוידעט, געצוואָגן,
אין קראַמף זיך צו צעשלאָגן. . .
די מילן צעפּאָכען די פליגל —
עס ברעכן אַקס און ריגל;
דער מילנער, פון זאָרגן פאַרמאַטערט,
צעיאָכמערט זיך און פלאַטערט — — —
דער עולם, פאַרשוויצט און צעשראָקן,
געהאָרכן אים און שטאָקן. . .
די יונגען, באַפרייטע פון חדר,
פאַרוואַרפן שיך און קליידער;
די שקצים, באַלעבט פון גערודער,
פאַרכאַפּן שיפל און רודער. . .
דאָס קליינוואַרג, דערפרישטע פון ליאַרעם,
צעטאַנצט זיך ליב און וואַרעם — — —

5

דאָס וואַסער דאַרף אַ נפש — עס מורמלט בייז און שווער,
מען קען נישט זיין דערגעגן — מען טאָר נישט זיין דערפאַר.
עס פאָדערט הייס זיין קרבן, עס שלעפּט צו זיך אַהער —
עס שרעקט נישט אָפּ קיין סכּנה, עס מוסרט קיין געפאַר...
מען ברענגט אין זאַק געטראָגן אַ שוואַרצע קאַץ צום ברעג,
מען קריגט אויף איר רחמנות — מען הייליקט זי צום טויט.
עס פינקלען איר די אויגן — עס פאַלט אויף אַלץ אַ שרעק!
אַ גילגול האָט אַ תּיקון — עס רונצלט אַזש די הויט!...
די שקצים פאַר די רודער, די יונגען פאַר די שטריק —
עס לאָזט זיך נישט אויסשרייען! עס האַלט נישט אויס די רו!
מען עפנט אויף די שלוזן, מען שטופּט די בוילן צריק, —
מען אָטעמט פריי פונאַנדער — דאָס וואַסער יובלט צו...

6

די שטראַלן, די גאָלדענע שטראַלן,
אויף הייזער און פעלדער באַפאַלן, —
צעברענען, צעבראָטן,
פאַרבלייכן די שאָטן,
און גליען אין פורפּור די וואלן...
די שטרעקן, די בונטערליי שטרעקן,
אין בליעכץ, אין גרינסן — פאַרשמעקן;
פאַרדופטן, פאַרבלומען,
באַטויט פון פערפומען,
און רייצן מיט בשמים און נעקן...
אַ ווינטל, אַ זאַפטיקער ווינטל,
פאַרכישופט, פאַרצויבערט אין שווינדל;
דורך קוסטן און צווייגן,
צעמירמלט און שווייגן,
און צערטלט מיט פרייד דאָס געזינדל...
די אויגן, די האַרציקע אויגן,
פון צניעות און פרומקייט דערצויגן —

פאַרשעמען, פאַרשרימפּן,
געלאָקט פון די גימפּן —
צום טובלען מיט חשק באַוואויגן...

7

אין שטילן ווינט, דורך קלאָרן שטראָם,
פון זון און טוי געגלעט דעם שוים —
צעשר[illegible]גט דאָס יינגוואַרג פראַנק און פריי
און ג[illegible]לט זיך די גלידער ביי...
אין סאַמעט־גראָז, אויף ק[illegible]לן ברעג,
פון שטויב און זאַמד באַדעקט דעם וועג
צעשפּילט דער עולם גרויס און קליין
און פורפורט זיך דאָס פנים ריין...
אין טונקעלן טאָל, באַם גרויען וואַלד,
פון מאָך און גרינס געבעצט צום האַלט —
צעשטיפט די חברה גרויס און פלינק
און טרוקנט זיך די לאָקן גרינג...

8

דער מילנער האָט אַ שייגעץ,
דער שייגעץ ווייסט קיין שרעק;
ער רייסט זיך דורכן בריקל,
דורך דעמבעס און דורך שלוון,
אין אָפּ'נעם טייך אַוועק...
דער שייגעץ טוקט זיך אונטער,
און אונטערגיין איז לייכט;
ער טויכט זיך אויף און נידער,
אויף שולטער און אויף רוקן —
דעם קערפּער אויסגעגלייכט...
דער שייגעץ שווימט אַריבער —
אַריבער יענער זייט;
דער עולם בלענדט די אויגן —

דורך נעפּל, דורך מרחקים —
מען זעט אים קוים פון ווייט. . .
דער שייגעץ רופט דערשראָקן —
דערשראָקן הערט מען אים;
עס רייצן זיך די מעוון,
די שאָטן און די וועלן —
עס ציטערט ווילד זיין שטים. . .
דער שייגעץ רוקט אַלץ נענטער —
אַלץ נענטער הילכט זיין וואָרט;
עס עגבערט דורך די מוחות,
די שלעפן, די געהירן —
מען טרייסלט אויף פון אָרט. . .

— — — — — — — — —

— אָדם וחוה דערטרונקען ! —
— האָבן זיי שדים געפייניקט ? ! . . . —
קערפּער און הערצער געקלאַמערט,
ביידע פאַרשדכנט, פאַרייניקט. . .
ביידע איין זעל,
ביידע איין לייב.
אָדם — דער מאַן,
חוה — דאָס ווייב. . .

9

אַלע האָרכן שטום און הערן,
אַלע שטרענגען אָן די אויערן;
הערץ פאַר האַרץ פאַרבליפט, פאַרגליווערט,
בלייבט געפרוירן. . .
אַלע גאַפן אום און גלאָצן,
אַלע שטאַרן אויס די בליקן;
קאָפּ פאַר קאָפּ פאַרשעמט, גערויטלט,
גלידער צוקן. . .

אַלע איילן גיך און יאָגן,
אַלע וואַרפן זיך אַנטקעגן;
הענט און פיס געליימט, געשטרויכלט,
מיד פאַרלעגן...
אַלע שטוינען און פאַרטאַמלען,
אַלע זוכן צו אַנטקומען;
קליין און גרויס פאַרכאַפּט אַ שוידער,
ווערט באַנומען...
— — — — — — — —

ביידע איין זעל,
ביידע איין לייב.
אָדם — דער מאַן,
חוה — דאָס ווייב...

10

זייער לעבן, זייער ליבע
איז אַ רעטעניש פאַר יעדן;
נישט צו ברענגען׳ס פאַר די ליפּן,
זיך׳ס צו שעמען אויסצורעדן...
זייער עלנד, זייער ווייטיק,
איז אַ ביטערניש פאַרהוילן;
נישט צו וויסן׳ס און דערטראַכטן —
אין געהיימען דאָס צו פועלן...
זייער אומגליק, זייער צרה
איז אַ קרענקעניש, אַ קוועלן;
נישט צו קענען רויק שלאָפן,
אָפּצוהיטן זיך׳ס דערציילן...
זייער מיתה, זייער עונש
איז אַ פלאָגעניש פאַר אַלע,
נישט צו דענקען אָן פחדנות
פון די ביזע חתן־כלה...
— — — — — — — — —

אָדם — דער מאַן,
חוה — דאָס ווייב. . .

## V

### עפּילאָג

שטיל איז די מעשה אין שטעטל פאַרלאָפן,
זאַכט איז דאָס אומגליק פאַר אַלע אַריבער;
נאָר אין די האַרציקע, פרומע אַגדות,
צווישן די שטענדיקע, אַלטינקע מערכען
האָט זיך אַ שיינע לעגענדע פאַראייביקט. . .
— — — — — — — — — — —
אין יעטוועדן דור, יעטוועדערן געשלעכט
שיקט דער בורא-עולם אויף דער ווייסער וועלט
אָדמען וחוהן אין אַ ניי געשטאַלט,
צו פאַרריכטן, צו מתקן זיין די זינד.
איז דאָס דור נאָר זוכה — ווערן זיי פאַריינט,
זענען זיי איין גוף און איין נשמה דאָ. . .
בלייבן זיי פאַרייניקט, לעבן ביידע איינס,
האָבן זיי אַ תּיקון, איז דער זיווג גוט:
שליידערט דער מלאך-המות
פון זיך זיין טויטנדיק שווערד —
נידערט די אייביקע ליבע
איבער דער געטלעכער ערד! . . .

שמואל זאראמבּ / נאַכט, בּרודערל ווינט

# I

## נאַכט

מיין שבת הייבט זיך אָן מיט נאַכט,
מיין שבת ענדיקט זיך מיט נאַכט.

נאַכט צו נאַכט —
מיין שבת איז אין גאַנצן נאַכט,
דעם גהינמס שוועבל ליגט פאַרשטיינט,
דער רשע ליגט אין אַש און וויינט
אין שבת — נאַכט. —

אָ!
און ס׳רופט אַ קול פון עק ביז עק
און ס׳רופט אַ קול אין הוילער שרעק
„שבת!"

שבת — רו!
שבת — שטיל!
רוישט פאַרבאָרגן שטיל דאָס בלוט אין מיר
שבת — נאַכט!

קוואַל אין נאַכט,
שוואַרצער קוואַל,
שרעק אין נאַכט —
ס׳איז שבת, שבת, שבת,
כף הקלע, וויסטער פיין,
שטילער פיין
אין לאַנגער נאַכט.

ש. זאַראָמב

# II

## ברודערל ווינט

די הימלישע טויערן זענען פאַרשלאָסן פאַר אונדז אַזוי בליגד,
מיר ווע‍לן צו גאָט נישט דערגרייכן, אָ ברודערל ווינט!

דו קלאָגסט אין מיין גייסט, ווי מיין גייסט קלאָגט אין דיר.
אָט אַזוי ווען די ליגסט אים דעם רויך, וואָס ער שווימט איבער מיר
און דו ביסט דאַן רויך אין מיין פייער, וואָס בייגט זיך און קנאַקט אַזוי טריב
און כ׳ווייס, עס וועט רעגענען. שלאָפן יאָ וועלן מיר צוויי אַזוי ליב.
און חלומען לאַנג, און חלומען ווייט און חלומען: גאָט שלאָפט אין צער פון דעם ווינט.

די הימלישע טויערן, ברודערל ווינט, אוי מיר האָבן קיין הויז און קיין בעט,
מיר וואוינען אין אַלע צעבראָכענע שויבן, מיר קרייזן אין אַלע פאַריינזאַמטע הייכן,
עס יאָגט אונדז דאָס מזל אַרום פון דעם זומער ביז ווינטער שפעט.
נאָר מיר וועלן צו גאָט נישט דערגרייכן.

אַ שניי וועט אַראָפּפאַלן, מיר וועלן זיך גליטשן אויף שניי;
און גרינג אונדזער טריט אויף דעם שניי, ווי די וואָרנעס גאַנץ פרי,
אַ שניי וועט צעגיין, און מיר וועלן די וואָלקנשע זיגלען נאָר שטויסן און שטויסן מיט וויי,
דאָס וואַסערל רונצלען און דרייען דעם שטויב אויפן שליאַך
אַזוי ווי נישט גוט איז אונדז ברידערל ווינט אויף דער סטעפּיקער פלאַך

מיר וועלן זיך יאָגן אַזוי איינאַנאַנדער און וועקן זיך ביידע פון שלאָף
און מאַניען די פורטקעס פון אונדזערע פענצטער אָן סוף
און ביידע מיר וועלן אָט בייזערהייט שטיפן, זיך שטעכן מיט רעגן און שניי
אַזוי ווי די הימלישע טויערן שווייגן נאָר, שווייגן אַזוי, ברודערל ווינט;
און ווייסן, מיר ווייסן, מיר וועלן צו גאָט נישט דערגרייכן.

# אהרן צייטלין / כתר

## פראַגמענטן פון אַ ראַפּסאָדיע

# I

די לעצטע קליפּה רייסט צו אַ געלעכטער אויף דאָס מויל
און פּלאַצט אין איר געלעכטער און ס׳וועט פאַלן איר געבוי,
ווען אויפנאַקעטן וועט זיך דאָס פּילקליידיקסטע: די פרוי,
די עלטסטע, די פאַרשטעלטסטע פון פאַרשטעלטקייטן: די פרוי.

מיר האָבן שוין געגראָבן אין דער חושכדיקסטער שאַכט,
שוין צוגעלייגט ס׳געהער צום ווייכסטן פּולס־קלאַפּ פון די נעכט,
און איינס איז אונדז געבליבן נישט דערהאָרכט
און נישט דערדאַכט:
דאָס שטילסטע און פאַרשטומסטע–דאָס געהיימניש פון געשלעכט.

די עלטסטע פון מחיצות, ווייט צעוויגט פאַר אונדזער אויג,
די עלטסטע און די שטאָלצסטע – איז דער שפּיגל תהום
דער פרויס!
דו שפּיגל־תהום, ווי ווילן מיר דערשפּיגלענען דיין תהום,
אין נאַכט צו דיר אַריין און פון דיין דרויסן־גלאַנץ אַרויס!

אַן אַלוועלט־אַלף ווילן מיר באַקומען פון דיין תיו,
אין נאַכט צו דיר זיך וואַרפן מיט אַ נייעם „יהי אור!‟
געבויר מיט אונדז דעם ילד־שעשועים – און מיט אים
אָל אויפהערן געשלעכטיקייט! אָ שרעקלעכע, געבוירז
ז

אָט צינדן זיך שוין אויגן פון אַן אויפגעוועקטן יש,
דער תיקון־טאָג–ער לוגט שוין דורך אַ שפּאַלט פון אונדזער לאָד,
און כתר שבכתר זיצט אים אויבן אויפן קאָפּ,
זיצט ליכטיק שבליכטיק, ווי אַ פּערל־ווייסער ראָד.

3

## א. צייטלין

אָ כתר שבכתר! דרייצן קריצן אין זיין לייב,
ווי דרייצן שטאַרע בליצן, יעדער קריץ אין אים — אַ בליץ,
ווי ווייסיקייטן דרייצן, ווי די קריצן פון אַ שווערד —
שוין פאַלט אַ הויכער ברעמען-וואונק אַרונטער פון זיין שפּיץ.

דער וואונק איז אַ באַפעל, וואָס רירט דיין טיפעניש, אָ פרוי!...
צעקנוידערטע פאַרבליפעניש טראָג אונטער אַ באַזונטס,
אַן אַלקינד סאַמע זון! און האָט אים אויסגעברענט דיין טראַכט —
קלינג אויס דיין פרייד די פרומסטע און פאַרגיי צוגלייך מיט אונדז!...

קלינג אויס דיין לוסט די שטומסטע-און פאַרהענג די הוילע הענט
אין בלויקייט פון פאַרגאַנג, ווי גלאָקן ווינקענדיקע צוויי,
און טו מיט זיי אַ פליעסק, ווי מיט די פליגלען פון אַ שוואַן —
און לאָז דיך אויס! מיר אַלע — הויך אַ פליעסק און אַ פאַרוויי!...

די לעצטע קליפּה רייסט צו אַ געלעכטער אויף דאָס מויל
און פּלאַצט אין איר געלעכטער און ס'וועט פאַלן איר געבוי,
און פּלאַצט אין איר געלעכטער און ס'וועט זיין נאָך איר אַ ליכט,
ווען אויפנאַקעטן וועט זיך דאָס פּילליביקסטע: די פרוי...

## II

קינדער פון שטח, פאַרחושטע גיגאַנטן פון חומר!
אויף מיינע פונאַנדערגעוואַקסענע וועגן
רוט איר צעזעגן,
ווי אָפּגעשמומפּט-זעג-פאַרגעוואַלטיקטע בוימער
מיט גוף סענקעוואַטן...
דורס איך אייך—און איך ווייס נישט, ווי האָב איך געטאָרט
אייך, בן-פּקועהס אָן טאַטן,
אָנרופן אָרט!
לעמורן,

פֿאַרגרימאַסעוועט שטאַר, ווי אַ שלאָף־מומיע פּרעהס!
פֿיגורן
מיט וואָנציק־געצירקלטע עקן, פֿאַרדרייטע טיאַרעס!
קובן, קוואַדראַטן,
עליפּסן!
פֿייגל איר אויסנעשטאָפּט־טויטע, וואָס קענען נישט פּיפּסן!
איך האָב אייך די יאָרן, דוממשע יאָרן פֿאַרקירצט,
פֿאַרקירצט!
מיט אַעראָפּלאַנען און מיט טעלעגראַפֿן,
מיט דראָטן, וואָס לויפֿן די ווייטסטע געלאַפֿן,
האָט מיין האַנט, ווי מיט שטריק, אייך געגעבן אַ שטיק, —
ביז וואַנען זי האָט אייך געשטירצט,
געשטירצט!
ענג האָבן די שטריק זיך פֿאַרשטריקלט אַרום־אייך,
צו מאַכן נאָך טויטער ווי טויט און נאָך שטומער
ווי שטום אייך:
זענט איר געפֿאַלן — און פֿאַלנדיק האָט איר געבוירן
פֿון אונטער די שטריק
מוזיק!
אייער גאָרנישט־מיט־נישט איז געוואָרן געוואוירן!
איצט טאַנץ איך אויף אייערע גופים! איצט שטופּט מיך
צום גרייטן!
נישט איך, אייער קין, וועל גיין אייך באַקלאָגן,
געמיטטן קינדער פֿון חומר, איר לענגן און ברייטן,
קוואַדראַטן אָן טאַטן און קרייזן ווי רעדער אָן וואָגן!
פֿאַרקערעווען וויל איך אין גאָט, ווי ס׳פֿאַרקערעווען
שיפֿן אין האַפֿן!
ריטמען פֿאַרשלינגען מיך! צאָלן! צירופֿים! יצירה!
מיט צאָלן האָט גאָט מיך באַשאַפֿן!
זעט, קומען וויל נייע באַשאַפֿונג, — און אירע
צאָלן — זיי צאַפּלען באַצייטנס אַרום־מיר:
דאָס זענען די פֿייגל, וואָס זינגען מיר אויס

דעם אויפשטיי פון שטאָל־שטאַרקן שטייער און שטומער –
מיין דענקמאָל, דער מענטש איבער מענטשן...

# III

שטחס און אָרטן – געפגרט! זיי ליגן ווי פעלכלעך פון מיִז,
בלוי־צעביסענע פעלכלעך, אין רינשטאָק פאַרוואָרפן – און נייס
קומט איבער אַלץ, איבער פגר און ביין,
איבער שטיין,
איבער גליק און געוויין,
איבער גאון און איבער אידיאָט,
הייס אָפגיסן מיט גאַנצע אָקעאַנען גאָט
דעם ערדישן פאַרקילטן גלאָב!
און יאָרן סון אלף השש י, וואָס טראָגט זיך גאַלאָפּ,
ווי אַ שטיק געפלאַצט געדולד,
צום אלף השביעי אַזוי מין דערפרייט און צעדולט,
אָן קאָפּ, –
איצט איז די צייט מיר אַ מלכה פון מלכהס,
מיין באַלקיס,
און ווער ס'וויל זי אָפּשטעלן – איז מיך מטמא!
אויסגעקריצט שטייט אין מיר: „מענטש –
דינאַמאָ!"
כ'בין פילם
פון עתיקא קדישא –
און האָבן מיך צעברומט און צעוואָרפן, ווי אַ ייד אויפן תהלים,
איך מענטש פונם אלף הששי!
אַ רגע, אַ רגעלע נאָך –
ווער איך צעמאָלן.
וואָס־זשע אַרט מיך? – אַ פּאָך
טו איך אויף אַלע מיליאָנען זייטן דער וועלטס
קוק מיט דריי אויגן, ברעך אָפּ פון מיין לייב

מיין פוס — דעם שלעפּיקן שטעלן,
און בלייב
אין העבערע לופטן אַ צאָל צווישן קינפטיקע צאָלן...
אַ פּאַטאָס פון מיין צייט! אַ ריטם דו פון ריטמען!
איצט שטאַרבט מען נישט — איצט פליט מען!

# IV

איצט שטאַרבט מען נישט — איצט פליט מען!
אַ וועלט-קינד, דערקען!
אויב נישט איצטער געפרייט זיך —
טאָ ווען?
צוקאָפּנס דיר, לעבנגעבליבענער, דרייט-זיך,
איןווירבל פון בלוט און פון שטראַלן,
דאָס שלאַכטפעלד-געפאַלענע פאָלק פון מיליאָנען,
אַ מענטשהייט אַסטראַלן:
עסן דיין עס
און טרינקען דיין טרונק.
זעסט זיי, אַלט און יונג,
דרויסן אין קאַפּיי-הויז, אין קיך צווישן ברודיק געפעס,
אין אונטערערדישע מעטראָס, דורך אַלע
קרימען, אַלע אויבנקייטן, אַלע טיפן,
און צווישן קוימענס פון סאַפּענדיקע שיפן,
וואו וועלט האָט אַן עק נאָר
און וואו זי האָט נישט.
זיי אַלע
לאָזן פאַלן אַ שאַלונג: „עס האָט זיך געאַנדערשט!
אונטן געאַנדערשט,
אויפן גאָרן דעם סאַמע אונטערשטן;
אויבן געאַנדערשט,
אויפן גאָרן דעם סאַמע אויבערשטן, —

און מיר,
אונטן און אויבן זיס־זענעפטיק שװעבנדיק,
גלײך אַז די װאָגשאָלן,
האָבן געזען דאָס, געזען ! . . .
אָנגעקוקט האָמיר דאָס הויז !
גרויס איז געװען דאָס באַשטראַלונג ! . . .
כּוען מיר טראָגן דורכס באַנק
אַ הימלונג, אַ גלײקלעך געקלאַנג,
אַ שאַלונג, אַ שאַלונג ! . . .
טוען מיר קלינגען דיר, װעלט,
זאָגט אונדזער קלאַנגונג אַזוי :
זיך איבערגעטוישט די אַטאָמען!
זיך איבערגעטאַשט די אַטאָמען!
זיך איבערגעטאָן די אַטאָמען
אין פּורסטע לבושין,
אין דינסטע לבושין,
אין בליענדיקסט־פּורסטע און דינסטע לבושין. . .
אין דרום — בענערייט, עולם־תּחתּון !
געבענעדייט !
ס'הויערט פּאַרטומל און אײטל צעשײד װיל דיך טרעפן,
אײדער עס גיט זיך אָן עפן
דאָס פּופּציקסטע טויער צו אײנציקסטער אחדות,
און נאַכט שלאַנגיש־גרינע װיל נאַכטן,
און טיף אין שאול־תּחתּית
װאָלט מאַנסבילד אַנטגאַנגען פאַר װײבסבילד און װײבסבילד פאַר מאַנסבילד, —
אַ סימן, אַז ס'נענט שוין פון ליבע די צײט,
װען פון ליבעס און לײב ששים־רבוא
טוט װערן אײן ליבע,
װערן אײן לײב —
געבענעדייט, עולם־תּחתּון,
געבענעדייט !"

אַזוי גייט געשאַ״,
דזין-דזיניש צעקלאַנגט,
דורך דין-דינע לופטן,
דורך לופטן דורך שווערע,
דורך ברייט,
דורך לאַנג!
גייט,
דערלאַנגט
ביז צו דער חושך-מצרימשער שטאַל,
וואו ס'שטייען דער וועלטס מרה-שחורהס די אַלטע,
קליאַטשעס אַ שלל,
קליאַג-קליאַטשעס בלינדע, און שלוכצן
האַרט פאַר דער פגירה.

אין שווייסיקן פחד פאַר וועלט-אונטערגאַנג,
אויערן אָנגעשטעלט גלאָקיק-דערשראָקן,
פיס — קדחתדיק-קראַנק,
ווי צעבראָכן,
שלוכצן זיי בלינד אין דער שוואַרצסטער פון שטאַלן...
גאַרישע פינצטערקייט וויינט,
ברעכט זיך די בראָך-הענט: „פאַרפאַלן!״...
— „נישט אונטערגאַנג, איבערגאַנג איז!״ —
שאַלן אויס אין פאַרבייפלי צו איר
די אַסטראַלן...
שאַלן — און מערן זיך, מערן,
שטראָמען אָן פון אומעטום, ווי ווײַן פון פעסער,
ווערן
איין צוזאַמענקייט מיט אונדז, איין שטערן,
מיט אַ שליסל, אַ גאָלדענעם שליסל צו כתר...
וויגן מיר זיך אום מיט זיי צוזאַמען וויז-אַ-ווי
דעם אייביקן אָ ט - אָ ט,
וואָס ציטערט הינטער תפלות אָן אַ ווען און אָן אַ ווי

און ווערט גענאָמענט: גאָט.
ווי טומלדיק, מיתה־משונהדיק און טאַנציק!...
און אָט דאָס וויגן זיך צוזאַמען הייסט:
ניינצנהונדערט צוואנציק, איינאונצוואַנציק,
דרייאונצוואנציק, —
אָ, צוקונפטס טיפע טרייסט!...

## V

אָ,
גאָרוועלטיקער עקראַן דו, וואַקל־שאָקלדיק־פאַרווישט!
צווישן איבערמאָרגנדיקן יאָ
און איצטיקן דערוויילנאָך־נישט
רעפלעקטערן מיר דורך דיר און ציטער־צאַפּלען...
טאָ הער, דו עקראַן מיט פונאַנדערגעוועלגערטע גוילין!
אַזוי האָט באַ זיך, באַ זיין אייגענעם ווילן,
כּתר געשוואוירן:
נישט טויטס וועסטו מפּלען —
וועסט געוואַלטיקס געבוירן!

## VI

זינט כ׳האָב געצן פון שטח צעבראָכן ווי ליימענע טעפּ —
טראָג איך נאָך אין געלאַף און גערודער און בייט
מיט מיינע צען פינגער פון גייסט דיין גיגאַנטישע שלעפּ,
צייט!
זינט כ׳האָב די פיר טיתן:
טרערן און טייוול און טרויער און טויט —
געאות־קינ׳ט, פאַרשיקט פון מיין עלמא־דקשוט
און אויסגעפּרענט גרויזאַם פון מיינע מעת־לעתן, —

וויל איך דיך, פיל איך דיך, כאַפּ דיין פאַראַניקייט אָן!
נאָר וואָס קומט אַרויס, אַז דו קלעקסט מיר נאָך אַלץ
אויף איין צאָן!
עך, ווי אַ ים,
ווי אַ ים אָן אַ דאַם, ווי אַ ים, וואָס צעוואַשט יעדן פּגם,
וואָלט איך געוואָלט דיך צעגיסן אויף לענדער און לייט,
צייט,
און טיף אין דיין קאָסמישן קעסל אַריינוואַרפן הימל און ערד,
זיי זאָלן זיך דאָרטן אַ באָד־טון, ווי זומער אין טייך
פאַרשוויצטע פערד!
זיי זאָלן זיך אויסבאָדן, אויסמישן דאָרטן,
דערוואָרטן
אַז פון יענעם געמיש דעם געהיימסטן און אַלערלייסטן
זאָל אויפקומען נייס, וואָס איז גליק און וועט טרייסטן.
דו, מוטער, טו שטאַרבן אין אימפעט
פון רעוועגדיקן קימפעט,
ווי קראַנקע און קרעציקע פיך, —
נאָר־ס׳קאָצל גאָר דער וועלט! פאַר דיין אורבליצלינגן פאַרשווינד
לאָז אונדז ירושה נאָך זיך
אַ קינד!
לאָז אונדז ירושה אַ קינד!...
און נאָכאַמאָל: גלייך ווי אַ ים,
ווי אַ ים אָן אַ דאַם, ווי אַ ים, וואָס צעוואַשט יעדן פּגם,
ווי אַ ים זונדער באָרטן,
דערוואָרטן,
אַז אַלץ זאָל זיך אויסקאָכן ניי אין דיין קאָך,
וואָלט איך דיך אויסגיסן, צייט, אויס און איין,
אָבער און נאָך,
און דערנאָך דיך צוגויפציען ווידער, דו זאָלסט אין דיין
קליינקייט אַריין,
ווי אַ מויז אין איר לאָך,
און ווערן אַ ג י ש ט ־צ יי ט.

וערן אַן אומגעדולד, אומגעדולד סאַמע און ניעטקייט,
אַ פוסטעניש אַ הוילע און אַ הייליקע,
אַ קיילעכדיק-פאַרשלאָסענע, נישט-טייליקע,
אַ לעצטער אָנהייב פון אַ לעצטער ערע —
אַ ז ע ר א !
בעווייל ווען דו, צעהיצטע, וועסט אַוועק
און ס'וועט נישט זיין קיין צייט מער אויף צו וואַרטן —
וועלן מיר ווערן אַן איינס פונדאָסניי, מיר מיליאַ־דן,
אַן אַנדרוגינוס וועט פון אונדז אויפשטיין, פאַרפלאַנצט
ווי אַ בוים אויף זיין פלעק!
און די הילכדיק-העכסטע און האַרבסטע פון אַך
וועט זיין א ח ד נישט קענען צעשטיקלען:
זיינע קליידער און וויקלען —
שטיין,
און ער, דער באַרוטער, אַליין —
העלער שטיין.
געוואַלטיק און שטראַלדיק און עמשונדיק-שיין —
העלער שטיין.
אים צו די פיס —
אַלץ.
און ער, רו און ריז, —
איבער אַלץ.
ער קוקט און פאַרשטייט
אַ וואַרטנדיק, שטום פאַרשטיין.
ער שטייט —
און איז שטיין.

# VII

זאָל אָנגיין אַלץ מער מיט דער גיכיקייט —
נאָר-נישט ניכטער און נאָר-נישט געזעצט!

ווערט משוגע אין גאָט!
ווערט ראַפּסאָד!
זאָל ווערן ביז לעצט
די שווערע, די שוואַנגער-געשוואָלענע קריכיקייט
צעזעצט
וואָס מער יעצט!
וואָס מער רגע און ראַפּטום!
וואָס נישט-דערכאַפּיקער ס׳ווערט דער באַוועג
(פאַרצווייפלט קרעכצט קריכיקייט: כאַפּט אים!) —
דאָס נעענטער צום אַלץ און צום אויסגאַנג פון טעג,
דאָס ווייטער פון איכיקייט...

צייט!
איצט טראָג איך די שלעפּ פון דיין קלייד בלויז,
אַ נאַרישער פּאַזש,
נאָר כ׳גאַר דיך באַגוועלטיקן, מלכּה, און רייטן מיין רייט
ראָש,
מיט דיר זייט באַ זייט!
פאַרצי אים, פאַרקנויל, דיין גאָרוועלטיקן דרים,
און פּלוצלינג לאָז לויז זיינע פעדעם און קנויד״ר
פונאַנדער!

אָן איטלעכן פאָדעם
וויל זיך אָנכאַפּן אָדם,
זון פון אלהים,
זיך אָנהאַלטן אָן אים, ווי אָן זיין אָדלער-אַלעקסאַנדער,
און דעם סוד פון די איצטיקע יאָרן דערגרייכן,
וואָס זענען שוין מכין
זיין פרייסטע באַפרייונג —
באַפרייונג פון פילקייט,
פון געשלעכטיקער צווייונג און דרייונג!
ווי און ווען וועט דאָס זיין? — דאָס וועט זיין,
אַז די שנעלקייט

דערהערט: זי איז שטילקייט,
דערקענט איר געשטעלטקייט.
דאַן
קומט אויך אויף דיר, צייט, אויף דיר, אַמאַזאָנע,
אַ סוף:
ליגסט קאַלט און צעבראָכן — אַ בלוילעך-קאַלט
שטיק פּאָרצעלאַן,
און מיט דיר ווערט פאַרטיליקט דער סימן
דער לעצטער פון שטאָף.
ווייב און מאַן
ווערן דאַן איינציקער, איינזיקער,
שטייעוודיק-שטייניקער
גאָטס מאָנומענט,
און דיין ענד
ווערט אָנהייב פון עפּעס, וואָס לאָזט זיך
מיט אַלעם פריערדיקן נישט גראַמען.

# VIII

עס האַלט אין זעקסטן אלף נאָך,
דערווייל איז אַלץ נאָך פרייטיק,
נאָר זיבעטע הנהגה קומט,
דער שבת ווערט שוין צייטיק.
דער שבת, דער שבת,
דער שבת ווערט שוין צייטיק...
וואָס בייטעוודיקער, אַנדערשער —
אַלץ תיכּפער און נענטער!
און האַלט באַם טאָג דעם זיבעטן —
ווי ווייט איז שוין דער צענטער?
ווי ווייט שוין, ווי ווייט שוין,
ווי ווייט איז שוין דער צענטער?...

און שטייט דער טאָג דער צענטער אויף,
דער אלף העשירי —
ווערט אונדזער ספירה אויסגעלאָזט
ווערט אויסגעלערט די ספירה.
אויסגעלערט ווערט, אויסגעלערט,
אויסגעלערט די ספירה...

דער אדם זעט זיין חוהקייט,
די שלאַנג וויל נישט פאַרמיטלען,
די חוה זעט איר אָדמקייט —
און וויל זיך שוין נישט דריטלען.
און וויל נישט, און וויל נישט,
און וויל זיך שוין נישט דריטלען.
מיט אים, דעם כולא־עלמא־מענטש,
זיין האַנטוורעק אויף צו רימען,
ווערט לייגן תפילין גאָלדענע
דער סתימא מכל סתימין...
ווערט תפילה־טון, ווערט תפילה־טון
דער סתימא מכל סתימין...

און ס'הייבט שוין אָן צו הייבן־זיך —
און איצט איז די אַתחלתא.
און גאָרנישט איז פאַרשטענדלעך שוין!
געהרגעט ליגט דאָס אַלטע!
און גאָרנישט איז פאַרשטענדלעך שוין,
און איצט איז די אַתחלתא...

# IX

און יענער אַנדרוגינוס,
דער בּיז אין כתר אַריין צעצויגענער
ער וועט נישט זיין ווי דער אַנדרוגינוס דער אַלטער,
וואָס איז אַמאָל געשטאַנען אין גן-עדן,
איידער אדם-חוהן האָט געטון צעשיידן
דער נחש-יונג דער שפּאַלטער!
אים וועט שוין נישט פונאַנדעררייסן קיינער,
אַן איין-אַליינער וועט ער זיין, אַ קינד פון זון
און שטיינער,

און זיינע צוויי פּרצופים
וועלן איינער גלייך צום צווייטן זיין געווענדט, —
נישט ווי אַמאָל, ווען שטורמישע כּיסופים
האָבן רויכערדיק געבּרענט,
ווייל נישט געקענט
האָט אָדמס פּרצוף זען דעם פּרצוף חוהס:
רוקן האַרט צו רוקן
זענען זיי געשטאַנען, זיך נישט-קענענדיק באַקוקן —
און תּאווה האָט אין זיי געקייקלט אירע לאַוועס...
דעמאָלט האָט די שלאַנג, וואָס איז בּאַם שטאַם זיי,
בּאַם שטאַם פון דו-פּרצופין-גוים געלעגן,
פון עץ-הדעת צוגעטראָגן עפּל-זיסן סם זיי
און מיט איר טאָפּל-צונג צעזעגט זיי ווי מיט זעגן;
איצט וועט פּרצוף זיך אין צווייטן שפּיגלענען,
איין פּרצוף וועט פון צווייטן שעפּן איינקייט,
אַריבּער זיי וועט ווי אַ זילבער-זעגל פליגלענען
הייליקסטע ריינקייט.
און קומען וועט צוגיין אַ גייסט אַ שפּאַסער,
„נעשה אָדם!" — זאָגן הייזעריק און שטיל,
וועלן אָנהייבן די אַלטע שפּיל
פון מישן גייסט מיט בּלוט און פלאַם מיט וואַסער —

וועט ער, דער נייער דו־פּרצופין, מיט די שטאַרקע,
שטיין־שטאַרקע וואָרצלען זיך אַריינגראָבן אין קרקע,
דעם גייסט אוועקיאָגן מיט פּאָרוואורפן פון עתיקה,
און מיט זיין קאָפּ וועט ער אַלץ וואַקסן גרעסער, גרעסער,
ביז זיין קאָפּ וועט זיך אַריינשניידן אין כתר,
דעם כתר פון עתיקא.
און דאָרט וועט דער פּרצופים־קאָפּ — דער גרויסער ברייטער צוויי־איך —
אויסשטעלן אויגן צוויי, וואָס זענען איינס,
אויפרייסן מיילער צוויי, וואָס זענען איינס:
„אַט בין איך און אַט שטיי איך!
טו דו מיט מיר, וואָס דו באַגערסט, אורגנהייבדיקער ווילן!
פיר דו מיט מיר, ווי דו באַגערסט, אַ קאָפּ, וואָס לייגט די תפילין!
באַנייט מיך אין דער אמתן, איר העכסטע מוחין!
אַ נייס באַשאַפט, אַ גייס באַשאַפט — אַט האָ! איר מיינע קעפּ צוויי,
זיי שטייען דאָ אין הויכן,
און ביידע זענען איינס נאָר,
איינס נאָר, איינס נאָר, איינס נאָר“...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און דעמאָלט וועט זיך אָנהייבן
אַ גרויסע נישט־געוועזנקייט.
דער אַלטער ווייז־פּאַס — ליידיק וועט ער זיין,
גאָט שפּונט־נייעס אָפּ אַ נייעם פּאַס ווייז,
אַ וועלט אָן שלעכטיקייט און אָן געשלעכטיקייט,
די וועלט פון נאָכוועלט וועט דאָס זיין!

## X

די פרוי האָט אָנגעטון איר טיפסטע פרוישאַפט,
מיט פאַקלען אָנגעגורט איר ווייכע לענד,
די ברוסט אַרויסגעשטעלט ווי טורעמס בענקשאַפט—
און זיך אַוועקגעלאָזט אויף גאָטס געלענד,
אויף גאָטס געוואַסערן, אויף גאָטס געלענד,
צו זוכן מאַן!
די פרוי האָט אָפגעשטופט פון זיך די מענער,
וואָס פלעגן נאָכטראָגן ווי קנעכט איר שלעפ,
און זיך אַוועקגעלאָזט צו זוכן דונער,
וואָס זאָל זי אָנכאַפן בײַ אַלע צעפ,
די זיבן צעפ אירע, די שטאָלצע צעפ —
און טון אַ הייב!
זי האָט די נאַכט־בעטן פאַרלאָזט די קאַלטע -
און איז פון מאַנסלייטן אַוועק צום ריז;
פון זכרים נאַרישע און קראַנק־פאַרן וילטע
אַ לויף־אַוועק־געטון מיט שטאַרקע פיס,
אַ לויף־אַוועק־געטון מיט שטאַרקע פיס צום גאַנצן מאַן!
זי וויל איר ווײַנגאָרטן אויפסניי פאַרפלאַנצן,
און נישט אויף מענטשן־ערד, נאָר אויף וואולקאַן,
און זוכט דעם מאַן אירן, און זוכט דאָס קינד אירס,—
און זוכט דעם מאַן אירן, דעם גאַנצן מאַן,
דעם גאַנצן מאַן!
דער מאַן האָט אויסגעשטרעקט די הענט ווי פיילן,
דעם קאָפ אַראָפגעלאָזט, ווי פאַר באַשערטס,
און דאָרשטיק צוגעלייגט צו דר'ערד דאָס אויער,
און האָרכט שטיל־יעגעריש דעם סוד דער ערדס:
וויל פאַנגען פרוי!
דער מאַן האָט אָפגעשיילט פון זיך די פרויען,
ווי טינק פאַרעלטערטן פון אַ רויִן,
און זיך אַוועקגעלאָזט צו זוכן זומער,

וואָס זאָל באַזומערן אים גרין אויף גרין,
וואָס זאָל פאַרטליתן אים גרין אויף גרין
פון קאָפּ ביז האַרץ!
פון ווייבער בלוט־שווערע מיט נאַכט און קערפּער,
פון האַלבּ־פאַרזכרטע, צעקרעכצטע קעץ —
אַוועק, אַוועק איז ער, און האָט פאַרשאָלטן
דאָס גליק פון ווארעמקייט, דאָס גליק דעם בעטס,
דאָס טויטע גליק!...
פון בלוטן קאַליעדיקע, בלוטן טרייפע,
וואָס שטעלן דורות אויף אָן האַפּט, אָן בלייב,
ווי פון אַ פלוצלינגדיקער בייזער שרפה
אויפס פלייס אַוועק איז ער צום גאַנצן ווייב,
מיט פרייד אַוועק איז ער צום גאַנצן ווייב,
צום גאַנצן ווייב!...

# XI

דער נייער וועלט־זייגער, הויך פאַרהאָנגען,
הילכט־איבער שופרות,
פויקט־איבער גאָנגען,
ציילט אָפּ מיט צוויי ווייזערס, — חסד און גבורה, —
די שעה פון בשורה,
און זאָגט אַזוי:
„דאָס גלויבן, דיין גלויבן אין טייוול — פאַרשטיינס!
איינס!
און זאָל דיר נישט, אונטן־וועלט, ווײ־טון קיין ווײ,
און ביז סאַמע פאַרגאַנג
גיי —
איינס, צוויי!
און עס רוט נישט דיין גאָט, און וואָס ניי — וויל
פאַרביי,

א. צייטלין

בעוויל נייער ווי ביי
וויל עס זיין –
צוויי, דריי!
און עס רוט נישט דאָס דריי, ביז עס קומט נישט צום פיר,
און פון פרוי, מאַן און קינד
וויל געבוירן זיין אַלמענטש–גאָטס איינציקע ציר!
דריי, פיר!
און פאַרמאַכט זאָלן ווערן די אויגן דער שרעקס –
אירע ברען־אויגן לעש!
פינף, זעקס!
דען אין נאַכט וואַכט אַ זון און עס וואוינט אבי־עד,
שר־שלום, אין שלאַכט –
זיבן, אַכט!
און פאַראַן איז – נישטאָ! און וואָס דאָ – איז געווען!
און וואָס ווערט – איז פאַראַן!
און וואָס ווערט – טוט געשען!
ניין, צען!
און דאָס אַלץ, וואָס צעטיילט איז פונדרויסן–פאַריינס!
פאַריינס!
עלף, צוועלף –
און ווידער איינס!״...

*I*

י ג

איך זאָג צו דער פרוי,
צו איר נאַקעטן לייב אויף מיין בעט —
אשה! —
כ׳קען דיר נישט פון דיינע ווייטע טעג,
איך ווייס נישט דיינע נעכט,
נאָר דאָס איינע ווייס איך יאָ —
מיר זענען ביידע פון דער וועלטס-געבליט —
צוויי טראָפּן אין אַ ים,
און לויפנדיק פון באַרג-אַראָפּ-אין גאַנג,
זיך דאָ צונויפגעקלאַפּט,
און אויסגעמישט דאָס בלוט...
דאָס איינע ווייס איך יאָ —
צוויי שטראָמען זענען מיר אין ים,
אין ריזלדיקן וואַסער-פאַל,
מיר פאַלן אָפּ און קומען צוריק,
און זענען אַלץ, נאָך אַלץ אין ים...
ס׳טראָגן אונדז די כוואַליעס אום,
פון ברעג צו ברעג,
פון אויבערפלאַך, צו אונטערגרונט,
עס טראָגן אונדז די כוואַליעס אום...
אונדזער גורל — בלינד,
און אונדזער ווילן — ווינט,
דער כוח פון דער וועלט אין אונדז, איז ווילד,
שלאָגט מיט אונדזער קאָפּ אַ דורך די ווענט —
טרייבט אונדז אין דער וועלט אַריין.
און טרייבט אונדז, פון דער וועלט אַרויס;
דער כוח פון דער וועלט אין אונדז.
איז זיס און ברענענדיק. —

3

**א. פלאָטנער**

שרפעט אויס דאָס לייב,
און לעקט אַרויס דעם זאַפט פון יעדן ביין —
יואַרפט אַוועק דאָס שאָלעכץ — מענטש,
און ברענגט אַרויס דאָס יאָדער — מענטש...
אשה! – דיינע ליפן זענען רויט.
ס'הייבט מיר אויף דעם מוח,
דער אויסגעצוי פון דיין אַנטבלויזטן גוף,
איך ווייס נישט ווער דו ביסט,
פון דיינע ווייטע טעג.
נאָר דאָס איינע ווייס איך יאָ —
צוויי טראָפּן זענען מיר,
אין גרויסן ים...

ל. אליצקי / די עסטרייכישע תליה

אויפן דריטן טאָג נאָכן פאַרנומען ווערן פונם שטעטל דורך די עסטרייכער.

איבער די געסלעך און הייזער פונם שטעטל טראָגט זיך פונאַנדער דאָס דערשיטערנדיקע נייעס:

די זעלבער, וואָס זענען ערשט-נאָר-וואָס דורכגעגאַנגען, האָבן מיט זיך אַוועקגעפירט עטלעכע יידן: יצחק נפתּלים, אייזיק סטעלמאַך, נויקע שמיד און בעריש פאַרבער.

אין מאַרק, אויפן שאָסיי הייבן זיך אָן צונויפֿקלייבן רעדלעך יידן און יינגוואַרג:

– וואָס הייסט? פאַרוואָס? פונוואַנען האָט מען זיי דאָס געפירט? – פרעגט איינער באַ דעם צווייטן, און מען קוקט זיך אָן מיט דער־שטוינטע אויגן.

– ווער־זשע ווייסט? – ענטפערט עמיץ און ציט אַן אַקסל.

– מע ווייסט! מע ווייסט! – ענטפערט איינער, זיך דערנענטערנדיק אַ פאַרסאַפּעטער – ז'האָבן אַרויסגעשריגן פאַרבייגייענדיק, מ'האָט זיי געכאַפּט אין אַ דאָרף; ז'האָבן געמאַכט בדיקה אין אַ גוישער שטוב.

אברהם שניידער, וועלכער האָט ערשט נעכטן באַנאַכט אַריבערגעטראָגן אין זיין נידעריק שטיבל דאָס פּלושענע מעבל פונם גלחס שכנותדיקן הויז, ווערט בלאַס, שטעקט אַרויס די אויגן ווי גלעזערנע בולבעס, ס'לויפט אים דורך אַ שוידער איבערן געזיכט, און זיין בערדל טוט אַ ציטער.

– אַז נישט געדאַכט זאָלן זיי ווערן! – שפּייט אויס אַ באַלעבאַטישער ייד מיט צאָרן – ז'האָבן שוין גאָר קיין צייט נישט געהאַט? דאָס מיליטער איז נאָך נישט פאַרבייגעגאַנגען, און זיי לויפן שוין ראַבעווען!

די רעדלעך אויפן שאָסיי פאַרגרעסערן זיך. אויף די בריקלעך פאַר די הייזער שטייען קופּקעלעך ווייבער, גאָדערן, כאַפּן אַלעמאָל אַ קוק צו די מאַנסבילן, שאָקלען-צו באַדויערנדיק מיט די קעפּ און כאַפּן זיך פאַרברעכן די הענט אויף די ברוסטן. מיידלעך שרייען זיך איבער איינער צו דער צווייטער וועגן דעם נייעס דורך די אָפענע פענצטער.

— איר זאָלט געווען זען, ווי טויט זיי זענען, נעבעך, געוועזן! — טוט זיך אַ ווייבל אַ קניפּ פאַר דער באַק, און דאָס פּנים פאַרקרימט זיך איר פון צער.

— איר האָט געזען בעריש פאַרבער? — כאַפּט גלייך אונטער אַ צווייטער — געל ווי וואַקס איז ער דאָך געווען! איר זאָלט עס זאָגן — אַ טראָפּן בלוט!

— אייזיק סטעלמאַך, — דערציילט אַ ייד, איבערגייענדיק פון איין רעדל צום צווייטן — האָט א געשריי געטאָן (כ'האָב אַליין געהערט):

ייִדן, ראַטעוועטס! די סאָלדאַטן זאָגן — מע פירט אונדז הענגען!

— נישקשה, — זייעט דורך אַ ייד קרעמער דורך די ציין און וואַנצעס, מיט רוגז — זענען ווערט דעם שטעקן! האָסטו געהערט! — — —

— צי זענט איר באַם זינען, אָדער גאָר חסר־דעה! — שלאָגט מען אים איבער מיט צאָרנדיקן ביטול — אַ ייד הערט — מע פירט ייִדן צו דער תּליה, און ער —

כאַפּט זיך דער קרעמער און שלאָגט איבער מיט באַשיבטן רוגז:

— האָטס קיין מורא נישט, אַזוי גיך שיסט מען נישט, הענגט מען נישט, און ס'איז נאָכנישט הפקר אַ וועלט! האָסטו געהערט!?

— אַי, וואָס רעדט איר? — שלאָגט מען אים ווידער אַמאָל איבער, נאָר שוין באַרויִקטער — איר האָט זיי נישט געזען. טויטער פון די טויטע זענען זיי דאָך געווען!

אונטער דער צייט באַווייזט דערוויל די ידיעה צו פאַרשפּרייטן זיך אַלץ ווייטער און ווייטער, דערגייט אַזש ביז אין באָד־געסל, און טרעפט ווי אַ דונער אין די הייזלעך פון די אומגליק־געטראָפענע בעל־מלאכות.

פון דאָרטן קומען אָן צו לויפן זייערע ווייבער אויפן שאָסיי אַרויף מיט יאָמערנדיקע געוואַלדן און קולות, פאַרלוירענע און צעשויבערטע, וועלכע מיט אַ שאַל, וועלכע מיט אַ פאַררוקטן טשיפּיק, איינע מיט אַ פּיצעלע אויף טויט דערשראָקן קינד, און אַלע באַגלייטע פון זייערע כאַפּטעס קינדער, קוויטשענדיקע און יאָמערנדיקע:

— אוי, מיין טאַ־טע־ע! אוי, מיין טאַ־טע־ע!

אויפן שאָסיי קומען זיי זיך צוזאַמען, שטעלן זיך מיט די געזיכטער

איינע צו דער אַנדערער, יאָמערן, רייסן זיך די האָר פון קאָפּ, דאָס פלייש פון די באַקן, שאָקלען אָבלדיק און שטום איינע צו דער אַנדערער מיט די קעפּ, און ווען נישט די מיטנטאָגיקע, תמוזדיקע זון, וואָס באַגיסט די גאַס מיט היץ און שיין, וואָלט עס אויסגעזען, ווי עפּעס אַ מיסטעריעזע באַראַטונג פון גייסטער, אָדער פון זיך זעלבסט פייניקנדיקע הייליקע. און אַרום שטייען די קינדער, ייִנגלעך, מיידלעך און הערן גאָרגישט אויף:

— אוי, מיין טאַ-טע! — אוי, מיין טאַטע-ע!

פּלוצים שיסט איין יידענע אויס, ווי זי וואָלט זיך אָן עפּעס דערמאָנט, און די איבריקע נאָך איר:

— וויי, ס'אַן אומגליק אונדז האָט געטראָפן!

— איינמיטן העלן טאָג איז מיך אַ פינצטערניש באַפאַלן!

— אַ ויסטער בראָך איז צו דער אָרעמער מאַ-מע-ן!

— וויי, וויי!

עס דאַכט זיך, אַז יעדע יידענע באַמיט זיך איבערצושרייען דער צווייטער.

נאָר באַלד הייבט אָן דער יאָמער נאָכצולאָזן. ס'ווערט אַ רגע שטיל, און איינע מוט אַ פרעג מיט אַ שטיל כליפּעריי:

— וואו האָט אונדז דאָס אומגליק געטראָפן?

און באַלד שיסט זי אויס האַרצרייסנדיק:

— ווער האָט זיי געזעען אַוועקפירן צו דער שחי-טה — געוואַל-לט!

דער יאָמער ברעכט-אויס איבערנאַייס:

— וויי צו אונדז-ז! וויי, נעבעך, צו די וויסטע אַלמנות!

וואָס העכער עס געוואַלטעווען די ווייבער, אַלץ שרייענדיקער יאָמערן די קינדער אַרום, וואַרפן ווי אין קאָנוואולסיעס מיט די קערפּערלעך, טופּען מיט די פיסלעך אויף דעם אָנגעגליטן שטויביקן ברוק, און שרייען מיט צעקרומטע, צעצויגענע פּנימלעך:

— טאַטע-ע! אוי, מיין טאַטע-ע!

די רעדלעך מענטשן אויפן שאָסיי, פּאַרקוקטע פלומרשט ערגעץ אין דער וועלט אַריין, אָדער אויפן שפּיץ קלויסטער, וועלכער שטראַלט קעגן דער זון מיט דער מעשענער האַלבער לבנה און מעשענע שטערן

פון זיין צלם, — כאַפּן אַלע מאָל בגנבה אַ נייגעריקן בליק פול מיט רחמנות צו די ווייבער און קינדער און שמועסן שטיל צווישן זיך:

— ווידער קרבנות! — — —

קלעמט דאָס האַרץ באַ די ווייבער, וואָס שטייען אויף די בריקלעך
פאַר די הייזער, און ס'הייבט־אָן פאַרשטיינערט צו ווערן.

פון אַרויף־שאָסיי קומט אָן צולויפן גדליה סטעלמאַך, אייזיק סטעלמאַכס אַ שוואָגער, אַ ייד מיט אַ שפּיציק בלאָנד בערדל, וואָס שטעקט באַ אים שטענדיק גלייך פון פאָרנט אַרויס, ווי אַ פאַרטעסעטער קלין, און איצטער, ווי ער לויפט אַזוי, פאַכט מיטן קאָפּ, ווי אַ שטעכיקע קו, אויף אַלע זייטן, זעט עס אויס, ווי ער וואָלט וועלן עמיצן מיט אים דורכלעכערן. ער טוט אַ לויף־צו צו זיין ליאַרמענדיקער שוועסטער, טוט אַ בייג פאַר זיך דעם קערפּער, אַ פאַרררייס־אַרויף דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט זאָגן אַ שטייגער: נאַטס, קרייצט מיר אָן הינטערן בערדל! טוט אַ צעשפּרייט טענהדיק די הענט און שיסט־אויס צו דער שוועס־
טער מיט אַ פּנים אָנגעצונדן פון צאָרן:

— וואָס זענט איר דאָ שטיין געבליבן, בהמות! וואָס שווייגט איר?! איידער וואָס, איידער ווען, וועט מען זיי דאָך דאָרטן, ס'זאָל גאָר אויסגערעדט נישט זיין, אויפהענגען, חלילה!

— אדרבה, — בעט זיך די שוועסטער באַ גדליהן — זאָג אונדז דו,
גדליה, וואָס האָבן מיר צו טאָן?

און די איבעריקע העלפן־אונטער אין אַ יאָמערלעכן כאָר:

— וואָס ווייסן מיר אַליין צו טאָן, ווייבער, אומגל קלעכע, דערשלאָגענע.

— שרייטס, געוואַלטעוועטס, קערטס־איבער וועלטן, — טוט זיך גדליה מיט צאָרן אַ צעטרייסל, ווי ער וואָלט זיי ווייזן אויף וואָס פאַר אַן אופן מע קאָן וועלטן איבערקערן — לויפטס צום רב, צו די בעלי־בתים, לאָזן זיי לויפן, טאָן, ראַטעווען; לויפטס אַליין צום קאָמענדאַנט, פאַלטס
אים צו די פיס, בעטס רחמים!

— ווי איז אונדז! — פאַרברעכן די ווייבער די הענט איבער די ברוסטן — מ'עט דאָך נאָך אונדז מיט די קינדער אויך אומברענגען!

און ווי לויט אַ שטומער הסכּמה טוען זיי זיך אַ צעלאָז, די צו איין בעל־הבית, די צום צווייטן, די דריטע צום רב. די קינדער באַגלייטן זיי ווייטער. זייפן וועג באַהעפט זיך צו דער אַ שוועסטער, צו דער צווייטער אַ שווענערין, צו דער דריטער גלאַט־אַזוי אַ שכנה, אַ גוטער פריינט, אוּן אַז סע קומט צו אַ באַנטער מענטש, דערפרישט זיך דער ווייטיק אין האַרצן, גייט אַרויס פון דער קלעם, און עס באַנייט זיך דאָס יאָמערן. דאָט פאַרברעכן די הענט, און דאָס קלאַפּן זיך מיט די פויסטן אין קאָפּ.

— רבי — ראַטעוועטס!

— אַ פייער ברענט, אַ פייער!

— אין זכות פון אייער תורה, — — — פאַלן־אַריין עטלעכע ווייבער און קינדער צום רב אין שטוב, בלייבן שטיין מיט פאַרבראָכענע הענט אויף דער שוועל און האַרט צוגערוקט צו דער וואַנט.

אויף דער שוועל, וואָס פירט אין רבס שלאָפצימער, באַווייזט זיך די רביצן, און קוקט אַ צעשראָקענע דאָ אויף די ווייבער, דאָ אויפן רב. דער רב גייט אום אַ פאַרוואָלקנטער הין־און־צוריק פונם טיש מיט די אָנגעוואָרפענע ספרים צו דער גרויסער שאַפע, וועלכע שטייט צעעפנט, אויסגעליידיקט פון די ספרים, וואָס וואַלגערן זיך נאָך אין אַ קעלער, און צווישן זיינע שוואַרצע, געדיכטע אויבערברעמען, אַראָפּגעצויגענע צו דער נאָז, ליגט אַ טיפער, שוואַרצער קנייטש. ער שטעלט זיך אַלע־מאָל אָפּ אין גאַנג און זיפצט אָפּ. ער האָט זיך גאָרנישט געריכט, דער רב, אַז באַ זיי, באַ די קירהס זאָל גאָר אַזעלכעס געשעען. ער האָט געמיינט, אַז איצטער האָט שוין אַ סוף גענומען צום שתדלנות באַ די גרויסע לייט, וואָס האָט באַ אים דאָס ביסל דם־התמצית צוגע־נומען. דער רב צעהוסט זיך און בייגט זיך אין דרייען.

די ווייבער שטייען מיט צאַפּלדיקער אומגעדולדיקייט, און היגטער זיי, אין גאַניק שטייען די קינדערלעך און כליפּען, אַרויסלאָזנדיק צו ווײַלן אַן אָפּגעריסענעם געוויין־קלאַנג.

— וואָס־זשע שווייגט דער רב? — פּלאַצט באַ אַ יידענע דאָס אומגע־דולד... איצטער טאָר מען דאָך נישט מורא האָבן פאַר זיך אַליין — — — מ׳עט זיי דאָך אויסקוילן ווי די רינדער!

דעם רב טוט עס אַ טראָג־אויף, וואָס מ׳איז אים חושד, אַז ער האָט

מורא צו ראַטעווען יידן פון סכּנות־נפשות, טוט ער זיך אַ דריי־אויס מיט צאָרן צו די ווייבער, קוקט נישט צו זייער זייט, פאַרריכט אומגעשיקט די יאַרמלקע אויפן קאָפּ, און בייזערט זיך, דאַכט זיך, אויף די ווענט:

– מע טאָר נישט ראַבעווען! וואָס מיינט איר – ס'איז הפקר אַ וועלט?!

נאָר גלייך, ווי ער וואָלט זיך באַדענקט, ווערט ער ווייכער, און מיט אַ טאָן פון פאַרענטפערן־זיך און תּרעומות, וואָס מען פאַרשטייט אים נישט:

– כ'קאָן דאָך אַליין גאָרנישט אויפטון. כ'דריי זיך אַרום, וואַרט, די בעלי־בתּים זאָלן אַריינקומען, וועלן מיר זען – אַט! –

די ווייבער טוען זיך אַ צערוק – די בעלי־בתּים גייען!

דער ערשטער רוקט זיך אַריין שמשון־אליהס, אַ נידעריק יידל מיט אַ סיוו בערדל, דער קאָפּ אָפּגעזעצט אַ ביסל אין די אַקסל אַריין, דער בליק אונטער געדיכטע, לאַנגע ברעמען אַראָפּגעלאָזט צו דר'ערד, נאָר ווען ער טוט אַ הייב־אויף פליכטיק די אויגן, ווי זיין שטייגער איז ווען ער וויל פאַרשנדיק באַטראַכטן זיין מיטשפּרעכער, זעען זיך אַ פּאָר גלאַנציקע אויגן מיט גאָלדענע הירזשעלעך, ווי גנבהשע פונקעלעך, אין די געל־וואַסערדיקע רינגעלעך אַרום די שוואַרצאַפּלען. ער טוט פליכטיק און פאַרשנדיק אַ קוק אויפן רב, לאָזט צוריק אַראָפּ די ברעמען און טוט אַ ברום אַרויס:

– נאַ, נאַדיר אַ מעשה!

– נו־נו, – ענטפערט אים אָפּ מיט אַ זיפץ דער רב.

ס'קומען אַריין די איבעריקע בעלי־בתּים, אַלע מיט ערנסטע פּנימער. דער לעצטער קומט אַריין אַן אויסגעגלייכטער, ווי אַן אַרשין, יהודה סאַפּירשטיין, אָדער ווי מען רופט אים אין שטעטל „יהודה שטעל“. מ'איז זיך מישב, וואָס מ'האָט צו טאָן, און וואו מען דאַרף גיין. דער רב גייט דערווייל אַריין אין שלאָפצימער און קליידט זיך אָן שבתדיק. ער קומט אַריין מיט דער שבתדיקער קאַפּאָטע, מיטן רויטן טיכל אויפן האַלדז, באָרד און פּאות צעקעמט, און זוכט עפּעס פאַרהאַוועט אויפן טיש, אויף דער באַנק און אין שאַפע.

— וועלן מיר גיין, רב? — טוט אַ פרעג אומגעדולדיק יהודה סאַפּיר־שטיין — ממה נפשך — — —

— אַז איך האָב נישט דאָס שבתדיקע מיצל, — ווערט דער רב נאָך פאַרטאַראַראַמטער — כ'ווייס נישט, וואו ס'איז מיר אַהינגעקומען. — — —

— ווער האָט געזען דאָס מיצל, אַ? — טוט יהודה אַ פרעג אריין אין שלאָפצימער אַריין.

דער רביצנס האַנט דערלאַנגט אַרויס דאָס מיצל. דער רב טוט עס אָן, און ער גייט אַרויס בראש פון די בעלי־בתים פון שטוב.

אינדרויסן ווערן זיי באַגעגנט פון אַ כאָפּטע ווייבער און קינדער מיט אַזאַ געיאָמער, ווי מען וואָלט אַ בר־מינן פון שטוב אַרויסגעטראָגן.

די יידישע דעלעגאַציע גייט. און דאָס יאָמערנדיקע געזינדל באַגלייט זיי. די זאַך איז דער דעלעגאַציע זייער נישט אָנגענעם און פריקרע אַפילו, נאָר ווער וועט עס זאָגן דערשלאָגענע ווייבער, זיי זאָלן נישט נאָכלויפן זעען וואָס עס וועט זיין דער גורל פון זייערע מאַנען? און די קינדער נעבעך? ווער קאָן האָבן האַרץ דערצו?

פונדעסטוועגן, ווען מען קומט שוין אַרויס הינטערן שטעטל, בלייבט שמשון־אליהס אויף אַ רגע הינטערשטעליק פון דער דעלעגאַציע, טוט זיך אַ דריי־אויס, אַ שטעק אַריין ביידע הענט אין די הויזנקעשענעס, און צעבייזערט זיך מיט אַ טאָן פון געמאַכטקייט און חידוש, ווי ער וואָלט זיך נאָר וואָס צופעליק אַרומגעזען, אַז זיי גייען נאָך:

— וואָס? איר גייט נאָך אַלץ נאָך? צון אַלע שוואַרצע יאָר! איר קערט זיך נישט אום אַהיים?

די ווייבער בלייבן שטיין אויפן אָרט תּחנונימדיק. נאָר ווען שמשון־אליהס דרייט זיך צוריק אויס צו דער דעלעגאַציע, הייבן די ווייבער איבעראַנייס אָן נאָכצוגיין, הגם שוין מיט איינגעהאַלטענערע טריט און מיט אַ פאַרשטיקטן געיאָמער. איצט בלייבט שמשון־אליהס ווידער־אַמאָל שטיין און שיסט־אויס מיט אַן אָנגעצונדן געזיכט:

— איר גייט נישט אַהיים, אַ? קערן מיר זיך באַלד איינגאַנצן אום — — —

די ווייבער שיסן אויס אַ געיאָמער, און בלייבן שטיין אויפן אָרט, ווי איינגעגראָבן.

— וואָס רויעט איר אַזוי, אַ ? — צעבייזערט זיך שמשון-אליה נאָך מער:
האָסטו געהערט ? — האָבן זיי נישט געזאָלט ראַבעווען!
ער דרייט זיך אויס און דעריאָגט מיט דראָבנע טריטעלעך די דעלע-
גאַציע און ברומט-אויס דאָס לעצטע ביסל צאָרן:
— נאַדיר שוסטערוקעס! — שוין קיין צייט נישט געהאַט! — וואָרט — — —
האָב צייט נאָך אַ טאָג — — — ס'אַ טריפהנער אָדער אין זיי — — —

די ווייבער הינטן גייען שוין מער נישט נאָך. זיי קוקן בלויז נאָך
דעם אַוועקגייענדיקן רעדל יידן, שאָקלען זיי נאָך טרויעריק מיט די
קעפּ, אַנדערע פאַרברעכן די הענט, אַנדערע פאַררייסן דעם קאָפּ און
אויגן צום הימל, און עס זעט-אויס, ווי מען וואָלט נאָכגעקוקט אַן
אַוועקגעטראָגענע מיטה.
די דעלעגאַציע לאָזט זיך גיין ווייטער, פאַרזונקען אין אַ שווערן
שווייגן. דער רב און נאָך אים שמשון-אליהס, זיפצן שווער אָפּ. זעלטן
פאַרטויעט מען צווישן זיך עטלעכע פראַזן:
— באַם רוסישן איז מען כאָטש דערצו געוואוינט געווען.
— געפּועלט, צי נישט געפּועלט — די זאַך איז אָפּגעגאַנגען טרוקן.
— ווער ווייסט, — טוט איינער אַ ציטער מיט אַ וואָנצע — צי מע:
מען גאָר גיין פאַר זיי בעטן ? גאָט ווייסט, מיט וואָס דאָס שמעקט!

— אַז מען זאָגט שוין, מען פירט זיי צו דער תליה! — טוט אַ פּער-
טער אַ זאָג, בלייבט שטיין אַ ווײַלע, און קוקט זיך אַרום, ווי ער
וואָלט אויפּפּאַסן אַ גוט אָרט צו אַנטלויפן.
— ווייס איך! — איז יהודה סאַפּירשטיין מבטל די גאַנצע שרעק מיט
אַ ביטולדיקן האַנט-זשעסט, אַרויסשטאַרצנדיק שטעלעריש די ברוסט,
ווי איינער זאָגט — איך שטעל-איין מיין לעבן דערפאַר.
געקומען אויפן הויף, וואו עס געפינען זיך די גרויסע לייט, דער-
פרעגן זיי זיך קוים באַ די אָנבאַגעגנטע עסטרייכער, מיט אַן אויס-
געפּתחטן יידיש, צו וועמען מען באַדאַרף זיך ווענדן. די באַפרעגטע
ענטפערן זייער העפלעך, און די דעלעגאַציע דערפילט איר מיסיע
פאַרלייכטערט:
— זיי לאָזן זיך רעדן, — באַמערקט איינער.

צוגעקומען צום גאַניק, וואו מען דאַרף אַריינגיין, בלייבט די דעלע־גאַציע שטיין פאַר אַ מניעה. צום גאַניק שטייט צוגעבונדן אַ פערד. נעבן פערד שטייט געבויגן אַ זעלנער אין ווייסע העמדאַרבל, אַ רויטער און פאַרשוויצטער, מיט אַ באַרשט אין דער האַנט און פוצט עס פונם שטויב. דאָס פערד שטייט זיך רויִק, אומבאַוועגלעך, און טוט בלויז צו-וויילן אַ פיינעם ציטער מיט דער פעל, צופרידן, משמעות, פונם אָנגענעמען קראַצן. באַ די נאָזלעכער לויפט אים אַלעמאָל פאַרביי אַ נערוון-אויפגערייצטקייט, נאָר זיינע גרויסע אויגן קוקן רויִק און פאַרטראַכט, ווי אַ קליין קינד אונטערן וואַרעמען צערטלען פון דער באַבעס האַנט. נאָר ווען די בעלי-בתּישע דעלעגאַציע מיטן רב בראש, ווילן מאַכן דעם ערשטן טריט אויפן טרעפּל פונם גאַניק, שטעלט זיך גראָד אַ פליג דעם פערד אונטער דער פאַכווע פונם פיס, דאָס פערד טוט אָ שוידער, טוט אַ פאָך מיטן צעשויבערטן ויידל, און די דעלעגאַציע טוט זיך מיט שרעק אַ באַוועג אויף צוריק:

— נו, וואָס טוט מען דאָ? ווי גייט מען דאָ דורך?

זיי בלייבן שטיין אין גרויסן אומגעדולד עטלעכע מינוט.

— דאָס שטיין איז דאָך קיין תּכלית נישט, — ברומט שמשון-עליהס, נאָר אָנשטאָט פאַרבייצוגיין דער ערשטער און ווייזן אַ ביישפּיל,

רוקט ער זיך נאָכמער אַרויס אויף צוריק.

זיי פרוּוון פאָרזיכטיק נאָכאַמאָל דורכגיין. נאָר פונקט אין דער רגע טוט דער זעלנער אַ פּאַטש דעם פערד אויפן הינטערחלק, סע זאָל זיך אויסדרייען, דאָס פערד טוט אַ שפּרונג־אונטער אויף די אינטער־שטע פיס, ווי אַ שטייגער, סע וואָלט וועלן מאַכן אַ קאָזשעליק. די דעלעגאַציע טוט אַ שפּרונג־אָפּ אויף צוריק מיט האַלבצוגעמאַכטע אויגן פון שרעק, און מיט אָפּווערנדיקע באַוועגונגען. זיי טוען זיך

שיצנדיק אַ פאַרשטעל הינטערן ווענטל פונם גאַניק.

— וואָס עשו איז! — קלערט דער רב: אַ פערד — אַ לעמפּערט, נישט קיין פערד, און ער שטייט זיך אַזוי נעבן אים אויף די קני און פוצט דעם בויך, ווי עס וואָלט געווען אַ קאַץ, נישט קיין פערד!

איין קאָפּע מיטן פוס ווען עס גיט אים, וואָל —

דער זעלנער, וועלכער שטייט איצט צו דער דעלעגאַציע אין פּראָפיל,

האָט אים נישט געגומען. אָך, וואָס פאַר אַן אומענדלעכע קייט פון בילדער, פון פאַרשיידנאַרטיקע זעונגען האָבן אַדורכגעווימלט, ווי אין אַ כשוף-טאַנץ, דורך זיין מידן געהירן! זיין מוח האָט געאַרבעט אָן זיין ווילן, עפּעס פון זיך אַליין. מנשה האָט עפּעס ווי נישט געגומען קיין אָנטייל אין דעם דאָזיקן שפּיל פון געפּלדיקע, צעפלאַנטערטע טראַכטונגען, אַזוי ווי דער קאָפּ זיינער וואָלט זיך אָפּגעטיילט פון אים און נישט געלעגן דאָ צוזאַמען מיט אים אויפן קישן. עפּעס אויסטערלישע פאַרבן האָבן זיך אָנגעצונדן און זיך אויסגעלאָשן פאַר זיינע שטאַרע אויגן. דערנאָך איז אַלץ מיט אַמאָל געוואָרן לער און פינצטער, און מנשה האָט זיך געמוזט אַ ריר-טון און איבערדרייען זיך אויף דער אַנדערער זייט, כדי זיך צו איבערצייגן, צי ער געפינט זיך נאָך דאָ, אין דעם אייגענעם וועלטל, אין וועלכן ער האָט זיך געפונען פריער. דאַן איז זיין בליק געפאַלן אויף אַ בלאַס פרויען-געזיכט, אַביסל אַ לענגלעכס, מיט צוזאַמענגעפּרעסטע ליפּן און מיט אַ פּאָר טיפע קנייטשעלעך אַרום די דאָזיקע ליפּן, מיט אַן איידעלער, כאָטש עטוואָס פאַרשפּיצטער גאָמבע, מיט צוויי שטרענג-פאַרמאַכטע אויגן און צוויי דינע, לאַנגע, צוזאַמענגעצויגענע ברעמען איבער די דאָזיקע אויגן, מיט אַ ווייס טיכל אַרום דעם שטערן און מיט אַ קליין, בלוי הייבל אויפן קאָפּ, מיט אַ בינטל טונקעלע האָר, וואָס האָבן זיך אַפּערגעריסן פון אונטערן הייבל, אַרום די אויערן, ביז צו די אויגן צו. מנשה האָט זיך לאַנג איינגעקוקט און זיך ענדלעך דערמאָנט, אַז דאָס איז פּעסע. זי איז געלעגן אַקעגנאיבער אים, איינגעטוליעט אין זעלדעלען, דער קאָפּ פאַרוואָרפן אָן אַ זייט. ער האָט זיך איינגעקוקט, און אונטער זיין שוואַרן, טויטן בליק איז געשען אַ וואונדער: פּעסע איז פאַרשוואונדן, און עס איז דערשינען אַ שלאַנק מיידל, אין אַ ווייסער בלוזקע, מיט טונקעלע צעפּ, מיט רויטע ליפּן, לאַכנדיקע אויגן, — אַ שוואַרץ-חנעוודיקע, אַ געשיקטע, אַ וואוילע... יענץ מיידל האָט אויך געהייסן פּעסע. און דאָס דאָזיקע וואונדערבאַרע געשטאַלט האָט זיך מיט עקשנות געהאַלטן אין מנשהס מידן מוח, ווי דער אָפּשיין פון אַ זון, וואָס איז שוין פאַרגאַנגען, ווי אַן אָפּגלאַנץ פון אַן אַמאָליקער וועלט, וועלכע איז געווען פול מיט געלעכטער, מיט בליונג, מיט פרישקייט, מיט זונענשיין, געזאַנג און געשמאַק.

סך-הכל איז פון דעמאָלט אָן נישט מער ווי אַ יאָר צוועלף. מנשה איז

ענדלעכער הערבסט-רעגן. מנשה האָט צענומען די פעק בעטגעוואַנד, אייננעריכט געלעגערס אויף דער ערד, געלייגט די קינדער שלאָפן — און פעסע האָט נאָך אַלץ געוויינט. דערנאָך איז ער אַרויסגעגאַנגען אין הויף, ג׳זוימט זיך אַ שפּאָרע ווײַלע, צוריק אַרײַנגעקומען — און פעסע איז אַלץ נאָך געזעסן אויף דעם זעלבן אָרט, פאַרשטעלט זיך ס׳פּנים מיט דער שערץ, געווישט זיך די נאָז, געהעשעט, אויפגעטרייסלט זיך יעדע ווײַלע מיטן גאַנצן קערפּער, געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט געזאָגט עפּעס אַ תּפילה, אַ תּפילה פון טרערן. ענדלעך האָט זי זיך אויפגעשטעלט, גאַנץ פאַמעלעך, און אירע דורכגעווייקטע, אָנגעשוואָלענע, רויט-געוואָרענע אויגן זענען אַ ווײַלע געבליבן הענגען אָן לעמפּל אויף דער וואַנט. זי האָט נישט געזאָגט קיין וואָרט, אויסגעצויגן זיך אויף דער ערד, נעבן זעלדעלען, דעם ייִנגסטן קינד, אײַנגעטוליעט זיך אין איר, זיך אײַנגעקורטשעט, געבליבן ליגן אין די מלבושים און — אַן אָנגעשטרענגטע, אַ צעטרייסלטע, אַ צעבראָכענע — אײַנגעשלאָפן באַלד אַ טיפן, פּײַנפולן, אומגליקלעכן שלאָף.

דאַן האָט מנשה אַראָפּגעלאָזט זיך אויף אַ שטול און גענומען פויל אַראָפּציען די שטיוול פון די פיס. צווישן דער אויסגעדרייטן מעבל, נעבן דער וואַנט, אַקעגנאיבער פעסען, האָט געוואַרט אויף אים דאָס געלעגער: אַ פּעקל מלבושים צוקאָפּנס און אַ לײַלעך אויף זיך צו פאַרדעקן. די פּאָר געלעגערס, וואָס זענען געווען צעוואָרפן איבער דער פּאָדלאָגע, האָבן פאַרנומען כמעט די גאַנצע שטוב. פון אומעטום, פון אַלע ווינקלען, האָט זיך דערטראָגן אַ שטיל אָטעמען, און מנשה האָט זיך אַזש געמוזט אומקוקן און וואַרפן אַ בליק אויף אַרום און אַרום, וואָרום אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָ שלאָפן נישט קיין פינף מענטשן, נאָר עפּעס אַ גאַנצע מחנה, אַ גאַנץ פאָלק, וואָס איז געקומען פון ווײַטע וועגן און איז דאָ אַנידערגעפאַלן און פאַרזונקען געוואָרן אין אַ שלאָף. ער איז אויף די שפּיץ פינגער צוגעגאַנגען צו דער וואַנט און אַראָפּגעדרייט נידעריקער דאָס לעמפּל; דערנאָך האָט ער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די לעצטע מלבושים און זיך פאַרקליבן אויף זײַן נאַכטלעגער שטיל, גאַנץ שטיל, וואָרום אים האָט זיך עפּעס געדאַכט, אַז אויב די דאָזיקע אײַנגעשלאָפענע וועלן אויפקומען, וועלן זיי זיך אויפזעצן און אָנהייבן צו וויינען.

און ער איז אָפּגעלעגן אַ שפּאָרע ווײַלע מיט אָפענע אויגן. דער שלאָף

ענדלעך איז דאָס גאַנצע הויזגעזינד געזעסן באַם טיש און געגעסן קרופּ־ניק מיט ברויט און חלה. נאָר דער עולם האָט פֿויל געקלימפּערט מיט די לעפֿל; די קינדערלעך האָבן זיך געריבן די אויגן, פּעסע האָט זיך יעדע ווײַלע פֿאַרשטעלט דאָס פּנים מיט דער שערץ, מנשה האָט געגעסן שטי־לערהייט. די טעלער האָבן עפּעס נישט געוואָלט ליידיקער ווערן, פֿונם ברויט און די חלה איז נישט געוואָרן ווייניקער. ענדלעך איז מענדעלע, דאָס ייִנגערע ייִנגל, צוגעפֿאַלן מיטן שטערן צום טיש און אײַנגעשלאָפֿן, האַלטנדיק באַם אָנשעפּן זופּ פֿון טעלער. חאַצקעלע האָט געלאָזט ליגן דעם לעפֿל, צוגעפֿאַלן מיטן רוקן צו דער שטול, און געבליבן זיצן מיט אָפֿע־נע, שטאַרע אויגן. דער שלאָף האָט דאָ אַרומגעבלאָנדזשעט אַרום טיש, פֿאַריאָגט דעם רייץ צום עסן און געבונדן אַלע מיט קליינע פּעדעמלעך. דאָס קלאַפּן פֿון די לעפֿל האָט אָפּגעקלונגען ווי דורך אַ נעפּל, די אָפּ־געריסענע פּאָר ווערטער, וואָס זענען דאָ געפֿאַלן, זענען געווען ווי די ווערטער פֿון טרוימענדע. זעלדעלע, דאָס קלענערע מיידעלע, וועלכע האָט זיך דוקא צוגערוקט צום טעלער, האָט צום לעצט, אָן אָנגעשטרענגטע און אַ מידע, אויך געלאָזט ליגן דעם לעפֿל, נישט אָוועקגעמאַכט זיך צומאָל די האָר, וואָס זענען איר אַריבערגעפֿאַלן איבער די אויגן, ברייט געעפֿנט דאָס מויל און אָנגעהויבן צו וויינען.

— וואָס ווילסטו נעבעך האָבן פֿון די קינדער? — איז ענדלעך מנשה אַרויס פֿון זײַן שווייגן — וואָס פּייניגסטו זיי? זיי חלשן שלאָפֿן, און זי אַלץ מיט איר עסן און עסן!

פּעסע האָט גאָרנישט געענטפֿערט, נאָר אויפֿגעהויבן די שערץ און פֿאַר־שטעלט זיך ביידע אויגן. פֿון אַלע ווינקלען פֿון איר האַרצן האָבן געגו־מען ריזלען קוועלעכלעך טרערן; זי האָט געוויינט אָן אויפֿהער, מיט איר גאַנצן וועזן, מיטן קערפּער און מיט דער נשמה. אַלץ, וואָס האָט זיך איר אָנגעזאַמלט אויפֿן האַרצן אין פֿאַרלויף פֿונם גאַנצן מעת־לעת, די שטיינערנע רויקייט, אין וועלכער זי איז געווען אַ גאַנצן טאָג ווי פֿאַר־גליווערט, די עקשנות, מיט וועלכער זי האָט אָפּגעקאָכט עסן, די פֿאָר מינוט פֿון געגנאַרן זיך אַליין, פֿון טרייסט און פֿאַרגעסנהייט, דער דאָזי־קער גאַנצער פֿלאָנטער, אין וועלכן זי האָט נישט געוואוסט ווי אײַן און ווי אויס, — אַלץ, אַלץ האָט זיך אויפֿגעלעזט אין טרערן, וועלכע זענען געפֿלאָסן אַ לאַנגזאַמען, לאַנגזאַמען שטראָם, אַזוי ווי אַ פֿאַמעלעכער, אום

בּנכט צוּרוּבגעצויגן דאָס טיכל צוּרוּם דעם שטערן. זי האָט נישט מער געקאָנט פאַרבלייבן אין דער מילדער רויקייט, אין וועלכער זי האָט זיך פאַר אַ ווײַלע געפילט אַזוי גוט און צופרידן; זי האָט נישט מער געקאָנט זיין מיט זיך אַליין, זי וואָלט וועלן פון זיך אַנטלויפן. זי האָט צוגעלייגט אַ פּאָר שטיקלעך האָלץ צום פייער, געקוקט צו די טעפלעך און געפּראוווט, צי די קאַרטאָפל זענען שוין ווייך. דערנאָך האָט זי זיך פלוצלינג אָן עפּעס דערמאָנט.

— מנשה, וועכט נישט זעען צו די קינדער? אוי ווי מיר נישט געשעען, אַ גאַנצן טאָג גאָרנישט געהאַט אין מויל, די קינדער וועלן מיר נעבעך איינגיין.

און איידער נאָך מנשה האָט זי רעכט פאַרשטאַנען, האָט זי זיך שוין אַהינגעשלייכט דאָרטן אין ווינקל, וואו די קינדער זענען געשאָפן צווישן די אָנגעוואָרפענע זאַכן.

— חאַצקעלע!—האָט זי געגומען רופן, אַראָפּלאָזנדיק זיך אויף די קני,— חאַצקעלע!

דאָס ייִנגל האָט זיך אַפילו קיין ריר נישט געטאָן, ער איז זיך געשלאָפן גאַנץ געשמאַק, צונבלאָזנדיק די באַקן און פאַרוואַרפנדיק די הענט ווייט אַריבער איבערן קאָפּ. דאַן איז פּעסע צוגעפאַלן צו אים, ווי מיט אַ געבעט, און האָט אים אַרייגעהויכט גלייך אין פּנים אַריין אירע הייסע ווערטער:

— חאַצקעלע! קינד מיין... חאַצקעלע!

זי האָט זיך צעשלוכצט.

— חאַצקעלע, הערסט נישט, די מאַמע שטייט פאַר דיר? אַז די מאַמע וועקט דיך, ווילסטו נישט אויפשטיין? ביסט גאָרנישט הונגעריק? ווילסט נישט עסן?

און אַז דאָס ייִנגל איז שוין געשטאַנען אויף די פיס, רייבנדיק זיך די אויגן, האָט זי אַלץ נאָך געגאָסן טרערן.

— גיי, חאַצקעלע, וועסט עפּעס עסן... שטראָף מיך וויפל דו ווילסט, רבונו של עולם, נאָר לאָז מיר גיין מיינע אָרעמע עופעלעך, זאָלן זיי נישט ליידן, נעבעך, פאַר מיינע חטאים. הינדעלע, הינדעלע!... הערסט נישט, די מאַמעשי רופט דיך? הינדע-לעבן קרוין, שטיי אויף, שטיי אויף, טאָכטערשי, פאָלג אַ מאַמעשי, פאָלג!...

בינען, וואָס פלאַטערן אַרום אין זונענשיין, אַ שטראַל האָט אויפגעלויכטן אין איר האַרצן; איר איז איינגעפאַלן, אַז זי האָט שוין אַ סך מאָל פאַרברענגט אָט אַזוי, זיצנדיק באַם איוועלע, שוין אַ סך מאָל, נאָך אין איר מאַמעס שטוב און אויך דערנאָך, אין די שפּעטערע יאָרן. מנשה האָט זיך דערמאָנט, אַז די שער און די קאָלערלעך גאַרן ליגן אין קליידער־שאַנק; מאָרגן אין דער פרי, טאַקע באַלד פאַרטאָגס, וועט ער זיך נעמען צום שטיקל אַרבעט, וואָס ער האָט אָנגענומען פונם פריץ; ער וועט שוין אַדאַי נישט פאַרטיק ווערן פאַר דאָנערשטיק, נאָר ער וועט דעם פריץ איבערבעטן, דערציילן אים אַלץ, די גאַנצע מיאוסע געשיכטע.

— פּעסע, — האָט מנשה זיך אָנגערופן מיט אַ פאַרטראַכטער שטים — ווייסט נישט, וואו זיי האָבן פאַרוואָרפן ס׳פּלעט־אייזן?

— זיי זאָלן אַזוי וויסן פון זייער הענט און פיס — האָט פּעסע געזאָגט ווי צו זיך אַליין — ווי כ׳ווייס, וואו זיי האָבן עפּעס אַהינגעטאָן.

— מאָרגן באַלד פאַרטאָגס — האָט מנשה געזאָגט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין — וועל איך מיך, בלי נדר, נעמען צום שטיקל אַרבעט. אַ גליק, איך מיין וואָרט, וואָס איך האָב נאָך צוגעשניטן פרייטיק.

— מאָרגן באַלד פאַרטאָגס וועסטו זיך נעמען צום שטיקל אַרבעט? — האָט פּעסע אַזוי ווי אויסגעשריגן — און אַלץ וועט בלייבן שטיין אין אַזאַ שוואַרץ פינצטער מעמד? און פון מיין שטוב וועט ווערן אַ סדום-ועמורה?

מנשה האָט נישט געוואוסט, וואָס צו זאָגן.

— דער פריץ וועט מיך אויפעסן לעבעדיקערהייט — האָט ער ענדלעך אַרויסגעשטאַמלט.

— וועסט אים אַלץ דערציילן... וועסט אים אַלץ דערציילן... — מער האָט פּעסע נישט געקאָנט אַרויסברענגען.

און דער שטראַל, וואָס האָט געהאַט ויפגעלויכטן אויף אַ ווײַלע אין איר האַרצן, איז פאַרלאָשן געוואָרן. מנשה האָט זיך אויפגעשטעלט פון דער שטול און גענומען גיין אַרויף און אַראָפּ איבער דער שטוב. ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, געשטאַנען אַ ווײַלע, אַרויסגעקוקט דרויסן, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט אין דער היטער נאַכט, און ווידער גענומען אויסמעסטן די שטוב מיט זיינע לאַנגזאַמע טריט. פּעסע האָט זיך ווידער

נען זיי נישט געזעסן אָט אזוי, לויט זייער אייגענעם ווילן, פאַר זיך און
מיט זיך. אין שטוב איז געווען שטיל, די קינדערלעך זענען אַלע גע-
שלאָפן. זיי זענען געווען מיד ווי די פליגן; אַזוי ווי מ'האָט נאָר אַריינ-
געוואָרפן די זאכן אין דער נייער דירה אַריין, זענען זיי באַלד געפאַלן
פון די פיס, איטלעכעס אין אַן אַנדער ווינקעלע, אויף די פעקלעך בעט-
געוואַנד און מלבושים. דאָס לעמפל אויף דער וואַנט האָט געלויכטן אַזוי,
ווי עס וואָלט נישט וועלן שטערן די ליבע רויִקייט מיט אַ צו-שאַרפן
ליכט; עס האָט אויסגעבילדעט אַ ליכטיק רעדל אויפן סופיט. צעשיקט אַ
פאָר רויטלעכע פלעקן איבער אַלע פיר ווענט, און זיך אַריינגעגליטשט
מיט זיינע אומדרייסטע שטראַלן דאָרט-אַהין אין די ווינקלען, וואו דאָס
מעבל איז געווען אוי גמישט מיט שאָטנס, וואו די קליידער-שאַנק
איז געלעגן אומגעדרייט, דער שפיגל איז געשטאַנען מיטן גלאָז צו דער
וואַנט, און פאַרשיידענע אַנדערע זאַכן זענען געווען צוזאַמענגעוואָרפן,
ווי נאָך אַ שטורעם. און אָט אַזוי זענען פעסע און מנשה געזעסן, איינגע-
זאַפט אין זיך די רויִקייט און גאָרנישט מער געטון, ווי געצויגן דעם
אָטעם און זיך פאַרקוקט מיט אַ שטאַרן בליק ערגעץ אַוועק פאַר זיך.
שוין אַ גאַנצן מעת-לעת האָבן זיי זיך נישט געקאָנט פאַרגינען אַזאַ
פאַרגעניגן; זיי האָבן נישט געהאַט קיין צייט זיך אומצוקוקן, זיך צו
באַטראַכטן, אָפּגעבן זיך אַ רעכענונג; זיי האָבן נישט געהערשט איבער
זיך, זיי זענען געגאַנגען זייער וועג, אונטערגעטריבן פון עפּעס אַ גרוי-
סער, לאַנגער בייטש, וועלכע האָט זיי געשמיסן, געפאָכעט מיט אַ דראָונג
איבער זייערע קעפּ און זיי געיאָגט און געיאָגט... און אָט רוען זיי
זיך אָפּ. די דאָזיקע טומלדיקע זון איז אונטערגעגאַנגען, ענדלעך, ענד-
לעך אונטערגעגאַנגען, נאָכדעם ווי זי האָט לאַנג זיך געהאַלטן אין הימל
און אַריינגעדרונגען אומעטום מיט אירע אומנייטיקע שטראַלן; אָך, דער
טאָג האָט ווירקלעך געדויערט צו לאַנג. און פעסע מיט מנשהן, אַרויס-
קוקנדיק דורך די פענצטער און זעענדיק דרויסן אַ טונקעלע נאַכט, האָבן
געפילט, אַז צוזאַמען מיט דער זון, וועלכע האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון
הימל, האָט זיך אויך אַראָפּגעגליטשט אַן אומגעהייערע משא פון זייערע
פלייצעס. פעסע האָט זיך איינגעהאָרכט אין ברומען פונם טשייניק, און
די דאָזיקע מעלאָדיע, די צניעותדיקע, די היימישע, האָט זי צרומגעהו-
זשעט מיט אַ גאַנצן שוואַרם ערינערונגען, אַזוי ווי אַ מחנה גלאַנציקע

איז זי געווען צופרידן: די פייערקעס זענען געווען גאַנץ, נעבן אייוועלע איז געווען אַ ווינקל, וואו מ׳האָט נעקענט האַלטן האָלץ, טאָרף און פאַרשידן אַלטוואַרג. די שויבן אין די פענצטער זענען געווען גאַנץ, די לאָדנס האָבן געהאַט קייטלען. זי האָט אויך שוין געזען דעם קעלער, זי איז פון אים געווען צופרידן, וואָרום ער איז געווען גענוג געראַמיק און נישט בלאָטיק. זי האָט באַרעכנט, אַז צווישן די צוויי פענצטער וועט מען קענען פונקט אַריינפּאַסן דעם שניידער-טיש. זי האָט שוין געהאַט אָנגעצונדן דאָס לעמפּל און אויפגעהאָנגען עס אויף אַ נאָגל, וועלכן זי האָט געפונען אויף אַ וואַנט; די בלומענטעפּ האָט זי שוין צעשטעלט אויף די פענצטער; זי האָט שוין אַרויסגעזוכט דעם טשייניק, אַ פּאָר טעפּלעך, זי האָט נאָך געפונען אין אַ טאָרבעלע ברויט און חלות און אַ ביסל קאַרטאָפל אין אַ זעקל. זי איז ווידער אַריין אין קרייז פון אירע אינטערעסן, זי האָט, ווי אַ פויגל, שנעל פאַרשפּרייט אירע פליגל איבער דעם נייעם נעסטל; אין דעם רוישיקן ים, אין וועלכן זי איז פּלוצלינג און מיט אַזאַ אימפּעט אַריינגעשליידערט געוואָרן, האָט זי געפונען אַ רעטונגס-ברעט און זיך אָנגעכאַפּט אָן אים מיטביידע הענט. כאָטש זי האָט געהאַט אַ פּ.אַנטערניש אין קאָפּ און אַ נעפּל אין האַרצן, דאָך האָט זי געפונען אין אירע באַשעפטיקונגען אַ ליב פאַרגעסנהייט; זי האָט געטון אַלץ מיט אַן אומרויקער געשווינדקייט, ווי זי וואָלט מורא האָבן, אַז זי וועט פאַרשפּעטיקן און מ׳וועט איר אויסכאַפּן; זי האָט נישט געפילט קיין מידקייט און קיין הונגער; צערומציענדיק פעסטער דאָס טיכל אַרום דעם שטערן, האָט זי צעהאַקט האָלץ און געמאַכט פייער. דערנאָך, אַז דער פלאַם האָט שוין לעבעדיק אַרויסגעשפּריצט דורך אַלע פייערקעס און דאָס האָלץ האָט הימלעך געקנאַקט אין אייוועלע, האָט זיך פּעסע לאַנג גענישטערט צווישן די אָנגעוואָרפענע זאַכן און אַרויסגעזוכט אַ קאַן,

— נאַ, גיי — האָט זי געזאָגט צו מנשהן — ברענג אַריין אַ ביסל וואַסער, וועט מען מאַכן עסן.

און אַז דער טשייניק האָט אַ ווײַלע שפּעטער גענומען אונטערברומען זיין לאַנגזאַמע מעלאָדיע, איז אין דער דאָזיקער שטוב געווען עפּעס טרויעריק-היימלעך. פּעסע איז געזעסן נעבן אייוועלע, מיט פאַרלייגטע הענט; מנשה — אין אַ זייט אויף אַ שטול. שוין אַ גאַנצן מעת-לעת זע-

וואוסט, וואָס ס׳טוט זיך מיט אים, און האָט זיך בשום אופן נישט גע־קאָנט פונאנדערקלייבן אין דער קופּע זאַכן, וועלכע מ׳האָט פון וואָגן גלייך אריינגעוואָרפן אין שטוב אַריין, צונויפגעמישט אַלץ אינאיינעם. פון נישט שלאָפן אַ גאַנצע נאַכט האָט ער געהאַט רויטע אויגן; פון דעם טומל, אין וועלכן ער איז געווען פארטראָגן אַ גאַנצן פעליקן טאָג, האָט ער געהאַט אַ צעמישעניש אין קאָפּ; ער האָט אַ גאַנצן טאָג גאָרנישט געהאַט אין מויל און דורך דער דאָזיקער קורצער צייט איז ער עפּעס קלע־נער געוואָרן, די בליצעס זענען אים געוואָרן שמעלער, דער האַלדז דינער, די נאָז שפּיציקער, די אויגן איינגעזונקענער, און דאָס בלאַסע פּנים האָט זיך אים עפּעס אַריינגערוקט, אַזוי אַז די בלאָנדע וואָנסן מיט דעם העלן, ברייטן בערדל האָבן זיך אויסגעוויזן נאָכאַמאָל אַזוי גרויס ווי פריער. און אַרום זיין האַריק מויל איז אַלץ נאָך געלעגן דער טרוי־עריקער שמייכל, וועלכער האָט זיך דאָ צעשפּילט די פּאָריקע נאַכט, בשעת די אויספאָרשונגען. דער דאָזיקער מאַנספאַרשוין, כאָטש ער איז פארשלעפּט און מיטגעצויגן געוואָרן דורך דעם ווירוואַר פון די רעטזל־האַפטע געשעענישן, דאָך האָט ער עפּעס אינסטינקטיוו נישט געגלייבט אין דעם אַלעם; יאָ, מ׳האָט אים אָפּגעטון אַ מיאוס שטיקל, מ׳האָט אים צעגנישטערט, אים געיאָגט און געפּלאָגט, — אָבער ערגיץ אין אַ ווינקל פון זיין מוח איז אַלץ נאָך געבליבן אַ געפלהאַפטער באַוואוסטזיין, אַז דאָס אַלץ איז פאַרט נאָר עטוואָס אַזעלכעס, פון וואָס מ׳דאַרף נישט מער ווי שמייכלען. דער טרויעריקער שמייכל איז געבליבן פאַרשטאַרט אַרום זיינע ליפּן און האָט אויך אַרויסגעקוקט פון זיינע בלאָנדזשנדיקע אויגן.

ער האָט שוין געהאַט צונויפגעקלאַפּט די לייסטן פון אַ בעט, נאָר ער איז אָפּגעשטאַנען אין דער מיט און איז געבליבן זיצן מיט אָפּגעלאָזענע הענט אויף דר׳ערד, אויף אַ פּאַק בעטגעוואַנד.

— וואָלסט ליבערש געמעגט מאַכן עפּעס צו עסן — האָט ער זיך מיט אַ מאַטער שטים אָנגערופן צו פעסען.

פעסע איז אַרומגעגאַנגען, דעם שטערן פעסט אַרומגעצויגן מיט אַ טאַשנ־טיכל, זי האָט געהאַט קאָפּווייטיק. נאָר זי האָט זיך פון דעם גאָרנישט געמאַכט. זי האָט זיך שוין באַקענט אַביסל מיט דער נייער דירה, אַרומ־געקוקט זיך, ווי אַזוי מ׳וועט זיך דאָ קענען איינאָרדענען. פון דער קיך

פלאַכטן זיי מיט די בלעטער און געבילדעט אַ שטיל-לייכטנדיקן קראַנץ.
אַלץ איבעריקס האָט זיך שוין פאַרהילט מיט שאָטנס און זיך אָנגעבריים
אַקעגן דער אָנקומענדיקער נאַכט.

די שטערן זענען שוין געשטאַנען אין הימל, ווען אין יענעם געסל האָט זיך באַוויזן אַ קרומע געשטאַלט, שלעפנדיק זיך און קלאַפנדיק מיט אַ שטעקן איבער די שטיינער. דער לאָמער בעטלער איז אָנגעקומען פון דאָרף, מיט אַ פולער טאָרבע אויפן רוקן. ער האָט שוין געהאַט אָן אַלעם פאַרגעסן, ער איז צו צום טויער, און געפינענדיק עס פאַרהעמערט, האָט ער גענומען קלאַפן און שטאַמפּערן און האָט ענדלעך אָנגעהויבן שרייען:

— צו אַלע טייוואָלאָנים פון דער וועלט! ווער האָט דאָ פאַרשלאָסן אַזוי פרי? אַ דונער זאָל עס דערשלאָגן, עפנט!

אין אַ דריטן הויז האָט זיך שטיל געעפנט אַ טיר; אַן אַלטער גוי מיט אַ גרויען קאָפּ איז אַרויסגעקומען פון דאָרט און צוגעגאַנגען צום בעטלער.

— שש, קלאַפּט נישט, קלאַפט נישט... גייט אַוועק פון דאַנען... דאָ האָט זיך באַזעצט דער טייוול...

דער לאָמער בעטלער האָט זיך פלוצלינג אָן אַלעם דערמאָנט.

— גאָט מיינער! גאָט מיינער! — האָט ער אויסגערופן מיט אַ קלאָג-שטים און האָט זיך גענומען אַוועקגיין פון דאַנען, קלאַפנדיק האַסטיק מיטן שטעקן אָן די שטיינער פון גאַס. ער האָט זיך שוין צומאָל נישט אומגעקוקט, ער איז אַוועק פון דאַנען אַזוי גיך, ווי עס האָבן אים נאָר דערטראָגן די לאָמע פיס. אין אַ ווײַלע אַרום איז ער אַרויס פון יענעם געסל און זיך געלאָזט צוריק אויפן וועג צום דאָרף צו.

# VII

משה פערקאָל האָט נאָך דעמזעלבן אָוונט געפרואווט פונאַנדערשטעלן דאָס מעבל אין דער נייער דירה, לויט דעם פּלאַן, וואָס ער האָט אויסגעטראַכט צוזאַמען מיט ר׳ יואלן; נאָר ער איז געווען מיד און מאַט, די הענט האָבן אים נישט געדינט, ער האָט נישט גע-

און אַרום און דערגרייכט מיט די פראַנזן ביז צו דער ערד אַראָפּ. זי איז געווען אַ הויכגעוואַקסן מיידל, וואָס האָט אַריבערגעשטיגן מיטן קאָפּ איבער אירע צוויי באַגלייטער; איר פלאַקס-קאָלירטער קאָפּ האָר האָט אָפּגעשלאָגן צווישן די צוויי טונקל-געקליידטע מענער ווי אַ קליינע זון פון העלן מעש. די דריי מענטשן זענען געגאַנגען פּאַמעלעך, נישט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט, זיי האָבן בלויז געוואָרפן פרעגנדיקע בליקן אַרום און אַרום, אויף די שטיינער פון גאַס, אויף די נידעריקע הייזלעך. זיי זענען געווען אַזוי ווי מענטשן, וואָס קומען אויף אַ לויה צו שפּעט, ווען מען האָט שוין אַראָפּגעלאָזט דעם מת אין קבר אַריין און דער עולם איז זיך שוין פונאַנדערגעגאַנגען. ענדלעך האָבן זיי באַמערקט דאָס הויז מיט די פאַרשלאָגענע פענצטער און זענען פלוצלינג געבליבן שטיין; באַ פוילינען האָט דאָס האַרץ שטאַרק אַ קלאַפּ געגעבן. „באָזשע"... האָט זי שטיל אַ מורמל געטון. די צוויי מענער האָבן געשוויגן. דאָס אָוונט-ווינטל האָט געפאַלדעוועט די ברייטע פעלערינע פונם דאָקטאָר און אונטערגעהויבן פוילינעס טערקישע טוך. ענדלעך האָבן זיי זיך געלאָזט גיין ווייטער און זענען פאַרשוואונדן אין אַן עק גאַס.

און די זון איז שוין ענדלעך געשטאַנען אויפן סאַמע ראַנד פון האָריזאָנט. זי האָט געמאַכט אַ ווייטן וועג איבערן הימל, האָט אַ גאַנצן טאָג אַזוי ווי אַדורכגעשטאָכן די ערד און די לופט מיט אירע צעגליטע, וויבּרירנדע שטראַלן; זי האָט אַריינגעדרונגען אומעטום, אַדורכגעזאַפּט מיט זיך אַלץ און אַלעמען, צונויפגעמישט זיך מיט דער גאַנצער וועלט, זיך צעשייט און איבערגעגעבן, מיט אַן אומענדלעכער פרייגיביקייט און אַ יוגנטלעכער התלהבות און אַט האָט זי זיך צוריקגעצויגן, אַן איינזאַמע און איז געשטאַנען אַן אָפּגעקילטע און אַ מידע, דאָרטן ווייט, אין עק הימל, וואו עס האָט זיך נישט פאַרבלאָנדזשעט קיין איינציקער וואָלקן; זי איז געשטאַנען אַ בלוטיק-רויטע, אַריינגעטריפט אין דער לופט אַריין אַ ראָזאָוון ציטערדיקן שימער און געוואָרפן בלאַסלעך-רויטע שטרייפן איבער אַלע זייטן פון הימל. בלויז דאָ און דאָרט, מאַנכע פענצטער, האָבן זיך אָנגעצונדן, זיך צעפלאַקערט און צוגעשיקט אַ גאָלדיק-רויטן שימער דער אונטערגייענדער זון; מאַנכע מויערן האָבן געענטפערט מיט אַן אָפּשיין; די רויטע דאַכאָווקעס אויף מאַנכע דעכער האָבן צוריקגעוואָרפן אַן אָפּגלאַנץ; מאַנכע ביימער-שפּיצן האָבן נאָך פאַרהאַלטן די לעצטע שטראַלן, פאַר-

צווישן די ווענט פון דעם דאָזיקן הויז, האָט זיך איינציקווייז אָפּגעשטעלט, און דאָס הויז איז ענדלעך געבליבן שטיין א טויטס. דאַן, אַז דער לעצטער לעבעדיקער קלאַנג איז פארשוואונדן, איז געקומען דער ווירט, פאררינלט דאָס טויער און פארשלאָגן עס מיט אַ לייסט; דערנאָך האָט ער צוגעלענט די לאָדנס און אזוי ווי זיי האָבן זיך נאָר פארמאַכט פון אינעווייניק, האָט ער זיי פון דרויסן פארשלאָגן מיט ברעטער. דאָס הויז האָט פארמאכט די אויגן און איז געבליבן שטיין אזוי ווי באגראָבן. די נאכט האָט זיך אָנגעוואָרפן איבער דעם, כאָטש דער הימל איז נאָך גע-ווען ליכטיק און די זון איז נאָך נישט געווען אונטערגעגאנגען.

מיטן אָנקומען פונם אָוונט, האָט זיך אויך שוין כמעט אינגאַנצן איינגע-שטעלט די באַוועגונג אין יענעם געסל. בלויז צוויי יונגעלייט זענען נאָך דאָרט געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ און זיך שטאַרק געאַמפּערט.

— פאַנאַטיזם! אבערגלויבן! — האָט זיך געהיצט איינער, אַ יונגיטשקער, מיט אַ רונדיק קאַפּעלושל אויפן קאָפּ.

— אויב דו ביסט אַזאַ חכם, טאָ זאָג, וואָס דאָס איז געווען! — האָט אים איבערגעהאַקט דער צווייטער.

— אַ מויז! — האָט אויסגערופן דער ערשטער מיט זיכערקייט.

דער צווייטער האָט זיך הילכיק צעלאַכט.

— איך וועל דיר געבן אַ הונדערטער, אַ טויזנטער, אויב דו וועסט זיך דערוועגן איבערצושלאָפן דאָ כאָטש איין נאַכט...

זייערע שטימען האָבן אָפּגעהילכט אינם עק פון געסל, און זיי האָבן זיך אַריינגעדרייט אין אַ צווייטער גאַס.

דאַן זענען ערשינען פון ערגעץ די סילועטן פון דריי מענטשן, וואָס זע-נען געקומען מיט שטילע שריט, אַזוי ווי מיט א גרויסער פאָרזיכטיקייט. עס זענען געווען: דער פוילישער דאָקטאָר ליפּסקי, זיין יינגערע שוועס-טער, פוילינע, און דער לערער פון דער פוילישער פאָלקס-שול, מיכאַ-ליאַק. דער דאָקטאָר האָט געטראָגן אַריבערגעוואָרפן איבער די אַקסלען אַ ברייטע שוואַרצע פעלערינע, אַזוי ווי אַ טאָגע, און אויפן קאָפּ אַ גרויסן ווייסן פּאַנאַמאַ-הוט, געקניייטשט פון אַלע זייטן, מיט אומגעהייער-גרויסע ראַנדן; דער לערער איז געגאַנגען אין אַן איינפאכן, אַביסל פארשמעלטן שוואַרצן אַנצוג און דעם הוט האָט ער געטראָגן אין האַנט; פוילינע האָט געהאַט אויף זיך אַ גרויס טערקיש טוך, וואָס האָט זי אַרומגעהילט כמעט אַרום

וועג, האָט אויך באַהערשט איר מוח און האַרץ, און זי האָט געהאַט דאָס אומהיימלעכע באַוואוסטזיין, אַז אירע טעג און נעכט, אַלע שעהן פון איר לעבן זענען געוואָרן פאַרווירט, צעדרייט, צענומען, צעשויבערט און צעפּלאָנטערט.

דער וואָגן איז אַרויס פון יענעם געסל, באַגלייט מיט די שטומע בליקן פון אַ גרויסן עולם, און זיך אַריינגעדרייט אין אַ צווייטער גאַס אַריין. פון אַלע טירן זענען אַרויס מענטשן, אין אַ ע פענצטער האָבן זיך באַוויזן פּנימער... די מעשה, וואָס האָט פּאַסירט אין יענער גאַס, אין יענעם הויז, אין יענער שטוב, איז איצט צעריסגעפאָרן אין שטאָט אַריין, געשלעפּט זיך פּאַמעלעך פון גאַס צו גאַס און צעריינגעהויכט איר טונקעלן ווייך אין אַלע ווינקלען פון שטאָט. דער פורמאַן איז גלייכגילטיק געגאַנגען נעבן פערד, געהאַלטן אין האַנט די בייטש און נישט געפּרוּווט צום ל מיט איר אַ טראַסק-טון; דאָס פערד האָט פויל געשלעפּט די פיס און טיף אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווי עס וואָלט אויך געוואוסט וועגן יענער מעשה און זיך וועגן איר פאַרטראַכט; די רעדער האָבן איינטאָניק גע-ראָלט איבער די שטיינער; די הילצערנע זאַכן אויפן וואָגן, האָט זעגען געווען אַרומגעצויגן מיט שטריק, האָבן זיך געטרייסלט, אָנגעשטויסן איינס אָנס אַנדערע, ווי אומצופרידענע און דערצאָרנטע: פּעסע מיט די קינדער זענען שטילשווייגנדיק נאָכגעגאַנגען פון הינטן, ווי אויף אַ לוויה. און דער דאָזיקער קליינער צוג, אויף וועלכן אַלע דורכגייער האָבן זיך אָפּ-געשטעלט און אים שטום באַטראַכט, האָט מיטגעפירט מיט זיך אַ קעלט און אַ שאָטן, וועלכע זענען אַריינגעטריפט געוואָרן אין דער גאַנצער שטאָט.

די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריק. דער אָוונט איז שוין געווען נאָענט. דאָס הויז אין יענעם געסל איז שוין געווען כמעט אינגאַנצן ליידיק, אַלע שכנים האָבן זיך שוין אַרויסגעצויגן. בלויז מאַנכע האָבן נאָך אַרויסגע-נומען דאָס אַלטוואַרג, וואָס איז געלעגן אין די קאַמערן אויפן הויף; די ווייבער האָבן אַראָפּגענומען די וועש, וואָס איז פונקט געהאָנגען אויפן בוידעם, אַלץ איינס, צי זי איז געווען טרוקן אָדער נאַס, מאַנכע האָבן נאָך אַוועקגעטראָגן די עופות, וואָס זיי האָבן געהאַט שטיין אין שטייגן. אַלץ, וואָס האָט געלעבט און וואָס איז געווען פאַרקניפּט מיטן לעבן, איז אַוועקגענומען געוואָרן פון דאַנען. דער פּוּלס, וואָס האָט געקלאַפּט

דאָזיקע בלומענטעפּ האָט זי נאָך געהאַט פון איר עלטערן-הויז; זי האָט זיי באַקומען אַמאָל, ווען זי איז נאָך גאַנץ יונג געווען, פון עפּעס אַ באַקאַנטער גערטנערין. זיי זענען געווען עדות פון אירע מיידלשע יאָרן; צוזאַמען מיט זיך, האָט זי אַריינגעברענגט צו איר מאַן אין שטוב אויך די בלומענטעפּ, וועלכע האָבן איינגעזאַפּט אַ גרויסן טייל פון איר שטילער, קינדישער איבערגעגעבנקייט. זייערע קלייגע שטאַמען מיט דעם גרינעם געבלעטער, פון צווישן וועלכן עס האָבן אַרויסגעשמייכלט צובליטע רויטע גלעקלעך, זענען געווען הויך צעוואַקסן און האָבן אַריבערגעשטייגט איבער די קליינע קעפּלעך פון די קינדער, וואָס האָבן זיי געטראָגן.

ענדלעך האָט זיך דער וואָגן גערירט פון אָרט. רב יואל מיט מנשהן זענען שוין אַוועקגעגאַנגען מיט אַ ווײַלע פריער, באַקוקן די נייע דירה און באַרעכענען פריער-אויס, ווי אַזוי מען וועט דאָרט צעשטעלן דאָס מעבל. פּעסע מיט די קינדער זענען נאָכגעגאַנגען פון הינטן. פּעסע האָט געהאַט גרומגעוויקלט דעם קאָפּ מיט אַ טוך, זי איז געווען אַזוי ווי איינגעקורטשעט. די געשעענישן זענען געקומען צו שנעל איינע נאָך דער אַנדערער, אַזוי אַז זי איז געווען אין עפּעס אַ ווירוואַר; זי האָט זיך נישט געקענט פונאַנדערוויקלען אין די אייגענע געדאַנקען, זי האָט נישט געקענט גענוי באַגרייפן דעם צוזאַמענהאַנג פון דעם אַלעם. מיט אַ קורצער צייט פריער זענען נאָך די דאָזיקע זאַכן, וועלכע מען פירט פאַר איר אויפן וואָגן, געשטאַנען אין אַ געוויסן סדר, דאָס זענען געווען בעטן, שענק, טיש און בענקלעך, צווישן וועלכע זי איז אַרומגעגאַנגען ווי אין אַ גוט-איינגעאָרדנטער מלוכה, דערפילט אירע אויפגאַבן, און זיך געגאַנגען מיט אַ זיכערן שריט צו עפּעס אַ זיכערן צוועק און אָט איז אַלץ צענומען, צעלייגט, צעדרייט און פונאַנדערגעוואָרפן. און וואַרפנדיק אַ בליק אויפן וואָגן, האָט פּעסען פאַרקלעמט באַם האַרצן. זי האָט זיך נאָך פעסטער אַרומגענומען דאָס טוך איבערן קאָפּ און האָט דערשפּירט אַ קעלט אַרום זיך. זי האָט דערזען עפּעס אַ רוינע, זי האָט דערפילט, אַז זי האָט זיך פאַרלוירן אין די רויקע שטעגן פון איר ביזאַהעריקן לעבן. וואוהין פאָרט דער וואָגן און וואו וועט ער זיך אָפּשטעלן? פּעסע האָט זיך געוואַקלט אויף די פיס, וואָרום דער מישמאַש, וואָס האָט באַהערשט איר ווירטשאַפט, פונאַנדערגעוואָרפן איר שטוב און אַרויסגעשטויסן זי אויף עפּעס אַ פרעמדן

העלפט ליבערש אַרויסטראָגן די זאַכן! טוט זיך אויס די יובעצעס,
שטייט נישט!

און אַזוי ווי אַ חברה קינדער האָבן זיך דערווייל ארויפגעכאַפּט אויפן
וואָגן, האָט ער זיך געווענדט צום פורמאַן:

— גיט נאָר אַהער די בייטש! איך וועל זיי דאָ ווייזן, די שקצים! צענדליקער הענט האָבן זיך געפונען גרייט צו דער אַרבעט. די קלענערע זאַכן האָט מען דערלאַנגט דורך די פענצטער, די גרעסערע האָט מען אַרויסגעטראָגן דורך דער טיר. מנשה איז מיטגעשלעפּט געוואָרן מיטן שטראָם, ער האָט מיטגעאַרבעט צוגלייך מיט אַנדערע. דער פורמאַן און רב יואל זענען געשטאַנען פאַרשוויצטע אויפן וואָגן און פונאַנדערגעלייגט די זאַכן. דערביי האָט זיך רב יואל אַרויסגעוויזן פאַר זייער געשיקט און באַרעכנט. ער האָט אַלץ אַזוי קונציק צעשטעלט, אַז כאָטש דער וואָגן איז נישט געווען איבעריק גרויס, דאָך איז געווען פּלאַץ פאַר אַלעם. דעם וואַנט-שפּיגל האָט ער אַריינגעפּאַסט צווישן צוויי גרויסע פּעק בעט-געוואַנד, אַזוי אַז ער איז געווען כמעט פאַרזיכערט פון צעברעכן. דאָס גלעזערנע און פּאָרצעלייענע געפעס האָט ער זייער געשיקט אַריינגעלייגט צווישן די וועש און מלבושים, כדי זיי זאָלן האָבן אַ ווייך, זיכער געלע-גער. די קליידער-שאַנק האָט מען, לויט זיין עצה, ארויפגעלייגט גאַנ-צערהייט אויפן וואָגן, אין דער ברייט, איבער די פּעק בעטגעוואַנד, אַריינ-געזעצט אפילו די טירן, אַריינגעלייגט אינעווייניק טעפּ, שיסלען, לעפל, בלעכערנע כלים, און די שאַנק פאַרשלאָסן. אַזויערנאָך האָבן די דאָזי-קע קלייניקייטן נישט פאַרנומען קיין באַזונדערן פּלאַץ אויפן וואָגן. דעם גרויסן שניידער-טיש האָט מען געשטעלט איבער דער שאַנק, מיט די פיס אַרויף, אַזוי אַז צווישן די פיר פיס איז געווען פּלאַץ פאַר די שטולן און נאָך אַנדערע זאַכן. די ווענט און די לייסטן פון די בעטן האָט מען צעשטעלט אין די ווינקלען פונם וואָגן. אַרויף אין דער הייך. מנשהס פיר קינדער האָט מען אויך געגעבן יעדן, עפּעס צו טראָגן. איינס האָט געשלעפּט אַ טשייניק, דאָס אַנדערע אַ לאָמפּ, און די איבעריקע צוויי האָבן געהאַלטן יעדעס אַ גרויסן בלומענטאָפּ. פעסע, כאָטש זי האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן דעם אַלעם, ווי אויף אַ פרעמדער התונה, דאָך, אַז מ'איז געגאַנגען אַרויפשטעלן די בלומענטעפּ אויפן וואָגן, האָט זי דאָס נישט דערלאָזט. זי האָט מורא געהאַט, זיי זאָלן נישט קאַליע ווערן. די

גרויסן שניידער־טיש, אויף וועלכן מנשה פלעגט צושניידן די שטיקלעך אַרבעט. ער האָט זיי געשטעלט איינע אויף דער צווייטער, מיט די פיס אַרויף, פאַר ל כטן מיט די גלעזער. און די דאָזיקע שטולן האָבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן, אין א וו לדן שפּאַס, צוזאַמענגעקלאָפּן זיך פון אַלע ווינקלען און אַרויפגעשפּרונגען אויפן טיש, כדי צו פירן אויבן עפּעס אַן אומבאַוועגלעכן טאַנץ.

נאָך פלוצלינג האָט זיך רב יואל אָן עפּעס דערמאָנט:

— כ׳וויס פון אַ דירה! — האָט ער אַ זאָג־געטון, ווי צו זיך אַליין — אויף מיין וואָרט, ווי כ׳וויס פון אַ דירה!

און ער האָט זיך צוריק אָנגעטון די יובעצע, כדי זיך צו לאָזן אין גאַס אַריין. פאַרן אַוועקגיין האָט ער זיך נאָך אַרומגעקוקט, צי אַלץ גייט צו, ווי ס׳געהער צו זיין.

— און איר, מנשה, — האָט ער געזאָגט — דאַרפט זיך אויך נישט אַרומדרייען אָן אָפּגעקאָטערטער! לייגט צו אַ האַנט, העלפט עפּעס טון, און איר, פּעסע, פאַרלאָזט זיך אויך נישט בלויז אויף פרעמדע! זיי וועלן אייך נאָך מאַכן, חלילה, אַ שאָדן.

און ער איז אַוועק אין גאַס אַריין.

מיט צוויי שעה שפּעטער איז ער שוין געווען צוריק. ער האָט ערליידיקט זיבעציק זאַכן מיט אַמאָל. ער האָט אָפּגעטרעטן אין דער היים, אָפּגעפּאַרטיקט דערוויל עטלעכע קונים בא זיך אין געוועלב און באַשטעלט באַם ווייב, זי זאָל אָפּקאָכן אַ ביסל זופּ און אַהינשיקן פאַר מנשהס אָרעמע קינדערלעך נעבעך, וואָס גייען אַרום אַ גאַנצן טאָג אומגעגעסן; ער האָט געדונגען פאַר מנשהן אַ דירה, ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן געסל, אין אַ צווייטן עק שטאָט. חוץ דעם האָט ער נישט פאַרגעסן זיך צו באַדינגען אין איין וועגס מיט אַ פורמאַן, פון וועלכן ער איז נישט פריער אַוועקגעטרעטן, ביז ער האָט איינגעשפּאַנט פערד און וואָגן און איז צוזאַמען מיט אים אַהינגעפאָרן צו מנשהן, כדי גלייך איבערצופירן די זאַכן אין דער נייער דירה אַריין.

אַז דער וואָגן איז פאַרפאָרן פאַר מנשהס פענצטער, איז דאָס געשטיי אַרום און אַרום מיטאַמאָל ווידער געוואָרן שרעקלעך גרויס. נאָר רב יואל האָט דאָס נישט דערלאָזט.

— אַ חתונה אויף זיי! — האָט ער געשריגן — אַ גליק האָט זיי געטראָפן!

וואָרט „נאַכט" האָט אָנגערירט אַ געהיימע סטרונע און דערמאָנט אַלעמען, אַז מ'דאַרף נישט בלויז קוקן, נאָר אויך עפּעס טון. מאַנכע האָבן זיך אָנגעהויבן צו צעגיין, אַנדערע זענען געבליבן, כּדי צו העלפן פּאַקן די זאַכן. רב יואל האָט זיך אויסגעטון די יובעצע, פעסטער צוגעצויגן דעם פּאַסעק אַרום די הויזן און אַ רייב-געטון איין האַנט אין דער אַנדערער. ער איז שוין געווען אַ ייד אין די יאָרן; די לאַנגע באָרד איז געווען געפלאָכטן ווייס און שוואַרץ, די דיקע נאָז איז געווען רויטלעך, און דער בליק — אַ פייכטער; נאָר ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט דער געשווינדיקייט און האַסטיקייט פון אַ יונגן. ער האָט נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות; איידער אַן אַנדערער האָט זיך אַרומגעקוקט, וואָס דאָ איז אַזוינס צו טון, האָט ער שוין געהאַט אַראָפּגעוואָרפן אויף דער פּאָדלאָגע אַ גאַנצן שטויס דעקן מיט קישנס, אַראָפּגעלאָזט זיך אויף די קני, אַרומגעוויקלט דאָס בעטגעוואַנד מיט אַ ליילעך און געמאַכט דערפון אַ גרויסן פּאַק. דערנאָך, זעענדיק, אַז איינער אַ ייד שטייט נאָך נעבן דער קליידער-שאַנק און טראַכט, ווי אַזוי אַרויסצונעמען פון דאַנען די זאַכן, האָט ער אַ רוף-געטון:

— בטלן! גייט איר און צענעמט דאָס צווייטע בעט, און צו דער שאַנק לאָזט צו מיך!

אין אַ קורצער וויילע זענען שוין ביידע טירן פון דער שאַנק געווען אַרויסגענומען פון די זאַוויאַסעס און די שופלעדער פון אונטן זענען געווען אַרויסגעריטשט. רב יואל האָט אַרויסגענומען פון אינעווייניק די מלבושים און אויסגעלייגט זיי אויף אַ גרויס ליילעך, וועלכעס ער האָט אויסגעשפּרייט אויף דער פּאָדלאָגע. נאָר ער האָט נישט געקאָנט ענדיקן זיין זאַך אומגעשטערט: צוויי פּאַרשוין זענען געשטאַנען אַקעגנאיבער און אַראָפּגענומען דעם וואַנט-שפּיגל פונם האָק.

— לאָזט מיך צו! לאָזט מיך צו! — האָט רב יואל אויסגעשריגן. — איר וועט צעברעכן!

ער האָט געהאָלפן אַראָפּנעמען בשלום דעם שפּיגל און האָט אים מיט גרויס פּאָרזיכטיקייט אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל. דערביי איז פאַר אים געווען אַ שטערונג אַ שטול, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן שטוב. דעריבער האָט רב יואל, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיטן שפּיגל, צוזאַמענגענומען אַלע שטולן און זיי אַרויפגעשטעלט אויף דעם

כאָטש באַ די איבעריקע שכנים איז שוין די אַרבעט געווען אין סאַמע ברען, איז נאָך דאָ גאָרנישט געטון געוואָרן. ערשט רב יואל, אַריינקו־מענדיק דאָ, האָט געפּרוּווט אַריינברענגען אין דער זאַך עפּעס אַן ענדערונג.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ גוט-יאָר? — האָט ער זיך צעשריגן. — נאָך נישט געהערט די מעשה? וואָס שטייט מען? וואָס קוקט מען? שאַפט ליבערש אַ דירה! העלפט פּאַקן די זאַכן!

און ער האָט דעם עולם פשוט פונאַנדערגעטריבן.

— אויב דאָס געשטיי וועט אַלץ נישט נעמען קיין סוף — האָט ער געזאָגט — וועט מען נישט קומען צו גאָרנישט! אָט איז שוין עלף אַזייגער, און איידער מען וועט זיך אַרומקוקן, וועט שוין דער טאָג זיין אויף יענער זייט שטאָט. צי ווילן טאַקע אַלע, אַז מנשה מיט זיין הויז-געזינד זאָלן נאָך דאָ בלייבן, חלילה, אַ נאַכט?

די נייגעריקייט פון עולם איז אַפילו נאָך נישט געווען געזעטיקט; אַלע האָבן זיך דאָ אַרומגעדרייט און פאַרשלונגען מיט די אויגן די גאַנצע שטוב, אין וועלכער יעדע זאַך האָט איצט געהאַט אַ געהיימע באַדייטונג. מענטשן האָבן גענומען אין האַנט אַריין מנשהס גרויסע שניידער-שער, געדרייט זי צווישן די פינגער, ווי די דאָזיקע טויטע זאַך וואָלט געקאָנט עפּעס אויסזאָגן און דערציילן; די בליקן האָבן זיך אָנגעהאָנגען אָן די בעטן, וואָס זענען געשטאַנען נישט אויפגעבעט, מיט צעוואָרפענע קישנס און אַ צעשאַרטן לײַלעך; איינער האָט זיך אַוועקגעשטעלט און געטראַכט אַ שטיקע טראַכטונג איבער דעם גלאַנציקן בילד פון רב יצחק-אלחנן, וואָס איז געהאָנגען איבערן קאָמאָד. אַלע האָבן נאָכגעשפּירט מיט זייטיקע בליקן פעסען, באַטראַכט אירע איינגעזונקענע אויגן, וואָס זענען געווען אַרומגערינגלט מיט בלויליכע ראָנדן... מאַנכע האָבן געפּרוּווט רעדן עפּעס מיט די קינדער, וועלכע זענען אַרומגעגאַנגען, ווי אָפּגעשמיסענע, מיט טרויעריקע פּנימלעך און מיט צעשראָקענע אויגן. צווישן די פיר ווענט פון דער דאָזיקער איינפאַכער שטוב, אין וועלכער ס'איז אייגנטלעך קיין שום באַזונדערס נישט געווען, איז פאָרט געווען אַ סך אַ זעלכעס, וואָס האָט צוגעצויגן די מענטשן, עפּעס זיי איינגערוימט און באַרוישט זייערע געדאַנקען מיט מיסטישע זװנגען.

נאָר רב יואלס ענערגישער אַרויספאָר האָט געהאַט אַ ווירקונג; דאָס

רב יואל איז באַ זיך אַ ביסל אַראָפּגעפֿאַלן. דער סטראַזשניק איז אַוועקגעגאַנגען אַנדערשוואו און רב יואל איז געבליבן אַ ווײַלע שטיין אומאַנטשלאָסן, נאָר ער איז גיך צו־זיך געקומען און האָט זיך אַוועקגעלאָזט צו מנשהן, געוואָר ווערן, ווי ער האַלט עפּעס מכּוח אַ נײַער דירה.

# VI

באַם אַרויסציִען זיך פֿון די שכנים איז אין געסל געווען אַ גרויסע באַוועגונג און אַ טומל. כמעט אַ האַלבע שטאָט האָט צוגעהאָלפֿן באַ דער אַרבעט. מ׳האָט געדאַרפֿט צואײַלן, נישט דערלאָזן, אַז ייִדן זאָלן נאָך איבערנעכטיקן אין דעם דאָזיקן הויז. מ׳האָט געדאַרפֿט פֿאַרענדיקן אַלץ, איידער ס׳וועט צופֿאַלן דער אָוונט; טאָמער וועט זיך איבערחזרן אַזאַ שרעקלעכע נאַכט, ווי די פֿריערדיקע, זאָלן כאָטש בלײַבן ליידיקע שטובן, פֿאַרשלאָגענע פֿענצטער, און זאָלן נישט די פֿינצטערע כּוחות אָפּשפּילן זייער מיאוסע שפּילערײַ צווישן לעבעדיקע מענטשן.

טיר און פֿענצטער זענען געווען אָפֿן, מ׳האָט אַרויסגעטראָגן מעבל פֿון אַלע זײַטן. אויב איינער פֿון די שכנים האָט נישט אויף דער געשווינד געקאָנט באַקומען ערגעץ אַ דירה, האָבן זיך שוין געפֿונען גוטע מענטשן, באַקאַנטע אָדער קרובים, וואָס האָבן פֿרײַ געמאַכט אַ ווינקל פֿון זייער אייגענער שטוב. דער אינטערעס אין שטאָט איז געווען גרויס. אַלע האָבן אַרויסגעוויזן זייער מיטגעפֿיל, יעדער איז געווען גרייט צו העלפֿן די געליטענע מיט אַלע מעגלעכקייטן. אַפֿילו קריסטן האָבן אַרויסגעוויזן באַ דער זאַך אַ באַזונדער גוטהאַרציקייט און מיטלייד. דאָס אומגליק איז אַרויס פֿון די ענגע גרענעצן פֿון יענעם הויז און איז געוואָרן אַ שטאָט־זאַך. דער גורל, וואָס האָט זיך אָנגעהאָנגען איבער יענעם הויז, האָט אָנגעוואָרפֿן אַ שאָטן אויך איבער אַלע אַנדערע הײַזער; אַלע האָבן געפֿילט, אַז די געהיימע האַנט, וואָס האָט זיך אויסגעקליבן דאָס דאָזיקע אָרט אויף אָפּצוטון אירע שפּיצלעך, האָט אויך געקאָנט אַרײַנטרעפֿן אין וועלכן עס איז אַנדערן אָרט; אַלע האָבן זיך געפֿילט פֿאַרבראָדערט, אונטער דער דראָונג, וואָס איז געהאָנגען איבער זייערע קעפּ.

מנשהס שטוב איז, ווי פֿריער, געווען פֿול געפּאַקט מיט מענטשן. דעריבער,

— נו, מנשה, טאַקע כשר, און רב געציל האָט טאַקי צווי מאָל איבער-געזעען? הא, הא... און וואָס האָט געזאָגט דער רב?

— ער האָט געהייסן אַרויסציען, און האָט געהייסן זאָגן אַלע שכנים, זיי זאָלן זיך אויך אַרויסציען — האָט מנשה, אַזוי ווי אַ זייגער, איבערגעחזרט ווידער אַמאָל דאָס אייגענע.

— נו, וואָס האָב איך געזאָגט? — האָט רב יואל אַזש אַ שפרונג-געטאָן.— זאָגט אַלע, וואָס שטייט דאָ אַרום, איר האָט אַלע געהערט? איר געדענקט אַלע מיינע ווערטער?

און ער איז געוועזן אַזוי אויפגערוימט, אַז ער האָט זיך גענומען די דרייסט-קייט צו ווענדן זיך צו אַ סטראַזשניק, וואָס איז פונקט פאַרבייגעגאַנגען:

— איר האָט געהערט, פּאַניע פּאַווליוק, וואָס דער ראַבין האָט געזאָגט?

פּאַווליוק, וועלכער האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן עולם, ווי אַ האָן צווישן הינער, האָט אָפּגעמאָסטן רב יחיאלן מיט אַ שטרענגן בליק:

— כ'וועל אייך דאָ געבן אַ ראַבין! — האָט ער געענטפערט — כ'וועל אייך באַלד נעמען אין קאָזע אַריין!

רב יואל איז בלאַס געוואָרן. נאָר ער האָט נישט פאַרלוירן דעם מוט און האָט געפּרוּווט איינצונעמען דעם סטראַזשניק מיט גוטע רייד.

— איר וועט אַריינקומען, פּאַניע פּאַווליוק, שבת אינדערפרי... — האָט ער געזאָגט מיט אַ ליבהאַרציקן שמייכל אויף די ליפּן — כ'האָב שטיין אַ וואונדערלעך ביסל בראָנפן, אַ טייער ביסל בראָנפן, אַ שמעקעדיקס, גע-שטעלט אויף פּאָמעראַנצן-שאָלעכץ... און ס'ווייב וועט אויפוואַרטן מיט אַ שטיקל פרישן קוכן מיט ראַזשינקעס...

נאָר די דאָזיקע מאכלים, וועלכע דער סטראַזשניק האָט שטענדיק טועם גע-ווען אין יידישע הייזער, האָבן איצט פאַרלוירן פאַר אים זייער צויבער. ער איז געווען אומצופרידן פונעם גאַנצן טומל; דאָס האַרץ האָט אים אַפילו נישט דערלאָזט צעיאָגן דעם עולם, נאָר אים האָט פאַרדראָסן, וואָס די לייט האָבן זיך אַזויפיל דערלויבט אין זיין געגנוואַרט.

— שווייג שטיל! — האָט ער אָנגעשריגן אויף רב יואלן, ווענדנדיק זיך שוין צו אים אויף „דו" — און זאָלסט מיר נישט מער קומען אויף די אויגן!

שוין אַ ייד מיט אַ באָרד, און פּעסע, מ׳שטיינס געזאָגט, אויס רויטע ליפּע־לעך, אויס שוואַרצע אייגעלעך, אַ יידענע ווי אַלע יידענעס, אָן קונצן, טאָ וואָס איז דאָ דאָס כ׳וויס וואָס? וואָס איז די גדולה?

און ער האָט צוגעגעבן, איינרוימענדיק ווי אין סוד:

— ווי זאָגן יידן: רש״י איז נישט משוגע... כ׳בעט אייך זייער, אין דעם אייגענעם הויז וואוינען דאָך נאָך יידן, — טאָ פאַרוואָס, איר זאָלט מיר לעבן, האָט עס גראָד צוגעטראָפן צו מנשהן — האַ? זאָגט, אַדרבא, אויב איר פאַרשטייט יאָ דאָס, זייט מיר מפרש..

אַלע אַרום האָבן טיף געשוויגן.

— פונדעסטוועגן, אַז ר׳האָט אַרבעט, לאָזט ער נישט אַרויס קיין אַרי־מאַן... — האָט זיך ענדלעך אָנגערופן אייגער, מיט אַן אומדרייסטער שטים.

— גייט שוין, גייט! — האָט זיך אָנגעבייזערט רב יואל — אין ראש־השנה־דיקן דאַווענען שטייט: ותשובה ותפלה וצדקה... צוערשט גייט: תשובה,— טאָמער האָט אַ מענטש, חלילה, עפּעס אויפן האַרצן, זאָל ער תשובה טון. דערנאָך גייט: תפלה,—אַ ייד איז מחויב צו דאַווענען דריי מאָל אין טאָג: שחרית, מנחה און מעריב און שבת און יום־טוב נאָך אַ פערטע תפילה: מוסף. און ערשט צום סוף, אויף דער גוטער לעצט, שטייט: וצדקה... איר פאַרשטייט? היינט אויב...

נאָר רב יואל האָט נישט דערענדיקט זיין געדאַנק. פון דעם גאַנצן עולם, וואָס איז געשטאַנען אַרום אים, איז ער געוועזן דער ערשטער, וואָס האָט באַמערקט פון וויטנס עפּעס אַ געדראַנג און אַ געשטויס.

— צי קומט נישט דאָרט אַן מנשה? — האָט זיך רב יואל אַ כאַפּ־געטון.

דאָס גאַנצע רעדל האָט זיך צעשפּרייט, אַזוי ווי ס׳צעשפּרייט זיך אַ מחנה בינען. מנשה איז אָנגעקומען, באַגלייט פון אַ גרויסן עולם. ער האָט באַ־וועגט מיט די הענט און געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף אַלע זייטן, וואָרום פון אַרום און אַרום האָט מען אים באַשיט מיט פראַגן און אים פאַר־שטעלט דעם וועג. ער האָט שוין אַ פּאָר מאָל דערציילט דאָס אייגענע און האָט יעדע ווײַלע געמוזט אָנהייבן אויפסניי, וואָרום עס זענען צוגע־קומען אַלץ נייע מענטשן. רב יואל, אַדורכשטופּנדיק זיך דורך אַלעמען, האָט אים אָנגעכאַפּט באַ ביידע קלאַפּעס.

מענ־ז־שן, דאָ אַריינרעדן מיט אונזער שכל... מסתמא איז ריכטיק... אויבן האַלט מען רעכענונג... נאָר, אויב ס׳קומט שוין יאָ צו רייד, טאָ לאָמיר זיך נישט נאַרן: פאַרוואָס זאָל אַ מענטש טאַקע נישט אַלע אינדערפרי קומען אין בית־מדרש אַריין צום דאַווענען? וואָס איז, דער „ראשית חכמה יראת ה׳“ האָט שוין אויפגעהערט?

און מאַכנדיק אַן ערנסטע מינע, האָט ער גענומען פליסטערן:

— איר געדענקט דאָך אַוודאי אַלע מנשהן פון פאַר דער חתונה... און פעסען געדענקט איר דאָך אַוודאי אויך נאָך?... מילא, ווייסט איר דאָך, אַז זי איז געווען אַ שיין מיידל... נו, איז וואָס? אויף דעם האָבן מיר דאָך דעם פסוק: שחורה אני ונאוה... אַלע יידישע מיידלעך זענען, גאָט צו דאַנקען, שיינע קינדער... חוץ דעם ווייסן מיר דאָך אויך עפּעס דעם „שקר החן והבל היופי“... כ׳וויל דאָ אַפילו נישט איבעררעדן, נאָר די צוויי לייט האָבן זיך נישט פיין אויפגעפירט... פע, גאָרנישט פיין... ליבע, שמיבע, ווי קומט אַזוינס, כ׳בעט אייך זייער, צו יידישע קינדער?

און רב יואל האָט געהאַט אַ פנים, ווי ער וואָלט זיך געפילט שטאַרק באַ־ליידיקט פון מנשהן. אַלע אַרום האָבן צוגענייגט די אויערן.

— פעסעס טאַטע, עליו השלום, האָט געוואוינט אין איין הויז מיט מיין שווער... זיי זענען געווען שטענדיק די בעסטע גוטע פריינט. ממש, נפשי קשורה בנפשך. האָט אַפילו דער שווער, עליו השלום, אָפּגערעדט רב יחיאלן, עליו השלום, פונם שידוך... כ׳ווייס וואָס, יאָ אַן אָרנטלעכער מענטש, נישט אַן אָרנטלעכער מענטש, פאָרט אַ שניידער־יונג. נאָר רב יחיאל האָט זיך אַליין פאַרענטפערט: אַ בעל־מלאכה, אַ פאַרדינער, וואָס איז?... איר ווייסט דאָך דעם פסוק: תורה שאין עמה מלאכה?... דער־ווייל אין מען גאָר געוואָר געוואָרן, אַז די צוויי לייט האָבן הינטערן פאָטערס רוקן, שטילערהייט, אָפּגעשמועסט צווישן זיך דעם שידוך... גע־הערט אַ מעשה?! פעסעלע, אין ווייסן בלוזקעלע, מיט די רויטע ליפּעלעך און מיט די צוויי שוואַרצע אייגעלעך... און מנשהלע, מיט דעם קליינעם היטעלע, מיט די דינע וואָנסעלעך און מיט דעם קורצן רעקעלע..

רב יואל האָט אַ ווײַלע געשוויגן.

— מ׳דאַרף אַפילו נישט איבעררעדן, וואָרום, ווי זאָגט מען עפּיס, חטאת נעורים... אַ מענטש איז יונג, איז אים גרינג... אַ יונג פערדל לויפט פון באַרג... אָבער היינט, ביסט שוין אַ בעל־הבית, האָסט שוין קינדער, ביסט

װעגן מנשהס גײן צום רב, האָט רב יואל געהאַט זײן באַזונדערע מײנונג.

— ער װאָלט מיך געפרעגט, װאָלט איך אים געזאָגט ס׳אײגענע װאָס דער רב — האָט ער געזאָגט צום אַרומיקן עולם — איך װאָלט נישט געהײסן מאכן קײן לאַנגע שהיות, נאָר זיך גלײך אַרױסציען פון הױז...

און גלעטנדיק די לאַנגע באָרד, האָט ער צוגעגעבן:

— און װאָס מײנט איר, די איבעריקע שכנים װאָלט איך געהײסן בלײבן? אַפילו קײן טאָג נישט! אַפילו דעם ערל װאָלט איך שױן נישט געגיבען איבערצונעכטיקן דאָ אַ נאַכט. איר קענט דאָך דעם לאָמען בעטלער, ער װאױנט דאָ אױבן, אָ...

רב יואל האָט אָנגעװיזן מיט א פינגער, און אַלע אױגן האָבן זיך געװענדט אַרױף צום דאַך-פענצטער, װאָס האָט אין דעם מאָמענט נעבלישטשעט, װי צעפלאָסן זילבער אַקעגן דער זון. עטװאָס װײטער פונם דאַך-פענצטער איז געשטאַנען דער קוימען, פון װעלכן א באָטשאַן האָט זיך אין דעם מאָמענט אַ הײב-געטון און זיך א לאָז-געטון אַ קעגן דעם בלױען הימל. דאָס בלישטשענדיקע פענצטער, דער רױטער קוימען, דער טונקעלער באָטשאַן, די װײטע לופט, אין װעלכער ער איז געשװאומען, װי אין אַ ים, דאָס גאַנצע הױז, װאָס איז געשטאַנען אַרומגענומען מיט שװײגן, אַפילו די זון, װאָס האָט זיך מיט קראַפט און מוט געהױבן װאָס אַמאָל העכער, — דאָס אַלץ האָט איצט געהאַט עטװאָס אומבאַגרײפלעכס, איבער דעם אַלעם האָט געשװעבט אַ שאָטן. א טונקעלער טראָפן איז אַרײנגעטריפט געװאָרן אין דער אַרומיקער װעלט און זי פאַרשלײערט מיט אַ סודות-דיקן נעפל.

— ער האָט געהאַט אַ פעקל... ער האָט געהאַט אַ פעקל... — האָט רב יואל געזאָגט נאָך אַ װײלע שװײגן — האָ, האָ, גאָר אַ שײנע מעשה געװען, גאָר אַ שײנע מעשה... עפּעס אַ קלײניקײט? דאָ האַק און בראָק און דאָ װיל עס נישט אײנשטילן אַ רגע... לא עלינו, לא עלינו... כ׳װאָלט עס אסור נישט געגלײבט, ס׳זאָלן קומען אַפילו הונדערט מענטשן און מיר שװערן מיט די הײליקסטע שבועות...

— פונדעסטװעגן איז מנשה נישט-קשה פון אַ מענטשל — האָט זיך אָנגערופן עמיצער.

— גײט שױן... — האָט געענטפערט רב יואל — מילא, װאָס קענען מיר,

דער לופט די ברומענדיקע שטים פון רב געצלען, דעם אַלטן סופר, מיט דעם לאַנגן, ווייסן פּנים, אַרומגערינגלט מיט דער ווייסער באָרד און ווייסע פּאות, און מיט די צוויי טונקעלע, שטרענגע אויגן, וואָס האָבן געלויערט אונטער די ווייסע, דיקע ברעמען, ווי אַ קוואַל צווישן ביימער.

— מנשה הערט דאָס וואָרט, ווערט ער בלאַס ווי קרייד... הייבט ער אָן בעטן רב געצלען: רב געצלשי קרוין, אפשר האָט איר פאַרזען?... זייט מוחל, אפשר נאָכאַמאָל?... הכלל, רב געצל רוקט ווידער אָן די בריל, קײַיקשט דעם שטערן און בייגט דעם רוקן איבער דער מזוזה... ער קוקט, קוקט, גייט צו צום פענצטער, אַקעגן דעם ליכט, באַזעט די מזוזה פון אַלע זייטן, זוכט אַהין, זוכט אַהער... דער „שדי" איז אָן פּגם, אַלע שײַכעלעך אויף דער „שין" זענען אין אָרדענונג, אינעווייניק, די אותיות — אַלץ ווי ס'געהער צו זיין. גיט ער אים שטילשווייגנדיק צוריק די מזוזה און זאָגט ווידער דאָס איינע וואָרט: כּשר... הכלל, אפשר וועט איר מיך שוין אַדורכלאָזן?

— אָנן וואו איז אַהינגעקומען מנשה? — האָבן אויסגערופן עטלעכע שטימען

— לאָזט מיך אַדורך, ער איז געגאַנגען צום רב! ער איז געגאַנגען צום רב פרעגן אַ שאלה! — און באַפרייענדיק זיך פון איינעם אַ ייד, וואָס האָט אים אָנגעהאַלטן בײַ דער לאַץ, איז אים ענדלעך געלונגען, מיט דער הילף פון אַ פעסטן שטויס, אַדורכצוקריגן זיך צווישן דעם גע-דיכטן ראָד.

דער עולם האָט זיך איינציקווייז צעשטרייט, אַזוי ווי ס'צעשטרייען זיך די וואָלקנס אין הימל. דאָ און דאָרט האָבן זיך געבילדעט בייע קופּקע-לעך, וועלכע זענען געשטאַנען אַ ווײַלע אויף אַן אָרט און זיך באַלד צע-גאַנגען און אָנגעזאַמלט זיך אויף אַ צווייטן אָרט. דער עולם האָט זיך באַוועגט, אַזוי ווי ס'באַוועגן זיך אַראָפּגעפאַלענע בלעטער, וואָס צעשפּרייטן זיך אַמאָל אויף אַלע פיר זייטן און ווערן באַלד ווידער צוזאַמענגעיאָגט אין אַ גרויסן הויפן. באַזונדערס געדיכט זענען געווען די רעדלעך אַרום רב יואלן. רב יואל, כאָטש ער האָט שוין צען מאָל דערציילט און אי-בערדערציילט אַלץ, וואָס ער האָט געוואוסט, דאָך האָט ער יעדע ווײַלע אויסגעפינען אַ נייע איינצלהייט, וועלכע האָט אַלעמען געשפּאַנט; ער האָט צוגעצויגן מיט זיינע השערות און אויפטוען וואָס אַמאָל אַ גרעסערן קרייז.

דאָס פּאַדערהויז געוואָרן לער; אַלע זענען אַרויס אין גאַס אַקעגן די אָנקומענדיקע. ווירקלעך, די שכנים זענען געקומען, מיט די מזוזות אין די הענט; נאָר מנשה איז נישט געווען צווישן זיי. אַן אומגעהייער גרויס ראָד האָט זיך אויסגעבילדעט אין מיטן גאַס; די שכנים זענען געווען ווי געפאַנגען און האָבן געמוזט אַלץ דערציילן.

— כשר! כשר! אַלע כשר! — האָבן זיי געשריגן, הייבנדיק אין דער הויך די הענט מיט די מזוזות און שטורכנדיק מיט די אַנדערע הענט, כּדי זיך צו מאַכן אַ וועג דורכן געווימל.

דאָס וואָרט „כשר" האָט נישט געהאַט די ווירקונג, אויף וועלכער מ'האָט געקענט רעכענען. פאַרקערט, אין ערשטן אויגנבליק זענען אַלע געבליבן אַנטוישט און האָבן נישט געפונען קיין וואָרט. אַ שאָטן איז אַדורכגעלאָפן איבער די קעפּ פון די מענטשן. ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך, אַז די מזוזות זאָלן זיין כשר? אַלע האָבן אַ רגע געשוויגן, און אין דעם דאָזיקן שווייגן איז געווען עפּעס אַ מורא, וועלכע האָט אַרומגעכאַפּט דעם עולם, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס די וועלט אַרום איז געווען אַ קלאָרע, אַ פרייע, אַ מונטערע און אַ שמייכלדיקע.

— מנשהס מזוזה אויך? — האָט ענדלעך זיך אָנגערופן רב יואל, וועלכער האָט גענומען דעם סאַמע לעבהאַפטסטן אָנטייל אינם געדראַנג.

— אויך! אויך! — האָבן געענטפערט די געפאַנגענע, וואַרפנדיק זיך אויף אַלע זייטן, כּדי צו געפינען אַן אויסוועג דורך די לעבעדיקע ווענט, וואָס האָבן זיי אַרומגעצוימט. און ענדלעך איז מאַנכע פון זיי געלונגען זיך אַדורכצושטופּן. בלויז איינער איז געבליבן אין דער נעץ, און ער האָט געמוזט דערציילן אַלע איינצלהייטן.

— אַז מ'איז אַהינגעקומען מיט די מזוזות צו רב געצלען, האָט שוין רב געצל אַלץ געוואוסט... האָט ער זיך גלייך געוואַשן די הענט, אָנגעטון די ברילן און גענומען קודם-כּל איבערזעען מנשהס מזוזה. מ'האָט געזען, אַז ער קוקט מיט ביידע אויגן... ער האָט זיך אַריינגעטון אין דער מזוזה מיט לב ונפש. און פּלוצלינג גיט ער זיך אַ רוק-אַרויף די ברילן אויפן שטערן, גיט אַ בליק אויף מנשהן, וועלכער איז דערווייל געשטאַנען ווי אויף קוילן, און זאָגט נישט מער, ווי דאָס איינע וואָרט: כשר...

דאָס דאָזיקע וואָרט האָט זיך ווידער אַדורכגעטראָגן איבער די קעפּ פון די מענטשן, ווי אַן אָנזאָג פון עפּעס נישט גוטס. ס'האָט אַ קלונג-געטון אין

טראַכטן געבוי די טיר פון מנשהס שטוב, פון אויסנווייניק און אינעווייניק, די קליאַמקעס, די ריגלען, איטלעכן שפּאַלט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אויף דער דאָזיקער טיר זענען נאָך פאַרבליבן סמנים פון באַנאַכט, אַז אַ שאַרף אויג קען פון איר עפּעס אַראָפּלעזן. יעדער האָט באַטראַכט די טיר מיט אַ שווייגנדיקער מינע, מיט אַן אויסטערלישן ערנסט. די מזוזה איז געווען אַראָפּגענומען, מנשה האָט זי אַוועקגעטראָגן צום סופר, אויף צו לאָזן איבערזעען. אויפן אָרט פון דער אַראָפּגענומענער מזוזה זענען פאַרבליבן צוויי גרויסע נעגעלעך און אַ העלער פלעק, וועלכער האָט דערציילט, אַז די צוים, וואָס האָט אָפּגעהיטן די שטוב, איז אַוועקגעריסן געוואָרן און געמאַכט אַ וועג פאַר די פרייע ווינטן, וואָס בלאָזן פון ערגעץ... אויך די טירן פון די איבעריקע שכנים זענען געוואָרן באַקוקט פון אַלע זייטן; נאָר דאָ איז גאָרנישט געווען צו באַמערקן, אַ חוץ דעם וואָס דאָ האָבן אויך געפעלט די מזוזות, — וואָרום אַלע שכנים האָבן זיי, צוזאַמען מיט מנשהן, אַוועקגעטראָגן צום סופר אויף איבערצוזעען. מענטשן האָבן געפּרוּווט עפּעס צו דערגיין בײַ פּעסען, — כאָטש זיי האָבן שוין אייגנטלעך געוואוסט אַלע איינצלהייטן; נאָר פּעסע האָט נישט געענטפערט אויף קיין שום פראַגן. זי האָט זיך אַרומגעדרייט אין דער שטוב, ווי אַ שטומע, און האָט נישט צומאָל געוואָרפן אַ בליק אויף די אַלע, וואָס זענען דאָ אַריין און אַרויס. זי איז געווען פאַרטיפט אין זיך. זי האָט אָנגעטון די קינדער, געמאַכט אַ פייער — מיט עפּעס אַ נערוועזער האַסטיקייט. זי האָט געהאַט אַרומגעוויקלט דעם קאָפּ מיט אַ טיכל, וועלכעס איז פון אויבן נאָך געווען אַרומגעהילט מיט אַ גרעסער טוך; — כאָטש די זון איז געשטאַנען אַ פלאַמענדיקע, הויך אין הימל און האָט אַרומגענומען די גאַנצע ערד מיט אַ גלאַנציקער רייף; די לופט האָט וויברירט מיט שטראַלן, וועלכע האָבן אָנגענעם גערייצט די נערוון און אויפגעהייטערט די געמיטער. ס'איז געווען איינער פון די שענסטע זומער פרימאָרגנס. די זון האָט שטיפעריש אַרייַנגעדרונגען אין דער שטוב פון מנשה פערקאַל און, ווי צום שפּאַס, אויסגעלייגט זיך אין ליכטיקע שטרייפן אויף דער פּאָדלאָגע און אויף די ווענט; זי האָט אַרומגעטאַנצט אַרום פּעסען, אַזוי ווי די שטראַלן, וואָס טאַנצן אַרום אַ שטיק אייז.

ס'איז אַדורך אַ קלאַנג, אַז מנשה און די איבעריקע שכנים גייען שוין צוריק פונם סופר מיט די מזוזות. דאַן זענען דער הויף, דאָס טויער און

אַן דער וואַנט פונם הויז, וואָס איז געשטאַנען אויף יענער זייט, אָנגעלענט זיך אַן דער וואַנט מיט אַלע זיינע פינגער, ווי ער וואָלט זי וועלן אַוועקשטויסן. ווען נישט די דאָזיקע וואַנט, וואָלט זיך אפשר דער צווייג ברייט פונאַנדערגעוואַקסן, און דער גאַנצער בוים וואָלט באַקומען אַן אַנדער אויסזען. די וואַנט איז געווען אַ שטערונג; עפּעס אַן אָנגעשטרענגטקייט איז געלעגן אויף דעם דאָזיקן בוים, מאַנכע צווייגן זענען געווען צעקנאַקט פאַר מידקייט און אויסגעבויגן ווי פון קרעמפּן.

אין אַן אַנדער ווינקל פונם הויף איז געשטאַנען אַ ברונעם. אויף דעם דאָזיקן ברונעם איז געלעגן עפּעס אַן אַלטערטימלעכקייט, ער איז געווען נידעריק צו דער ערד, אַרומגעבויט רונדיק מיט ברעטער. דאָס גאַנצע שטעטל האָט אייגנטלעך גענומען וואַסער פונם טייך, דער ברונעם איז דאָ געשטאַנען גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין. ער איז געווען פון אויבן פאַרשלאָגן מיט ברעטער; נאָר איין ברעט איז געווען אַוועקגעבראָכן. אַז מ'האָט אַריינגעקוקט אינעווייניק, האָט מען נישט געזען קיין וואַסער, נאָר אַ גרינעם דעק. דאָס וואַסער מוז זיין געווען אונטער דעם דאָזיקן דעק, אַ באַהאַלטנס, אַ טונקלס, אַ שווייגנדיקס. פון דאָ אונטן האָט אַרויפגעשלאָגן אַ מעטאַלענע שטילקייט, וואָס האָט אַזש געקלונגען אין די אויערן, אַזוי ווי אַן עכאָ פון אַ ווייטער, נישט הערבאַרער שטים. דער ברונעם האָט אַרויסדערציילט אַ לעגענדע, די לעגענדע פון די פאַרצייטיקע ברונעמס, באַ וועלכע ס'האָבן זיך אָפּגעשפּילט יבעס-סצענעס, איבער וועלכע מ'האָט מלחמה געהאַלטן און וועלכע זענען שפּעטער אפשר אויך פאַרוואַקסן געוואָרן מיט מעך און פאַרשלאָגן געוואָרן מיט ברעטער. דאָ, אונטער די ברעטער און אונטערן מעך, רוט אַן אָפּקלאַנג פון יענע ראָמאַנצן און פון יענע קריגס-טראָמפּייטן, וואָס האָבן געשאַלט אַמאָל, אין די אַלטע צייטן. טיילמאָל אין זומער האָט דאָ אַרויסגעקוואַקעט אַ פאַרבלאָנדזשעטע זשאַבע. די יינגלעך אין די חדרים האָבן דערציילט, אַז טיף אין ברונעם וואוינט אַ פאַרשאָלטענע נשמה.

נאָך אַ גרעסערער געדראַנג איז געווען אינם טויער פון הויז און אין פאָדערהויז, צווישן די טירן פון די שכנים. מנשהס וואוינונג האָט אויפגעהערט צו זיין דאָס אייגנטום פון מנשה פערקאַל; זי איז געוואָרן אַ רשות הרבים, מענטשן זענען דאָ אַריין און אַרויסגעגאַנגען, ווי באַ זיך אין דער היים. יעדער איינציקער האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב, צו באַ-

שוין, אזוי גוט ווי מען באדארף אראפרייסן באנאכט די שילדען און איינלייגן די פלויטן, דארף מען אויך ארויסרייסן מנשהס באנק. אלע טאג אין דער פרי נאך סוכות, גייט מנשה ארויס זעען, צי די באנק שטייט נאך... און דער סוף איז שטענדיק, אז איינמאל אין דער פרי טרעפט ער זי א צעדרייטע, מיטן קאפ אראפ און מיט די פיס ארויף. לייגט ער זי אריין אין דער קאמער און נאך פסח שלאגט ער זי ווי־דער אריין.

— אזוי... — וואונדערן זיך עטלעכע יידן.

די לאדנס אין דעם דאזיקן הויז האבן אויך צוגעצויגן די אויפ־מערקזאמקייט פון א סך ארומיקע. זיי האבן זיך אויסגעצייכנט מיט דעם, וואס אין דערמיט האבן זיי געהאט אויסשניטן אין דער פארם פון קעז־לעך. מענטשן האבן זיך ארומגעשטעלט און איינער האט דערציילט:

— איך ווייס אויף זיכער, אז די הייגטיקע נאכט זענען בא מנשהן די לאדנס נישט געווען פארמאכט... אין יעדן פענצטער איז געווען אפן א לופטשיק, און די לאדנס — אלע אפן...

אין פלוג וואונדערן זיך אלע, נאר דערנאך כאפט זיך איינער ארויס:

— נו איז וואס?

— גארנישט... אט אזוי... כ׳דערצייל גאר...

— וואס, דורך די פענצטער האט אויך אריינגעבאמקעט? — פרעגט פלוצלינג איינער.

— מ׳דארף פרעגן פייוולען! — רופן אויס אלע מיטאמאל.

און אלע לאזן זיך אהין צום רעדל, וואס שטייט אקעגנאיבער, אויף יענער זייט געסל, צוזאמענגעדרענגט ארום פייוולען. דאס איז דער יונ־גערמאנטשיק מיטן שווארצן בערדל, וואס איז געווען באנאכט בא מנשהן אין שטוב; ער שטייט און דערציילט פארשידענע איינצלהייטן, און דער עולם ארום נייגט צו די אויערן און שלינגט איין יעדעסווארט.

א באזונדערס גרויסע באוועגונג איז געווען אין הויף, הינטערן הויז אלע האבן זיך איצט ארומגעזען, אז זיי האבן אייגנטלעך דעם דאזיקן הויף נאך קיינמאל נישט באטראכט ווי ס׳געהער צו זיין. ער איז געווען אויסטערליש גרויס, פינפקאנטיק, פארבויגן אין א ווינקל, וואו ס׳איז געשטאנען אן אלטער בוים מיט קרומע צווייגן. איין מערקווירדיקייט האט זיך געווארפן אין אויג: איינער א צווייג האט זיך אנגעשפארט

# V

צומאָרגנס אין דער פרי איז דאָס גאַנצע געסל געווען שוואַרץ פון מענטשן. די מעשה, וואָס האָט זיך פאַרלאָפן באַ מנשה פערקאַל, איז פאַרשפּרייט געוואָרן באַלד פאַרטאָגס, אַריינגעדרונגען אין אַלע שטובן, צוזאַמען מיט די שטראַלן פון דער אויפגעגאַנגענער זון. די באַוועגונג אין שטאָט איז געווען גרויס. אַלע זענען געקומען אין יענעם געסל אַריין, געגאַנגען דאָרטן אַרויף און אַראָפּ, געזאַמלט זיך אין רעדלעך; אָפּגעשטעלט זיך פאַר יענעם הויז. באַטראַכט עס און באַוואונדערט.

און ווירקלעך, דאָס דאָזיקע הויז האָט געהאַט אין זיך אַ סך אַזעלכ(ו)ס, וואָס קיינער האָט נאָך ביז היינטיקן טאָג נישט באַמערקט. עס איז נישט געשטאַנען הזרט צוגעבויט צו די שכנותדיקע הייזער, נאָר פון ביידע זייטן אַ ביסל אָפּגערוקט פון זיי; אַזוי ווי די מענטשן, וואָס האָבן אַמאָל די דאָזיקע הייזער געשטעלט, וואָלטן פאָראויסגעזעען, אַז עס וועט זיין נויטווענדיק, זיך פון דעם צווישנדיקן הויז צו דערווייטערן. עס איז געשטאַנען אַזוי ווי אַליין, אָן אַ חבר, פאַרלאָזט און אָפּגעשטויסן. פון איין זייט איז געווען אַ שמאָלער, גישט־ברוקירטער שטעג, וואָס איז שטענדיק געווען בלאָטיק און וואָס האָט אַרויסגעפירט ערגעץ אויף אַ פעלד; פוי דער צווייטער זייט איז געווען אַ קליינער, פרייער פלאַץ.

פאַרן הויז איז געשטאַנען אַ באַנק, די איינציקע באַנק אין גאַנצן געסל. דאָס איז געווען אַ ברעט, אַרויפגעקלאַפּט אויף צוויי פיס, וואָס זענען געווען אַריינגעש־אָגן אין דער ערד. און מערקווירדיק, די באַנק איז געשטאַנען אונטער די פענצטער פון מנשה פערקאַל. עטלעכע מענטשן האָבן דאָס באַמערקט, געבילדעט אַ רעדל אַרום דער באַנק און פאַרפירט וועגן איר אַ שמועס. איינער האָט זיך אַרויפגעזעצט, זיך געשאָקלט און געזאָגט:

— אַ פעסטע באַנק, צום טייוול! פעסט אַריינגעקלאַפּט!

א ייד פון אַ דערנעבנדיק הייזל האָט געגעבן דערקלערונגען:

— ווי איר קוקט אָן די באַנק, שטייט זי קיינמאָל נישט אין ווינטער, נאָר אין זומער. איר וואונדערט זיך? די מעשה איז פשוט: אַז ס'קומט נאָך סוכות און די רעקרוטן הייבן אָן רעגירען אין שטאָט, ווייסן זיי

דאָס האָט זיך אָפּגעטון מיט אַזאַ ווילדן אימפּעט, אַז בינם איז געבליבן שטיין, ווי צעשמעטערט. דאָס רעטעניש האָט זיך אים אַרויסגעגליטשט פון צווישן די פינגער! עפּעס האָט אים אַ ריס געטון באַ דער יובעצע, פאַרכאַפּט זיינע שטיוול און זיך אַדורכגעטראָגן, ווי אַ גייסט, דורכן פאָדערהויז — וואָס איז עס געווען? און אַזאַ שרעקלעכע מענגע פון געדאַנקען און סקרופּולן האָט אַדורכגעשטורעמט, ווי אַ געוויטער, דורך זיין מוח, אַז ער האָט שיער נישט פאַרלוירן דאָס באַוואוסטזיין. ער האָט גאָרנישט מער געקענט טון, ער איז אַרויס פון שטוב, אַדורך מיט אַ ציטער דאָס פאָדערהויז, אַרויסגעלאָזט זיך אין גאַס אַריין, — אַזוי ווי אַ קאַפּיטאַן, וואָס פאַרלאָזט ענדלעך דעם רודער, זעענדיק, אַז אַלץ איז שוין פאַרלוירן, אַז ער האָט שוין נישט קיין עצה אקעגן די צעווילדעוועטע כוואַליעס.

אין דער צווייטער שטוב איז אויסגעבראָכן אַ מהומה. עפּעס האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן באַם האַרצן און זי איז, ווי געטראָפן פונם דונער, צוזאַמענגעבראָכן אויף איר שטול. די ווייבער האָבן זי גענומען מונטערן, פילדערנדיק און קוויטשענדיק און פאַרשפּרייטנדיק אַ שרעקלעכן טומל. מנשה האָט זיך געלאָזט באַרויקן די קינדער, וועלכע האָבן אויפגעהויבן אַ יללה. דער לאָמער גוי, וואָס האָט פריער געהאַלטן אין איין צלמן זיך, האָט ענדלעך באַקומען עפּעס אַ פאַרדאַכט; ער האָט גענומען ברומען און שעלטן די יידן און די גאַנצע וועלט. און קלאַפּנדיק מיטן שטעקן, האָט ער אַרויסגעהינקט פון שטוב, איבערוואַרפנדיק זיך, ווי אַ קאַטשקע פון איין זייט אויף דער אַנדערער, און האָט געלאָזט ווייט אויפגעשפּרייט די טיר. רב יואל האָט באַמערקט אויפן טיש אַ סידור; ער האָט אים געעפנט און גענומען זאָגן תהילים. אַנדערע יידן האָבן זיך צוגעהאָפּטן צו אים, און אַ גאַנץ רעדל איז געשטאַנען באַם טיש, ענג צוזאַמענגעקוועטשט, שאָקלענדיק מיט די קעפּ און אָנפילנדיק די גאַנצע שטוב מיט אַ מאָנאָטאָנעם, פרומען, וואַרעמען נגון. די נאַכט איז אַלץ נאָך געווען פינצטער, כאָטש ערגעץ, אין אַ ווייטן עק הימל, האָבן זיך שוין אַדורכגעשלאָגן די ערשטע ציטערדיקע ליכט-שפּליטערן פון דעם זומערדיקן פרימאָרגן.

האָט געטון פריער, אָן לאַנגע נאָכטראַכטענישן, געטריבן פונם געזונטן אינסטינקט, אין דער ערשטער, הייסער מינוט. בינם האָט דערפילט אַ חרפה פאַר זיך אַליין און האָט אַזש פאַרביסן די ליפּן, אַרייַנקומענדיק אין כעס אויף די קליינלעכע, שטעכעדיקע מחשבות, פון וועלכע ער האָט זיך נישט געקענט אָפּיאָגן, וואָס זענען יעדע ווײַלע, ווי אַ נודנע פליג, צוריקגעקומען און האָבן אים באַלעסטיקט און געפּייניקט מיט זייער עקשנותדיקער צודרינגלעכקייט.

אַזוי זענען זיי ביידע געשטאַנען, בינם מאַרגוליס און דאָס קליינע, שוואַרצע הינטל, אָפּגערוקט איינער פונם אַנדערן נישט מער ווי אַ שריט. דאָס הינטל האָט געפילט דעם מענטשן און זיך געשראָקן פאַר אים; בינם האָט גאָרנישט געאַהנט. זיינע געדאַנקען זענען אומבאַוואוסטזיניק אַוועקגעפלויגן ווייט און האָבן זיך בשום אופן נישט געקענט אָפּשטעלן אין דער נאָענט. די דאָזיקע צוויי וועזנס, דער מענטש מיט זיין אוממעכטיקן שכל און דאָס אומשולדיקע הינטל מיט זיין גרויסער שולד און די פינצטערניש, וואָס האָט זיי אַרומגעהילט — האָבן געטראָגן אין זיך עפּעס אַ לעכערלעכע טראַגיק. דאָס איז ווירקלעך געווען אַ שלעכ-

טער וויץ פון עפּעס אַ קאַלטן, אומדערבאַרעמדיקן וויצלער

דאַן, פּלוצלינג — האָט זיך בינמען אויסגעדאַכט, אַז ער האָט עפּעס דער-הערט. צי האָט זיך ווירקלעך עפּעס אַ ריר-געטון דרויסן, אָדער עס האָט אים אַ קלונג-געטון אין זיין צעוויטיקטן, אומגעדולדיקן אויער? די האַנט האָט זיך פון זיך אַליין א ריס-געטון און אַן עפן-געטון די טיר. דאָס הינטל האָט דערפילט דעם פרייען דרויסן, די לופט פון דער וויט-קייט, וואָס האָט אים אַרומגעכאַפּט און פאַרשיכורט. די דאָזיקע אַכזריות-דיקע טיר, מיט אירע פעסטע לייסטן, מיט אירע ריגלען, מיט איר שטו-מער קליאַמקע און מיט די פורכטבאַרע קייטלען, האָט זיך ענדלעך אַן עפן-געטון! א רגע האָט דאָס הינטל נישט געקאָנט זיך קיין ריר-טון פון איבעראַשונג. צי איז ווירקלעך פריי געוואָרן דער דאָזיקער גליקלעכער אויסגעבענקטער וועג? און, אַרומגעכאַפּט פון אַ ווילדער פרייד, האָט זיך דאָס הינטל מיט א משוגענער האַסט א ריס-געטון פון אָרט, זיך אַ הייב געטון מיטן גאַנצן קערפּער, אַ שפּרונג-געטון, פאַרטשעפּענדיק בינמען באַ דער יובעצע, באַרירנדיק זיינע שטיוול, און—מיט דער גע-שווינדקייט פון א בליץ פאַרשוואונדן דרויסן, אין פינצטערן פאָדערהויז.

ער זיך אומגעווענדט און זיך אָנגעלענט אָן דער טיר מיטן רעכטן. דערביי איז דאָס הינטל, וואָס איז געלעגן נעבן אים, שיער נישט געפּגרט פאַר שרעק. עס האָט געמיינט, אז דער דאָזיקער פרעמדער וויל זיך אַראָפּבייגן און עס כאַפּן. בינם האָט פּלוצלינג אַ ציטער געטון... צי באַוועגט זיך נישט דרויסן עפּעס? דאָס בלוט האָט אים האַסטיק צוגעשלאָגן צו די שלעפן, ער איז שוין געווען אין כעס, זיין געדולד האָט זיך שוין געוואַקלט. פאַרוואָס הערט מען גאָרנישט, פאַרוואָס גראַבלט נישט און רייסט נישט, נישט קוקנדיק אויף דער גרויסער שטילקייט? בינם האָט דערפילט אַ צווייפל, נאָר ער האָט אים באַלד אָפּגעיאָגט פון זיך און גענומען אָנשטרענגען דאָס אויער מיט אַ פרישן קוראַזש, ער האָט אייגנטלעך געוואוסט, אַז אין לעבן זענען פאַראַן רעטענישן, די גרויסע אייביקע וועלט־רעטענישן וועגן דעם מהות פון די זאַכן, וועגן דעם וועזן פון דער נשמה... יאָ, דאָ און דאָרט הערשט נאָך דער שאָטן פון נישט וויסן, אַ שאָטן, וועלכן קיין ליכט האָט נאָך נישט פאַרטריבן, און וועלכן ס'וועט אפשר קיינמאָל נישט מעגלעך זיין צו פאַרטרייבן. אָבער אַזאַ קלייניקייט, אַזאַ נאַרישקייט, אַזאַ שפּיי, וואָס וואָלט אַרויסגערופן אַ געלעכטער, אויב מען וואָלט עס דערציילט צווישן פאַרשטענדיקע מענטשן? דאָס איז נישט קיין רעטעניש, נאָר אַ וויץ, דאָס איז עפּעס אַ מעשה־לצים...

נאָר בינם מאַרגוליס האָט אָנגעשטרענגט זיין גאַנץ באַוואוסטזיין, כּדי צו פאַרטרייבן פון זיין מוח אַלערליי טראַכטונגען. ער האָט געפילט, אַז מיטן שכל וועט ער דאָ גאָרנישט אויפטון, אַז ער וועט זיך בלויז פאַרפּלאָנטערן, און דערווייל קען אים די גאַנצע זאַך אַוועקקומען פון אונטער די הענט. ער האָט זיך געפילט שולדיק פאַר עמיצן, פאַר זיך אַליין און פאַר די אַלע מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען דאָ דערינען, פאַרזונקען אין אַזאַ דערוואַרטונגספולן שווייגן. זיי האָבן זיך דאָך אייגנטלעך פאַרלאָזט אויף אים, אויב נישט, קען זיין, אַז זיי וואָלטן אפשר אַליין עפּעס אויפגעטון... בינם האָט זיך דערמאָנט אָן מנשהס דערציילונג, ווי ער האָט געוואַנדערט פון בעט צו דער טיר און פון דער טיר צום בעט, ווי ער האָט געשטורכעט אין טיר אַריין און האָט אויך געוואָלט כאַפּן דעם גנב. מנשה איז אַ גאַנץ וואוילער מענטש, אַ מאַנספּאַרשוין מיט שכל און מוט. און איצט טוט דאָך ער, בינם, אייגנטלעך, נישט מער, וואָס מנשה

אהינקריכן הינטערן קעכטל איז שוין נישט געוועזן וואָס צו קלערן. עס איז געשטאַנען ווי פאַרשטאַרט, האָט מורא געהאַט זיך אַ ריר צו טון, עס האָט מורא געהאַט אויפצוהייבן די אויגן, עס האָט פאַרגעסן אָן אַלעם און האָט בלויז געפילט נעבן זיך עפּעס אַ גרויסן מענטשן, אַ ווילד־פרעמדן, אַ שלעכטן, וועלכער האָט אָנגעיאָגט אויף אים אַ קעלט. פאַר־וואָס רירט ער זיך נישט אַוועק פון דאַנען? אַ לייכטער שוידער איז אַדורכגעלאָפן יעדע ווילע איבער דער שוואַרצער פעל פונם קליינעם הינטל און האָט אים יעדע ווילע פאַרכאַפּט באַם אָטעם. עס איז געלעגן אָט באַלד נעבן די פיס פון בינם מאַרגוליס און האָט געטאַנט מיט זיין קליינעם קעפל, אַז עס וועט נישט פון דאַנען אַרויס קיין גאַנצער.

און בינם מאַרגוליס האָט געהאָרכט און געהאָרכט. ער האָט נישט גע־וואָלט וועגן עפּעס אַ טראַכט טון, ער האָט מורא געהאַט, אַז אָט־אָט קען ער פאַרשפּעטיקן און דאָס דאָזיקע געהיימניש קען זיך אים אַרויסגליטשן פון צווישן די פינגער. אַרום און אַרום איז געווען פינצטער, און בינם איז דערפון געווען צופרידן. אים האָט זיך עפּעס געדאַכט, אַז אין דער ליכט וואָלט דאָס דאָזיקע „עטוואָס" זיך נישט געלאָזט הערן. די מענטשן דערינען, אין דער צווייטער שטוב, האָבן זיך פאַרהאַלטן גאַנץ שטיל, אַזוי ווי די קרובים פון אַ קראַנקן, באַ וועלכן דער דאָקטאָר ציילט דעם פולס. זיי האָבן זיך נישט קיין ריר געטון, יעדער איז געשטאַנען אויף זיין אָרט, אַ פאַרגליווערטער, זיי האָבן קוים־קוים געאָטעמט. זיי האָבן אַפילו נישט קיין קוק געטון איינער אויפן צווייטן, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט, אַז אַן איבעריקער בליק קען שטערן די שטילקייט. אַלע האָבן זיך געוואונדערט אויף בינמען, נאָר יעדער האָט זיך באַמיט, די דאָזיקע פאַרוואונדערונג אין זיך צו דערשטיקן... די שטילקייט האָט עפּעס גע־טראָגן אין איר שויס, אַלע האָבן אויף עפּעס געוואַרט, די שטילקייט האָט געשמעקט מיט עפּעס אַ גרויסער, פיינלעכער אומגעדולדיקייט. עפּעס מוז דאָ געשעען, אָט באַלד מוז זיך עפּעס אויסוויקלען און אַרויסשפּרינגען פון דעם אַלעם... בינם האָט געפילט די דאָזיקע דערוואַרטונג, וואָס איז געהאָנגען אין דער לופט; ער איז געשטאַנען ווי אויף שפּילקעס און האָט אַזש דערשפּירט אַ שמערץ אינם לינקן אויער, וועלכעס איז געווען צוגעשפּאַרט צו דער טיר.

דערנאָך, אַז דאָס דאָזיקע אויער האָט אים אָנגעהויבן צו קלינגען, האָט

— מיר מוזן נאָכזועען... צו אַלדי רוחות, מיר מוזן עס פּאַקן! נאָר שטיל שטיל... ווער גייט מיט?

נאָר ער האָט געמוזט גיין אַליין, וואָרום קיינער איז נישט מיטגעגאַנגען. שטייענדיק נעבן דער טיר, האָט ער דערפילט אַ לייכטן ציטער. דאָס גראַבלען האָט אינגאַנצן אויפגעהערט, נאָר דאָס האָט אים נישט איבערראַשט, וואָרום ער האָט עס פאָראויסגעזען. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער פאַרשטייט שוין איצט אַלע געהיימע קונץ-שטיקלעך און ווענדונגען פון דעם דאָזיקן רעטעניש. אַלזוי, אויף יענער זייט טיר, דאָ הינטערן ברעט, שטייט עס, אָט דאָס, — ווי זאָל ער עס אָנרופן? עס מוז האָבן דערהערט, אַז ער קומט-צו צו דער טיר, כאָטש ער איז אייגנטלעך צוגעגאַנגען אויף די שפּיץ נעגל... נאָר אָט באַלד וועט עס אָנהייבן אויפסנייַ דאָס געהיימע שפּיצל פון גראַבלען און רייסעריי. עס וועט דאַן זיין זייער לייכט צו דערקענען, וואָס עס איז אַזוינס, אַ הונט, צי אַ קאַץ, צי... צום טייוול, קיין שד איז עס דאָך זיכער נישט! אָ, זאָל עס נאָר אָנהייבן רייסן, דאַן וועט בינם אַן עפן-טון די טיר, גיך, גאַנץ גיך, אַזוי גיך, אַז גיכער קען שוין נישט זיין! אַלץ וועט קלאָר ווערן אין איין רגע... און בינם האָט מיט אַ ציטערדיקער האַנט אָנגעהאַלטן די קליאַמקע, כדי צו זיין גרייט צו עפענען אין יעדן אויגנבליק. ער האָט זיך צוגעלענט צו דער טיר מיט אַן אויער און געהאָרכט, געהאָרכט, געהאָרכט מיטן גאַנצן לייב און לעבן.

דערווייל איז דאָס רעטעניש, וואָס ער האָט געזוכט, וואָס האָט אַרומגעבלאָנקעט, __ ווי ער האָט גערעכנט, — דרויסן, אין דער פינצטערניש — געשטאַנען נישט ווייט פון אים, אינם ווינקל, נעבן דער טיר. עס איז געשטאַנען, צונויפגעקאָרטשעט אין אַ קנויל, דער עק אַרונטערגעצויגן אונטערן דיקן בייכל, די קורצע פיסלעך איינגעבויגן, דאָס ווייסע מאָרדעלע אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד. מיט אַ מינוט פריער האָט עס נאָך געריסן באַ דער טיר, און ערשט ווען בינם איז שוין געווען האַרט נעבן אים, האָט עס זיך אַרומגעזען. דאַן האָט זיך דאָס הינטל אַזוי שטאַרק דערשראָקן, אַז עס איז געבליבן אַ רגע ווי באַטויבט. עס איז מיטאַמאָל אינגאַנצן צוזאַמענגעשרומפּן געוואָרן און האָט קוים געהאַט מוט זיך אַוועקצוקאָלערן אויף אַ צוויי צאָל, מיט אומהערבאַרע טריט, געשיצט דורך דעם שוואַרצן שלייער פון דער פינצטערניש. פון

ס'מוז עפּעס זיין, צו אַלדי רוחות... די זאַך איז אפילו נאָך נישט קלאָר, נאָר — איר פאַרשטייט שוין? בלויז ווען מיר שווייגן... ששש... ששש...

ער האָט געפּליסטערט גאַנץ שטיל, נאָר אַזוי, אַז אַלע זאָלן אים הערן. רב יואל האָט זיך געוואָלט אַרויסכאַפּן, אַז ער האָט דאָס אייגנטלעך אויך שוין באַמערקט; נאָר ער האָט מורא געהאַט זיך אָנצורופן, וואָרום בינמס פריערדיקער פאָרשלאַג, ער זאָל אַרויסגיין דרויסן נאָכזעען, האָט אים געהאַט צו שטאַרק איבערגעשראָקן. מנשה האָט טרויעריק געשמייכלט מיט די אויגן, ווי ער וואָלט וועלן זאָגן, אַז ער ווייסט אויך שוין דאָס, אַז ער האָט דאָס באַמערקט באַלד אין אָנהייב פון דער דאָזיקער מיאוסער געשיכטע. און כאָטש אַלע האָבן דאָס פאַרשטאַנען פון זיך אַליין, דאָך האָט דאָס קיינער נישט אַרויסגעזאָגט; דעריבער האָבן אַלע אויפגענומען בינמס ווערטער, ווי עפּעס נייעס.

בינם האָט ווידער אַ כאַפּ־געטון באַם אַרבל דעם יונגערמאַנטשיק מיטן שוואַרצן בערדל, האָט גענומען ענערגיש ווינקען מיט די הענט אויף אַלע זייטן און האָט ווידער געפּליסטערט;

— ששש... איר ווייסט וואָס? וואַרט, וואַרט... מיר איז עפּעס איינגעפאַלן... עפּעס אַ געדאַנק איז אַדורכגעפלויגן דורך זיין מוח, ווי אַ בליץ, און האָט אַ וואָרף־געטון אַ שטיק כישוף־ליכט אויף דער געדיכטער פינצטערניש פון דער דאָזיקער געהיימנישפולער געשיכטע. נאָר דאָס איז נישט געווען קיין געדאַנק, דאָס איז געווען אַ גאַנצער קנויל פון אַנונגען און השערות, וואָס האָבן אויפגעטרייסלט אויף אַ ווײַלע זיינע נערוון; און אַז ער האָט געוואָלט אַרויסזאָגן, וואָס אים איז אייגנטלעך איינגעפאַלן, האָט ער באַלד איינגעזען, אַז ער האָט נאָר געהאַט אַ טעות, אַז ער איז פאַרלוירן געוואָרן אין דער נעץ פון זיינע אייגענע געדאַנקען, אַז ער איז פאַרבלענד'ט געוואָרן, אַז ער ווייסט אייגנטלעך נישט מער, וואָס אַזוינס ער האָט געוואָלט זאָגן. בינם מאַרגוליס האָט דערפילט אַ געהיימע האַנט, ער האָט דערפילט דאָס געלעכטער פונם גורל. ער האָט זיך דערשראָקן פאַר זיין גרויסער אוממעכטיקייט און בעמערקנדיק, אַז אַלע אַרום וואַרטן מיט אַ געשפּאַנטער אויפמערקזאַמקייט אויף זיין גליקלעכן איינפאַל, האָט ער אַרויסגעשטאַמלט מיט גרויס פאַרלעגנהייט:

זאָל זאָגן, און האָט אַרויסגעשטאַמלט:

— און דאָס גראַבלען אַרט אייך גאָרנישט, העַ?

— וואָס זאָל עס מיך אַרן? — האָט געענטפערט מנשה.

די דאָזיקע דרייסטקייט איז געווען אַ געקינסטלטע. ער האָט זיך אַביסל געשטאַרקט, כדי זיך אפשר צו ווייזן פאַר בינמען, אָדער כדי נישט אינגאַנצן צו פאַרלירן דעם קאָפּ. ער איז געווען נאָך ברוינער, ווי פריער, דער שוויס האָט אים נישט געוואָלט אַראָפּ פון שטערן, ער איז געווען ענלעך צו אַ מענטש, וואָס פאַרמאַכט די אויגן, כדי נישט צו זעען דעם שטיין, וואָס פליט אים מיט אַ גערויש גלייך אין קאָפּ אַריין.

דאַן, אַז ס'איז אריינגעטרעטן אַ שווייגן, און דאָס רייסן באַ דער טיר האָט זיך פלוצלינג ווידער אָנגעהויבן, האָט בינם אַ טאַפּ-געטון באַם אַרבל דעם יונגערמאַנטשיק מיטן שוואַרצל בערדל, אַ רוק-געטון זיך דאָס היטל אַרונטער, די אויגן דאָבן זיך אים צעבליצט הינטער דער גאָלדענער בריל און ער האָט גענומען ווינקן מיט דער האַנט צו אַלע אַרומיקע און האָט געפליסטערט:

— שש... שש... שש... נאָר שטיל, נאָר שטיל... נישט פון אָרט... אַ מינוט... שששש...

אַלע האָבן פאַרהאַלטן דעם אָטעם, און ס'איז אַריינגעטרעטן אַ טויטע שטילקייט. דאָס גאַנצע הויז, אַלע מענטשן און די ווייטע נאַכט דרויסן האָבן געשוויגן, אַ מין שווייגן, אין וועלכן ס'האָט זיך געפילט אַ גרויסע אָנגעשטרענגטקייט און עפּעס אַ קוואַל. אַלע האָבן געוואָלט עפּעס דערגיין, אויפכאַפּן מיט זייערע אָנגעשטרענגטע אויערן אָט דאָס ווילדע, צעלאָזענע רעטעניש, וואָס באַהאַלט זיך דאָ ערגעץ, פאַר דער סאַמער נאָז, און מאַכט ליצנות פון אַן עולם מענטשן. אין דעם דאָזיקן שווייגן איז געווען אַן עקשנות, אַ צאָרן און אַן אויפרעגונג. בינמס גרויסע אויערן זענען אַזש רויט געוואָרן, זיין גריבערדיק געזיכט האָט זיך נאָך מער פאַרטיפט און זיך אינגאַנצן פאַרלוירן אונטער דעם אַרויסגערוקטן, הערשערישן, אַלץ-פאַרכאַפּנדיק שטערן, אין וועלכן עטלעכע בלויע אָדערן זענען אָנגעשוואָלן געוואָרן, ווי זיי וואָלטן וועלן אַרויסשפּרינגען פון הינטער דער הויט.

— זייט אַלע שטיל... שששש... איר ווייסט וואָס? איך בין דערגאַנגען, אַז דאָס — ווי זאָל איך עס אָנרופן — די קאַץ, דער הונט... קראַצט נאָר דעמאָלט, ווען מיר אַלע שווייגן... איר פאַרשטייט? דאָ מוז עפּעס שטעקן...

דער צייט, וואָס דער טויט וואַרט אויף אים הינטער דער מויער; ער גייט פון וואַנט צו וואַנט און פילט, ווי די לעצטע האָפענונגען לעשן זיך אויס און שטאַרבן אָפּ אין זיין פאַרקלעמטן האַרצן; בלויז איין נעפּלהאַפּטע, טונקעלע אַנונג טרייבט אים נאָך פון ווינקל צו ווינקל און יאָגט אים צו זיין ווילדן שפּאַציר: אפשר וועט זיך עפענען איינע פון די דאָזיקע פיר קאַלטע, שטומע ווענט, און עפּעס א שמאָלער, לאַנגער שטעג וועט זיך אויסשפּרייטן פאַר אים, פאַרבעטן אים צו זיך, אויפנעמען אים און אים אַרויספירן ערגעץ אויף אַ פריי, ווייט פעלד, וואו דער הענקער וועט אים נישט געפינען. און ענדלעך איז פּעסע, צוקומענדיק צו איר שטול, געפאַלן אויף איר, אַ צעבראָכענע. זי איז געווען מיד און איז געבליבן זיצן אין דער פריערדיקער פּאָזע, אַ פאַרגליווערטע, ווי אַ געשטאָרבענע.

די מעשה וועגן דעם פאַרלאָשענעם לעמפּל איז אדורכגעלאָפן, ווי אַן עלעקטרישער פונק, צווישן דעם עולם. דאָס איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס קיינער האָט נאָך נישט געוואוסט, דאָס האָט אַריינגעברענגט אַ נייליכט אין דער זאַך אַריין, אָדער בעסער געזאָגט, דאָס האָט געוואָרפן אויף דער זאַך נאָך מער פינצטערניש. עס הייסט, חוץ דעם רייסן בײַ דער טיר, האָט עמיץ אויסגעבלאָזן ס׳לעמפּל, ווען מנשה האָט זיך געלאָזט נאָכפאָרשן. אַ באַוועגונג איז אַדורכגעלאָפן דורך אַלע; אפילו רב יואל, וואָס האָט זיך פאַרשטעקט אין אַ זייט, האָט זיך קוים געקענט איינהאַלטן, ער זאָל זיך נישט אַרויסכאַפּן מיט אַ פראַגע, וואָס דאָס איז אַזוינס געווען. עטלעכע יידן האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום מנשהן, און בינם האָט אים גענומען אויספאָרשן אויפסניי:

— פאַרוואָס דערציילט איר טאַקע נישט? איז טאַקע אויסגעגאַנגען ס׳לעמפּל?

— וואָס וועט איר זי האָרכן! — האָט מנשה געענטפערט — זי איז אַ יידינע... אַז כ׳האָב צוגעקלאַפּט די טיר, איז פונם שטויס פאַרלאָשן געוואָרן ס׳לעמפּל, איר פאַרשטייט?

דער יוגערמאַנטשיק מיטן שוואַרצן בערדל האָט געלאַכט, אַנדערע יידן האָבן געקוועטשט מיט די פּלייצעס, וואָרום די זאַך איז שוין איצט געווען צופיל פאַרהוילן. זיי האָבן שוין איצט נישט געקענט גלייבן אָן קיין שטויסן און אָן נאָך אַזעלכע זאַכן. בינם האָט נישט געוואוסט, וואָס ער

אזוי האָט זי גערעדט צו מנשהן, כאָטש זי האָט אפילו נישט קיין בליק געטון אַהין צו אים; זי האָט נישט גערעדט צו מנשהן, נאָר צו זיך אַליין.

דערנאָך האָט זי זיך אויפגעשטעלט און זיך געלאָזט ערגעץ גיין, נישט קוקנדיק אויף קיינעם און נישט זעענדיק גאָרנישט פאַר זיך. זי איז צו־געגאַנגען ביז צו דעם שאַנק בא דער קעגנאיבערדיקער וואַנט, אומגעקערט זיך צוריק צום פענצטער, דערנאָך, פאַרבייגייענדיק פאַר בינמען, האָט זי אים פאַרטשעפעט:

— הע, בינם, איר ווילט כאַפּן דעם גנב, וואָס? זעט ליבערשט, דער גנב זאָל נישט אייך כאַפּן. ער שטייט דרויסן, גייט אַרויס צו אים, כאַפּט אים! דערנאָך, שפּאַצירנדיק ווידער פונם פענצטער צו דער שאַנק, האָט זי ווייטער גערעדט:

— זאָגט מיר, ליבע מענטשן, מיט וואָס האָב איך געזינדיקט? זאָגט מיר, כ'וועל פאַסטן, כ'וועל תשובה־טון, כ'וועל גיין אין די שטרימפּ, כ'וועל פייניקן מיין לייב... חנה לעבן, אפשר קענט איר מיר זאָגן, מיט וואָס מיין זינד איז אַזוי גרויס? אפשר איר, רחל־לאהשי? און איר, חנה־הינדע־שי, אפשר קענט איר מיר זאָגן, מיט וואָס מיין זינד איז אַזוי שרעקלעך?

די ווייבער האָבן גענומען רעדן אַלע מיטאַמאָל, באַרויקן פעסען און זי טרייסטן; אַלץ איז דאָך שוין, ברוך־השם, אין אָרדענונג און מיט גאָטס הילף, וועט מען שוין מער קיין שלעכטס נישט הערן. נאָר פעסע איז געווען טויב און בלינד. פאַרבייגייענדיק פאַר מנשהן, האָט זי זיך אָנגעכאַפּט אָן אים:

— און וועגן לעמפּל דערציילסטו גאָרנישט? ווי דו ביסט געגאַנגען עפּע־בען די טיר און האָסט געוואָלט כאַפּן דעם גנב, האָט ער פאַרבלאָזן ס'לעמפּל און ביסט געבליבן שטיין אין אַ שוואַרץ־פינצטערער פינצטערניש?

דערציילט, דערציילט, זאָלן מענטשן וויסן אונדזערע גרויסע נסים...

און זי האָט שפּאַצירט ווייטער, געטריבן פון עפּעס אַן אויפרעגונג, פון עפּעס אַ צעמישונג און פון עפּעס אַ משוגעת, וואָס האָט זי אַרומגעכאַפּט. אירע אויגן האָבן אומהיימלעך אַרויסגעפינקלט פון איר איינגעפאַלענעם, טויט־בלאַסן געזיכט. זי האָט שפּאַצירט, אַזוי ווי אַ פאַראורטיילטער צום טויט, וואָס גייט אַרויף און אַראָפּ איבער זיין איינזאַמער קאַמער, אי

שרעקלעכער אויפרעגונג, ווי אַ הון, וואָס שפּרינגט אין דער הייך, פּאַטשט
מיט די פליגלען, רייסט מיט די נעגל, ווארפט זיך און שטרויבט זיך,
כּדי צו פאַרהיטן די הינדלעך, וואָס מען וויל בײַ איר צורויבן.

רב יואל האָט זיך באַנוצט מיט דער געלעגנהייט, אָפּגערוקט זיך אַן אַ זייט
און זיך אַוועקגעשטעלט דאָ, אַ צוזאַמענגעקורטשעטער, אַז מען האָט
אים כּמעט נישט מער אַרויסגעזען. דאָס שטיין נעבן בינמען איז פאַר
אים נישט געווען קיין געשעפט; פון דעם, האָט ער געוואוסט, וועט קיין
גוטס נישט אַרויסקומען. וואָס קען מען וויסן, וואָס פאַר אַ שטן דאָ
האָט זיך פאַרקליבן, און גיין ארויס דרויסן אין דער פינצטערניש אַריין,
איז דאָס אייגענע, וואָס אַרייַנקריכן צום טייוול גלייך אין זאַק אַריין.

בינם האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט וועלן אָננעמען עפּעס אַ באַ-
שלוס. נאָר די געדאַנקען זענען אים מיטאַמאָל ווידער צעשטרייט גע-
וואָרן. פעסע האָט פלוצלינג טיף אָפּגעזיפצט און זיך אַ ריר-געטון אין
איר שטול בײַם פענצטער. זי איז אויפגעקומען פון איר איבערטריבענער,
פאַרשטאַרטער רויקייט; זי איז אַזוי ווי צוריקגעשליידערט געוואָרן פון
יענער זייט לעבן דאָ אַהער, אין דעם טאָל פון טומל. און, צוזאַמענליי-
גנדיק די הענט ווי צו אַ געבעט, האָט זי גענומען שאָקלען מיטן קאָפּ
און געזאָגט מיט אַ ניגון פון תּחינה גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין:

— אוי, רבונו של עולם, האָסטו אָנגעשיקט אַ שוואַרץ-פינצטער באַ-
געבנהייט אויף מיין הויז... אוי, טאַטע-פאָטער, האָסטו אָנגעשיקט אויף
מיין שטוב אַ קטב-מרירי... הלואי וואָלט די זון נישט אויפגעשטאַנען
און נישט אונטערגעגאַנגען יענעם בייזן טאָג, ווען ס'איז געווען אָנגע-
צייכנט פאַר מיר דאָס ביטערע אומגליק...

זי האָט ווידער אַ זיפץ-געטאָן און האָט אויך איצט, שטילשווייגנדיק,
אַלץ נאָכגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט נאָך גערעדט ווייטער, נאָר
שוין אָן ווערטער. אַלע אין שטוב זענען געבליבן דערשיטערט, פעסעס
רייד האָבן זיך, ווי מיט מעסערס, איינגעשניטן בײַ יעדן אין האַרצן און
זענען געבליי הענגען אין דער לופט, ווי שטיקער פאַרגליווערטער
טרויער.

און זי האָט ווייטער גערעדט:

— הע, מנשה, כ'האָב דיך נישט געבעטן, זאָלסט גיין לאָזן איבערזען די
מזוזה? זאָג מנשה, הע, כ'האָב דיך נישט געבעטן?

בינם האָט געוואָרפן אַ בליק אויף דעם דאָזיקן געבעכדיקן מענטשן. ער איז געשטאַנען אַן איינגעהויקערטער, ווי דאָס רעטעניש, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט הינטער דער טיר, וואָלט זיך אים געלייגט אויפן רוקן; ער האָט נישט געוואוסט, אויף וואָס אָפּצושטעלן די אויגן, און האָט אויסגעזען ווי אַ שכור אָדער אַ משוגענער.

— געהערט, געהערט... — האָט בינם געענטפערט, צוריקהאַלטנדיק קוים דעם שמייכל פון מיטלייד, וואָס האָט אים צוזאַמענגעצויגן די ליפּן.

דערנאָך, אַז ער האָט זיך אַביסל באַרויקט, האָט ער צוגעגעבן:

— און אויב עס גראַבלט שוין יאָ הינטער דער טיר, איז מאַי כולא האַי? וואָס האָט איר מורא, ס'וועט אייך אַ ביס־טון? איר וואָלט זיך געקאָנט רויק שלאָפן, און זאָל באַדיי גראַבלען ביז אין טאָג אַריין.

אַלע האָבן געפילט דעם אמת פון די ווערטער, דאָך האָבן זיך אַלע באַצויגן צו זיי נישט ערנסט; אויך בינם אַליין האָט דאָס נאָר געזאָגט אין שפּאַס. ער האָט זיך גענומען אַרומקוקן צווישן די פּאַרזאַמלטע און זיך אָנגערופן:

— פונדעסטוועגן וואָלט מען באַדאַרפט כאַפּן דעם גנב... דאָס גלייכסטע וואָלט געווען, עמיצער פון אונדז זאָל זיך אַוועקשטעלן הינטער דער טיר און אים אָפּהיטן... אפשר איר, רב יואל?

דער ייד מיט דער לאַנגער באָרד און מיטן קאַפּל אויפן קאָפּ איז בלאַס געוואָרן.

— מילא, זאָל זיין איך... — האָט ער געזאָגט מיט אַן אומזיכערער שטים — און אפשר וועט גיין אַ צווייטער?

דאָ האָט זיך אַרויסגעכאַפּט איינער אַ יונגערמאַנטשיק מיט אַ קורץ, שוואַרץ בערדל:

— איך וועל גיין!

נאָר דאָס ווייב זיינס, וועלכע איז אויך דאָ געווען, האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אים, ווי אַ ווילדע קאַץ.

— פאַר אַ כפרה וועסטו דאָ מיר זיין! — האָט זי געשריגן אַ צעפלאַמטע און אַ צעקאָכטע.—קוקט נאָר אָן מיין שמשון הגבור! פּרוואו נאָר שטעלן אַ טריט—די אויגן וועל איך דיר אויסקראַצן! בינם קען נישט גיין, אויב ער איז אַזאַ חכם? דו וועסט מיר זיין דאָס כפרה־הינדל פאַר אַ גאַנצער שטאָט?

און זי האָט געטופּעט מיט די פיס און האָט אויסגעזען אין אי...

און ערד, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע רעטענישן און געהיימנישן, וואָס
בלאָנדזשען אַרום אינם אומענדלעכן רוים.

און פּלוצלינג איז די דאָזיקע שווערע שטילקייט איבערגעריסן געוואָרן.
עס האָט זיך דערהערט דאָס רייסן בײַ דער טיר... אין דעם דאָזיקן גע-
רויש, וואָס האָט זיך מיט אַ שרעקלעכער אומהיימלעכקייט אַדורכגעטראָגן
איבער דער שטוב און זיך אָנגעהאָנגען, ווי אַ באַרג, איבער די קעפּ פון
די מענטשן, איז געלעגן עפּעס אַ פאַרצווייפלונג. צי איז עס געווען דאָס
צאַפּלען פון אַ רעטזלהאַפט ווען, אָדער טאַקע נישט מער, ווי דאָס גראַב-
לען פון אַ קאַץ, אַ הונט? אַלע זענען בלאַס געוואָרן און האָבן מיט אַן
אינסטינקטיווער האַסט אומגעווענדט די קעפּ אַהין, צום פינצטערן קיכל;
די אויגן זענען בײַ אַלעמען שיער נישט אַרויסגעשפּרונגען פון די לע-
כער. דער לאַמער גוי האָט ענדלעך באַגריפן, וואָס דאָ קומט פאָר; ער
האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, פרום פאַר-
מאַכט די אויגן, געצלמט זיך און מיט אַ ברומענדיקער שטים גענומען
מורמלען אַ געבעט צו גאָט דעם פאָטער, צו גאָט דעם זון, צו גאָטס מו-
טער, צום הייליקן גייסט און צו אַלע אַנדערע הייליקע, וואָס האָבן איינ-
געטיילט צווישן זיך די הערשאַפט איבער אונדזער קליין וועלטל.

— האַ... האַ... האַ... אָבער אַן אָנשיקעניש! אָבער אַן אָנשיקעניש! —
האָט אַ ברום געטון דער ייד מיט דער לאַנגער באָרד.

— איר וועט נישט זיין שטיל?!—האָט אַ געשריי-געטון בינם מאַרגוליס.

נאָר אין דער אייגענער מינוט האָט דאָס גראַבלען בײַ דער טיר אויפגע-
הערט. בינם האָט נאָך אַלץ אָנגעשטרענגט דאָס אויער, נאָר ער האָט
גאָרנישט מער געהערט. דאַן האָט זיך אויסגעמאָלט אַ פאַרדרוס אַרום
זיינע ברוינע ברעמען, און ער האָט מיט גרויס צופרידנהייט צוזאַמענ-
געפּרעסט די ליפּן. אים האָט זיך שוין געהאַט געדאַכט, אַז אָט-אָט
הייבט ער אָן דערקענען לויטן קראַצן, וואָס דאָס איז אַזוינס, — נאָר
אין דער סאַמע וויכטיקסטער מינוט האָט אַלץ מיטאַמאָל אויפגעהערט.
צו אַלדי רוחות, דאָס איז אַ פּאַסקודנע שפּיל! אַ שאָטן האָט זיך גע-
לייגט איבער זיין ברייטן שטערן, און ער האָט אַן אומגעדולדיקער און
אַ צערייצטער, גענומען צייכענען עפּעס מיט אַ פינגער אויפן טיש.

— נו, האָט איר געהערט?... — האָק מנשה קוים אַרויסגעשטאַמלט.

גוט אַראָפּ פון בעט, אָנגעצונדן דעם לאָמפּ און... געעפנט די טיר. כ'קוק — גאָרנישט, ס'איז פינצטער. כ'טופּע מיט די פיס, כ'שריי אָפּשיק — גאָרנישט! טראַכט איך מיר: צי האָט מיר געחלומט? צי גלאַט פּעסע האָט מיר פאַרדרייט אַ קאָפּ? דערווייל טופּע איך ווייטער, כ'קוק, נעם מיר די אויגן אַרויס, כ'שפּעקוליר — וואָס זאָל איך אייך זאָגן? — נעכטיקע טעג! מאַך איך דאָך צו די טיר און — ווי נאָר כ'דריי אויס דעם רוקן — היידאַ! מ'רייסט באַ דער טיר!

דאָ האָט זיך דער ייד מיט די באָרוויסע פיס, מיט דער לאַנגער באָרד און מיטן קאַפּל אויפן קאָפּ, געווענדט צו בינמען:

— כ'בעט דיך, בינם, פרעג אים נאָר, צי ער חייסט נישט, אויב דעריבער באַ די שכנים האָט מען אויך עפּעס געהערט?

— איר קענט אים דאָך פרעגן אַליין! — האָט בינם געענטפערט.

דער ייד האָט זיך אַרומגעזעען, אַז ווידקלעך, ער קען פרעגן אַליין.

— איר ווייסט נישט, מנשה, צי דעריבער, די שכנים, האָבן אויך עפּעס געהערט?

נאָר די שכנים און די שכנטעס זענען אַלע דאָ געווען אין שטוב און האָבן געשוואוירן, אַז זיי האָבן נישט געהערט קיין מינדסט. זיי האָבן זיך געלייגט שלאָפן אַזוי ווי אַלע טאָג, נישט אַנעגדיק קיין שלעכטס, און ערשט שפּעטער, אַז זיי האָבן געהערט פּעסעס געוואַלטן, זענען זיי געקומען דאָ אַריין צו לויפן, אין איין שרעק און איין ציטערניש, אויפכאַפּנדיק זיך פון סאַמע בעסטן שלאָף.

דאַן, אין דער שטילקייט, וואָס איז איצט איינגעטרעטן, איז געווען צו באַמערקן, אַז די מוחות פון די מענטשן, וואָס זענען זיך דאָ צוזאַמענגעלאָפן, אַרבעטן שווער און פינצטער אונטער די שיידלס. אַז דאָס זאָל זיין אַ קאַץ, האָט זיך קיינעם נישט געלייגט אויפן שכל. אויב עס וואָלט געווען אַ קאַץ, וואָלט זי זיך דערשראָקן פאַר מנשהן און אַנטלאָפן, און אויב זי וואָלט צוריקגעקומען, וואָלט זי דען גראָד ווידער צוגעקומען בײַ מנשהס טיר? נאָר וואָס דען איז עס געווען? דאָ האָבן זיך ייערע טונקעלע טראַכטונגען אָנגעשטויסן אָן אַ וואַנט פון פינצטערניש און נעפּל. די נאַכט דרויסן איז געווען ווייט און פינצטער, און דאָס, וואָס די דאָזיקע מענטשן האָבן געזוכט, איז געווען דרויסן, אין דער ווייטער נאַכט, ערגעץ צווישן הימל

אין הימל, און אוי־ווי און אוי־ווי... כ׳בין אַרויס פון די כלים. כ׳בין אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט, ווי אַ משוגענער.

אַלע האָבן נישט ווילנדיק אַ קוק געטאָן אַהין אין דער זייט, וואו פּעסע איז געזעסן. נאָר זי האָט זיך צומאָל נישט קיין ריר געטאָן, ווי זי וואָלט גאָרנישט געזען און גאָרנישט געהערט פון אַלעם, וואָס האָט זיך אָפּגעטון אַרום איר. זי איז געזעסן, ווי פאַרטיפט אין עפּעס אַ זאַך, וואָס שטייט אויף יענער זייט פון לעבן, פאַרזונקען אין אַ נישט-ערדישער רויקייט, וואָס האָט אָנגעיאָגט אַ קעלט.

— נו, זענט איר ווידער אַריין צו דער טיר? — האָט בינם ווייטער געפרעגט.

— אַודאי בין איך אַריין! — האָט מנשה געענטפערט, דערהיצנדיק זיך אַלץ מער פון זיין אייגענער דערציילונג. — נאָר דאָס מאָל האָט שוין אויפגעהערט צו גראַבלען, נאָך איידער כ׳בין צוגעקומען צו דער טיר — איר פאַרשטייט אַ מעשה? האָב איך דאָך שוין געמיינט: פּטור אַ געשעפט! איז ווי נאָר כ׳גיי צו צום בעט און כ׳עפן די דעק — גאַ־דיר! ווידער די אייגענע כפרה!

אַ באַוועגונג פון איבעראַשונג איז אַדורך איבער דעם עולם מענטשן, וואָס איז געווען פאַרזאַמלט אין שטוב. אין מנשהס אויגן האָט זיך אָנגעצונדן אַ טרויעריקער שמייכל, ווי ער וואָלט לאַכן איבער זיך אַליין, איבער זיינע וואַנדערונגען פונם בעט צו דער טיר און צוריק פון דער טיר צום בעט, און איבער דעם שפּיצל, וואָס עמיצער, אַ באַהאַלטענער לץ, האָט אים אָפּגעטון אין מיטן נאַכט.

אויך בינמען האָט זיך געוואָלט לאַכן, נאָר ער האָט זיך איינגעהאַלטן; ער האָט זיך מיט עפּעס אַן עקשנות געצופּט די האָר אויף דער גאָמבע, ווי ער וואָלט זיי וועלן אינגאַנצן אַרויסרייסן. זיין שטערן האָט זיך נאָך טיפער פאַרקנייטשט און זיך אַראָפּגעלאָזט מיט אַן אייזנפעסטער מחשבה איבער די אויגן. און, צופּמעסטנדיק מנשהן מיט אַ שטרענגן בליק פון הינטער דער גאָלדענער בריל, האָט ער געזאָגט:

— און איר האָט נישט אָנגעצונדן אַ ליכט, געעפנט די טיר, נאָכגעזוכט, נאָכגעקוקט, גאָרנישט, האַ?

— פאַרוואָס גאָרנישט? — האָט געענטפערט מנשה — וואָס בין איך אַ יידענע? זעענדיק, אַז דאָ איז טאַקע קיין שפּאַס נישט, בין איך אויף

— הכלל, וואָס האָט איר געטאָן? — האָט געפרעגט בינם, צופנדיק זיך די האָר אויף דער גאָמבע.

— וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? — האָט געענטפערט מנשה. — אין אָנהייב האָב איך געמיינט, ס'איז אַ קאַץ... וואָרום וואָס דען האָב איך געזאָלט מיינען, אַז נישט אַ קאַץ? איך האָב גערעכנט אַזוי: דאָ ערגיץ מוז וואוינען אַ ייד אָדער אַ גוי, וואָס האַלט אַ קאַץ, איז די קאַץ אַוועק און קומט ערשט צוריק ביינאַכט. מילא, אַ קאַץ האָט דאָך אַ קאַצנקאָפּ, האָט זי פאַרגעסן, וואוהין זי זאָל גיין, און דאָס פינצטערע מזל האָט זי צוגעפירט גראָד צו מיין טיר... נישט אַנדערש, נאָר אַזוי האָב איך גערעכנט.

— נו, הכלל? — האָט אים בינם געשטויסן ווייטער.

— הכלל, ווי כ'האָב דערהערט, וואָס דערינען טוט זיך, בין איך אַריין און גענומען שטורכן אין טיר אַריין, כדי די קאַץ זאָל זיך דערשרעקן און אַנטלויפן... און טאַקע אַזוי: אַזוי לאַנג, ווי כ'האָב געשטורכעט, איז גאָרנישט געווען, נאָר אַזוי ווי כ'בין נאָר צוריק אין בעט אַריין און כ'האָב נאָך נישט רעכט געהאַט געלייגט דעם קאָפּ אויפן קישן — באַמת! מען גראַבלט ווידער.

אַ ציטער איז אַדורכגעלאָפן איבער דער שטוב. אַלע האָבן זיך צונויפגעקוועטשט, ווי זיי וואָלטן זיך ווען באַהאַלטן אין זייער אייגענער הויט; אַ טיף שווייגן האָט אַלעמען ארומגענומען, יעדער האָט מיט אַ פחד באַהאָפטן זיין בליק אָן מנשהס ליפּן.

בינם מאַרגוליס האָט זיך אַלץ געצופּט די האָר אויף דער גאָמבע, און עטלעכע קנייטשן האָבן זיך איינגעגראָבן אין זיין ברייטן שטערן.

— נו, נו?... האָט ער ענדלעך אַ ברום-געטון.

— נו מילא, האָב איך מיר געטראַכט, כאַפּט עס דער וואַטעמאַכער! צי ס'איז אַ קאַץ, צי אַ הונט, כאַפּט עס דער רוח, זאָל עס גראַבלען, זאָל עס ווערן צעגראַבלט און צעמבולט! נאָר מיין פּעסע איז דאָך אַ יידינע, הייבט זי אָן ברומען, און מורמלען, און דולן אַ קאָפּ, און ברעכן די הענט: מי יודע און מי יודע, מי יודע אַהין, מי יודע אַהער, מנשהשי קרוין, געדענק אין גאָט, און רוף מענטשן, און גאָט דער לעבעדיקער ווייסט, און מ'האָט דאָך קליינע קינדער, און רבונו של עולם, און טאַטע

# IV

באַכדעם, ווי דאָס לעמפּל איז ווידער געווען אָנגעצונדן, האָבן זיך אָנגעהויבן די אויספאָרשונגען, כּדי צו דערגיין, וואָס דאָ האָט אייגנטלעך פּאַסירט, פאַרוואָס פּעסע האָט געשריגן, איבערגעוועקט דאָס גאַנצע געסל, אַזוי אַז אַלע זענען, ווי בּאַ אַ שׂרפה, אַרויסגעשפּרונגען פון די בעטן און אַהערגעקומען צו לויפן, איבערוואַרפנדיק זיך קוים וואָס עס איז, האַלב-נאַקעטע, אין געוויל און אין טומל.

אַלעמענס אויגן האָבן זיך געווענדט אויף מנשהן, ער האָט אָבער נאָך אַלץ נישט געקאָנט צו-זיך קומען; ער איז געשטאַנען אַ פאַרלוירענער, און צוגעהאַלטן זיך די יובּעצע, כּדי מ'זאָל נישט אַרויסזען פון הינטן די ווייסע נאַכט-מלבושים.

— הכּלל, אפשר וועט מען שוין הערן אַמאָל אַ וואָרט? — האָט זיך נדלעך בינם אָנגערופן, אַן אומגעדולדיקער.

— וואָס זאָל איך אייך דערציילן — האָט אָנגעהויבן מנשה, מיט אַ שטים, ווי זי וואָלט געקומען פון אונטער דער ערד. — נאָך פרייטיק פאַרנאַכט האָב איך צוגעשניטן דאָס שטיקל אַרבעט, וואָס כ'האָב אָנגענומען פון בּריק.. וואָרום דער פּריץ האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז דינסטיק מוז עס זיין געמאַכט, אַנדערש נישט, נאָר דינסטיק. כ'ווייס דאָרט, ער מוז ערגעץ גבּאָרן אויף אַ פּאַראַד, האָט ער געזאָגט. הכּלל, מאָרגן אינדערפרי, כּעלות, האָב איך מיך געוואָלט נעמען צו דער אַרבעט, בּאַלד אינדערפרי, ווי כ'וועל נאָר אויפשטיין. דערווייל, ווי מיר לייגן זיך שלאָפן, הערט עפּעס מיין פּעסע דערינען בּאַ דער טיר... זי וועקט מיך אויף, איך האָרך מיך צו — ס'ווערט מיר נישט גוט: מען גראַבּלט, מען רייסט, מען קראַצט בּאַ דער טיר, אַזוי ווי צען ווילדע חיות מיט שאַרפע גראַבּליעס וואָלטן זיך וועלן אריינרייסן אין שטוב...

— טאַטע איבער דער וועלט! שומר ישראל... האָבן אַרויסגעמורמלט עטלעכע ווייבער.

— אוי-וואַ... אַזוי, אַזוי! — האָבן זיך אַ כאַפּ-געטון עטלעכע יידן.

אפילו דער הויכער גוי, כאָטש ער האָט נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט, דאַך האָט ער זיך גענומען צלמען, ווי ער וואָלט זיך משער געווען, אַז דאָ האָט פּאַסירט עפּעס אַן אויסטערלישע, געהיימנישפולע זאַך.

צווייטס. דאן האָט איינער אַ ייד, מיט אַ לאַנגער באָרד, אין אַ שלאָפ־ראָק, מיט באָרוויסע פיס און אַ קאַפל אויפן קאָפּ, אָנגערופן זיך צו דעם, וואָס האָט אָנגעצונדן דאָס שוועבעלע:

— דו ביסט דאָס, בינם?

— איר זעט דאָך, אַז איך — האָט בינם געענטפערט, אויפהייבנדיק דאָס שוועבעלע העכער.

דער דאָזיקער בינם איז נאָך געווען אַ יונגער מענטש און האָט גע־הייסן בינם מאַרגוליס. ער איינער אַליין איז געגאַנגען אָנגעטון אַזוי ווי באַטאָג, — ווייזט אויס, אין דער צייט, ווען ס'איז אַרויסגעקומען דאָס גערודער, איז ער נאָך נישט געשלאָפן. ער האָט געהאַט אַ דאַרן, טרוקענעם קערפּער, אויף וועלכן ס'איז געהאָנגען אַ יובעצל פון שוואַרצן, גלאַנציקן מעלאַנזש. ער האָט עפּעס אויסגעזען אַנדערש, ווי די אַלע אַנדערע מענטשן, וועלכע דער גורל האָט דאָ צוזאַמענגעפירט; פון אים האָט געשלאָגן אַ פאָרנעמקייט און אַן איבערלייגטקייט. זיין טוכן היטל איז געווען אַרונטערגערוקט אַביסל אויף הינטן און געלאָזט פריי אַ קליי־נע, ברוינלעכע גריווע און אַ ברייטן, שאַרף־בולטן שטערן, וועלכער האָט באַהערשט זיין גאַנץ פּנים און האָט זיך מיט קראַפט און שטאָלץ אַרויסגערוקט נאָך פאָרנט, אַזוי ווי אַ באַרג איבער דעם פלאַכן לאַנד. דאָס איבעריקע געזיכט איז געווען דראָבנע, געלאָפן שיף אַראָפּ, פאַר־טיפט זיך איןביידע זייטן, ווי גריבער, און זיך אויסגעלאָזט מיט אַ שפּיציקער גאָמבע, אויף וועלכער עס האָבן געשפּראָצט עטלעכע ברוינלע־כע האָר, אַלס סימן, אַז אין קורצן וועט דאָ אַרויסוואַקסן אַ בערדל. די גאָלדענע בריל, וואָס האָט פאַרכאַפּט מיט די דרעטלעך די געדיכטע, קורצע פּאות און אַריבערגעשטעקט איבער די גרויסע אויערן, האָבן צו־געגעבן דעם גאַנצן געזיכט אַ גרויסן ערנסט. דער דאָזיקער יונגערמאַן איז שוין געווען אַ באַווייבטער. ער איז געווען דער איידעם פון‏ם גרעסטן גביר אין שטעטל און האָט געהאַט אַ שם פון אַ משכּיל, וועל־כער לייענט צייטונגען און גראָבט זיך אין ביכער.

מנשה איז געווען אינגאַנצן דערשוויצט, עפּעס אַ ברוינע בלאַסקייט האָט באַהערשט זיין פּנים. אַרום זיינע ליפּן און אַרום דעם ברייטן, בלאָנדן בערדל איז געלעגן אַ רחמנות־שמייכל; זיין בליק איז אַרומגעלאָפן אי־בער אַלעם און אַלעמען און האָט זיך אויף גאָרנישט געקאָנט אָפּשטעלן, — דאָס איז געווען דער בליק פון אַ פאַרבלאָנדזשעטן. ער איז געווען מיטל-געוויקסיק, ברייט־פּלייציק, אַביסל איינגעהויקערט פון דער אַרבעט מיט דער נאָדל. נעבן די בעטן זענען געשטאַנען די קינדער, צוויי קורץ־געשוירענע ייִנגלעך און צוויי מיידלעך מיט צעפּלאָשעטע קעפּ, זיי זענען געווען אין די בלויזע העמדלעך, די פּנימלעך — פאַרוואונדערט, די מיילער ברייט געעפנט, און די באַטריבטע אויגן האָבן געוויזן, אז זיי האָבן ערשט נישט לאַנג אויפגעהערט צו וויינען; אויף זייערע בעקלעך און אויף די לאַנגע, געדיכטע אויגן־ווימפּערן זענען נאָך געהאַנגען טרערן, אַזוי ווי בריליאַנטן פון טרויער. אויך דער גוי פון דער הייך, פון דער בוידעם־שטוב, איז דאָ געווען. ער איז געווען זייער אַ הויכער, ער האָט אַרויסגעשטייגט איבער אַלעמען, אַזוי ווי אַ בוים איבער אַ קופּע קוסאַקעס. זיין הויכער קערפּער איז געווען עטוואָס איינגעבויגן אין אַ זייט, ווי ער וואָלט זיך וועלן איבערברעכן. ער האָט געטראָגן בלויז אַ העמד און אַ פּאָר הויזן און אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ גראָבן סענקעוואַטן שטעקן, אויף וועלכן ער האָט זיך אָנגעלענט באַם גיין. זיין פּנים, דער האַלדז און די האָר האָבן געהאַט איין קאָליר, די קאָליר פון אַ געבראָטענער גאַנדז. זיינע קליינע העל־בלויע קינדער־אויגן, וואָס האָבן זיך קוים אַרויסגעזען צווישן די גרויסע מענגע קנייטשלעך, אין וועלכע זיין גע־זיכט האָט זיך פאַרלוירן, זענען מיט אַ שטומער פראַגע איבערגעלאָפן פון מנשהן צו פעסען און צוריק פון פעסען צו מנשהן. און דאָס שוואַכ־לעכע פלעמל פון דעם שוועבעלע האָט געוואָרפן אויף אַלעם אַ מי־ליכט, אַז דאָס אַלץ האָט אויסגעזען, ווי עטוואָס נישט ווירקלעכס, נאָר אויסגעטראַכטס, ווי עטוואָס אַזעלכעס, וואָס איז נאָר דערשינען אויף אַ ווײַלע, געוועבט פון שאָטנס און ציטערדיקער, אומזיכערער ליכטיקייט, כדי אין גיכן ווידער צו פאַרשווינדן, איינגעשלונגען צו ווערן פון דער פינצטערניש.

נאָר אַז דאָס שוועבעלע האָט געהאַלטן באַם אויסגיין און אַלץ האָט זיך אויף אַ ווײַלע איינגעטונקט אין שאָטנס, האָט זיך באַלד אָנגעצונדן אַ

ליגג אַ טראַסק-געטון און זיך אָנגעצונדן מיט אַ קליין, בלוי פלעמל. ווער האָט דאָס אָנגעצונדן? עס האָט זיך געדאַכט, אַז עמיץ האָט אָפּ-געטון אַ שפּיצל און ווי דורך אַ צויבער אַ וואָרף-אַריין געגעבן אַ קליין פּייערל אין דער געדיכטער פינצטערניש אַריין. דאָס פלוצלינגע ליכט האָט אַלעמען איבערראַשט, אַלע זענען פלוצלינג געבליבן טיף אַנטשוויגן. דאַן האָט זיך דאָ פונאַנדערגעוויקלט אַ בילד, וואָס איז ענלעך צו איי-נעם פון יענע צויבער-בילדער, וועלכע קענען אפשר פאַרקומען אין טויזנט און איין נאַכט. פון דער פינצטערניש זענען אַרויסגעשוואומען האַלב נאַקעטע, האַלב געקליידטע, ווי פאַרכישופטע געשטאַלטן פון מע-נער, פרויען און קינדער. די מענער זענען געגאַנגען אין די ווייסע נאַכט-מלבושים, בלויז פון אויבן האָבן זיי געהאַט איבערגעוואָרפן אַ שלאָף-ראָק, אַ יובעצע אָדער זאַגאַר אַ ווינטערדיקע בורקע. די ווייבער זענען געווען אין די הויבן, אין האַלקעס, און אַלע — באָרוועס. פעסע איז געזעסן אויף אַ שטול, אָן באַוועגונג, מיט פאַרבראָכענע הענט, אַ צוזאַמענגעקורטשעטע. זי האָט געהאַט טונקעלע אויגן, און די דאָזיקע אויגן, וואָס זענען טיף אַריינגעזונקען אין די לעכער, האָבן איצט געהאַט זייער אַ שטאַרקן, ברענענדיקן פיבער-גלאַנץ; איר בלאַס, לענגלעך גע-זיכט איז איצט געווען בלאַסער ווי שטענדיק, און די פייערדיקע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט פון אים, ווי די רויטע פונקען, וואָס באַווייזן זיך נאָך מיט אַן אומהיימלעכן גלאַנץ צווישן די חורבות פון אַן איינגעלאָ-שענער שרפה. פון אונטער איר הויב האָבן זיך אָפּערגעריסן בינטלעך טונקעלע האָר; דאָס מויל האָט זי געהאַלטן האַלב-געעפנט, די ציין פאַר-קריצט. זי איז געזעסן טיף-שוויינגדיק, און דאָך האָט זיך געדאַכט, אַז די דאָזיקע פרויען-געשטאַלט שרייט עפּעס אַ האַרצרייסנדיק געשריי, אַ געשריי פון אַ צעטומלטן, צעשראָקענעם, אומבאַהאָלפענעם מענטשן. איר ברענענדיקער בליק האָט געבעטן הילף, די פאַרבראָכענע הענט האָבן גערופן צו גאָט, פון איר גאַנצן וועזן האָט אַרויסגעקוקט עפּעס ווילדס; זי האָט דערמאָנט מיט אירע באָרוועסע פיס, מיט דער אויף דער גע-שווינד איבערוואָרפענער, נישט רעכט פאַרשנירלטער האַלקע, מיט דער אַראָפּגערוטשטער הויב — אָן אַ חיה, וואָס קאָן זיך נישט מער אָפּיאָגן פון די הינט, וואָס האָבן זי שוין אַרומגערינגלט אַרום און אַרום, פאַר-טויבן זי מיט זייער געביל און זענען גרייט זי יעדע ווײַלע צו צערייסן

מישט אין אַ קנויל. זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן איינער אָן צווייטן און אומגעוואָרפן די זאַכן, וואָס זענען זיי געשטאַנען אין וועג. די וואָס האָבן זיך דערביי צעקלאַפּט די זייטן, האָבן געשריגן מיט כעס:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ שוואַרץ יאָר? צי זענען דאָ משוגעים, צי זע־נען דאָ אַלע אויסגעשטאָרבן?

אַנדערע האָבן גערופן צעטומלטע און איבערגעשראָקענע:

— פּעסע! מנשה! וואָס האָט דאָ פּאַסירט? רופט זיך כאָטש אָן! ציגדט כאָטש עפּעס אָן!

נאָר מנשה האָט דאָס מאָל בשום אופן נישט געקאָנט געפינען די שוועבעלעך. ער האָט פּלייסיק געזוכט, נאָר אין מיטן זוכן האָט ער פאַרגעסן, וואָס אייגנטלעך ער זוכט. ער האָט אַרומגעשאַרט מיט די הענט איבער׳ן טיש, אָנגעכאַפּט עפּעס, נאָר עס איז געווען אַ גלעזל פון בראָנפן. ער איז געווען צעדרייט. פּעסע איז בלויז געווען צעשראָקן; זי האָט געמיינט, אַז אַ שד איז געקומען פון דער נאַכט־פינצטערניש צו איר אין שטוב און אַז מיט עפּעס אַ פּסוק וועט מען אים קענען פאַרטרייבן; — מנשה איז אָבער געווען אינגאַנצן צעשרויפט. ער האָט זיך נישט אַזוי פיל געשראָקן וויפל ער האָט געאָנט עפּעס שלעכטס; ער האָט נישט מורא געהאַט פאַר קיין שד, נאָר פאַר עפּעס אַנדערש, ער האָט אַליין נישט געוואוסט פאַר וואָס. דאָס לעבן אַליין איז אויך נישט היימלעך, מען דאַרף נישט ערשט קיין שדים. ער האָט געשפּירט, אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ פּלאָנטער און פאַרשטריקט געוואָרן אין אַ לעכערלעכע, אָבער זייער אַ שטאַרקער נעץ. ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי דאָס איז געשען ער האָט זיך געפילט אויסגעלאַכט, און דאָס האָט אים שרעקלעך געאַרט, אים געקוועלט, געפּרעסט באַם האַרצן, אַוועקגענומען אים דעם שכל. אַז ער האָט דערהערט, ווי מענטשן קומען אַריינצולויפן אין שטוב, איז ער נאָך מער געוואָרן צערודערט, אים האָט אַרומגעכאַפּט אַ געפיל פון חרפּה, ער וואָלט גערן אַנטלאָפן פון דאַנען. ער האָט זיך געפילט דערנידעריקט, אויסגעשפּעט. ער האָט אינגאַנצן אויפגעהערט צו זוכן די שוועבעלעך.

נאָר איז צוגעגאַנגען אין ווינקל און זיך איבערגעוואָרפן אַ מלבוש. פּלוצלינג האָט פּאַסירט אַ זאַך, אויף וועלכער קיינער האָט זיך נישט גע־ריכט — נישט מנשה, נישט פּעסע און נישט די אַלע, וואָס זענען דאָ געקומען צו לויפן מיט טומל און געשרייען. אַ שוועבעלע האָט פּלוצ.

נאַכט. קיין לבנה איז נישט געווען, דער הימל איז געווען שוואַרץ־בלאָ און איינגעפּאַסט מיט שטערן, וועלכע האָבן געהאַט אַן אויסערגעוויינלעך שטאַרקן גלאַנץ. יעדער שטערן אין הימל האָט געציטערט ווי אומגעדול־דיק, ווי פאַרבענקט, ווי געדרייצט דורך עפּעס אַ פלאַמענדיקער ליידנשאַפט. דער דאָזיקער אויסגעשטערנטער הימל האָט אויסגעהויכט אַ הייסן אָטעם, וועלכער האָט פאַמעלעך אַרומגעוויקלט דאָס גאַנצע שטעטל, די גאַנצע ערד, יעדעס הייזל באַזונדער און אויך די הויכע ביימער, וועלכע האָבן דאָ און דאָרט געהויבן אין דער פינצטערניש אריין זייערע טונקל־געלאָק־טע קעפּ, — און אָנגעוואָרפן אויף אַלעם אַ זיסע שלעפעריקייט, אַזוי ווי אַ ליבנדע פרוי וואַרפט אָן מיט איר הייסן אָטעם אַ שלעפעריקייט אויף איר געליבטן. די נאַכט האָט טיף געשוויגן, נאָר עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס שווייגן וועט נישט לאַנג דויערן; דער פּולס פון דער נאַכט האָט געקלאַפּט שטאַרק, צו שטאַרק, די נאַכט איז געווען אַדורכגעדרונגען מיט אומרויקייט.

פּעסעס געשרייען האָבן אויפגעוועקט כמעט אַלע הייזלעך אין יענעם געסל פון אומעטום זענען אַרויס מענטשן, און אַלע האָבן זיך געלאָזט צו דער וואוינונג פון מנשה פּערקאַל. עס האָט זיך געדאַכט, אַז נישט בלויז די מענטשן, נאָר אויך די נאַכט אַליין, דער הימל און די ערד און די גאַנ־צע וועלט זענען אויפגעקומען פון שלאָף. ערגעץ אין אַ הויף האָט אַ ביל געטאָן אַ הונט, דערנאָך האָט אים אָפּגעענטפערט אַ הונט פון אַ צווייטן הויף. אין מאַנכע פענצטער האָט זיך באַוויזן ליכט, אין אַנדערע האָט זיך באַוויזן אַ צעשראָקענער קאָפּ פון אַ יידענע, וועלכע איז ערשט וואָס אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט, אַ האַלב־נאַקעטע זיך אַרויסגעבויגן דורכן פענצטער און געפרעגט מיט אַ ציטערדיק קול בײַ אַ פאַרביי־לויפנדיקן:

— מענטשן! וואָס האָט דאָס פּאַסירט?

— איר האָט נישט געהערט שרייען? דאָ דערביי, בײַ פּעסען, בײַ מנשה שניידער!

בײַ מנשהן אין שטוב האָבן זיך אַלע דריי מאָל איבערגעדרייט, וואָרום דאָ איז געווען שטאָק־פינצטער. די מענטשן זענען געקומען צו לויפן מיט דעם אימפּעט פון אַ וואַסער־פאַל, געטריבן פון עפּעס אַ שרעק און עפּעס אַ נייגעריקייט; נאָר די פינצטערניש האָט זיי אָפּגעשטעלט און צונויפגע־

אים פון פאָדערהויז. דאָ, דרויסן האָט אַלץ אַזוי טיף געשוויגן, אַז מנשהן האָט אַזש אַ קלאַפּ געטון אין האַרצן. נישט עס האָבן זיך געהערט טריט עס האָט צומאָל גאָרנישט קיין שאָרך געטון.

מנשה האָט אַ טופּע געגעבן מיט די פיס און נאָכאַמאָל אַ רוף געטאָן:

— אַ שאָ! אַ פּשיק!

זיינע ווערטער האָבן טעמפּ אָפּגעקלונגען אין פינצטערן פאָדערהויז. דער דאָזיקער עכאָ, האָט זיך געדאַכט, מאַכט חוזק פון אים; דאָ, דרויסן איז גאָר נישט געווען, אַ חוץ פינצטערניש און שווייגן, אַ מין פאַרביסן שווייגן, פון וועלכן עס פילט זיך עפּעס אַ בייזע, שוידערהאַפטע גלייכגילטיקייט.

ענדלעך האָט מנשה צוריק פאַרקלאַפּט די טיר, נאָר ער איז געווען אַזוי אומגעשיקט, אַז ער האָט דערביי פאַרלאָשן דאָס לעמפּל. אַ געדיכטער שווייס איז אים אַרויס אויפן שטערן, די פיס האָבן געציטערט אונטער אים. דאָך האָט ער זיך נישט אינגאַנצן פאַרלוירן און איז צוריק אַריין אין דער צווייטער שטוב. כדי צו באַרויקן דאָס ווייב און די וויינענדיקע קינדער. נאָר דאָס וואָרט איז אים אָפּגעשטאָרבן אויף די ליפּן; וואָרום אין דער אייגענער מינוט האָט זיך מיטאַמאָל ווידער דערהערט דאָס גראַבלען בײַ דער טיר.

פעסע איז אויפגעשפּרונגען ווי אַן אָפּגעבריטע. זי איז צוגעלאָפן צום פענצטער, אויפגעפּראַלט עס און גענומען שרייען נישט מיט איר קול:

— גוואַלט, מענטשן! ראַטעוועט! גוואַלט!

# III

פעסעס געשרייען זענען געווען אַדורכגענומען מיט עפּעס אַזאַ ערגרייפנדער שרעקעוודיקייט, אַז זיי האָבן זיך אָפּגעשלאָגן ווי אַ דונער איבערן גאַנצן געסל, אויפגערודערט עס און אויפגעטרייסלט ביז אין אַלע עקן. עס האָבן געקנאַקט פּרענטעס פון לאָדנס, פענצטער האָבן זיך האַסטיק געעפנט, טירן האָבן זיך אויפגעפּראַלט, אַ ציטער איז אַדורך איבערן געסל, די מענטשן האָבן זיך אויפגעכאַפּט ווי צעשראָקענע פייגל.

דעמאָלט קאָן זיין געווען, מער אָדער ווייניקער, צוועלף אַזייגער בײַ

אַ האַלקע, וועלכע זי אַרויסגעזוכט פון דער פינצטער פון צווישן דער קופּע מלבושים, וואָס איז געלעגן אויף אַ שטול נעבן בעט. זי האָט זיך איינגעהילט געטרייסלט, אָנגעכאַפּט זיך יעדע ווײַלע באַם קאָפּ און איבערגערוקט די הויב, וואָס האָט זיך איר אַראָפּגעגליטשט אויפן פּנים. זי האָט געוואָלט עפּעס טון, נאָר זי האָט נישט געוואוסט וואָס. ענדלעך איז זי צו צו די קינדער, וועלכע זענען געשלאָפן צוויי אין
איר בעט און צוויי אין מנשהס בעט, און זיי געגומען וועקן:
— מענדעלע, כאַצקעלע, זעלדעלע, הינדעלע, שלאָפט כאָטש נישט, שטייט אויף, זעט וואָס דאָ טוט זיך, וואָס פאַרא פינצטערע שטראָף גאָט האָט אָנגעשיקט אויף מײַן הויז...
די קינדער זענען אויפגעקומען און אָנגעהויבן צו וויינען. מנשה איז דער־ווײַל אַרומגעקראָכן אין די גאַטקעס און געזוכט אַ שוועבעלע. דאָס גראַבלען באַ דער טיר האָט אייגנטלעך אויפגעהערט, נאָר ער האָט שוין געוואוסט, אַז אויב ער וועט זיך לייגן צוריק אין בעט אַריין, וועט עס זיך אָנהייבן אויפסניי. דאָס איז געווען עפּעס אַ רעטעניש, און טיף אין האַרצן האָט זיך פאַרקליבן צו אים אַ צווייפל, צי דאָס זאָל טאַקע זײַן נישט מער, ווי אַ קאַץ. ווער ווייסט, ווער ווייסט... אַ מענטש איז נאָר אַ מענטש, אַ מענטש קאָן גאָרנישט וויסן. ער איז לאַנג אַרומגעקראָכן און געזוכט, אָנהאַקנדיק זיך אָן שטולן און אָן טיש. ער וואָלט אייגנטלעך איינגאַנצן נישט געוואָלט געפינען קיין שוועבעלעך, אים האָט עפּעס געגרוילט פאַר דער ליכט. נאָר ענדלעך האָט ער געפונען, אָנגעצונדן דאָס לעמפּל און פּאַסן ליכט, געמישט מיט שאָטנס, האָבן זיך צעשפּרייט אין אַלע ווינקלען
פון שטוב און זיך אָפּגעשלאָגן דרויסן, אויף יענער זייט פענצטער.
דאַן איז ער אַרײַנגעגאַנגען אין דער קיך. ער האָט זיך אַרומגעקוקט מיט עפּעס אַן אומזיכערקייט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז ערגעץ פון אַ ווינקל וועט זיך פּלוצלינג עפּעס באַווייזן. אים איז געווען קאַלט, דער קאָפּ האָט זיך אים געדרייט. עפּעס האָבן זיך די קייטלען נישט געוואָלט אויפקייטלען. דערנאָך, ווען ער האָט אַוועקגערוקט דעם ריגל, איז אים שיער נישט דאָס לעמפּל אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט. נאָר ער האָט
געפאַסט מוט און געגעבן אַ פּראַל־אויף די טיר.
— אַ שאָ! אַ פּשיק! — האָט ער אַ רוף געטון מיט אַ ציטערדיק קול. אַ שרעקלעכע שטילקייט און אַ פינצטערניש האָבן אַ שלאָג געטון אויף

אַ ברום געטון. נעגל האָט דאָס, ווי די נאָדלען און איז שרעקלעך איינ־געשפּאַרט. זי איז שוין, דאַכט זיך, געווען אַוועק און איז צוריקגעקו־מען... אַ כאַפּ זאָל עס קריגן, זי מוז האָבן אַ טעות און קען נישט טרעפן אַהיים צו אירע בעלי־בתים... נישט בחינם זאָגט מען: אַ קאַצן־קאָפּ.

נאָר פעסע האָט געהאַלטן אין איין קרעכצן:

— גאָט דער לעבעדיקער ווייסט, גאָט דער לעבעדיקער ווייסט... אוי ווי איז מיר געשעען, אַ קלאָג צו דעם, וואָס מיינע אויערן הערן... מנשה, לייג כאָטש אַ חומש אויפן טיש! מנשה, געדענק אין גאָט, האָסט דאָך קליינע קינדער!

מנשה האָט זיך אויפגעזעצט אין בעט און איז אַזוי געזעסן אַ ווײַלע, זוכנדיק עפּעס אַן עצה בײַ זיך אין די געדאַנקען. ענדלעך איז ער אַראָפּ־געשפּרונגען אויף דער ערד; נאָר, אַזוי ווי ער האָט געשטעלט די ערשטע שריט, האָט דאָס גראַבלען אויפגעהערט און אַלץ איז דער שטיל געוואָרן.

— נו, הערסט? — האָט ער געזאָגט צום ווײַב — שוין, פּטור...

און ער האָט זיך אומגעקערט און זיך צוריקגעקראָכן אין בעט אַרײַן, אַ צופרידענער, וואָס ער האָט נישט געדאַרפט אַרײַנצוגיין ד אָרט דערינען וואו עפּעס אַזאַ מין געהיימניש שפּילט זיך אָפּ אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט. נאָר, ער האָט זיך נאָך נישט געהאַט אײַנגעגאַנגען אויסצו־ציִען אין בעט, ווי עס האָט זיך ווידער דערהערט דאָס גראַבלען אין דער טיר.

— טאַטע איבער דער וועלט! — האָט פעסע אַ געשריי געטון אַן אויפ־געציטערטע — מנשה, שריי אויף מענטשן!

— אַ שיינע ריינע כפּרה זאָל עס מיר זיין פאַר כּל ישראל — האָט מנשה געמורמלט, קריכנדיק צוריק פון בעט אַראָפּ — מאָרגן פאַרטאָגס דאַרף איך מיך נעמען צום שטיקל אַרבעט, האָב איך גאָר אַן עסק מיט אַ גראַבלען. אַ טפו זאָל עס ווערן, צו אַלדי רוחות! וואַרט, דול נישט קיין קאָפּ, קוויטשע נישט, קרעכץ נישט, וועק נישט אויף די קינדער, וואַרט, כ'וועל גיין זען, כ'וועל אָנצינדן אַ ליכט, וואַרט...

נאָר פעסע האָט נישט געוואָלט וואַרטן. זי איז מיט עפּעס אַ נערוועזער האַסטיקייט אַראָפּ פון בעט און איבערגעוואָרפן זיך אויף־דער געשווינד

זאָגט — זאָלסט גיין לאָזן איבערזען די מזוזה. געדענקסט דעמאָלט אויף דער נאַכט, ס'האָט פּלוצלינג געגעבן אַ שטורכע אין דער „טיר אַריין? דעמאָלט איז אפשר אויך געווען אַ קאַץ? אוי, נאַרישער מענטש... אַז מען פאָלגט נישט קיין ווייב, קומען אַרויס אַלע צרות. גאָט דער לעבעדיקער ווייסט, וואָס ס'הענגט איבער מיין הויז...

זי איז שטיל געבליבן, ווארום אין דער מינוט האָט זיך ווידער דערהערט דאָס גראַבלען אין דער טיר, נאָך שטאַרקער און העפטיקער, ווי פריער. דאָס הינטל, דערהערנדיק טריט, האָט ער זיך געהאַט צוריק צוגעשלייכט אין זיין פאַרבאָרגן באַהעלטעניש, צווישן קעסטל און דער וואַנט; נאָר דערנאָך, אַז מנשה האָט זיך צוריקגעלייגט אין בעט אַריין, איז עס ווידער אַפּער פון דאָרטן און מיט אַ טאָפּלטן כעס זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דער טיר.

— מנשה! — האָט פעסע אַ געשריי געטון.

— בהמה! אָקס! פערד! — האָט זיך מנשה צעבייזערט — וועסט נישט זיין שטיל?

ער האָט אויסגעלאָזט דעם כעס צום ווייב, ווארום ער האָט נישט געוואוסט, וואָס ער זאָל טראַכטן און וואָס ער זאָל טון. אויך צו אים אין האַרצן האָט זיך פאַרקליבן עפּעס אַ שרעק, כאָטש ער איז בא זיך געווען „זיכער, אַז דאָס קען נישט זיין עפּעס אַנדערש, ווי אַ קאַץ.

און מנשה און זיין ווייב זענען געלעגן אַ ווײַלע גאַנץ שטיל, איינגהאַלטנדיק דעם אָטעם און איינהאָרכנדיק זיך מיט עפּעס אַן אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמקייט צו דעם רעטעניש, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט, ווי זיי האָבן געמיינט, אויף יענער זייט טיר. די שטוב איז געווען איינגעהילט אין פינצטערניש, נאָר איבער דער דאָזיקער פינצטערניש, האָט זיך געדאַכט, הענגט עפּעס אַ וואָלקן, נאָך שוואַרצער און פינצטערער. עפּעס איז נישט אַלץ אין אָרדנונג, די שטילע נאַכט איז אַרויס פון אירע גרענעצן, און עפּעס אַ שלעכטע, אומבאַקאַנטע קראַפט איז געקומען פון ערגעץ, שטייט הינטער דער טיר, גראַבלט און קראַצט, ווי זי וואָלט זיך וועלן אַריינרייסן אין דער קליינער וואוינונג און שטערן די רו פון די אָרעמע, אומבאַהאָלפענע מענטשן.

— אַ מין פּאַסקודנע בריאה דאָס איז אַ קאַץ — האָט ענדלעך מנשה

וואָס האָט געגלעט און געלאַשטשעט און האָט אַזוי ליב געקיצלט, אַז עס איז געווען אַ מחיה צו קייקלען זיך אַ ביסל אויפן רוקן. פון דער הייך האָבן אַראָפּגעפינקלט ווייסע פינטעלעך, אַ סך, אַ סך. דערנאָך איז ער נאָכגעלאָפן די בעל-הביתטע ערגעץ אַוועק אין אַ פרעמדער שטוב... אָך, די בעל-הביתטע איז נישטאָ, און דאָ איז עפּעס אַלץ אַזוי פרעמד! וואָס זאָל ער טון? ווי אַזוי זאָל ער זיך אַרויסקריגן פון דאַנען?

און דאָס הינטל האָט זיך אַ שטעל-געטון אויף די הינטערשטע פיס און אַ שטאַרקן טרייסל-געגעבן מיטן קאָפּ, ווי אַנטשלאָסן צו אַ פאַרצווייפלטן שריט. ער איז אָפּער פון זיין באַהעלטעניש און איז געשווינד צוגע-קראָכן צו דער טיר. ער האָט נאָך געוואָרפן אַ בליק הינטער זיך, דער-נאָך האָט ער זיך מיט אַלע פיר אַרויפגעוואָרפן אויף דער טיר און גענו-מען רייסן און גראַבלען מיט זיינע קליינע נעגעלעך.

פּעסע, אין דער צווייטער שטוב, האָט אַ הייב-געטון דעם קאָפּ פון די קישנס און אַ זאָג געטון:

— מנשה! מנשה! דו הערסט?

מנשה איז נאָך נישט געווען אינגאַנצן איינגעשלאָפן.

— כ'הער! כ'הער! — האָט ער געענטפערט — אַ קאַץ מוז דאָס זיין דרויסן...

נאָר פעסע האָט שוין נישט צוריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אין די קישנס.

— מנשה! אַ קלאָג צו די יאָרן! הער נאָר דאָס גראַבלען! מען לייגט דאָך אין די טיר...

דאַן האָט אויך שוין מנשה אויפגעהויבן דעם קאָפּ. אַ ווײַלע האָט ער זיך איינגעהאָרכט, דערנאָך איז ער האַסטיק אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט, אַריינגעגאַנגען אין דער קיך און אַ קלאַפּ-געטון איינמאָל און נאָכאַמאָל אין דער טיר אַריין. דערנאָך איז ער צוריקגעקומען און זיך געלייגט אין בעט אַריין, רעדנדיק ווי צו זיך אַליין:

— געזען אַן אָנשיקעניש? אַ קאַץ מוז זיך האָבן פאַרבלאָנדזשעט און האָט פונקט געטראָפן צו מיין טיר. מער וועט זי שוין נישט גראַבלען..

נאָר פעסען איז עפּעס אַנדערש געלעגן אין זין.

— כ'האָב מיך אָבער געבעטן באַ דיר, ווי באַ אַ גזלן — האָט זי גע-

# II

נאָכדעם ווי דאָס הינטל איז אָפּגעזעסן אַ שפּאָרע ווײַלע הינטערן קעסטל אַ צוזאַמענגעקאָרטשעטער, אַ באַוועגונגסלאָזער, האָט ער ענדלעך אַ טרייסל געטאָן מיט דעם קליינעם, שוואַרצן קעפּ און זיך גענומען אַרומזען, וואו ער איז דאָ ערגעץ אין דער וועלט. דאָס בילד אַרום און אַרום איז נישט געווען קיין פריילעכס, אַרום דעם קעסטל האָבן זיך געוואַלגערט פייכטע שמאַטעס, פון וועלכע עס האָט זיך געטראָגן זייער אַ מיאוסער, זויערער ריח. דערנעבן איז געלעגן צעוואָרפן אַ קופּע שפּענער, וואָס איז געווען אָנגעגרייט צום אײַנהייצן. פון דער צווייטער זייט קעסטל איז געשטאַנען אַ בעזעם, וועלכער האָט אויסגעזען מיט זיינע אַרויסגעשטאַרטע ריטער, ווי אַן אַלטער, אָפּגעדאַרטער, פאַרחושכטער בוים. פון דעם קיכל האָט זיך געהערט אַ פּליעריי פון פליגן, וואָס האָבן דאָרט געפּראַוועט אַ באַל איבער אַ טאָפּ און האָבן זאָרגלאָז צערייגעזומט אין דער טונקלקייט פון דער נאַכט. אַ ביסל ווייטער איז געשטאַנען אַ שענקל אין דער געשטאַלט פון אַ גרויס שטיק שוואַרצקייט. חוץ דעם זענען געווען נאָך זאַכן, נאָר מער איז שוין נישט מעגלעך געווען צו דערקענען אין דער פינצטער. עפּעס איז דאָרט געלעגן אַ שאָטן אויף אַ שאָטן, צונויפגעמישט און פאַרפלאָכטן איינער מיטן אַנדערן. און פון דעם אַלעם האָט געשלאָגן אַ פאַרדעכטיקע שטילקייט. עס האָט זיך געדאכט, אַז פון דער אַרומיקער שוואַרצקייט וועט זיך אויסוויקלען עפּעס נאָך שוואַרצערס, וואָס וועט אַלעס דערשטיקן און פאַרשלינגען.

דאַן האָט דאָס הינטל ווידער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך צונויפגעקורטשעט. ווי אַזוי איז ער אַרייַנגעפאַלן אין אַזאַ מין אומגליק? ערשט נישט לאַנג, דעם זעלבן אָוונט, האָט זיין בעל־הבית געטריבן אַ קעלבל צו שעכטן, און ער איז נאָכגעלאָפן פון הינטן און אָנגעכאַפּט דאָס קעלבל באַ אַ פוס, אויב עס האָט נישט געוואָלט גיין ווייטער. אַך, איז דאָס געווען אַ פריילעכער וועג! די וועלט איז געווען אַזוי פריי, אַז ער האָט געקאָנט לויפן ווייט אַוועק אויף אַלע זייטן און יעדע ווײַלע צוריקקומען, העלפן דעם בעל־הבית טרייבן דאָס קעלבל. דער הויף פון שעכטהויז איז געווען אינגאַנצן באַוואַקסן מיט אַ שמעקעדיק, פייכט גראָז,

ווי באַטויבט, ווי ער וואָלט אַרייַנגעפאַלן אין אַ גרויס אומגליק, צו וועלכן עס איז שוין נישטאָ קיין רעטונג.

פלוצלינג איז אַ העפטיקער ציטער אַדורכגעלאָפן איבער זיין קליינעם, שוואַרצן, רירעוודיקן קערפער. פון דער צווייטער שטוב האָבן זיך דערהערט טריט, מען גייט... ווער איז דאָס? דאָס הינטל איז שיער נישט צעשפרונגען פאַר שרעק, ער האָט גאָרנישט מער געפילט, נישט געהערט און נישט געזען, — ער האָט נאָר פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז עפעס זייער נישט גוטס, עפעס שרעקלעך פרעמדס און אומפריינטלעכס. ער איז נישט אַוועקגעקראָכן, נאָר זיך אַוועקגעקייקלט פון דער טיר, און האָט זיך קוים דערשלעפט אַהין הינטערן קעסטל, אינם ווינקל נעבן דער קיך. דאָ האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אַ דערשלאָגענער, אַ פאַרצווייפלטער, אַ צונוי. געקאָרטשעטער. דערווייל האָט מנשה, וועלכער איז אַרייַנגעקומען פון דער צווייטער שטוב, פאַרריגלט די טיר און זי פעסט פאַרקייטלט אויף צוויי קייטלעך. דערנאָך האָט ער געפרואווט, צי דאָס פענצטער פון דער קיך איז גוט פאַרמאַכט, און איז אַרייַנגעגאַנגען צוריק אין דער צווייטער שטוב אַריין.

פון דער צווייטער שטוב האָט זיך נאָך געהערט עפעס אַ באַוועגונג: פעסיע האָט געלייגט די קינדער שלאָפן און געזאָגט מיט זיי דאָס קריאת-שמע-לייענען. עס האָט זיך געהערט אַ רוקן פון שטולן, טריט פון דראָבנע באָרוויסע פיסלעך איבער דער פאָדלאָגע, אַ רוישן פון דעקן און קישנס. נאָר איינציקווייז, איינציקווייז האָט דאָס גערודער איינגעשטילט: די בעטן האָבן אויפגענומען די מידע קערפערס און געוואָרפן אויף זיי אַ רויקייט. צום סוף האָט מנשה אויסגעלאָשן דאָס לעמפל און זיך אויך געלייגט אין בעט אַריין.

דאַן איז די קליינע וואוינונג פאַרזונקען געוואָרן אין אַ שוואַרצקייט און אַ שטילקייט. נאָר אין דער דאָזיקער שטילקייט האָט זיך געטראָגן עטוואָס אומהיימלעכס. דער גורל האָט אָפגעטאָן אַ בייז שפיצל מיט דעם הויזגעזינד פון מנשה פערקאַל און מיט דעם גאַנצן הויז, אין וועלכן מנשה האָט געוואוינט.

ענדלעך האָט ער דערהערט, ווי די ווייבער אין דער צווייטער שטוב שטעלן זיך אויף, נעמען זיך אַרום די טיכלעך און גרייטן זיך צו גיין אַהיים. דאַן איז ער אַפּער פון הינטערן קעסטל און זיך אוועקגע־שטעלט בײַ דער טיר, כּדי צו זיין גרייט נאָכצושפּרינגען זיין בעל־הבית־טע, אַזוי ווי זי וועט נאָר אַרויסגיין. פּלוצלינג האָט ער דערשפּירט עפּעס אַן אויסטערלישן געשמאַק נישט ווייט פון דער טיר. ער איז צוגעקראָכן אַהינ־צו און גענומען אַרומשמעקן דאָס טינדל זויערע אוגערקעס, וואָס איז דאָרטן געשטאַנען. דער געשמאַק איז אים געפעלן: ער האָט אים אָנגע־נעם געקיצלט די נאָזלעכער, אים אויפגעהייטערט און אַ ביסל צעשטרייט. נאָר אָט, אָט, זיין בעל־ביתטע האָט געעפנט די טיר און אַרויסגעגאַנגען... דאָס הינטל האָט מיט אימפּעט געגעבן אַ שפּרונג אַהין, ער האָט אָבער פאַרשפּעטיקט מיט אַן אויגנבליק. די טיר האָט זיך אים פאַרקלאַפּט כּמעט פאַר דער סאַמע נאָז, די בעל־הביתטע איז אַוועק אַהיים, און ער איז געבליבן דאָ איינער אַליין, אין אַ פרעמדער, אומבאַקאַנטער שטוב.

דאַן איז ער געבליבן שטיין ווי געליימט. אַ שוידער איז אים דורכגעלאָפן איבערן רוקן, פאַר די אויגן האָבן אים אַ בליץ־געטון גע־לע פונקען. ער איז געשטאַנען און מיט אַ ברחמנותדיקן בליק געקוקט אויף דער פאַרמאַכטער טיר, אויף דער שטומער, אכזריותדיקער טיר, וואָס האָט אָפּגעטיילט פון אים דעם ליבן דרויסן, די שיינע פרייע וועלט, מיט איר גרויסן, אויסגעשטערנטן הימל. זיינע אויגן האָבן אויסגעדריקט אַ געבעט, נאָר די טיר האָט אים נישט פאַרשטאַנען. זי איז געווען אַן אומגעהייער־גרויסע און פעסטע און האָט אויסגעזען שרעקלעך מיט אירע לייסטן, מיט איר קליאַמקע, מיט דעם ריגל און די קייטלען. אַרום און אַרום איז געווען פינצטער, בלויז פון דער צווייטער שטוב האָט אַריינגעבליצט דאָ אַהער אַ שטראַל פונם לעמפּל. די שכנטעס זענען זיך שוין געווען אַ־ע צעגאַנגען, פון דערינען האָבן זיך נאָר געהערט די שטימען פון מנשהן, זיין ווייב און די קינדער. דאָס הינטל האָט זיך איינגעהאָרכט אין די דאָ זיקע שטימען און עפּעס אַ שרעק האָט אים אַרומגענומען. זיי האָבן אים געקלונגען פרעמד, אויסטערליש פרעמד, ער האָט זיי נאָך קיינמאָל נישט געהערט. ווער זענען דאָס די דאָזיקע מענטשן, וואָס וועלן זיי טון מיט אים? ער האָט זיך דאָ געפילט שרעקלעך אומזיכער, ער איז געווען

אַ שאָטן, ווען די זון שיינט אויף. דאַן איז איינגעטרעטן צווישן די ווייבער אַ שטילקייט. פון דרויסן האָט אַריינגעקוקט אַ טיף-שוואַרצע, וואַרעמע, ליידנשאַפטלעכע זומער-נאַכט. טויזנט שטערן האָבן אַראָפּגעבליצט פון הימל און אַריינגעוואונקען דורך די נידעריקע פענצטער מיט טויזנט סודות, וועגן דערטרונקענע און וועגן בלויע, טיפע טייכן, וואָס קאָלערן זיך ערגעץ איבער ווייטע, ברייטע פעלדער.

אַ חוץ די שכנטעס, איז באַ מנשה שניידער אין וואוינונג נאָך געווען אַ באַשעפעניש, וועלכעס קיינער האָט נישט געזעען און פון וועלכן קיינער האָט נישט געוואוסט. דאָס איז געווען אַ קליין, שוואַרץ הינטל, מיט אַ דיק בייכל, קורצע פיסלעך און ווייס מאָרדעלע, וועלכעס איז שטענדיק געווען פייכטלעך און וואָס האָט אויסגעשמעקט און אויסגעשנאַפּט יעדע איינציקע זאַך, ווי עס וואָלט וועלן די גאַנצע וועלט דערגרונטן און דערשמעקן. דאָס הינטעלע איז נאָך געווען גאַנץ יונג, עס האָט נאָך נישט געבילט. געהערט האָט עס צוביילע די קצבטע און איז געווען אַזוי געטריי, אַז עס האָט זיך געהאַלטן אָן זיין בעל-ביתטע, ווי אַ קינד אָן דער שערץ פון דער מאמע, און נאָכגעלאָפן איר, וואו זי האָט זיך נאָר א ריר-געטון. אַז ביילע איז אַריינגעקומען צו מנשהן, האָט דאָס הינטל, וועלכעס איז נאָך פריער פון איר אַריין דורך דער ,טיר, דערהערט אַ שאָרך פון אַ מייזל ערגעץ אין אַ ווינקל פון קיך. ער איז גלייך צו אַהינצו און איז נישט אַריין אין דער צווייטע שטוב, וואו די ווייבער זענען געזעסן. ער האָט אויסגעשמעקט אַלע שפּאַרעס אין דער וואַנט און זיך איינגעהאָרכט צו דעם שטילן, קוים הערבאַרן רודערן פון הינטער דער פּאָדלאָגע. דאָס האָט אים אַזוי פאַרנומען, אַז ער האָט שוין דעם גאַנצן אָוונט נישט אַ קוק-געטון אין דער צווייטער שטוב אַריין. ער ער האָט געהערט פון דערינען ביילעס שטים, און דאָס איז שוין פאַר אים גענוג געווען. אַז ער האָט לאַנג געבישטערט אין די לעכער און גאָרנישט געפונען, איז ער אַריינגעפאַלן אין עפּעס אַ מרה-שחורה און אַ טימער אומצופרידנקייט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט הינטער עפּעס אַ צעבראָכן קעסטל נעבן דער קיך, אונטערגעלייגט אונטער זיך דעם עק, אַראָפּגעלאָזט די אויערן און אַ פאַרזונקענער אין פינצטערע טראַכטונגען געזעסן אַזוי גאַנץ שטיל און זיך איינגעקוקט מיט אַ שטאַרן בליק אין דער אַרומיקער טונקלקייט.

# I

אין ב., אייַנעם פון פאַרוואָרפנסטע שטעטלעך אין פוילן, איז מיט יאָרן צוריק געשטאַנען ערגעץ אין אַן אָפּגעלעגן געסל אַ הויז, וואָס האָט זיך כּמעט מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט פון אַלע אַנדערע הייזער אין שטעטל. אין דער נידער האָבן געוואוינט עטלעכע יידן, און אין דער הייך, אין אַ שטוב, וואָס איז איבערגעמאַכט געוואָרן פון אַ בוידעם, האָט געוואוינט אַ קריסט. דאָס איז געווען אַ לאָמער גוי, וואָס האָט אַ גאַנצן טאָג געבעטלט אין די אַרומיקע דערפער און איז יעדן אויפּדערנאַכט אַהיימגעקומען מיט אַ פולער טאָרבע, געקאָכט זיך וואַסער, אייַנגעבראָקט די אָנגעזאַמלטע שטיקער ברויט, אָפּגעגעסן, זיך איבערגעצלמט און געגאַנגען שלאָפן. די יידן זענען געווען פּראָסטע מענטשן: בעלי-מלאכות, מאַרק-הענדלער, דאָרף-גייער. זיי האָבן דאָ געלעבט אַזוי ווי זייערע טאַטעס אין זיידעס, זענען געווען פאַרזונקען אין זייערע טאָג-טעגלעכע דאגות און האָבן כּמעט נישט געוואוסט פון דער דרויסנדיקער וועלט.

איינמאָל אין אַ שבת-צו-נאַכט זענען בײַ מנשה פערקאַל, אַ שניידער, אייַנעם פון די אייַנוואוינער פון דעם אויבן-דערמאָנטן הויז, צוזאַמענגעקומען גלאַט אַזוי אַביסל עטלעכע שכנטעס, צווישן וועלכע ס'איז אויך געווען ביילע די קצבטע, פון אַ צווייט הייזל אין דעם זעלבן געסל. די ווייבער האָבן געשמועסט וועגן זייערע טשאָלנטער, צי זיי זענען געראָטן, צי נישט און וואָס איטלעכע האָט אַרייַנגעטון אין די קויל. פּעסע, מנשהס ווייב, האָט זיך געריימט מיט אירן אַ נייעם אויפטו בײַם פילן פיש. מנשה, דער בעל-הבית, האָט דערציילט וועגן אַ שטיקל אַרבעט, וואָס ער האָט אָנגענומען צו מאַכן פאַרן פריץ פונם דאָרף. דערנאָך איז דער שמועס אַריבער אויף דעם שייגעץ, באָלעק, וואָס איז מיט עטלעכע טעג צוריק דערטרונקען געוואָרן אין טייַך, און אייַנע אַ יידענע האָט דערציילט, אַז דער אייגענער באָלעק האָט זיך שוין באַוויזן אונטער די פענצטער פון חיים שווייגער, וועלכער וואוינט אַ שטיק הינטער דער שטאָט. אַרום צוועלף בײַנאַכט האָט עמ'יץ אָנגעקלאַפּט אין פענצטער און גערופן מיט אַ בת-קול: לאָזט מיך אַרייַן, איך בין באָלעק. ערשט, אַז מ'האָט אַוועקגעלייגט אויפן פענצטער אַן אָפּן חומש, איז ער פאַרשוואונדן געוואָרן, ווי ס'פאַרשווינדט

ה. ל. זשיטניצקי / א גורל פון א הויז

װען ס׳װיגן זיך די גאָלדענע לאָקן פונם װאַלד,
װען גרױקײטן פאַרדעקן הימלפלאַך אַרום,
װען אין דעם טונקלען סטאַװ זיך שרומפן פאַלד אין פאַלד —
דאַן פאַל איך אײנם שױס פון ע ר ד און שװײג און שטום...

עס װײט אױף מיר אַ רו, אַן אײביק־שטילע רו,
װאָס קומט אױף פליגלען לופטיקע פון י ע נ ע ר ז י י ט...
און כ׳ליג אין האַרץ פון װאַלד, די אױגן שליס איך צו,
עס בלײבט פאַרזונקען אַלץ, ס׳בלײבט שטײן די שטומע צײט...

דוכט: װאָלקנס טראָגן מיך אין בלױען־בלױען רוים,
און כ׳שװעב אַזױ אין װײט... װאַרט: באַלד דערשײנט אַ לאַנד...
װי הײליק־שטיל איז דאָרט, װי אין אַ שװאַנען־טרױם,
עס גלעטן דופטן לײכט, שױן באַלד בײַ י ע נ ע ם ראַנד...

כ׳שטרעק־אױס פאַרבענקט די הענט צום שטילן קדושה־לאַנד:
אַ פאָרהאַנג, מאַך זיך אױף — כ׳בין מיד, כ׳בין מיד, כ׳בין מיד...—
— — — — — — — — — — — — — — — —
װען ס׳װיגן זיך די גאָלדנע לאָקן נאָכאַנאַנד...
װען בלעטער פאַלן זיפצנדיק: װי קורץ געבליט! — —

אברהם זאק / אין בלעטער־פאל

אַקסלען. אַ דאַמע איז געזעסן אויף אַ באַנק און אַ האַנט מיט אַ בוך
איז מידערהייט אַראָפּגעהאַנגען אין שויס.
שטיל איז געוועזן, ווי עמיץ וואָלט געפּרואווט אויפלייזן דעם סוד פון
מענטשלעכער פרייד אויף דער ערד.
די אַלטע לייט זענען געשטאַנען באַם וואַסער און געקוקט ווי אויף
גאָלדענע פעדעם ציט זיך אַ הערבסטיקער טאָג.

## VI

### ווינטער

כ'האָב גענומען מיר אַ דאָרפסמויד פאַר אַ ווייב. מיין טאטנס משפחה
האָט פאַרשאָלטן מיין געביין. און מיין בלוט איז מיר שאָטן-קיל און
אָפּגעקילט געוואָרן.
פאַרשנייטע צוועלף מאָרגעס פעלד און צוויי דאַרע פערד אין אָקער.
איר טאַטע איז אַזוי זיך אַ פויער פון די דערפער ביי דער פּיליצע;
איר מאַמע הענגט-אָן אַלע וואָך פרישע פאַרהענגלעך באַ אונדזערע
פענצטער.
מיינע טעג זענען גאַנצענע טעג, מיט געוויכט אין יעדער שעה;
שוואַרצע און מידע, מיט דעם ריח פון ראַזעווע ברויט מיט סמעטענע.
מיינע נעכט זענען וואונדערלעכע נעכט; עס גליען מיך די אָרעמס
פון מיין געזונט קאָרן-ווייב. אַלע אינדערפרי קושט זי מיין ביינקע
ברוסט — פאַרוואָס זי ווערט נאָכנישט קיין מאַמע.
דורך מיינע קליינע פענצטער קוק איך אויף מיינע פאַרשנייטע צוועלף
מאָרגעס פעלד און פאַרגעס דעם מספר פון די יאָרהונדערטן.
צו די גוים אין די ברוינע פעלצן מיט געפרוירענע וואָנסן ענטפער
איך מיט דער גאַנצער ברייטקייט פון מיין וועזן:
— גוט-מאָרגן — גוט-יאָר!

שלאָג טאָן אין די שלייפן, מיין בליק וועט אַזוי אַראָפּ-אַרויף בלאָנ־
דזשען איבערן לייכטע שטוב־קלייד אירס, און כ׳וועל אפילו נישט
דערציילן איר, אַז כ׳בין איר היינט געווען נישט־טריי.

# V

## הערבסט

דעם טאָג בין איך געווען פריי —
ווי די בלעטער פון ברוינעם גאָלד, וואָס פאַלן מיט שטילער צניעות
פון דיביימער אין די היינטיקע הערבסטיקע טעג;
ווי די מאַכאָענע קאַשטאַנעס מיט די לויכטנדיקע קעפלעך, וואָס קוילערן
זיך איבער דער ערד און קליינע יינגלעך קלייבן זיי צונויף אין ווייסע
טיכלעך אַריין;
ווי די לאַכנדיקע מיידלעך מיט די באָרוויסע פיס, וואָס גייען צוועלף
אַזייגער פון דער אַרבעט אויף מיטאָג.
דעם טאָג האָב איך ברייט צעעפנט מיינע אויגן און איינשלינגען גע־
וואָלט דאָס ליכט פון דער זון, ווייל מיין לייב איז געווען אויסגעצערט,
מיינע ביינער האָבן געקלאַפּט איינער אָן אַנדערן פון טרוקנקייט און
מיינע אָדערן זענען איינגעשרומפּן געוועזן פון בענקשאַפט.
דעם טאָג האָב איך מיך געפרייט מיט אַלעמדינג, ווי מיט מיין מאַמען
קליינערהייט באַנאַכט.
איך בין אויסגעגאַנגען דעם גאַנצן פאַרק, וואָס איז איינגעוויגט געווען
אין אַ גרויסער שטילקייט, — מיין האַרץ האָט געשלאָגן, ווי ס׳וואָלט
היינט פרילינג געווען נישט הערבסט.
כ׳האָב מיך אויסגעצויגן אין שיפל אויפן וואַסער אין דער גאַנצער
לענג. אויפן וואַסער זענען געשוואומען גאָלד־געברוינטע בלעטער און
איך בין געשוואומען אויפן וואַסער. איבער אונדז האָט אין הימל גע־
לויכטן די זון.
אין פאַרק האָבן אַרומשפּאַצירט אַלטע־לייט, ווייל די יונגע זענען
געווען אויף מלחמה, און קינדער מיט פאַרהאַנגענע ביכער אויף די

גליט דאָס גאַנצע דאָרף מיט טעמפּער מידער גליִעניש. צוויי וואָכן
נאָך צום שניט. און ערגעץ וואַלגערט זיך אַרום פאַרלאָזטע שטאָט
אין מח ווי אַ שטיקל בלייך צעבראָכן פאַרצעליי.
— אָט־אָ־דאָ, צופיסנס באַ דעם פעלד, זעץ דיך, מיידל, און איך וועל
דיר דערציילן פון דעם קלוגן לעבן פון דער שטאָט".
ווי גרויס זי איז, שלינגט דאָס זעכצניאָריקס מיין דערציילן פון די
פּרעכטיק־בעלער־ווינטער־נעכט און פון דעם ווייסן־שניי־פאַר־
איינזאַמט־זיין און פון דעם בלויען ערב־פרילינג־בענקעניש און
פון דעם גאַנצן טאַראַראַם מיט דעם מיר־ווערן און אויסרוען און יאָגעניש—
שלינגט און שלינגט אַזוי אַ יעדעס וואָרט מיט די גרויסע בלויע־
וועלטן־אויגן — ביז מיינע הענט גליִען זי אַדורך דורך דעם דינעם
לייוונט־קלייד און עס פאַלט איר קאָפּ אַריין צו מיר אין שויס, ווי
עס פאַלן די צייטיקע עפּל פון די ביימער.
עס גליט דאָס ברייטע דאָרף און ס׳שטעכט דאָס שטרוי די בלויזע
פיס—כאַפּט מען זיך אַזוי פאַר די אָפּגעסמאַליעטע הענט: —
— איצט וועט מען גיין פאַרזוכן פון די פרישע דייזשעס זויער־מילך,
אַ־יאָ?

# IV

## מאָרגן נאָכמיטאָג

כ׳וועל היינט נישט בלייבן טריי דעם מיידל, וואָס כ׳האָב ליב.
איבער די קליינע זאַכן פון אַלע טעג האָבן מיר זיך צעקריגט און
זי גיט מיר נישט אפילו אירע קליינע פינגער אין מיין האַנט צו האַלטן.

און איבער מיינע אָדערן ריזלט אַרום משוגע בלוט; און—ווי מיין קאָפּ
וואַלט זיך געוואַלגערט כסדר צווישן שטעכעדיקע רויזן, און די ווײַ־
בער אויף די גאַסן רייצן זיך מיט מיר, רייצן זיך.
מאָרגן נאָכמיטאָג, אַז כ׳וועל איר ברענגען די בלומען צו דער מאַמען
אין שטוב, וועט זי טאָן אויף מיר אַזוי אַ קוק, דאָס בלוט וועט אַ

## II

### שבת פאַרנאַכט

„. . . וואָס די וועלט איז דיר אַן אַלט-מאָדיש שפּילעכל מיט אַן
אונטערגעבראָכן פּיסל ;

וואָס שטיקלעך טעג פון דיינע וואָרפסטו דיר אונטערן פענצטער כּדי
מאָרגן זיי אויפצוקלייבן און איבערמאָרגן זיי אויפסנייי צו לאָזן פאַלן
דורך דיינע פיינע פינגער-שפּיצן אין דער ליידיקייט אַרויס ;
וואָס פון צווישן אַלע מאַמעס-וועלכע איז בכּח דיר צו זיין אַ מאַמע ;
וואָס פון צווישן אַלע הפקר-קינדער — ווער איז פון דיר נאָך הפקרדיקער--
ליכטיקער שאָטן ! צו וועלכע ווייטעניש וואָגלען אויגן דיינע אין
דער שעה פון וועלט-פאַרגאַנג, פון הימלען נישט-געצונדענע, ווען
ס׳בלויע בלוט פרעסט צונויף זיך הינטער הויט און פלאַקערט שטילער-
הייט פונאַנד, און דורות מאָנענדיקע בליקן בייז פון די יחוסדיקע
ווענט אַראָפּ, און ס׳גרוילט דאָס גאַנצע ווייסע לייב פאַר שרעק און
פורכט, און ס׳דאַכט : פון די ווינקלען הייבט אָפּער זיך עפּעס ברייטס
און שוואַרצס, גלייך אַ כּהן-גדול-קאָפּ — און דעמאָלט שטרעקט זיך
אויס אַזוי דיין געבויגענער נאַקן, ווי ווען דיין טאַטע גייט דיך בענטשן
פאַר כּל-נדרי, און דיינע הענט לאָזן זיך אַראָפּ אין אָנמאַכט אַזש ביז
דעם פליוש פון די טערקישע דיוואַנעס, און איבער דרימלענדיקע
יחוס-שטובן קוילערט זיך אַזאַ מין אימהדיק געברום :
„ — יאַ סטראַדאַיו ! סטראַ-דאַ-יו !“

## III

### זומער

מיינע ביידע הענט האָבן היינט אין פיבערדיקן אויפגאַנג צו דער
וועלט געצאַפּלט אויף צוויי יונגע בריסט פון בלאָנדן זעכצניאָרעדיקן
מיידל-לייב.

# I

## פרילינג

אין ים פון גאָלד, בריליאַנטן־שימער, פרישן גרינעם קראַנץ און
הייטערע וויאָלאָנטשעל־טענער וועגן די וואַסערן, וואָס פליסן אַפער
פון די בערג — בייג איך אַרויס דעם הייסן קאָפּ אין קאַלטן טאָג
אַריין און וויל, אַז זי זאָל קומען, די, וואָס וועט נישט קומען.
פרויען מיט בלייכע רויזן אויף בלייכער ברוסט, מיט קלאָרן און
נישט־קלאָרן באַגער אויף די ליפן — איך וועל צו אייך נישט גיין,
אויף אַ רגע אַפילו נישט לאָזן אַריין אייך אין מיין היכל פון פלאַם
און פון פרישקייט — איר וועט מיך קאַלט מאַכן און מיד מאַכן, ווי
דער האַלב־טאָג אין די בערג. און מיין קאָפּ איז דורשטיק־גליענ־
דיק, און מיינע גלידער זינגען פאַרבענקטע יינגלשע געזאַנגען —
בייג איך מיך אַרויס אין קאַלטן טאָג אַריין און וויל זי זאָל קומען,
די, וואָס וועט נישט קומען.
ליגט די וויאָלאָנטשעל שוין מיט אַן אַראָפּגעהאָנגען קעפּל, ווי נאָך
אַ זינד. אַ קוועלעכל ריזלט ערגעץ נישט ווייט; אַ גלאַטער לייכטנ־
דיקער שטיין ליגט און לאָזט נישט דאָס קוועלעכל זאָל אָפּפליסן
רויק — רוישט עס און טריפט מיר אין די אָדערן אַריין.
אַלטיטשקער מיינער, וואָס דיינע ווייסע האָר זענען שיטער צעוואָרפן
איבער דיין ברייטן קאָפּ — גיב, איך וועל אַרומנעמען דיין מעשענעם
שטערן און די קנייטשן פאַרפולן מיט מיין בלוט, וואָס זינגט אין
ווייסער בערג־נאַכט, אין קאַלטן בערג־טאָג און וויל זי זאָל קומען,
די, וואָס וועט נישט קומען.
די פרויען מיט די בלייכע רויזן האָבן מיך געלאָזן אַליין. אַלץ איז
אַנטשטילט, ווי אויף מיין קאָפּ וואָלטן שיטערע הערלעך געוועזן
צעוואָרפן. דער פלאַם גליט נישט, עס זינגען נישט מער מיינע גלי־
דער, פאַרלאָשן דאָס ליכט אין גרינעם געהילט, פאַרטונקלט דער
בליק אין זייגענעם נעפּל, ווייסע געווענדער ציען זיך צונויף, ענג
ווערט, אַ קוועלעכל ריזלט אין דער ווייט — די, וואָס וועט קיינמאָל
נישט קומען.

---

מנחם פלאקסער / טונקעלע לייוונטן

היינט אָוונט אויף דעם וועג צו דיר
האָב איך אַן אָרעמער צייטונגס־פרוי
באַצאָלט די לעצטע עקזעמפּליאַרן
און זי אָפּגעשיקט די קינדערלעך אַהיים...

דעם צענפּאַכן פּרייז האָב איך געגעבן
אַן עלנטן אינוואַליד, וואָס איז געשטאַנען
אָנגעלענט אָן אַ קאַלטער מויער,
פֿאַר אַ פּעקל שוועבעלעך...

באַ אַ דערשראָקענעם ייִד, אַ הויזירער
(אויסטערליש פרעמד און פאַרשעמט
אין דער הילכיקער גרויסשטאָט־גאַס)
האָב איך געקויפט צוויי פּאָר שיכבענדלעך...

אַ זונה האָט מיך אויפגעהאַלטן:
„בובי, שענק מיר א פּ פּיראָס!"...
לאַכנדיק האָב אי״ מ סיף געווען פייער...
און פריילעך און לייכט בין איך געגאַנגען
מיין וועג צו דיר...

בער האראוויץ / ליבע־ליד

וואָס זאָל ווירקן אויף די ליבע פון אַ מענטש ווי איינזאַמקייט.

— פאַרוואָס קומט זי נישט, מאַריאַ?
אַלץ, וואָס כ׳האָב געקענט וועגן איר טראַכטן, האָב איך שוין אויס-
גערעכנט, אָבער זי קומט נישט.
היינט נאָכמיטאָג האָב איך מיט דער שטילקייט געפירט אַ לאַנגן שמועס
וועגן איר, האָט זי מיך אומעטיק געמאַכט.
דער רעגן גייט. אַ בלינדער ווינט האַלזט אַרום יעדן בוים אין וואַלד
און אין האַרץ באַ מיר רייסט זיך קריעה מיין נשמה.
די קלימאַטע אויפן טיר איז, דאַכט זיך, געוואָרן אַנדערש, שוין עטלעכע
וואָכן קיינער רירט זיך נישט צו איר.
זי בענקט נאָך מאַריאַס האַנט, זי איז נישטאָ.
די קלימאַטע וויינט...

## X

## אַן אויגנבליק

היינט אינדערפרי האָט מיך מאַריאַ געפרעגט, וואָס איך טו. איך ענטפער:

— וואָס איך האָב נעכטן געבויט, מאַך איך היינט חרוב.

— און מאָרגן, וואָס קלערסטו מאָרגן צו טאָן?

איך ענטפער:

— פון היינט ביז מאָרגן איז נאָך ווייט, זייער ווייט–צענער טויזנטער רגעס.

זי לאַכט:

— אַ רגע, זאָגן מענטשן, איז נישט מער ווי אַ בליק מיטן אויג. און אַ בליק מיטן אויג איז נישט מער ווי אַן אויגנבליק.

— ניין, מאַריאַ, אַ בליק איז אַלץ, פון אַ בליק שטייט אַמאָל אַ מענטש צו אַ נייעם לעבן אויף און טיילמאָל גייט ער פון אַזעלכעס אונטער, מאַנכעס מאָל ווערט דערפון אַ פאָלק געהאָלפן און מאַנכעס מאָל גייט עס צוליב דעם אונטער.

און וואָס איז טויט און וואָס איז לעבן, אויב נישט מער ווי יאַן אויגנבליק און וואָס איז מיין ליבע צו דיר, אויב מער ווי אַן אויגנבליק.

זי שמייכלט.

## XI

## אַליין

שוין עטלעכע וואָכן ווי מאַריאַ איז נישט געווען בּאַ מיר און ווייזט זיך נישט אויפן הויף. פאַרוואָס?

דרויסן גייט אַ רעגן. דער טייך איז טריב און אין וואַלד איז אומעטיק צו זיין אַליין.

נישטאָ נאָך אַזאַ זאַך, וואָס זאָל קענען ווירקן אויף אַ מענטש, וואָס ליבט, ווי אַ שטילער, לאַנגזאַמער רעגן און נישטאָ נאָך אַזאַ זאַך,

ענדלעך גייען מיר אויפן אייז.
מיר יאָגן זיך אַהין און אַהער, פון איין אָרט אויפן אַנדערן, ווי פייגל
ווייט אינמיטן ים. מאַריאַ האָט זייער א לייכטן שוואונג, מיר דרייען
זיך אין אַ ראָד אויף און אָפּ. דערנאָך גייען מיר אין אַ קרייז, ווי
ווייסע טויבן איבער זייער נעסט.
מאַנכעס מאָל דאַכט זיך מיר, מאַריאַ שוועבט ווי אַן אומעטיקער מלאך
מיט אויסגעשפּרייטע פליגל, אונטער זיי גייען די לעצטע פלאַמען אויס.

דער טייך ווערט בלאַסער, פון טורעם שלאָגט דער זייגער 4.
— נאָך איינמאָל לאָז איך מיך איבערן טייך דערנאָך גייען מיר אַהיים —
רופט זיך אָפּ מאַריאַ.
איך וויל איר עפּעס זאָגן, מאַריאַ איז נישטאָ מער, שווימענדיק לענג
אויס איבערן טייך, ווי אַ בלויער שוואַן.
איך יאָג זי נאָך, אָבער איך קאָן זי נישט דערגרייכן.
עפּעס שוועבט זי מיר פון מיינע הענט אַרויס, ווי בלאָ-זיידענער טל.
אינמיטן זומער.
איך וויל איר געבן אַ קוש, מאַריאַ וויס עס און לאָזט זיך נישט כאַפּן.

ענדלעך בלייבט זי שטיין אויף עטלעכע טויזנט איילן ווייט אַנטקעגן
מיר מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס.
— קום, קום! — הער איך פון ווייטנס זי רופן.
מיין יונגער ווילן ציטערט אויף, ווי אין וואַלד אַ בליץ.
— קום, קום! — הער איך ווידעראַמאָל רופן.
איך וויל מיך אַ לאָז טאָן צו איר מיט דעם גאנצן פיבערישן רייץ
פון מיין נשמה, נאָר דאָס אייז גיט זיך פלוצלינג אַ ברעך-איין אונ-
טער מיינע פיס, איך זינק אַראָפּ צום תהום.
— דאָס ליד איז אויס... וואָס וועט זיין מיט מאַריאַן?
איך וויין —

צופּיסגס שלאָפט אַ ווייסער טייך מיט שיפלעך, קיינער וועקט זיי נישט איבער.

עס איז ווינטער, איבערן פאַרפרוירענעם טייך ליגט אַ ראָזער מאַנטל, די זון גייט אונטער. די ביימער זענען באַצויגן מיט ווייסן קרעם און פינקלען אַנטקעגן דעם אונטערגאַנג, ווי באַהאָנגען מיט קליינע בריליאַנטן.

זיבן טעכטער זענען אין שלאָס פאַרהאַנען, אַלע זיבן זעען אויס ווי איינע, מאַריאַן האָב איך ליבער.

אין שלאָס איז שטיל. צייטנווייז הער איך מאַריאַ לאַכט, מיך ציט אַרויף צו איר.

איך קאָן נישט. דאָס בענקל, אויף וועלכן איך זיץ, וויל מיך נישט פאַרלאָזן, די פעדער וויל נישט גיין פון האַנט, איך שרייב.

— דאָס ליד איז אויס — יאָ, אַזוי וועט עס הייסן, נאָך עטלעכע ווערטער, עטלעכע טראָפּן פון האַרץ און געענדיקט.

עמיץ קלאַפּט אין טיר.

— אַריין!

די טיר פּראַלט זיך אויף פון אַ הילכיק געלעכטער:

— איך בין דאָ! איך — מאַריאַ — קום!

איך פרעג „וואוהין?‟

— צום טייך! — ענטפערט מאַריאַ — דאָס אייז איז דיק, דער פראָסט — ראָז, נעם די גליטשערס און קום.

מיך נעמט אַרום אַן אויסטערליש געפיל, איך וויל מאַריאַן אַ קוש־טון אויף אַזאַ אָרט, וואָס קיינער האָט נאָך קיינמאָל דאָרטן נישט געקושט.

— די זון פאַרגייט, קום! וואָרום באַלד וועלן מיר האָבן אַלץ פאַרשפּעטיקט — גיט מיר מאַריאַ צו פאַרשטיין.

— אָבער, מאַריאַ...

— ניין, ניין, איצט נישט... אַז מיר וועלן קומען צוריק... זי לויפט אַרויס פון שטוב, איך כאַפּ די גליטשערס און לויף איר נאָך.

מיר לאָזן זיך אַראָפּ פון די בערג.

אירע בלאָנדע, צעלאָזענע האָר ווערן געהאַלטן אין די פינגער פון ווינט ווי גאָלדענע לייצן אין די הענט פון אַן אינדישן פירשט.

ים, אַלע שיפן זענען ווייט אין וועג, בלויז איינע ליגט ווי אַ חורבה איינגעזונקען טיף אינמיטן ים.
די נאַכט איז באַלד אַוועק, דער טאָג איז נאָך נישט געקומען.
מיר ווילן נישט צ׳ריק, מיר קענען נישט אַריבער.

# VIII

## שוואַרצע פערד

היינט אינדערפרי זיצנדיק אין וואַלד, האָט מיך מאַריאַ געבעטן איך זאָל איר עפּעס דערציילן.

— זעץ דיך אויף מיין שויס — זאָג איך צו איר.

זי שמייכלט.

— וועסטו דען קענען דערטראָגן אויף דיין שויס אַזאַ דערוואַקסן מיידל ווי איך?

איך זאָג „יאָ“, מאַריאַ טוט מיר צוליב.

איך דערצייל איר פון פערד, אין גאַלאָפּ געשפּאַנט מיט טיפע שוואַרצע האָר, וואָס זענען אויס ווי טרויעריקע מאָנומענטן וואַרטנדיק אויף זייערע געליבטע פאַר די טויערן פון אַ טויט-פאַרכישופטן שלאָס.

— ביסטו דאָרטן ווען אַמאָל געווען?

— יאָ — זאָג איך — אַ מאַן, וואָס זיין פּנים איז געווען ווי די לבנה וויס, האָט מיך דאָרט אַריינגעפירט.

— האָסטו מיך אויך דאָרטן געזען?

— ניין — ענטפער איך.

מאַריאַ לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און וויינט.

# IX

## אויפן אייז

פאַרנאַכט. איך טרוים.

איך בין אויף טויזנט מיילן ווייט פון דאַנען ערגעץ אין אַ שלאָס אויף די בערג אין אַ וואַלד פון אַלטע לינדן-ביימער.

# VII

## אַ שפּאַציר

פֿין קלויסטער שלאָגט דער זייגער צען.
אָוונט.
איך און מאַריאַ, ביידע גייען מיר אין וואַלד.
— ווילסטו אפשר איך זאָל דיך פֿירן? — פרעגט מיך מאַריאַ.
— יאָ — זאָג איך. מאַריאַ נעמט מיך אונטערן אָרעם.
— מאַך צו די אויגן.
איך טו עס.
— האָב נישט קיין מורא.
— איך ליב די מורא גראָד ווי דו. — זאָג איך.
מאַריאַ ציטערט פֿון געלעכטער.
— דאָ איז, דאַכט זיך, געוועזן אַ ריווקל און דאָ האָבן מיר געטרעטן אויף אַ בערגל, ס'וואָר מאַריאַ?
— יאָ.
— און דאָ האָבן מיר זיך אויסגעדרייט אין אַ טאָל.
— יאָ, יאָ.
— איצטער האָב איך ס'געפֿיל, מיר געפֿינען זיך ערגיץ אונטער אַ בריימן אויסגעטיפטן הימל, איך הער דאָס רוישן פֿון דיין אַטלאַס־זיידן האָר, דאָס שווייגן פֿון דיינע אויסגעדאַכטע סאַמעט ווייכע געדאַנקען.
איך הייב אָן גיין שטילער, פּאַמעלעכער, כּדי בעסער צו הערן, מאַריאַ לאָזט מיך נישט.
— איך ליב דיינע טריט, איך וויל זיי הערן.
— און דיינע הער איך קיינמאָל נישט; דו קומסט ווי אַ מלאך איבער זיידענע געוועבדער.
— עפֿן די אויגן.
איך עפֿן.
מיר שטייען פֿאַר אַן אינדזל, אַרום און אַרום — אַ גרויסער, ברייטער

# VI

## רעגן

עמיך פּויקט אין פענצטער, ווי מיט טויזנט גאָלד־טייוולאָניש שפּרינ־
גענדיקע פייקלעך.

שוין אַ צייט לאַנג, איך קלער דאָס פּויקן וועט אויפהערן. אומזיסט.

מיינע געדאַנקען שוועבן ווי בלאָנדזשענדיקע פייגל אויפן אויפגעקאָכטן
ים נאָך אַ שווערע שלאַכט פאַרבלוטיקט.

איך עפן די אויגן, אַנטקעגן איבער מיר, אויף דער אַנדערער זייט
זיצט מאַריאַ און שמייכלט.

— מאַריאַ — זאָג איך — ווי אַזוי ביסטו דאָ אַהער אַריין ?

— דורך דער טיר — ענטפערט זי מיר.

— ווער האָט זי דיר געעפנט ?

— ז'איז געווען אָפן.

— אַזוי פרי ?

— כ'האָב געוואָלט נאָך פריער קומען נאָר די נאַכט, כ'ווייס נישט,
קיינמאָל האָב איך נישט געהאַט אַזאַ געדאַנק וועגן נאַכט ווי היינט.

— מיר האָט זיך געדאַכט, די לבנה האָט די שטערן אויסגעלאָשן און
אַליין זיך ערגיץ־וואו באַהאַלטן; באַלד וועט עמיצער גיין די שטערן
זוכן און זוכנדיק וועלן טרערן פון די הימלען צו דער ערד פאַלן.

איך זאָג :

— דיינע דינע פינגערלעך פּויקנדיק אין שויב זענען ווי ציגיינער־
קלעפּערלעך.

מאַריאַ לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און מיט אַ דין טרויעריק קול זי ענט-
פערט :

— דאָס איז נישט געווען איך, דאָס האָט דער רעגן געקלאַפּט אין
שויב און דיך אויפגעוועקט, איך האָב עס נישט געוואָלט !

— פאַרוואָס — פרעג איך בייגעריק.

— געוואָלט האָב איך דיך זעען, ווען דו שווייגסט, ווען דו האַלטסט די
אויגן צו; כ'האָב געוואָלט דיך איינמאָל זען אין אייביקייט. . .

# V

## מורא

פרימאָרגנס.
עמיץ רייסט מיר אויף די אויגן, ווי מיט דינע גאָלדענע צווענגלעך.
מאַריאַ שטייט פאַרן פענצטער.
זי פרעגט:
— פאַרוואָס זענען אייערע האָר ווי פלאַקס און אייערע אויגן ווי מעש?

איך קוק אין איר טיפער און באַטראַכט זי.
זי רעדט ווייטער:
— אייערע האָר דערמאָנען מיך אָן די האָר פון מיין געשטאָרבענער ליאַלקע, און אייערע אויגן, ווען איך קוק אין זיי, קריג איך מורא.

איך בעט זי אַריין אין שטוב. זי וויל נישט גיין.
איך פרעג:
— האָסטו פאַר מיר מורא?
זי ענטפערט:
— יאָ.
איך פרעג:
— מיינע האָר און מיינע אויגן האָסטו פיינט?
זי ענטפערט ווידער:
— יאָ.
איך שמייכל.
נאָך אַ פאָר מינוט שווייגן, רופט זי זיך אָן:
— פונדעסטוועגן, וואָלט איך נישט וועלן, דאָס אייערע האָר און אייערע אויגן זאָלן זיין אַנדערש...
איך ווער טרויעריג.
— פאַרוואָס? — פרעג איך.
— איך ליב דעם רייץ פון מורא און דאַן, וואָלט איך פאַר קיין מורא נישט האָבן.
אין וויל זי נאָך עפעס פרעגן, אָבער די קליינע איז מער נישטאָ.

— צו דער בוק.
— איך גיי אויך.
איך כאַפּ די ווענטקע און לויף איר נאָך.
דער הימל איז ווי ווייכער סאַמעט בלאָ מיט דינע זילבער־ווייסע וואָלקנדלעך, ווי שיפן פון אַ פיש.
— דאָס קריגל האָט זיך שיער נישט צעבראָכן באַם אָנשעפן.
די קליינע לאַכט און וויל אַנטלויפן.
— וואַרט נאָך אַ קליין ביסל, גיי איך אויך.
— איך קאָן נישט, איך האָב קיין צייט נישט. — ענטפערט מיר די קליינע.
— איך וויל בלויז כאַפּן אַ צוויי דריי פישעלעך אויף וועטשערע, דאַן גיי איך אויך.
— איך קאָן נישט, איך קאָן נישט, די פישעלעך וועלן נאָך אָפּשטיין.— שרייט די קליינע הויך אויף איר קלינגענדיקן קול און לאַכט.
— אָבער צו וואָס האָסטו די פיש אין שטוב, ווען דו האָסט אַזאַ גרויסן טייך מיט אַזויפיל צענער טויזנטער פיש אין אים? — פרעג איך דער קליינער.
— דאָס זענען אַנדערע, די פישעלעך אין שטוב זענען גאָלד־פישעלעך! די האָט מיר דער טאַטע געשאָנקען אַ מתנה.
— אויף ווידערזען!
— אויף ווידערזען!
פאַרנאַכט, גייענדיק דורכן וואַלד, האָב איך געטראָפן די קליינע זיצנדיק אונטער אַ בוים פאַרוויינט.
איך פרעג זי ווי זי הייסט.
— מאַריאַ.
— וואָס וויינסטו, מאַריאַ?
די קליינע לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און קוקט זיך אויף די הענט.
איך פרעג זי נאָכאַמאָל פאַרוואָס זי וויינט.
— מיינע גאָלד־פישעלעך זענען טויט.
אַ בלויע טרער פליסט אַראָפּ פון איר אויג, איך שווייג.

אַראָפּגעפּליקט, מאַנכע הענגען נאָך ווי צויטלען אָפּגעשליסענע, דער
דאַך איז גרין אויף אים וואוינט דער פרילינג פון שימל, די ווענט
זענען גראָ, כּייגן זיך און דרימלען ווי אַלטע, איינגעקנייטשטע בלעכן,
עס טונקלט.
באַם פענצטער שטייט די כּלה גאַנץ אַליין אַ פאַרטראַכטע. אַנגעטאָן
אין שוואַרצן, איר אַטלאַס ווייסע חופּה-קלייד ליגט אין פענצטער
באַם טרונע-מאַכער.
אין סאַמעט בלויען הימל באַווייזן זיך אייצלנע שטערן.
אָוונט.

# IV

## פ י ש ע ל ע ך

אַ נייע דירה, אַ נייע היים. אַ שטוב ווי אַ פעלד, אַ וואָגן מיט היי
וואָלט דאָ גאַנץ דרייסט קאָנען אַרומפאָרן. פון איין זייט ליגט אַ
לאַנגער טייך מיט זילבער, פון דער אַנדערער זייט, די קרוין פון
זומפּ — דער זילבער-גרינער טאַטראַק. אינמיטן בלאַסע אָבלדיקע
ליליעס, ווי מיין לייב.
באַם ברעג ליגן שיפלעך. קיינער רירט זיי נישט פון אָרט. עטלעכע
זשאַבעס, ווי אַלטע ווייבער איינגעהילט אין גרינע קאָפּ-טיכלעך קומע
זיך צונויף און האַלטן שטיל אַ סוד צוזאַמען, מסתמא וועגן גאָט.
עמיץ הייבט אויף די ריגל פון אַ טיר און לאָזט זי ווידער צוריק
אַראָפּ,
אין הויף באַווייזט זיך אַ מיידל פון אַ יאָר דרייצן. אירע האָר זענען
ווי די שטראַלן פון אַ פאַרנאַכטיקער זון, אין האַרבסט, אירע אויגן
ווי די פערל אין ים נאָך איידער זיי האָבן די וועלט דערזען.
באַ איר אין האַנט הענגט אַ לאַמטערן-קריגל.
— גוט מאָרגן! — זאָגט צו מיר די קליינע. איך ענטפער:
— גוט מאָרגן!
די קליינע וויל גיין ווייטער, איך שטעל זי אָפּ.
— וואוהין גייט איר?

# III

## אזוי זיך

דער צוג לויפט. מיט מיר אין וואַגאָן זיצן כּלי־זמרים, זיי שפּילן.

דער צוג לויפט. בערג און טאָלן, טאָלן און בערג, לאַנקעס און בייטן, בייטן אין לאָנקעס, גרינע און געלע, געל און גרינע גאָלדענע און שוואַרצע שוואַרץ און גאָלדענע.

פון די בערג גיסן זיך לאַווינעס גאָלד אין טאָל אַריין, די זון גייט אונטער.

צו מיר אין פענצטער קומט פּאַמעלעך אָן אַ וואַלד, אַ בריק, אַ טייך.

גאָט! ווען די בריק זאָל זיך איינברעכן פאַלן מיר אַלע אין טייך אַריין. מיר טרינקען זיך אָן מיט בלויקייט, מיט ראָזע וואָלקן פון די הימלען וועלכע מיר קענען קיינמאָל נישט דערגרייכן און ליגן איצטער דאָ אין טייך. ווי גוט דאָס איז גאָט. זאָל אונדז געשען!

איבערן שפּיץ פון אַ קלויסטער הענגט די זון ווי אַ גאָלדענער קידושן־רינג.

די לעצטע שטראַלן פאַלן אַריין צו מיר דורכן אָפענעם פענצטער און שלאָפן איין אונטער די סטרונעס פון אַ פידל וואָס הענגט אויף דער אַנדערער וואַנט.

— וואוהין פאָרט איר? — פרעגט מיך איינער פון די כּלי־זמרים.

— איך פאָר... וואָס זאָל איך אים ענטפערן, גאָט? —

דאַרף מען דען וויסן וואוהין מען פאָרט?

— מיר פאָרן אויף אַ חתונה — רופט זיך אָן אַ צווייטער פון די כּלי־זמרים.

די מאַשין פייפט.

— אָן אָנזאָג — ברומט עמיץ אונטער דער נאָז.

די לאָמפּן אין וואַגאָן ווערן אָנגעצונדן, מיר פאָרן אַריין אין אַ פינצטערע לאָך, די מוזיק שפּילט...

און ווידער ווערט ליכטיק, דער צוג שטעלט זיך אָפּ, די כּלי־זמרים גייען אַראָפּ, איך — אויך.

אין מיטן מאַרק שטייט אַ הייזל די לאָדן האָט דער ווינט שוין לאַנג

— אין איך האָב קיינעם נישט...

— און איך האָב דעם הימל, די שטערן און די טיפע, שוואַרצע נאַכט.

— און איך האָב פון אַלעם גאָרנישט.

— דאָך ווער איז דער רינג וואָס איר טראָגט אויף אייער רעכטער האַנט ? —

— דעם האָב איך געקריגן צו מיין געבורטסטאָג.

— און וואו האָט איר אייער חתונה־רינג ?

— דעם האָט דער דאָקטאר היינט בײַ מיר צוגענומען.

— פאַרוואָס ? איז דאָס אים געקומען ?

— איך בין קראַנק געווען און האָב קיין געלט נישט געהאַט מיט וואָס אים דעם וויזיט צו באַצאָלן, האָב איך אים דעם רינג געגעבן.

— אַנדערש האָט ער נישט געוואָלט ?

— יא, ער האָט געוואָלט נאָך עפּעס... איך אָבער, איך בין דאַן געווען צו שוואַך...

פון אַ וויטן קלויסטער שלאָגט דער זייגער דריי.

פון וואַן קומט איר ? — פרעגט מיך קריסטינאַ.

— איך קום פון מערב און גיי צו מזרח, דאָרטן זאָגט מען, איז פיל שענער.

— און איך — גיי צו מערב.

— דאָס איז דער סוף פון אַלע מענטשן.

— האָט איר עפּעס אַ ציל אויך ?

— איך זוך.

— און איך, איך האָב אים שוין לאַנג פאַרלוירן — דעם ציל.

— און איך, — האַ־האַ־האַ־האַ־האַ !

— און געלט האָט איר ?

— דערווייל האָב איך אַ שטעקן און אַ טאָרבע און אַ האַרץ צום וואַנדערן...

אַדיע !

— יאָ, אמת, כ'האָב מיין אַדרעס פאַרלוירן און קאָן זי גישט געפינען.
די נאַכט און די איינזאַמקייט פירט זייער גיך די מענטשן צוזאַמען און מיר באַקענען זיך:

— כ'האָב די ערע מיך פאָרצושטעלן: מיין נאָמען איז עליאַט, אַ וואַנדערער.

— און איך קריסטינאַ, אַן אלמנה...

— אַן אלמנה? —

— יאָ, און אייער שטאַם?

— האָ האָ, מיין שטאַם... יעדנפאַלס קיין ציגיינער בין איך זיכער נישט, דאָס דערקענט מען אין מיין הויט, האָר און אויגן. זעט, די הויט מיינע איז בלייך, די אויגן העל און די האָר בלאָנד.

— וואָרים זאָגט איר מיר וואָס איר זייט נישט, זאָגט מיר בעסער וואָס איר זייט יאָ.

— אַלזאָ, איך שטאַם פון אַ שטאַם — די צווייגן זיינע זענען שוין לאַנג אונטערגעבראָכן, נאָר דער וואָרצל זיצט נאָך זייער פעסט אין דער ערד ווי אין אָנהייב. אַלע ווינטן פון דער וועלט, די גרעסטע ערד־ציטערנישן פון דער טיף קאָנען דעם וואָרצל נישט אויסרייסן און אומ־ברענגען.

— און עלטערן האָט איר?

— האָ האָ, מיט מיין פאָטער האָב איך מיך געזעגנט נאָך איידער ער האָט מיר די האַנט גערייכט, נאָך איידער איך האָב אים באַקענט, און מיט מיין מוטער — נו, לאָזן מיר דאָס אויף אַן אַנדערש מאָל.

— אייער פאָטער איז טויט, ווי... שוין לאַנג?

— לאָזט צו רו, מיין פאָטער לעבט, זאָל ער לעבן.

זי קוקט מיך אָן פאַרוואונדערט.

— און שוועסטער און ברידער האָט איר? —

— יאָ, ברידער האָב איך צוויי. איינער לאַכט מיך אויס, דער צווייטער שאָקלט מיטן קאָפּ. וואָס ער מיינט דערמיט צו זאָגן ווייסן מיר ביידע נישט; דערפאַר האָב איך אַ שוועסטער, זאָגט זי, איך בין ענלעך צו אַ חיה.

— ווי מיינט איר, האָט זי רעכט?

עמיץ האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— גאָרנישט. . . איך האָב אייך בלויז געוואָלט זאָגן דאָס איך קער ווידער אַמאָל אום צו אייך, ווען אייערע מעשים וועלן זיין גאַנץ און פּאַרענדיקט.

## II

### שפּעט ביינאַכט

די דאָזיקע ווערטער הויב איך אָן שרייבן אין מיטן וועלט.

אַנטקעגן דעם גרינגלעך מאַטן שיין פון אַ שלאָקרירעוודיקן לאָמטערן וואָס שטייט איינזאַם און איינגעהויקערט אויף אַ הויכן, טריבן באַרג פון שטיקער ליים, ציגל און שאַרבענעס.

דער קאָפּ פון לאָמטערן איז געלעכערט, די שויבן צעפלויגן — בלויז אין די זייטן הענגען נאָך איניקע שטיקער, ווי אויסגעבראָכענע פליגל און האַלטן ביים אַראָפּפאַלן.

אַ ווינט יאָגט, דער לאָמטערן שאָקלט זיך מיט אַלע כוחות אַהין און אַהער ווי אַ שיכור אָדער ווי עס וואָלט ווער וועלן אים, מיטן וואָרצל פון דער ערד אַרויסרייסן און אים דאָ, אויף די גרויזעם אָוועקלייגן אַ טויטן — אַ קרבן פון דער שפּעטער נאַכט.

דער בלאַסער שיין וואַרפט זיך אין פיבער אַרויף און אַראָפּ פון איין זייט אויף דער אַנדערער ווי אַ שלאָפלאָזער. דער שיין, קוקנדיק דורך די אויסגעשלאָגענע שויבן זעט אויס, ווי דאָס מידע אויג פון אַן אַלטן אָפּגעשוואַכטן מענטש וואָס קוקט אויף אַ טונקעלע בריל מיט אַן אויסגעשלאָגן גלעזל.

די עטלעכע איבערגעבליבענע שטיקלעך שויבן הענגענדיק, קלימפּערן אַזוי טרויעריק ווי דאָס געוויין פון אַ גרייז-גרויען מאַן וועלכער האָט קיינמאָל נישט געוויינט און מוז איצט אַלץ פאַרלירן אָדער, ווי דאָס טרויערן פון אַלטע פאַרזעסענע מנישקעס.

אין דעם בלאַסן שיין אויף דער ערד, דערזע איך פּלוצלינג אַ שאָטן.

עס דערנעענטערט זיך אַ פרוי אָנגעטאָן אין טרויער. זי פרעגט:

— זוכט איר אפשר אַן אָדרעס ?. . .

# I

## ע מ י צ — ע ר

עמיץ האָט מיך היינט אינדערפרי אַ צי געטון פאַרן אַרבל פון העמד, האָב איך געעפנט מיינע אויגן.
עס איז געווען אַ שטילער, בלויער פרימאָרגן ווי מיין האַרץ, און פון אומעטום האָט זיך געפילט דער בלויער געשמאַק פון פרישע רויזן.

— ווער ביסטו? — האָט מיך עמיץ געפרעגט.
איך האָב אים אָנגעקוקט.
דאָס איז געווען אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן מיט אַ גרויסן, ברייט און טיף געקנייטשטן שטערן און אַ לאַנגער, שאַרפער נאָז, אויף וועלכער עס איז געזעסן אַ טונקעלע, שאָטנהאַפטע בריל. אויף זיין קאָפּ איז געלעגן אַ היטכער, שוואַרצער קאפעליוש מיט אַ שרעקלעך ברייטער ראַנד, ווי אויפן פייער אַ ווייך, צעלאָזענע פליטע פון אַ גראַמאָפאָן. און אויף זיינע פלייצעס האָט אַראָפּגעהאָנגען אַ ברייטער, שוואַרצער מאַנטל ווי באַ אַ גלח. זיינע הענט און זיין לייב זענען אינגאַנצן געווען פאַרדעקט.
— ווער ביסטו? — האָט מיך עמיץ נאָכאַמאָל גאַנץ קאַלט און געלאַסן געפרעגט.
אַ ברעג פון דער לופט, אַ שפּיץ פון ווינט, — איך בין — אַ פראַגמענט! — האָב איך שטיל און רויִק געענטפערט.
— און וו ס זענען דיינע מעשים און אַלע דיינע ווערק פון אַ גאַנץ יאָר? — האָט עמיץ מיך ווידער אַמאָל גאַנץ קאַלט געפרעגט.
— פראַגמענטן! — האָב איך ווידער גאַנץ רואיק געענטפערט.
עמיץ האָט אַרויפגעוואָרפן זיין רעכטע פאָלע אויף דער לינקער פלייצע און אַרויס פון שטוב אָן אויפגערעגטער.
— אַ גוטן טאָג מענטש! — האָב איך אים פריינטלעך נאָכגעשריגן.
אָבער עמיץ האָט מיר נישט געענטפערט.
אונטערן פענצטער איז ער אויף אַ ווילע שטיין געבליבן.
— וואָס איז?! — האָב איך גאַסט־פריינטלעך געפרעגט. — האָט איר עפעס פאַרגעסן?

אלימלך שמולאוויטש, עמיצער

## I

הימל און וואַסער און טויזנטער בענקשאַפטן
ציען זיך איצט צווישן אונדז, ליבע פרוי —
לאָזן מיך טרערן נישט זען צו דער ים איז שיין,
דאַכט זיך מיר אַלץ, אַז דער הימל איז גרוי.

מיטן אין טומל און רויש פון דער וואונדערשטאָט
טראַכט איך פון מיר און פון דיר, ליבע טרוי —
וואָס זענען טורעמס פון צענדליקער שטאָקווערקן
קעגן די הויכע פיר ווענט, וואָס איך בוי!

## II

מיט דעם מאָרגן קומט מיין בריוול,
מיט דעם אָוונט קומט מיין טרוים,
זאָגסט צען מאָל אין טאָג מיין נאָמען —
און די ווייט צעשיידט אונדז קוים.

אין די נעכט, ווען קאָנסט נישט שלאָפן
בענקט צו מיר דיין זיסע גנאָד —
און מיין בוך ליגט פאַר דיר אָפן,
ווי דעם צדיקס האַרץ פאַר גאָט.

געשריבן אין ניו־יאָרק—1921

ש. י. אימבער / צוויי לידער

אָנגעלענט איפֿן אָרעם פֿון זיין הויך און דאַר ווייב. ער זעט אויס ווי אַ בר-מינן און זיין ווייב זינגט קלאָגנדיק:

— זיי האָבן אים מיר אַוועקגעהרגעט... זיי האָבן אים מיר אַוועקגעקוילעט...

— די הענט האָט מען זיי פֿאַרבונדן אַרונטער, — גיט מען זיך איבער איינער דעם צווייטן מיט אַזאַ שטים, ווי די זאַך וואָלט דאַרפֿן בלייבן בסוד — זיי אַליין האָט מען צוגעבונדן צו ביימער מיטן רוקן צום שטאַם און די פֿיס — קוים וואָס זיי רירן-אָן מיט די שפּיצפֿינגער די ערד.

— יאָ, מע קאָן זיך שוין פֿאָרשטעלן, סאַראַ טעם-גן-עדן דאָס איז!

— איר פֿאַרשטייט? — זאָגט עמיצער גאָר שטיל: איז באַ בעריש פֿאַרבער אַרויס דאָס געבּרעכעניש, נישט פֿאַר קיין יידן געדאַכט...

— אַי-ווײ! — קרעכצט-אָפּ שמואל-וואָלף דער אַלטער.

טוריסק, וואָלין. ניסן, תרפ"ג.

איבערצייגן — ער האָט דאָך בפירוש געזאָגט, דער קאָמענדאַנט, אַז פאַרנאַכט וועט מען זיי פריילאָזן?!

— בפירוש, בפירוש, — שאָקלט צו ערנסט־מסכּימדיק שמשון־אליהס.

— פריילאָסן, פריילאָסן! — שפּעט דעם קאָמענדאַנט איבער, צופרידן, מיט אַ שמייכלדיק פּנים, דער רב, און גיט־צו שוין ערנסט: מיט זיי קאָן מען כאָטש אַ וואָרט רעדן! לאָזן זיך רעדן.

— און שטענדיק, ווען זיי פאַרשטייען נישט וואָס מע רעדט צו זיי אַפילו, שאָקלען זיי צו מיט די קעפּ — יאַ, ס'וואַר ס'וואַר, — באַמערקט אַ צווייטער.

— און וואָס זיי רעדן, הייסט עס פאַרשטייט מען, — שטאַרצט יהודה סאַפּירשטיין אַרויס די ברוסט: עפּעס ווי דאָס גאַנצע מויל וואָלט זיי פול געווען מיט צונג, מיט אַ וואַרפנדיקן בויך פון אַ צעהאַקטן שלאַנג.

— און צווישן דריי־פיר ווערטער — ניך? ניך? — שמייכלט שפּאָטיק אַ ייד.

— מילא, — פּירט־אונטער אַ סך־הכּל יהודה „שטעל”: אַלץ בעסער פון יענע, פון אונדזערע — נישט שיכּור, און —

דאָ זייעט ער דורך די רעשט פּראָזע דורך די ציין, דער רב זאָל נישט הערן:

— און רעדן נישט כּסדר וועגן „דיעוּוקעס”...

ווען זיי קומען אַריין אין שטעטל אַריין, קוקט מען זיי נאָך מיט דרך־ארץ, מע שמייכלט זיי אָקעגן, און אַ היימישער מענטש, אַ בעל־הבתּישער באַגעגנט זיי מיט אַ חניפהדיק ווערטל אויך.

— רבונו־של־עולם! — זאָגט פעלטע־לאה ווען זיי גייען פאַרביי איר בריקל, קוקט זיי נאָך און שאָקלט־צו מיטן קאָפּ: זאָל זיך שוין טאַקע פון היינט אָן אָנהייבן דאָס גוטע, טאַטע־פאָטער!

*

פאַרנאַכט, ווען דער עולם גייט מנחה דאַווענען, ווערט אַן איינגעלויף: די אַרעסטירטע יידן גייען שוין אַהיים. דערשלאָגענע, פאַרמאַטערטע, ווי נאָך אַ תּענית, מיט בלאַס־בלויע געזיכטער, גייען זיי זיך פאַמעלעך מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי געשמיסענע. בעריש פאַרבער שלעפּט זיך

— נו, דאַנקען גאָט! וועלן שוין יידן האָבן מעל אויף שבת; ער האָט אונדז געגעבן אַ פּאַסירשיין קיין וואָלינסק.

— דאַנקען גאָט טאַקע, — איז דער רב שטאַרק צופרידן, און דערמאָנט זיך אינם מאמר־חז״ל: המתפלל בעד חברו... נאָר אינמיטנדרינען ווערט זיין מחשבה איבערגעריסן דורך פיר פּאָר הענט, תחנונימדיק אויסגעשפּרייטע. ווי פון אונטער דר׳ערד זענען אויסגעוואַקסן די ווייבער פון די אַוועקגעפירטע בעל־מלאכות מיט זייערע קינדער. אַ מאָמענט שטייען זיי אַזוי שטום פון איבעררעשונג, מיט ברייט־צעעפנטע אויגן, מיט תחנונימדיק-צעשפּרייטע הענט, פאַרשטעלנדיק דער דעלעגאַציע דעם ווייטערדיקן וועג. די דעלעגאַציע שטייט אַ רגע פאַרווירט און ווייסט נישט וואָס צו זאָגן. באַלד טוט איינע אַ פרעג מיט אַ זיפץ פון גרוסט אַרויס:

— נו־זשע, וואָס הערט זיך?

— ווי איז אונדז! — טוט אַ צווייטע אַ פאַרברעך מיט די הענט: פאַר־וואָס גייען זיי נישט מיט אייך?

אַ שרעקלעכער יאָמער האַלט אָט־אָט באַ אויסברעכן.

— דאַנק גאָט! — רוקט זיך אַרויס פאָרויס שמשון־אליהס מיט אַ שייַנענדיק געזיכט: מיר האָבן געפועלט, פאַרנאַכט וועט מען זיי אָפּ־לאָזן אַהיים.

— אַ דאַנק דיר און אַ לויב דיר, דער וואָס לעבט אייביק! — טוט אַ יידענע אַ פּאַטש מיט די הענט, ווי דער האָן מיט די פליגל, איידער ער זאָגט אָן דער וועלט, אַז ס׳איז אויפגעשטאַנען אַ ליכטיקער פריי־מאָרגן.

— מ׳האָט שוין אַפילו געמאַכט אַ יידישן בירגערמייסטער, — איז זיי מודיע יהודה „שטעל״, כדי זיי נאָכמערער צו פאַרזיכערן.

ס׳ווערט אַ פרייד צווישן די ווייבער, די קינדערשע אייגלעך גלאַנצן אויף פון פרייד, און איידער די דעלעגאַציע קוקט זיך אַרום זענען שוין די ווייבער מיט די קינדער פאַרשוואונדן געוואָרן. געלאָפן, אָט אַפּנים, אין שטעטל אַריין, אָנזאָגן דאָס פריילעכע נייעס.

— איר האָט דאָך געהערט, — זאָגט איינער פון דער דעלעגאַציע צו די איבעריקע, ווי ער וואָלט וועלן זיך אַליין אין עפּעס שטאַרקער

– מם, ס'אַ פּלאַן...

– ערליידיקט, – טוט צולעצט דער אָפיציר אַ זאָג, און טוט זיך אַזוי אַ זעץ־איין באַוועגלאָז אין זיין פּאָטעל, ווי זיין גאַנצע פּאָזע וואָלט געזאָגט: נו, מער האָט איר שוין מיט מיר נישט וואָס צו מאַכן.

די דעלעגאַציע לאָזט זיך צו דער טיר, נאָר שוין בײַ דער טיר שטייענדיק, טיילן זיך פון זיי אַרויס שמשון־אליהס מיט יהודה סאַפּירשטיין און גייען צוריק צו צום אָפיציר.

– אין נאָמען פון דער שטאָט, – ווענדט זיך צו אים העזהדיק יהודה סאַפּירשטיין, און שמשון־אליהס, אַריינגעצויגן דער קאָפּ אין די פּלייצעס, שאָקלט צו מסכימדיק: בעטן מיר בײַ דעם הער קאָמענדאַנט אַ דערלויבעניש, אַריינצופירן אַ ביסל מעל אין שטאָדט... די פויערים האָבן אַלעס אַוועקגעפירט.

– מעגסטן זי אַלזאָ אייגען פּאַסירשיין האָבן? – פרעגט דער אָפיציר שלעפעריק.

– יאָ, יאָ, – כאַפּט־אונטער חניפהדיק שמשון־אליהס, בייגט זיך איין, שטעקט־אַריין די הענט אין די אַרבל, און קוקט אויפן אָפיציר, ווי אַ חסיד אויפן רבין ווען ער לייענט זיין קוויטל.

דער אָפיציר טוט אַ פרעג, שרייבנדיק אויף גיך אַ צעטעלע:

– וואָהין דען?

– קיין וואָלינסק, – זאָגט יהודה סאַפּירשטיין, פאַרשליסנדיק אַ האַנט איבער אַ האַנט איבער דער אַרויסגעשטאַרצטער ברוסט, און קוקנדיק מיט אַ שטאָלץ שמייכעלע אויף שמשון־אליהס.

– דאָ האָבן זי'ס, – דערלאַנגט זיי דער אָפיציר אַ צעטעלע, און פאַרמאַכט דאַביי די אויפגעשוואָלענע אויגנלעדלעך.

שמשון־אליהס מיט יהודה סאַפּירשטיין גייען אַרויס שטיל, אויף די שפּיץ פינגער, ווי זיי וואָלטן באמת געמיינט, אַז דער קאָמענדאַנט איז אין דער רגע איינגעשלאָפן. נאָר ווען זיי גייען שוין אינם טונקעלן קאָרידאָר יאָגט זיי נאָך דעם קאָמענדאַנטס שטים מיט אַ באַפעלערישן טאָן:

– אָבער מאַכן זי קיינע געשעפטע!

אַרויסגעקומען אינדרויסן טוט שמשון־אליהס אַ זאָג צום רב:

גאנגען אין דארף שטילן... מע מוז זיי באשטראפן... הענגען וועט מען זיי — ס׳איז פארפאלן — ער האט שוין אפגעגעבן א באפעל — נאר ער איז זיי מבטיח, אז זיי וועלן לעבן בלייבן... זיי, די יידישע דעלעגאציע, מעג זיין זיכער דערינען... פארנאכט וועלן זיי פריי זיין...

די יידן קוקן זיך איבער דערשטוינט: הענגען וועט מען זיי, און לעבן וועלן זיי בלייבן — זיכער — נאר ווי אזוי? וואס הייסט?!

זיי פרואוון זיך איינשטעלן פרעגן דעם אפיציר א דערקלערונג, יענער ענטפערט, נאר גיי מאך, אז מע קאן זיך נישט אויסטענען!

דער אפיציר זעצט זיך צוריק אויפן ארט. די דעלעגאציע פארשטייט, אז די אודיענץ איז פארענדיקט. זיי מאכן א באוועגונג אוועקצוגיין. נאר דער אפיציר הייבט ווייטער אן צו רעדן. ער רעדט וועגן ארד־נונג, שטאטפארוואלטונג און פאראנטווארטלעכע פערזאנען. שמשון־אליהס מיט יהודה סאפירשטיין, דערשמעקן עפעס א סכנה, און רוקן זיך אומבאמערקט ארויס הינטער דער דעלעגאציע. דער אפיציר קלויבט אויס פון די וואס שטייען נעבן אים א פארשטייערשאפט און א בירגערמייסטער. ער בייגט זיך איבער איבערן טישל, שרייבט עפעס, און הייסט דערנאך די פארשטייער מיטן בירגערמייסטער, זיי זאלן זיך התמענען.

די דעלעגאציע נוצט זיך אויס מיט דעם, וואס דער אפיציר איז פארמון און זיי רעדן זיך איבער צווישן זיך אין דער שטיל. שמשון־אליהס טוט א טארקע יהודה סאפירשטיין, און רוימט אים איין אויפן אויער:

— מ׳אלט איצטער באדארפט פועלן בא דעם אדון, ער זאל געבן א פאפירל, מע זאל קאנען ארייגפירן א פורל מעל פון וואלינסק. די ווייבער מאכן גוואלדעס, ס׳איז נישטא קיין מעל אויף שבת. פאר־שטערט, מ׳אלט געקאנט איצט גוט פארדינען.

יהודה סאפירשטיין טוט אויף אים א שארפן בליק מיט א שאטירונג פון באוואונדערונג אפילו, בלייבט שטיין אין מחשבות, טוט דריקנ־דיק א גלעט־אפ מיטן דיקן און ווייזפינגער די וואנצעס, פארבייסט מיט די אונטערשטע ציין די אייבערשטע ליפ, און ברומט ארויס נאך אלץ אין מחשבות:

שאַפט דער רב זיך מוט און הייבט־אָן צו שטאַמלען פון הינטער אַ צוקנדיקער וואָנץ אַרויס:

— פיר יידן... פיר יידן האָט מען געפאַנגען...

דער אָפיציר קוקט אים גלייך אין מויל אַריין, ווי ער וואָלט פאַר־פאָלגט די קלאַנגען וואָס גייען פון דאָרט אַרויס, קנייטשט דעם שטערן און וויל פאַרשטיין וואָס מען וויל פון אים.

דער רב בייט־איבער די האַנט אויפן פאַרענטש פון דער שטול, און זעצט־פאָר:

— די יידן האָבן געגנבעט...

— געשטוילט, — רוקט זיך אַרויס יהודה סאַפּירשטיין און פאַרטייטשט.

דאָס איינע וואָרט מאַכט דעם אָפיציר קלאָר, אַז דאָ האַנדלט זיך מכוח די פיר יידן, וואָס מ'האָט זיי נאָרוואָס פון אים אָפּגעפירט נאָך זיין אַרויסזאָגן דעם פסק. ער שאָקלט דעריבער צו צופרידן מיטן פליך:

— יאַ, יאַ, אַלזאָ?...

און דער רב ווייטער:

— מיר בעטן דעם האַר — מע זאָגט, מ'עט זיי הענגען — אָבער די לייט האָבן עס געטאָן בשוגג...

— אומגערן, — דערקלערט יהודה סאַפּירשטיין.

— האָבן זי גנאָד, ליבער האַר — רוקט זיך אַרויס שמשון־אליהס מיט ביידע הענט פאַרלייגט אויף־הינטן, פון וועלכע עס שטאַרצט־אַרויס זיין קאַשקעט מיטן אינעווייניק אינדרויסן, ווי ער וואָלט בעטן, מע זאָל אים אַהין אַריינוואַרפן אַ מתן־בסתר.

איבערן אָפיצירס געזיכט שאָטנט אַ וואָלקן. ער שפּאַרט זיך אָן מיט די עלנבויגנס אויף די זייטפאַרענטשעס פונם פאָטעל, און הייבט מיט זייער הילף אויף, העפטיק אָטעמדיק, זיין גופיקע משא. די דעלעגאַציע רוקט זיך עטלעכע טריט הינטערווײלעכטס. עפּעס איז ער, ווי דורך אַ וואונדער, אין איין מינוט אויסגעוואָקסן. ער שטייט מיט אַ קאָפּ העכער פון זיי אַלעמען. ער ווענדט זיך צו זיי מיט אַ גאַנצער רעדע, רעדט צייטנווייז אויפגערעגט, און די דעלעגאַציע איז תופס דאָס פאָלגנדיקע:

די יידן גייען אַרום ליידיק... אַרבעטן נישט... יענע זענען גע־

אליין מונטערע. דער רב טרעט אריבער די שוועל, און הינטער אים טוען זיך א רוק אריין די איבריקע.

אין א ווינקל פון א גרויסן טונקעלן און קילן זאל שטייט א קליין טישל, עס בלייכן-אראפ פון דעם פאפירן. אין א פאטעל דאבײ זיצט א דיקער, שווערוואגיקער אפיציר, מיט דיקע גאלדענע פאגאנעס, א פליכעוואטע גלאנצנדיקער קאפ, א קליין סיוו בערדל, אינמיטן אויס-געראזירט. אן אויגנבליק דאכט זיך, ס'איז פראנץ-יאזעף אליין. דאנעבן שטייט א ליידיקע שטול, ווי זי וואלט געווארט אויף עמעצן. ווארטנדיק איז אויך די פאזע פונם אפיציר, וועלכער זיצט האלבגעווענדט צו דער טיר.

די דעלעגאציע-אנטיילנעמער טוען א נעם אראפ די היטלען. דער רב ציט מיט דער רעכטער האנט אראפ דאס מיצל, און מיט דער לינקער ציט ער הינטן צום קאפ צו די יארמלקע, זי זאל זיך נישט ג'יטשלעפן.

זיי טוען זיך דערנענטערנדיק א טיפן פארנייג און זייען-דורך דורך נאז און ציין עפעס א באגריסונג.

דער אפיציר טוט העפלעך א שמייכל און ענטפערט מיט א תוכע שטים וועלכע קלינגט-אפ ווי פון א הוילן פאס אין דעם גרויסן לגמרי ליידיקן זאל:

— גריס גאט, מיינע העררן!

דער „גריס גאט" דערמוטיקט דעם רב, ער דערפילט זיך עפעס ווי אין א קרובהשאפט מיטן אפיציר, און ער רוקט זיך צו אים ארויס נענטער.

דער אפיציר קוקט אויף אים מיט א גוטמוטיקן בליק פון אונטער דיקע, ווי אויפגעשוואלענע אויגנלעדלעך, און פארשטייט: איינע יודישע דעלעגאציאן.

— זינד זי ראבינער? ניך? — ווענדעט ער זיך צום רב: ביטע, נעמען זי פלאץ.

דער רב מאכט א באוועגונג נענטער צו דער שטול, נעמט זי אן פאר דעם פארענטש, און בלייבט שטיין אומאנטשלאסן, קוקנדיק אויף דער דעלעגאציע מיט א שארפן, קאנצענטרירטן בליק.

— אלזא, מיט וואס קאן איך אינען? — פרעגט דער אפיציר מיט א טאן פון פארלעגנהייט און האקט זיך אפ.

יהודה סאַפּירשטיין טוט אַ לאָז אַראָפּ די הענט און קומט נאָך זיי מיט אַזאַ שטאָלצער מינע, ווי אָט־ערשט האָט ער אַוועקגעלייגט טויט זיין ערשטן בעסטן שונא.

זיי קומען אַריין אין אַ שמאָלן טונקעלן קאָרידאָר, וועלכער פירט זיי צו, צו אַ טיר. הינטער דער טיר בלייבן זיי שטיין מיט קלאַפּעדיקע הערצער, בלאַסע פּנימער, די אויגן פאַרגרעסערט און בולט־דערשראָקן. אַנדערע פאַרשפּילן אויף זיך די מלבושים. דער רב טוט מיט צוקנדיקע פינגער א פאַרדריי די דיקע פאות, גלייכט־אויס מיט נישט־געשיקטע הענט דאָס מיצל אויפן קאָפּ און כאַפּט זיך אונטן צום הויזן־שפּאַלט. שמשון־אליהס לעגט אַרויף די פינגער אויף זיינע אונטערגע־שוירענע וואָנצעס און הוסט אין זיי שטיל אַריין. יהודה סאַפּירשטיין קלאַפּט לייכט אָן מיט אַ פינגערגעלענק אין דער טיר.

אַ האַרצקלאַפּנדיקע פויזע...

אַ דיקע באַסשטים:

— ריין!

יהודה סאַפּירשטיין טוט אָן עפן מיט דרך־ארץ די טיר און בלייבט שטיין אַריינצולאָזן די דעלעגאַציע. אַלע טוען זיך אַ כאַפּ פאַר די היטלען.

— נו, שמשון, גיי אַריין, — זאָגט דער רב.

נאָר שמשון־אליהס זינקט נאָך טיפער אַראָפּ מיטן קאָפּ אין די אַקסל אַריין, און פאַרוואונדערט זיך מיט תרעומות:

— וואָס הייסט? דער רב דאַרף אַריינגיין פריער.

— גיי דו, יהודה... שטאַמלט דער רב.

— אַריינגיין, — זאָגט יהודה סאַפּירשטיין איינשמועסנדיק — גייט איר אַריין, און אַז ס'עט קומען צום רעדן, וועל איך שוין רעדן.

יעדער איינער רוקט זיך צוריק, און שטופּט דעם צווייטן פאַרן עלנבויגן:

— נו, נו...

יהודה סאַפּירשטיין ציגנדט זיך אָן מיט אַ פליסטערנדיק בייזע שטום:

— איך בעט אייך! וואָס זענט איר געקומען?!

זיין אויפרעגונג גיט זיך איבער די איבריקע. זי' ווערן פון דעם

דערשפּירט אויף זיך דעם רבס שפּיזעדיקן, דורכדרינגענדיקן בליק. ער טוט האַלב אַ דריי־אויס דעם קאָפּ צו דער דעלעגאַציע, בלייבט הענגען מיט דער באַרשט אין האַנט אינדערלופט, און ווענדעט זיך צו זיי, אָפּגיסנדיק זיי פון די אויגן אַרויס, מיט צוויי שטראָמען גרוילעכער בלויקייט:

— וואָלען זיי הינאייַנגיין? — ביט־שען! — האָבן זי קיינע אַנגסטע..

און ער נעמט זיך ווידער, ווי נישט אים מיינט מען, צו זיין אַרבעט

די דעלעגאַציע טוט זיך אַ באַוועג אויפן אָרט, ווערט אַביסל מונטע־רער און זיכערער, און שמשון־אליהס טוט אַ זאָג מיט אַ פּכיקעדיקן שמייכל צו יהודה סאַפּירשטיין:

— יהודה, דו ביסט דאַך עפּעס נישט פון די צעקראָכענע... האָסט דאָך שוין עפּעס אַמאָל איינגעשפּאַנט אַ פערדל... ווייז נאָר אָקאָרשט דו אַ וועג...

יהודה סאַפּירשטיין טוט זיך אַ רוק אַרויס פּאָרויס מיט אַ שמייכלדיק, נעשמייכלט געזיכט, טוט אַ דריק־צוזאַמען און אַ צי־אָפּ די שפּיץ נאָז, ווי זיין שטייגער איז דעמאָלט ווען ער געפינט זיך אין אַן אויפגע־רעגטער שטימונג, צווישן דעם דיקן־און ווייזפינגער, טוט די פינגער אַ צעשפּרייט און אַ פיר־אַראָפּ גלעטנדיק די וואָנצן, בלייבט שטיין, ווי הויך און געזונט ער איז מיט אַ גאווהדיק־אַרויסגעשטאַרצטע ברוסט, און טוט אַ זאָג מיט באַדויערנדיקן שפּאָט:

— איך שטיי מיר אַזוי און קוק, ווי יידן האָבן מורא פאַר אַ פערד... אַ דעלעגאַציע!... קומט!

ער טוט אַ גיי צו האַרט צום פערד, שטעלט זיך צו אים מיטן רוקן, און מיטן פּנים צו דער דעלעגאַציע, טוט ער אַ צעשפּרייט ביידע הענט אין די זייטן, ס'הייסט — צווישן אייך אונם פערד איז איצט אַן אייזערנע וואַנט:

— נו, גייט!

איינציקווייז טוען די מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע אַ לויף פאַרביי פאַרזיכטיק און דערשראָקן, ווי דורך אַ קאָסטרוי, בלייבן שטיין אויפן גאַניק, דרייען זיך אויס זען, ווי עס גייט צו מיט די אַנדערע און ציען־אָפּ דעם אָטעם.

געווען אַ געזעל בײַ מיכאל-דודן, און אויב עמיצער אין שטעטל האָט געוואָלט האָבן אָפּגעניית אַן אָנשטענדיקן מלבוש, האָט ער עס געמוזט האָבן פון מנשהס הענט. מנשה האָט געטראָגן אַ קורץ רעקל מיט אַ יידיש היטל, געלאָזט זיך צופּן דאָס בערדל און פאַרשערן די וואָנסן... אַז ער איז געגאַנגען פאַרנאַכט פון דער אַרבעט, אַרומגעוואַשן, אַרומגעפּוצט, מיט אַ שטעקעלע אין האַנט, פלעגט ער געווײנטלעך טרעפן פּעסען זיצן בײַם פענצטער און אַרויסשטעקן אין גאַס אַרײַן איר טונקעלן קאָפּ. אירע עלטערן האָבן געוואוינט קעגאיבער מיכאל-דודן, פענצטער קעגן פענצטער עס איז געווען זומער, מנשה פלעגט איר זאָגן אַ „גוטן אָוונט“, און אָנשטאָט אַ „גוט-יאָר“, האָט זי צו אים געלאַכט און אים געפרעגט: „שוין? שוין פון דער אַרבעט?“ אַך, עס איז געווען אַ וועלט... איינמאָל האָט ער איר א גלעט געטון די האַנט, און פּעסע איז נאָכדעם דריי טאָג כסדר נישט געשטאַנען אין פענצטער, ווען ער איז געגאַנגען פון דער אַרבעט. נאָר צום פערטן טאָג איז זי ווידער געווען, אַלץ איז שוין געווען אויסגעהיילט... דערנאָך האָבן זיי זיך איינמאָל אין אַ דאָנערשטיק אָפּגעשמועסט, אַז צומאָרגנס, פרייטיק-צו-נאַכטס, וועלן זיי זיך טרעפן נעבן פאַבריקגאָרטן און וועלן שפּאַצירן גלאַט אַזוי אַ ביסל, פון פאַבריק-גאָרטן ביז צו דער בריק און צוריק הינטן-אַרום אין שטעטל אַרײַן.

און מנשהס מידער געדאַנק האָט מיטגעבלאָנדזשעט מיט יענע צווײ יונגע מענטשן, וואָס זענען דעמאָלט, אין יענעם אָוונט, געגאַנגען שפּאַצירן פון פאַבריק-גאָרטן ביז צו דער בריק, אויף אַ הינטער-וועגל, כדי ס'זאָל זיי קיינער נישט טרעפן. יענע צווײ מענטשן זענען געווען פרעמדע, נישט די אייגענע וואָס היינט, כאָטש זיי האָבן אויך געהייסן מנשה און פּעסע. און דאָ האָט מנשה זיך פאַרפּלאָנטערט און נישט געקאָנט זיך מער פונאַנדערקלייבן אין זיינע געדאַנקען. צי זענען דאָס טאַקע געווען אַנדערע, צי זענען דאָס נישט געווען אַנדערע? צי דאַכט זיך אים אַזוי, אָדער דאָ איז עפּעס נישט אַלץ גלאַטיק? ער האָט דאָס בשום אופן נישט געקאָנט באַגרייפן. ער האָט זיך מיטפאַרבלאָנדזשעט מיט יענע צווײ יונגע מענטשן און האָט שוין נישט געקאָנט געפינען דעם וועג צוריק אין שטאָט אַרײַן. מנשהן איז געוואָרן ענג און ער האָט דערפילט, אַז זיין גאַנצער קערפּער באָדט זיך אין שווייס. דער קאָפּ זיינער איז געווען ווי אַרומגעפּרעסט מיט אַן אייזערנער רייף, די פיס זענען געלעגן ווי שטיקער בליי, דער

געפּל אין קאָפּ איז געוואַקסן וואָס אַמאָל גרעסער. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און זיך איינגערעדט, אַז ער שלאָפט.

שפּעטער אַ ביסל איז ער איינגעדרימלט און דאָך האָט ער גאַנץ קלאָר געפילט, ווי פעסע זעצט זיך פלוצלינג האַסטיק אויף פונם געלעגער און גיט זיך מיט גרויסע, צעשראָקענע אויגן אַ קוק־אום איבער דער גאַנצער שטוב. מנשה האָט זיך דערשראָקן און געוואָלט פרעגן, וואָס דאָס איז אַזוינס, נאָר פעסע האָט באַלד צוריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און ער איז נישט געווען זיכער באַ זיך, צי דאָס האָט זיך אים נישט בלויז אויסגעדאַכט. נאָר דערנאָך האָט ער שוין ווירקלעך געהערט שרייען, און דאָס האָט שוין בשום־אופן נישט געקאָנט זיין קיין טעות; ניין, דאָס קול איז געווען פעסעס, און ער האָט עס געהערט גאַנץ דייטלעך:

— מנשה! מנשה! מנשה!

ער איז אויפגעשפּרונגען פון געלעגער און אָנשטאָט עפּעס צו פרעגן, איז ער צוגעלאָפן צו דער וואַנט און אַראָפּגעכאַפּט דאָס לעמפּל. אַ ווייַלע איז ער געבליבן שטיין, וואָרום ער האָט פאַרגעסן, וואָס ער האָט צו טון.

נאָר דערנאָך האָט ער זיך דערמאָנט און איז צוגעגאַנגען צו פעסען.

— וואָס האָט דיר פּאַסירט? פעסע, פעסע...

— מנשהשי קרוין, אַ קאַץ איז אַריינגעשפּרונגען דורכן פענצטער.

מנשה האָט זיך, אַ דערשראָקענער, אַ קוק־אום געגעבן צו די פענצטער צו.

— ביסט משוגע, אויף מיין וואָרט. די פענצטער זענען דאָך פאַרמאַכט

ער איז נאָך געבליבן אַ ווייַלע נעבן פעסען, אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, מיטן לעמפּל אין דער האַנט. פעסע האָט אַראָפּגעשאַרט פון זיך די דעק ביז אין דער העלפט, אירע אָפענע האַלדז און ברוסט זענען געווען באַדעקט מיט טראָפּנס שווייס. דאָס קינד האָט זיך אָפּגעזונדערט פון איר און איז געלעגן אויפן צווייטן עק קישן, פאַרפלאָכטן די הענטלעך מיט די פיסלעך, אין אַ פעסטן, געשמאַקן שלאָף.

— הערדסט, פעסע, אויף מיין וואָרט דו ביסט משוגע — האָט מנשה איבער־חזרט, וועלנדיק עפּעס זאָגן, באַרויקן, טרייסטן.

נאָר פעסע האָט אים נישט געהערט, זי האָט צוריק איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין קישן. פון אירע פאַרמאַכטע אויגן און צוגעפּרעסטע ליפּן האָט

געאָטעמט אַן אומצוטרוי צו דער גאַנצער וועלט, צו אַלץ און אַלעמען, אַ נישט-גלויבן אין וועלכע עס איז ווערטער און אַ נישט-האָפן זיך צו דער-שלאָגן צו וועלכער עס איז קלאָרקייט.

— זאָל זיין וואָס עס איז, אַלץ איינס, אַלץ איינס... — דאָס האָט פעסע נישט געזאָגט, נאָר מנשהן האָט זיך געדאַכט, אַז זי זאָגט דאָס.

ער איז צוריקגעקערט אויף זיין געלעגער, אַ דערשלאָגענער. ער האָט שוין געוואוסט, אַז ער וועט די נאַכט נישט שלאָפן, ער איז געווען פאַר-געברייט אויף עטוואָס גאָר שלעכטס און פיינלעכס. און ווירקלעך, אַ פּאָר מאָל האָט זיך נאָך פעסע אויפגעכאַפּט פון איר דרימל, ברייט אַן עפן-געטאָן די אויגן, ווי זי וואָלט וועלן דערזעען און אָנכאַפּן אָט דאָס, וואָס האָט זיך אריינגעשלייכט און צערודערט איר שלאָף; אַ פּאָר מאָל אין פאַרלויף פון דער נאַכט האָט זי גערופן מנשהן, ווי זי וואָלט באַ-דאַרפט עמיצן, וואָס זאָל זי אָפּהיטן פון יענעם עטוואָס, וואָס האָט זיך, ווי אַ שפין, אריינגעכאַפּט אין אַלע קעמערלעך פון איר וועזן, געגראַבלט זיך דאָ מיט דינע, געשווינדע פיסלעך און אויסגעשפּונען אַרום פעסעס מוח און האַרץ אַ געוועב פון שרעק און טומל.

# VIII

די מעשה, וואָס האָט פּאַסירט באַ מנשה פּערקאַל, איז געוואָרן דער איינציקער געגנשטאַנד, וואָס האָט אַ לאַנגע צייט באַשעפטיקט אַלע מוחות אין דער שטאָט ב. זי האָט פאַרדרענגט אַלע אַנדערע שמועסן, אומעטום אויפסניי צעלייגט און צענומען געוואָרן, דערציילט און איבער-דערציילט געוואָרן אין אַלע שטובן, אין יעדן אָרט, באַ איטלעכער גע-לעגנהייט, אויפגעבויט און פאַרברייטערט געוואָרן, צעגלידערט געוואָרן אויף טויזנטער אופנים, געפונען די פאַרשיידנסטע פּירושים.

די ווייבער, וואָס זענען געזעסן שבת-צו-נאַכטס באַ מנשהן אין שטוב, האָבן דערנאָך דערציילט, אַז זיי האָבן גלייך אין יענעם אָוונט באַמערקט אין פעסען און מנשהן עטוואָס אויסטערלישס. פעסע האָט יעדע ווילע געוואָרפן אומפאַרשטענדלעכע בליקן אַרויס דורך די פענצטער, ווי זי וואָלט זיך שוין דעמאָלט געריכט, אַז פון דער ווייט-אויסגעשפּרייטער נאַכט

דאַרף זיך עטוואָס אויסשפּילן. אין אירע אויגן האָט זיך געזען אַ באַנג־לעכע ערוואַרטונג. בכלל, זי איז געווען צערודערט, צעשרויפט, נישט גע־ענטפערט צו דער זאַך און יעדע רגע אַריינגעוואָרפן אין שמועס אומ־קלאָרע ווערטער. מנשה ווידער האָט זיך אַלץ באַקלאָגט, אַז ער האָט מורא, טאָמער וועט ער נישט קענען פאַרטיק מאַכן ביז דינסטיק דאָס שטיקל ארבעט פאַרן פריץ. ווייזט אויס, ס'איז ריכטיק, וואָס די וועלט זאָגט, אַז דאָס האַרץ פון אַ מענטש איז אַ נביא.

אין קלייניקייט, וועלכע מען האָט אין דער ערשטער מינוט נישט גע־וואוסט ריכטיק אָפּצושאַצן, האָט זיך אויך שפּעטער אַרויסגעשטעלט מיט איר גאַנצער, גרויסער באַדייטונג. בײַ מנשהן אויפן טיש זענען געשטאַ־נען צוויי לייכטערס, איין גרויסער און איין קלענער, אין וועלכע ס'האָבן נאָך געברענט די ליכט פון דער הבדלה, און אָט — דאָס ליכט אין קלע־נערן לייכטער האָט געהאַלטן אין איין שמעלצן, אַזוי אַז קיין שום מיט־לען האָבן נישט געהאָלפן, נאָר דאָס איז נאָך געווען גאָרנישט. אַז דאָס ליכט אין גרעסערן לייכטער איז שוין געווען אויסגעברענט, האָט עס עפּעס אויף אַ מין אופן געגעבן אַ פלאַם אויף און איז מיט אַ קנאַק אַרויסגעשפּרונגען פונם שפּאָרער. אַלע האָבן זיך דערשראָקן, און פעסע האָט פאַרלייגט די הענט און געזאָגט מיט פרומקייט:

— הלואי, רבונו של עולם, עס זאָל נישט זיין, חלילה, קיין שלעכטער סימן...

— גייט שוין גייט, ס'וועט זיין צום גוטן... האָבן זי באַרויקט די שכנ־טעס.

חוץ דעם, איז דערנאָך געוואָרן פאַרשטענדלעך נאָך אַ זאַך. געוויינטלעך, אין אַנדערן שבת־צו־נאַכטס, פלעגן די ווייבער, אַריינקומענדיק צו פעסען, אָפּזיצן ביז אין דער האַלבער נאַכט אַריין און אויסדערציילן וואָס אין דער וועלט; און דאָס מאָל, מעשה פלא, האָבן זיך אַלע שרעקלעך געאיילט. די שכנטעס האָבן נישט געקאָנט איינזיצן, עפּעס האָט זיי אַרויסגעיאָגט פון דאַנען, ווי זיי וואָלטן נישט געטאָרט דאָ בלייבן, ווען עס וועט קו־מען די רעכטע מינוט. עלף אַ זייגער האָבן זיך שוין אַלע געהאַט אַרום, גענומען די טיכלעך און אַרום אַ פערטל צוועלף זענען שוין אַלע געווען אַהיימגעגאַנגען. דאָס אָרט איז געוואָרן רעכטצייטיק אָפּגערוימט, אַלץ איז

געוועז אַזוי ווי באַרעכנט פון פריער, געגוי לויט דער שעה און דער מינוט.

און ווירקלעך, אַלע האָבן געוואוסט, אַז אָנגעהויבן האָט עס זיך גראָד אום צוועלף. דער שטאָט-זייגער האָט לאַנגזאַם געגעבן זיינע צוועלף קלעפּ, און דער לעצטער קלאַנג האָט פאַרהילכט און זיך צעשוואומען אין דער אַנטשוויגענער לופט. דאַן, אין דער גרויסער שטילקייט, האָט פּאַסירט עטוואָס אַזעלכעס, וואָס איז געווען דער פאָרשפּיל, דער אָנזאָג פון דעם וואָס האָט געדאַרפט נאָכקומען שפּעטער. ס'האָט אַ שטויס געטאָן אין טיר... נאָר דאָס איז נישט געווען קיין שטויס פון אַ האַנט, פון אַ שטיין אָדער פון וועלכער עס איז זאַך, וועלכע מ'קען געפינען אויף דער ערד; די טיר האָט זיך עפּעס פון זיך אַליין אַ טרייסל געטון, ווי אַרומגעכאַפּט פון אַ ציטער, די דאָזיקע טיר, אַרום וועלכער אַלץ האָט זיך דערנאָך אָפּגעשפּילט. דעם שטויס האָט נישט דערהערט מנשה, נאָר פּעסע. מנשה, דער פּראָסטער שניידער, וועלכער איז געוואוינט אַוועקצולייגן זיך אויף דער נאַכט אַ מידער פון דער אַרבעט, אויסצושטרעקן די גלידער און אַריינצוואַרפן זיך אָן איבעריקע גריבלערייען אין די אָרעמס פון שלאָף— ער האָט דאָס נישט געקאָנט דערהערן. דערפאַר האָט פּעסע דערשפּירט עס באַלד אין דער ערשטער מינוט... עס האָט אָפּגעקלונגען בײַ איר אין האַרצן און זיך אָנגערופן טיף אין איר נשמה; עס איז זיך צעלאָפן איבער אירע נערוון, אויפגעטרייסלט זי, אָנגעפולט זי מיט ציטערניש. זי האָט פון מיטן דער אַרומיקער פינצטערניש אַרויסגעפילט דעם שאָטן, וואָס האָט זיך אָנגערוקט איבער איר הויז.

און ווייטער איז שוין אַלץ געגאַנגען לויט דעם וועג, וואָס איז אָנגע-צייכנט געוואָרן באַלד פון אָנהייב. אַזוי ווי מנשה האָט נישט געהערט דעם ערשטן שטויס, האָט ער אויך דערנאָך נאָרנישט געפילט, נאָר בלויז געהערט מיט די אויערן; ער האָט געהערט אַ קראַצן בײַ דער טיר, דאָס איבעריקע האָט ער נישט געקאָנט באַגרייפן; ער האָט נישט געוואוסט מיט וואָס דאָס שמעקט און וועגן וואָס דאָ האָט זיך אייגנטלעך געהאַנדלט· אַרומקריכנדיק, ווי אַ שכור, מיטן לעמפּל אין האַנט, אַן אומגעדולדיקער' אַ פאַרשלאָפענער, האָט זיך אין זיין פאַרפירטן געהירן אויסגעשפּינט די פאָרשטעלונג וועגן אַ קאַץ, וועלכע האָט זיך, מכלומרשט, פאַרבלאָנדזשעט און אויסגעקליבן זיך גראָד די טיר פון מנשה פערקאַל, כדי אויסצו-

פרואוון אויף איר דעם כוח פון אירע נעגל. די דאָזיקע פאַרשטעלונג האָט זיך מיט עקשנות איינגעקריצט אין זיין מוח, און ער האָט געפּרואווט איינרעדן דאָס אייגענע אויף פעסען. נאָר פעסע האָט שווייגעדיקערהייט אָפּגעוואָרפן זיינע נאַרישע רעדערייען. זי, די פרוי, וועלכע פילט מער און פאַרשטייט ווייניקער, האָט געפילט, אַז זי וועט דאָ גאָרנישט פאַר־שטיין און האָט מיט ביטערקייט אָפּגעשפּעט פון מנשהן, וועלכער האָט נישט געפילט זיין גאַנצע אומפאַרשטענדלעכקייט. זי האָט נישט מער גע־טון, ווי געזיפצט און געבראָכן די הענט. דאָס איינציקע מיטל וואָס אַ מענטש קאָן אָננעמען אַקעגן יענע כוחות, וואָס הערשן איבער אים, אַזוי ווי ס'הערשן די ווינטן איבערן זאמד פון מדבר. זי האָט זיך אָנגעטון, אויפגעוועקט די קינדער, געוויינט, געבעטן צו גאָט; זי האָט געטון דאָס, וואָס זי האָט באַדאַרפט טון — געעפנט אַ פענצטער און געשריגן אויף די שכנים; וואָרום גוט איז פאַר אַ מענטש — אַזוי שטייט ערגעץ אין אַ פסוק — ווען דאָס שלעכטע שטרעקט זיך אויס איבער אים, נישט צו בלייבן אַליין, נאָר צוזאַמען מיט מענטשן, כדי די בשותּפותדיקע שטים פון אַ רוב זאָל אָפּשאַלן העכער און גיכער ווערן דערהערט אינם ריכ־טיקן אָרט.

אַזוי האָט מען אין דער שטאָט ב. פאַרטיידיקט פעסען און אָנגעפאַלן אויף מנשהן. אַ הדיוט בלייבט טאַקע אַ הדיוט; אָנצינדנדיק דאָס לעמפּל און אויפשטופּנדיק די טיר, האָט ער געמיינט, אַז אָט־אָט כאַפּט ער אים און שמייסט אים אָן, דעם לץ, וואָס האָט געהאַט די העזה אַריינצוקלאַפּן צו אים אין טיר. מען האָט אויסגעלאַכט מנשהן און מיט שרעק און גרויל געשושקעט זיך וועגן דעם, וואָס האָט שפּעטער פּאַסירט מיט דעם דאָ־זיקן פּראָסטאַק... דאָס ערשטע מאָל איז אים אָפּגעגאַנגען אויף טרוקן; ער האָט געעפנט, ארויסגעשריגן אין דער פינצטערניש אריין, געטופּעט מיט די פיס. נאָר צום צווייטן מאָל איז ער אַריינגעפאַלן אין דער נעץ, וועלכע ער האָט אויסגעפלאָכטן פאַר זיך אַליין: אַזוי ווי ר'האָט געעפנט די טיר, איז דאָס לעמפּל אויסגעגאַנגען און ער איז געבליבן געפאַנגען אין דער פינצטערניש. דאַן האָט זיך ערשט אַנטפּלעקט פאַר אים די וועלט, צו וועלכער ער האָט פריער נישט געהאַט קיין צוטריט, און פון דער דאָזיקער וועלט האָט אים עפּעס אַ פינקל געטון און עס האָט אַ שאַל געטון צו אים אַ קול, וואָס האָט אים אַדורכגעשטאָכן ווי מיט שפּיזן

פון שרעק, אָנגעפּולט זייגע אויערן מיט גערויש, געוואָרפן אויף זייגע אויגן א בלענדעניש און אַריינגעבּרענגט אַ פלאַטערניש אין אַלע זייגע אברים. ער האָט קוים געפונען כּוח אויף צו פאַרקלאַפּן די טיר און האָט שוין אינגאַנצן פאַרלוירן די לוסט צו וועלכע עס איז זוכעניש. שפּעטער, אז בינם מאַרגוליס האָט זיך געלאָזט אויף די זעלבע וועגן, איז מנשה געשטאַנען פון וויטנס, נישט מיטגעגאַנגען מיט בינמען צו דער טיר. ער איז שוין געווען געבּריט און האָט שוין דעריבּער נישט געוואָלט אָנ-כאַפּן קיין פייער.

און אַרום דעם דאָזיקן קליינעם פּאַקט, דעם אויסגיין פונם לעמפּל, האָב זיך געדרייט אַלע דערציילונגען, אַזוי ווי עס דרייט זיך אַ שמעטערלינג אַרום אַ פלאַם. דאָס איז געווען דער עיקר פון אַלעם, דער ברען-פונקט פון דער גאַנצער געשיכטע; דאָ האָט דאָס געהיימניש דער-גרייכט זיין העכסטע מדרגה, אָדער — בעסער געזאָגט — דאָ האָט זיך דאָס געהיימניש אַרויסגעשטעלט אין זיין ריכטיקן ליכט. דאָרטן, אין יענער פינצטערניש, האָט זיך אַריינגעריסן דער חוצפּהדיקער שיין פון אַ לעמפּל און געפּרואווט אַראָפּרייסן דעם שלייער פון דעם, וואָס האָט גע-מוזט בּלייבּן פאַרהוילן. און אָט איז דאָס לעמפּל אויסגעגאַנגען, אַזוי ווי ס'גייט אויס אַ ליכטל, וועלכעס מ'טראָגט אַרויס אויף ווינט און רעגן; עס איז פאַרלוירן געוואָרן אינם שאָטן, אַזוי ווי ס'פאַרלירט זיך דער מענטשלעכער קאָפּ, אויב ער וואַגט אַריינצודרינגען אין דעם אייביקן פּלאָנטער פון דעם אומגעהייערן וועלט-נעפּל, אין דער אַלט-בּייער פראַגע:

מה למעלה, מה למטה.

אַ סך, אַ סך איז אויך גערעדט געוואָרן וועגן דעם, ווי אַזוי מנשה האָט געוואַנדערט פון בעט צו דער טיר און צוריק פון דער טיר צום בעט. אין דער דאָזיקער געשיכטע האָט זיך געפילט עפּעס אַ באַרעכנטקייט, אַלץ האָט זיך אָפּגעטון ווי לויט אַ פריער אויסגעאַרבעטן פּלאַן. אַזוי לאַנג ווי מנשה איז געגאַנגען איבּער דער שטוב, איז געווען שטיל, ווי אין אַן אויער; נאָר אַזוי ווי ר'האָט זיך נאָר צוריקגעלייגט אין בעט אַריין, האָט עס זיך אָנגעהויבּן אויפסניי און נאָך העפטיקער ווי פריער. מנשה איז אַלזוי אַרומגעפירט געוואָרן בּאַ דער נאָז, אַזוי ווי אַ קליין יינגל. אין דער דאָזיקער געשיכטע האָט זיך געפילט אַן איראָניע, עס איז גע-ווען אַן אמתדיק שפּיצל. עס האָט זיך אָפּגעטון ווי אין אַ טעאַטער, וואו

צלץ באוועגט זיך, דרייט זיך און טאנצט לויט די פעדעמלעך, וועלכע א באהאלטענער פירער האלט פארבארגן בא זיך אין האנט.

וועגן דעם ארט רייסן בא דער טיר האבן דערציילט פייוול, פייוולס ווייב און נאך אנדערע פערזאנען, וואס זענען געווען באנאכט בא מנשהן אין שטוב און האבן עס געהערט מיט זייערע אייגענע אויערן. רב יואל אליין, כאטש ער האט געוואוכט צו דערציילן מער ווי אלע אנדערע און געשיט פון ארבל כסדר נייע איינצלהייטן, דאך, וועגן דעם עצם ענין פון רייסן בא דער טיר, וועגן דעם אופן פון רייסן, וועגן דעם דאזיקן וויכטיקסטן פון אלע פונקטן — האט ער אינגאנצן נישט געוואלט רעדן, ווי ער וואלט נישט וועלן קליין-מאכן און לעסטערן די זאך מיט ווערטער. אויף די פראגן, ווי אזוי קען עס פארט האבן געריסן בא דער טיר, האט רב יואל פילדייטיק געשוויגן. נאר דער עולם האט אים נישט אפגעלאזט; נישט איינמאל, אז ס'איז זיך צונויפגעקומען א רעדל בא איהם אין געוועלב, האט מען ווידער און ווידער אנגעהויבן דעם שמועס וועגן דעם זעלבן, אייביק-אומערקלערטן פונקט.

— כ'בעט אייך, רב יואל, האט עס נישט געהילכט, ווי מ'וואלט אריינשמיגביען אין טיר מיט א לעדערנעם פאסעק?

— ניין, — האט רב יואל קורץ געענטפערט.

— איז עס נישט געווען אזוי, ווי מ'וואלט געשיט אין טיר אריין קליינע, הארטע ארבעסלעך?

— ניין...

— האט מען נישט געהערט עפעס אזוי, ווי איינער וואלט געביסן מיט די ציין?

— פרעגט פייוולען... — האט ענדלעך געענטפערט רב יואל.

מיט דעם האט ער אייגנטלעך געמיינט א שפאס; ווארום אלע האבן דאך געוואוסט, ווי ווייניק רב יואל האלט פון דעם דאזיקן יונגנמאן מיט דעם קורצן, שווארצן בערדל און מיט דעם אייביקן שמייכל אין די אויגן, וועלכער איז אלץ געבליבן באם זייניקן, אז דאס איז נאר געווען א קאץ און אז אויב מ'וואלט בעסער געזוכט, וואלט מען זי טאקע געפונען און מען וואלט פארשפארט דאס גאנצע שפעקטאקל. צווישן פייוולען און ר' יואלן איז, זינט דער געשיכטע בא מנשהן, קיינמאל נישט געווען קיין

שלום. באזונדערס האָט ר׳ יואלן אויפגעבראַכט דאָס, וואָס פייוול האָט זיך צו דער גאַנצער געשיכטע באַצויגן מיט גרינגשעצונג. און דאָך זענען זיי זיך אָפּט צוזאַמענגעקומען, עס האָט זיי עפּעס געצויגן איינעם צום צווייטן, אַזוי ווי ס׳שטרעבן טיילמאָל איינער צום אַנדערן צוויי געגנער, וועלכע קענען נישט רוען פון עפּעס אַ פראַגע, וואָס ברענגט זיי שטענדיק צו אַ שטרייט.

פייוול האָט זיך נישט באַליידיקט פון רב יואלס שפּאָס; פאַרקערט, ער האָט אַליין אויך געענטפערט מיט אַ שפּאַס.

— איר מעגט טאַקע פרעגן פייוולען — האָט ער געזאָגט — איך ווייס אויף זיכער, אַז עס האָבן זיך צונויפגערעדט אַ מנין מתים, אויפגעשטאַנען פון די קברים און געקומען רייסן בײַ מנשהס טיר. וואָס, איר גלייבט נישט? איך האָב עס געזעען מיט מיינע אייגענע אויגן.

רב יואל האָט טיף געשוויגן, געבנדיק דערמיט אָנצוהערן, אַז ער האַלט נישט פאַר נייטיק צו ענטפערן אויף אַזעלכע נאַרישקייטן.

דאָס וויכטיקסטע אָרט, וואו אַלע ידיעות זענען זיך צוזאַמענגעקומען און זיך ווידער פונאַנדערגאַנגען, איז טאַקע געווען רב יואלס געוועלב. עס האָט זיך געפונען נישט ווייט פונם אָרט, וואו די מעשה האָט פּאַסירט, אין אַ ראָגאָווע הויז. רב יואל האָט מיט אַ זעלטענער קלאָרקייט געדענקט די גאַנצע פּאַסירונג; חוץ דעם, האָט קיינער נישט אַזוי ווי ער פאַרשטאַנען די זאַך ריכטיק אויסצולייגן און צוצוגעבן די נייטיקע דערקלערונגען. דער קרייז פון רב יואלס קונדן האָט זיך באַדייטנד פאַרגרעסערט. ער האָט פון טאָג צו טאָג צוגעקריגן אַלץ נייע קונים. פון די ווייטסטע געסלעך איז מען געקומען קויפן צו רב יואלן. רב יואל איז נישט געווען קאַרג אויף קיין וואָרט, ער האָט מיט יעדן געפירט אַ שמועס און איז נישט געווען פויל אָנצוהייבן דערציילן אויפסניי די גאַנצע מעשה. יעדער קונה, אַז ער האָט שוין אייגעקויפט זיין ביסל סחורה, איז ער נאָך געשטאַנען גלאַט אַזוי אַ ביסל און געשוויגן. דערנאָך האָט זיך פון דעם דאָזיקן שווייגן אויסגעוויקלט אַ שמועס, און שטענדיק וועגן דער זעלבער זאַך.

— איר האָט געהערט, רב יואל? נעכטן אויף דער נאַכט האָט דער לאָמער גוי ווידער געקלאַפּט אין טויער אריין...

רב יואל האָט דאָס נאָך נישט געהערט.

— אזוי? — האָט ער זיך אָנגעכאַפּט באַ ביידע זייטן.
נאָר דאָ האָט געוויינטלעך אַריינגעהילכט אַ שטים פון דערינען, פון דער וואוין־שטוב:
— איך זאָג דיר אָן, דו אַלטער נאַר, דו זאָלסט אָנזאָגן אַלעמען מען זאָל נישט קומען צו דיר מיט אַזוינע געשעפטן! אַ מחיה אַ ביסל אויף זיי! כ׳וועל זיי אַלעמען אַרויסיאָגן מיט בעזעמער! אַ פּרנסה האָט זיך זיי געמאַכט, די קנאַפּזאָרגערס! האָבן אָנגעקריגן אַ מנשה מיט אַ פּעסע!
דאָס האָט אַריינגעשריגן רב יואלס ווייב, הענע, אַ הויכע, דאַרע יידענע, וואָס האָט געליטן אויף גאַל־שטיינער און איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען אָן אויפגערעגטע, מיט אַ זויערער מינע. זי האָט אַפילו געוואוסט, אַז פון דער מעשה באַ מנשה שניידער קריגט זי צו נייע קונים; נאָר פון דער אַנדערער זייט האָט די געשיכטע אָנגעיאָגט אויף איר אַ מורא. זינט דעם טאַראַראַם, וואָס האָט זיך געמאַכט באַ איר, האָט זי זיך געפילט שוואַכער און דערשלאָגענער. זי האָט געזעען באַנאַכט שלעכטע חלומות און זי האָט מער ווי פריער אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן שטאַרבן.
רב יואל האָט אַ קוועטש געטון מיט די פּלייצעס.
— הייבסט שוין אָן? — האָט ער אַ געשריי־אַריין געגעבן פון גע־וועלב אין שטוב אַריין.
— כ׳וועל דיר דאָ אָנהייבן, הערסטו, וועסטו נישט וויסן, וואו דו קומסט אַהין! געזעען אַ ביסל אַ משוגעת פון אַן אַלטן נאַר? זיין באַבעס דאגה, אַז אַ גוי קלאַפּט אַריין אין אַ טויער! אַז ס׳זאָל אים אַזוי קלאַפּן, רבונו של עולם, ווי ס׳קלאַפּט מיר אין דער זייט, וואָלט ער שוין געוואוסט פון אַזוינע שמחות!
זי איז געשטאַנען באַ דער קיך און אָנגעוואָרעמט שטאַרצן, כדי זיך צו־צולייגן צו די ווייטיקן. זי האָט אַלץ נישט געקאָנט איינשטילן, האָט עפּעס געקלאַפּערט דאָרט דערינען און אויסגעלאָזט צו עמיצן איר ביטער האַרץ. נאָר רב יואל האָט זי געלאָזט רעדן צו דער וואַנט און האָט זיך אויפסניי געווענדט צום קונה.
— אוי־וואַ... זאָגט איר, הייסט עס, אַז ר׳איז ווידער געקומען?... האַ, האַ, האַ... און פון בינמען האָט איר גאָרנישט געהערט? — דאָ האָט רב יו.ל אַראָפּגעלאָזט די שטים, וואָרום עס האָט זיך דערהערט פון דערינען

דאָס קרעכצן פונם ווייב, — נעכטן אויף דער נאַכט האָט מען אים ווי־
דער געזעען פאַרן הויז... ער האָט זיך אַריינגעדרייט דאָרט אינם שטעגל,
און אַריינגעקוקט אין הויף דורכן פּלויטל, פון יענער זייט... איר האָט
גאָרנישט געהערט?..

דער קונה, וועלכער האָט נאָך דאָס נישט געהערט, איז געשטאַנען און
אָנגעקוקט רב יואלן מיט אויסגעגלאָצטע אויגן.

וועגן בינם מאַרגוליס איז געוואָרן דערציילט, אז ער מוז יאָ האָבן גע־
הערט, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטון אויף יענער זייט, אינם פינצטערן
פּאָדערהויז; ווארום אַזוי ווי ר'האָט זיך אַוועקגעשטעלט באַ דער טיר,
איז ער אַרומגעכאַפּט געוואָרן אַזוי ווי פון אַ כישוף און האָט זיך שוין
נישט געקאָנט אַ ריר טון פון אָרט. מיטן כוח פון חוצפּה און אומ־
פאַרשעמטער דרייסטקייט, מיטן כוח פון אפּיקורסות, האָט ער אויפגעכאַפּט
אַ טאָן פון יענער קאַפּעליע... ער איז געוואָרן פאַרשיכּורט, אַן אומענד־
לעכע זיסקייט האָט זיך צעגאָסן איבער זיין קערפּער. ווען נישט די
פאַרמאַכטע טיר און ווען נישט די גרויסע אוממעכטיקייט, וואָס האָט
באַהערשט זיינע הענט און געליימט זיין ווילנס-קראַפט, וואָלט שוין בינם
מאַרגוליס גישט אומגעקערט זיך צו ווייב און קינד, צו שווער און שווי־
גער — ווער ווייסט, וואוהין ער וואָלט געוואָרן פאַרפירט. די זיסע קלאַנ־
גען האָבן אים פאַרלאָקט; דאָס, וואָס פאַר די איבעריקע מענטשן, צווישן
וועלכע ס'זענען געווען ערלעכע יידן, פרומע ווייבער און אומשולדיקע
קינדער, איז געווען נישט מער ווי אַ רייסי באַ דער טיר, דאָס איז פאַר
אים געווען אָרגל־געזאַנג. נאָר דערנאָך, אז ס'האָט דרויסן אויפגעהערט
אויף אַ ווײַלע, האָט ער באַוויזן אַן עפן צו טון די טיר; ער איז אַריינ־
געפאַלן אין עפּעס אַ שטראָם, אין אַ גערויש, אין אַ געדראַנג, אין אַ
ווירבל־ווינט. עס האָט אים אָנגעכאַפּט באַ די הענט און פאָלעס און אים
אַ שלעפּ־געטון אַרויס אין דער פינצטערניש אַריין.

וואָס מיט אים איז געוואָרן שפּעטער, האָט קיינער נישט געוואוסט. אַ
אַ פּאָר טעג האָט ער זיך אינגאַנצן נישט באַוויזן אין גאַס. דערנאָך,
איינמאָל פאַרנאַכט, נאָך זונען־אונטערגאַנג, האָט מען אים פּלוצלינג גע־
זעען אין יענעם געסל, פאַר יענעם הויז. ער איז געגאַנגען, דאָס היטל
אַראָפּגערוקט איבער די אויגן, ווי ער וואָלט זיך צו עפּעס אונטערגע־
גנבעט. ער האָט געוואָרפן בליקן איבערן גאַנצן הויז, ביז אַרויף צום

קוימען, באַטראַכט דאָס פאַרקלאַפּטע טויער און די פאַרשלאָגענע פענצטער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע, אײַנגעהאָרכט זיך אין עפּעס, דערנאָך האָט ער גענומען גײן ווײַטער. וואָס האָט ער דאָרט געהערט, וואָס האָט ער געזען? נאָך דעם זעלבן אָוונט האָט מען שוין געשמועסט דערפון בײַ רב יואלן אין געוועלב, און צומאָרגנס האָט דאָס שוין גע־וואוסט די גאַנצע שטאָט. מען האָט גערעדט דערוועגן מיט האַלבע ווער־טער, מער מיט די אויגן ווי מיטן מויל. עס איז געווען מערקווירדיק, עס איז געווען אויסערגעווײנטלעך, עס האָט געשמעקט מיט נעפּל, מיט פינצטערניש, עס האָט געוואָרפן אַ פּחד, געהעמט די שטימען, פאַר־שטיקט די ווערטער אינם מויל.

שבת־צו־נאַכטס, אַכט טאָג נאָך יענער געשיכטע, איז געווען אַ באַזונדערס גרויס רעדל בײַ רב יואלן אין געוועלב. מען איז געזעסן אויף אַלע קעסטלעך, אויף די זעק גרויפּן, רב יואל האָט אַרויסגעבערענגט פון שטוב אַ באַנק און אַ פּאָר שטולן, מאַנכע פאַרשוינען זענען געשטאַנען, אָנ־לענענדיק זיך אָן געוועלב־טיש. רב יואלס ווײַב האָט דעם לעצטן שבת געהאַט אַ שלעכטן טאָג: זי האָט זיך פאַרגעסן און געגעסן אַ פּאָר קאַר־טאָפל פון טשאָלנט, וואָס עס איז איר שוין פון לאַנג געווען פאַרזאָגט. דערפון האָט איר געשטאָכן אין אַ זײַט און זי האָט זיך באַלד פאַרנאַכט געמוזט לייגן אין בעט אַרײַן.

און אָט, אין לויף פון שמועס, האָט אײנע, אַ באַיאָרטע פרוי, דערציילט אַ זאַך, וועלכע דאָס גאַנצע שטעטל האָט אַמאָל געוואוסט, נאָר וועלכע איז שפּעטער פאַרגעסן געוואָרן. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם ברונעם, אינם הויף פון הויז, וואו מנשה שניידער האָט פריער געוואוינט

— ס׳איז געווען אַ צײַט, ווען דער ברונעם האָט געגעבן וואַסער, ווי קריסטאַל. די מאַמע פלעגט דערציילן, אַז אויב מ׳האָט זיך אײַנגעוואַשן דערמיט די האָר, זענען זיי געוואָרן ווייך ווי זייד און האָבן נאָר אַזוי געגלאַנצט און געקרייזלט זיך. פליייש, אַז מ׳האָט געקאָכט מיט דעם וואַסער, איז עס ווייך געוואָרן אין אַ האַלבער שעה. די מענטשן, וואָס האָבן געטרונקען דאָס וואַסער, האָבן קיינמאָל נישט געוואוסט פון קיין בויך־ווייטיק. עס האָט געהאַט אַן אויסטערלישע קלאָרקייט, אַזוי ווי ס׳וואַסער פון ירדן. אַז מ׳האָט זיך אַלע אינדערפרי געשווענקט דערמיט

ס'מויל, האָט מען באַקומען ציין ווי די פּערל. נאָר אָט איינמאָל, צוועלף באַנאַכט, איז געקומען צום ברונעם איינער אַ יונגערמאַן, באַ וועמען דאָס ווייב איז גראָד געלעגן געוואָרן און מ'האָט געדאַרפט וואַסער צו באָדן דאָס קינד. ער לאָזט אַראָפּ דעם עמער, דרייט אים אַרום אונטן, אין ברונעם, שעפּט אָן וואַסער, ציט... ער קען נישט אַרויסציען. ער ציט מיט אַלע כּוחות — ס'גייט נישט! בייגט ער זיך אַראָפּ, קוקט אַריין אין ברונעם — הערט ער, ווי אונטן, אונטערן וואַסער, פּישטשעט און וויינט אַ ניי-געבוירן קינד... אָבער גראָד ווי אַ ניי-געבוירן קינד... דער יונגערמאַן האָט איבערגעלאָזט די קאַן, נישט אומגעקוקט זיך צומאָל און אַוועקגעלאָפן. אין אַ פּאָר טעג אַרום, אויך באַנאַכט, האָט ווידער אַ ייד, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף, געהערט פון ברונעם קרעכצן. די שטאָט האָט אויפגעהערט צו נעמען וואַסער, דער ברונעם איז פאַרוואַקסן געוואָרן מיט שימל, מ'האָט אים פאַרשלאָגן מיט ברעטער...

אַלע האָבן טיף געשוויגן; רב יואל איז געזעסן הינטערן געוועלב-טיש, אָנגעלענט דעם קאָפּ אויף ביידע הענט; די הענג-לאָמפּ האָט שטיל געליכטן, און די ביקסן מיט צוקערלעך, וואָס זענען געווען צעשטעלט אין די פאַכן פונם געוועלב-שאַנק, האָבן געענטפערט מיט אַ פאַרטראַכטן גלאַנץ. דאָס, וואָס איז דאָ געוואָרן דערציילט, האָט פּאַסירט מיט אַ סך יאָרן צוריק; נאָר צי האָט עס נישט עפּעס אַ שייכות מיט די לעצטע געשעענישן? עס האָט אַ בלאָז-געטאָן דער הויך פון דער ווייטער, אין נעפּל-געטונקטער פאַרגאַנגענהייט; עס האָט זיך אויסגעפלאָכטן אַ קייט, פון וועלכער איין רינגעלע איז געווען דער ברונעם, וועלכע האָט זיך געפלאָכטן ווייטער, ווייטער, פאַרכאַפּט די געגנוואַרט און וועלכע וועט נאָך אַריינפלעכטן אין זיך, ווער ווייסט, ווער ווייסט, וואָס נאָך פאַראַ רינגעלעך.

## IX

די באַוועגונג אין יענעם געסל האָט זיך כמעט אינגאַנצן איינגעשטעלט: זעלטן, זעלטן איז דאָרט פאַרבייגעפאָרן אַ פור, די איינוואוינער פון דער שטאָט ב. האָבן אויסגעמיטן נישט צו גיין אָפט פאַרביי יענעם

הויז, מען איז געגאַנגען הינטן אַרום. דורך דריי אַנדערע גאַסן, אָבי דאָרטן נישט פאַרבייצוגיין. דאָס אָרט האָט פאַרשפּרייט אַ מעלאַנכאָליע און פון זיך פאַריאָגט.

אוןווירקלעך, יענע הויז, מיט דעם פאַרקלאַפּטן טויער און פאַרשלאָגענע פענצטער, האָט געהאַט אַן אומהיימלעך אויסזען. עס האָט טריב גע־שוויגן. פון הינטער זיינע ווענט האָט זיך ניש געהערט נישט קיין לאַכן און נישט קיין זיפץ פון אַ לעבעדיקן מענטשן. קיין מינדסטער שאָרך האָט זיך נישט דערטראָגן פון זיינע פאַרלאָזטע שטובן; אַ גאַנץ שטיק לעבן איז געוואָרן פאַרגליווערט. עפּעס אַ גרויסע איינזאַמקייט האָט גע־שלאָגן פון דעם דאָזיקן הויז. כאָטש עס איז געשטאַנען אין מיטן גאַס, צווישן אַנדערע הייזער, דאָך האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז אָפּגעטיילט און אָפּגעצוימט פון דער גאַנצער וועלט, אַז עס געהער נישט מער צו דער ווירקלעכקייט. די זון האָט נישט מער אַריינגעקוקט דורך זיינע פענצ־טער, די לבנה האָט נישט אַריינגעשיקט דורך זיי איר בלאַסן שטראַל; דורך דעם פאַרמאַכטן טויער זענען נישט אַריין און אַרויסגעגאַנגען קיין מענטשן, עס איז נישט אַריינגעפאָרן קיין וואָגן; אויפן הויף האָבן זיך נישט געשפּילט קיין קינדער. דאָס הויז איז געשטאַנען און אַריינגע־טריפט אין דער אַרומיקער לופט טראָפּנס טרויעריק שוויגן, טראָפּנס שמערצלעכע בענקשאַפט און באַנגדן אומעט. דאָס הויז איז געווען ווי באַלעגערט פון אַ גרויסן שאָטן.

אין דער פרי האָט מען אין די אַרומיקע הייזלעך געעפנט די לעדן, די פענצטער, טיר און טויער, און עס האָט זיך אָנגעהויבן די טעגלעכע באַוועגונג; נאָר יענע הויז איז געבליבן פאַרמאַכט. עס האָט אַזוי ווי נישט געפילט דעם זונען־אויפגאַנג, דעם וועקסל פון טאָג און נאַכט. כאָטש אַלץ אַרום האָט שוין אויפגעוואַכט, איז נאָך דאָס דאָזיקע הויז געבליבן פאַרזונקען אין שלאָף; איבער זיינע שטומע ווענט איז נאָך גע־לעגן די נאַכט, כאָטש די זון האָט זיך שוין דערהויבן הויך אין בלויען הימל.

אין די פאַרנאַכטן האָט פון יענעם הויז און פון דער גאַנצער אומגעגנט געשלאָגן עטוואָס באַזונדערס געהיימנישפולס. דאָס דאַך־פענצטער איז געבליבן דאָס איינציקע אין גאַנצן הויז, וואָס איז נישט געווען פאַר־שלאָגן מיט ברעטער; און אָט אין אים האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די אונ־

טערגייענדע זון, צעשפּליטערט זיך, זיך צעפּלאָסן, ווי גינגאָלד. און דאָס האָט געמאַכט אַ באַזונדערס טרויעריקן איינדרוק. דאָס דאָזיקע פלאַקערדיקע פענצטער איבער דעם שטומען, פאַרגליווערטן, געפּיללאָזן הויז האָט אויסגעזען ווי אַ שפּאַס; די שטראַלן, וואָס האָבן געציטערט אויבן אין די שייבן, געטאַנצט אַ גאָלדענעם טאַנץ, האָבן אַזוי ווי חוזק געמאַכט פון עפּעס. דאָס הויז, מיט דעם איינציקן שטראַלנדן פענצטער אין דער הייך, האָט אויסגעזען ווי אַ טויטער, בײַ וועמען איין אויג איז נאָך געבליבן אָפן, און פון דעם דאָזיקן אויג שלאָגט נאָך אַרויס אַ שמייכל, אַ שמייכל פון אַ טויטן, אַ שמייכל איבערן נאַרישן לעבן און איבער אַלע לעבעדיקע מענטשן.

דערנאָך, אַז ס'איז געוואָרן פינצטער, איז אַרום יענעם הויז געווען עפּעס פינצטערער, ווי אין אַנדערע ערטער. די לבנה האָט דאָס הויז אַזוי ווי נישט באַשיינט, נאָר געוואָרפן אויף אים שיפּע, ווייסע פלעקן, וואָס האָבן זיך אויסגעמישט מיט די שאָטנס און אויסגעפּלאָכטן אַרום דעם הויז אַ משונהדיק ליכט. שטייענדיק הויך אויבן, אַ טיף פאַרטראַכטע, האָט זי מיט אַ קאַלטער פאַרוואונדערונג געקוקט אַראָפּ אונטן און געקלערט וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר דאָרטן, אין דעם לײדיק-געוואָרענעם הויף. דערנאָך האָט זי זיך צוריקגעצויגן אויף אַ ווײַלע הינטער אַ קליינעם, דורכזיכטיקן וואָלקן, ווי כּדי זיך עפּעס איבערצולייגן. נאָר זי איז באַלד ווידער אַפּערגעשוואומען, אַן ערנסטע, אַ גרויסע, און ווידער אַראָפּגעשיקט איר רויִקן, דורכדרינגנדן בליק, אַראָפּ אינם טיף-שווייגנדיקן הויף, כּדי דאָרט עפּעס צו דערפאָרשן.

אינם געסל, וואו דאָס הויז איז געשטאַנען, האָט מען געמאַכט נאַכט פריער, ווי אין אַלע אַנדערע גאַסן. באַלד פאַרנאַכט האָט מען פאַרמאַכט די לעדן, אָנגעצונדן די לאָמפּן, און די מענטשן זענען געזעסן, שווייגנדיקע, בײַ זיך אין שטוב. מען האָט נישט געפּרואווט אפילו געבן אַ קוק-אַרויס פאַר דער טיר. די קינדער האָבן זיך געשראָקן, און מען האָט זיי געלייגט שלאָפן מיט די הינער צוגלייך. טאָמער האָבן זיך דערט-אָגפון גאַס טריט פון אַ דורכגייער, האָט מען אין די שטובן אַ ציטער-געטון און זיך איבערוואָרפן מיט בליקן. אויב איינער אַ דרייסטערער האָט אָנגענומען די קליאַמקע, כּדי אַרויסצוגיין אַ קוק-טון, האָבן אים די איבעריקע צוריקגעהאַלטן מיט אַלע מעגלעכקייטן. נאָר אַזוינס האָט פּאַ

סירט זעלטן. געוויינטלעך איז פאַרנאַכט קיינער דאָרט נישט פאַרבייגעגאַנגען, און דאָס געסל איז געווען פאַרזונקען אין אַ טיפער שטילקייט.

אַן אמתע צרה פאַר די איינוואוינער פון יענעם געסל איז געווען דער לאָמער בעטלער. כמעט יעדן דריטן טאָג, נאָך זונען־אונטערגאַנג, האָט ער זיך באַוויזן אין גאַס, געקלאַפּט אין טויער, געטופּעט און געשריגן. שוין אַ סך יאָרן איז ער געווען געוואוינט, נאָכדעם ווי ער איז אַרומגעגאַנגען אַ גאַנצן טאָג אין די אַרומיקע דערפער, צו קומען אויף דער נאַכט אַהיים און זיך צו פאַרקלייבן אין זיין קאָנורע אויפן בוידעם, וואו ער האָט געהאַט אַ שעניק מיט אַ קישן, אַ באַנק, אַ טאָפּ מיט אַ הילצערנעם לעפל און אַ הייליק בילד. ער פלעגט ווייניק שלאָפן; ביז האַלבע נאַכט האָט געדויערט בּאַ אים דאָס אָפּקאָכן וואַסער און אָפּעסן זיין נאַכט־עסן; דערנאָך האָט ער ביז פאַרטאָגס זיך גלאַט אַזוי געדרייט איבער זיין צימער, געקרעכצט און געזאָגט פאַרשיידענע תּפילות, וועלכע ער איז געוואוינט געווען צו זאָגן פאַר די פויערן און פּריצים, וואָס האָבן אים געגעבן נדבות. און אָט, נאָך דעם פּלוצלינגן איבערקערעניש, האָט ער זיך געפילט, ווי אַראָפּגעשטויסן פון דער ערד, ווי אַריינגעשליידערט אין דער לופט אַריין, וואו ער קאָן נישט פאַלן און נישט בלייבן באַשטיין. קומענדיק אין דאָרף אַריין, האָט ער דערציילט אין אַלע שטובן די גרויסע צרה, וואָס האָט אים געטראָפן: אינם הויז, וואו ער האָט געוואוינט, האָט זיך באַזעצט אַן אומריינער גייסט, אַזוי, אַז מ׳טאָר דאָרט מער נישט וואוינען און מ׳האָט דאָס גאַנצע הויז געמוזט אַרומשלאָגן מיט ברעטער. דערביי האָט ער געוויינט, ווי אַ קינד, אַראָפּגעלאָזט זיך אויף די קני און זיך לאַנג געצלמט. די פויערן האָבן געהאַט רחמנות אויף אים און געגעבן אים נאַכטלעגער אין אַ שייער אָדער קאַמער. נאָר טיילמאָל האָט ער זיך פאַרגעסן און פאַרנאַכט האָט ער, לויט זיין אַלטער געוואוינהייט, געלאָזט זיך גלייך אויפן וועג אין שטאָט אַריין, אַהין אין יענעם געסל, צו יענעם הויז. ער האָט גאָרנישט געדענקט און, צוקומענדיק צום טויער, האָט ער גענומען שטאַמפּערן מיטן שטעקן, קלאַפּן מיט ביידע הענט און שרייען מיט זיין הייזעריקער שטים, וואָס פאַר אַ שוואַרץ יאָר האָט דאָס גענומען די מענטשן, וואָס זיי האָבן אַזוי פרי פאַרמאַכט דאָס טויער און לאָזן אים נישט

אריין! זיינע רחמנותדיקע געשרייען האָבן אומהיימלעך אָפּגעשאַלט אין דער אַרומיקער שטילקייט און האָבן פאַרשפּרייט אַ קעלט און אַ גרויל אין אַלע אַרומיקע הייזלעך, אין אַלע שטובן.

און — אַזוי ווי אין ערשטן אָוונט — האָט ער נישט פריער אויפגעהערט צו פּילדערן, ביז ס'איז עמיץ אַרויסגעקומען פון אַ הויז און אים גע־בעטן אַוועקגיין פון דאַנען, וואָרום ס'איז נישט גלייך צו מאַכן אַ גערוי־דער אין אַן אָרט, וואו ס'איז בכלל נישט גוט פאַר אַ מענטשן זיך צו דערנענטערן... דאַן האָט פּלוצלינג אויפגעלעבט אַלץ אינעם קאָפּ פון דעם דאָזיקן אַלטיטשקן, אַלץ דאָס, וואָס ער האָט אַזוי אינגאַנצן געהאַט פאַר־געסן. ער האָט אַ שוידער־געטון און גענומען האַסטיק אַוועקגיין פון דאַ־נען. ער האָט געקלאַפּט מיטן שטעקן איבער די שטיינער, געשאָלטן, גע־קלאָגט, אָנגעפּולט מיט אַ גערויש דאָס גאַנצע געסל. ער האָט אַפילו נישט קיין טראַכט געטון, וואוהין ער גייט און וואו ער וועט האָבן נאַכטלעגער. ער איז געווען ווי געבריט, ווי אָפּגעשמיסן, געשווינד איבערגעוואָרפן די פיס, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז פון יענעם טוי־ער, אין וועלכן ער האָט אַריינגעקלאַפּט, וועט אַרויסקומען עמיצער, נאָכיאָגן אים און אים אָפּטון אַ מיאוס שטיקל.

ערשט הינטער דער שטאָט, אויפן פעלד, האָט ער אָנגעהויבן גיין פּאַמעלעכער און האָט זיך ענדלעך, אַ מידער, אַ פאַרסאַפּעטער, אַוועק־געזעצט אויפן גראָז, באַם וועג, און אַוועקגעלייגט נעבן זיך דעם שטעקן און די פולע טאָרבע. דאָס ווייטע לאַנד איז געווען פאַרגאָסן מיט לבנה־ליכט, די פעלדער זענען פרידלעך געשלאָפן. ערגעץ דערנעבן האָט זיך געהערט דער איינטאָניקער צירפּ פון אַ גריל; פון אַ ווייטן בוים האָט געשאַלט די מעטאַלענע שטים פון אַ קו־קו; ערגעץ דאָרטן, אין אַ וואַסערל, האָבן זשאַבעס געקוואַקעט און געשנאָרכט, איבערגעוואָרפן זיך מיט טענער און געפירט קאָנצערט. און די דאָזיקע נאַכט־קלאַנגען האָבן זיך וואונדערבאַר־קלאָר אויסגענומען אין דער שטילקייט פונם אָוונט און האָבן צוגעגעבן דעם לאַנד נאָך מער פרידלעכקייט און רו. דער לאָמער גוי האָט זיך באַרויקט; ער האָט זיך אויסגעניכטערט, ער האָט ווידער באַקומען קלאָרקייט אינעם קאָפּ. ער האָט זיך איינגעקוקט גלאַט אַזוי אין דער ווייטער, העלער נאַכט און זיך דערמאָנט פאַרשידענע זאַכן. ער וועט שוין קיינמאָל, קיינמאָל נישט אַהינקומען דאָרט, צו יענעם הויז, היינט

האָט ער נאָר געהאַט אַ טעות. וואָס טוט זיך איצט אָפּ דאָרט באַ אים אין שטיבל? עפּעס באַנגלעכס האָט זיך פאַרקליבן צו אים אין האַרצן און אָנגעפּולט עס מיט אומעט. דאָרטן אין דער הייך, אינם שטיבל, האָט ער זיך נישט געפילט אַליין: טיילמאָל האָט ער געהערט דורך די ווענט די שטימען פון ווייבער און קינדער, וואָס זענען אַרויפגעקומען אויפן בוידעם הענגען וועש. דאָס שטיבל איז געווען פּונקט צוגעפּאַסט פאַר אים, ער האָט זיך דאָ געפילט, ווי אַ וואַסער-חיהלע אין דער מושלע. נאָר ער וועט שוין דאָרט קיינמאָל נישט מער אַהינקומען... ער וואָלט ליבער געגאַנגען צו דער שוועסטער; מיט אַ פּאָר יאָר צוריק פלעגט ער נאָך פון צייט צו צייט קומען צו איר, כאָטש דער מאַן אירער, אַ קאָוואַל, איז געווען אַ בייזער און אַ ברומענדיקער; נאָר ער האָט זיך פּלוצלינג דערמאָנט, אַז זי איז שוין געשטאָרבן: זי ליגט אויפן דאָרפישן צמענטאַרזש, אַ צלם שטייט באַ איר צוקאָפּנס, און די לבנה באַשיינט איר קבר. און דער אַלטער האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ מיט די שיטערע האָר צום הימל, וואו די ווייסע, שווייגעדיקע לבנה האָט אים אַזוי ווי באַשטעטיקט, אַז טאַקע יאָ, די שוועסטער איז שוין געשטאָרבן. ער האָט אויך ערגעץ אַ טאָכטער... עפּעס אַמאָל, אַריינקומענדיק אין אַ הויז, האָט ער זי געטראָפן שטיין אין אַ קיך און קאָכן עסן. נאָר זי האָט אים געשלאָגן, געשאָלטן און אַרויסגעטריבן. ער איז דערנאָך אַ לאַנגע צייט פאַרבייגעגאַנגען דאָרטן יעדן טאָג, פאַרן הויז, וואו זי האָט געדינט. ער האָט נישט געוואָלט אַריינקומען מער צו איר, נאָר ער איז גלאַט אַזוי פאַרבייגעגאַנגען און געוואָרפן בליקן אויף די פענצטער. ביז ער איז דערנאָך געוואָר געוואָרן, אַז זי איז נישט מער דאָרט, און ער האָט נישט געוואוסט, וואו זי איז אַהינגעקומען, צי זי לעבט נאָך, צי ער וועט זי נאָך אַמאָל זען. און אָט איז ער געבליבן איינער אַליין, אַזוי ווי ער איז איינער אַליין דאָ אויפן פרייען פעלד, איינאיינציקער מענטש צווישן גראָזן,ביימער, טייכלעך, פייגל, זשאַבעס און ווערעם, איינ-איינציקער טונקעלער פלעק אין דער זילבערנער העלקייט, וואָס די גרויסע, ליכטיקע לבנה צעגיסט איבערן לאַנד.

אַזוי איז ער געוויינטלעך אָפּגעזעסן אַ לאַנגע צייט אָן באַוועגונג, ווי צונויפגעמישט מיט אַלעם אַרומיקן. דער קוקו אויפן ווייטן בוים איז שטיל געוואָרן, דערפאַר האָט די גריל גענומען צירפּען העכער און די

זשאַבעס אינם טייכל האָבן זיך הילכיקער צעשריגן. נאָר די שטילקייט איז פון דעם נישט געוואָרן געשטערט. די ערד האָט גוטמוטיק גערוט און מיט צוטרוי זיך איבערגעגעבן אין די פריינטלעכע אָרעמס פונם הימל, וואָס האָט זי ווי אַ גיגאַנטישער געליבטער אַרומגענומען פון אַלע זייטן, אַרום און אַרום, צוגעטוליעט זי צו זיך, איינגעוויגט זי, געצערטלט זי מיט די מילדע בליקן פון זיין גרויס אויג, דער זילבער קלאָרער לבנה. עס איז נישט געווען קיין ערד און קיין הימל, נאָר עטוואָס נישט-געטיילטס, איינהייטלעכס, טיף-פרידלעכס. דער אַלטער בעטלער האָט ברייט געעפנט זיינע קליינע, בלויע קינדער-אויגן, וואָס זענען געווען ווי צוויי טונקעלע גריבלעך אין מיטן אַ גאַנצן ים פון קנייטשן. זיינע באָרוויסע פיס, וואָס זענען געווען צעריבן און צעראַצט פון טרעטן אַ גאַנצן טאָג איבער די זאַמדיקע וועגן, האָבן זיך געפילט גוט אינם פרישן גראָז, אויף וועלכן עס האָבן זיך שוין אַראָפּגעזעצט די ערשטע טראָפּנס טוי. ענדלעך האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף דער ברוסט און איז איינגעשלאָפן, זיצנדיקערהייט, שעפּטשענדיק עפּעס מיט די ליפּן, אַזוי ווי ס'שעפּטשעט מיט די ליפּן אַ קליין קינד, וואָס שלאָפט צווישן אַ שטויס קלאָרע קישעלעך.

איינמאָל אין אַ פרימאָרגן האָט ער געהאַט אַ שלעכט באַגעגעניש. גייענדיק איבערן שאָסיי, האָט ער באַמערקט זיין פריערדיקן שכן, מנשה שניידער, וואָס איז אים געקומען אַקעגן. דער בעטלער האָט זיך אָפּגעשטעלט שוין אַ שטיק פון דערווייטנס, נישט אַ ריר-געטאָן זיך פון אָרט און אויסגעגלאָצט די אויגן, ווי ער וואָלט דערזען עפּעס אַ גייסט. מנשה איז אָנגעקומען מיט אַ גרויסן פּאַק אונטערן אָרעם; ער האָט אָפּגעטראָגן צום פּריץ דאָס שטיקל אַרבעט, וועלכעס ער האָט פּאַרטיק געמאַכט מיט גאַנצע נאַכט טאָג איבער דער צייט. ענדלעך, אַז זיי האָבן זיך אויסגעמיטן, האָט דער בעטלער אַ ציטער געטאָן, אַראָפּגעלאָזט זיך אויף די קני און גענומען שעפּטשען מיט מורא און איבעראַשונג:

— גאָט מיינער... גאָט מיינער... גאָט מיינער...

מנשה איז געגאַנגען ווייטער און דער לאָמער אַלטיטשקער איז אַלץ נאָך געבליבן אויף די קני, ווי פאַרזונקען אין אַ שלעכטן חלום. עס האָט אַ בלאָז-געטאָן אויף אים עטוואָס שרעקעוודיקס, וועלכעס מנשה האָט מיטגעבראַכט פון שטאָט, פון יענעם אומגליקלעכן הויז. און ער האָט

שוין ווידער אַ גאַנצן טאָג נישט געקאָנט צו־זיך קומען, נישט געפונען זיך קיין אָרט, געטראַכט וועגן זיין געשטאָרבענער שוועסטער, געבענקט נאָך דער פאַרשוואונדענער טאָכטער, אַ סך געבעטן און אַ סך געוויינט און האָט ענדלעך, אויף דער נאַכט, ווידער זיך פאַרבלאָנדזשעט אַהין צו יענעם הויז. געטופּעט, געשריגן, געקלאַפּט אין טויער אַריין און געררופן, מ׳זאָל אים עפענען.

אַזויפערנאָך האָבן די איינוואוינער פון יענעם געסל אַ לאַנגע צייט נישט געהאַט קיין רו. די וואונד האָט נישט געקענט פאַרהיילט ווערן, וואָרום זי איז אַלץ כסדר געעפנט געוואָרן אויפסניי. די מעשה האָט געלאָזט נאָכווייען, וואָס זענען געווען נישט ווייניקער פיינלעך פון דעם ערשטן גרויסן שמערץ. די לופט אין יענעם געסל איז געווען ווי אויפגעטרייסלט; אַלץ איז דאָרט אַרויס פון די פוגעס און האָט שוין נישט געקאָנט אַרויף אויפן אַלטן וועג.

מיט דער צייט האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן טויזנט קלאַנגען. עפּעס איינמאָל אויף דער נאַכט האָט מען דאָרט געזען רויך פון קוימען. די נאַכט איז געווען אַ העלע, די לבנה האָט געשיינט, די שטערן זענען אַלע אויסגעגאַנגען פון דעם זילבערנעם שימער, מיט וועלכן דער הימל איז געווען אַדורכגעזאַפּט. און אָט, אַז די לבנה האָט זיך אָפּגעשטעלט איבערן דאַך פון יענעם הויז, האָט פון קוימען זיך גענומען שלענגלען אַ גאַנץ דינער, זיידענער, ווייסער רויך. וואָס האָט דאָס אַזוינס געקאָנט זיין? עס האָט זיך געוויקלט אַזוי ווי אַ באַנד, נישט צעשפּרייט זיך איבער דער לופט, נאָר געשטיגן אַרויף אין דער הייך, אַרויף, צו דער לבנה. רויך פון קוימען! און אונטן, אין די שטובן, זענען די אייוועלעך געשטאַנען קאַלטע, עס האָט נישט געקנאַקט קיין פייער און נישט צעזויסגעשפּריצט קיין פלאַם דורך די פייערקעס. דער דורכגייער, וואָס האָט דאָס געזען, איז געבליבן שטיין און זיך איינגעקוקט, ווי ער וואָלט זען אַ קונץ פון אַ באַרימטן קונצן־מאַכער. נאָר דערנאָך האָט ער זיך דערמאָנט, וואָס פאַר אַ הויז דאָס איז, און איז אָן אָטעם אַוועק פון יענעם אָרט. קיינער האָט נישט געוואוסט, ווער דאָס איז געווען, נאָר אַלע האָבן וועגן אים געהערט און דערציילט איינער דעם אַנדערן.

דערנאָך האָט מען דערציילט נאָך מערקווירדיקע זאַכן מ׳האָט געזען באַ־

נאַכט אַרויסלייכטן אַ לעמפּל פונם דאַך־פענצטער! די שיין איז געווען אַ געלע און האָט אַזוי ווי אַ שפּיז אַרויסגעשלאָגן אין רער נאַכט אַריין. עס האָט זיך אָנגעצונדן אום צוועלף און אויסגעגאַנגען פאַרטאָגס, מיטן ערשטן קריי פון האָן. עס איז געווען אַזוי ווי אַ צייכן פאַר עמיצן, וואָס האָט געדאַרפט אָנקומען פון ערגעץ און האָט דורך דער דאָזיקער געהיימנישפולער שיין געקאָנט דערקענען באַנאַכט דאָס הייזל פון די סאַמע ווייטסטע שטרעקעס.

חוץ דעם האָט מען דערציילט אין שטאָט, אז באַנאַכט לויפט עפּעס דאָרטן אַרום אין הויף, דרייט זיך אַ ראָד אַרום דעם ברונעם און קלעטערט איבערן קרומען בוים. די לייסטן פון טויער און די ברעטער, מיט וועלכע די פענצטער זענען געווען פאַרשלאָגן, האָבן געקנאַקט, ווי עמיץ וואָלט זיי וועלן אַרויסשטויסן און אַדורכברעכן פון אינעווייניק. פון די ליידיקע שטובן האָט מען געהערט פאַרשידענע קולות: הונדערטיעריקע זקנים האָבן געזאָגט תהילים, קליינטשיקע קינדער האָבן געפּישטשעט, עמיץ האָט געזונגען דעם ניגון פון כל־נדרי. דערנאָך האָט מען געהערט, ווי אַ יונג מיידל קלאַפּט אַרויס פון אַ פענצטער און רופט מיט אַ העלער, מיידלשער שטים: מענטשן, מענטשן, לאָזט אַרויס!

דאָס אַלץ איז דערציילט געוואָרן כמעט אין יעדער שטוב, בײַ יידן און בײַ קריסטן. איין מעשה האָט געבוירן נאָך אַ מעשה, און די מעשיות האָבן זיך געמערט אָן אַ גרענעץ. עס האָבן זיך געפונען מענטשן, וואָס האָבן געגלייבט אין אַלעם; אַנדערע האָבן זיך דערלויבט צו צווייפלען אין מאַנכע איינצלהייטן, נאָר האָבן פונדעסטוועגן צוגעגעבן, אַז די זאַך איז נישט גלאַטיק; נאָך אַנדערע האָבן געלאַכט און נישט געגלייבט אין גאָרנישט. נאָר אַלע, אָן אונטערשיד, סיי די, וואָס האָבן געגלייבט, סיי די, וואָס האָבן נישט געגלייבט, אַלע האָבן טיף אין האַרצן געפילט אַ געהיימע פורכט, כאָטש נישט אַלע האָבן זיך דערין מודה געווען. אַפילו די גרעסטע אַפּלאַכערס האָבן, פאַרבייגייענדיק באַטאָג פאַר יענעם הייזל, לייכט אַ שוידער־געטון; דער בליק איז מיט אַ שרעקעוודיקער בייגערייקייט געבליבן הענגען אָן די שטומע ווענט, און דאָס אויער האָט זיך פיינלעך אָנגעשטרענגט, וואָרום פון דעם טיפן שווייגן, וואָס איז דאָרטן העלעגן, האָט זיך געדאַכט, דאַרף יעדע ווײַלע עפּעס אַ שאַל־טון אָן אוםגיימלעכער קלאַנג. באַנאַכט ווידער וואָלטן אַפילו די אַפּלאַכערס נישט

געפוּנען קיין מוּט צוּ קוּמען אַהין פאַר יענעם הויז. עס איז געווען די גרויסע איינזאַמקייט, וואָס האָט געשלאָגן פוּן יענעם אָרט, דער אוּמעט, וואָס איז דאָרט געהאָנגען אין דער לוּפט, די פאַרגליווערטע שטילקייט, וואָס האָט אַרוּמגעכאַפּט, ווי אין אייז־קאַלטע אָרעמס, די גרויסע דראָונג, וואָס האָט פוּן דאָרט אַרוֹיסגעוואוּנקען אוּן דערמאָנט אָן עפּעס שלעכטס, אוּמהיימלעכס, אפילוּ געפערלעכס.

איינציקווייז, איינציקווייז, האָבן אויך די איינוואוינער פוּן די אַרוּמיקע הייזלעך גענוּמען פאַרלאָזן זייערע וואוינוּנגען. צוויי וואָכן נאָך דער פּאַסירוּנג זענען שוין די הייזלעך, וואָס האָבן זיך געפוּנען פוּן ביידע זייטן פוּן יענעם הויז, געשטאַנען אויף אַ העלפט ליידיק; מיט אַ וואָך שפּעטער האָט זיך שוין נישט געפוּנען אין זיי אַפילוּ אַ הוּנט. כמעט יעדן טאָג האָט מען געקאָנט זען פאָרן איבער דער גאַס אַ פוּרל, אָנגעלאָדנט מיט מעבל; פוּן הינטן איז נאָכגעגאַנגען אַ הויז־געזינד, אַ טאַטע אוּן אַ מאַמע מיט קינדער, אוּן די פאַרבייגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט אוּן געפרעגט:

— וואָס, איר מוּזט זיך טאַקע פוּן דאָרטן אַרויסציען?

— פרעגט שוין נישט... — האָט געענטפערט מיט אַ טרויעריקן זשעסט דער בעל הבית פוּנם מעבל, וואָס מ'האָט געפירט אויפן וועגעלע.

דער זשעסט האָט דערציילט אַ סך, אוּן די דוּרכגייער האָבן אים פאַרשטאַנען אָן איבעריקע פירוּשים.

# באַטיצן

## I

### די אידעע פון אונדזער אַלמאַנאַך

וואַרשע איז געווען אין אַ משך פון פיל יאָרן אַ צענטער פון דער יידישער קינסטלערישער שאַפונג. באַזונדערס איז אָט דער צענטער פאַרשטאַרקט געוואָרן אין די צייטן פון י. ל. פּרץ. דער גרויסער מייסטער פון וואָרט און בילד, די גרויסע זינגענדיקע נשמה, דער אומרואיקער, פאָרויס־לויפנדיקער געדאַנק — פּרץ — האָט צוגעצויגן צו זיך אַלץ וואָס איז געווען יונגס, לעבעדיקס און שאַפנדיקס בײַ יידן.

דאָס וואָס ס'איז געווען פּרץ פאַר איינע איז געווען דוד פרישמאַן פאַר אַנדערע. דער ערשטער — מער סינטעטישער גייסט; דער צווייטער — מער אַנאַליטישער גייסט. עס גייט נישט אַריין אין אונדזער איצטיקער אויפגאַבע צו פאַרנעמען זיך מיט אָפּשאַצונגען. מיר באַצייכענען נאָר דעם איבעראַל באַקאַנטן פאַקט: פּרץ און פרישמאַן זענען אַ שטיק באַוועגונג און אַ שטיק געשיכטע, סיי פון דער נײַ־העברעישער ליטעראַטור, סיי פון דער נײַ־יידישער ליטעראַטור.

רעדן מיר וועגן פּרץ שווימען פאַר אונדז אויף אויך די געשטאַלטן פון אַש, נאָמבערג, רייזן. זייער שאַפונגס־פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן, כאָטש נישט געענדיקט, מיט וואַרשע. דער שטעמפּל פון וואַרשע ליגט נאָך עד היום אויף די בעסטע פון זייערע שאַפונגען.

זאָלן מיר נאָך נעמען דערמאָנען? עס איז גענוג צו דערמאָנען די נעמען: י. מ. ווייסענבערג און יונה ראָזנפעלד. און וואָס עפּעס גראָד זיי? אַלץ וואָס האָט געטראָגן מיט זיך עטוואָס נײַעס און עטוואָס אָריגינעלעס אין די לעצטע יאָרן — איז פאַרבונדן גייסטיק אויף דעם אָדער יענעם אופן מיט וואַרשע.

די קאָריפעען פון אונדזער ליטעראַטור — פּרץ און פרישמאַן — זענען אַוועק אין דער אייביקייט. זייער שאַפנדיקער גייסט לעבט אָבער נאָך אין אַלץ וואָס עס דענקט און דיכטעט בײַ היינטיקן טאָג בײַ יידן. דערבײַ איז וואַרשע אויך יעצט געבליבן איינער פון די גרעסטע צענטערס פונם יידישן גייסטיקן שאַפן.

נישט קוקנדיק דערויף זענען אָבער וואַרשעווער יידישע שאַפנדע כחות — באַזונדערס אין די מלחמה יאָרן — שטאַרק צעשפּליטערט געוואָרן. אין די צייטן פון י. ל. פּרץ פלעגן אַרויסגיין פאַרשיידענע ליטעראַרישע אויסגאַבן, וואָס זענען געווען דער סכום פונם יידישן שאַפן בכלל — און פון וואַרשע בפרט. אין די מלחמה־יאָרן — און אויך איצט אין די יאָרן פון די מלחמה־נאָכווייעניש איז — נתפרדה החבילה. יעדער שאַפט פאַר זיך באַזונדער, יעדער אין זײַן ווינקעלע, אין בעסטן פאַל, יעדער אין זײַן קליין קרייזל, יעדער גייט זיך זײַן באַזונדערן וועג, יעדער טוט אַלץ אויף זײַן אייגענער אחריות, נישטאָ

קיין פאַראייניקונגס-קראַפט, נישטאָ קיין צענטראַליזאַציע פון גייסט, נישטאָ קיין גרויסער וועג וואוהין אַלע שטעגן זאָלן זיך צונויפקומען, נישטאָ קיין קאָלעקטיווע קינסט-לערישע אַרבעט, נישטאָ קיין עטוואָס אויף וואָס מען זאָל קאָנען אָנווייזן דער ליכט-זוכנדיקער יוגנט: אָט דאָס איז אונדזער אַלעמענס ווילן, אט דאָס איז אונדזער אַלעמענס שטרע-בונג, אָט דאָס איז אונדזער היילִיקסטע האָפנונג און אָט דאָס איז אונדזער שענסטער טרוים.

און נאָך עטוואָס: דער דיכטער איז אָפּהענגיק פונם פאַרלעגער—און דער פאַרלעגער—פונם פובליקום מיט זיינע פערשיידנסטע קאַפּריזן. דער אַזוי גערופענער „ביכער-מאַרק" רעכנט זיך אָמווייניקסטן מיט דעם, וואָס איז באמת טאַלענטירט און גייסטרייך, נאָר — מיט דעם, וואָס ס'איז מאָדע — און סענסאַציע. — אַזוי אַרום טרעפט גאַנץ אָפט, אַז געפינענדיק פאַרלעגער פאַר אַלץ, וואָס איז אין גרונט געגומען, מיטלמעסיקע זאַכן אָדער גאָר שוואַכע זאַכן, געפינט ער גראָד קיין פאַרלעגער נישט פאַר דעם, וואָס עס איז דאָס בעסטע, דאָס שענסטע, דאָס עכטסטע און דאָס אייגנאַרטיקסטע אין אים, דאָס וואָס ס'איז דער שיר השירים פון זיין גייסט און זיין שטילסטע תפלה.

אָט דאָס האָט דערוועקט מיט אַפּאָר יאָר צוריק דעם יידישן „ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַריין" אין וואַרשע צו שאַפן אַ ספּעציעלן ליטעראַטור-פאָנד אויף אַרויסצוגעבן די בעסטע שאַפונגען פון יינגע קינסטלער. שפּעטער איז אַנטשטאַנען בא דעם „ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַריין" אַ ספּעציעלע סעקציע אונטערן נאָמען: „בעלעטריסטן-פאַראייניקונג", וועלכע גיט אַרויס אויסער באַזונדערע ווערק פון קינסטלער אויך אַ וואַר-שעווער אַלמאַנאַך, וואָס דער לעזער האָט אים פאַר זיך דאָ.

דער „אַלמאַנאַך" וויל זיין דער צענטער פונם יידישן מאָדערנעם שאַפן, איבערהויפּט דער צענטער פון דער יידישער קינסטלערישער שאַפונג אין וואַרשע. אין אים נעמען אַנטייל דיכטער פון אַלערליי מעגלעכסטע ריכטונגען — אַלץ איז אָבער — ווי מיר דענקען — דורכגעדרונגען מיט עכטער שאַפונגס-קראַפט, האַרץ און נשמה.

פינף און צוואַנציק דיכטער האָבן אַנטייל גענומען אין דעם אַלמאַנאַך. מענטשן פון פאַר-שיידענע וועלטן. פיל-פאַרביק. פיל-קלאַנגיק. פיל-זייטיק. ווי עס איז דאָס לעבן אַזוי דאַרף זיין דאָס שאַפן. איר האָט דאָ זאַכן פונם עקסטן רעאַליזם ביז דעם טיפסטן מיסטיציזם. מיר האָבן געגעבן אַן אָרט פאַר יעדן עכטן קינסטלערישן אויסדרוק. מיר האָבן נאָר איינס געפאָדערט: גייסט, עכטקייט און שיינע פאָרם.

מיר, דאָס רעדאַקציע קאָלעגיום, האָבן איבערגעגעבן צום דרוק דאָס בעסטע פון דעם, וואָס די חברים האָבן געשטעלט צו אונדזער דיספּאָזיציע. מיר זענען זיך באַוואוסט, אַז דער אַלמאַנאַך איז דאָך נישט דער מאַקסימום פון וואַרשעווער ליטעראַרישער קראַפט. מיר באַטראַכטן דעם אַלמאַנאַך נאָר אַלס התחלה. ערשט דער אָפּרוף פון אַלע יענע, וואָס זענען מיט וואַרשע לויט זייער גאַנצער ליטעראַרישער יוגנט פאַרבונדן, וועט אונדז געבן די מעגלעכקייט אָנצוקצושטעלן דעם אַלמאַנאַך אויף יענער הויך, אויף וועלכער דער

וואַרשעווער יידישער ליטעראַרישער אַלמאַנאַך דאַרף שטיין.

# II

## דער צוזאמענשטעל פון אונדזער אלמאנאך

דער „ווארשעווער אַלמאַנאַך״ איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דער „בעלעטריסטן־פאַרייניקונג״ באַם פאַריין פון יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן, אין וועלכער ס׳זענען אָרגאַניזירט כמעט אַלע יידישע בעלטריסטן, וואָס געפינען זיך אין וואַרשע, און אויך חברים, וואָס האָבן פריִער דאָ געוואוינט. אויף אַ פלענאַרער זיצונג פון דער פאַריי־ניקונג (זי איז געוואָרן געגרינדעט אין אָנהייב יאָר 1923) איז געוואָרן אויסגעקליבן אַ פאַרוואַלטונג און איר איז אויך איבערגעגעבן געוואָרן די אויפגאַבע צוזאַמענצושטעלן דעם פאָרליגנדיקן „וואַרשעווער אַלמאַנאַך״.

נעמנדיק אין אַכט די הייסע קאַמפּשטימונגען, וואָס באַהערשן איצט די נייע יידישע ליטע־ראַטור האָט די רעדאַקציע־קאָלעגיע זיך באַמיט פאַרוואַנדלען דעם אַלמאַנאַך אין אַ זאַמלבוך וועמעס ציל איז אויסשליסלעך צו פירן צום ליכט דעם אמתן שיינעם יידישן וואָרט·

„אַלע וועגן פירן קיין מעקקאַ...״

*

די רעדאַקציע־קאָלעגיע האָט איינגעלאַדן צו מיטאַרבעט אין ערשטער רייע אַלע אירע מיטגלידער — סיי די וואָס געפינען זיך אין וואַרשע, סיי די וואָס געפינען זיך אין אויסלאַנד און דער גרעסטער טייל פון די איינגעלאַדענע האָט זיך אָפּגערופן. אין „אַל־מאַנאַך״ זענען פאַרטרעטן 25 מחברים.

עס איז אויך אָפּגעדרוקט געוואָרן אַן עפנטלעכע איינלאַדונג אין דער פּרעסע. די פעולה איז געווען אַ באַרג מאַנוסקריפּטן פון אומבאַקאַנטע אָנפאַנגער. אַלע צוגעשיקטע כתבֿ־ידן זענען געוואָרן גענוי געלעזן. אַזוי געפינען זיך אויך צווישן די 25 בעלעטריסטן עטלעכע נייע נעמען. און באַ דעם אויסקלייב פון די נייע האָט די קאָלעגיע זיך גישט גערעכנט מיט דער צופעליקער געלונגענקייט פון די פּאָר שורות. זי האָט אַריינגענומען יענע דיכ־טער וועגן וועלכע זי האָט געוואונען דעם איינדרוק אַז דאָס זענען טאַלענטן מיט אַ צוקונפט, מיט אַן ערנסטער באַציונג צו זייער הייליקן, קומענדיקן באַרוף.

*

כדי אויסצומיידן די אויסטייטשונג אַז די קאָלעגיע באַציט זיך פאַרטייאיש צו דער אָדער יענער ריכטונג אין זאַמלבוך, איז דער סדר פון די זאַכן אַ ריין אויסערלעכער. אַלע אַרבעטן זענען איינגעטיילט געוואָרן אין לידער און אַנדערע ליטעראַרישע פאָרמען. לויט דעם סדר פון דער גרויס און בייטנדיק אַנדערע ליטעראַרישע פאָרמען

מיט לידער איז געוואָרן צוזאַמענגעשטעלט דער אַלמאַנאַך. צום סוף איז אַריינגעקומען די גרעסטע דערציילונג.
דער סדר איז אַ ריין עסטעטיש־אויסערלעכער.

*

מיר האָבן אין דעם פאָרליגנדן אַלמאַנאַך געגעבן אויסשליסלעך בעלעטריסטישע ווערק — ווייל דוקא די בעלעטריסטיק האָט נישט אין וואַרשע קיין פּאַסנדע אייגענע טריבונע אין דער צייט וואָס פאַר ליטעראַריש־קריטישע אַרטיקלען שטייען אָפן סיי די טאָג־צייטונגען סיי ספּעציעלע זשורנאַלן.

*

צום סוף געפינען מיר פאַר נויטיק אויסדריקן אַ דאַנק דער „יידישער וועלטהילפסקאָנפערענץ״ אין פּאַריז — וואָס האָט אונדז געגעבן די מאַטעריעלע מעגלעכקייט צו העלפן אַ סך נויטבאַדערפטיקע חברים־ליטעראַטן און אויך אַרויסצוגעבן דעם פאָרליגנדיקן אַלמאַנאַך.